This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

5 1971

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

עלפטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

מ״ 5

1971

БИБЛИОТЕКА
Дома еврейской книги
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

דאַוויד דראַגונסקי. מענטשן אַף דער מילכאָמע (דאָקומענטאַלע דערציילונג. פאַרזעצונג) 3
כאַיִם מאַלטינסקי. איך טרוי דיר אָן מײַן וועלט (לידער) . 57
איליאַ קאַמענקאָוויטש. די נאַכט פון ווײנענדיקע קינדער (אויסצוגן פון בוך. פאָרוואָרט פון מייער יעלין) 61
מאָטל טאַלאַלײַעווסקי. מיר, די געפּרוווטע. — מײַן גרינער פרענטש און אנד. לידער 69
הערשל פּאָליאַנקער. ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ה. אינגער 72
מאָטל גרוביאַן. קינדהײַט. — עדגאַר פּאָ און אנד. לידער . 108
ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער. פּעליעסיען מאַרסאָ (פראַנקרײַך). אַ וווּנדערלעכע אַרבעט; רעפיק כאַליד (טערקײַ). טרערן (דערציילונגען) 110
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. וואָס הערט זיך אין די ליטעראַטורן פון אויסלאַנד 117
מאָטל שטורמאַן. מײַן מויער און אנד. לידער 121
אוורהאָם קאַצעוו. מעשאָלים 122

טריבונע פון לעבן

אַרן ווערגעליס. בריוו פון מײַרעוו־אײראָפּע, יאַנוואַר — מאַרט 1971 (פאָרזעצונג) 123

אַף היסטאָרישע טעמעס. הילעל אַלעקסאַנדראָוו. רוסלאַנד — אונדזער היימלאַנד 132
זיכרוינעס. מ. שאַך־אַנין. אַף מײַן לעבנס־וועג 137

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

ייִסראָעל סערעבריאַני. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע 145
כאַיִם מעלאַמוד. די שטעטלעך פון אונדזערע הייליקײַטן . 152
ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאַדימיר אָגניעוו. דער זיקאָרן פון קריג 162
פרידע ראַסקין. דער קינסטלער מענדל גאָרשמאַן . . . 167
אונדזערע מיטיילונגען. לייבווילסקער. נײַע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד; ביניאָמין גאָראָדעצקי. דאָס איז קונסט 170
עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן 176

מיר ענטפערן אַף פראַגעס פון אונדזערע לייענער

נ. ריכטער. פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם און בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם 177
רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראַט פון 22 נאָיאַבער 1967 יאָר . 180

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 181
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" 182
פאַרשיידנס 184
כראָניק 107, 114, 169, 186
נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 187
לאָמיר זינגען נײַע לידער. אַן אַלטע ליד. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי 188
פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו 190
מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראַוויטש,

אי. באַרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פריי, י. ראַבין, ר. רובין.

דאַוויד דראַגונסקי

צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד,
גענעראַל־פּאָלקאָווניק

מענטשן אויף דער מלחמה

דאָקומענטאַלע דערציילונג

אין אינוואַלידן־הויז

אונדזער אינוואַלידן־הויז געפינט זיך אין א שיינעם גרינעם פּאַרק. באַם פענצטער פון מײַן צימער הענגען גרויסע דופּטיקע צווײַגן מיט בעז.

נאָך גאָר ניט אזוי לאַנג צוריק האָבן די היטלעריסטן דאָ, אין זשעלעזנאָוואָדסק, געזייט טויט — צעשאָסן אומשולדיקע מענטשן, אוועקגעלאָזט מיטן פײַער און פאַרניכטעט פיל סאַנאַטאָריעס און אָפּרו־הײַזער. איצט שטייט אויף די שטאָט פון רויִנעס. די היגע אײַנוווינער, אפילע די קראַנקע און פאַרווונדעטע, העלפן אופשטעלן די צעוואַלגערטע קאָרפּוסן, די מינעראַל־קוואַלן — דאָס לעבן הייבט אָן נאָרמאַל צו פולסירן.

מיר, די פאַרווונדעטע, פילן זיך דאָ, אינעם געבענטשטן קאַנט, ווי אין א גאַניידן. ס'איז נאָך ניט אוועק קיין כוידעש, ווי איך בין געקומען אהער, און איך האָב שוין אָנגעהויבן קומען צו־זיך. די ווונדן האָבן זיך גענומען פאַרציִען, דער רוקנביין האָט זיך קימאַט אויסגעגלײַכט, און די לעבער פאַרשאַפט מיר שוין אויך ניט קיין שטאַרקע ווייטעקן. מיט דער הילף פון מײַן שטעקן קאָן איך זיך שוין דערקלײַבן ביזן באַרג „זשעלעזנאַיאַ“.

מײַנע פראָנט־כאַווײרים שרײַבן מיר אָפט בריוו. דאָס קליינע צעטעלע, וואָס איך האָב באַקומען פונעם פּאָלקאָווניק מערקוריעוו, האָט מיר פאַרשאַפט פיל פרייד. ער שרײַבט: „ריבאַלקאָ האָט מיך אַרויסגערופן און אויסגעפרעגט אַלץ, וואָס מיר איז באַוווּסט וועגן אײַך. ער האָט באַפוילן שיקן אײַך א פּעקל פּראָדוקטן און אומבאַדינגט איבערגעבן זײַנע ווערטער: „איך לאַד אײַך אײַן צוזאַמען פאַרענדיקן די מילכאָמע“.

די דאָזיקע ווערטער זײַנען געווען א באַלזאַם פאַר מײַן האַרץ. זינט כ'האָב באַקומען דאָס צעטעלע, האָב איך ניט אופגעהערט צו טראַכטן, וויִאַזוי א סאָף צו מאַכן צו מײַן זײַן אין זשעלעזנאָוואָדסק און אוועק אפן פראָנט.

מערקוריעווס צעטעלע איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט.

— אײַער גענעראַל ריבאַלקאָ, — האָט דער דאָקטער מילטשעוו געמאַכט דעם אויספיר, — איז ניט קיין ערגערער דאָקטער פון אונדז, ער סטאַרעט זיך, אַז איר זאָלט וואָס גיכער געזונט ווערן.

אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען פּונקט אין יענער צײַט זאָל זיך ניט געווען אָנוואַלגערן אף מיר קיין גרויסע צאָרע.

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 3, 4, 1971.

אין איינעם אַ זומערדיקן אָפּדערנאַכט איז מיך געקומען מעוואַקער־כוילע זײַן מײַן בען־איר פּיאָטער אוסאָוו. ער איז אויך געווען פֿאַרווונדעט און האָט זיך געהיילט אין אַ היגן שפּיטאָל. פּעטיע אוסאָוו איז מײַנער אַ כאַווער פֿון דער קינדהײַט, ער איז שטענדיק געווען אַ זשוואַווער, אַ באַריידעוודיקער. איצט איז ער אָבער געזעסן לעבן מיר אַ פֿאַרומערטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איך האָב גלײַך דערפֿילט, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס פֿון מיר; נאָר ניט איך האָב געפֿרעגט, ניט ער האָט זיך געאײַלט צו דערציילן. מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אויפֿן באַלקאָן און זיך באַזעצט אין די געפֿלאָכטענע שטרויענע שטולן, וואָס זײַנען דאָרט געשטאַנען. גערעדט האָבן מיר וועגן אונדזער דאָרף סוויאַטסק, אין וועלכן מיר זײַנען געבוירן געוואָרן, דערמאָנט זיך אין די יוגנט־יאָרן, אין אונדזער קאָמיוג־קעמערל, אין די טעג פֿון קאָלעקטיוויזאַציע. ווען איך האָב סאָפּקאָלסאָף זיך אײַנגעשטעלט און אַ פֿרעג געטאָן וועגן מײַנע עלטערן, האָבן פֿון פּעטיעס אויגן זיך אַ גאָס געגעבן טרערן.

זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך ניט געהאַט קיין גרוס פֿון טאַטע־מאַמע. הינטער סמאָלענסק איז מיר געלונגען צו שיקן אַהיים עטלעכע טעלעגראַמעס, אין וועלכע כ׳האָב געפֿאָדערט, זיי זאָלן זיך עוואַקוירן, נאָר קיין ענטפֿער האָב איך ניט באַקומען. כ׳האָב זיי אַרומגעזוכט אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָר אָן דערפֿאָלג. אין דער אַדרעס־ביוראָ פֿון אופֿאַ, ווי אויך פֿון סווערדלאָווסק און אַלמאַ־אַטאַ, זײַנען קיין ידיעס וועגן מײַנע עלטערן ניט געווען. נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון בריאַנסק האָב איך געשריבן אַהין, נאָר קיין ענטפֿער פֿון דער אָרטיקער מאַכט ניט באַקומען.

און איצט איז געזעסן לעבן מיר מײַן שול־כאַווער און האָט ניט געקענט פֿויעלן באַ זיך מיר איבערצוגעבן דאָס, וואָס ער האָט געוווּסט. נאָך דעם, ווי אונדזער דאָרף איז באַפֿרײַט געוואָרן, איז פּיאָטער דאָרט געווען און ער האָט געהאַט וואָס מיר צו דערציילן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן.

— איך קאָן מער ניט שווײַגן, — האָט פּיאָטער זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, — שטאַרק זיך, דאַוויד, כ׳האָב אַלץ געוואָלט אויסבאַהאַלטן פֿון דיר, נאָר איך קאָן שוין ניט. קיינעם האָבן די פֿאַשיסטן ניט פֿאַרפֿעלט — זיי האָבן צעשאָסן דײַן טאַטן, סאָניען מיט די קינדער, אַניען, זיי האָבן אַפֿילע ניט געשוינט דעם זיידן מיט דער באָבען. צוזאַמען מיט זיי איז אומגעקומען מײַן ברודער וואַניע און אויך אונדזער כאַווער גריגאָרי סאַפּאָזשניקאָוו, — פּיאָטער האָט דאָס אַלץ אויסגעשריגן אין איין אָטעם און אַן אויסגעשעפּטער געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אינמיטן צימער.

וועגן גוירל פֿון מײַנע אייגענע און נאָענטע האָב איך זיך פֿון לאַנג אָנגעשטויסן — איך האָב שוין געזען דעם באַבי יאַר אין קיִעוו, טליִעס און אַן אַ שיר קוואָרים...

ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז דער מענטש איז שטאַרקער פֿון אײַזן. פֿונוואַנען האָבן זיך עס גענומען צו מיר קויכעס אָפּ איבערצוטראָגן אַלץ? אין די נעכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאַכט, די געדאַנקען האָבן מיר געלעכערט דעם מויעך.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער שאַרפֿער ווייטעק איז אַ ביסל צוגעטעמפּט געוואָרן, בין איך אַוועק צו מײַן קינדער־פֿרײַנט. אוסאָוו האָט מיר דערציילט, אַז די שכיטע איז געשען דעם 25 יאַנוואַר 1942. צווישן די אומגעקומענע זײַנען געווען פֿיר און זיבעציק מענטשן בלויז פֿון דער מישפּאָכע דראַגונסקי. אין אונדזער דאָרף האָט מען אונדז, די דראַגונסקיס, גערופֿן די דינאַסטיע פֿון דוירעסדיקע שנײַדערס.

ביז דער רעוואָליוציע זײַנען מײַנע עלטערן געווען גרויסע אָרעמעלײַט. דער טאַטע איז אַרומגעפֿאָרן מיט זײַן ברויטגעבערן — מיט דער ניי־מאַשין פֿון דאָרף צו דאָרף, געאַרבעט צו אַכצן־צוואַנציק שאָ אין מעסלעס, קעדיי ווי־עס־איז אָנהאָדעווען די מישפּאָכע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוועלף מענטשן.

אונדזער דאָרף ליגט אָפּ דער גרענעץ פֿון דרײַ סאָוועטישע רעפּובליקן — אַ קילאָמעטער פֿון אונדז הייבט זיך אָן ווײַסרוסלאַנד. די ווײַסרוסישע דערפֿער זאַקרוזשיע, גוטאַ, גראָמיקאָ גרייכן אונדזערע קאָלווירטישע פֿעלדער. ניט מער ווי אַ צענדליק קילאָמעטער טיילט אונדז אָפּ פֿון טשערניגאָוושטשינע. אין סוויאַטסק האָבן פֿון ווייסעד־ווען אָן געלעבט רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן און ייִדן. דוירעסלאַנג זײַנען אונדזערע זיידעס און עלטערזיידעס געווען שכיינים און געאַכטעט איינס דאָס אַנדערע.

דער קאָלווירט „אינטערנאַציאָנאַל“, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן באַ אונדז אין דאָרף, האָט אונדז אַלעמען פֿאַראייניקט. דאָס קאָמיוגישע קעמערל, די שול, די פּיאָנערישע אָרגאַניזאַציע האָט אַלעמען פֿאַרברידערט.

פֿאַר דער מילכאָמע זײַנען פֿיל סוויאַטסקער טוישווים פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן

געוואָרן קרויווים צווישן זיך. ניט נאָר דער קאָלווירט איז געווען אינטערנאַציאָנאַלער, נאָר אויך פיל מישפּאָכעס.

ערעוו דער מילכאָמע זײַנען מיר, פיר ברידער, זיך צונויפגעפאָרן אהיים קיין סוויאַטסק פײַערן דעם ערשטן מײַ: איך, וואָס האָב זיך שוין דעמלט געלערנט אין דער אקאַדעמיע אָף פּרונזעס נאָמען, דער יינגסטער צווישן אונדז — א קורסאַנט פון א טאַנקען־שול, דער מיטל־סטער ברודער — א סטודענט פונעם מאָסקווער אינסטיטוט פאַר כימישער מאַשינבויונג, און דער עלטערער ברודער, וואָס האָט געאַרבעט אין מאָסקווע.

אלע האָבן מיר געפילט, אז עס רוקט זיך אָן א שווערע צײַט. מײַן מוטער, ווי אלע מוטערס פון דער וועלט, וואָס פילן באַזונדערס שאַרף, ווען עס דראָעט א געפאַר זייערע קינדער, האָט קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. זי האָט פאַר יעדערן פון אונדז געהאַט באַזונדערס צאַרטע ווערטער. מיט אירע מילדע שיינע אויגן איז זי מאַמעש ארײַנגעדרונגען אין דער נעשאָמע. אַרויסבאַגלייט האָט זי אונדז א שטילע, א פאַרזאָרגטע. ווי‌ַזט אויס, איר האַרץ האָט געפילט, אז אָט־אָט וועט עפּעס שלעכטס געשען.

מיך האָט די גאַנצע צײַט געוווּנדערט, ווי שטאַרק די מאַמע אונדזערע האַלט זיך. אין אירע אויגן איז ניט געווען צו זען קיין טרער. בײַסן געזעגענען זיך האָט זי אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן געטרײַ דינען דעם היימלאַנד און קיינמאָל זי מיט גאָרנישט ניט שטעלן צו שאַנד.

מיר, אלע פיר זין אירע, זײַנען אוועק אַפן פראָנט. הינטער סטאַלינגראַד זײַנען אומגעקו־מען מײַנע יינגערע ברידער.

און אָט זיץ איך איצט מיט אוסאָוון, הער זיך אײַן אין זײַנע רייד, און עס לייגט זיך ניט אפן זינען, אז אַזעלכס האָט געקאָנט געשען. „מיט וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט, — פרעג איך בא זיך אליין, — אָט די פּראָסטע מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן זיך געמיט? די דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן דאָך אויך עלטערן, שוועסטער און ברידער, ווײַבער און קינדער. שוין זשע האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין בלוטדאָרשטיקע כײַעס?"

מיט ווייטעק אין האַרצן דערמאָן איך מײַנע צווי ברידער. זיי זײַנען געפאַלן אין שלאַכט מיט געווער אין די הענט, ווי עס פּאַסט פאַר סאָלדאַטן, און איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען שאַ־לעם מאַכן מיטן געדאַנק, אז יענע, וואָס האָבן אויסגעקוילעט קליינע קינדער, אומבאַהאָלפענע זקיינים און פרויען, גייען אַרום איבער דער וועלט צווישן מענטשן. די דאָזיקע הענקער וועל איך ניט מויכל זײַן, זיי וועט ניט מויכל זײַן דאָס סאָוועטישע פאָלק, די אָרנטלעכע דײַטשן וועלן זיי דאָס ניט פאַרגעבן.

ניט הערנדיק די שטים, האָט אוסאָוו פאַרגעזעצט דערציילן. פון אים האָב איך זיך דער־וווּסט, אז פינף כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָבן די שכיינים אויסבאַהאַלטן מײַן מאַמען. אָנהייב פעוור־ראַל איז זי ארײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט. זיי האָבן זי שטאַרק געשלאָגן און דערנאָך אַרויסגעפירט אַפן דאָרף־פּלאַץ. עס זײַנען דעמלט געשטאַנען שטאַרקע פרעסט, דער שניי איז געלעגן העכער די פענצטער. די מערדער האָבן צונויפגעטריבן די דאָרפסלײַט און פאַר אלעמען אין די אויגן געפרווּווט צווינגען מײַן מאַמע צונויפקלײַבן אַפן שניי די ברעקלעך, וואָס זיי האָבן לעבן איר צעשאָטן. מײַן מאַמע איז געשטאַנען אָן א שאַלעכל, דער ווינט האָט צעפּאַטלט אירע גראָווע האָר, נאָר זי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. געקוקט דעם פרעכן געסטאַפּאָוועץ אין פּאָנעם און מיט ווירדע געענטפערט אָף זײַנע פראַגן.

— וויפל האָסטו זין?

— מיליאָנען, — האָט זי שטאָלץ געענטפערט, — אלע קינדער פון אלע מאַמעס — זײַנען מײַנע קינדער.

— ווו זײַנען דײַנע זין?

— זיי קעמפן קעגן אײַך, פאַשיסטישע אויסוואורפן.

דער געסטאַפּאָוועץ האָט זיך ניט געריכט צו דערהערן אַזעלכע אַזעסדיקע ווערטער פון אָט דער קליינינקער קראַנקער יידישער פרוי. זײַן קאָל האָט אַזש געגומען ציטערן.

— אויב דו וועסט פאַרשעלטן דײַנע זין, — האָט ער געשריגן, — וועל איך דיך לאָזן לעבן.

די מאַמע האָט נאָך העכער פאַרהויבן איר קאָפּ, אײַנגעזעטעמט אין זיך די פראָסטיקע לופט און אויסגעשריגן אזוי, אז אלע, וואָס זײַנען געשטאַנען אַפן פּלאַץ, זאָלן הערן:

— איך גרויס זיך מיט מײַנע זין, איך בענטש זיי און אלע זין פון רוסלאַנד, וואָס וועלן אײַך, פאַשיסטישע כײַעס, פאַרניכטן.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אלע זײַטן און פאַרגעזעצט:

— גוטע מענטשן, גיט איבער מײַנע קינדער, אז זיי זאָלן זיך אָפּרעכענען פאַר אונדז.

א קויל האָט איבערגעריסן איר אויסגעשריי און איר לעבן.

ניט די טײַנעס פֿון די דאָקטוירים, ניט די װוּנדן, װאָס זײַנען נאָך ניט אײַנגאַנצן פֿאַרהײלט געװאָרן, האָבן ניט געקאָנט מיך צװינגען זיך אָפּזאָגן פֿונעם באַשלוס, װאָס כ'האָב געהאַט אָנגענומען, — װאָס גיכער זיך אומקערן אױפֿן פֿראָנט.

װידער אין די קאַמפֿס־רײען

אַדהײַנטיקע איך ניט, װער ס'האָט איבערגעגעבן מײַנע פֿרײַנט פֿונעם כאַרקאָװער שפּיטאָל, אַז איך בין אַרױסגעפֿאָרן פֿון זשעלעזנאָװאָדסק. אױפֿן כאַרקאָװער װאָקזאַל האָבן מיך באַגעגנט עטלעכע דאָקטוירים. זײ האָבן מיך אַרײַנגערוקט אין אַ סאַניטאַר־מאַשין און אַפֿילו ניט געװאָלט הערן װעגן דעם, אַז איך אײַל זיך. די מאַשין האָט אונדז געפֿירט איבער אומבאַקאַנטע געסלעך, ביז זי איז ניט אַרױסגעקומען אױפֿן „קאַלטן" באַרג, אױף רודאַקאָװער גאַס, און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַן אוקראַיִניש װײַס שטיבל, װאָס איז געדעקט געװען מיט רױטער טשערעפּיצע. אינעם סעדל אַרום דעם הױז זײַנען געװאַקסן עפּלבײמער, קוסטעס װײַנפּערלעך און אַגרעסן, װעלכע האָבן זיך געדראַפּעט מיט די צװײַגלעך אױפֿן אױסגעקרימטן פּלױט. דאָ האָט געלעבט דער דאָקטער קוד, און דאָ האָבן אױף מיר געװאַרט מײַנע כאַרקאָװער פֿרײַנט, די דאָקטוירים קוגעל, באַראַבאַש און מײַנע בעמעס באַרעמהאַרציקע מעדיצינישע שװעסטער.

די אוקראַיִנישע כאַטע, דאָס געמיטלעכע סעדל האָבן מיר דערמאָנט אין מײַן אײגן דאָרף, אין מײַן אײגענעם קאַנט. פֿון שטוב דערטראָגט זיך אַ געקלאַנג פֿון געפֿעס, אַ שטיל געלעכטער פֿון אַ פֿרױ — גאָט מײַנער, װי אַלץ איז ענלעך אױף דעם, װאָס לעבט אין מײַן זיקאָרן נאָך פֿון דער קינדהײַט!

די מעדיצינישע שװעסטער װאַליאַ איז אַרױסגעלאָפֿן מיר אַנטקעגן און מיך אַרײַנגעפֿירט אין שטוב.

באַם טיש האָט קאָמאַנדעװעט דער „גאַטשמעד" פֿונעם שפּיטאָל קוגעל. ער איז, דעם עמעס געזאָגט, ניט געװען קײן אױסגעשפּילטער טאַמאַדאַ, אָבער זײַנע װינטשעװאַניעס זײַנען געקומען פֿונעם טיפֿן האַרצן.

— איך װעל ניט זאָגן אונדזער פֿרײַנט, — האָט ער אױפֿגעהױבן זײַן גלאָז, — צום װידערזען: דאָס װאָלט זיך באַ אים אַסאָציִירט מיט כירורגישע קאַבינעטן, מיט שפּיטאָל־פּאַלאַטעס און אַנדערע ענלעכע זאַכן. פֿאַר אים װעט זײַן איבערגענוג, װאָס מיר האָבן צװײ מאָל אים שױן געהאַלטן אין אונדזערע לאַפּעס. איך װעל אים װינטשן נאָר אײן זאַך — געזונט, און אונדז אַלעמען — אַ גיכן ענדגילטיקן זיג איבערן סױנע.

לעבן מיר האָט די גאַנצע צײַט געפּאַטיעט דעם דאָקטערס מוטער. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעפֿרעגט, צי געפֿעלן מיר די מײַכאָלים. געכאַפּט אַ גינסטיקן מאָמענט, האָב איך געבעטן די באַלעבאָסטע, זי זאָל מיר געבן צו פֿאַרשטײן, לעקאָװעד װעמען האָט זי עס אײַנגעאָרדנט אַזאַ סודע.

— װאָס הײסט? דער זון האָט מיך געבעטן, ער איז אַלײן געלאָפֿן אױפֿן מאַרק, אַלץ אײַנגעקױפֿט און מיר טױזנט מאָל אָנגעזאָגט, אַז אַלץ זאָל זײַן געמאַכט אױף אַ הײמישן אױפֿן.

— ניקאָלײַ טײַערער, — האָב איך אַרומגענומען קודן, — דאָס האָסטו צוליב מיר אַלץ געמאַכט?

דער אָרדינאַטאָר האָט אַ באַרױגעזן קוק געטאָן אױף מיר.

— איך האָב דאָך צוגעגרײט דעם הײַנטיקן מיטיק פּינקטלעך לױט אײַער באַשטעלונג.

— דאָס האָב איך, לאָזט זיך אױס, באַשטעלט?

— יאָ, נאָך פֿאַראַיאָרן. איר האָט זיך אַנומלטן פֿאַרקלאָגט פֿאַר מיר, אַז איר האָט שױן פֿאַרגעסן, װאָס הײסט אַזױנס הײמישע געמיטלעכקײַט, אַז אַלעמאָל גײט איר אַװעק אױפֿן פֿראָנט ניט פֿון דער הײם, נאָר פֿון אַ שפּיטאָל־פּאַלאַטע. „באַ מיר, — האָט איר געזאָגט, — דרײט זיך דאָס רעדעלע פּראָסט און פּאַשעט: פֿראָנט — שפּיטאָל, שפּיטאָל — פֿראָנט". האָבן מיר באַשלאָסן אײַך באַגעגענען, װי עס קומט אַ פֿאַרדינסטפֿולן װעטעראַן פֿון אונדזער שפּיטאָל.

איך בין אױפֿגעשטאַנען פֿון אָרט און צוגעדריקט די אַלטינקע מאַמע צום האַרצן. דעם דאָקטערס מוטער האָט קױם אײַנגעהאַלטן די טרערן. זי האָט מיך אַרומגענומען, װי אַן אײגענעם זון.

די דאָזיקע קלײנינקע פֿרױ איז אױסגעשטאַנען פֿיל צאָרעס. זינט די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבן, האָט זי קײן שום ידיִעס ניט באַקומען פֿונעם מאַן — אַװעק אױפֿן פֿראָנט, און װי אין װאַסער אַרײַן. צװײ אירע זין זײַנען געפֿאַלן אין די שלאַכטן.

אין עטלעכע שאָ ארום, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, איז די אַלטינקע געשטאַנען בא דער פאָרטקע פון איר סעדל און ניט אופגעהערט איבערצוכאַזערן:

— א גליקלעכן וועג דיר, מײַן זון, א גליקלעכן וועג...

פאר אַלע יאָרן פון דער מילכאָמע בין איך דאָס ערשטע מאָל געפאָרן מיט א פּאַסאַזשיר־צוג. עמעס, געגאַנגען איז ער ניט לויטן גראַפיק, נאָר דאָך האָט אָפּן אַנדערן מעסלעס אין די וואַגאָן־פענצטער זיך באוויזן דאַרניצע.

מיטן רוקזעקל אפן אַקסל שפּאַן איך ארום איבערן צערויִנירטן קרעשטשאַטיק.

ווי די מורעשקעס מיִען זיך די קיִעווער טוישווים אף די גאַסן פון זייער באַליבטער שטאָט. ציגל צו ציגל לייגן זיי צונויף פון די רויִנירטע הײַזער. מע רײַסט אוף די טרעפּ, וואָס הענגען אינדערלופטן און קענען יעדער מינוט אראָפּפאַלן.

אין סוויאַטאָשינאָ האָט א יונגער שאָפער מיך ארופגענומען אף זײַן מאַשין און דערפירט ביז בערדיטשעוו. דאָ האָב איך גלײַך דערשפּירט, אז איך געפין זיך ניט ווײַט פונעם פראָנט. אף די ראָגן פון די וועגן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן פאַרשיידנקאָלירקע וועג־צייכנס, וועלכע האָבן אָנגעוויזן, ווו עס געפינען זיך קאָלערלײַ באזעס, לאַגערן, שפּיטאָלן. איבער די וועגן האָבן זיך געטראָגן מאַשינעס מיט ברענשטאָף, שפּײַז־פּראָדוקטן, מעדיקאַמענטן — זיי האָבן אַלע געײַלט צו זייערע קאָרפּוסן, דיוויזיעס, פּאָלקן.

ערשט שפּעט באנאַכט האָב איך זיך דערקלײַבן צו ראָמאַנאָווקא, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב פון דער 3־טער טאַנקען־אַרמיי.

דער פּאַטרול האָט באַלויכטן מיט זײַן לאַמטערנדל מײַנע דאָקומענטן און לאַנג אַרײַנגע־קוקט אין זיי. דערנאָך האָט ער מיך אָפּגעפירט אין א שטיבל, ווו עס האָט זיך געפונען דער קאַדרען־אָפּטייל. די אָפיצערן פון דעם דאָזיקן אָפּטייל האָבן מיך פאַרשאָטן מיט א האָגל פון פראַגן. סאַפּקאָלסאָף האָט דער פּאָלקאָווניק מערקוריעוו זיך געכאַפּט, גענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אָנגעהויבן קלינגען צום קאָמאַנדאַרם. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, מיך באַטראַכט פון אויבן ביז אראָפּ און א פרעג געטאָן:

— קיין אַנדער אוניפאָרם האָט איר ניט? — ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: וואָס ס׳וועט זײַן, וועט זײַן, און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, — קומט, ריבאַלקאָ וואַרט אף אײַך.

דורך פינצטערע שטילע געסעלעך האָבן מיר זיך דערקלײַבן צום עק פונעם דאָרף, ווו ס׳האָט אין דער טיף פון א סאָד זיך געפונען די הײַזקע פונעם קאָמאַנדאַרם. אינעם ערשטן טונקעלן צימער האָבן באַלעבאַטעוועט ריבאַלקאָס אַדיוטאַנטן, דאָ האָב איך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל מײַן שטעקן און צוזאַמען מיט מערקוריעוון אַריבערגעטראָטן די שוועל פון א גרויסן העל־באַלויכטענעם צימער.

באַם טיש זײַנען געזעסן עטלעכע גענעראַלן. איך האָב זיך אופגעשטעלט און שוין גרייט געווען לויט אַלע קלאָלים אָפּראַפּאָרטירן, אז איך בין געקומען...

— גוט, גוט, איך ווייס, אז אין שפּיטאָל האָט איר געהאַט צײַט זיך טרענירן, וויאַזוי אָפּצו־געבן א ראַפּאָרט.

לעבן מיר איז געשטאַנען דער זעלבער ריבאַלקאָ — א געזעצטער, א פעסטער, מיט אַן אַקוראַט אָפּגעגאָלטן קאָפּ. ער האָט מיט זײַנע גרויע קלוגע אויגן א ווײַלע געקוקט אף מיר און געשמייכלט, דערנאָך מיך אַרומגענומען, א פּאָר מאָל א קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע, גע־מאַכט א שפּאַן אף צוריק און מיך ווידער באַטראַכט.

— נו, ברודערקע, וועלן מיר נאָך א וואָיעווע טאָן!

— אומבאַדינגט, כאַווער קאָמאַנדאַרם!

— איך קלער אויך אַזוי.

ריבאַלקאָ האָט מיך צוגעפירט צום טיש, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט באַ־דויערונג:

— יאָ, לאַנג זײַט איר געלעגן אין שפּיטאָל. און ווי פילט איר זיך איצט, די וווּנדן באַום־רויִקן שטאַרק?

— מע האָט מיך ניט שלעכט פאַרשטאָפּעט, איך קלער, אז ביזן סאָף פון דער מילכאָמע וועל איך אויסהאַלטן.

דער שמועס אונדזערער האָט נאָך א צײַט זיך געדרייט ארום שפּיטאָל, ארום באַקאַנטע אָפיצערן. די גענעראַלן, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען, האָבן מיר פאַרגעבן פיל פראַגן וועגן לעבן פון די מענטשן אין הינטערלאַנד.

מע האָט דערלאַנגט וועטשערע, אפן טיש האָט זיך באַוויזן אַ פּלעשל בראַנפן. ריבאַלקאָ האָט אַלעמען אָנגעגאָסן פולע גלעזלעך און פאַר זיך — אַ גלאָז מילך. מיר האָבן שוין גע־ווּסט, אַז צוליבן געזונט־צושטאַנד נעמט ער דעם ביטערן טראָפּן ניט אין מויל אַרײַן.

— לאָמיר אויסטרינקען פאַרן קאָמבריג, — האָט ער געזאָגט, — וואָס האָט זיך אומגע־קערט צו אונדז, לאָמיר אים ווינטשן געזונט און דערפאָלג.

— איך פאַרייניק זיך צום ווונטש פון ריבאַלקאָ, — האָט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט דער גענעראַל מעלניקאָוו, — אָבער איך וועל אויסטרינקען פאַרן פּאָלקאָווניק דראַגונסקין ניט קיין מילך, נאָר בראַנפן.

איך האָב צוגעטראָגן דאָס גלעזל צו די ליפּן און עס צוריק אַוועקגעשטעלט אפן טיש. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט...

— כ'מוז שאַנעווען די לעבער, כאָווער קאָמאַנדאַרם, — האָב איך זיך פאַרענטפערט.

ריבאַלקאָ האָט אַ שמייכל געטאָן.

— נו, ברידערלעך מײַנע, עס קומען אום די בעסטע מענטשן!

— שטעלט זיך פאָר, כאָווער קאָמאַנדיר, אַז כ'האָב שוין דעם זיבעטן כוידעש ניט באַ־נעצט די ליפּן מיט קיין טראָפּן ווײַן.

— נו, און דו האַלטסט אויס? — האָט דער גענעראַל זיך אַלץ דערקונדיקט.

— נישקאָשע, כ'לעב דערווײַל.

פאַרענדיקט מיט דער וועטשערע, האָט ריבאַלקאָ אַ זאָג געטאָן:

— איך מיין, אַז איר וועט ניט דערווידערן, אויב מיר וועלן אײַך באַשטימען אַלס קאָמאַנ־דיר פון דער 91־טער אַרמיישער טאַנקען־בריגאַדע, אַנשטאָט יאַקובאָווסקין.

דער פאָרשלאָג פונעם קאָמאַנדאַרם איז געווען פאַר מיר אומדערוואַרט. די גאַנצע צײַט פון מײַן קראַנקהייט האָב איך געקלערט וועגן אומקערן זיך אין מײַן בריגאַדע, צו מײַנע טאַנקיסטן, און איצט לאָזט זיך גאָר אויס... איך בין אופגעשטאַנען פון אָרט און עפּעס ניט מיט מײַן קאָל געענטפערט:

— איך וואָלט וועלן זיך אומקערן אין מײַן בריגאַדע...

אין געשפּרעך האָט זיך אַרײַנגעמישט דער שעף פונעם אַרמיי־שטאַב דמיטרי דמיטריִע־וויטש באַכמעטיעוו:

— איך האָב אויך געקלערט, ווי דער כאָווער ריבאַלקאָ. די 91־טע בריגאַדע וואַרפט זיך אונטער דירעקט דער אַרמיי־אָנפירונג, און אַהין דאַרף מען שיקן אַ געניטן קאָמאַנדיר. איך מיין, אַז דראַגונסקי איז אַ פּאַסיקע קאַנדידאַטור.

— מיר ווילט זיך זייער אין מײַן בריגאַדע, — האָב איך פּאַראַקשנט איבערגעכאַזערט, — כ'האָב צוגעזאָגט די טאַנקיסטן זיך אומקערן צו זיי, צוגעזאָגט אַ מענטשן, וואָס איז שוין ניטאָ צווישן אונדז.

מעלניקאָוו איז צוגעגאַנגען צו ריבאַלקאָן און זיך אײַנגעשטעלט פאַר מיר.

— פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר איבערשפּילן די שפּיל און אים שיקן אין זײַן 55־טער בריגאַדע. מע וואַרט דאָרט אף אים.

ריבאַלקאָ האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל און געבעטן, מע זאָל אים פאַרייניקן מיט מאָסקווע — מיטן קאָמאַנדיר פונעם טאַנקען־מיליטער פעדאָרענקאָן.

— יאַקאָוו ניקאָלײַעוויטש, צו מיר האָט זיך אומגעקערט פונעם שפּיטאָל דער פּאָלקאָווניק דראַגונסקי, דער געוועזענער קאָמאַנדיר פון דער 55־טער בריגאַדע. איך האָב אים פאָרגעלייגט אַן אַרמייִשע בריגאַדע — זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ.

פונעם אַפּאַראַט האָט זיך דערהערט פעדאָרענקאָס קאָל:

— גיב אים איבער, ער זאָל ניט דרייען קיין מויעך, אַ בריגאַדע איז ניט קיין קאַלע, וואָס מע קלײַבט זי אויס.

ריבאַלקאָ האָט זיך צעשמייכלט און אָנגעוויזן מיטן פינגער אפן אַפּאַראַט. אַלע האָבן גע־ווּסט, אַז פעדאָרענקאָ שעמט זיך ניט, און אַז מע דאַרף, קאָן ער אַרײַנזאָגן אַ זאַפטיק און אַ שאַרף וואָרט, כאָטש געווען איז ער אַ מענטש מיט אַ גוטער נעשאָמע און דערצו אַ גרויסער כאָכעם.

— יאַקאָוו ניקאָלײַעוויטש, איך רעכן, אַז דראַגונסקי איז גערעכט, — ריבאַלקאָ האָט שווער אָפּגעעטעמט. — וואָס איך לייג פאָר, פרעגט איר? איך לייג פאָר די אַרמייִשע בריגאַדע געבן דעם פּאָלקאָווניק טוטישקינען, באַראָדינען — שיקן לערנען, און דראַגונסקין — אף זײַן פריִער־דיק אָרט.

אין טעלעפאָן־טרײַבל האָט זיך אַרײַנגעריסן פעדאָרענקאָס שטים:

— פּאַוועל סעמיאַנאָוויטש, דו האָסט דאָרט אַזוי פּאַרדרייט, אַז אָן די „קאַדרען” וועל איך זיך שוין ניט פּאַנאַנדערקלײַבן. יעדנפֿאַלס וועל איך דײַן מיינונג נעמען אין אַכט. אינדערפֿרי ווּעסטו באַקומען אַן ענטפֿער.

עטלעכע שאָ געשמאַקער שלאָף, בריִנדיק־קאַלטע וואַסער, אַ שטאַרקע גלאָז שוואַרצע טיי, און דעריקער די העלע שטראַלן פֿון דער פֿרימאָרגנדיקער זון האָבן מיך אָנגעלאָדן מיט מונ־טערקײַט און געשאַפֿן אַ פֿריידיקע שטימונג.

אַפֿן טיש, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ שלאַנקן טאָפּאָל לעבן דער שטוב, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער קאָמאַנדאַרם, איז אויסגעשפּרייט געווען אַ גרויסע קאַרטע, אין וועלכער ס'האָט אַרײַנגעקוקט דער שעף פֿונעם אָפּעראַטיוון אָפּטייל פֿון דער אַרמיי פּאָלקאָווניק יעריאָמענקאָ. באַנאַנד מיטן הויכוואוקסיקן פּאָלקאָווניק האָט ריבאַלקאָ אויסגעזען קלענער, ווי ער איז געווען אינדערעמעסן.

דער גענעראַל האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל:

— אומזיסט האָט איר זיך באַאומרויִקט. מאָסקווע האָט אײַך באַשטעטיקט אַלס קאָמאַנדיר פֿון דער 55־טער בריגאַדע — אומגעקערט אײַך אָף אײַער אָרט.

— אַ דאַנק, כאַווער קאָמאַנדיר.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, נאָך דער מילכאָמע וועלן מיר מאַכן דעם כעזשבן, און דערווײַל לאָמיר פֿאָרן. איך האָב אָפּגעגעבן אַ פֿאַראָרדענונג, מע זאָל אויסשטעלן די בריגאַדע, איך וועל אײַך פֿאָרשטעלן פֿאַר די טאַנקיסטן און אויך אַ שמועס טאָן מיט באַראָדינען, מיטן איצטיקן קאָ־מאַנדיר פֿון דער 55־טער בריגאַדע. איך פֿיל, אַז ער וועט זיך קעגנשטעלן.

אָף אַ ברייטן וואַלד־וועג, דאָרעמדיקער פֿון טערנאָפּאָל, האָט זיך אויסגעשטעלט די גאַנצע בריגאַדע. דער וואַלד־וועג איז געווען אַ לאַנגער, ווי עס איז איצט אָפּט געווען צו זען אין די וועלדער פֿון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד. די דײַטשן, וואָס האָבן שטאַרק געציטערט פֿאַר די פּאַרטיזאַנער, האָבן אויסגעהאַקט גרויסע שטיקער וואַלד און דאָרט צוגעגרייט פּאָזיציעס, פֿאַריינס האָבן זיי אַרויסגעפֿירט דאָס געהילץ קיין דײַטשלאַנד.

דער פּאָלקאָווניק באָראָדין, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן פֿון דער קאָלאָנע און הילכיק אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע „סמירנאָ”.

אָנשפּאַרנדיק זיך אָף זײַן שטעקן, איז ריבאַלקאָ לאַנגזאַם געגאַנגען לענגויס דעם פֿראָנט פֿון דער בריגאַדע אין דער באַגלייטונג פֿון באָראָדינען. הינטער זיי זײַנען געגאַנגען איך און דער גענעראַל איוואַנאָוו.

אָפּשטעלנדיק זיך לעם יעדער באַטאַליאָן, האָט פּאַוועל סעמיאַנאָוויטש זיך באַגריסט מיט די טאַנקיסטן און געדריקט די האַנט די קאָמבאַטן.

אין דער שערענגע האָב איך באַמערקט מײַנע אַלטע פֿרײַנט איוואַן קאַלעניקאָוו, לעאָנאָוו, אָסאַדטשיך, סאָוועליעוו, ראָיען און אַ סאַך אַנדערע. דאָ איז אויך געווען מײַן אַדיוטאַנט קאָזשע־מיאַקאָוו און דער שאָפֿער פּיאָטער ריקאָוו.

אָ, צוזאַמען מיט די דאָזיקע כעווירע וועל איך מיט פֿאַרגעניגן גיין אונטערפֿירן אַ כעזשבן מיט די פֿאַשיסטן!

באָראָדין האָט אָפּגעגעבן אַ קאָמאַנדע און אויסגעשטעלט די בריגאַדע אַזוי, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ קרײַז, אין צענטער פֿון וועלכן עס זײַנען געבליבן שטיין דער קאָמאַנדאַרם און די, וואָס האָבן אים באַגלייט. אַלע האָבן אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט צו ריבאַלקאָס ווערטער:

— איך האָב אײַך געבראַכט אײַער קאָמאַנדיר. נאָך אַן איבערײַס פֿון זיבן כאָדאָשים נעמט ער ווידער איבער די קאָמאַנדשאַפֿט. אָף אונדז וואַרטן אוקראַיִנע און פּוילן, גאָר אינגיכן וועלן מיר זיי באַפֿרײַען און זיך לאָזן קיין דײַטשלאַנד, קעדיי איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סאָף מאַכן צום פֿאַשיזם. די טאַנקיסטן פֿון אײַער בריגאַדע ווילט זיך מיר ווינטשן גרויסע דערפֿאָלגן...

ווען די ראָטעס זײַנען זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען אין זייערע ערדשטיבלעך, איז ריבאַלקאָ צו־געגאַנגען צו באָראָדינען, וועלכער איז אַ פֿאַרלוירענער געשטאַנען אין אַ זײַט, און אים געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי אײַך זייער גוט, כאַווער באָראָדין, נאָר איר דאַרפֿט מיך אויך ריכטיק פֿאַר־שטיין. דער דאָזיקער מענטש האָט מיט זײַן בריגאַדע געקעמפֿט באַם דניעפּער בייסן באַפֿרײַען קיִעוו, וואַסילקאָוו. איר האָט מינהאַסטאַם אויך געהערט וועגן זײַן רעיד אין הינטערלאַנד פֿון סוינע בײַ פֿאַוואָלאָטש, ביט וויייניק שוועררע טעג האָט ער איבערגעלעבט הינטער פֿאַסטאָוו, — און שוין גאָר שטיל האָט ער פֿאַרגעזעצט: — דאָרט האָט מען אים אַזאַ נערעק געגעבן, אַז ער איז קוים לעבעדיק געבליבן. וואָס זשע קאָן מען מאַכן מיט אים, אַז ער האָט איין טײַנע: „נאָר די 55־טע בריגאַדע”, — ריבאַלקאָ האָט זיך צעשמייכלט, באָראָדינס פּאָנעם האָט זיך אויך אויס־געלײַטערט.

— כאוועך קאָמאַנדיר, — האָט ער געזאָגט, — איך בין צופרידן, וואָס איר האָט באַפרידיקט דראַגונסקיס ביטע. די טאַנקיסטן וואַרטן אַף אים. ער איז דאָך געקומען אין זײַן בריגאַדע, ווו ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, אוואָדע האָט איר געהאַנדלט מענטשלעך.

קאַזשעמיאַקאָוו און ריקאָוו האָבן אַלעמען פאַנאַנדערגעשטופּט און זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר. נאָך דעם, ווי ריבאַלקאָ איז אוועקגעפאָרן און ס'איז דאָ געוואָרן רויִקער, האָב איך געגומען זוכן די קאָמאַנדירן, מיט וועלכע כ'האָב צוזאַמען געקעמפט. צום באַדויערן, זײַנען פיל שוין ניט געווען — אייניקע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן, אַנדערע זײַנען געווען פאַרוווּנדעט און זיך געפונען אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן. ס'איז אומגעקומען דער קאָמבאַט, דער פרייַלעכער שלאַנקער יונג לאַרדקיפּאַנידזע, דער שעף פון בריגאַדע־שטאַב מאַטוויי ערזין.

איך בין אַרומגעגאַנגען מיט דמיטריִעוון איבער די ערדשטיבלעך פון די טאַנקיסטן, אוטאָ־מאַטלער און סאַפּיאָרן. די נײַע קאָמבאַטן און קאָמאַנדירן פון די ראָטעס האָבן מיר ראַפּאָרטירט וועגן דעם צושטאַנד פון זייערע טיילן און אײַנצײַטיק מיט נײַגער געקוקט אַף מיר, זייער נײַעם קאָמאַנדיר.

אַ לענגערע צײַט האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן בײַ די אויסשפּירער און ערשט באַנאַכט אָנגע־טראָפן אין מעדסאַנבאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דערפל בײַם ראַנד פון וואַלד.

די גאַסטפרײַנטלעכע מעדיקער האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז אַ באָד, דערנאָך האָבן מיר מיט די דאָקטוירים געגעסן אָוונטברויט. דער געשפּרעך האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום מעדיצין. דער „נאַטשמעד" פון דער בריגאַדע מאַיאָר באַגוסלאַווסקי האָט מיך אַלץ אויסגעפרעגט וועגן די מע־טאָדן פון היילן די לעבער. איך מוז אָבער אַנערקענען, אַז מײַנע ידיעס אין דעם געביט זײַנען געווען זייער באַגרענעצט, און איך האָב ניט געקאָנט באַפרידיקן באַגוסלאַווסקיס וויסנגיריקייט.

די לעצטע טעג פון יון זײַנען מיר געווען פאַרנומען מיט צוגרייטן זיך צו דעם פאָרשטייענ־דיקן גרויסן אָנגריף. אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט, ווען כ'האָב אַ מידער זיך אומגעקערט פון אונ־דזער פאָדערשטער שורק־ליניע, איז צו מיר אין ערדשטיבל אַרײַנגעקומען דער מאַיאָר באַגוסלאַווו־סקי. זײַן באַזוך איז געווען פאַר מיר אומדערוואַרט, איך בין געווינט געווען זיך באַגעגענען מיט אים בלויז אינדערפרי, ווען ער פלעגט מיר איבערבינדן די ווונדן.

— וואָס האָט אײַך אַראָפּגעבראַכט צו מיר אין אַזאַ צײַט?

באַגוסלאַווסקי האָט מיר דערציילט, אַז עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען געפינט זיך דער פעלד־שפּיטאָל פון דער 60־טער אַרמיי.

— דער שפּיטאָל, ווו מע האָט אײַך געמאַכט די אָפּעראַציע.

— און ווער איז דער כירורג פונעם שפּיטאָל?

— דאַכט זיך, דער מאַיאָר קאָוואַלסקי.

— וואָס זשע שווײַגט איר?! — האָב איך זיך דערפרייט.

— כ'האָב אַליין זיך דערוווּסט ערשט הײַנט.

— לעאָניד קאָנסטאַנטינאָוויטש, מיר וועלן דעם דאָזיקן איניען ניט אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק, אינדערפרי וועלן מיר זיך אַראָפּכאַפּן צו קאָוואַלסקין. איר האָט מיך שטאַרק דערפרייט. איך וויל אומבאַדינגט זיך זען מיטן כירורג און אים נאָכאַמאָל אָפּדאַנקען.

אַף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר זיך אופגעזעצט מיט באַגוסלאַווסקין אין אַ מאַשין און מיט די וואַלד־וועגן זיך געלאָזט צום שפּיטאָל. אַ וועטער איז געשטאַנען אַ גוטער. די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך דורכגעריסן דורך די בלעטער און געבלענדט די אויגן. באַגוסלאַווסקי, וואָס איז געזעסן הינטער מײַן פּלייצע, האָט פון צײַט צו צײַט אַ בורטשע געטאָן: „לינקער", „גלײַך", „לינקער". נאָר אָט איז די מאַשין אַרויס אַף אַ שמאָלן ברוקירטן וועג. אַ וועג־צייכן מיט אַ רויטן קרייץ האָט אונדז אָנגעוויזן אַף אַ צווייִשטאָקיקער שול־געבײַדע, ווו עס האָט זיך געפונען דער שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט מען אונדז אָבער געזאָגט, אַז קאָוואַלסקי איז אַפּן אַעראָדראָם, ער פאַר־נעמט זיך איצט מיט עוואַקויִרן שווער־פאַרוווּנדעטע. אין אַ מינוט צען אַרום זײַנען מיר שוין געווען אַף דער וואַלד־לאָנקע, וועלכע האָט געדינט אַלס אַעראָדראָם פאַר די אַעראָפּלאַנען „פּאָ־2". מיר זײַנען געשטאַנען פונדערווײַטנס און געקוקט אַף די מענטשן אין ווײַסע כאַלאַטן, וועלכע האָבן אַריבערגעטראָגן פאַרוווּנדעטע פון סאַניטאַר־מאַשינעס אין די אַעראָפּלאַנען. ווען דער לעצ־טער „פּאָ־2" האָט זיך אופגעהויבן אין דער לופט, האָב איך באַשלאָסן צוגיין צו קאָוואַלסקין. דער כירורג האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מיר און מיט אַן אָפּיציִעלן טאָן געפרעגט:

— איר דאַרפט צו מיר? איך בין גרייט אײַך דינען.

— איר האָט שוין איין מאָל מיר „געדינט", כאַווער מאַיאָר.

— איך?

ער האָט אופמערקזאַם געקוקט אויף מיר, ווײַזט אויס, זיך געסטאַרעט עפּעס דערמאָנען, נאָר ניט געקאָנט.

— ניין, — האָט ער צעגומען די הענט, — איך קאָן זיך ניט דערמאָנען.

— אײַ, דאָקטער, דאָקטער! און ווער האָט עס מיר פֿאַראיאָרן אין דעקאַבער געזאָגט, אַז איר וועט מיך ניט פֿאַרגעסן? אגב, דערמאָנט זיך די אָפּעראַציע אויף דער לעבער. איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז כירורגן האָבן אַזאַ שוואַכן זיכּאָרן. איך בין זיכער געווען, אַז דאָקטוירים לײַדן ניט פֿון קיין סקלעראָז.

קאָוואַלסקי איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צו דער ערד, אַ גאַנצע מינוט האָט ער מיך דורכגענומען מיט זײַן בליק, דערנאָך זיך אַזוי צעלאַכט, אַז די לאָנקע האָט אַזש געגנומען קלינגען. ער האָט מיך אַזוי צי געטאָן צו זיך, אַז איך בין שיִער ניט אומגעפֿאַלן.

— מיידלעך, מאַשאַ, ראָזאַ, אָליאַ — צו מיר!

עס זײַנען געקומען צו לויפֿן די אַסיסטענטן, די מעדשוועסטער, געקוקט אויף מיר און ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס זייער שעף איז אַזוי איבעראַשט.

— דאָס איז דאָך אונדזער קראַנקער! — האָט ער מיך ניט אָפּגעלאָזט פֿון זיך. — איר געדענקט, ווי מיר האָבן זיך אָנגעמאַטערט מיט אים, מיט דער אָפּעראַציע אויף זײַן לעבער?

דער כירורג האָט מיך געצוווּנגען, אַז דאָ אינמיטן פֿעלד זאָל איך אַראָפּנעמען פֿון זיך דאָס העמד און באַווײַזן דעם גאַנצן אויפֿלעם די ווונד. איך האָב זיך געפּרוּווט אויסדרייען, נאָר ס׳האָט מיר אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפֿן. אַלע האָבן מיך אַרומגערינגלט און גענומען באַטראַכטן.

— מאָלאָדיעץ, מאָלאָדיעץ! — האָט געשריגן קאָוואַלסקי.

ביזן דאָרף זײַנען מיר אַלע צוזאַמען געגאַנגען צופֿוס. קאָוואַלסקי איז געווען איבערפֿולט מיט פּראָפֿעסיאָנעלער גאַדלעס — זײַן כּוילע, וואָס איז פֿאַרמישפּעט געווען צום טויט, האָט ער, דער דאָקטער, אַרויסגעריסן באַם מלאך־המוות פֿון די הענט, און איצט איז דער כּוילע געזונט און קאָמאַנדעוועט, ווי פֿריִער, מיט אַ טאַנקען־בריגאַדע.

די אַליומיני־טעלער האָבן פֿריילעך געקלונגען אויפֿן לאַנגן שפּיטאָל־טיש. אַלץ איז דאָ געווען געשמאַק — די הירזשענע קאַשע האָט געשמעקט, דער ספּירט איז געווען ווי ערשטקלאַסיקער קאָניאַק. קאָוואַלסקי האָט געקוקט אויף מיר מיט גוטע אויגן.

— איך בין צופֿרידן, וואָס איר האָט זיך אומגעקערט צוריק אין אײַער בריגאַדע, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן.

— דאָס איז געשען נאָר אַדאַנק אײַך, דאָקטער...

ווען כ׳האָב זיך אומגעקערט אין מײַן ערדשטיבל, האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַ שלאַכט־באַפֿעל.

אונדזער 1־טער אוקראַיִנישער פֿראָנט האָט אָנגעהויבן אַן אַנטשיידנדעם אָנגריף.

אין דער נאַכט פֿון נײַ־יאָר

אויפֿן סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם איז געווען הייס. הייס פֿון אַלע שטאַנדפּונקטן — די זון האָט שטאַרק געבאַקן, און אויך די שלאַכטן זײַנען געווען הייסע. פֿון די באָמבע־אויפֿרײַסן און האַרמאַטן־קאַנאָנאַדעס האָט געקרעכצט די ערד. די מוטנע־גרינע וואַסער פֿון דער ווײַסל איז אַרויס פֿון די ברעגן. די צעווילדעוועטע כוואַליעס האָבן געטראָגן מיט זיך צעבראָכענע פּאַראַמען־בערוועגעס, ברוכשטיקער פֿון בריקן, טויטע קערפּערס. די שלאַכטן זײַנען געגאַנגען אויף ביידע ברעגן פֿונעם טײַך און אויפֿן וואַסער גופֿא.

די נעמען פֿון אַ רײ ווייניק־באַוווּסטע פּוילישע שטעט — סאַנדאָמיר, סטאַשעוו, אָפּאַטוּוו, טאַרנאָבזשעג, באַראַנוּוו — האָבן איצט געקלונגען אין דער גאַנצער וועלט. די נעמען פֿון די שטעט האָבן זיך איבערגעכאַזערט אין די סוואָדקעס פֿון דער סאָווינפֿאָרמביוראָ, מע האָט וועגן זיי געשריבן אין די צײַטונגען, גערעדט אין ראַדיאָ.

די שלאַכטן האָבן דאָ געדויערט באַ צוויי כאָדאָשים. דאָ זײַנען פֿאַרניכטעט געוואָרן גאַנצע פּאָלקן און דיוויזיעס פֿון די פֿאַשיסטן, צעמאָלט געוואָרן אָן אַ שיר אונטערגעקומענע רעזערוון. די היטלעריסטן האָבן אום יעדן פּרײַז געוואָלט אָפּשטעלן אונדזער אָנגריף. זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וועלן פֿאַרלירן פּוילן, וועט דאָס פֿײַער פֿון קריג אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דער טעריטאָריע פֿונעם פֿאַשיסטישן רײַך.

די סאָוועטישע פּאָלקן און דיוויזיעס זײַנען אויפֿן גראַנדיִעזן סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם געשטאַנען שטאָל און אײַזן. דאָס זײַנען געווען מיליטער־טיילן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען דעם

וועג פון מאָסקווע און פון די וואָלגע־ברעגן ביז דעם דניעפּער און דעם קורסקער בויגן, פון די קאַווקאַזער בערג ביז די אוקראַיִנישע סטעפּעס.

דאָס 1944 יאָר, וואָס איז שוין געגאַנגען צו ענדע, איז אַנגעזעטיקט געווען מיט גרויסע זיגן אויף די שלאַכטפעלדער.

עס איז געגאַנגען צום סאָף פון דער מילכאָמע.

דער גרויסער אַנגריף פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן הינטער טערנאָפּאָל דעם 13—14 יולי 1944, האָט דערפאָלגרײַך זיך פאַרענדיקט.

אויף איינעם פון די באַצירקן פונעם סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם האָט געקעמפט אונדזער 55־טע טאַנקען־בריגאַדע.

די אויסמאַטערנדיקע שלאַכטן, די פּיליצאַליקע שלאָפלאָזע נעכט און די שווערע מאַרשן האָבן, נאַטירלעך, זיך געלאָזט פילן, און מע האָט באַשלאָסן אונדז אַרויספירן פון שלאַכט.

אין מעשעך פון עטלעכע נעכט איז אונדזער טייל, אומבאַמערקט פאַרן סוינע, אַריבער־געוואָרפן געוואָרן צוריק אויפן מיזרעכדיקן ברעג פון דער ווײַסל. איצט האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ מאַרש אויף צוריק — אויף מיזרעך.

ס'האָט זיך דערנענטערט די צײַט, ווען מע וועט זיך קענען פאַרגינען אָפּרוען. זיך אויס־שלאָפן... שלאָפן! פינף, צען מעסלעס נאָכאַנאַנד. פאַרגעסן אין אַלץ אויף דער וועלט. וועגן שלאָף האָבן געטרוימט אַלע. מענטשן פלעגן אַנשלאָפן ווערן אין טאַנק, באַם רודער פון דער מאַשין, באַם האַרמאַט. אַפילו גייענדיק פלעגן אייניקע אײַנשלאָפן.

סאָפקאָלסאָף זײַנען מיר צוגעקומען צו אַ וואַלד, צום אָנגעמערקטן אָרט. די שלאַכטלײַט זײַנען צוגעפאַלן צו דער ערד, זיך פאַרגראָבן אינעם געל וועלנדיקן גראָז, זיך אײַנגעמאָסטעט אונטער די מאַשינעס, אונטער די ביימער, קעדיי אויסצושלאָפן זיך פאַר אַלע זעכציק שלאָפ־לאָזע און אומרויִקע נעכט.

אַ שטילקײַט האָט געשוועבט איבערן וואַלד. אַ לײַכט ווינטל האָט געהוידעט די קרוינען פון די ביימער, דער געמורמל פון די בלעטער האָט אײַנגעוויגט די שלאַכטלײַט. בלויז די וואַך־פּאָסטנס האָבן אָפּגעהיט אונדזער רו.

און דאָך זײַנען אויפן אַנדערן טאָג די מענטשן באַלד אופגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, ווי נאָר די האָרניסטן האָבן אויסגעשפּילט דעם סיגנאַל אויף אופצושטיין.

אין וואַלד האָבן געגומען קלינגען זעגן, קעגן דער אופגייענדיקער זון האָבן אָפּגעגלאַנצט די בלאַנקענדיקע העק, סאָלדאַטישע גראַבײַזנס האָבן זיך אײַנגעגראָבן אין דער ערד. אין עט־לעכע טעג אַרום זײַנען פּאַרטיק געוואָרן ערדשטיבלעך. מיר האָבן אויסגעבויט אַ גאַרקיך, אַן עכט־רוסישע סאָלדאַטישע באָד, צו וועלכער מיר זײַנען פון דער קינדהײַט געווינט געווען.

די טעג פון רו זײַנען איינצײַטיק געווען אויך טעג פון צוגרייטונג צו די פּאַרשטייענדיקע מאַרשן און געשלעגן.

צווישן לוואָוו און ראַווא־רוסקאַיאַ, אין אַ שיינעם סאָסנע־וואַלד, געפינט זיך ניט קיין גרויסע סטאַנציע זשולקעוו. די פרײַלעכע קליינע שטיבלעך, געדעקטע מיט טשערעפּיצע און אַרומ־געגרינגלטע מיט סעדער און גערטנער, האָבן מיר דערמאָנט אין אַ פּאַרשטאָט. ביזן קריג איז דאָס געווען אַ שטיל און רויִק ווינקעלע. אָבער אין נאָיאַבער 1944 האָט אויף דער דאָזיקער פּאַר־שלאָפענער סטאַנציע פּלוצעם גענומען קאָכן. אַלע צוויי־דרײַ שאָ זײַנען אָנגעקומען לאַנגע עשעלאָנען. מע האָט דאָ שנעל אויסגעלאָדן סנאַריאַדן, פּאַטראָנעס, שפּײַז־פּראָדוקטן, וואַרעם אָנטאָן, רעזערוו־דעטאַלן און דאָס אַלץ אָפּגעפירט אין וואַלד אַרײַן. עס זײַנען אויך אָנגעקומען פיל עשעלאָנען מיט טאַנקען. אוראַל און סיביר האָבן זייער פּראָדוקציע ניט פאַרהאַלטן באַ זיך — גלײַך פון די זאַוואָד־טויערן זײַנען די נײַיִנקע טאַנקען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט.

אונדז האָט מען אויסגעטיילט אַ גרויסע צאָל נײַע טאַנקען — מײַנע באַטאַליאָן־קאָמאַנדירן פּיאָטער פּיאָדאָראָוו, גריגאָרי סאַוושענקאָ און ניקאָלײַ אָסאַדטשי האָבן שטאַרק איבערגעלעבט, זיי האָבן נאָר געוואָלט, אַז אַלע „ט־34״, וועלכע אונדזער בריגאַדע האָט געדאַרפט באַקומען, זאָלן זײַן פונעם טאַגילער זאַוואָד — זיי האָבן געהאַלטן, אַז די „טאַגילקעס״ זײַנען פיל בעסער פון די „ט־34״, וואָס ווערן געמאַכט אויף אַנדערע זאַוואָדן.

אינגיכן האָבן פון אייך ערדשטיבל צום צווייטן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אָט־אָט וועט פאַרגענומען ווערן אַ גרויסער אַנגריף. געוויינלעך פלעגן די קלאַנגען פאַרשפּרייטן די שאָפערן, די קלאַדאָווששיקעס, די שרײַבערלעך. שטילערהייט פלעגן זיי אַ שעפּטשע טאָן אויפן אויער (און דערבײַ וואָרענען, אַז דאָס איז „נאָר צווישן אונדז״...) וועגן פיל סימאָנים, וועל־כע זאָגן איידעס, אַז עס גרייט זיך אַן אָנגריף. זיי האָבן אינדערעמעסן אַ סאַך זאַכן געוווּסט.

אַלעמען איז נימעס געוואָרן צו זיצן אינעם טונקעלן, געדיכטן וואַלד, כאָטש ערשט ניט לאַנג

האָט מען געטרוימט וועגן אים. דער דאָזיקער וואַלד, וואָס האָט זיך געדאַכט צו זײַן אַזאַ געמיט־לעכער, אַזאַ צוציִענדיקער, איז איצט אַלעמען דערעסן געוואָרן.

די יונגע טאַנקיסטן האָבן געוואָלט וואָס גיכער זיך אויספּרווון אין שלאַכט, זיך פאַרמעסטן מיט די עלטערע כאַווירים, אַף דער ברוסט פון וועלכע עס פינקלען אָרדענס און מעדאַלן — דער סימבאָל פון געוואַגטקייט. אויך די „אַלטיטשקע", וואָס האָבן שוין באַוויזן דורכמאַכן פיל שלאַכטן, האָבן געטײַנעט:

— פונעם זיצן אין וואַלד וועט זיך גאָרנישט ניט באַקומען, סײַוויסײַ וועט מען זיך מוזן שלאָגן, פאַרלאָזן זיך אַף די „סאַיוזניקעס" איז ניטאָ וואָס, עפּעס זעט מען ניט, זיי זאָלן זיך כאַפּן.

דעם פאַרגעפיל פון אַ סאָלדאַט איז שווער אָפּצונאַרן, און דאָך האָט דער סיגנאַל וועגן אָנגריף אין דער נײַיאָר־נאַכט דורכגעקלונגען פאַר אונדז אַלעמען אומגעריכט.

ערעוו נײַ־יאָר איז אין דער גאָרקיך פון דער בריגאַדע, וואָס האָט זיך געפונען אין דער טיף פון וואַלד, געווען זייער פריילעך. דער טאָג איז געווען אַן אויסגעשפּילטער — אַ זילבער־זוני־קער. אינדערפרי האָבן אַלע זיך אויסגעבאָדן, געשמיסן די צעפּאַרעטע לײַבער מיט בערעזעווע בעזעמלעך. אייניקע זײַנען נאַקעטע אַרויסגעלאָפן פון דער הייסער באָד, זיך אויסגעקײַקלט אין שניי און מיט אַ געלעכטער צוריק אַרײַנגעשפּרונגען אין בעדל אַרײַן. אָבער בייסן מיטיק האָבן אַפילע די גרעסטע ליבהאָבער פונעם ביטערן טראָפּן זיך אָפּגעזאָגט טרינקען די „גזוצלעכע" הונדערט גראַם, וואָס די סטאַרשינעס האָבן פאַנאַנדערגעטיילט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען מיט די מענטשן.

— מיר האָבן דאָ צווישן זיך אָפּגעמאַכט, כאַווער פּאַלקאָווניק, — האָט מיר דערקלערט דער סערזשאַנט ניקאַלײַ נאָוויקאָוו, — בעטן בא אײַך אַ דערלויבעניש באַגעגענען דאָס פינף־און־פערציקסטע יאָר ווי עס געהער צו זײַן — מיט לעבעדיקע יאָלקעס, מיט האַרמאָניקעס. נאָר וואָס וועט עס זײַן פאַר אַ נײַ־יאָר אָן ווײַן? איז אָט בעטן מיר די באַטאַגיקע נאָרמע אונדז אַרויס־געבן באַנאַכט, ערעוו דעם נײַ־יאָר.

די שלאַכטלײַט האָבן געקוקט אַף מיר, געוואַרט אַף מײַן ענטפער.

דער סערזשאַנט נאָוויקאָוו האָט פאָרגעזעצט:

— אין איין־און־פערציקסטן בין איך דעם 31 דעקאַבער געווען אין אויסשפּירונג הינטער קאַלינין, דעמלט איז ניט געווען ווען צו פײַערן דאָס נײַ־יאָר. אין צוויי־און־פערציקסטן — גע־שלאָגן זיך הינטער סטאַלינגראַד. אויך אין פיר־און־פערציקסטן איז מיר ניט געלונגען אויסצו־טרינקען לעקאָוועד דעם נײַעם יאָר — ביז פאַרטאָג האָב איך געשלעפּט הינטער זשיטאָמיר אַ ווערגעלעך אַ פריץ, און הײַנט קאָן מען רויק אָפּמערקן דעם יאָמטעוו.

נאָוויקאָוו איז, פאַרשטייט זיך, געווען גערעכט. דאָס פערטע יאָר, ווי עס גייט די מילכאָמע, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אופהייבן די סאָלדאַטישע קווערטלעך און ניט אויסטרינקען פאַר אונדזער פּאַרטיי, פאַרן היימלאַנד, פאַרן אָנדענק פון די געפאַלענע כאַווירים און פרײַנט, פאַר אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, פאַר די שוועסטער און ברידער און פאַרן גיכן זיג?

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערלויבט די שלאַכטלײַט באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר ווי עס דאַרף צו זײַן.

דער לעצטער דעקאַבער־טאָג איז זייער קורץ, נאָר די סאָלדאַטן האָבן באַוויזן באַפּוצן לעבן יעדער באַטאַליאָן אַ גרינע יאָלקע. אַף די צווײַגן זײַנען געהאַנגען סאָלדאַטישע קעסעלעך, קווערט־לעך, עס זײַנען אויך אויסגעמײַסטרעוועט געווען פון וואַטע שפּילכלעך, און, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער באַטאַליאָן האָט זיך געהאַט זײַן פעטער־שנייער.

יאָמטעווודיק האָבן אויסגעזען אונדזערע מיידלעך: די ראַדיסטקעס, טעלעפאָניסטקעס, די מע־דיצינישע שוועסטער. די קליידער, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די רוקזעקלעך, זײַנען אויסגעפּרעסט געוואָרן און האָבן איצט באַזונדערס שיין אויסגעזען אַף די שטאָלענע פרויען־פי־גורן.

נאָר באַגעגענען דאָס נײַע 1945 יאָר אַף דער גרויסער לאָנקע, ווי מיר האָבן זיך געקליבן, האָט זיך אונדז דאָך ניט אײַנגעגעבן. אַפּדערנאַכט איז געמאָלדן געוואָרן אַ שלאַכט־אַליאַרעם, און אינגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די בריגאַדע פאַרלאָזט דעם אײַנגעזעסענעם ראַיאָן, גייט אַריבער די ווײַסל און דאַרף אינדערפרי דעם 1 יאַנוואַר זיך קאָנצענטרירן אין וואַלד, מיזרעכ־דיקער פון סטאַשוּוו.

אָט האָסטו דיר אַזאַ נײַ־יאָר!

ווידער סאנדאָמיר

די נאכט איז געווען א פינצטערע. די טאנקען זײַנען געשטאנען ווי פארגליווערטע. די מענטשן האָבן אויך געשוויגן. בא מײַן טאנק האָבן זיך פארזאמלט די קאָמאנדירן פון די באטאליאָנען, די אָפיצערן פון בריגאדע־שטאב. מיט אומגעדולד האָבן מיר אלע געווארט אָף דעם פארבינדונגס־אָפיצער, נאָר ער האָט זיך ניט באוויזן. די אָנשטרענגונג איז אלץ געוואקסן — יעדער מינוט האָט זיך געצויגן, ווי א שאָ, אלע האָבן פארלאנגט נאָר איינס: וואָס גיכער איבערגיין די ווײַסל און ביז פארטאָג פארשווינדן אין די סטאשעווער וועלדער.

די פּאָספאָר־ווײַזערס האָבן געוויזן 12 אזייגער באנאכט. אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקײַט האָט זיך דערהערט די הויכע שטים פונעם שעף פון פּאָליט־אָפּטייל: „א גליקלעך נײַ־יאָר אײַך, כאווירים! זאָל דאָס נײַע יאָר אונדז ברענגען גרויסע שלאכט־דערפאָלגן!“.

א מעכטיקער הורא האָט זיך געגומען קײַקלען איבערן וואלד, און מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע וואטניקעס און קאָמבינעזאָנען, האָבן זיך ארומגענומען, געקושט און באגריסט איינער דעם צווייטן מיטן נײַעם יאָר.

עס האָט זיך דערהערט א גערויש פון א מאָטאָר, און אײַנגיכן האָט זיך אין וואלד באוויזן א בראָנעוויק, וואָס האָט געבראכט דעם לאנג־דערווארטן גאסט מיט א באפעל, וועלכער האָט פארפינקטלעכט די צײַט, ווען אונדזער בריגאדע דארף איבערגיין די ווײַסל. פון צוויי ביז פיר פארטאָג האָט די גאנצע בריגאדע מיט אלע טאנקען און מאשינעס גedארפט זיך איבערקלײַבן אפן מײַרעווודיקן ברעג.

דרײַ גרינע ראקעטעס האָבן באלויכטן דעם באנאכטיקן הימל. דער דורכדרינגלעכער סיגנאל פונעם האָרניסט האָט אופגעוועקט דעם וואלד. דער שניי, וואָס האָט באדעקט אונדזערע קעפּ און די אקסל, איז געפאלן גרינג, ווי נײַיאָריקע קאָנפעטי, און באגלייט אונדז אין וועג.

די טאנקען און די מאשינעס זײַנען דורך די שלענגלדיקע וואלד־וועגן געגאנגען פּאמעלעך צום אָרט, וווּ מיר האָבן געדארפט פאָרסירן דעם טײַך. געגאנגען זײַנען זיי מיט אויסגעלאָשענע פארעס, נאָכפאָלגנדיק דעם פײַערל פונעם רעגולירער. דער וועג איז ביזן סאמע טײַך באצייכנט געווען מיט גרינע פײַערלעך, וועלכע דער סוינע האָט פון דער הייך ניט געקאָנט באמערקן.

דעם רעזשים פון איבערגיין דעם טײַך האָט אײַנגעשטעלט אליין דער קאָמאנדיר פון פראָנט, דער מארשאל פון סאָוועטנפארבאנד איוואן סטעפּאנאָוויטש קאָניעוו. דאָס איז געווען א ביז גאָר שטרענגער רעזשים. ווי נאָר ס׳איז צוגעפאלן דער אָונט, האָט מען איבערן טײַך אריבערגעוואָרפן נידעריקע בריקן, וואָס האָבן זיך געצויגן קימאט אפן סאמע וואסער. און קאיאָר האָבן ספּעציעלע קאָמאנדעס דורכגעטאָן ...

פּאר צוויי שאָ צײַט זײַנען אלע אונדזערע טאנקען, מאשינעס מיט סנאריאדן און שפּײַזפּראָדוקטן שוין געווען אפן אנדערן ברעג. איצט איז אונדז פאָרגעשטאנען דורכצומאכן א מארש פון צוואנציק קילאָמעטער. די קוואַרטירערן פונעם קאָרפּוס האָבן אונטערגעצײַלט — ביז באגינען האָבן מיר געדארפט זײַן אין דעם אָנגעמערקטן ראיאָן, זיך פארמאסקירן, פארווישן די שפּורן פון די טאנק־רויפּן און אָף א צײַט זיך פארטײַען.

אפן טײַך האָט געבלאָזן א קאלטער ווינט. איך האָב אראָפּגעלאָזט די לאנגע פוטערנע אויערן פונעם היטל, אופגעשטעלט דעם הויכן קאָלנער פונעם פּעלצל און זיך אײַנגעגניורעט אין א ווינקל פון מײַן מאשין. פּלוצעם האָבן צוויי סנאָפּעס העלע שײַן פארבלענדט מיר די אויגן. דער שאָפער האָט גלײַך פארטאָרמאָזירט, און דער פלינקער אדיוטאנט פּיאָטער קאָזשעמיאקאָוו איז ארויסגעשפּרונגען אפן וועג. איך האָב ניט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי איינע פון די פארעס, וועלכע האָבן אונדז באלויכטן, האָט געפּלאצט און די גלאָז־שפּליטערס האָבן זיך צעשאָטן אָף דער פארפרוירענער ערד. די צווייטע פארע איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

— פּיאָטער, — האָב איך אויסגעשריגן, — אנו, ברענג נאָר אהער דעם גוילעם!

נאָר קאָזשעמיאקאָוו איז ווי א פארשטיינערטער געשטאנען בא דעם אָנגעפּאָרענעם „ווילליס“, פון וועלכן עס זײַנען ארויס צוויי מענטשן. איינעם פון זיי האָב איך גלײַך דערקענט. דאָס איז געווען דער קאָמאנדארם ריבאלקאָ.

— יאָ, קאָמבריג, כ׳האָב גוט אָפּגעלייזט פון אײַער אָפיצער. ער האָט מיך פײַן אָנגעלערנט. נאָך גוט, וואָס ער האָט מיר מיטן אווטאָמאט ניט דערלאנגט איבערן קאָפּ.

פון אומדערווארטקײַט האָב איך ניט געוווּסט, וויאזוי זיך צו פארענטפערן. פּלאָנטערנדיק די ווערטער, האָב איך זיך פארופן טאקע אָף ריבאלקאָס שטרענגן באפעל וועגן מאסקירונג.

— יאָ, דאָס איז טאַקע עמעס, נאָר פּאַר „באַטשאַלסטווע" דאַרף מען האָבן אָפּשײַ, — האָט ריבאַלקאָ געשפּאַסט, — איר פאַרשטייט, מײַן שאָפער האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס קריכט אַף אונדז אָן א טאַנק, איך האָב א געשריי געטאָן „שײַן!" ער האָט קוים באַוויזן אײַנשליסן די פּאַרע, ווי זי איז זיך צעפלויגן אַף פּיצלעך. ספּריטנע כעוורע האָט איר, ניט קיין פאַרשלאָפענע!

עטלעכע מינוט איז ריבאַלקאָ געשטאַנען און געוואַרט, ביז די קאָלאָנע וועט דורכגיין.

— ווען איר וועט קומען אין נײַעם ראַיאָן, — האָט ער מיר, געזעגענענדיק זיך, געזאָגט, — זאָלט איר זיך אײַנגראָבן אין דער ערד. מיר וועלן אומדערוואַרט זיך אַרופוואַרפן אַפן סוינע. — ער האָט געכאַפּט א קוק אַף קאָזשעמיאַקאָוון, — און דער לייטענאַנט אײַערער איז א מאָלאָדיעץ, ער האָט מיך אָנגעלערנט, וויאַזוי מע דאַרף אכטן די אייגענע באַפעלן. — ריבאַלקאָ האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן מאַשין און שוין אָן שײַן געלאָזט זיך צום טײַך.

די טאַנקיסטן האָבן אַרומגערינגלט קאָזשעמיאַקאָוון.

— ס'האָט דיר אָפּגעגליקט, בראָדערקע, אָפּגעקומען מיט א שמעק טאַבאַק.

— מיר האָבן שוין געמיינט, אַז דו וועסט אַרײַנכאַפּן א פּעטשאַטעק אַפן נײַעם יאָר!

— וואָס רעדט איר, ס'איז דאָך פּאָוועל סעמיאָנאָוויטש ריבאַלקאָ... אונדזער קאָמאַנדאַרם. א מענטש!..

אינדערפרי זײַנען מיר שוין געווען לעבן סאַנדאָמיר, אַף אונדזער וואַלד־קוואַדראַט, צווישן דעם מיליטער פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט.

אומבאַמערקט פאַרן סוינע קאָנצענטרירן אַרמייען, גרויסע טאַנקען־פאַרייניקונגען, צענדליקער קאָרפּוסן און דיוויזיעס, הונדערטער פּאָלקן האָבן געקאָנט נאָך דערפאַרענע פּאָלקנפירער, געוואָגטע און איניציאַטיוופולע אָפיצערן, דיסציפּלינירטע און געשולטע סאָלדאַטן, פון וועלכע ס'איז באַשטאַנען אונדזער אַרמיי.

פון ביידע זײַטן וועג ציט זיך א געדיכטער וואַלד. די קרוינען פון די סאָסנעס בייגן זיך איינע צו דער צווייטער און שעפּטשען זיך איבער. קיין זאַך שטערט ניט דער שטילקײַט פונעם לויטערן ווינטערדיקן טאָג. מע הערט ניט קיין האַרמאַטן־שיסערײַ. בלויז ערגעץ פון א זײַט דערטראָגט זיך דאָס הודיען פון אן עראָפּלאַן, וואָס שטרײַכט נאָך מער אונטער די שטילקײַט.

איינינעם מיטן שעף פונעם בריגאַדע־שטאַב גריגאָרי סווערביכינען און מיטן שעף פון פּאָליט־אָפּטייל אַלעקסאַנדער דמיטריִעוון פאָרן מיר אין שטאַב פון דער אַרמיי. די מאַשין פירט אונדז דורך באַקאַנטע וועגן, אין די דאָזיקע ערטער האָבן מיר אין אויגוסט 1944 זיך געשלאָגן מיטן סוינע פאַר פאַרברייטערן דעם סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם. איך דערקען אין די פּענעמער פון מײַנע פרײַנט, אַז אויך זיי האָבן זיך דערמאָנט אין יענע טעג.

די מאַשין איז אַרויסגעפאָרן אַף א גרויסער לאָנקע. אָט פונדאַנען איז אונדזער קאָמאַנדיר פונעם אויסשפּירער־וזוואָד, דער לייטענאַנט אַנדריי סעראַזשימאָוו, דעמאָלט אַוועק מיט זײַן טאַנק אין אויסשפּירונג. ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט ער אינמיטן העלן טאָג, פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך אַרײַנגעריסן קיין סטאַשאָוו, אַרופגעקראָכן אַף דער ראַטושע און דאָרט צוגעפעסטיקט א צווייטעמטערדיקע רויטע פאָן. ווען אַפן שטאָט־פּלאַץ האָט זיך פאַרזאַמלט א גרויסער עולם, האָט סעראַזשימאָוו זיך געווענדט צו די פּאָליאַקן מיט א רעדע — ער האָט פאַרזיכערט די היגע אײַנוווינער, אַז מיר וועלן אינגיכן קומען אַהער, און פאַרענדיקט האָט ער מיט אן אויסרוף: „וואַרט אַף אונדז, מיר וועלן קומען!"...

נאָך דעם האָט ער מיט זײַנע אויסשפּירער געכאַפּט צוויי דײַטשן, זיי אַרײַנגערוקט צו זיך אין טאַנק און געבראַכט צו אונדז.

די פּאָליאַקן האָבן לאַנג נאָכגעקוקט די שליחים פון פרײַהײַט — די סאָוועטישע טאַנקיסטן, געווונטשן זיי דערפאָלג, זיי נאָכגעשריגן: „קערט זיך אום!"

אַפן אַנדערן טאָג האָבן מיר באַפרײַט סטאַשאָוו. די היגע באַפעלקערונג האָט מיט באַגײַסטערונג דערציילט וועגן דער געוואַגטקײַט פונעם סאָוועטישן לייטענאַנט.

די רויטע פאָן, וועלכע אַנדריי סעראַזשימאָוו האָט אויפגעהאַנגען אַף דער ראַטושע, האָבן די פאַשיסטן ניט געוואָגט אַראָפּצורײַסן, אויס האַס און גרימצאָרן האָבן זיי זי דורכגעלעכערט מיט צענדליקער קוילן.

איך פאָר מיט מײַנע פרײַנט, די מאַשין טראָגט זיך איבערן שליאַך און וויגט מיך אײַן, איך זיץ מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און דערמאָן זיך:

ניט ווײַט פון סטאַשאָוו האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַף א גרויסער גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנער. נאָך דעם, ווי מיר זײַנען איבערגעגאַנגען די ווײַסל, האָבן מיר אָפט באַגעגנט פּוילישע פּאַרטיזאַנער. די באַגעגעניש מיט די פּאַרטיזאַנער איז דעמאָלט געווען זייער א רירנדיקע. זיי האָבן זיך געסטאַרעט אונדז קומען צוהילף, מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט — גענוי אינפאָרמירט וועגן די פײַנטלעכע גרופּירונגען, באַזאָרגט מיט א סכעמע פון די וועגן.

באַנאַכט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין א גרויסן וואַלד. איך האָב זיך פאַרבונדן מיטן קאָ־מאַנדיר פונעם קאָרפּוס און אים געבעטן, ער זאָל פאַרפינקטלעכן די אויפגאַבע פאַר מײַן בריגאַדע. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז גיין אַף צאָפן־מײַרעוו האָט קיין רעזאָן ניט, ווײַל מיר האָבן ניט קיין „שכיינים" ניט פון רעכטס און ניט פון לינקס...

דער גענעראַל מיטראָפאַנאָוו איז אָבער באַשטאַנען אַף זײַנעם:

— איך ערגעץ זיך ניט אָפּשטעלן, גיין נאָר פאָרויס. אינדערפרי וועלן אונטערקומען די בריגאַדעס פון סליוסאַרענקאָ, גאַלאָוואַטשאָוו און טשוגונקאָוו.

קיין אַנדער ברירע האָב איך ניט געהאַט, ווי אויסשפּילן דעם באַפעל פונעם גענעראַל. איך האָב באַשלאָסן שיקן פאָרויס פּיאַדאַראָוו׳ס באַטאַליאָן.

— פּיאָטער יערעמייעוויטש, — האָב איך אים אָנגעזאָגט, — זײַ פאָרזיכטיק, הײַנטיקע נאַכט ביסטו די אויגן און די אויערן פון דער בריגאַדע. אין גאַנצן קריך ניט.

— אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. איר פאַרשפּאַרט מיך וואָרענען.

אין מעשעך פון עטלעכע שאָ האָב איך געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין פּיאַדאַראָוו׳ס באַטאַ־ליאָן — זײַנע ראָטעס האָבן פאַרכאַפּט לאַגווו, איבערגעשניטן די מאַגיסטראַל סאַנדאָמיר — קעלץ, צעגראַמירט א פאַשיסטישע סאַניטאַר־ראָטע, צעטריבן אַן אָבאָז און מיט די טאַנקען צע־קוועטשט א גרויסן שפּײַז־שפּײַכלער און, ניט אָנטרעפנדיק אַף קיין ווידערשטאַנד, פאָרגעזעצט גיין אַף צאָפן. פאַרשטייט זיך, אַז מײַן פּיאַדאַראָוו האָט, ניט געקוקט אַף אַלע צוזאָגן, מיך דאַפּקע אונטערגעפירט, ער האָט פאַרגעסן אין יעטווידער פאָרזיכטיקײַט. זײַן ראַדיאָסטאַנציע האָט זיך געהערט אַלץ שוואַכער, ביז זי איז אינגאַנצן אַנשוויגן געוואָרן. שפּעט באַנאַכט האָט זיך אויך איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן שטאַב פונעם קאָרפּוס.

ס׳האָט גענומען טאָגן. אַרום איז שטיל, מע הערט קיין שאָס ניט. מיר פּרוּוון צום לעצטן מאָל זיך פאַרבינדן מיט פּיאַדאַראָוון. נאָר פּיאַדאַראָוו שווײַגט. מיטראָפאַנאָוו שווײַגט אויך. און דאַן גיב איך אָפּ א קאָמאַנדע: „פאָרויס!".

ס׳האָבן גענומען הודיען די מאָטאָרן, דער וואַלד האָט אויפגעוואַכט — די גאַנצע 55־טע גוואַרדייִשע טאַנקען־בריגאַדע האָט זיך געלאָזט אַף צאָפן. נאָך אונדז האָט זיך גערירט פון אָרט דער 238־טער אַרטילעריסטישער פאַרניכטונגס־פּאָלק פונעם מאַיאָר רוסאַקאָוו.

אַף די וועגן, וואָס פירן קיין ראַקוּוו, איוואַניסק, לאַגווו, טרעפן מיר אָן אַף שפּורן פון דער „אַרבעט", וואָס פּיאַדאַראָוו האָט דאָ אָפּגעטאָן, — אַף א צענדליק צעקוועטשטע מאַשינעס, צע־בראָכענע ציסטערנעס, פורגאָנען. קיין רעגולירער האָבן מיר ניט באַדאַרפט. די רויִנען זײַנען געווען פאַר אונדז די בעסטע וועגווײַזער.

פּלוצעם האָט מען אונדז אָנגעהויבן באַשיסן — פונדערלופטן, פון וואַלד, פון יאַר, — די פאַשיסטן האָבן אונדז אַרײַנגעכאַפּט אין א פּאַסטקע. זיי האָבן דורכגעלאָזט פּיאַדאַראָוו׳ס אַוואַנ־גאַרד־באַטאַליאָן און זיך אַרופגעוואָרפן אַף די הויפּט־קרעפטן פון דער בריגאַדע. מיט גרויסע שוועריקײַטן איז אונדז געלונגען אָנקלאַמערן זיך פאַר עפּעס א פּוסטן פּאָלוואַרק און פאַרכאַפּן א נאָמענלאָזן הויכפּונקט.

אונטער א האָגל פון קוילן און סנאַריאַדן האָבן מיר גענומען פאַנאַנדערוויקלען אונדזערע קרעפטן אַף א גרויס קאָרן־פעלד.

מיר זײַנען פאַרהעלטניסמעסיק גיך געקומען צו־זיך און האָבן אָנגעהויבן ענטפערן דעם סוינע מיט אַן אינטענסיוו פײַער. לויטן טעמפּ פון דער שיסערײַ, לויט די סנאַריאַדן און מינעס, וואָס זײַנען געפלויגן אין אונדזער זײַט, האָבן מיר אָן ערעך געקאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר א גרופּירונג עס שטייט אונדז אַנטקעגן. דער איבערוואָג איז געווען אַף דער זײַט פונעם קעגנער.

באַטאָג זײַנען די דײַטשן עטלעכע מאָל אָנגעפלויגן און אונדז באָמבירט. די פײַנטלעכע אַרטילעריע האָט אין מעשעך פון פופצן מינוט באַשאָסן אונדזערע פּאָזיציעס און דערנאָך, ווי מע האָט געקאָנט דערוואַרטן, פאָרגענומען אַן אַטאַקע. אָפן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן דײַטשישע טאַנקען, פונעם וואַלד איז אַרויסגעקראָכן א צענדליק טראַנספּאָרטיאָרן מיט אינפאַנטעריע און גע־נומען שטורמעווען אונדזערע פּאָזיציעס.

איך האָב די גאַנצע צײַט געפילט אַף זיך דעם בליק פון מײַנע שלאַכט־פרײַנט. דאָס איז גראָד געווען דער פאַל, ווען פון דעם קאָמאַנדיר פאָדערט זיך באַזונדערע אויסגעהאַלטנקײַט, שטאַרקער ווילן און זעלבסטבאַהערשונג. מיר האָבן אין דער ערשטער ריי געדאַרפט אויסשפּילן צײַט — כאָטש עטלעכע שאָ, ביז ס׳וועט טונקל ווערן, און דאַן קאָנצענטרירן אין איין אָרט די צעוואָרפענע באַטאַ־ליאָנען. אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אָפן שלאַכטפעלד, האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָפּטרעטן איז ניטאָ ווּהין. גיין אַף מײַרעוו, אין דער געדיכטעניש פון די פײַנטלעכע גרופּירונגען איז אוממעגלעך. מיר מוזן שלאָגן, נעריקן דעם סוינע, דערלאַנגען אים קלעפּ דאָרטן, ווו מע קאָן נאָר, אָפּשטעלן זײַן אָנגריף! אויב מיר וועלן דאָס דערגרייכן, וועלן מיר אָפּראַטעווען הונדערטער לעבנס.

„שלאָגן זיך ביזן לעצטן אָטעם!“

דעם דאָזיקן רוף מײַנעם האָבן אונטערגעכאַפּט די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן, און אַלע שלאַכטלײַט האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

מיט ניסיס האָט צו אונדז זיך דערקליבן פיאַדאַראַווס א שאַליעך. ער האָט אונדז דערציילט, אַז זייער באַטאַליאָן האָט אין בעזדוכאָווע צענעריקט א גרויסע פײַנטלעכע גרופּע, נאָר דערמיט האָט פיאַדאַראַוו זיך ניט באַנוגנט און פאַרגעזעצט דעם אָנגריף. אינדערפרי איז דער באַטאַליאָן אַרויס אָף דער סטאַנציע אָסטראַוועץ. די דײַטשן האָבן, נאַטירלעך, ניט דערוואַרט, אַז אַהער קאָן זיך דורכרײַסן א סאָוועטישע טייל, זיי זײַנען זיכער געווען, אַז דאָס דערנעענטערט זיך זייערע א קאַלאָנע. אָף דער סטאַנציע איז געשטאַנען אַן עשעלאָן מיט ערשט־אָנגעקומענע טאַנקען. די היטלעריסטן האָבן זיך געכאַפּט ערשט דעמאָלט, ווען אַהין האָבן גענומען פליִען אונדזערע סנאַ־ריאַדן און טראַסירנדיקע קוילן. ס'איז געוואָרן א מוירעדיקע פּאַניק. ס'האָבן געברענט טאַנקען, וואַגאָנען, מאַשינעס. די דײַטשישע סאָלדאַטן זײַנען אומבאַהאָלפענע אַרומגעלאָפן און ניט גע־וווּסט וואָס פאַרנעמען. אָפן פלאַץ האָט פיאַדאַראַוו א ראָטע אָנגעטראָפן אָף א באַטאַליאָן אינפאַנטעריע, וואָס איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א ריי בא דער פעלד־קיך מיט די קעסע־לעך און מיט די לעפל אין די הענט.

ס'איז גענוג געווען איין האַלבע שאָ, אַז פיאַדאַראַוו זאָל צעגראַמירן דעם גאַרניזאָן. דער קאָמבאַט האָט פאַרשטאַנען, אַז פאַרבלײַבן ווײַטער אין אָסטראַוועץ טאָר מען ניט, און ער האָט פאַרקערעוועט זײַן באַטאַליאָן אָף צוריק — געלאָזט זיך אַנטקעגן די הויפּט־קרעפטן פון דער בריגאַדע. אונדז האָט ער יענעם טאָג ניט געפונען. מיר האָבן דעמאָלט געפירט שווערע שלאַכטן מיזרעכדיקער פון אָסטראַוועץ.

פאַרנאַכט איז אונדזער לאַגע געוואָרן ביז גאָר א שווערע. אינעם אַרטילעריסטישן פאָלק זײַנען געבליבן בלויז עטלעכע האַרמאַטן און א צענדליק סנאַריאַדן צו זיי. עס זײַנען שיטער געוואָרן די ראָטעס פון די אַוטאָמאַטלער. מײַן טאַנק איז צעשעדיקט געוואָרן. דער קאַמף איז געווען ביז גאָר א שווערער. אַלע די, וואָס זײַנען גאַנץ געבליבן, האָבן גענומען אין די הענט פּיסטאָלעטן, אַוטאָמאַטן, גראַנאַטעס, קוילנוואָרפער אָדער גאָר פאַשעטע ראַקעטניצעס און גע־שאָסן אין דער ריכטונג פונעם סוינע. אַלץ איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. מיר האָבן זיך געגרייט אַרײַנצוטרעטן אין א האַנט־געפעכט.

מיט הייזעריקע שטימען האָבן די קאָמאַנדירן איבערגעגעבן איינע און די זעלבע קאָמאַנדע:

„שיסן אין דער אינפאַנטעריע, אָפּשנײַדן זי פון די טאַנקען!“

בלויז אָף אַזא אויפן האָבן מיר זיך געקאָנט ראַטעווען. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז די טאַנ־קען אָן דער אינפאַנטעריע וועלן אָוונט־צײַט ניט קאָנען אָנגרײַפן אָפן טיפן יאָר, ווו מיר האָבן זיך געפונען.

ביסלעכווײַז האָט דער אָוונט זיך אָנגערוקט אָפן יאָר, און די באָמבאַרדירונג פון דערלופטן איז אײַנגעשטילט געוואָרן, עס זײַנען געבליבן שטייען אָף אַן אָרט די דײַטשישע טאַנקען.

ערשט אָף מאָרגן אינדערפרי האָב איך זיך דערוווּסט, פאַרוואָס די פאַשיסטן האָבן אָפּגע־שטעלט זייער אָנגריף. דאָס איז געשען דערפאַר, ווײַל פון רוקן איז זיי פאַרגאַנגען פיאַדאַראַווס באַטאַליאָן און אָף זייער רעכטן פלאַנג האָבן זיך אָנגעוואָרפן אָסאַדטשיס טאַנקען.

די זומערדיקע נאַכט האָט אײַנגעהילט דעם יאָר, און מיר האָבן שוין דאָס וויפלטע מאָל פאַר די יאָרן פון מילכאָמע אָפּגעדאַנקט דעם „אייבערשטן“, וואָס האָט באַשאַפן די נאַכט און דערמיט אונדז שטאַרק אַרויסגעהאָלפן.

איך בין געבליבן מיט עקיפּאַזשן אָן טאַנקען, מיט מאַנשאַפטן אָן האַרמאַטן, מיט פאַרבינד־לער אָן ראַדיאָסטאַנציעס, אַפילו די שאָפערן האָבן קיין מאַשינעס ניט געהאַט. נאָר ניט געקוקט אָף דעם אַלעמען, האָט די בריגאַדע געלעבט — מיר זײַנען געווען בא טויזנט מענטשן, און מע האָט געדאַרפט קלערן, וויאַזוי אַרויספירן זיי פון דער אַרומרינגלונג.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען דורכרײַסן די פײַנטלעכע קייט. מיר האָבן זיך גענו־מען גרייטן דערצו. אָבער דער סוינע איז אויך ניט געשלאָפן — די פאַשיסטן האָבן איבערגרו־פּירט זייערע קרעפטן, זיך געקליבן מיטן אָנקום פון קאַיאָר אײַנגאַנצן אונדז פאַרניכטן, זיי האָבן אָבער ניט גענומען אין אַכט, אַז זיי האָבן צו טאָן מיט אַלטע טאַנקיסטן, וואָס ווייסן זייער גוט אויך די שוואַכע זײַטן פון די טאַנקען.

מיר האָבן געוווּסט, אַז טאַנקען זײַנען אין דער פינצטער אומבאַהאָלפן און קאָנען ניט פירן קיין פּינקטלעכן פײַער. דערפאַר האָב איך אָן שום וואַקלעניש אָנגענומען א באַשלוס דערלאַנגען דעם הויפּט־קלאַפּ איבער דער גרופּע פײַנטלעכע טאַנקען.

לויטן אָפּגערעדטן סיגנאַל האָט זיך די טויזנטקעפּיקע מאַסע געלאָזט פויזען איבערן נאַסן

גראַז צו די דײַטשישע טאַנקען. געקראָכן זײַנען מיר פּאַמעלעך, אַזוי אַז אַף בײַקומען 300—400 מעטער האָבן מיר געפּאַטערט העכער א שאָ צײַט, נאָר אונדזער ציל האָבן מיר דערגרייכט.

אין דער אַזויגערופענער „טויטער זאָנע" — האַרט לעבן די טאַנקען, זײַנען מיר אופגעשפּרונגען אַף די פיס און מיט אויסגעשרייען „הוראַ!" זיך ארופגעוואָרפן אַף די טאַנקען און זיי פאַרוואָרפן מיט גראַנאַטעס, אין די מאַטאַר-ליוקן געשאָטן ערד, גראַז — אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט.

די דײַטשישע טאַנקיסטן האָבן פון שרעק זיך פאַרשפּאַרט אין זייערע געפּאַנצערטע קאַסטנס. שיסן אַף אונדז האָבן זיי ניט געקאָנט. דעם געשלעג מיט די פאַשיסטישע טאַנקען האָבן מיר אויסגעשפּילט — די טויערן, וועלכע האָבן געפירט צו אונדזער פראָנט, — דורכגעבראָכן און זיך א לאָז געטאָן פאָרויס. קאַיאַר זײַנען מיר ארויסגעקומען אַף א גרויסער לאָנקע, אַף וועלכער ס'זײַנען געוואַקסן מערן, בורעקעס, קרויט און רעטעכער. אויסגעהונגערטע, האָבן מיר זיך ארופגעוואָרפן אַף דעם גאָרטנוואַרג, ביזן פראָנט האָבן מיר נאָך געדאַרפט דורכמאַכן א גוטע צוואַנציק קילאָמעטער, דעריבער זײַנען די מערן און די בורעקעס אונדז גוט צוניץ געקומען.

אַפן וועג, ניט ווײַט פון אַפּאַטוו, האָבן מיר אָנגעטראָפן נאָך אַף א דײַטשישער טייל, וועלכע מיר האָבן אָן באַזונדערע שוועריקײַטן צעגראַמירט. אינדערפרי זײַנען מיר שוין געווען אינעם ראַיאָן, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס מיליטער פון אונדזער 3-טער גוואַרדייִשער טאַנקען-אַרמיי.

באַטאָג האָב איך זיך באַגעגנט מיטן קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס, מיט וואַסיל אַנדרייעוויטש מיטראָפאַנאָוו. איך האָב געפּועלט בא זיך ארויסזאָגן אים אַלץ, וואָס מיר איז געווען אַפן האַרצן. דער גענעראַל האָט געהערט און געשוויגן, מיך ניט איבערגעשלאָגן אַפילע דאָן, ווען כ'האָב גענומען טאַדלען דעם קאָרפּוס-שטאַב.

— כ'פאַרשטיי ניט, כאַווער גענעראַל, פאַרוואָס איר האָט מיר ניט דערלויבט זיך אָפּשטעלן בא לאַגוו. איר האָט, פאַרקערט, געפּאָדערט אויספילן ניט קיין רעאַלע אופגאַבע. וואָס האָב איך געקאָנט אופטאָן איינער אַליין אָן דער שטיצע פון אײַער פאַרייניקונג?

דער קאָרפּוס-קאָמאַנדיר האָט אַלץ געשוויגן און געקוקט אַף מיר, דערנאָך אראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן-טרײַבל און זיך פאַרבונדן מיט ריבאַלקאָן.

— דראַגונסקי געפינט זיך בא מיר, — האָט ער געזאָגט, — די אופגאַבע איז אויסגעפּילט, ער האָט דערגרייכט אָסטראָוועץ און בעדזעכוו. יאָ, ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז עס קומען אָן נײַע עשעלאָנען, איך מיין, אַז די דײַטשן האָבן איבערגעוואָרפן אהער א פרישע טאַנקען-דיוויזיע. איך קלער אויך, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועלן זיי פאַרנעמען א קאָנטראַטאַקע אין דער ריכטונג פון אַפּאַטוו, סאַנדאָמיר.

מיטראָפאַנאָוו איז אַנשוויגן געוואָרן און אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט אין קאָמאַנדאַרמס רייד.

— איך האָב אײַך פאַרשטאַנען, ס'וועט אויסגעפּילט ווערן, איך הער, איך הער, — האָט ער אין א מינוט אַרום ווידער אַרײַנגעשריגן אין טעלעפאָן-טרײַבל. — ווי'אַזוי איז זײַן שטימונג, פרעגט איר? ער באַליידיקט זיך, וואָס מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אָן שום פאַרבינדונג, אָן אויסשפּירונג, ניט געגעבן אים צוהילף גאַלאָוואַטשאָוון און סליוסאַרענקאָן, ניט אויסגעטיילט פאַר אים קיין אוויִאַציע. ער זיצט בא מיר אין אווטאָבוס און האַלט מיך אין איין שטראָפן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט מיך צוגערופן צום טעלעפאָן.

— אײַער צושטאַנד, — האָט ער געזאָגט, — פאַרשטיי איך זייער גוט, נאָר מיר האָבן דאָך אײַך געשיקט ניט אַף קיין שפּאַציר, נאָר קעדיי זיך דערווויסן, וואָס עס טוט זיך אין הינטערלאַנד פון די דײַטשן. דער קאָמאַנדיר פונעם פראָנט האָט באַפוילן שיקן א שטאַרקע גרופּע אַף יענער זײַט פון דער פראָנט-ליניע, איז דער אויסוואַל געפאַלן אַף אײַער בריגאַדע. אונדז איז, פאַרשטייט איר דאָך, געווען אָנגענעם צו הערן, אַז אַף אונדזערע טאַנקיסטן פאַרלאָזט מען זיך.

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן:

— כאַווער קאָמאַנדאַרם! א דאַנק אײַך פאַרן צוטרוי, פאַר די רירנדיקע ווערטער, נאָר דערלויבט אויך מיר ארויסזאָגן אַלץ, וואָס איז מיר אָנגעזאָטן אַפן האַרצן.

— איך הער אײַך גערן.

א דערמונטערטער פון די דאָזיקע ווערטער, האָב איך שוין זיכערער פאָרגעזעצט:

— כ'פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס מע דאַרף פאַר מיר אויסבאַהאַלטן דעם עמעס. איך האָב אומבאַדינגט געדאַרפט וויסן, וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר און פון מײַנע טאַנקיסטן. ווען מיר זאָלן געווען וויסן, אין וואָס עס באַשטייט אונדזער אופגאַבע, וואָלטן מיר געהאַנדלט אַנדערש.

אין טעלעפאָן-טרײַבל האָט זיך דערהערט דעם קאָמאַנדאַרמס הילכיק געלעכטער:

— טײַערע פֿרײַנט, איך בין אײַנשטימיק, אַז מע דאַרף דעם אונטערגעאָרדנטן זאָגן דעם גאַנצן עמעס, נאָר עס טרעפֿט, אַז אין די אינטערעסן פֿון דער זאַך מוז מען אייניקע קאָרטן האַלטן פֿאַרמאַכט... איך קען אײַך, — האָט ער פֿאָרגעזעצט, — און ווייס, אַז איר זײַט ניט קיין נאַיִוו ייִנגל, מיר דוכט, אַז איר קלײַבט זיך ניט שלעכט פֿאַנאַנדער אין מענטשן. אַף דער מיל־כאָמע איז דער מענטש דער זעלבער, ווי שטענדיק — מיט אַלע מײַלעס און אַלע שוואַכקײַטן. ווען מע זאָל אײַך געוועזן זאָגן, אַז אײַער בריגאַדע ווערט געשיקט אין אויסשפּירונג, בין איך אײַך אָרעוו, אַז ווײַטער פֿון סטאַשעוו וואָלט איר ניט געגאַנגען. און אַזוי האָט איר פֿאַר איין מעסלעס זיך אַרײַנגעריסן אין דער טיף פֿונעם סוינעס שוץ אַף זעכציק קילאָמעטער און דערמיט אונדז מאַמעש געעפֿנט די אויגן.

דיסקוטירן מיט ריבאַלקאָן איז געווען שווער...

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַקומען עטלעכע צענדליק נײַע טאַנקען, און די בריגאַדע איז ווידער אַרײַנגעטראָטן אין שלאַכט. דער סוינע האָט זיך געריסן צו אַפּאַטוו, צו סאַנדאָמיר...

און אָט זײַנען מיר ווידער אין די וועלדער, ווו עס האָט זיך אין אויגוסט געשלאָגן אונדזער בריגאַדע. ערגעץ דאָ, געדענקט זיך, האָט אַסאַדטשיס באַטאַליאָן אונטערגעקלאַפּט אַ „קיניג־לעכן טיגער".

— יאָ, יאָ, אָט דאָ, — האָט דמיטריִעוו באַשטעטיקט, — אַף אָט דער־אָ לאָנקע, אַף וועל־כער מיר פֿאָרן איצט.

אינעם געשפּרעך האָט זיך אַרײַנגעמישט דער שאָפֿער געאָרגי גאַסישווילי:

— ניין, ניט דאָ, — האָט ער מיט אַ שאַרפֿן גרוזינישן אַקצענט געזאָגט, — אָט וועט איר זיך אַליין איבערצײַגן. איך געדענק זייער גוט דאָס אָרט. איך האָב אַפֿילע איבערגעגאָסן דעם בענזין פֿונעם „טיגער" צו זיך אין מאַשין. — דמיטריִעוו איז געשטאַנען אַף זײַנעם, נאָר גערעכט איז געווען דער שאָפֿער. אינגיכן האָבן מיר פֿונדערווײַטן דערזען אַן אָפּגעברענטן טאַנק, אַף וועלכן עס האָט זיך נאָך גוט אָנגעזען דער פֿאַשיסטישער קרייץ. דאָס איז געווען טאַקע יענער „טיגער", וועלכן אַסאַדטשי האָט אונטערגעקלאַפּט. אַ ביסל ווײַטער, דאָרט, ווו עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דער וואַלד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פֿעלד, אַף וועלכן עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע סאָסנעס, האָט זיך געזען אַ קליינינקער בעסוילעם. דאָ זײַנען באַערדיקט געוואָרן די שלאַכטלײַט פֿון אונדזער בריגאַדע, וועלכע זײַנען געפֿאַלן אין שלאַכט פֿאַרן סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם.

געאָרגי גאַסישווילי האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין. מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען און זיך גע־לאָזט צו די בערגעלעך פֿון די פֿרישע קוואָרים.

דאָ זײַנען באַהאַלטן פֿיל טײַערע פֿרײַנט אונדזערע און דער יונגינקער סערזשאַנט וואָלאָדיע סאַמאָילאָוויטש, וועלכן אַלע שלאַכטלײַט האָבן ליב געהאַט, ווי מע האָט ליב אַ קלענער ברו־דערל. בײַ וואָלאָדיעס קייווער שטייט ווי אַף דער וואַך אַ יונגער טאָפּאָל. אַף אַ בלאַנקענדיק לאַטון־שילדל, וואָס איז צוגעפֿעסטיקט באַם צוקאָפּנס, זײַנען אויסגעקריצט די ווערטער: „וואָלאָ־דימיר סאַמאָילאָוויטש. 1927—1944".

אָסיען 1943 איז ער געקומען צו אונדז. דאָס איז געווען לעבן דניעפּער. אַלט געווען איז דעמלט וואָלאָדיע זעכצן יאָר. אין קאַמף האָט דאָס דאָזיקע ייִדישע ייִנגל זיך דערוואָרבן דעם שעם פֿון אַ געוואַגטן שלאַכטמאַן. פֿאַר וואָלאָדיען האָבן ניט עקזיסטירט קיין שום שוועריקײַטן. ער איז געווען באַשיידן און אין דער זעלבער צײַט זייער דרייסט. אָפּט פֿלעגט זיך מיר אויסדאַכטן, אַז ער פֿאַרשטייט קלאָר ניט, וואָס איז דאָס אַזוינס טויט. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז צו פֿערצן יאָר האָט ער שוין איבערגעלעבט דעם שוידער פֿון דער לענינגראַדער בלאָקאַדע, פֿאַרלוירן די סאַמע נאָענטסטע. זיי זײַנען געשטאָרבן פֿון הונגער. ער האָט אויך געוווּסט, וואָס עס באַטײַט דער העראָיִזם פֿון די פֿאַרטיידיקער פֿון לענינגראַד.

אין יענע טעג האָט מען אים געקאָנט זען אָפּן טורעם פֿון אַ טאַנק, וואָס האָט גלײַך פֿונעם קיראָוו־זאַוואָד זיך געלאָזט צו דער נאַרווער זאַסטאַווע. וואָלאָדיע איז געווען אַן אָפֿטער גאַסט אַף די פּאָזיציעס פֿון די אַרטילעריע־באַטאַרייעס. דער לענינגראַדער גאַווראָש איז געוואָרן אַן אָנגע־לייגטער גאַסט אין די טראַנשייען און אין די אָקאָפּעס פֿון די לענינגראַדער פֿאַרשטעט. פּונקט ווי אַלע ייִנגלעך, האָט ער געוואָלט זײַן סײַ אַ טאַנקיסט, סײַ אַ פֿליִער, סײַ אַן אַרטילעריסט. ער איז אָבער געווען זייער שוואַך אין געזונט, אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט, האָט מען אים אוועקגע־פֿירט אַף „דער גרויסער ערד". מע האָט אים געבראַכט קיין גרוזיע. די זאָרגזאַמע הענט פֿון די דאָקטוירים, די דאָרעמדיקע זון און די נאָרמאַלע שפּײַז האָבן געשטעלט דאָס ייִנגל אַף די פֿיס. אין אַ יאָר אַרום איז ער צוגעשטאַנען צו אונדזער טאַנקען־טייל און געוואָרן אַן עכטער טאַנקיסט.

מיר האָבן אים אַלע ליב געהאַט, און ווײַל מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז אַף דער מילכאָמע גייט נאָך דער טויט אַף יעדן טראָט, האָט זיך אונדז געוואָלט ווי־עס־איז אים אָפּהיטן. איך האָב אים

גענומען צו זיך אײנעם קאָמאַנדירישן טאַנק אַלס טורעם־שיסער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָ איז פֿאַרהעלֿטניסמעסיק דאָס סאַמע געפֿאַרלֿאָזע אָרט, ווײַל דער טאַנק געפֿינט זיך אַף מײַן קאָ־מאַנדע־פּונקט, וואָס איז אַף אַ קילאָמעטער־צוויי דערווײַטערט פֿונעם קעגנער.

דעם 21 אויגוסט זײַנען העכער הונדערט אַעראָפּלאַנען אָנגעפֿלויגן אַף אונדזער שוץ־ליניע. די ערד האָט געציטערט פֿון די מוירעדיק גרויסע באָמבעס און אַרטילערישע סנאַריאַדן, מיט וועלֿכע דער סוינע האָט אונדז באַשאָטן. עס האָבן געגרעוועט איבער אונדז די מינעס פֿון די זעקסרעריקע דײַטשישע מינענוואַרפֿער. „מעסערשמיטן" האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דער ערד און מיט זייערע קוילנוואַרפֿער באַשאָסן ווי נאָר אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש. באַלד האָבן אַף אונדז גענומען קריכן טאַנקען. זיי האָבן זיך אַלץ דערנעענטערט און דערנעענטערט. הינטער די טאַנקען האָט זיך באַוועגט די פֿײַנטלעכע אינפֿאַנטעריע.

אונדזער פֿראָנט איז דורכגעריסן געוואָרן. אַפֿן רעכטן פֿלאַנג האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרויסער דורכגאַנג, דורך וועלכן ס'האָבן אַ פֿלייץ געטאָן די דײַטשישע טאַנקען. אין דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט האָט דער קאָמאַנדיר פֿון דער שכיינישער 23־טער מאָטאָ־בריגאַדע אַלעקסאַנ־דער גאַלאָוואַטשאָוו אָנגעהויבן אַ קאָנטראַטאַקע מיט די אָפֿיצערן פֿון זײַן שטאַב און די שלאַכט־לײַט פֿונעם קאָמענדאַנטן־ווזוואָד. אונדזערע אָפּטרעטנדיקע טײלן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך פֿאַרײניקן צו גאַלאָוואַטשאָוון. איך האָב דאָס אַלץ צוגעקוקט פֿון מײַן „קפּ", געזען, ווי די קאָנטראַטאַקירנדיקע גרופּע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. דעמלט האָב איך אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל אָסאַדטשין, ער זאָל מיט זײַן טאַנקען־באַטאַליאָן קומען צוהילף גאַלאָוואַטשאָוון. מיט אָסאַדטשיס באַטאַליאָן האָב איך זיך אויך געלאָזט אין אַטאַקע.

די היטלערישע אינפֿאַנטעריע, וועלכע מיר האָבן אָפּגעריסן פֿון זייערע טאַנקען, האָט גענו־מען אָפּטרעטן, אָבער די טאַנקען האָבן פֿאָרגעזעצט דעם אָנגריף. מיט די טאַנקען, וועלכע זײַנען אונדז פֿאַרגאַנגען אין רוקן, האָט מען וואָס גיכער געדאַרפֿט מאַכן אַ סאָף. אַלץ האָט זיך איבער־געמישט — עס האָבן געבערנט סײַ אונדזערע, סײַ פֿײַנטלעכע טאַנקען. איבערן שלאַכטפֿעלד האָבן זיך באַוויזן אונדזערע אַעראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך געדרייט איבערן קאָפּ, ניט געקאָנט זיך פֿאַנאַנ־דערקלײַבן, וואָס ס'קומט פֿאָר אַפֿן שלאַכטפֿעלד, און אָפּגעפֿלויגן אין אַ זײַט. צוויי שאָ צײַט האָט נאָך געדויערט די דאָזיקע שלאַכט. דער קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ און דער קאָמקאָר מיטראָפֿאַנאָוו, וועלכע האָבן נאָכגעשפּירט נאָך דעם גאַנג פֿון געפֿעכט, האָבן אין סאַמע קריטישן מאָמענט אַרויס־געשיקט אונדז צוהילף אַ פֿרישע גרופּע טאַנקען. אינדערלופֿטן האָבן זיך באַוויזן די שטורמאָוויקעס פֿונעם גענעראַל ריאַזאַנאָוו און די פֿאַרניכטלער פֿונעם פֿאָלקאָוניק פּאָקרישקין. דער סוינע האָט טאַקע ניט אויסגעהאַלטן אונדזערע קלעפּ, און דער אויסערסט וויכטיקער סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם איז געבליבן בא אונדז אין די הענט.

אינדערפֿרי האָבן מיר אָפּגעזוכט אונדזער קאָמאַנדיר־טאַנק. מיט אַ צעפֿליקטער זײַט און צעריסענע רויפֿן איז ער געלעגן טיף פֿאַרגראָבן אין זאַמד, ווײַטער מיט עטלעכע צענדליק שפּאַן זײַנען געשטאַנען צוויי פֿאַרקוילטע פֿאַשיסטישע טאַנקען מיט צעשעדיקטע טורעמס. אין אַ ריוו, וואָס איז פֿאַרוואַקסן געווען מיט בוריאַן, איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ ברעזענט וואָלאָדיע סאַמאָילאָוויטש. בא זײַן צוקאָפּנס זײַנען געשטאַנען זײַנע בעסטע פֿרײַנט — דער קאָמאַנדיר פֿון טאַנק יעווגעני בעלאָוו און דער מעכאַניקער באָריס סאַוויניך. בעלאָוו האָט אונדז דערציילט, אַז זייער עקיפּאַזש איז געלונגען אונטערצוקלאַפּן אַ פֿאַשיסטישן טאַנק, אַז וואָלאָדיע האָט אויסגע־צייכנט געשאָסן. נאָכדעם איז זייער טאַנק צוזאַמען מיט גאַלאָוואַטשאָווס אינפֿאַנטעריע פֿאַרגאַנגען דעם וועג אַ גרופּע דײַטשישע טראַנספּאָרטיאָרן און גענומען זיי פֿאַרפֿאָלגן, און אַזויאַרום אַרויס־געקומען אין רוקן פֿון די דײַטשישע טאַנקען. וואָלאָדיע סאַמאָילאָוויטש האָט די גאַנצע צײַט געשריִען: „פֿײַער! פֿײַער!" און אָן אויפֿהער באַשאָסן די דײַטשישע טאַנקען.

אינגיכן האָבן זיי אונטערגעקלאַפּט נאָך אַ טאַנק, און ווען אַ סנאַריאַד האָט געטראָפֿן אין דער פֿאַשיסטישער סוואַסטיק פֿונעם דריטן טאַנק, האָט וואָלאָדיע, ווי אַ קינד, גענומען שפּרינגען און שרײַען. זײַנע קוילעס האָבן פֿאַרהילכט דעם גערויש פֿון די מאָטאָרן און די אויפֿרײַסן פֿון די סנאַריאַדן. דער סוינע האָט אָבער פֿאַרשטאַרקט דאָס פֿײַער. איינער נאָכן אַנדערן האָבן צוויי פֿײַנטלעכע סנאַריאַדן דורכגעקלאַפּט דעם טורעם פֿון אונדזער טאַנק. אַ דריטער סנאַריאַד האָט געטראָפֿן אין אַ רויפֿ. באָריס סאַוויניך און יעווגעני בעלאָוו זײַנען פֿאַרוווּנדעטע און הילפֿלאָזע געבליבן ליגן לעבן די סנאַריאַד־קעסטלעך, אָבער וואָלאָדיע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן, דער האַרמאַט איז גאַנץ, אַ צענדליק סנאַריאַדן זײַנען פֿאַראַן, הייסט עס, אַז מע דאַרף שיסן אין די פֿאַשיסטישע טאַנקען! אַ פֿאַרטויבטער און אָן אָפּגעסמאַליעטער, אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָט דער יונגער העלד פֿאָרגעזעצט פֿירן דעם ניט גלײַכן קאַמף.

וויפֿל דאָס האָט געדויערט, האָט קיינער ניט געוווּסט. קיין איין סנאַריאַד, קיין איין קויל און

קיין איין ראַקעטע איז אין טאַנק ניט פאַרבליבן — דער לענינגראַדער קאַמיוגיסט האָט ניט אויפֿגעהערט צו שיסן ביזן סאָף.

פיל קוואַרים־בערגלעך, אונטער וועלכע עס זײַנען באַגראָבן רוסלאַנדס זין און טעכטער, זײַנען צעוואָרפֿן איבער גאַנץ אייראָפּע. מיט פֿאַרקלעמטע הערצער האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די בעסוילעם־בערגלעך און זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג אַרײַן.

די שלאַכטן זײַנען נאָך ניט פֿאַרענדיקט.

און אָט איז סטאַשוו. דער שאָפֿער האָט פֿאַרטאַרמאָזירט די מאַשין הארט לעבן דעם מיידל, וואָס האָט מיט אַ פענדל אָנגעוויזן דעם וועג. מיר האָבן זי גלײַך דערקענט, אונדזער פּאַוואָלאָטשער וועגווײַזערן.

— ניט פאַרשפּעטיקט, מאַשענקאַ? — פרעג איך בײַ איר.

— ניין, אונדזערע פאַרשפּעטיקן ניט! — ענטפערט זי מיט אַ שמייכל, און אירע בלויע אויגן גלאַנצן. זי טוט געשיקט אַ פאָך מיט איר פענדל און ווײַזט אונדז אָן דעם וועג צום שטאַב פון ריבאַלקאָס אַרמיי.

— אַ גרוס אונדזערע יאַטן! — קלינגט הילכיק איר קאָל.

— מאַשענקאַ, און ווו וועסטו אונדז באַגעגענען דאָס קומענדיקע מאָל?

— אפֿן טײַך אָדער וועט איר מיך טרעפֿן...

און אירע ווערטער זײַנען טאַקע מקוים געוואָרן.

דאָס איז די זעלבע בלאָנדהאָריקע מאַשענקאַ, וועלכע האָט אין יאָר 1943 געהאָלפֿן אונדזער בריגאַדע אַרויסגיין צו דער פראָנט־ליניע. פון דעמלט אָן צעשיידן מיר זיך מיט איר ניט. אין פאַרשיידענע ערטער — אויף די וועגן פון אוקראַיִנע און אויף די גאַסן פון לוואָוו האָבן מיר זי געטראָפֿן. זי האָט מיט איר פענדל אָנגעוויזן די ריכטונג אונדזערע טאַנקען־קאָלאָנעס אויף די וועגן פון פוילן. באַנאַכט האָט זי מיט אַ גרין לאַמטערנדל באַגלייט אונדזערע טאַנקען צו דער ווײַסל, און דערנאָך אויך צום אָדער...

דער אַרמיי־שטאַב האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן וואַלד־מאַסיוו, ניט ווײַט פון סטאַשוו. צו דער אָנגעמערקטער צײַט זײַנען זיך אַהער צונויפֿגעפֿאָרן די קאָמאַנדירן פון פאָלקן און בריגאַדעס, די קאָמאַנדירן פון קאָרפּוסן, זייערע פאַרטרעטער און די שטאַב־שעפֿן — דער גאַנצער אָנפירנדיקער באַשטאַנד פון דער 3־טער גוואַרדייִשער טאַנקען־אַרמיי.

די פאַרזאַמלטע האָבן געשמועסט צווישן זיך און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן מאַרשאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד קאָניעוו, וועלכער האָט אָט־אָט געדאַרפֿט קומען אַהער.

פיל פון די קאַמבריגן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַגעגנט אין יוני 1944, זײַנען איצט דאָ ניט געווען — אייניקע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן בײַ דער ווײַסל, אַנדערע זײַנען פאַרוווּנדעט געוואָרן און זיך געפֿונען אין די שפּיטאָלן.

קימאַט אַלע זײַנען באַקאַנט געווען מיט דעם קאָרעספּאָנדענט פון אונדזער צײַטונג, דעם אַלטן קאַמיוגיסט און פּאָעט אַלעקסאַנדער בעזימענסקי, וועלכער איז אויך דאָ געווען. אַרום אים האָט זיך צונויפֿגענומען אַ רעדל מענטשן. די אויסגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקע, דער רימען, וואָס איז געהאַנגען אויף זײַן היפּשן בויך, האָבן איידעס געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז גאַנץ ווײַט פון מיליטער־איניאַנים, נאָר קיין קאָמישן אײַנדרוק האָט ער ניט געמאַכט, פאַרקערט, ער האָט אַלעמען אונטערגעקויפֿט מיט זײַן אומיטלבאַרקײַט.

גראָווע גענעראַלן, יונגע און שלאַנקע פּאָלקאָווניקעס האָבן אים געדריקט די האַנט און אײַנגעלאַדן צוגאַסט אין זייערע בריגאַדעס און פּאָלקן.

דערזען בעזימענסקין, האָבן זיך מיר דערמאָנט די פאַרמיטלקאָמעדיקע לייענער־קאָנפערענצן און ליטעראַרישע דיספּוטן, וועלכע מיר פלעגן אײַנאָרדענען אין אַקאַדעמיע. מיר, וואָס זײַנען איצט געצוווּנגען טאָג און נאַכט צו טראַכטן וועגן טאַנקען, סנאַריאַדן, קוילן און מינענוואַרפֿער, האָבן מיט באַגײַסטערונג געלייענט פּושקינס און לערמאָנטאָווס ווערק, מאַיאַקאָווסקיס פּאָעמעס און אויך בעזימענסקיס לידער. מעגלעך, אַז מיר האָבן זיך אַזוי דערפרייט מיטן גאַסט, ווײַל ער האָט אונדז דערמאָנט אין דער פרידלעכער צײַט, נאָך וועלכער מיר האָבן אַלע געבענקט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע „סמירנאָ!“. אין דער באַגלייטונג פון אַ גרופּע גענעראַלן איז אַרײַנגעקומען דער מאַרשאַל קאָניעוו.

מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז איניקן שטייט פאַר אָן אָנגריף, אונדזער 1־טער אוקראַיִנישער פראָנט איז געשטאַנען אויף איינער פון די הויפּט־ריכטונגען — פונדאַנען האָט געפֿירט דער קירצסטער וועג צו די לעבנס־צענטרען פון דײַטשלאַנד.

דער שעף פון ארמיי־שטאַב דמיטרי דמיטריִעוויטש באַכמעטיעוו האָט אינפאָרמירט וועגן פּלאַן פון דער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע. גערעדט האָט ער גוט, גלאַט. מיטן שטעקעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט ער אָנגעוויזן אויף די רויטע פֿײַלן, וואָס זײַנען געווען אָנגעצייכנט אויף דער קאַרטע. ער האָט גערעדט און די גאַנצע צײַט ניט אַראָפּגענומען דעם בליק פונעם מאַרשאַל.

ווען דער גענעראַל באַכמעטיעוו האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן זײַן פאָרטראַג, האָט קאָניעוו זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען צו איינער פון די סכעמעס, וואָס זײַנען געהאַנגען אויף דער וואַנט, א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך זיך געווענדט צו באַכמעטיעוון:

— און וווהין האָט איר עס פאַריאָגט די אויסראַטונגס־אַרטילעריע? פאַרוואָס איז זי בא אײַך געבליבן אין עק?

באַכמעטיעוו האָט אַראָפּגענומען די ברילן, פאַמעלעכן זיי אויסגעווישט, באַטראַכט די סכעמע און דערנאָך ערשט איבערגעפירט דעם בליק אויף קאָניעוון.

— כאָווער גענעראַל, מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער האַנאַכע, אַז די טאַנקען זײַנען מער באַוועגלעך און זיי וועלן די ערשטע אָנהייבן די שלאַכטן... וואָס שײַך דער אַרטילעריע, וואָלט זי צוליב איר שוואַכער באַוועגלעכקײַט פאַרהאַלטן די צווייטע עשעלאָנען און אויך די רעזערוון...

— די טאַנקען וועלן די שלאַכטן טאַקע אָנהייבן, אָבער ווער וועט זיי פאַרענדיקן? נאָר אויב איר האָט ניט געפונען קיין אַרבעט פאַר דער אַרטילעריע און האָט באַשלאָסן זי לאָזן אין אָבאָז, וועל איך געצוווּנגען זײַן זי איבערגעבן דעם גענעראַל לעליושענקאָ...

באַכמעטיעוו האָט זיך פאַרלוירן.

— כאָווער מאַרשאַל, דאָס איז מײַן פעלער, און איך וויל אים אויסבעסערן, — האָט געזאָגט ריבאַלקאָ, — מיר וועלן פאַנאַנדערטיילן די אַרטילעריע צווישן די קאָלאָנעס און זי שטעלן נעענטער צום אוואַנגאַרד. נעכטן האָט באַכמעטיעוו פאָרגעלייגט א וואַריאַנט, וואָס דערנעענטערט זיך צו אײַערן, נאָר איך האָב אים ניט באַשטעטיקט, איצט סטאַרעט ער זיך מיך אַרויסראַטעווען און שטעלט זיך אַליין אין א שלעכטער לאַגע...

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. קאָניעוו האָט אויך א שמייכל געטאָן.

— פאַרגעדענקט, כאַווײרים, — האָט זיך געווענדט צו אונדז ריבאַלקאָ, — מיר מוזן פריִער פונעם דײַטש קומען צו די טײַכן נידאַ, וואַרטאַ, פּיליצאַ און צום אָדער. ניט דערלאָזן, אַז דער סוינע זאָל זיך פאַרפעסטיקן אויף די דאָזיקע גרענעצן. אויב מיר וועלן דאָס דערגרייכן, וועלן מיר צעשמעטערן דעם פײַנט און פולשטענדיק אויספילן אונדזער אויפגאַבע.

ער האָט מיט פּראָסטע ווערטער דײַטלעך און צוגענגלעך דערקלערט די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אונדז, טאַנקיסטן, אין די דאָזיקע שלאַכטן. הערנדיק דעם גענעראַל ריבאַלקאָ, האָב איך געקלערט וועגן דער ראָליע, וועלכע עס דאַרף אָפּשפּילן מײַן בריגאַדע.

מיט א גרויסער רעדע איז אַרויסגעטראָטן דער מאַרשאַל קאָניעוו. ער איז פאַמעלעך אויפגעשטאַנען פונעם אָרט, גענומען דאָס שטעקעלע אין דער האַנט און צוגעגאַנגען צו דער סכעמע. גערעדט האָט ער דײַטלעך און לאַקאָניש. איך בין געזעסן נאָענט און גוט געזען, ווי בא דעם דאָזיקן שטרענגן און רויקן מענטשן האָבן אויפגעפלאַמט די אויגן. ער האָט גענוי אַנאַליזירט דעם פּלאַן פונעם פאָרשטייענדיקן אָנגריף, אָנגעוויזן דאָס אָרט פון יעדער טייל באַזונדער, דערקלערט די ראָליע פון דער אַרטילעריע, פון די טאַנקען...

— לאָזט זיך ניט אַרײַן אין קיין קליינע צוזאַמענשטויסן, — האָט ער פאָרגעזעצט, — מײַדט אויס די ווידערשטאַנד־קנופּן, פאַרהאַלט זיך ניט אין די שטעט, גייט אַרויס אויף אָפּעראַטיווע ראַכוועסן, קוקט ניט אין די זײַטן און לייגט ניט קיין אַכט אויף די פלאַנגען. אונדזער טאַנקען־מיליטער איז אין די הענט פונעם פראָנט א שטאָלענע פײַל, וואָס דאַרף אַרײַנדרינגען טיף אין דײַטשלאַנד. איך קען אײַך פון די פריִערדיקע שלאַכטן. כ'בין גוט באַקענט מיט אײַער קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ, און דאָס גיט מיר א סמאַך צו האָפן, אַז די טאַנקיסטן וועלן מיט דערפאָלג אויספילן זייער אויפגאַבע.

איך האָב מיט נײַגער געקוקט אויפן מאַרשאַל, וועגן וועלכן כ'האָב אַזויפיל זיך אָנגעהערט, נאָך דעמאָלט, ווען כ'האָב געדינט אויפן ווײַטן מיזרעך. צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט דעם גענעראַל קאָניעוו אין 1941 יאָר הינטער רזשעוו. אויף אים איז דעמאָלט געלעגן די שווערע אויפגאַבע אָפּשטעלן דעם אָנגריף פון די פאַשיסטישע כאַיאָלעס. אין א יאָר אַרום איז אונדזער 3־טער מעכאַניזירטער קאָרפּוס אַרײַנגעגאַנגען אין באַשטאַנד פונעם קאַלינינער פראָנט, מיט וועלכן ס'האָט קאָמאַנדעוועט איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קאָניעוו. שפּעטער האָבן זיך אונדזערע פראָנט־וועגן איבערגעקרייצט בא בעלגאָראָד, כאַרקאָוו, אויף דער לינקבאָרעגיקער אוקראַיִנע. אונדזער וואָראָניעזשער פראָנט איז געגאַנגען צום דניעפּער, צו קיִעוו, און דער סטעפּ־פראָנט,

וועלכן ס'האָט געפירט קאָניעוו, האָט ווי מיט א ברייטן פּעכער ארומגענומען דעם דניעפּער אינעם ראיאָן פון קרעמענטשוק.

איך דערמאָן זיך אין די לעצטע יון־טעג פון 1944. ניט ווײַט פון טערנאָפּאָל האָבן אַף א גרויסער לאָנקע זיך פארזאמלט קאָמאנדירן פון קאָרפּוסן און בריגאדעס. דעמלט האָבן מיר זיך געגרייט צו דער לוואָוו — פּערעמישלער אָפּעראציע. אין א גרויסן קאסטן מיט זאמד זײַנען געווען פאנאנדערגעשטעלט מאקעטן פון טאנקען. רויטע און בלאָווע פענדלעך זײַנען צעשטעלט געווען אפן „שלאכט־פעלד".

דער מארשאל קאָניעוו, וועלכער איז דעמלט אראָפּגעקומען צו אונדז, האָט זיך אינטערע־סירט ניט נאָר מיט די איניאָנים פון די קאָמקאָרן, ער האָט אויך געפאָדערט פון אונדז, פון די קאָמבריגן, אז מיר זאָלן אים גענוי דערציילן וועגן דער קעגנזײַטיקער מיטארבעט פון פארשיי־דענע מיליטער־גרופּירונגען, וועגן דער מאטעריעלער און טעכנישער באַזאָרגונג. ער איז ארײַנ־געדרונגען אין באזונדערע דעטאלן, געפאָדערט פון אונדז פּינקטלעכקײַט, גענויע באהאוונט־קײַט.

הײַנט, אָרגאניזירנדיק אײנע פון די גרעסטע אָפּעראציעס פון דער מילכאָמע, די אָפּערא־ציע ווײַסל — אָדער, קאָנטראָלירנדיק די גרייטקײַט פונעם מיליטער און פון די שטאבן, האָט דער מארשאל קאָניעוו אויסגעוויזן פּײַערלעך־שטרענג. אין יעדער וואָרט זײַנעם, אין יעדער באוועגונג האָט זיך געפילט קראפט און שטארקער ווילן.

שפּעטער, ווען אלע זײַנען זיך פאנאנדערגעפאָרן, האָט דער קאָמקאָר מיר געזאָגט:

— איר ווייסט, כאָווער דראגונסקי, דער קאָמאנדארם ריבאלקאָ האָט מיר באפוילן, אז איך זאָל אַף יענער זײַט פונעם טײַך נידא לאָזן אײַער בריגאדע אין אוואנגארד־אָטריאד. ווי קוקט איר אַף דעם, עס אָרדנט אײַך אײַן?

— פולשטענדיק, — האָב איך געענטפערט, — אלץ וועט זײַן אין פולער אָרדענונג, כאָווער גענעראל.

אין אן אָפענעם „וויליס" האָבן מיר זיך געײַלט צו אונדזער טייל. אלע געשעענישן פונעם פארגאנגענעם טאָג — דער בעסוילעם, די באגעגענישן מיט מענטשן — זײַנען אָפּגעטראָטן אין א זײַט, די געדאנקען זײַנען געווען פארנומען בלויז מיט די פאָרשטייענדיקע שלאכטן.

איך האָב פארפירט א שמועס מיט מײַנע מיטפאָרער, וועלכע האָבן געוויס אויך געטראכט וועגן די אויפגאבן, וואָס שטייען איצט פאר אונדז:

— וואָס קלערט איר, אלעקסאנדער פּאוולאָוויטש, וועגן „אוואנגארד־אָטריאד"? ווידער וועט מען האָבן טײַנעס: דאָס ביסטו אוועק צו ווײַט, דאָס שטייסטו צו לאנג אַף איין אָרט...

— ס'מאכט ניט אויס, — האָט דמיטריִעוו געשמייכלט, — א פאטש פון א געטרײַער האנט פארגעסט זיך. מירן זיך דורכשפּאצירן איבער דעם פּײַנטלעכן הינטערלאנד, ס'איז בא אונדז ניט דאָס ערשטע מאָל. אָבער איצט דארף מען וועגן דעם ערנסט א טראכט געבן — דאָס דאָ־זיקע הינטערלאנד וועט זײַן א פרעמדס, א פּײַנטלעכס.

דער וואכמאן האָט דערקענט אונדזער מאשין און גלײַך געעפנט דעם שלאגבוים. אונדזער אָנגעהייצט ערדשטיבל האָט אונדז איצט אויסגעוויזן זייער געמיטלעך. פּיאָטער קאָזשעמיאקאָוו האָט דערלאנגט צום טיש. פון די סאָלדאטישע קעסעלעך האָט געזעצט א דאמף, און איבער דעם גאנצן ערדשטיבל האָט געשמעקט מיט אוקראיִנישן באָרשטש. נאָך דער וועטשערע זײַנען מיר מיט דמיטריִעוון אוועק איבער די ערדשטיבלעך — ס'האָט זיך געוואָלט א שמועס טאָן מיט די קאָמאנדירן פון די באטאליאָנען און ראָטעס, זיך דורכריידן מיט די טאנקיסטן וועגן דעם, וואָס עס שטייט אונדז אלעמען פאָר. נאָך דעם באלויכטענעם ערדשטיבל האָט דער וואלד אויסגעזען, ווי א געדיכטער שווארצער פּלויט. נאָר בעהאדראָגעדיק האָט דאָס אויג זיך צוגעוווינט צו דער כאשכעס, און מיר האָבן זיך פאנאנדערקלײַבן, וווהין עס פירן די וואלד־שטעגן.

פון די קוימענס, וועלכע האָבן ארויסגעסטארטשעט פון די ערדשטיבלעך, זײַנען ארויסגע־פלויגן טויזנטער קליינינקע פונקעלעך — און דאָס איז אויך געווען אן אָריִענטיר.

אין די ערדשטיבלעך האָבן די אָפיצערן ארײַנגעקוקט אין די קארטעס, געלייענט א האנט־בוך, אין וועלכן ס'איז באשריבן געווען דער קאנט, אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען. אינעם צווייטן באטאליאָן איז פאָרגעקומען א פארטיי־פארזאמלונג. אפן טאָג־סיידער איז געשטאנען איין פראגע: „די אויפגאבן פון די קאָמוניסטן אין דער פאָרשטייענדיקער שלאכט". מיר האָבן זיך צוגעזעצט אַף די קאָרטאָטשקעס און געהערט די ארויסטרעטונגען פון די קאָמוניסטן.

די צוגרייטונג צום פאָרשטייענדיקן אָנגריף האָט זיך געפילט אין יעדער ווינקעלע. די סאפּיאָרן האָבן רעמאָנטירט די וועגן, די ארטילעריסטן האָבן אײַנגעאָרדנט די פּײַער־פּאָזיציעס, די טאנקען זײַנען אָנגעפילט געוואָרן מיט סנאריאדן, פּאטראָנען און שפּײַז־פּראָדוקטן.

די שלאַכט־אויפגאַבע איז דערקלערט געוואָרן יעדן סאָלדאַט. אַף די פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונגען האָט מען אָנגענומען אין פּאַרטיי פיל פון די, וועמען ס'איז פאָרגעשטאַנען גיין אין שלאַכט. די סאָלדאַטן האָבן געשריבן אַהיים מונטערע און וואַרעמע בריוו. די שאָ פון אָנגריף האָט זיך דערנעענטערט.

אַף די ראַכוועסן פון שלאַכטפעלד

אומענדלעך־לאַנג האָט זיך געצויגן די דאָזיקע אומרויִקע נאַכט, און דאָך האָבן ווי אומגע־ריכט אָפּגעקלונגען די ווערטער פון מײַן אַדיוטאַנט:

— ס'האָט זיך אָנגעהויבן!

אין די צעפּראַלטע טירן פונעם ערדשטיבל האָבן זיך אַרײַנגעריסן מעשענע קלאַנגען פונעם האָרן. אין געציילטע מינוטן האָט אויפגעוואַכט דער דרעמלענדיקער וואַלד. פאַרשפּי־ליענדיק אַפן וועג די וואַטניקעס, פעלצלעך און קאָמבינעזאָנען, איז מען געלאָפן צו די טאַנקען, האַרמאַטן און מאַשינעס. עס זײַנען אַראָפּגעריסן געוואָרן די ברעזענטן און די מאַסקיר־נעצן, עס האָבן געגומען גרילצן די ליוקן פון די טאַנקען־טורעמס. אַ געדיכטער רויך פון די מאָטאָרן האָט פאַרצויגן דעם וואַלד.

פונדערווײַטנס האָבן זיך דערטראָגן פאַרטויבטע אויפרײַסן פון סנאַריאַדן. מיר האָבן גע־וווּסט, אַז דאָס זײַנען די שטורעם־אָטריאַדן פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט, וועלכע דער מאַרשאַל קאָניעוו האָט אויפגעהויבן דעם 12 יאַנוואַר, אַוועק אין אַטאַקע.

די נערוון בא די דײַטשן האָבן ניט אויסגעהאַלטן. באַזונדערס איז דאָס קענטיק געווען, ווען אונדזער מיליטער האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו די גרענעצן פונעם דײַטשישן רײַך. אונדזערע אַטאַקירנדיקע באַטאַליאָנען זײַנען באַשאָסן געוואָרן מיט אַ געדיכט פײַער פון די דײַטשישע האַרמאַטן און מינענוואַרפער. דאָס טאַקע האָט אונדזער קאָמאַנדשאַפט זיך געוואָלט דערשלאָגן. איצט האָט אָנגעהויבן קלאָר ווערן, ווו עס געפינען זיך די פײַנטלעכע אַרטילעריע־פּאָזיציעס, די קאָמאַנדע־פּונקטן, די פאַרבינדונג־קנופּן.

די אַטאַקע פון אונדזערע אַוואַנגאַרד־באַטאַליאָנען איז בלויז געווען אַן אָנהייב. ווען ס'איז גוט ליכטיק געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייִשאָעדיקע אַרטילעריסטישע צוגרייטונג. לויט דער קראַפט און לויט דער אינטענסיווקייט פון פײַער איז גרינג געווען זיך אָנשטויסן, אַז מיט דער אַרטילעריע פירט אָן איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קאָניעוו. מיט אַ פײַער פון 300 האַרמאַטן אַף איין פראָנט־קילאָמעטער האָט קאָניעוו דורכגעבראָכן אַ טויער אין דער פײַנטלעכער שוץ און דורך דעם דאָזיקן טויער דורכגעלאָזט זײַנע הויפּט־קרעפטן. צענדליקער טויזנטער סנאַריאַדן, מינעס און פוגאַס־באָמבעס האָבן צעשמעטערט און אויפגעריסן די שוץ־ליניע פון די דײַטשן. די אָנפירונג זייערע איז פאַראַליזירט געוואָרן. די אָקאָפּעס און די טראַנשייען זײַנען פול געווען מיט דערהאַרגעטע דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפיצערן.

יענעם טאָג האָט פונעם סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם זיך געלאָזט אין אָנגריף דאָס מיליטער פון די גענעראַלן גאָרדאָוו, פוכאָוו, קאָראָטייעוו, זשאַדאָוו, קוראָטשקין, קאָראָווניקאָוו. אינעם צווייטן עשעלאָן זײַנען געשטאַנען די טאַנקיסטן פון ריבאַלקאָס און לעליושענקאָס אַרמייען. מיר זײַנען גרייט געווען זיך לאָזן פאָרויס און גלײַך פון גאַנג פאָרסירן די טײַכן נידאַ, פּיליצאַ, ווארטאַ און אַוועק ווײַטער — צום אָדער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די סאַמע מעכטיקסטע אָנגריף־אָפּעראַציע פונעם סאָוועטישן מי־ליטער אַף אַרײַנצודרינגען קיין דײַטשלאַנד.

ס'איז געווען אַ פראָסטיקער פרימאָרגן. איבער דער שטילקייט פון וואַלד הילכן פײַערלעך אָפּ די ווערטער: „אונטער דער פאָן, סמירנאָ!”. פאַרבײַ די קאָלאָנעס שוועבט דורך די רויטע גוואַרדייִישע פאָן, פון וועלכער עס קוקט אַראָפּ לענין. די פאָן טראָגט אין זײַנע פעסטע הענט דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד דער עלטערער סערזשאַנט ניקאָלײַ נאַוויקאָוו. לויט דער אײַנגעשטעלטער טראַדיציע, לאָז איך זיך אַראָפּ אַף אַ קני. לעבן מיר שטייען מײַנע שלאַכט־כאַווערים דמיטריִעוו, סווערביכין, קאַלעניקאָוו... דאָרט, ווײַטער אַ ביסל, האָבן זיך אַראָפּגע־לאָזט אַף די קני די צוויי ברידערלעך וואַלענטין און מיכאַיִל ריאַבאָוו. מיט קלינגענדיקע יינגלשע שטימעלעך כאַזערן זיי פײַערלעך איבער די ווערטער פון דער שוווּע טרײַ זײַן דער פּאַרטיי, דעם היימלאַנד, דער שלאַכט־פאָן. כ'קאָן ניט אָפּרײַסן דעם בליק פון די דאָזיקע יונגע קאָמיוגיסטן, וועלכע כ'געדענק נאָך פונעם דניעפּער. אין זייער אָנווייזנהײַט ווערט עפּעס וואַ־רעמער אַף דער נעשאָמע. מע דערקענט גלײַך, אַז דאָס זײַנען ברידער, פון אָנפאַנג דאַכט זיך

אפילע, אז זיי זײַנען א צווילינג און שיידן זיך מיט קיין זאַך ניט אונטער איינער פונעם אנדערן, אינדערעמעסן איז וואלענטין א באַריידעוודיקער, א ספּריטנע באָכער, וואָס וועט אין ערגעץ ניט פארפאלן ווערן, מיכאיל, דאקעגן, איז צוריקגעהאלטן, ער פארלאָזט זיך גערן אפן עלטערן ברודער.

אין שווערן 1942 יאָר האָט וואלענטין זיך אומגעקערט אהיים פון דער שטאָט, ווו ער האָט זיך געלערנט אין א האנטווערקער־שול. דעם פאָטער וואסילי דמיטריעוויטש ריאבאָוו האָט ער אין סטאניצע ניט געטראָפן, ער איז שוין דעמלט געווען אפן פראָנט. די מוטער איז נאָך פריער געשטאָרבן. אין שטוב איז געווען בלויז דער פופצניאָריקער מישקע. וואָס טוט מען? די ברידער האָבן לאנג געטראכט און באשלאָסן גיין אין קריגס־קאָמיסאריאט, נאָר אין ארמיי האָט מען זיי ניט גענומען. דעמלט האָבן די כעוורע איבערגעוואָרפן אף די אקסל קליינע קלומעקלעך מיט שפּײַז און פארלאָזט די סטאניצע, צו וועלכער עס האָט זיך גענומען דערנעענטערן דער פראָנט. אפן נײַעם אָרט זײַנען זיי ווידער אוועק בעטן, מע זאָל זיי נעמען אין דער ארמיי. דאָס מאָל האָט מען דעם עלטערן — וואלענטינען — גענומען און מיכאילן ווידער אָפּגעזאָגט. ווען די פריזיוניקעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א קאָלאָנע, האָט וואלענטין געזאָגט צום ברודער:

— שטעל זיך אין דער ריי, מישקע, אויב מע וועט קאָנטראָלירן לויט די צעטלען, רוף זיך אָפּ אף מײַן נאָמען. אין דער קאָלאָנע וועט קיינער דיך ניט געפינען...

אזוי האָבן זיי טאקע געטאָן. די קאָלאָנע איז בעשאָלעם געקומען צום וואָקזאל, מע האָט זיך ארײַנגעזעצט אין די וואגאָנען, אָבער ווען מע איז אָנגעקומען אין דער מארש־ראָטע און מע האָט גענומען ציילן די נײַינקע, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אָנשטאָט הונדערט סאָלדאטן זײַנען פאראן הונדערט און איינער. מע האָט געציילט נאָכאמאָל, נאָר ס'האָט זיך ווידער באקומען הונדערט און איינער.

— ווער איז דאָ אן איבעריקער? — האָט געפרעגט דער קאָמאנדיר. אָבער דערקונדיקן זיך איז געווען ניט אזוי גרינג. — מיילע, זאָל זײַן הונדערט איינער.

די ברידער זײַנען צופרידן געבליבן — זייער שפּיצל האָט זיך, הייסט עס, אײַנגעגעבן. אפן פראָנט זײַנען די כעוורע ארײַנגעטראָטן באם דניעפּער.

פאר די יאָרן פון מילכאָמע זײַנען ביידע כעוורע געוואָרן אויסגעצייכנטע אויסשפּירער. בא יידן זײַנען אף דער ברוסט געהאנגען צו צווויי אָרדענס און צו איין מעדאל. דער קאָמאנדיר פונעם אויסשפּירער־ווזוואָד אנדריי סערגעיעוויטש...

מאנדיר פונעם אויסשפּירער־ווזוואָד אנדריי סעראזשימאָוו האָט קיינמאָל די ברידערלעך ניט געשיקט צוזאמען אין אויסשפּירונג. ער האָט געהאלטן, אז אויב איינער פון זיי וועט אומקומען, דארף דער צווייטער נעמען נעקאָמע...

און אָט שטייען זיי, מײַנע קאָמיוגיסטן, באנאנד און כאזערן איבער נאָך מיר די הייליקע ווערטער פון דער שוווּע.

נאָוויקאָוו לאָזט זיך לענגויס דער קאָלאָנע און שטעלט אוועק די פאָן אף מײַן קאָמאנדיר־טאנק.

— אף די מאשינעס!

די שלאכטלײַט ווארפן זיך פלינק צו זייערע טאנקען, מאשינעס און הארמאטן. איבער דער קאָלאָנע האָבן גענומען פלאטערן די קאָמאנדירישע פילפארביקע פענדלעך — די בריגאדע האָט זיך גערירט פון אָרט.

ערשט אין אָוונט זײַנען מיר צוגעקומען צום אָנגעמערקטן פונקט, צום ברעג פונעם טײַך נידא. דאָס מאָל האָב איך זיך ווידער איבערצײַגט, ווי שווער עס איז דורכצומאכן א מארש אין טיל פונעם אייגענעם מיליטער. א גאנצן טאָג איז אונדז אויסגעקומען פירן „שלאכטן" מיט די ארמייִשע סאנבאטאליאָנען, קיכן, מיט די אָבאָזן פון דער דיוויזיע פונעם ערשטן עשעלאָן. ווען מען איר ווילט האָבן מיר יענעם טאָג באגעגנט אפן וועג. אפילע די האנדלס־באזעס פון „וואָיענטאָרג" האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס.

די אופגאבע, וואָס איז געשטעלט געוואָרן פאר דער בריגאדע, איז געווען קורץ און קלאָר: דעריאָגן די טיילן פון דעם 9־טן מעכאניזירטן קאָרפּוס פונעם גענעראל סוכאָוו, דורכגיין די שלאכט־רייען פון דער 52־טער ארמיי פונעם גענעראל קאָראָטייעוו, ארײַן אין די „טויערן", וועלכע די דאָזיקע ארמיי האָט דורכגעהאקט, און זיך לאָזן פאָרויס. פאנאנדערארבעטנדיק די דאָזיקע אָפּעראציע, האָט ריבאלקאָ און זײַן שטאב באזונדערס אין זינען געהאט די אוואנגארד־אָטריאדן, וועלכע דארפן זיך ניט ארײַנלאָזן אין קיין קליינע צוזאמענשטויסן, ניט ארומקוקן זיך אין די זײַטן, אויסמײַדן די באפעלקערטע פונקטן — און ארײַנדרינגען ווײַט אינעם פײַנט־לעכן הינטערלאנד, פארכאפּן דאָרט אעראָדראָמען, אײַזנבאן־סטאנציעס, וויכטיקע לעבנס־צענטרען.

פּאַוועל סעמיאַנאָוויטש ריבאַלקאָ האָט אופמערקזאַם נאָכגעקוקט, וויאַזוי די בריגאַדעס גייען אַרויס אין די אָנגעמערקטע ראַיאָנען. דער קאָמאַנדאַרם האָט געגלייבט זײַנע מענטשן, זיי אָנגע־טרויט. ער האָט געוווּסט, ווען מע קאָן שיקן אויספֿילן געוואַגטע אופגאַבעס, ווער עס קאָן דורכרײַסן די פֿײַנטלעכע שוץ־ליניע.

דורכשנײַדנדיק זיך דורך דער פֿינצטערניש, איז צו אונדז אין שיטערן וועלדל צוגעפֿאָרן ריבאַלקאָס „ווילים". לויטן שמייכל פֿונעם קאָמאַנדאַרם, לויט די פֿינקלענדיקע אויגן זײַנע, האָט זיך געפֿילט, אַז אַלץ גייט גוט.

— באַ אײַך איז אַלץ גרייט?

— אַבסאָליוט אַלץ, — ענטפֿער איך, כאַטש די „טיגן" פֿון דער בריגאַדע שטעקן נאָך אַלץ אין עק פֿון דער 52־טער אַרמיי. איך זאָג דאָס ניט דעם קאָמאַנדאַרם, ווײַל איך בין זיכער, אַז ביז פֿאַרטאָג וועלן אַלע זײַן אַפֿן אָרט. איך קען דאָך גוט מײַן שעף פֿון „טיל" לעאָנאָוו, ער וועט מיט זײַן אָבאָז דורכקריכן אַפֿילו דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל.

— די אופגאַבע איז פֿאַר אַלע קלאָר?

— מיר דוכט, אַז פֿאַר אַלע, — ענטפֿער איך אין זעלבן טאָן, ווי די פֿראַגע איז געשטעלט געוואָרן.

— וויאַזוי וועט איר נעמען יענדזשעיוו? — דערקונדיקט זיך דער גענעראַל.

— לויט די אומשטענדן. יעדנפֿאַלס, כאַוועַר גענעראַל, האָב איך באַשטימט צו האַנדלען געוואַגט.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט ריבאַלקאָ אײַנגעשטימט און דערבײַ אופגעהויבן אַ פֿויסט איבערן קאָפּ און אַ מאַך געטאָן מיט אים אין דער ריכטונג פֿון פֿראָנט. — טעמפּאָ, טעמפּאָ, גרויסע טעמפּאָ! מאָרגן דאַרפֿט איר זיך אָפּרײַסן אויף אַ 60 — 80 קילאָמעטער פֿון דער פֿראָנט־ליניע. פֿאַרנעמען יענדזשעיוו, איבערשנײַדן דעם וועג קעלץ — קראָקאָוו און פֿאַרכאַפּן דעם אַעראָדראָם.

איך האָב געהערט דעם קאָמאַנדאַרם און געטראַכט, אַז אַזאַ האָב איך אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. געוויינלעך אַ רויִקער און באַדאַכטער, איז ער איצט פֿול געווען מיט יוגנטלעכן ברען און טעמפּעראַמענט.

— כאַוועַר קאָמאַנדיר, מײַן אופגאַבע האָב איך גוט פֿאַרשטאַנען. נאָך מער, אויב גאָלאָ־וואַטשאָוו וועט צו דער צײַט ניט אונטערקומען, וועט די בריגאַדע אַליין אָנגרײַפֿן אויף דער שטאָט, און אַ טייל קרעפֿטן וועט פֿאַרכאַפּן דעם אַעראָדראָם און איבערשנײַדן דעם וועג אויף קראָקאָוו.

— דאָס וועט זײַן זייער גוט, — האָט ריבאַלקאָ מיך איבערגעשלאָגן, — אַזוי צי אַנדערש וועל איך מאָרגן סאָף טאָג זײַן באַ אײַך אין דער שטאָט יענדזשעיוו.

— ביטע זייער, קומט אומבאַדינגט, — האָב איך אים אײַנגעלאַדן, ווי צו זיך אַהיים אויף אַ וועטשערע.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען מיר שוין געווען ניט ווײַט פֿון דער בריק, באַ וועלכער ס'איז געשטאַנען פּיאָדאַראָוו באַטאַליאָן. אויף דער בריק האָבן זיך געפּאָרעט די סאַפּיאָרן, פֿון רעכטס האָט דער בריגאַדע־אינזשעניער ביסטראָוו אופגעריסן דאָס אײַז־הײַטל, וואָס האָט פֿאַר־צויגן דעם טײַך נידאַ, — ער האָט געגרייט אַ דורכגאַנג פֿאַר די טאַנקען. דאָ, אויפֿן ברעג פֿונעם טײַך, האָט פּיאָדאַראָוו אָנגעצילט דעם שטראַל פֿון זײַן האַנט־לאַמטערנדל אויף דער קאַרטע און ראַפּאָרטירט דעם קאָמאַנדאַרם, וואָס פֿאַר אַן אופגאַבע עס איז פֿאַר אים, פֿאַר פּיאָדאַראָוון, געשטעלט געוואָרן. די קאַרטע איז געווען צעקנייטשט און נאַס. ריבאַלקאָ האָט מיט אַ שמייכל אַ פֿרעג געטאָן:

— איר וועט ניט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן מיט אַזאַ קאַרטע?

— פֿאַרשטייט זיך, אַז ניין, כאַוועַר גענעראַל. כ'וועל קומען אַהין, ווו עס איז באַפֿוילן, אָן אַ קאַרטע אויך.

— דאָס ביסטו גערעכט. נאָר אָן אַ קאַרטע קאָן מען ווײַט ניט אַוועקגיין, — און מיטאַמאָל, ווי ער פֿלעגט דאָס אָפֿט טאָן, האָט דער קאָמאַנדאַרם אַ פֿרעג געטאָן גאָר וועגן עפּעס אַנ־דערש, — און וויאַזוי וועט איר נעמען וועליון?

דער קאָמבאַט האָט אויף אַזאַ פֿראַגע זיך ניט געריכט, און קיינער האָט פֿאַר אים אַזאַ אופגאַבע ניט געשטעלט. די שטאָט וועליון האָט זיך געפֿונען אויף 150 קילאָמעטער ווײַטער פֿון דער פֿראָנט־ליניע.

— פֿאַר אַ קאָמבאַט איז דאָס אַ ביסל צו ווײַט, — האָט איך געפּרוווט זיך אײַנשטעלן פֿאַר פּיאָדאַראָוון.

— ניט ריכטיק, — האָט ריבאַלקאָ שאַרף מיך איבערגעשלאָגן, — ער דאַרף וויסן די הויפּט־ריכטונג, ער דאַרף אַפֿילו האָבן אין די הענט דעם פּלאַן פֿון בערלין.

אמפערן זיך מיטן קאָמאַנדאַרם האָב איך זיך ניט געקליבן, כאָטש פּאַווע סעמיאַנאָוויטש איז געווען ניט אינגאַנצן גערעכט. פונוואַנען האָט א באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר געקאָנט וויסן דעם פאַרטראַכט פון א פראָנט־ אָדער ארמיי־אָפּעראַציע? אפילע מיר, קאָמאַנדירן פון בריגאַדעס, האָבן ניט געוווּסט די דעטאַלן פון די ארמיי־אָפּעראַציעס. אָבער דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אלץ ניט באַרויִקט:

— עס פירן די שלאַכט ראָטעס, באַטאַליאָנען. פון זיי איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פון די קאָרפּוסן און ארמייען, און אויב איר ווילט וויסן, דער דערפאָלג פון פראָנט. און איר קלערט, אז אײַערע קאָמבאַטן דאַרפן ניט וויסן די סיטואַציע און די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוו.

איך האָב פאַרזיכטיק באַמערקט, אז דער סטאַטוט רעקאָמענדירט אָפּצוהיטן די מיליטער־רישע סודעס. כ׳האָב דאָס געזאָגט און דערנאָך שוין כאַראָטע געהאַט. ריבאַלקאָ האָט מיך דורכגענומען מיט זײַן בליק אַף דורך און דורך.

— איך ווייס ניט ערגער פון אײַך, וואָס עס הייסן סודעס. כ׳האָב אליין פאַנאַנדערגעאַר־בעט דעם סטאַטוט און ניט איין יאָר אונטעריכטעט אין אקאַדעמיע. נאָר איך וויל, איר זאָלט פאַרשטיין, אז אונדזערער אַן אָפּיצער פאַרדינט גרויסן צוטרוי, זאָל דער קאָמבאַט וויסן אונדזערע פּלענער, אונדזערע פּערספּעקטיוון. זאָל ער מאַמאָשעסדיק דערפילן, וואָס איז אזוינס דרעזדען, בערלין, — א ביסל זיך באַרויִקט, האָט פּאַווע סעמיאַנאָוויטש פאָרגעזעצט: — ס׳איז ניט גע־פערלעך, אויב מיר וועלן אפילע זינדיקן לעגאַבע דעם סטאַטוט. מיר זײַנען ניט קיין דײַטשן און וועלן זיך ניט האַלטן בלינד באַם סטאַטוט. דער סטאַטוט איז ניט קיין דאָגמע. איר געדענקט, וואָס פּיאָטער דער ערשטער האָט וועגן דעם געזאָגט? „האַלט זיך ניט באַם סטאַטוט, ווי א בלינדער באַ דער וואַנט...“

דאָס ערשטע מאָל זינט דער מילכאָמע האָב איך געזען ריבאַלקאָן אזא באַגײַסטערטן, אזא פלאַמענדיקן.

די האַרמאַטן־שיסערײַ, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט דערמאָנט, אז ס׳איז ניט די צײַט און ניט דאָס אָרט אַף דעבאַטן. דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך גענומען אײַלן — אינדערפרי האָט מען געדאַרפט ארײַנפירן אין שלאַכט די הויפּט־קרעפטן פון דער טאַנקען־ארמיי.

— א שאָד, פרײַנט מײַנע, — האָט ריבאַלקאָ גענומען זיך געזעגענען, — נאָר ס׳איז צײַט צו פאָרן. מיר שלאָגן זיך איצט סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר אונדזערע פאַרבינדעטע. איר האָט, מינהאַסטאַם, געהערט, אז מע האָט זיי א קוועטש געטאָן הינטער די אַרדענען. וועלן מיר זיי דאַרפן קומען צוהילף, — האָט ער כיטרע א ווונק געטאָן, — אָן אונדז וועט זיי זײַן שווערלעך.

ריבאַלקאָ האָט ליב געהאַט א שמועס צו טאָן מיט מענטשן, און געטאָן האָט ער עס מײַסטער־האַפט. נאָך בײַס דעם בירגערקריג האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן טאַלאַנט פון א קאָמיסאַר, ווען ער האָט געפירט אין שלאַכט קעגן די דעניקינצעס און ווײַספּאָליאַקן א קאַוואַלעריסטישן פּאָלק. שמועסן מיט מענטשן האָט אים געהאָלפן זײַן שאַרף און פינקטלעך וואָרט פון א דיפּלאָמאַט. מיט גרויס דערפאָלג האָט ער זײַנערצײַט אויסגעפילט די דאָזיקע ראָליע אין פוילן און אין כינע.

— אָט וועלן מיר זיי א קלאַפּ טאָן איבערן קאָפּ. אינגיכן, גאָר אינגיכן וועלן מיר שטיין מיטביידע פיס אַף דער דײַטשישער ערד. און איר, אײַער בריגאַדע, וועט דאָרט זײַן די ערשטע.

איך האָב קוים אויסבאַהאַלטן דעם שמייכל. ניט נאָר מײַן בריגאַדע האָט ער באַפוילן זײַן די ערשטע. דער גענעראַל האָט זיך געזעגנט מיט אונדז, גרינג ארײַנגעשפּרונגען אין דער מאַשין, וועלכע איז גלײַך פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש.

אפן אַנדערן טאָג איז אונדזער מיליטער אריבערגעגאַנגען אפן מײַרעוודיקן ברעג פון נידאַ. די ארטילעריע און די מינענוואַרפער האָבן אופגעריסן די הרעבליע און ארויסגעלאָזט דאָס וואַסער פון טײַך, און די „פיר־און־דרײַסיקער“ זײַנען אריבער דעם טײַך.

מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן צערויִנירטע דזאָטן, צעשמעטערטע שוץ־אײַנריכטונגען, דער וועג אַף יענדזשעיוּוו איז געווען פרײַ.

איך גיב אָפּ א קאָמאַנדע „פאַרלאָזן דעם שאָסיי!“

די פּראַקטיק פון די פריִערדיקע שלאַכטן האָט אונדז אונטערגעזאָגט, אז גלײַכער וועט זײַן פאַר אונדז זיך לאָזן מיט די יאַרן, באַלקעס און אומוועגן.

און אָט איז דער קאָמאַנדיר פונעם 1־טן באַטאַליאָן פּיאָדאָראָוו ארויסגעשפּרונגען מיט זײַנע טאַנקען דאָרעמדיקער פון דער שטאָט. זײַן קלאַפּ איז געווען אזוי אומגעריכט, אז די דײַטשן האָבן ניט באַוויזן זיך ארומצוקוקן. איין ראָטע פונעם דאָזיקן באַטאַליאָן האָט פאַרכאַפּט די אײַזנבאַן־סטאַנציע, און די צווייטע איז אַוועק צום אַעראָדראָם. די דײַטשן האָבן אפילע ניט געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן. פון אָנפאַנג האָבן זיי געמיינט, אז דאָס זײַנען זייערע טאַנקען, און ווען זיי האָבן זיך ארומגעקוקט, איז שוין געווען צו שפּעט. פון מיזרעך און פון דאָרעם זײַנען אונטערגעקומען די הויפּט־קרעפטן פון אונדזער בריגאַדע. איצט האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע

באַדינגונגען אַף אויסצופּילן מײַן פּלאַן, וועלכן כ׳האָב געהאַט פּאַרטראַכט: ניט פּאַטערן קיין איבעריקע מינוט, ניט וואַרטן אַף גאַלאַוואַטשאַוס מאַטאַשיסער־בריגאַדע און אַוועק אין אַטאַקע.

פינף און זעכציק טאַנקען און צוואַנציק „סאַמאָכאַדקעס" האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין שלאַכט־ליניע. אינדערלופטן האָבן זיך אַ ריס געטאָן ראַקעטעס, און הונדערטער סנאַריאַדן האָבן גענומען פליִען איבער די קעפּ פון די דײַטשן. צען מינוט נאָכאַנאַנד האָבן מיר באַגאָסן דעם סוינע מיט פײַער. דערנאָך האָבן די טאַנקען זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס, צעשמעטערנדיק אַפן וועג די קעגנטאַנקען־אײַנריכטונגען. אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין דער פאַרשטאָט פון יענדזשעיוו.

די דײַטשן זײַנען אַפּגעטראָטן צו דער שטאָט, האָפנדיק, אַז די שטאָטישע ווענט וועלן זיי ראַטעווען פון אומקום, נאָר מײַנע טאַנקען האָבן גענומען שנעלער אָנגרײַפן, און אָט זײַנען זיי שוין אַף די גאַסן פון יענדזשעיוו.

איך בין אַרופגעשפרונגען אַף עפּעס אַ פאַרשפּעטיקטן טאַנק, וועלכער האָט מיך געבראַכט אַף דעם צענטראַלן פּלאַץ.

די שטאָט איז געפאַלן. אײַנגענומען האָבן מיר זי אָן באַזונדערע שוועריקײַטן. מיר האָבן פאַרכאַפּט טויזנטער געפאַנגענע, דעם אַעראָדראָם מיט אַלע גאַנצגעבליבענע אַעראָפּלאַנען, גרויסע שפּײַכלערס. כוץ דעם, האָבן מיר באַפרײַט צוויי עשעלאָנען מיט סאָוועטישער יוגנט, וועלכע די דײַטשן האָבן געטריבן אַף מײַרעוו אין דער פאַשיסטישער קנעכטשאַפט.

די פּאָליאַקן האָבן אונדז געהאָלפן אָפרייניקן די שטאָט פון די פאַשיסטן און אויך אײַנאַרדענען אַ זאַמלפּונקט פאַר די קריגסגעפאַנגענע.

מײַן פרײַנט גאַלאַוואַטשאַוו איז געווען שטאַרק איבעראַשט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז די 55־טע טאַנקען־בריגאַדע געפינט זיך שוין אין דער שטאָט גופא. פון אָנפאַנג האָט ער ניט געוואָלט גלייבן, און קעדיי זיך איבערצײַגן אין דעם, האָט זײַנע אַ באַטאַרייע אויסגעשאָסן. צום גליק, האָט עס קיינעם ניט געשאַט. עס האָבן גענומען פליִען ראַדיאָגראַמעס צום קאָמקאָר און צו גאַלאַוואַטשאָוון, מע זאָל ניט שיסן איבער דער שטאָט.

באַנאַכט, ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט גאַלאַוואַטשאָוון, האָט ער באַרויִגעז געזאָגט:

— אָט דאָס הייסט אַ לאַנדסמאַן? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט קומען איינער דעם אַנדערן צוהילף, צונויפגעשטעלט טאַבעלעס, אײַנגעשטעלט סיגנאַלן, און דו פאַרנעמסט זיך גאָר מיט פאַרטיזאַנשטשינע, — גאַלאָוואַטשאָוו האָט מיך געשטראָפט און דערבײַ געקוקט אַף מיר מיט גוטע אויגן, ער איז, נאַטירלעך, צופרידן געווען, וואָס די שלאַכט איז דערפאָלגרײַך פאַרענדיקט געוואָרן.

קיין יענדזשעיוו איז אַראָפּגעקומען דער שעף פון אַרמיי־שטאַב דמיטרי דמיטריִעוויטש באַכמעטיעוו. באַטראַכט דעם אַעראָדראָם, די אײַזנבאַן־סטאַנציע, האָט ער אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, מע זאָל עוואַקויִרן די געפאַנגענע. ער האָט זיך שנעל פאַנאַנדערגעקליבן אין דער געשאַפענער לאַגע און פאַרפינקטלעכט די ווײַטערדיקע אויפגאַבע פון אונדזער בריגאַדע. באַם געזעגענען זיך האָט באַכמעטיעוו מיך אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך:

— מאָלאַדעץ! איך וועל אַזוי טאַקע זאָגן פּאַוועל סעמיאָנאָוויטשן. איר פאַרשטייט, אײַער בריגאַדע האָט איבערגעשניטן די זייער וויכטיקע מאַגיסטראַל קעלץ — קראַקאָוו, איר האָט געעפנט דעם וועג אַף טשענסטאָכאָוו. אַהין וועלן מיר אינדערפרי אַרײַנלאָזן טשוגונקאָווס בריגאַדע.

פון דער פינצטערניש איז ווי אַרויסגעשוווּמען מײַן אַדיוטאַנט און אונדז אײַנגעלאַדן אַף וועטשערע. אַפן קליינעם טישעלע פונעם ענגן שטאַב־אויטאָבוס האָט פּיאָטער קאָזשעמיאַקאָוו, ווי אַ גוטער סוּיכער, פאַנאַנדערגעלייגט זײַן סכוירע: האָלענדישע שפּראָטן, בעלגישע קיקעס, ווינער שאָקאָלאַד, געקינצלטע פלעשער מיט פראַנצויזישן קאָניאַק „מאַרטעל" און „נאַפּאָלעאָן".

דורך די גראָבע גלעזלעך פון זײַנע ברילן האָב איך געזען, ווי די אויגן בא דמיטרי דמיטריִעוויטשן האָבן גענומען פינקלען.

— פונוואַנען קומט עס צו אײַך?

— דער קאָמאַנדיר פונעם 1־טן באַטאַליאָן האָט פאַרכאַפּט צוואַנציק וואַגאָנען מיט שפּײַז, — האָט דערקלערט דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל, וועלכער איז געשטאַנען דאָ באַנאַנד.

אין יענער נאַכט האָט אונדזער גאַנצע טאַנקען־אַרמיי זיך אַ לאָז געטאָן דורך דער דורכגע־בראָכענער שוץ־ליניע פונעם קעגנער. דאָס מיליטער האָט געשפּאַנט פאָרויס, איבעריאָגנדיק די דײַטשן, וועלכע זײַנען געלאָפן אַף מײַרעוו. אָט איז זי — די אָפּעראַטיווע ראַכוועס, וועגן וועלכער ס׳האָט די גאַנצע צײַט געטרײַמט איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קאָניעוו, וועגן וועלכער עס האָט געטרוימט פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש ריבאַלקאָ און אויך מיר — די קאָמאַנדירן פון טיילן און פאַרייניקונגען.

ניט אומקוקן זיך אַף צוריק — ניט מוירע האָבן פאַר קיין אָפענע פלאַנגען — גיין פאָרויס און נאָר פאָרויס, דעמאָראַליזירן דעם סוינעס אריערגאַרדן, פאַרניכטן די טיפע רעזערוון — אָט צו וואָס מיר האָבן געשטרעבט אין די יאַנוואַר־טעג פונעם 1945 יאָר.

ס'איז נאַטירלעך, וואָס אַלע זײַנען מיר געווען שטאַרק אופגערעגט, ווען מיר זײַנען צוגע־קומען צום טײַך ווארטא — דאָ איז פריִער געווען די דײַטשישע גרענעץ.

די נאַכט אַפן 18 יאַנוואַר האָט זיך אויסגעגעבן זייער א נאַסע. א קלעפּיקער שניי האָט די גאַנצע צײַט פאַרשטעלט די שפּאַרונע־פענצטערלעך פון די טאַנקען, די „דוואָרניקעס" זײַנען אַלע מאָל געבליבן שטיין אַף די שויבן פון די אווטאָמאָבילן. אין די שרעקלעכע בלאָטעס האָבן מיר ניט געקאָנט דורכמאַכן מער פון צוויי־דרײַ קילאָמעטער א שאָ.

איך האָב אָפּגעשטעלט די בריגאַדע סאַמע באַם טײַך. דער אינזשעניער ביסטראָוו האָט מיט זײַנע סאַפּיאָרן באַטראַכט די בריק און געמאָלדן, אַז פאַרפעסטיקן זי וועט מען קאָנען ערשט אינדערפרי, ווײַל איצט זײַנען ניטאָ קיין שום מאַטעריאַלן אַף צו טאָן דאָס.

— מאָרגן וועט זײַן שפּעט, ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש. הײַנט באַנאַכט דאַרפן מיר זײַן אַף דער דײַטשישער ערד. דו פאַרשטייסט עס צי ניט? מיר האָבן דאָך געגעבן א וואָרט זײַן דאָרט די ערשטע!

די טאַנקען זײַנען אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט דער קאָלאָנע אווטאָ־מאַשינעס, בראָנעוויקעס, ראַדיאָסטאַנציעס. צוזאַמען מיט דער דאָזיקער קאָלאָנע איז איבערגע־גאַנגען די בריק אויך דער שטאַב פון דער בריגאַדע.

און אָט זײַנען מיר אַף דער דײַטשישער ערד. אַרום־און־אַרום איז פינצטער, דער וועג איז פּוסט. דער ערשטער באַפעלקערטער פּונקט אַף דער דײַטשישער טעריטאָריע קוקט אַף אונדז מיט אויסגעלאָשענע פענצטער פון ציגלנע שטיבער. אַף א גרויסער שנעלקײַט רײַסן מיר זיך ארײַן אין צענטער פונעם יישעוו. א שאַרף געפיל פון נעקאָמע פאַרפּרעסט דאָס האַרץ. יאָ, מיר זײַנען געקומען אַהער ווי גערעכטע ריכטער...

דער אינזשעניער ביסטראָוו האָט מײַן באַפעל אויסגעפילט. אונדזערע טאַנקען זײַנען יענע נאַכט איבערגעגאַנגען דעם טײַך ווארטא. ניט גרינג איז עס אָנגעקומען די סאַפּיאָרן און די טאַנקיסטן: די וואַסער האָט פאַרגאָסן די ליוקן, נאָר ניט געקוקט דערויף, וואָס די מענטשן זײַנען געווען דורכגעווייקט און פאַרפרוירן, זײַנען זיי געווען די גליקלעכסטע אין יענער היסטאָרישער נאַכט — זיי האָבן איינע פון די ערשטע דערגרייכט די אַלטע דײַטשישע גרענעץ און מיט ביידע פיס זיך געשטעלט אַף דער דײַטשישער ערד.

מיר האָט די גאַנצע צײַט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַר אונדז איז דורכגעשפּרונגען עפּעס א טייל. צי האָט גאָלאָוואַטשאָוו זיך ניט אָפּגערעכנט מיט מיר פאַר יענדזשעיוו? ערשט אינדער־פרי, ווען ס'איז זיך צעגאַנגען דער נעפּל, האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעקליבן. ס'האָט זיך ארויס־געוויזן, אַז די גאַנצע נאַכט איז פאַר אונדז געגאַנגען א דײַטשישער באַטאַליאָן. ער איז גע־גאַנגען אַף מײַרעוו, און מיר האָבן געשפּאַנט נאָך אים. דער דאָזיקער באַטאַליאָן האָט אונדז טאַקע געבראַכט צו דער בריק.

דער דײַטשישער אָפיצער, וועלכן מיר האָבן פאַרכאַפּט, האָט אַנערקענט, אַז אויך ער האָט זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן אין דער סיטואַציע. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס שפּאַנט הינטער זיי א דײַטשישע קאָלאָנע.

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז סליוסאַרענקאָס און גאָלאָוואַטשאָווס בריגאַדעס האָבן אויך די נאַכט פאָרסירט דעם טײַך ווארטא. האַסטיק האָט זיך געטראָגן צו דער גרענעץ די 52־טע אַרמיי פונעם גענעראַל קאָראָטייעוו. דער אָנגריף איז פאָרגעזעצט געוואָרן אַפן גאַנצן פראָנט. איצט זײַנען אונדזערע וועגן געלעגן דורך ברענענדיקע דײַטשישע שטעט און כוטאָרס.

אין איינעם א באַפעלקערטן פּונקט, וועלכן די אײַנוווינער האָבן פאַרלאָזט, האָט אין א פענצטער זיך באַוויזן א פּאַסיקל שײַן. מיט א גרופּע אווטאָמאַטלער האָבן מיר זיך געלאָזט צו דעם דאָזיקן הויז. אַף דער שוועל האָט מען אונדז באַגעגנט מיט פריידיקע אויסגעשרייען. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָ האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונדזערע רוסישע מיידלעך, וועלכע זײַנען פאַרטריבן געוואָרן קיין דײַטשלאַנד פון כערסאָן, זאַפּאָראָזשיע, קיִעוו. שוין צוויי טעג, ווי זיי וואַרטן אַף אונדז.

צום ערשטן מאָל נאָך לאַנגע כאַדאָשים קנעכטשאַפט האָבן זיי מיט באַגײַסטערונג ארויס־געבראַכט דאָס ליבע וואָרט „כאַווער".

אַפן טיש האָט געברענט א טונקל קעראָסין־לעמפּל, וואָס האָט קוים באַלײַכט די אויסגע־מאַטערטע פּנעמער פון די באַפרײַטע. איבערשלאָגנדיק איינע די אַנדערע, האָבן די מיידלעך דערציילט וועגן דער קאַטאָרגע, וואָס זיי זײַנען דאָ אויסגעשטאַנען.

— וואָס זאָלן מיר איצט טאָן? — האָבן זיי אַלע אין איין קאָל געפרעגט.

— קלײַבט זיך אין וועג. אין א טאָג, אין צוויי ארום וועט מען אײַך אָפּפירן אהיים.

אף די וועגן און מאגיסטראַלן האָבן מיר אָפּט באגעגנט אויסגעצערטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענטשן: פראנצויזן, האָלענדער, טשעכן, דענער. זיי האָבן ווייטעקלעך געשמייכלט, אויסדריקלעך זשעסטיקולירט, געווינטשן און אויסגערופן באזונדערע ווערטער: „רוס, רוס", „סאָ־ וועטיק", „וויקטאָריאַ", „טאָווארישׂ". און מיר זײַנען געגאנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער. ווו איז אהינגעקומען די מידקײַט! דורך דער ראַדיאָ האָט זיך בלויז געהערט: „פאָרויס, פאָרויס!", און מיר זײַנען געגאנגען.

ניט באַגעגנענדיק קיין אָרגאַניזירטן ווידערשטאנד, זײַנען מיר אַוועק פאָרויס און זיך אָפּגעריסן פון דעם גרונט־מיליטער קימאַט אף אכציק קילאָמעטער.

ווי א פאַריאָגטע כײַע, האָט דער סוינע זיך געוואָרפן אין אַלע זײַטן, זוכנדיק א שפּארונע אף ארויסרײַסן זיך פונעם סאָוועטישן קעסל, נאָר אומעטום האָט ער זיך אָנגעשטויסן אף די טאנקען פון ריבאַלקאָן און לעליושענקאָן, אף די דיוויזיעס פון זשאַדאָוון און קאָראָטײעוון.

בוכשטעבלעך פונעם הימל איז צו אונדז אַראָפּגעקומען א ליבער גאסט אף אן אעראָפּלאַן „פּאָ־2". א פארבינדונגס־אָפיצער האָט אונדז געבראַכט צו פירן א קארטע, אף וועלכער ס'איז מיט א רויטן בלײַער געווען אַרומגענומען אין א קרײַזעלע די שטאָט וועליון. דאָס האָט באַ־ טײַט — פארקערעווען די בריגאדע אף דאָרעם־מײַרעוו, דורכמאכן א מארש פון 120 קילאָמעטער און קאַיאָר פארכאַפּן די שטאָט וועליון.

אין דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע האָבן מיר אַוועקגעשטעלט דעם צווייטן באַטאַליאָן, מיט וועלכן ס'האָט קאָמאַנדעוועט גריגאָרי סאַוואָטשענקאָוו. איך מיטן שטאב זײַנען געגאנגען נאָך אים, פירנדיק נאָך זיך צוויי טאנקען־באַטאַליאָנען, א באַטאַליאָן אויטאָמאַטלער און אן ארטי־ לעריע־דיוויזיאָן. מיר האָבן באַשלאָסן ניט האַלטן זיך באַ די אײַנגעשטעלטע דיסטאנצן, נאָר פארקערט, וואָס מער צונויפּפּרעסן די קאָלאָנע, מאכן זי קאָמפּאַקטער. דעם „טיל" פון דער בריגאדע האָבן מיר געלאָזט שטיין אפן אָרט, קעדיי די פעלד־קיכן, די ציסטערנעס, רעמאָנט־ מאשינעס זאָלן אונדז ניט פארשווערן דעם מארש.

מיט אויסגעלאָשענע פארעס האָט אונדזער טאנקען־קאָלאָנע זיך שנעל געטראָגן איבער די וועגן פון דײַטשלאנד. מיר האָבן איבערגעיאָגט אַבאָזן און אײַנצלנע מאשינעס מיט היטלע־ ריסטן. אקוראט און פּעדאנטיש, ווי עס פּאסט פאר דײַטשן, האָט מען אונדז אָפּגעטראָטן דעם וועג און דורכגעלאָזט פאָרויס. אין דער פינצטער האָבן זיי אונדז ניט דערקענט. זיי זײַנען, פארשטייט זיך, זיכער געווען, אַז אף זייערע וועגן באַוועגן זיך דײַטשישע טאנקען. אף דעם האָבן מיר טאקע אויסגערעכנט, ווען מיר האָבן באַשלאָסן דורכמאכן אָט דעם אויסערגעוויינ־ לעכן רעיד. איך בין געשטאנען אין מײַן טאנק אף א קעסטל סנאַריאַדן און אין די הענט געהאַלטן א ראַדיאָ־אײַנריכטונג, גרייט אין א באַליביקער מינוט אָפּגעבן א באַפעל, אַז די בריגאדע זאָל ארײַנטרעטן אין שלאַכט.

מיר זײַנען פארבײַגעפאָרן שטעטלעך, דערפער, כוטאָרס, וואָס זײַנען אײַנגעהילט געווען אין טיפן שלאָף.

ס'איז שוין געווען טיפע נאכט, ווען מיר זײַנען ארויסגעשפּרונגען פון עפּעס א וועלדל און געבליבן שטיין ניט ווײַט פון אן אומבאַקאנטער שטאָט. אין דער פינצטער האָט זי אויס־ געזען מוירעדיק גרויס. די שטאָט איז געלעגן אין א ריזיקן יאַר. פון אַלע זײַטן האָבן געווונקען פארטונקלטע עלעקטרישע לאַמטערנס. מיר זוכן אין דער קארטע, קוקן זיך אײַן אין דער פינצטערניש און ווילן געפינען וועלכע־ניט־איז סימאָנים אף צו אָריענטירן זיך. אַלץ איז דאָ אומבאַקאנט. די ליכטנדיקע ווײַזערס פונעם זייגער רוקן זיך צו דער דרײַ.

סווערביכין שעפּטשעט מיר אפן אויער:

— דאָס דארף זײַן וועליון. לויטן קילאָמעטראַזש, לויט דער צײַט פּאַלט עס צונויף.

לויט דער קארטע דארף דאָ אָבער זײַן א פלאַכלאנד און וועלדער, וואָס רינגלען ארום די שטאָט פון דרײַ זײַטן.

פון דער פינצטער האָבן זיך באוויזן עטלעכע אויסשפּירער.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, כאָטש קאָמבריג, דאָס איז זי, אונדזער שטאָט, — האָט א פארמאַטערטער, אָבער א צופרידענער אָפּגעראַפּאָרטירט באָריס סאָוועליעוו.

— ווּעמענס, וועמענס, זאַגסטו? — האָט איבערגעפרעגט דמיטריעוו.

— ס'מאכט ניט אויס, זי וועט זײַן אונדזערע, — האָט אָסאַדטשי זיך ארײַנגעמישט.

דער שעף פון דער אויסשפּירונג האָט מיר דערלאנגט א שילדל און אָנגעצײַלט דעם שטראַל פון זײַן לאַמטערנדל אפן טונקעלן עמאַל — מער האָבן מיר ניט געצווייפלט, מיט גרויסע ווײַסע אויסיעס איז געווען אָנגעשריבן „וועליון".

ארום מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט מײַנע שלאַכט־פרײַנט, זיי האָבן געוואַרט אַף מײַן באַשלוס, אַף מײַן באַפעל — זיי זײַנען גרייט געווען אים אויסצופילן.

אויסגעהערט דעם באַפעל, האָבן די אָפיצערן זיך אַ לאָז געטאָן צו זייערע טיילן. סאַווטשענקאָוו מיט זײַן באַטאַליאָן האָט געדאַרפט אָנהייבן די אַטאַקע אַף דער מײַרעוו־דיקער פאָרשטאָט פון וועליון, פיאָדאָראָוו און אָסאַדטשי — זיך אַרײַנרײַסן פון דאָרעם. אַ באַ־זונדער אויפטראָג האָבן געהאַט די אווטאָמאַטלער — זיי איז באַפוילן געוואָרן דורכלייגן אַ וועג די טאַנקען, אָפרייניקן די געשלענגלטע ענגע געסלעך, וועלכע דער סוינע האָט געקאָנט גוט אויסנוצן.

אפילע דאָ, אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער לאַגע, האָט סטאַרטשענקאָ זיך ניט אָפּגע־זאָגט פון אַ שטאָך צו טאָן זײַן פרײַנט אָסאַדטשי:

— נו, ניקאָלײַ אַקימאָוויטש, גענוג צו פירן אַף די טאַנקען מײַן פּעכאָטע. איצט זע, אַז דו זאָלסט ניט אָפּשטיין פון איר, אַנדערש וועסטו האָבן קאָלטס און וואָרעמס.

אָסאַדטשי האָט גלײַך אַפן אָרט געענטפערט:

— גוט, גוט, מירן נאָך זען, ווער ס'וועט אַרײַנכאַפּן. אָן מײַנע טאַנקען וועסטו פאַרפאַלן ווערן, ווי אַ שפּילקע אין אַ וואָגן מיט היי.

איך מיטן שטאַב און אַ רעזערוו־ראָטע טאַנקען האָבן זיך געשטעלט הינטער פיאָדאָראָווס באַטאַליאָן.

— איר זײַט גרייט? — פרעגט דורך דער ראַדיאָ סוווערביכין.

— גרייט! — ענטפערט פיאָדאָראָוו.

— גרייט! — ענטפערט אָסאַדטשי.

די אווטאָמאַטלער, די אַרטילעריסטן, די סאַפּיאָרן און די אויסשפּירער האָבן געענטפערט דאָס זעלבע:

— גרייט! גרייט! גרייט!

— ווען מיר, הייסט עס, אָנהייבן, גריגאָרי אַנדרייעוויטש? — פרעג איך בײַ סוווערביכינען.

— מירן ריזיקירן, — ענטפערט ער.

און עס צעטראָגט זיך דורך דער ראַדיאָ דער סיגנאַל: „שטורעם!“, „שטורעם!“

עס האָבן גענומען רוישן די מאָטאָרן, די רויפן האָבן זיך צעקלונגען. די שטאָלענע לאַ־ווינע האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבערן סוינע. די טאַנקען און מינענוואַרפער, די האַרמאַטן און די קוילנוואַרפער האָבן געשאָסן, געשאָסן אָן אָן אויפהער, און סנאָפּעס טראַסירנדיקע קוילן און סנאַריאַדן זײַנען, איבעריאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, געפאַלן אַף דער שטאָט.

טויזנטער פילקאָלירטיקע ראַקעטעס האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל. די טאַנקיסטן און די שאָפערן האָבן אײַנגעשלאָסן די פאַרעס, און די נאַכט איז אַף אַ צײַט אָפּגעטראָטן. אַלע האָבן מיר זיך געלאָזט אַף וועליון. אין שטאָט איז געוואָרן אַ פּאַניק, אין פאַרשיידענע ערטער זײַנען אויסגעבראָכן סרייפעס.

דול געוואָרן פונעם אומגעריכטן אָנגריף, זײַנען די דײַטשישע סאָלדאַטן אַרויסגעשפּרונגען פון די קאַזאַרמעס און גענומען לויפן, ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן, נאָר אומעטום האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַף אונדזערע אווטאָמאַטלער, אַף אונדזערע טאַנקיסטן. די אָפיצערן פונעם גאַרניזאָן, וועלכע האָבן געוווינט אין פאַרשיידענע קוואַרטירעס פון שטאָט, האָבן געפּרווט צונויפנעמען גרופּעס סאָלדאַטן און אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד, נאָר דאָס האָט זיך זיי אָבער ניט אײַנגעגעבן. אַנדריי סעראַזשימאָוו האָט אַוועקגעפירט זײַנע אויסשפּירער צו דער עלעקטראָ־סטאַנציע און דאָרט אויסגעלאָשן די שײַן. זײַן פאַרטרעטער ניקאָלײַ נאָוויקאָוו האָט באַלעבאַ־טעוועט אַף דער טעלעפאָן־סטאַנציע. אַ שווערע נאַכט איז דאָס געווען, כאָטש בײַקומען דעם היגן גאַרניזאָן איז געווען ניט זייער קאָמפּליצירט. די גרעסטע שוועריקײַט איז באַשטאַנען דערין, וואָס אונדז האָט ניט געקלעקט קיין צײַט צו קאָאָרדינירן די אָפּעראַציעס פון דער אינפאַנטעריע, פון די טאַנקען און אַרטילעריע. ס'האָט געדראָעט אַ געפאַר, אַז מיר זאָלן באַשאָסן ווערן פון אונדזער אייגענעם מיליטער.

קיין פּלאַן פון דער שטאָט האָבן מיר ניט געהאַט, און דאָס האָט פאַרשווערט דעם אָנגריף פון די ראָטעס און באַטאַליאָנען, און דאָך האָבן מיר אויסגערעכנט ניט בלויז אַף ריזיק, ווען מיר האָבן אָפּגעגעבן דעם באַפעל אָנצוגרײַפן באַנאַכט, כאָטש, דעם עמעס געזאָגט, איז אָן ריזיק ניט מעגלעך קיין שום שלאַכט. מיר האָבן אויסגערעכנט אַף דער שלאַכטגעניטקײַט פון דער בריגאַדע, וואָס האָט שוין געהאַט אַ דערפאַרונג פון צענדליקער באַנאַכטיקע אַטאַקעס.

איך האָב זיך פאַרלאָזט אַף מײַנע קלוגע און דרייסטע כאַוויירים — אַף דעם סיביריאַק פיאָדאָראָוון, אַפן קרימטשאַק סאַווטשענקאָוון, אַפן געוועזענעם פאָרזיצער פון קאָלווירט אָסאַדטשי,

אויף דמיטריִעוון, וואָס איז ביז דער מילחמה געווען א סעקרעטאַר פון א ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, אַפן קאַדראָווע אָפיצער סווערביכינען, און קיין טאָעס האָב איך ניט געהאַט.

ביז פאַרטאָג האָט סטאַרטשענקאָ מיט זײַנע אווטאָמאַטלער אָפּגערייניקט די שטאָט — ער האָט געפאַנגען א גרויסע גרופּע פאַשיסטישע סאָלדאַטן און אָפיצערן. די טאַנקען־באַטאַליאָנען זײַנען ארויס פון שטאָט און אַוועק פאָרויס אַף צאָפן און אַף מײַרעוו. זיי האָבן פאַרנומען אַלע וועגן, וואָס פירן צום פראָנט, און זיך צוגעגרייט שטעלן א ווידערשטאַנד די דײַטשישע רעזערוון, וועלכע האָבן זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט.

ריבאַלקאָ האָט צוגעטײַלט זײַנע קאָרפּוסן, אונטערגעיאָגט די טאַנקען־טיילן און די מעכאַניזירטע בריגאַדעס, פאָדערנדיק פון אַלעמען גלײַך אויסנוצן דעם דערפאָלג פון די פאָרויס־געשריטענע אָטריאַדן. אַליין איז ער אַף אַן אָפענער מאַשין, אין דער באַגלייטונג פון א קלײנער גרופּע אווטאָמאַטלער, ארומגעפאָרן איבער די בריגאַדעס און באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן זיך ארויסגעריסן ווײַט פאָרויס.

ניט ווײַט פון דער שטאָט האָט זיך אַף א באַרג־שיפּוי געפונען א קלײנינק כוטאָרל, וואָס איז געווען ארומגערינגלט מיט א שטאַכעטן־פּלויט און מיט צוויי רייען הויכע טאָפּאָלן. סווערביכין האָט אויסגעקליבן דאָס דאָזיקע אָרט פאַרן שטאַב. דורכן פענצטער פונעם צווייטן שטאָק האָט מען גוט געזען וועליון.

אַן אויסגעמאַטערטער פון פיל שלאָפלאָזע נעכט, האָב איך זיך אײַנגעהילט אין מײַן פעלץ און שטאַרק אַנשלאָפן געוואָרן. פלוצעם האָב איך דערהערט קאָזשעמיאַקאָווס אויסגעשריי:

— דײַטשן!

דער אַדיוטאַנט האָט מיך געטאָרקעט, קוים אופגעוועקט פון שלאָף.

— וואָס פאַרא דײַטשן?

— א קאָלאָנע היטלעריסטן באַוועגט זיך אַהער, צום שטאַב...

איך בין גלײַך וואַכעדיק געוואָרן און צוגעפאַלן צום פענצטער. דורכן בינאָקל האָבן זיך בוילעט געזען סילועטן פון טאַנקען, פיר לאַנגע האַרמאַטן און א גרויסע צאָל אינפאַנטעריע.

— פאַרוואָס מיינט איר, אַז דאָס זײַנען דײַטשן?

סווערביכין האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— עס קאָן ניט זײַן, אַז דאָס זאָלן זײַן אונדזערע.

מיר זײַנען ארויסגעלאָפן פון שטוב. סווערביכין האָט אופגעהויבן אַף די פיס דעם גאַנצן שטאַב. די פײַנטלעכע קאָלאָנע האָט פאָרגעזעצט צו פויזען אין דער ריכטונג פונעם כוטאָר, ווי זי וואָלט אונדז גאָר ניט באַמערקט. שפּעטער האָבן מיר פעסטגעשטעלט, אַז די פאַשיסטן האָבן ניט געוווּסט, אַז וועליון געפינט זיך בא אונדז אין די הענט.

— וויִאַזוי וועלן מיר באַגעגענען די ניט־געבעטענע געסט? — האָט זיך געווענדט צו מיר סווערביכין.

— פאַרשטייט זיך, אַז מיט קאָוועד. די הויפּט־זאַך איז אָבער געדולד און אויסגעהאַלטנקײַט. זאָל די קאָלאָנע ארויס פון וואַלד און צוגיין נעענטער, דעמלט וועלן מיר זיך אָנוואַלגערן אַף איר...

דער מעהאַלעך צווישן אונדז און דעם קעגנער איז מיט יעדער מינוט קלענער געוואָרן. מיר האָבן שוין געהערט דעם געהויל פון די מאָטאָרן, דאָס קלימפּערײַ פון די רויפן...

דמיטריִעוו האָט מיך א צי געטאָן באַם אַרבל:

— איך מיין, אַז עס איז שוין צײַט.

— זאָלן זיי צוגיין נעענטער...

אַט איצט איז די צײַט! איך גיב א סימען, און א סנאָפּ גרינע ראַקעטעס רײַסט זיך אוף צום הימל. ס'האָבן גענומען שטעפן די אווטאָמאַטן, ס'האָבן אָנגעהויבן ריידן אַף זייערע באַסאָווע שטימען די גרויסקאַליבערדיקע קוילנוואַרפער, וועלכע האָבן אָן איבערײַס געשיקט טראַסירנדיקע קוילן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער פײַנטלעכער קאָלאָנע.

די טאַנקען־ראָטע אין דער שפּיץ מיטן יונגן אָפיצער מאַנינען האָט זיך א ריס געטאָן צום וואַלד און אָפּגעשניטן דעם סוינע דעם וועג אַף צוריק. פּיאָטער קאָזשעמיאַקאָוו איז געשטאַנען אַפן טורעם פון מײַן טאַנק און קאָרעקטירט דאָס פײַער פונעם האַרמאַט. די טאַנקאָווע רעזערוו־ראָטע האָט זיך ארײַנגעריסן פון הינטנאַרום מיט א העפטיק פײַער און מיט די רויפן גענומען פאַרניכטן די פײַנטלעכע טייל. פאַר א מין האַלבער שאָ איז די פאַשיסטישע גרופּע ליקווידירט געוואָרן.

די דײַטשן האָבן איבערגעלאָזט אַפן שלאַכטפעלד פיר טאַנקען, עטלעכע אונטערגעשלאָגענע האַרמאַטן, העכער דרײַ הונדערט געהאַרגעטע און א גוטע מייע געפאַנגענע.

נאָוויקאָוו האָט מיר געבראַכט צו פירן דעם קאָמאַנדיר פונעם צעשמעטערטן אָטריאַד.

— באַוואָר פּאַלקאָוניק, פונדעסטוועגן האָב איך אים געפּאַקט, — האָט אָפּגעראַפּאָרטירט דער אויסשפּירער.

פּאָר מיר איז געשטאַנען אַ האַלב־באַקעטער געזעצטער דײַטש מיט ברענענדיקע אויגן און מיט אַן אָראָפּגעהאַנגענער ליפּ.

— אָט איז זײַן מונדיר, זײַנע דאָקומענטן, דער ריטער־קרײַץ און אַלע שמאַכטעס, — האָט געמעלדן דער אויסשפּירער.

— עס־עס? — האָט איך געפרעגט דעם דײַטש.

— ניין, ניין, ניכט וואַר. איך בין פעלד־אָבערסט, — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט.

די געפאַנגענע פון זײַן אָטריאַד האָבן אים אָבער דעמאַסקירט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער פאַשיסטישער טוער פון דער היגער געגנט. די לעצטע טעג האָט ער צונויפגענומען אַ טויזנטקעפּיקן אָטריאַד פון פאַשיסטישע גאַרגלשנײַדער „פאָלקשטורעם“ און אים געפירט קיין וועליון. ערשט נעכטן האָט ער מיט שוים אויף די ליפּן געראָפן די אײַנוווינער פאַרנעם שכיינעסדיקן שטעטל קעמפן ביזן לעצטן אָטעם, און איצט האָט ער געפּרוווט דערווײַזן, אַז ער איז אין קיין זאַך ניט שולדיק.

— מע רעדט אָן אויף מיר! — האָט ער געוואַלדעוועט און געמאַכט מיט די הענט.

דער עסעסאָווער האָט זייער ניט גערן דערציילט, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען אין אוקראַינע.

— איך האָב וועראַבירט אַרבעטס־קראַפט, פאַרשריבן פרײַוויליקע, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין דײַטשלאַנד, — האָט ער געשטאַמלט.

מיר האָבן גוט געוווּסט, וואָס עס באַטײַט „וועראַבירן“. ביז איצט קלינגט נאָך אין די אויערן דאָס געוויין פון די סאָוועטישע מיידלעך און באָכערים, וועלכע זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין קנעכטשאַפט.

די שלאַכט איז שוין געגאַנגען צו ענדע, ווען דער פאַרבינדונגס־אָפיצער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז לעבן שטאַב האָבן זיך אָפּגעשטעלט מאַשינעס פון קאָמאַנדאַרם. איך בין צוגעלאָפן צו ריבאַלקאָ. דערציילן אים אײַנצלהײַטן וועגן דער פאַרגעקומענער שלאַכט האָט מען ניט גענדאַרפט. פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש האָט אַלץ אַליין צוגעזען.

— ווי גייט עס? — האָט ער געפרעגט.

— אַלץ איז אין אָרדענונג. די שלאַכט ווערט פאַרענדיקט. די פאַרלוסטן און די טראָפייען ווערן אונטערגעכעזשבנט...

— און ווו איז אײַער בריגאַדע?

— אין שטאָט און צאָפּנדיקער פון דער שטאָט.

ריבאַלקאָ האָט באַדויערנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אינטערעסאַנט! די בריגאַדע איז אין שטאָט, און דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע האָט מיט זײַן שטאַב זיך אָפּגעזונדערט און מע שלאָגט זיך אײנער אַליין. ווי רעכנט איר, ס'איז נאָרמאַל אַזוי?

— אינעם געגעבענעם פאַל, רעכן איך, איז עס נאָרמאַל, באַוואָר גענעראַל, — האָב איך שאַרף געענטפערט. איך האָב אָבער פאַרביסן אַ ליפּ, און נאָך אַ קורצער פּאַוזע פאַרגעזעצט שוין רויִקער: — דער „קאָפּ“ געפינט זיך אַפּן נייטיקן אָרט, דאָס, וואָס די פײַנטלעכע גרופּירונג איז געקומען קיין וועליון גראָד דורכדאַנען, באַרעכטיקט פולשטענדיק אונדזער אויסוואַל.

פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש האָט פאַרשטאַנען, אַז איך נערוויר זיך שטאַרק, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער און רויִק געזאָגט:

— מע דאַרף זיך ניט היצן. איך האָב דאָך איבערגעלעבט פאַר אײַך... דערציילט בעסער, וויאַזוי איז אײַך געלונגען באַנאַכט פאַרכאַפּן וועליון?

מיר זײַנען אַלע אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, זיך צוגעזעצט צום טיש, און איך האָב גענוי דערציילט דעם קאָמאַנדאַרם וועגן די באַנאַכטיקע געשעענישן.

הערנדיק מײַן באַריכט, האָט פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. פון מאָל צו מאָל האָט ער שטיל אַרײַנגעשטעלט אַ וואָרט: „גוט“, „זייער גוט“, „מאָלאַדצי“...

פּלוצעם האָב איך באַמערקט, אַז דער קאָמאַנדאַרם דרעמלט. זײַן פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, די באַקן זײַנען שטאַרק אײַנגעפאַלן און אונטער די אויגן האָבן זיך בוילעט אויסגעטיילט די אָנגעבראַקנטע זעקעלעך. ריבאַלקאָ האָט קיינמאָל ניט געשווינט זײַן געזונט. ער האָט זיך געטראָגן איבערן פראָנט — באַטאָג אָנגעפירט מיט די שלאַכטן און באַנאַכט זיך פאַרנומען מיט איבערגרופּירן די טיילן און פאַרייניקונגען, ער האָט באַוויזן צו זײַן אין די פאָרויסגעשריטענע אָטריאַדן, געפונען צײַט אויף אונטערצויאָגן די הינטערשטעליקע טיילן, בלויז אויף אָפּרוען האָט אים דער מעסלעס ניט געסטײַעט.

איך האָב געגעבן א ווונק, מע זאָל אופהערן צו טומלען. איך צימער איז געוואָרן שטיל, נאָר פאוועל סעמיאָנאָוויטש איז פּלוצעם ווי אן אָפּגעבריטער אופגעשפּרונגען פון אָרט.

— איר מיינט, אז איך בין אנשלאָפן געוואָרן? ניין, ברידערלעך, עס וועט זיך ניט באקומען, איצט איז ניט די צײַט אָף צו שלאָפן. מיד בין איך טאקע, נאָר אָפּרוען וועלן מיר זיך נאָך דער מילכאָמע.

עמעצער האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל עפּעס איבערכאַפּן. מיר האָבן אויסגעטרונקען צו קווערטלעך טיי, פארביסן מיט ברויט און קאָנסערוון. נאָכן איבערבײַסן האָט ריבאַלקאָ געזאָגט:

— אין א פּאָר שאָ ארום וועלן אונטערקומען גאַלאָוואַטשאָוו און ארכיפּאָוו. אָבער וואַרטן אָף זיי דארפט איר ניט. לאָזט איבער א טייל פון אײַערע קרעפטן אין שטאָט און אליין נעמט טייקעף צונויף די בריגאַדע, און פּונקט ווי פריִער, ניט ארײַנלאָזנדיק זיך אין קיין פארצויגענע שלאַכטן, יאָגט וואָס שנעלער צום אָדער. אָט האָט איר דעם מארשרוט, — האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן אָף די פּעטע רויטע ליניעס, וואָס זײַנען געווען אָנגעצייכנט אָף דער קאַרטע. איך בין ארויסגעגאַנגען באגלייטן דעם גענעראַל צו דער מאַשין.

— דאָס, וואָס איר האָט צעקלאַפּט אן אָטריאַד עסעסאָווצעס, איז זייער גוט. קיין טויטע קעמפן מער ניט, — און שוין זיצנדיק אין מאַשין, האָט ער שמייכלענדיק געפרעגט, — ווו זשע זאָל איך אײַך איצט דעריאָגן?

— אָפן אָדער, כאַווער גענעראַל.

— אָפן אָדער איז אָפן אָדער, נאָר זעט, איר זאָלט אויך דאָרט זיך ניט באהאַלטן פון מיר. — א ברייטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אָף זײַן מיד פּאָנעם.

אָנהייב פּעוורואַל איז דאָס מיליטער פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט ארויס צום אָדער און פארכאַפּט א גרויסן פּלאַצדארם אָפן מײַרעווודיקן ברעג פונעם דאָזיקן טײַך.

גלײַוויץ, קאַטאָוויצע, ריבניק, אָפּעלן, בריג — דער גאַנצער סילעזישער אינדוסטריִעלער ראַיאָן איז באפרײַט געוואָרן פון די דײַטשן.

דער ווינטערדיקער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער האָט געראַטעוועט די פאַרבינדעטע, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאַלן אין א שווערער לאַגע הינטער די אַרדענען. מיר האָבן אָפּגענומען באם דײַטש די מעגלעכקײַט צו מאַנעווורירן. אין דער בײַבאַלטיק און אין מיזרעך־פּרײַסן זײַנען איבערגעמאַלט געוואָרן די ארומגערינגלטע דרײַסיק דײַטשישע דיוויזיעס. דאָס מיליטער פונעם מארשאַל ראַקאָסאָווסקי האָט זיך ארײַנגעשניטן ווײַט אָף צאָפן־מײַרעוו און ארויס צום באַלטישן יאַם.

די פראָנטן פון די מארשאַלן מאַלינאָווסקי און טאָלבוכין האָבן באפרײַט בולגאַריע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע.

דער 4־טער אוקראַיִנישער פראָנט האָט מיט זײַנע דיוויזיעס זיך אַראָפּגעלאָזט פון די קארפּאַטן. דער 1־טער אוקראַיִנישער און דער 1־טער ווײַסרוסישער פראָנטן האָבן ווי אן אײַזערנע וואַנט זיך געשטעלט אָף דער סטראַטעגישער ריכטונג, וואָס האָט געפירט צו בערלין.

„ס'איז ניט מעגלעך צו באשרײַבן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן ווײַסל און אָדער אין די ערשטע כאָדאָשים פון 1945 יאָר. אייראָפּע האָט קיין ענלעכס ניט געוווסט זינט די צײַטן, ווען עס איז אומגעקומען די רוימישע אימפעריע", — אזוי האָט דערנאָך דערקלערט דער שעף פונעם שטאַב פון דער 4־טער טאַנקען־ארמיי דער פאַשיסטישער גענעראַל מעלענטין, אזוי האָבן שפּעטער אויך געמאָלדן די פעלדמארשאַלן פאָן מאַנשטיין און גענעראַל מאַנטייפל...

וויסנדיק, וואָס פארא ראָליע עס וועט דארפן אָפּשפּילן דער מײַרעווודיקער ברעג פונעם אָדער, האָט דער פראָנט־קאָמאַנדיר געשיקט אין יענעם ראַיאָן די טאַנקען־ארמייען פון ריבאַלקאָ און לעליושענקאָ, די טאַנקען־קאָרפּוסן פון קוזנעצאָוו, פּאָלובאָיאַראָוו און פּאָמינָיך, די שיסער־דיוויזיעס פון זשאַדאָוו און קאָראָטייעוון. דער אָדער איז פאָרסירט געוואָרן אָף א פראָנט פון הונדערט קילאָמעטער און אָף א היפּשער טיף. איצט איז אין הינטערלאַנד געבליבן פּוילן, דער סילעזישער אינדוסטריִעלער ראַיאָן.

ריבאַלקאָס, זשאַדאָווס, לעליושענקאָס מיליטער האָט זיך א לאָז געטאָן צו די טײַכן באָבער און נייסע. עס זײַנען פארכאַפּט געוואָרן די שטעט שטיינאַו, ליגניץ, גיינאַו, שטערליץ.

איצט איז שוין דער אָדער אויך פארבליבן הינטער אונדז אָף א שטרעקע פון 80—100 קילאָמעטער. דאָרט האָבן זיך געפונען שפּיטאָלן, רעמאָנט־באַזעס, וואַרשטאַטן.

די רעגולירערנס פון די ארמייִשע וועג־באַטאַליאָנען זײַנען איצט געוואָרן די באַלעבאַטים אָף די דײַטשישע שאָסיי־וועגן.

מאַשענקאָ האָט ווידער באגלייט אונדזערע קאָלאָנעס מיט דעם לויטערן בליק פון אירע

בלויע אויגן. מיט אירע פענדלעך האָט זי גערוכטעט די טאַנקען, די אינפאַנטעריע און אַרטילעריע אַף די וועגן, וואָס פירן אַלץ ווייַטער און ווייַטער אַף מערעוו — אין דער טיף פון דייַטשלאַנד.

קוטוזאָווס האַרץ

שוין דער צווייטער טאָג, ווי עס איז פאַרפאַלן געוואָרן פיאָדאָראָווס באַטאַליאָן. דער פאַרבינדונגס־אָפיצער, וועלכן איך האָב געשיקט צו אים, האָט זיך ניט אומגעקערט. מייַן פאַרטרעטער איוואַן קאַלעניקאָוו האָט די גאַנצע נאַכט געזוכט דעם באַטאַליאָן און זיך אומגעקערט מיט גאָרניט. דער שעף פון פאָליט־אָפטייל האָט זיך געסטאַרעט מיך באַרויִקן:

— ס׳וועט אַלץ זייַן אין אָרדענונג. איר קענט דאָך דעם כיטראַק. מיר גלייבן זיך ניט, אַז די דייַטשן זאָלן אים פאַרכאַפּן אין די בערג.

איך האָב גענוי אויסגעפרעגט אָסאַדטשיך, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט פיאָדאָראָוון ערשט נעכטן באַטאָג. פיאָדאָראָוו האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַן אופגאַבע פונעם שטאַב־שעף פון דער בריגאַדע אַרויסגיין דאָרעמדיקער פון זאָראַו, פאַרכאַפּן די וועגן, וואָס גייען פון די בערג.

— און ווייַטער וואָס איז געווען?

— מער האָב איך אים ניט געזען. איך האָב בלויז געהערט ערגעץ פון אַ זייַט, ווי עס שיסן האַרמאַטן, — האָט אָסאַדטשי געענטפערט.

די שטימונג איז געווען בא מיר אַ שווערע. אייערנעכטן איז אין ניט קיין גרויסן באַפעלקערטן פונקט דערהאַרגעט געוואָרן דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר סאַוואַטשענקאָוו, פאַר מייַנע אויגן איז ער אומגעקומען. אָט וויִאַזוי עס איז געשען.

...פיאָדאָראָווס און אָסאַדטשיס באַטאַליאָנען האָבן באַנאַכט זיך אַרויסגעריסן ווייַט פאָרויס. אַ ראַדיִאָגראַמע האָט אונדז געגעבן צו וויסן, אַז זייערע טיילן געפינען זיך לעבן גייַנאַו. אַף אַזאַ דערפאָלג האָבן מיר זיך אַפילע ניט גערעכנט. דער ראַיאָן גייַנאַו האָט זיך געפונען פון אונדז אַף אַ מעהאַלעך פון פערציק קילאָמעטער. איך האָב באַפוילן פיאָדאָראָוון און אָסאַדטשין פאַרכאַפּן די שטאָט גייַנאַו. איצט האָט מען געדאַרפט וואָס גיכער אויסקערעווען סאַוואַטשענקאָווס באַטאַליאָן אַף צאָפן־מערעוו, נאָר איך האָב, ווי אַף צולאָכעס, זיך פאַרהאַלטן מיטן בריגאַדע־שטאַב און קוים דעריאָגט סאַוואַטשענקאָוון.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא אַ שטיינערנעם הויז, און איך האָב אַף סאַוואַטשענקאָווס קאַרטע אָנגעצייכנט מיט אַ פונקטיר־ליניע דעם מאַרשרוט, וווּהין ער דאַרף אינדערפרי אַרויסקומען. דער קאָמבאַט האָט אַ קוק געגעבן אַף דער קאַרטע און גלייַך פאַרשטאַנען, אין וואָס עס באַשטייט זייַן שלאַכט־אופגאַבע. ער האָט געשווינד פאַרדרייט אַ ציגאַר מאַכאָרקע, אַרייַנגעשפּרונגען אין טאַנק, און די באַטאַליאָן־קאָלאָנע איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש.

די שטאַב־מאַשינעס האָבן ניט באַוויזן זיך רירן פונעם אָרט, ווי אונדז האָט אַרומגערינגלט אַן אוילעם באַפרייַטע סאָוועטישע מיידלעך און באָכערים. די מערהייַט פון זיי איז נאָך געווען קינדער, נאָר אויסגעזען האָבן זיי ווי אַלטע לייַט.

האַלב־נאַקעטע, מיט שטרויענע טשוויאַקעס אַף די באָרוועסע פיס, מיט אויסגעצערטע צעקנייטשטע פּענעמער און גרויסע אויגן, האָבן זיי געקוקט אַף אונדז מיט אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייַט, שרעק און גליק. זיי האָבן אַרויסגערופן צו זיך ניט נאָר מיטלייַד, נאָר אויך האַרצקלעמעניש. יעדערער פון אונדז האָט זיך דערמאָנט די אייגענע ברידער און שוועסטער — פיל פון זיי איז אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל, אויב ניט נאָך ערגער... די כעוורע האָבן אונדז פאַרשאָטן מיט פראַגעס, מיר האָבן קוים באַוויזן צו ענטפערן.

פלוצעם האָט אין עק פון דאָרף אָפּגעהילכט אַ שטאַרקער אופרייַס. ס׳האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פלאַם, וואָס האָט באַלויכטן דעם פאַרוואָלקנטן הימל, און באַלד דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ שיסערייַ פון אויטאָמאַטן.

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין יענער ריכטונג און דערזען אַ ברענענדיקן טאַנק. באַנאַנד איז אַף אַ פאַרבלוטיקטן ברעזענט געלעגן אַ טויטער דער קאָמבאַט סאַוואַטשענקאָוו: די „פאַוסט־ניקעס‟, וועלכע האָבן זיך פאַרשפאַרט אין די הייַזער, האָבן אָפּגעטאָן זייער שוואַרץ שטיקל אַרבעט.

דער געוועזענער שאָפער פון קרים גריגאָרי איוואַנאָוויטש סאַוואַטשענקאָוו איז געווען איינער פון די גענִיטסטע טאַנקיסטן. אין יענער נאַכט איז פאַרזאָסעמט געוואָרן דער צווייטער באַטאַליאָן, מיט וועלכן ער האָט פיל כאַדאָשים אָנגעפירט. אין יענער נאַכט האָבן מיר זיך צערעכנט

מיטן סוינע אזוי ווי ער האָט פאַרדינט, — די פּאַשיסטן האָבן דערפילט אַף די אייגענע ביינער, וואָס עס באַטײַט גערעכטע נעקאָמע.

און איצט געפין איך זיך ניט קיין אָרט: שוין זשע איז אויך מיט פּיאַדאַראָוון געשען עפּעס שלעכטס? עס האָט זיך געוואָלט גלייבן, אַז ער וועט זיך אומקערן א גאַנצער און א געזונטער.

אַלע מאָל, ווען עס פלעגט באַזונדערס שווער ווערן, האָב איך אָן שום וואַקלעניש געשטעלט אַפן פאַראַנטוואָרטלעכסטן באַצירק דעם 1־טן באַטאַליאָן, מיט וועלכן ס׳האָט קאָמאַנדעוועט דאָס סיבירער באָכערל פּיאָטער פּיאַדאַראָוו. אין דער בריגאַדע האָט מען וועגן אים געזאָגט: „קלוג, כיטרע און פלינק". די ברוסט פון דעם דאָזיקן מענטשן האָבן באַשיינט עטלעכע אָרדענס פון דער רויטער פאָן, צוויי אָרדענס פון דער פּאַטעראָטענדישער מילכאָמע, אַן אָרדען פון אַלעקסאַנדער נעווסקי און פיל מעדאַלן, און דאָ ניט לאַנג צוריק איז געקומען דער קאָמאַנדאַרם רי־באַלקאָ און אים איבערגעגעבן א לעניך־אָרדען און א גאָלדענעם שטערן פון א העלד פון סאָ־וועטנפאַרבאַנד.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן זיך אומזיסט באַאומרויִקט. באַנאַכט האָט פּיאַדאַראָוו זיך אומגעקערט און דערצו נאָך געבראַכט צו פירן א גרויסע גרופּע קריגסגעפאַנגענע, א צענד־ליק מאַשינעס, אַנגעלאָדענע מיט געווער און אַנדערע טראָפייען.

נאָר אַרײַנגעכאַפּט האָט ער, ווי ער האָט פאַרדינט. כ׳האָב אים געדראָעט אַראָפּצונעמען פונעם באַטאַליאָן, פאַריאָגן אין היִנטערלאַנד... און ער איז געשטאַנען פאַר מיר אויסגעצויגן און געשוויגן, בלויז די אויגן זײַנע האָבן געשמייכלט.

— פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרהאַלטן? מאָרגן גייט די בריגאַדע אין שלאַכט, און דו ביסט פאַרפאַלן געוואָרן, — האָב איך זיך ניט געקאָנט באַרויִקן.

— איך בין ניט שולדיק, כאָווער פּאָלקאָווניק. כ׳האָב נאָך באַנאַכט און דערנאָך אינדערפרי זיך געריסן צו אײַך, נאָר מע האָט מיך ניט געלאָזט.

— א ראַדיאָגראַמע האָסטו באַקומען? — האָט סוווערביכין זיך אַרײַנגעמישט.

— נו, איז וואָס? — האָט ער א מורמל געטאָן. — די דײַטשן האָבן ניט געלאָזט... פון אָנ־פאַנג האָב איך זיי געהאַלטן באַם אַרויסגאַנג פון די בערג, דערנאָך האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט פון דרײַ זײַטן און גענומען נעריקן. א גאַנצן טאָג האָב איך זיך געריסן פון זייערע „אָרעמס". ערשט אין אָוונט האָב איך זיי אָפּגעגנאַרט און אַרויסגעשפּרונגען.

ס׳זײַנען געבליבן געציילטע עטלעכע שאָ אַף צוגרייטן זיך צו דעם פאַרשטייענדיקן אָנגריף.

דעם 10 פעוורואַל איז די בריגאַדע צוגעטראָטן אויספילן איר שלאַכט־אויפגאַבע. אָסאַדטשי האָט דורכגעמאַכט א מאַרש פון קאַרגע פערציק קילאָמעטער און דערגרייכט דעם טײַך באָבער, פונדאַנען האָט ער גענומען אָנגרײַפן אַף בונצלאַו. סאַמע בא דער שטאָט האָבן די דײַטשן אונדז באַגעגנט מיט א שטאַרק פײַער. דער אָנגריף איז פאַרטאַרמאַזירט געוואָרן. ביזוואַנען ס׳איז אונ־טערגעקומען דער אַרטילעריסטישער פּאָלק, איז אוועק פיל צײַט. דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר האָט שטאַרק נערווירט, דער קאָמאַנדאַרם האָט געפאָדערט פון מיר מער ענערגיע און געגעבן אָנצו־הערעניש, אַז איך בין שולדיק אין דעם, וואָס די שטאָט איז נאָך ניט גענומען.

אין דער צווייטער העלפט פון טאָג האָבן מיר פאַרשטאַרקט די אַטאַקעס. אונדז זײַנען צו־הילף געקומען די אַרטילעריע און די גוואַרדייִשע מינענוואַרפער. אין שלאַכט איז אויך אַרײַנגע־טראָטן די אינפאַנטעריע. אין שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן סרייפעס. ס׳איז געוואָרן א פּאַניק. דעמלט האָבן די דײַטשן אופגעריסן די בריק איבערן טײַך. צו פאַרנאַכט־צו איז דער ווידערשטאַנד פונעם קעגנער פולשטענדיק געבראָכן געוואָרן. אינדערלופטן זײַנען אופגעפלויגן גרינע ראַקעטעס, און דאָס האָט באַטײַט, אַז מיר זײַנען שוין אין שטאָט. וואַרפנדיק דאָס געווער, איבערלאָזנדיק די פאַרוווּנדעטע, איז דער סוינע געלאָפן אין דער ריכטונג פון לאַובאַן, גערליץ. די פּאַשיסטן האָבן גערעכנט, אַז פון יענער זײַט טײַך נייסע וועלן זיי זיך ראַטעווען פון אונדזער צעשמעטערנדיקן קלאַפּ.

די שטאָט איז געווען אין פלאַמען. דער שניי האָט אופהער געשאָטן און פאַרשטעלט דעם וועג. די טאַנקען און די האַרמאַטן זײַנען פאַמעלעכן געקראָכן איבער די גאַסן פון בונצלאַו. די טאַנקיסטן האָבן אופגעעפנט די לויקן און די טירלעך, זיך אַרויסגערוקט ביז האַלב, קעדיי צו זען דעם וועג כאָטש אַף א מעטער צי צוויי.

דער געדיכטער שניי אַפּן פאָן פון די בלוטיק־רויטע פײַער־צונגען און די עלעקטרע־שײַן פון די גאַס־לאַמטערנס, וואָס האָבן העל געברענט, האָט צוגעגעבן דער שטאָט א פאַנטאַסטישן אויסזען.

איך בין געפאָרן אין אַן אָפּענעם „ווילּיס", וואָס איז פאַרקוועטשט געווען פון אַלע זײַטן מיט טאַנקען. פלוצעם האָט עפּעס דורכגעשווינדלט און זיך גענומען דרייען אין שניי־געווירבל. איך האָב קלאָר דערזען פאַר דער מאַשין א פרוי אין א טונקל קלייד מיט א ווײַס קראַגעלע. וואָס

שפרינגט זי ארום דער מאַשין? עפּעס דאַכט זיך מיר? עפּעס איז מיט מיר ניט קעשורעס. מעגלעך, אַז כ'האָב שוין אָנגעהויבן האַליוציני́רן...

— מיר דאַכט, אַז איך ווער קראַנק, גריגאָרי, — האָב איך זיך פאַרקלאָגט פאַרן שאָפער, — עס הייבן זיך אָן בײַ מיר האַליוצינאַציעס. אין שנײ זע איך טאַנצנדיקע פרויען, אָט איז אײנע, אַ צווייטע, אַ דריטע...

— איך זע זײ אויך, — האָט אויסגעשריגן גאַסישווילי און גלײַך פאַרטאָרמאָזירט די מאַשין. מיר זײַנען אַרויס פונעם „ווילִיס". די גאַנצע קאָלאָנע איז שטײן געבליבן. אונדז האָט אַרומגערינגלט אַ האַמוין פון פרויען. אַלע זײַנען זײ געווען אָנגעטאָן אין טונקעלע קליידער מיט ווײַסע קעלנערלעך. זײ האָבן געלאַכט, אונטערגעשפּרונגען און געקוויטשעט. ס'האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן אײַנדרוק. קײן רוסיש האָבן זײ ניט פאַרשטאַנען, זײ האָבן אַלע אָנגעוויזן מיט די הענט אויף אַ הויז, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען.

אַנדרײ סעראַזשימאָוו האָט מיט זײַנע אויסשפּירער זיך געלאָזט צו דער ברענענדיקער געבײַדע. פון הינטער די פאַרשפּאַרטע טירן האָבן זיך געטראָגן מוירעדיקע געשרײען. סאָפּקאָלסאָף האָבן מיר זיך פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

אין יענעם הויז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך געפונען אַ שפּיטאָל פאַר פּסיכיש־קראַנקע פרויען. בײַס דער פּאַניק איז דער פּערסאָנאַל פונעם שפּיטאָל אַנטלאָפן פון שטאָט און פאַרשלאָסן די אַרויסגאַנג־טירן. אײניקע קראַנקע זײַנען אַרויסגעשפּרונגען דורך די פענצטער פונעם צווייטן און דריטן גאָרן. אונדזערע אויסשפּירער האָבן אויפגעבראָכן די טירן און אַרויסגעפירט די מענטשן פונעם ברענענדיקן הויז.

דער קאָמענדאַנט פון שטאַב האָט אין צענטער פון שטאָט אָפּגעזוכט אַ שטילע געסל און אײַנגעאָרדנט אונדזער שטאַב אין אַ באַקוועם הויז. פונדאַנען האָבן געמומען פליִען סוואָדקעס, באַריכטן און טעלעגראַמעס. פונעם קאָמקאָר איז אָנגעקומען אַ ראַדיאָגראַמע: „ביז אינדערפרי זיך ניט רירן פון אָרט!... מאָרגן, דעם 11 פעווראַל, אָנגרײַפן אויף לאַובאַן".

פּלוצעם איז פון דעם שכײנעסדיקן צימער אַרײַנגעלאָפן דמיטריִעוו און אויסגעשריגן:

— הערט מאָסקווע! מע גיט איבער אַ באַפעל פונעם אויבערהויפּט־קאָמאַנדיר.

דורך דער צעפּראַלטער טיר, ווו עס איז געשטאַנען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, האָבן מיר דערהערט די באַקאַנטע שטים פון לעוויטאַנען, וואָס האָט פײַערלעך געמאָלדן:

„הײַנט איז גענומען געוואָרן אַ גרויסער וועג־קנופּ אויף דער דרעזדענער ריכטונג — די שטאָט בונצלאַו. אין די שלאַכטן האָבן זיך אויסגעצייכנט די טאַנקיסטן פון די גענעראַלן ריבאַלקאָ, איוואַנאָוו, מיטראָפאַנאָוו, פון די פאָלקאָווניקעס דראַגונסקי, סליוסאַרענקאָ און אַנד."

די לעצטע ווערטער פונעם באַפעל זײַנען דערטרונקען געוואָרן אין פרײדיקע אויסגעשרײען.

אויף דער נעשאָמע איז געווען לײַכט און פרײדיק, מאָסקווע האָט סאַליוטירט אירע זין, און דאָס איז געווען דער בעסטער לוין פאַר אונדז.

...פאַר דער נאַכט זײַנען מיר זיך גוט אויסגעשלאָפן און מונטערע באַגעגנט דעם פראָסטיקן זוניקן אינדערפרי.

צום שטאַב זײַנען צוגעפאָרן עטלעכע מאַשינעס מיט גענעראַלן און אָפיצערן. אין דער ערשטער מאַשין איז געזעסן אונדזער קאָמאַנדאַרם.

— מיר קלײַבן זיך איבער אויף אַ נײַעם קאָמאַנדע־פּונקט, — האָט ער געזאָגט, — אַ גאַנצע נאַכט פאָרן מיר אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און די קיך שטײט אָפּ. איז אָט קלערן מיר אונטערהאַלטן די קויכעס בײַ אײַך. ווי קוקט איר אויף דעם? — האָט ריבאַלקאָ פרײלעך אונטערגעוווּנקען.

די בײַליגנדיקע גאַסן און געסלעך זײַנען געווען פול מיט מאַשינעס און טאַנקען. עס האָבן זיך געהייצט די פעלד־קיכן און ס'האָט געשמעקט מיט קאַשע און מיט פלייש.

די סאָלדאַטן האָבן דערזען דעם קאָמאַנדאַרם און גענומען צוגײן צו אים.

— איך וויל אײַך באַדאַנקען פאַר די נעכטיקע שלאַכטן, — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדאַרם, — מאָסקווע האָט שוין אונדז סאַליוטירט. דער קריגס־ראַט פון דער אַרמײ האָט נעכטן באַנאַכט באַשלאָסן זיך ווענדן מיט אַ ביטע, אַז אײַער בריגאַדע זאָל באַלוינט ווערן מיט אַ קוטוזאָוואָרדען, און אָט פאַרוואָס: דאָ, אין דער שטאָט בונצלאַו, אין וועלכער מיר געפינען זיך, איז געשטאָרבן דער גרויסער פאָלקנפירער מיכאיִל אילאַריאָנאָוויטש קוטוזאָוו. דאָ ניט ווײַט שטײט נאָך דאָס הויז, ווו ער האָט געוווינט. דאָ האָט מען אים אויך אוועקגעשטעלט אַ דענקמאָל, און אין צוויי ווערסט פונדאַנען, ווי מע דערציילט, פון יענער זײַט טײַך, איז באַגראָבן זײַן האַרץ, — פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש האָט געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע, אַ פיר געטאָן מיטן בליק איבער די טאַנקיסטן און פאָרגעזעצט: — מיר גײען מיט אײַך איבער די ערטער, ווו עס זײַנען געווען אונדזערע אורזיידעס, איבער די זעלבע וועגן, וואָס קוטוזאָוו איז דורכגעגאַנגען. איצט, פּונקט ווי מיט הונדערט דרײַסיק יאָר צוריק, וועלן מיר דורכטראָגן די פאָנען פון רוסלאַנד ביז צו גערליץ,

דרעזדען און לײַפּציק, מיר װעלן ברענגען פרײַהײַט די פעלקער פון גאַנץ אײראָפּע. מיר װילט זיך װינטשן אײַך, קוטוזאָװוס אוריינקלעך, דערפאָלג אינעם ענדגילטיקן זיג.

— איך האָב זיך אײַנגעהערט אין ריבאַלקאָס װערטער, און מיר האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז ער, ריבאַלקאָ, איז אַלײן מיט עפּעס ענלעך צו קוטוזאָװן. סײַ אױסערלעך, סײַ מיט זײַן רוסי־שער גוטהאַרציקײַט, מיטן שאַרפן סײכל פון אַ פעלקנפירער און מיט דער האַרבער פּראָסטקײַט פון אַ סאָלדאַט.

דערװײַסט זיך די געשיכטע פון דער שטאָט, װאָס איז פאַרבונדן מיט קוטוזאָװוס נאָמען, האָט זיך אונדז פאַרװאָלט אַ קוק טאָן אױף די באַרימטע ערטער. אין אַ מינע צען מינוט אַרום זײַנען מיר שױן געשטאַנען אױפן צענטראַלן פּלאַץ בײַ אַ הױכן טונקל־גרויען דרײַעקיקן גראַניט־אָבע־ליסק, אױף װעלכן עס זײַנען אױסגעהאַקט די װערטער: „ביזדאַנען האָט דער פעלקנפירער קוטו־זאָװ דערפירט דאָס זיגרײַכע רוסישע מיליטער, דאָ אָבער האָט דער טױט איבערגעריסן זײַנע רומפולע טאַטן. ער האָט געראַטעװעט דאָס פאָטערלאַנד און געעפנט דעם װעג פאַר דער באַ־פרײַונג פון אײראָפּע. זאָל געבענטשט זײַן דער אָנדענק פונעם העלד".

אין עטלעכע מינוט גאַנג פונעם אָבעליסק שטײט ניט קײן גרױס צװײשטאָקיק הױז, אױף װעלכן ס'איז צוגעפעסטיקט אַ מעמאָריאַל־ברעט. דאָס דײַטשישע פאָלק שעצט דעם אָנדענק פו־נעם רוסישן פעלקנפירער, װאָס האָט דעם געבראַכט פרײַהײַט אין די שװערע צײַטן פון נאַפּאָ־לעאָנס הערשאַפט. מיר האָבן צוגערופן אַן אַלטינקן דײַטש, װאָס האָט אַ דערשראָקענער געקוקט אױף אונדז, און זיך צערעדט מיט אים. ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז ביז די היטלערישע צײַטן איז ער געװען אַ לערער.

— קומט, הער אָבערסט, — האָט ער זיך געװענדט צו מיר און אונדז אַװעקגעפירט אױפן צװײטן שטאָק אין אַ געראַמען צימער מיט אַ גרױס פענצטער, װאָס גײט אַרױס צו דער גאַס. — אָט דאָס איז קוטוזאָװוס בעט, דאָ איז געשטאַנען אַ שירמע, הינטער װעלכער ס'איז געזעסן דער קריגס־באַאַמטער קרופּעניקאָװ. דורך דער דאָזיקער טיר זײַנען אַרײַנגעקומען דער אימפּעראַטאָר אַלעק־סאַנדער און אונדזער קײַזער פרידריך װילהעלם אױף צו געזעגענען זיך מיטן גרױסן פעלקנ־פירער.

דער רוסישער אימפּעראַטאָר האָט געװוּסט זײַן שולד קעגן קוטוזאָװן. ער האָט געפרעגט:

— דו װעסט מיר מוחל זײַן, מיכײַלאָ אילאַריאָנאָװיטש?

— איך בין אײַך מוחל... נאָר צי װעט אײַך רוסלאַנד מוחל זײַן?

אַלעקסאַנדער האָט אַ ציטער געטאָן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. „גוט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, װאָס קײנער האָט ניט געהערט דעם דאָזיקן שמועס". אױף פרידריכן האָט ער קײן אַכט ניט געלײגט. יענער האָט ניט פאַרשטאַנען קײן רוסיש. דער רוסישער אימפּעראַטאָר האָט ניט געװוּסט, אַז הינטער דער שירמע זיצט אױף אַ טאַבורעט אַ שטומער אײדעס — דער באַאַמטער קרופּעניקאָװ. דורך אים זײַנען קוטוזאָװוס לעצטע װערטער באַװוּסט געװאָרן גאַנץ רוסלאַנד.

דעם 28 אַפּרעל 1813 יאָר איז קוטוזאָװ געשטאָרבן.

אין בונצלאַו, אױפן מײַרעװודיקן ברעג פונעם טײַך באָבער, אױף אַ הױכן קורגאַן, װוּ עס װאַקסן יונגע סאָסנעס, האָט מען באַגראָבן קוטוזאָװוס האַרץ. דעם קערפּער האָט מען באַערדיקט אין פּעטערבורג.

די לעצטע באַקאָשע פון מיכאַיל אילאַריאָנאָװיטשן איז אױסגעפּילט געװאָרן — זײַן האַרץ איז געבליבן מיט די סאָלדאַטן, מיט די פעלקן, װעלכע ס'האָט געבראַכט אַהער דער פעלד־מאַרשאַל...

בײַ אונדז אַלע, װאָס האָבן זיך געפונען אין דעם דאָזיקן צימער, איז אױפגעקומען אײנע און די זעלבע פראַגע — װי קומט עס, װאָס די היטלעריסטן האָבן געלאָזט שטײן אין סאַמע צענ־טער פון שטאָט דעם דענקמאָל־אָבעליסק און דאָס מוזײ־הױז, אין װעלכן ס'איז געשטאָרבן דער גרױסער רוסישער פּאַטריאָט קוטוזאָװ?

דער אַלטער דײַטשישער לערער האָט װי געלײענט אונדזערע געדאַנקען. אין זײַנע אױגן האָבן אַ בלישטשע געטאָן צװײ פײַערלעך. ער האָט שטיל געזאָגט:

— איר כידעשט זיך, װאָס אונדזערע האָבן ניט אָנגערירט קוטוזאָװוס שטיבל? איך פאַר־שטײ... די געשיכטע װערט ניט נאָר געשריבן, זי װערט אױך אָפּגעהיט אינעם האַרץ פון פאָלק. דאָס דײַטשישע פאָלק איז דאַנקבאַר דער רוסישער אַרמײ, װעלכע האָט געראַטעװעט דײַטשלאַנד פון נאַפּאָלעאָנען... קוטוזאָװ איז אַהער געקומען, װי אַ באַפרײַער, בונצלאַו גרױסט זיך דערמיט, װאָס דאָס האַרץ פונעם רוסישן גענעראַל איז דאָ באַערדיקט.

— נו, און װי באַציט איר זיך צו אונדז, צו דער סאָװעטישער אַרמײ? — האָט דמיטריעװ אַ פרעג געטאָן דעם אַלטן.

דער דײַטש האָט א קוק געגעבן אף אונדז מיט מידע אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן:

— דאָס, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, הער אָפּיצער, איז ריינער עמעס. איך וועל דאָס זאָגן ניט אויס שרעק. איך לעב שוין באַלד אכציק יאָר, האָב איך פיל געזען און אופגעהערט זיך צו וווּנדערן און מוירע צו האָבן... מע טאָר ניט שטעלן קיין גלײַכצייכן צווישן דײַטשישן פאָלק און די נאַציס... א סאַך דײַטשן האָבן אף אײַך געוואַרט. — דער אלטער האָט א שווערן זיפץ געטאָן און פאַרגעזעצט ווי פאַר זיך זעלבסט. — די נאַכט גייט אַוועק און עס קומט ווידער דער טאָג, אין דעם איז פאַרבאָרגן די קלוגשאַפט פונעם לעבן. דאָס צווייטע מאָל אין אונדזער געשיכטע האָבן די רוסן געבראַכט אונדז די פרײַהײַט.

עפּעס האָט זיך א ריר געטאָן אין מיר... איך האָב געהאַסט אלע דײַטשן אָן אויסנאַם פאַר זייערע פאַרברעכנס און געגעבן זיך דאָס וואָרט נעמען נעקאָמע, נעקאָמע... אָבער איצט האָב איך צום ערשטן מאָל אָנשוילעך דערשפּירט אונדזער אויסשליסלעכע מיסיע, דערפילט, אז אף אונדז ליגט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אײַנהיטן דעם רום פון קוטוזאָווס פאָן אף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

לאַנג נאָך האָט מיך ניט פאַרלאָזט דער געדאַנק וועגן אלטן דײַטש, דעם לערער; כ'האָב געטראַכט וועגן די דײַטשישע פאַשיסטן, מיט וועלכע איך וועל זיך שלאָגן הײַנט, מאָרגן, ניט נאָר פאַרן וויל פון אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד, נאָר אויך פאַר די דײַטשן גופע.

אין דער צווייטער העלפט טאָג האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג. א יונגינקע רעגולירערן האָט מיט א פענדל אין דער האַנט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג אף דאָרעם — אף לאובאַן. דער דאָזיקער וועג האָט אונדז געבראַכט צום דענקמאָל, ווו עס איז באַגראָבן קוטוזאָווס האַרץ. ער שטייט אין א וועלדל, דער דענקמאָל, ער איז אויסגעהאַקט פון טונקל־גרויען גראַניט. באַם צופוסנס ליגן א סאַך בלומען — דאָס האָבן אונדזערע מיידלעך זיי געבראַכט אהער. צוויי סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן אף דער ברוסט שטייען בא דעם קייווער אף דער וואַך. די טאַנקען מיט די אופשריפטן אף די טורעמס „סוווּאָראָוו“, „קוטוזאָוו“ בלײַבן שטיין לעבן דענקמאָל. אפן פלאַץ האָבן זיך אויסגעשטעלט טאַנקיסטן, אויטאָמאַטלער, אַרטילעריסטן, סאַפּיאָרן און פאַרבינדלער.

דער טאַנק „קוטוזאָוו“ ווערט פאַרוואַנדלט אין א טריבונע. דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל עפנט דעם מיטינג. קורץ און פּראָסט ריידן די אָפּיצערן פּיאָדאָראָוו, סטאַרטשענקאָ, וואַלייעוו.

איך געדענק ניט, כ'זאָל געווען זײַן אמאָל אזוי שטאַרק אופגערודערט, ווי דעמלט אפן מיטינג. כ'האָב גערעדט וועגן דעם רום פונעם רוסישן מיליטער, דערמאָנט די סמאָלענסקער, טאַרוטינער, באָראָדינער, אוראַלער גרענאַדיאָרן, די קירסאַרער און קאַזאַקישע פּאָלקן, וועלכע זײַנען אמאָל געגאַנגען מיט די דאָזיקע וועגן. כ'האָב גערעדט וועגן די איצטיקע „סמאָלענסקער“, „באָראָדינער“ אַרטילעריסטישע, טאַנקאָווע און אוויִא־פּאָלקן, אָנגערופן די נעמען פון רוסלאַנדס טרײַע זין, וועלכע האָבן געבראַכט זייער כאַיִל אין דער טיף פון אייראָפּע.

באַנאַנד מיט יערמאָלאָוון און פּלאַטאָוון, וואָלקאָנסקין און דאַווידאָוון האָב איך אָנגערופן די פּאָלקנפירער, וואָס פירן די סאָוועטישע אַרמייען, קאָרפּוסן, דיוויזיעס, בריגאַדעס און פּאָלקן פון מאָסקווע ביז בערלין.

פאַרענדיקט האָט זיך דער מיטינג מיט דער קאָמאַנדע:

— הערט דעם באַפעל פונעם מאַרשאַל קוטוזאָוון! „לאָמיר פאַרדינען די דאַנקבאַרקײַט פון די פרעמדלענדישע פעלקער און צווינגען אייראָפּע מיט פאַרוווּנדערונג אויסרופן: אומבאַזיגבאַר איז דאָס כאַיִל דאָס רוסישע אין שלאַכט, און אומפאַרגלײַכלעך אין דער גרויסמוטיקײַט און אין פרידלעכע טוגנדן! אָט איז דער דאַנקבאַרער ציל, וואָס איז ווערט דעם קריגסמאַן. לאָמיר שטרעבן דערצו, געוואַגטע רוסישע סאָלדאַטן“.

— צו די מאַשינעס! — קלינגט אָפּ די קאָמאַנדע.

דאָס וועלדל ווערט פול מיט גערויש פון הונדערטער מאָטאָרן. איבער אונדז פליט דורך א גרויסע גרופּע באָמבאַרדירער און פאַרניכטלער, וועלכע עס פירט אונדזער סאָוועטישער אס — דער דרײַ מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד אלעקסאַנדער פּאָקרישקין.

פּיאָדאָראָוו, אָסאַדטשי, קאָראָטקאָוו, אוסקאָוו און סעראַזשימאָוו הייבן אוף זייערע סיגנאַלפענדלעך. פאַרבײַ דעם דענקמאָל גייען דורך אונדזערע טאַנקען, האַרמאַטן און מאַשינעס. די שלאַכטלײַט דרייען אויס די קעפּ צו קוטוזאָווס דענקמאָל, און די באַטאַליאָנען לאָזן זיך מיט די אלטע וועגן פונעם רוסישן פּאָלקנפירער קוטוזאָוו, קעדיי זיגרײַך פאַרענדיקן די מילכאָמע.

מיר זײַנען געגאַנגען איבער דער דײַטשישער ערד. אָט דאָס איז זי — א קאַלטע, א פרעמדע... שווער באַוועגט זיך די קאָלאָנע איבער די צעקוואַטשעטע וועגן.

— אָט דאָס הייסט א בלאָטע! — האָט מיך אופגעוועקט פון מײַנע ראַיוינעס קאָזשעמיא־

קאָוו. — ניט בעסער פון אונדזערער, און איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן ביז בערלין זיך גליטשן איבער אַספאַלט.

פּעטראָ איז טאַקע געווען גערעכט, ווי נאָר מיר קערעווען אָפּ פון וועג, פאַלן מיר אַרײַן אין קלעפּיקן באָדן, און ווילנדיק־ניט־ווילנדיק דערמאָנסטו זיך, ווי די פאַשיסטישע פּרעסע האָט צעפּויקט איבער דער גאַנצער וועלט, אַז די רוסישע האָבן זיכערע פאַרבינדעטע — „דעם גענעראַל ווינטער", „דעם גענעראַל זומפּ", באַזונדערס האָבן זיי וועגן דעם טרומייטערט נאָך זייער דורכפאַל הינטער מאָסקווע, נאָך סטאַלינגראַד, און עס האָבן זיך געפונען נאַיווע מענטשן ניט נאָר אין דײַטשלאַנד, נאָר אויך אין אייראָפּע און פון יענער זײַט אָקעאַן, וועלכע האָבן געגלייבט און אונטערגעהאַלטן די דאָזיקע מײַסעס.

סאָראַ אומזין... די פּרעסט האָבן אונדז דען געוואָרעמט? אונדזערע מאַשינעס זײַנען דאָך אויך געגאַנגען אָף די זעלבע וועגן און ניט געפלויגן אינדערלופטן...

■

אָנהייב פעוורואַל האָט דער מאַרשאַל קאָניעוו איבערגעוואָרפן אונדזער מיליטער, און דעריך אויך מײַן בריגאַדע, אַפּן מײַרעוודיקן ברעג פונעם אָדער. נאָך דעם, ווי מיר האָבן פאַרכאַפּט די שטעט גיינאַו, שטריגאַו און בונצלאַו, האָבן די שלאַכטן זיך איבערגעטראָגן אָף די ברעגן פון נייסע. מײַן בריגאַדע האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד זיך ניט געקאָנט רירן פונעם אָרט. א דײַטשישער באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך פאַרגראָבן אין דער ערד, האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אונטער א שטאַרק פײַער אַלע וועגן.

צוועלף אזייגער באַנאַכט, פריִער ווי געוויינלעך, האָט דער שיפראָוואַלשטשיק געבראַכט א פאַראָרדענונג פונעם קאָמקאָר. דער גענעראַל איוואַנאָוו האָט באַפוילן אַראָפּנעמען די בריגאַדע פון איר פּאָזיציע און באַנאַכט זיך פאַרייניקן מיטן 6־טן טאַנקען־קאָרפּוס פונעם גענעראַל וואַסילי אַנדרייעוויטש מיטראָפאַנאָוו.

אין צימער איז געווען שטיל. אײַנזאַם האָט געוווּנקען דאָס אַקומוליאַטאָר־לעמפּעלע, וואָס האָט קוים באַלויכטן די אַרבעטס־קאַרטע. כ'האָב אַרויסגערופן דעם שעף פונעם שטאַב, וועלכער האָט געדאַרפט זיכערן, אַז די פאַראָרדענונג זאָל אויסגעפילט ווערן.

מיט שווערע טריט איז סוווערביכין אַרויסגעגאַנגען פון צימער. די אויפגאַבע איז געווען ניט קיין קאָמפּליצירטע, און איך בין זיכער געווען, אַז דער שטאַב־שעף, זייער א פּינקטלעכער מענטש, וועט זי אויספילן. אַליין האָב איך באַשלאָסן אָף א שאָ צוויי זיך צולייגן שלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אַרום פיר אזייגער. דער אַדיוטאַנט האָט בא מיר גוט אָפּגעלייזט, וואָס ער האָט מיך ניט אויפגעוועקט צו דער צײַט.

— ווו איז די בריגאַדע?

קאָזשעמיאַקאָוו איז אַרויס אָף דער גאַס און אין עטלעכע מינוט אַרום זיך צוריק אומגעקערט:

— כאַוווער פאַלקאָווניק, די בריגאַדע געפינט זיך אַפּן אָרט.

— וואָס הייסט אַפּן אָרט?

כ'האָב אַרויסגערופן דעם שעף פון שטאַב:

— פאַרוואָס זײַנען די באַטאַליאָנען ניט אַרויסגעפירט פון שלאַכט?

— איך ווייס ניט.

— א פאַראָרדענונג וועגן איבערגיין אָף צאָפן איז אָפּגעגעבן געוואָרן?

— איך ווייס ניט, — האָט סוווערביכין געריידט ווי פון שלאָף.

— און מיט וואָס עס שמעקט, ווייסט איר? — בין איך שוין אַרויס פון די קיילים. נאָר באַלד האָב איך דערהערט אזוינס, וואָס האָט מיך געצוווּנגען פאַר כידעש אויפעפענען דאָס מויל.

— איך האָב קיין שום פאַראָרדענונגען פון אײַך ניט באַקומען און קיינעם קיין זאַך ניט באַפוילן...

כ'האָב געקוקט אָף סוווערביכינען און ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיט דעם מענטשן איז פאָרגעקומען. ניט פון נעכטן האָב איך אים געקענט — פאַר מיר איז ער קעסיידער געווען א בײַשפּיל פון דיסציפּלינירטקייט, געוואַגטקייט און אָרנטלעכקייט. דער מענטש האָט אזוי אוועקגעשטעלט די אַרבעט אין שטאַב, אַז אַנדערע קאָמבריגן זײַנען מיר מעקאַנע געווען. און פּלוצעם — נאָ דיר! כ'האָב א טראַכט געטאָן: „עפּשער איז ער אַראָפּ פון די געדאַנקען?".

— איר זײַט געזונט, גריגאָרי אַנדרייעוויטש?

— געזונט.

— פאַרוואָס זשע האָט איר ניט אָפּגעגעבן קיין באַפעל די קאָמבאַטן?

— כ'האָב ניט באַקומען פון אײַך קיין פאַראָרדענונג.

איך האָב געפילט, אַז מײַנע נערוון װעלן באַלד פּלאַצן, אַז עס קאָן אויסברעכן אַ גרויסער סקאַנדאַל.

— װוּ איז די שיפּראָװקע, װעלכע כ׳האָב באַנאַכט אײַך געגעבן? — האָב איך אויסגעצויגן די האַנט אַף צו באַקומען זי.

— כ׳האָב זי ניט געזען, — האָט ער אַ ציִ געטאָן מיט די אַקסל.

איך האָב געקוקט אַף סוװערביכינען און אים ניט דערקענט. איך מיר איז געוואַקסן דער כּעס און דער פאַרדראָס — װי מיִעס כ׳האָב זיך אָפּגענאַרט אין דעם דאָזיקן פאַרשױן! שױן זשע האָט ער, די רעכטע האַנט פונעם קאָמאַנדיר, נײַן, אַ סך מער װי אַ האַנט, — אינדערעמעסן זיך אַרויסגעװיזן פאַר אַ קלײנמוטיק מענטשל, װאָס האָט, מעגלעך, פאַרלוירן אַ געהײמען דאָקומענט, זיך דערשראָקן און זיך אַנטשלאָסן גײן אָפּן װעג פון ליגנס... מער צוימען זיך האָב איך שױן ניט געקאָנט. איך האָב גענומען באַשיטן סוװערביכינען מיט בײזע און גראָבע װערטער, כ׳בין גרייט געװען זיך אַרופּצוװאַרפן אַף אים מיט די פויסטן, איבערגעבן טײקעף צום געריכט, אַפילע צעשיסן אים מיט די אײגענע הענט. ס׳איז דאָך געגאַנגען ניט אינעם געהײמען דאָקומענט, נאָר אין אַ סך ערגערס — ס׳איז אַרונטערגעריסן געװאָרן די שלאַכט־אופגאַבע. די בריגאַדע האָט אינדערפרי געדאַרפט צוזאַמען מיט דעם 6־טן טאַנקען־קאָרפּוס גײן אין שלאַכט, און ס׳איז טײַער געװען יעדע מינוט, יעדער מענטש, יעדע מאַשין, און מיר זײַנען געזעסן אָפּן זעלבן אָרט.

סוװערביכין איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט געשװיגן. איך האָב באַמערקט, אַז ער איז ניט געגאָלט און אַז אַף זײַנע באַקן זײַנען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן. זײַן נעבעכדיקער אויסזען האָט אָבער ניט אַרויסגערופן בא מיר קײן מיטלײַד, נאָר פאַרקערט — מיך נאָך מער צערײצט.

כ׳װײס ניט, װיִאַזוי ס׳װאָלט זיך פאַרענדיקט אונדזער צוזאַמענשטויס, װען אין צימער זאָל ניט געװען אַרײַנלויפן דמיטריִעװ. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט צװישן אונדז און מיט אַ רויִק קאָל שטיל געזאָגט:

— כאַװער סוװערביכין, דערקלערט, װאָס עס איז פאָרגעקומען.

דער שעף פון שטאַב האָט, פּונקט װי פריִער, געענטפערט:

— איך װײס גאָרניט װעגן באַפעל... איך געדענק ניט, אַז מע זאָל אים מיר געבן.

— איר גיט זיך אָפּ אַ כעזשבן אין דעם, װאָס איר זאָגט? — האָט אַלעקסאַנדער פּאַװלאָװיטש געפרעגט. — עס האַנדלט זיך דאָך װעגן אויספילן אַ שלאַכט־באַפעל. פאַרװאָס גיט איר ניט קײן פּאַרטײיִשע אָפּשאַצונג דעם דאָזיקן איניען?

סוװערביכין האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פאַרדריקט מיט דער רעכטער האַנט די פינגער פון דער לינקער און געשװיגן. איך האָב פאַרדרײט אַ גראָבן ציגאַר, פאַררײכערט און גענומען שפּאַנען איבערן צימער. דאָס בענקל, אַף װעלכן כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן, האָב איך אַ שלײַדער געטאָן מיטן פוס. כ׳בין צוגעגאַנגען נאָענט צו סוװערביכינען און מיט עפּעס אַ פרעמד קאָל אויסגעשריגן:

— טײקעף פאַרלאָזט די בריגאַדע און גײט אײַך װוּהין איר װילט!

סוװערביכין האָט אופגעציטערט, װי מע װאָלט אים אַ נעריק געטאָן. ער האָט אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל, עפּעס װי אײַנגעשרומפּן געװאָרן, װי אַ געלײמטער זיך אויסגעדרײט און, שאָקלענדיק זיך, אַרויסגעגאַנגען.

עטלעכע מינוט איז אין צימער געשטאַנען אַ שװערע שטילקײַט.

— נו, קאָמאַנדיר, באַשליס, — האָב איך דערהערט, װי דורך אַ קישן, די פאַרטויבטע שטים פון דמיטריִעװן, — דער באַפעל דאַרף אויסגעפילט װערן.

אָפּגעבנדיק דעם באַפעל, האָט דער קאָמאַנדאַרם אויסגערעכנט, אַז מיר װעלן באַנאַכט דורכמאַכן אַ מאַרש פון פופציק קילאָמעטער און אַרויס מײַרעװדיקער פון נאַומבורג, קעדײ צוזאַמען מיטן 6־טן קאָרפּוס אומגעריכט אַ קלאַפּ טאָן דעם סױנע אין רוקן. די פינצטערניש האָט אונדז געדאַרפט פאַרהוילן. איצט איז ביז באַגינען געבליבן שױן גאָר װײניק צײַט און דאָס האָט פאַרשװעריקט אונדזער לאַגע.

דער װעג האָט זיך געשלענגלט, געקראָכן אַף צאָפּן. דמיטריִעװ האָט זיך באַזעצט מיט מיר באַנאַנד אין מײַן „װיליס" — ער האָט ניט געװאָלט מיך לאָזן אַלײן מיט מײַנע שװערע מאַכשאָװעס. די קאָלאָנע האָט געײַלט נאָך אונדז. די מעכאַניקער פון די טאַנקען און די שאָפערן האָבן פון זײערע מאָטאָרן „אויסגעקװעטשט" אַלץ, װאָס איז נאָר מעגלעך געװען. ס׳איז געװאָרן ליכטיק. ביז צום שטאַב פונעם 6־טן קאָרפּוס איז שױן געװען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען און, קענענדיק מיטראָפּאַנאָװן, האָב איך נאָך מער נערװירט, איך בין זיכער געװען, אַז איך װעל פון אים אַרײַנכאַפּן אַף הערן און געדענקען. נאָר צום גליק, איז אַלץ אַדורך בעשאָלעם,

מיטראָפאַנאָוו איז געווען צופרידן, וואָס די בריגאַדע איז געקומען. ער האָט אונדז געגעבן א גאַנצן טאָג אף אָרגאַניזירן די אויסשפּירונג און ברענגען אין אָרדענונג די מענטשן און די טעכניק. מיר איז אָבער דעם גאַנצן טאָג ניט ארויס פון קאָפּ סווערביכין. דער קאַס מײַנער האָט זיך געשטילט. סווערביכינס אָרדינאַרעץ האָט מיר געבראַכט צו טראָגן די שיפּראָווקע און דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען די פאַריקע נאַכט.

די אומופהערלעכע שלאַכטן, די שטאַרקע אָנשטרענגונג און די שלאָפלאָזע נעכט האָבן אינגאַנצן אויסגעמאַטערט סווערביכינען, דערצו האָט אים נאָך אונטערגעשפּילט א שאַרפע מאָגן־קרענק — ער האָט זיך קוים באַוועגט. ווען סווערביכין האָט באַקומען בא מיר די שיפּ־ראָווקע און דעם באַפעל, האָט ער זיך געפילט שטאַרק שלעכט, ער האָט זיך קוים דערקליבן צו זײַן צימער און דאָרט פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן. דערנאָך, ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער ניט געוווסט, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. דער זיקאָרן האָט אים אָפּגעזאָגט. דער־מיט דערקלערט זיך, וואָס דער באַפעל איז ניט אויסגעפילט געוואָרן.

איך האָב ניט אופגעהערט צו טראַכטן, צי כ׳האָב ריכטיק געטאָן, וואָס כ׳האָב באַזײַטיקט סווערביכינען. פאָרמעל האָב איך ניט געהאַט די רעכט דאָס צו טאָן. די פראַגע וועגן באַשטימען אָדער באַזײַטיקן דעם שעף פון שטאַב גייט אַרײַן אין דער קאָמפּעטענץ פונעם קאָמאַנדאַרם, אָבער איך האָב דאָך אויך ניט געטאָרט פאַרבײַגיין אפילע קיין אייך פאַל פון ניט אויספילן א באַפעל. עמעס, ווען גריגאָרי אַנדרייעוויטש זאָל געווען אפּן צווייטן טאָג קומען און אַלץ מיר דערקלערן, וואָלט איך, מינהאַסטאַם, אָפּגעשאַפן מײַן באַשלוס, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן, און איך האָב מיט אים זיך געדאַרפט צעשיידן.

כ׳האָב אוועקגעשיקט א טעלעגראַמע וועגן דעם, אז איך באַזײַטיק סווערביכינען פון זײַן פּאָסטן, און גלײַך נאָך דעם — א רעליאַציע וועגן באַלוינען אים מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן.

איבערקוקנדיק די רעליאַציע, האָט דמיטריעוו מיך א פרעג געטאָן, צי איז דאָס לאָגיש. ריבאַלקאָ, מיט וועלכן כ׳האָב אין עטלעכע טעג ארום זיך באַגעגנט, האָט מיך באַשולדיקט אין דעם, אז איך נעם אף זיך צופיל.

— אויב איר האָט באַזײַטיקט סווערביכינען, פאַרוואָס זשע האָט איר געבעטן אים באַ־לוינען? — האָט ריבאַלקאָ מיר פאָרגעוואָרפן.

— באַלוינט צו ווערן האָט ער פאַרדינט אין שלאַכט, דעריבער בעט איך רעאַליזירן מײַן רעליאַציע.

פּאַוועל סעמיאָנאָוויטש איז מיט שווערע טריט זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, זיך אָפּגעשטעלט און שטרענג אף מיר א קוק געטאָן:

— סווערביכינען וועל איך אַן אָרט געפינען. יעדער קאָמבריג וועט אים נעמען, אַן אָרדען וועלן מיר אים אויך געבן — ער האָט אים פאַרדינט. אָבער אײַך ראָט איך, ווי א פרײַנט, — איידער איר נעמט אָן א באַשלוס, טוט ערנסט א טראַכט.

ריבאַלקאָ איז געווען פאַר מיר ניט נאָר קיין עלטערער קאָמאַנדיר, נאָר אויך א כאַווער און א פרײַנט, און צו זײַנע ווערטער האָב איך זיך צוגעהערט.

— און איר, כאַווער גענעראַל, וואָס וואָלט איר געטאָן אף מײַן אָרט?

דער קאָמאַנדאַרם האָט א ווײַלע געשוויגן, אָנגעגייגט דעם קאָפּ אין א זײַט, א רײַב געטאָן מיט די פינגער דאָס לעפל פונעם אויער, כיטרע א גלאַנץ געגעבן מיט די אויגן און... זיך אָפּגעזעגנט מיט מיר...

אַלץ, קאָן מען זאָגן, איז דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, נאָר אף דער נעשאָמע איז געווען אָנגעזאָלעט, און אָט די ביטערניש האָט זיך געלאָזט פילן ביזן סאָף פון קריג. שפּעטער האָט דער גוירל אונדז נאָך עטלעכע מאָל צונויפגעפירט מיט גריגאָרי אַנדרייעוויטש סווערביכינען...

נאָך דער מילכאָמע, אין מײַ 1945 יאָר, איז אין איינעם א שטעטל פון טשעכאָסלאָוואַקיע אײַנגעאָרדנט געוואָרן לעקאָוועד דעם זיג אַן אופנאַם. צווישן מײַנע שלאַכט־כאַווײרים האָב איך דערזען סווערביכינען. מיר האָבן א לענגערע ווײַלע שווײַגנדיק געקוקט איינער אפן צווייטן און דערנאָך זיך שטאַרק ארומגענומען.

אין א יאָר פינף ארום האָט דער גוירל אונדז ווידער צוזאַמענגעשטויסן. איך האָב דעמאָלט קאָמאַנדעוועט מיט א טאַנקען־דיוויזיע אף מיזרעך. ס׳האָט אזוי פּאַסירט, אז דער שעף פונעם דיוויזיע־שטאַב איז קראַנק געוואָרן און זיך דעמאָביליזירט פון אַרמיי. זײַענדיק אין מאָסקווע, בין איך אַרײַנגעגאַנגען אין קאַדרען־אָפּטייל, קעדיי לייזן די פראַגע וועגן דער וואַקאַנטער שטעלע. דער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט די קאַדרען, האָט מיר פאָרגעלייגט צוויי קאַנדידאַטורן, איינער פון זיי איז געווען סווערביכין.

— איך וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער דאָזיקער קאַנדידאַטור, — האָב איך אָנגעוויזן אַף דער פּאַפּקע מיט די דאָקומענטן פון סוּווָרביקינען, — נאָר...

דער פּאָלקאָווניק האָט צעעפנט די פּאַפּקע און מיר באַוויזן די כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב אָנגעשריבן דעמאָלט, מיט פינף יאָר צוריק, אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך צעשיידט מיטן שעף פון מײַן טאַנקען־בריגאַדע. עמעצער האָט שוין באַוויזן אונטערשטרײַכן מיט אַ רויטן בלײַער אייניקע שורעס פון דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק.

— דאָס האָט איר געשריבן?

— יאָ, נאָר דאַך וואָלט איך געוואָלט האָבן אַזאַ שעף פון דיוויזיע־שטאַב. עמעס, כ׳בין ניט זיכער, צי וועט ער וועלן גיין צו מיר, — האָב איך אין פאַרלעגנהײַט געזאָגט.

— ער וועט געוויס ניט גיין. איך, יעדנפאַלס, וואָלט ניט געגאַנגען.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אַפן פּאָלקאָווניק און אַ טראַכט געגעבן: „וואָס פאַרשטייסטו אין מענטשן?..״ קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן, האָב איך, אונטערשטרײַכנדיק יעדער וואָרט באַזונדער, געענטפערט:

— און איך וואָלט געגאַנגען, אומבאַדינגט געגאַנגען. און ער וועט צו מיר אויך גיין. איך וויל אײַך בעטן, אַז איר זאָלט גלײַך אָנקלינגען קיין באַברויסק און פאַרלייגן סוּווָרביקינען די דאָזיקע שטעלע.

עס זײַנען אַדורך 20 — 30 מינוט, ביז מע האָט אים געפונען, סוּווָרביקינען, גריגאָרי אַנדרייעוויטש האָט ניט באַלד געענטפערט אַפן פאָרשלאָג. עס זײַנען דורך נאָך עטלעכע מינוט. דאָס זײַנען געווען שווערע מינוטן, ווי פאַר אַן אַטאַקע... און פּלוצעם האָט אין טעלעפאָן־טרײַבל זיך דערהערט אַ פאַרטוּבעט, אָבער אַ באַקענט אויפגערעגט קאָל:

— צי וועט אָבער דראַגונסקי מיך נעמען פאַר אַ שעף פון זײַן דיוויזיע־שטאַב? בייס דער מילכאָמע איז צווישן אונדז פאָרגעקומען ניט קיין אָנגענעמע געשיכטע...

אינעם געזיכט פונעם פּאָלקאָווניק האָט זיך עפּעס געענדערט, אין זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ וואַרעמער פונק, און מיר איז געוואָרן אַ ביסעלע אַ ביזאַיען פאַר זיך אַליין, וואָס כ׳האָב שלעכטס וועגן אים ערשט אַ טראַכט געגעבן.

— כאַווער סוּווָרביקין, די זאַך באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס דער קאָמאַנדיר דראַגונסקי בעט אײַך, גראָד אײַך, פאַרנעמען דאָס דאָזיקע וואַקאַנטע אָרט.

— אויב אַזוי, בין איך גרייט צו פאָרן.

— נו, וואָס וועט איר זאָגן דערויף? — האָב איך שפּעטער אַ ביסל אַ פרעג געטאָן באַם שעף פון קאַדרען־אָפּטייל.

יענער האָט אַ הייב געטאָן די אַקסל און עפּעס אַ בורטשע געטאָן.

מיט גריגאָרי אַנדרייעוויטש סוּווָרביקינען האָבן מיר דערנאָך געאַרבעט פיל יאָרן אַפן ווײַטן מיזרעך און אַף אוקראַינע. נאָך איצט, ווען מיר באַגעגענען זיך מיטן גענעראַל סוּווָר־ביקין, דערמאָנען מיר מיט אַ שמייכל אונדזערע יוגנט־יאָרן.

אין לעבן טרעפן זיך פאַרשיידענע זאַכן...

■

די שלאַכטן צווישן די טײַכן באָבער און נייסע האָבן זיך פאַרצויגן.

לעבן וואַלדאַו, סאַמע באַם וואַלד, האָבן אונדזערע אויסשפּירער אָנגעטראָפן אַף אַ לאַנגער שטאַל, וואָס איז פאַרוואַלגערט געווען מיט פאַרשיידענע ווערקשטעלן. פון דער שטאַל האָבן שפּורן אַוועקגעפירט די אויסשפּירער אין קאַטאַקאָמבעס, פונוואַנען ס׳האָט זיך דערטראָגן אַ געוויין און אַ קרעכצערײַ. באַ דער שײַן פון פאַקעלן און האַנט־לאַמטערנדלעך האָבן די סאָלדאַטן דערזען אַ שוידערלעך בילד — אָפּגעריסענע, אויסגעצערטע און פאַרוואָקסענע, פאַרווילדעוועטע מענטשן און צענדליקער מייסים, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן פוילן.

דאָס זײַנען געווען ייִדן, וועלכע ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן מיט דער הילף פון פּאָליאַקן צו אַנטלויפן פון דער וואַרשעווער געטאָ. אַנטלאָפן זײַנען באַ הונדערט מענער און פרויען, איצט זײַנען געבליבן בלויז דרײַ און צוואַנציק. קימאַט צוויי יאָר האָבן זיי געבלאָנדזשעט איבער די וועלדער און טאָלן, זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערס, אין קאַטאַקאָמבעס.

אונדזער בריגאַדע־דאָקטער לעאָניד קאָנסטאַנטינאָוויטש באַגוסלאַווסקי האָט אַוועקגעלייגט פיל קויכעס, קעדיי שטעלן די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן אַף די פיס.

שווערע שלאַכטן האָבן מיר דעמאָלט געפירט. דער סוינע האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. די פאַרלוסטן זײַנען געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אונדזער בריגאַדע האָט פאַר־לוירן פיל געוואַגטע אָפיצערן און סאָלדאַטן, וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען פון דער וואָלגע און דעם דניעפּער ביז דער ווײַסל און דעם אָדער.

אין שלאַכט איז געפאַלן מײַן לאַנדסמאַן פון בריאַנשטשינע אַלעקסאַנדער גאַלאַוואַטשאָוו. װען איך האָב אים נאָך פּערזענלעך ניט געהאַט געקענט, האָב איך שױן א סאַך געהערט װעגן אים. דאָס איז געװען אין אָסיען פון 1943. אין א רעגנדיקער אָקטיאַבער־נאַכט, װען איך האָב זיך געפונען באַם קאָמאַנדאַרם אין ערדשטיבל, װאָס איז געלעגן אױפן ברעג פונעם דניעפּער, האָט ריבאַלקאָ מיט א באַזונדער װאַרעמקײַט אין דער שטים מיר געזאָגט:

— א גוטן קאָמאַנדיר האָב איך אין דער 23־טער מאָטאָבריגאַדע, איר האָט עפּשער געהערט װעגן פאָלקאָװניק גאָלאָװאַטשאָװ? דאָס איז אַן עמעסער „טשאַפּײַ". ס'װאָלט זיך געװאָלט, אַז איר זאָלט ניט אָפּשטײן פון אים.

אינדערפרי, װען איך בין געקומען אין מײַן 55־טער טאַנקען־בריגאַדע, האָב איך דאָרט װידער דערהערט גאָלאָװאַטשאָװס נאָמען, און דעם 30 אָקטיאַבער האָבן מיר זיך מיט אים באַגעגנט. דאָס איז געװען ניט װײַט פון קיִעװ אינעם דאָרף נאָװאָ־פּעטראָװצי. און דערנאָך האָבן מיר זיך א צװײט מאָל באַגעגנט, װען קיִעװ איז שױן געװען װײַט הינטער אונדז. מיר האָבן געדאַרפט באַהאַנדלען אײניקע געמײנזאַמע אָפּעראַציעס. צו יענער צײַט האָבן אונדזערע בריגאַדעס שױן א גאַנצן כױדעש געקעמפט זײַט־בא־זײַט. מאָסקװע האָט סאַליוטירט די אָנטײלנעמער פון דער באַפרײַונג פון קיִעװ און װאַסילקאָװ, און בײדע בריגאַדעס — מײַנע און גאָלאָװאַטשאָװס — איז צוגעײגנט געװאָרן דער נאָמען „װאַסילקאָװער". װען מיר האָבן זיך צערעדט, האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז מיר זײַנען לאַנדסלײַט — בריאַנסקער. ער פון יִשעװ ליובאָכנא, איך — פונעם דאָרף סוױאַטסק. מיר האָבן זיך געגעבן דאָס װאָרט נאָך דער מילכאָמע צוזאַמען זיך אַראָפּכאַפּן אין די ערטער פון אונדזער קינדהײַט, און נאָך האָבן מיר זיך צונױפגערעדט קומען אײנער דעם אַנדערן צוהילף אין שלאַכט. פון דעמלט אָן זײַנען מיר שטענדיק געװען צוזאַמען, אין אײן קאָרפּוס, אין אײנער און דער זעלבער 3־טער טאַנקען־אַרמײ. אױב עמעצן פון אונדז פלעגט װערן זײער שװער, פלעגט געגעבן װערן א ראַדיאָ־סיגנאַל „זעמליאַק", און מיר האָבן געײַלט אַרױסהעלפן אײנער דעם אַנדערן.

אין א שײנעם סענטיאַבערדיקן אינדערפרי פון 1944 האָט מיך אױפגעװעקט פון שלאָף א קלינגערײַ פונעם טעלעפאָן:

— זעמליאַק, דו שלאָפסט?

א פאַרשלאָפענער, האָב איך עפּעס אומצופרידן א בורטשע געטאָן.

— דו האָסט געהערט, װאָס די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן? — ערשט איצט האָב איך דערקענט גאָלאָװאַטשאָװס קאָל. — מיר פאָרן צו דיר.

אין עטלעכע שאָ ארום זײַנען שײַנענדיקע, פרײדיק־אױפגערעגטע געשטאַנען פאַר מיר גאָלאָװאַטשאָװ און סליוסאַרענקאָ. אינגיכן האָב איך שױן געװוּסט, אַז לױטן אוקאַז פון אױבערסאָװעט פונעם 23 סענטיאַבער 1944 יאָר איז אונדז דרײַען צוגעײגנט געװאָרן דער טיטל העלד פון סאָװעטנפאַרבאַנד.

אײנמאָל, נאָך א שװערער שלאַכט פאַר דער שטאָט לאָובאַן, האָט גאָלאָװאַטשאָװ מיך אָנגעיאָגט אױפן שליאַך. א צעהיצטער איז ער אַרױסגעשפּרונגען פון זײַן מאַשין און אױסגעשריגן:

— האַסטיקער! אינגיכן װעלן מיר מיט דיר דערגײן ביז בערלין! דו פאַרשטײסט? מיר װעלן אַלעמען זאָגן, אַז מיר זײַנען געװען אין בערלין... און נאָכדעם, — האָט גאָלאָװאַטשאָװ שױן טרױמעריש פאַרגעזעצט, — מאָמעש אױפן אַנדערן טאָג, נאָך דער מילכאָמע, װעלן מיר בײדע צופליִען קײן בריאַנסק. װי קלערסטו, דער מאַרשאַל קאָניעװ װעט אונדז געבן אַן אַעראָפּלאַן?

— איך מײן, אַז מירן אױסבעטן בא אים... איװאַן סטעפּאַנאָװיטש װעט געװיס אונדז העלפן. דאָס איז געװען אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

דעם 6 מאַרטש 1945 יאָר איז ער אומגעקומען אינעם קלײנעם דײַטשישן דערפל לאָגאַו. די 23־טע מאָטאָבריגאַדע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון נאַומבורג, און דאָ, לעבן לאָגאַו, זײַנען אַנטקעגן אַרױסגעשפּרונגען דײַטשישע טאַנקען. גאָלאָװאַטשאָװ איז פלינק אַרױף אױף דעם טורעם פון זײַן „סאַמאָכאָדקע" און האָט אױסגעשריגן:

— פײַער!

די אַרטילעריסטן פון דער „סאַמאָכאָדקע" האָבן באַװיזן צװײ מאָל אױסשיסן און אונטערקלאַפּן אײן טאַנק. אין דעם מאָמענט האָט אױסגעשאָסן א האַרמאַט פון א צװײטן פאַשיסטישן טאַנק. גאָלאָװאַטשאָװ איז אומגעפאַלן און פאַרגאָסן געװאָרן מיט בלוט.

אױפן אַנדערן טאָג האָבן מיר באַגלײט אין זײַן לעצטן װעג אונדזער שלאַכט־כאַװער. אױפן טרױער־מיטינג זײַנען געקומען צו פאָרן אַלע זײַנע פרײַנט. דער גרעסטער טײל פון זײ האָבן געקעמפט אונטער זײַן קאָמאַנדשאַפט אױף די פעלדער פון רוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּױלן. ער האָט

זיי געבראַכט אַהער, אין דײַטשלאַנד, אַנדערע, האָבן, ווי איך, געטיילט מיט גאַלאָוואַטשאָוון די סאָלדאַטישע לאַסט פונעם שלאַכט־לעבן.

שווער איז געווען צו שטיין באַם אָרן פון מײַן „זעמליאַק".

ס'האָט אָפּגעהילכט דער סאָלדאַטישער סאַליוט, און די מאַשין מיטן קערפּער פון אַלעקסאַנדער אַלעקסייעוויטש גאַלאָוואַטשאָוון האָט זיך געלאָזט מיט די וועגן קיין אוקראַיִנע, צו דער שטאָט וואַסילקאָוו, דעם נאָמען פון וועלכער זײַן בריגאַדע האָט געטראָגן.

ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען גאַלאָוואַטשאָווס אַ בריוו צו זײַנע אייגענע:

„...איך קאָן ערלעך קוקן אין די אויגן פון פאָלק און זאָגן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו קעמפן 6 אַזייגער אינדערפרי דעם 22 יוני 1941 יאָר. איך האָב פאַרזוכט פון די ביטערע ערשטע פאַרלוסטן, און איצט לעב איך איבער די פרייד פון אונדזערע זיגן... איך האָב ניט דערלאָזט קיין איין ניט אָרנטלעכן שפּאַן אויף דער מילכאָמע. שטענדיק געווען דאָרט, וווּ ס'איז געווען הייס. זיבן מאָל בין איך געווען שווער פאַרווונדעט, און ווונדן אויף מײַן קערפּער האָב איך עלף... אויב איך וועל ניט האָבן קיין הענט — וועל איך גיין פּאָרויס און הריזען דעם סוינע מיט די ציין. וועל איך ניט האָבן קיין פיס — וועל איך קריכן און וואַרגן אים. וועל איך קיין אויגן ניט האָבן — וועל איך נייטן, מע זאָל מיך פירן. ביזוואַנען דער סוינע איז אין רוסלאַנד — וועל איך פון פראָנט ניט אַוועק..."

אָט אַזאַ, ווי אין די דאָזיקע שורעס, איז ער געווען, דער קאָמוניסט אַלעקסאַנדער גאַלאָוואַטשאָוו, דער זון פון אַן אַלטן באָלשעוויק, דער טאַלאַנטפולער רוסישער אָפיצער.

נאָכן טויט איז אַלעקסאַנדער אַלעקסייעוויטש גאַלאָוואַטשאָוון דאָס צווייטע מאָל צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך גלייב, אַז עס וועט קומען די צײַט און וועגן אים וועט אָנגעשריבן ווערן אַ בוך, וואָס זאָל ווערט זײַן זײַן גרויס און שיין לעבן.

מיר, זײַנע שלאַכט־פרײַנט, האָבן געשפּאַנט ווײַטער, אין דער טיף פון דײַטשלאַנד, קעדיי צעשמעטערן דעם פאַשיזם.

פאַרן לעצטן שפּרונג

דער פריילינג האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג אַהער, אויפן אָדער. עמעס, דאָ איז ער ניט אַזאַ פריילעכער, ניט אַזאַ קרעפטיקער, ווי באַ אונדז אויף בריאַנשטשינע. פון קינדווײַז געדענק איך נאָך, ווי אומגעריכט עס באַווײַזט זיך אין מאַרט כוידעש אַ בלענדנדיקע זון. מיטאַמאָל הייבט אָן לאָזן דער שניי, ס'נעמען מורמלען ריטשקעלעך. מיר, קליינוואַרג, פרייען זיך מיט די אָנגעקומענע וואַרעמע טעג און שטעלן אונטער די קלײַנדיקע נעזלעך אַנטקעגן די שטראַלן פון דער זון.

דער פריילינג אויפן אָדער האָט זיך אָנגעהויבן מיט געדיכטע נעפלען, וועלכע האָבן, ווי מיט גרויע טאַכריכים, באַדעקט די פעלדער, די וועלדער און אויפגעפרעסן די רעשטלעך ברודיקן שניי.

דער פאַרגאַנגענער ווינטער איז פאַר אונדז געווען אַ גליקלעכער. פאַר די לעצטע צוויי כאָדאָשים האָבן מיר אַ שפּאַן געטאָן ווײַט אויף מײַרעוו. ס'איז אָפּגערייניקט געוואָרן פונעם פאַשיסטישן ברוד דאָס פּילגעליטענע פּוילן. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אויף דער טעריטאָריע פונעם סוינע. באַ טויזנט קילאָמעטער זײַנען מיר דורכגעגאַנגען פאַר די דאָזיקע זעכציק ווינטערדיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. קעדיי אונדז פאַרשטעלן דעם וועג, האָבן סאָף ווינטער 1945 צוועלף דײַטשישע דיוויזיעס פאַרלאָזט דאָס שלאַכטפעלד אין די אַרדענען. עס האָבן זיך ברייט צעעפנט די טויערן פאַר די אַמעריקאַנער און ענגלישע אַרמייען, פאַר זייער אומגעשטערטן מאַרש אויף מיזרעך, צאָפן און דאָרעם.

די ווינטערדיקע אָנגריף־אָפּעראַציע האָט אונדז געבראַכט אויף די וועגן, וואָס פירן קיין בערלין, קיין דרעזדען — אין דער טיף פון דײַטשלאַנד.

ניט נאָר פאַר דער העכערער קאָמאַנדשאַפט, נאָר אויך פאַר אונדז, טאַנקיסטן, אַרטילעריסטן, פליִער, — פאַר אַלע די, וואָס פילן אויס איר ווילן, איז שוין קלאָר געווען — נאָך איין שפּרונג, און צו דער שטערבלעך־פאַרווונדעטער כײַע וועט קומען אַ סאָף.

און דערווײַל איז דאָס פראָנט־לעבן אין יענע נעפלדיקע מאַרצאָווע טעג און נאַסע נעכט געגאַנגען, ווי שטענדיק. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן מאַרשן און איבערגרופּירונגען. אין הינטערלאַנד פונעם סוינע זײַנען געשיקט געוואָרן אויסשפּירער, לויטן גראַפיק האָט די אַרטי־

לעריע געפירט א פײַער, און די אוויאַציע האָט „געכאַפּט" דעם גינסטיקן וועטער און געפלויגן אויספילן א פאַרגעבונג.

די סטאַווקע און די פראָנט־שטאַבן האָבן פּאַנאַנדערגעאַרבעט פּלענער פון די פינאַל־שלאַכטן. עס זײַנען אונטערגעצויגן געוואָרן רעזערוון און מאַרשעווע ראָטעס...

מיר, טאַנקיסטן, האָבן אויך פּריִער, ווען עס פלעגן געגרייט ווערן גרויסע אָנגריף־אָפּע־ראַציעס, געפילט א באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צו אונדז מיצאַד דעם פראָנט־קאָמאַנדיר איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קאָניעוו. אויך איצט, ערעוו די פאַרשטייענדיקע ענדגילטיקע אָפּעראַציעס, האָט איוואַן סטעפּאַנאָוויטש אַרויסגעריסן פון שלאַכט צוויי זײַנע טאַנקען־אַרמייען, ניט דער־לאָזט, זיי זאָלן זיך אַרײַנציִען אין קליינע צוזאַמענשטויסן, זיי קאָנצענטרירט צווישן די טײַכן אָדער און נייסע און ניט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שווער געווען אָן זיי זיך באַגיין, גענומען גרייטן צו דעם פאַרשטייענדיקן קאַמף. ער האָט פאָרויסגעזען, אַז די דאָזיקע טאַנקען־אַרמאַדע וועט זאָגן איר אַנטשליסנדיק וואָרט אין דעם לעצטן עטאַפּ פון דער מילכאָמע.

אונדזער 55־טע גוואַרדייִשע בריגאַדע איז אַרויסגעפירט געוואָרן אין רעזערוו אינעם ראַיאָן פון טשײַנאַו. פון די אַרמייִשע סקלאַדן האָט מען געפירט צו אונדז בערנשטאָף, קוילן, סנאַריאַדן. ס'איז אויך אָנגעקומען זומערדיק אָנטאָן, און פּונקט צו דער צײַט, ווײַל ווי דער ווינטער האָט זיך ניט געאַקשנט, האָט פאָרט געזיגט דער פרילינג און אין די וואַרעמע קאָמ־בינעזאָנען, אין די פּעלצלעך און אין די וואַטניקעס איז שווער געווען ניט נאָר צו גיין אין שלאַכט, נאָר פּאָשעט גיין אין זיי.

אין די דאָזיקע טעג האָבן אַלע פאַרלאַנגט נאָר איינס — אַנטיילנעמען אין די שלאַכטן פאַר בערלין. קומען קיין בערלין. די סאָלדאַטן האָבן זייער טרוים אַרויסגעזאָגט אָפן. די אָפיצערן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט גערעדט וועגן די פּלענער פון דער קאָמאַנדשאַפט, נאָר טיף אין האַרצן האָבן זיי פאַרלאַנגט דאָס זעלבע, וואָס די סאָלדאַטן. אויך איך האָב געטראַכט וועגן בערלין — כ'האָב, נאַטירלעך, ניט געקאָנט וויסן, ווו־הין דער סאָלדאַטישער גורל וועט מיך פאַרוואַרפן. דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל אַלעקסיי פּאַוולאָוויטש דמיטריִעוו האָט געטײַנעט צו די שלאַכטלײַט:

— ס'איז דען ניט אַלציינס, ווו צו שלאָגן די פאַשיסטן? אַבי וואָס גיכער זיי צעשמעטערן.

נאָר ווען מיר פלעגן בלײַבן מיט אים זאַלבעצווייט, האָט ער געזיפצט:

— פאַרשטייט זיך, אַז דעם סוינע דאַרף מען נעריקן אומעטום, נאָר ס'וואָלט פאָרט גוט געווען, ווען מע זאָל אונדזער בריגאַדע א טעלעבענץ טאָן אַף בערלין.

דער קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ האָט ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצובאַהאַלטן זײַן און אונדזער פאַרלאַנג, און, באַגעגענענדיק זיך מיט אונדז אין די טעג פון די שווערע שלאַכטן פאַרן אָדער, האָט ער אַלעמען אונטערגעמונטערט:

— האַלט זיך, כעוורע, אינגיכן וועלן מיר זײַן אין בערלין!

וואָס ווײַטער מיר האָבן זיך באַוועגט אַף מײַרעוו, אַלץ מער איז אָנגעוואַקסן דאָס געפיל פון אייפער צום מיליטער פּונעם 1־טן ווײַסרוסישן פראָנט, וואָס איז געשטאַנען אַכציק קילאָ־מעטער פון דער פאַשיסטישער הויפּטשטאָט, גרייט זיך וואַרפן אין שלאַכט. נאָר כאָטש די טיילן פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט האָבן זיך געפונען קימאַט דרײַ הונדערט קילאָמעטער פונעם געגאַרטן ציל, האָבן מיר ניט פאַרלוירן די האָפענונג זיך אָנטשעפּען כאָטש פאַר א שפּיץ פון בערלין. פאַר טאַנקיסטן זײַנען דרײַ הונדערט קילאָמעטער שוין גאָר ניט אַזוי פיל — זאָל מען נאָר באַפוילן.

ווי עס זאָל דאָרט ווײַטער ניט זײַן, האָט די בריגאַדע דערווײַל געגרייט זיך צום פּיניש, און קומען צו אים דאַרף מען שטאַרקע, שלאַכטפייִקע, געזונטע. צום באַדויערן, האָבן אָבער מײַנע „געזונט־רעסורסן" געצאַנקט. די ווונדן אין דער לעבער און אין דער ברוסט האָבן אַלץ אָפטער און אָפטער געגעבן צו וויסן וועגן זיך.

דער בריגאַדע־דאָקטער לעאָניד קאָנסטאַנטינאָוויטש באָגוסלאַווסקי איז מיר נאָכגעגאַנגען, ווי א שאָטן, און געפאָדערט, איך זאָל מאָמענטאַל זיך עוואַקויִרן. די לעבער איז אָנגעשוואָלן געוואָרן, און יעדע מינוט האָט געקאָנט טרעפן אַן אומגליק. אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש דמיטריִעוו האָט אויך „געקוועטשט" אַף מיר, איך זאָל פאָלגן דעם דאָקטער. נאָר ווי־אַזוי פאָרט מען עס אַוועק און מע לאָזט די בריגאַדע? און נאָך אין אַזא פּעריאָד! די דאָזיקע „אַטאַקע" אַף מיר האָט זיך פאַרענדיקט מיט א טעלעפאָן־געשפּרעך מיטן קאָמאַנדאַרם ריבאַלקאָ. דאָס מאָל האָט ער גערעדט גאָר ניט פרײַנטלעך:

— איך האָב געהערט, אַז איר ווײַזט אַרויס אומדיסציפּלינירטקײַט און ווילט ניט פאָרן זיך היילן. אײַער אופירונג פאַרשטיי איך ניט. די מילכאָמע פאָדערט, אויסער אַלץ, געזונטע מענטשן. איך וואָלט ניט געוואָלט, איר זאָלט זײַן א לאַסט פאַר דער בריגאַדע, — נאָך א

קליינער פאוזע האָט ער שוין א ביסל ווייכער געזאָגט, — ווי עס זעט אויס, וועלן מיר עטלעכע וואָכן קיין גרויסע אקטיוויטעטן ניט ארויסווייַזן, איז כאפט זיך אראָפּ אין הינטערלאנד, פאריכט די לעבער, און מארש ווידער צו אונדז. איר וועט באווייַזן זיך אומקערן.

איך בין געשטאנען באם טעלעפאָן־אפּאראט און שווער געאָטעמט. דאָס וואָרט „לאסט" האָט מיך, דעם עמעס געזאָגט, א שטאָך געטאָן. מיר האָט זיך שטארק געוואָלט זאָגן עפּעס שארפס, נאָר כ׳האָב באצייַטנס זיך געכאפּט, אז איך רעד מיט מייַן קאָמאנדיר, און אָפיציעל באדאנקט דעם קאָמאנדארם פאר זייַן זאָרג וועגן מיר. ריבאלקאָ האָט דערפילט מייַן צושטאנד און פראָסט כאוועריש געפרעגט:

— וואָס האלט אייַך אָפּ?

— בערלין, כאווער גענעראל!

ריבאלקאָ האָט זיך שטארק צעלאכט:

— איך האָב אָבער געוווּסט. גלייבט מיר, טייַערער מייַנער, אז דערפאר טרייַב איך אייַך טאקע אָף „רעמאָנט", אז עס זאָל קלעקן פאר בערלין. די מילכאָמע גייט צום פיניש, נאָר מיינט ניט, אז דער סאָף וועט זייַן א גרינגער. היטלער מיט זייַנע געהילפן וועלן אליין ניט אָפּטרעטן. עס שטייען פאָר זייער שווערע שלאכטן, — ריבאלקאָ האָט רויִק פאָרגעזעצט, — צו בערלין, האמבורג און לייַפּציק גייען די קאָלאָנעס פון די פארבינדעטע און טרעפן קימאט ניט אָן אָף קיין שום ווידערשטאנד. אונדז קומט אָן מיט בלוט יעדער דאָרף, און אזוי וועט עס פאָרקומען ביזן סאמע סאָף, — פלוצעם האָט ער גאָר מיט אן אנדער טאָן — ווייך און גוטווילִיק געזאָגט, — איר וועט איצט האָבן אין אייַער רעשוס עטלעכע וואָכן, איך מיין, אז דאָס וועט זייַן גענוג אָף אָנצונעמען זיך מיט פרישע קרעפטן.

— כאווער קאָמאנדארם, דאָך האָב איך מוירע, אז כ׳וועל שוין קומען נאָך אלעמען...

— איך קען אייַך שוין ניט דעם ערשטן טאָג, — האָט ער מיך איבערגעשלאָגן, — און בין זיכער, אז איר וועט אונדז דעריאָגן. צום ווידערזען...

...אָף מיזרעך האָט מיך אָפּגעפירט א טראָפּיי־מאשין. אין ראיאָן פון קאטאָוויצע האָבן מיר אמאָל צעשמעטערט א דיוויזיע־שטאב, און אָסאדטשיס טאנקיסטן האָבן מיר געבראכט די דאָ־זיקע מאשין. אויסערלעך האָט זי אויסגעזען אומגעלומפּערט, מיט א טעמפּער נאָז, אויסגע־פארבט אין א העל־געלן קאָליר. דערפאר איז זי אינווייניק געווען אויסגעשטאט מיט גרויס געשמאק. דאָ איז געשטאנען א טישעלע אָף צו ארבעטן, א דיוואן, א ראדיאָ־אופנעמער „טע־לעפונקען", שיינע עלעקטראָ־פלאפאָנען. פאר א ווייַטן וועג אין הינטערלאנד האָט מען קיין בעסערע מאשין ניט באדארפט.

מייַן אדיוטאנט קאָזשעמיאקאָוו און דער שאָפער פיאָטער ריקאָוו, וועלכע זייַנען געפאָרן מיט מיר, האָבן ארויסגעוויזן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, שוין צופיל געשיקטקייַט: זיי האָבן אָנגעשטופּט א פולע מאשין מיט טראָפּיי־פּראָדוקטן — מיט האָלענדער סארדינען, אונגארישן וווּרשט, עסטרייַכישן שאָקאָלאד, פראנצויזישן שאמפאניער און רומענישן ראָם. מיט איין וואָרט — א באוועגלעכער גאסטראָנאָם, ניט קיין מאשין. איך, מיט מייַן געשוואָלענער לעבער, האָב עס קלאָל ניט געדארפט, נאָר איך בין געפאָרן קיין מאָסקווע, אין טיפן הינטערלאנד, ווו עס האָבן אָף מיר געווארט מייַנע פרייַנט, וואָלט אפילע געווען א זינד ניט אויסנוצן די מעגלעכקייַט און ניט מעכאבעד זייַן זיי, ווי ביזן קריג.

און פרייַנט אין מאָסקווע האָב איך געהאט ניט ווייניק. מיט אייניקע פון זיי האָב איך געלערנט צוזאמען, מיט אנדערע געדינט אָפן ווייַטן מיזרעך און געקעמפט בא כאסאן. אין מאָסקווע זייַנען געווען גוטעפרייַנט פון דער מיליטער־אקאדעמיע אָף פרונזעס נאָמען, כאוויי־רים, מיט וועלכע כ׳האָב צוזאמען געקעמפט אָף פיל פראָנטן.

דרייַ טעג און דרייַ נעכט האָבן פארבייַ אונדז דורכגעשווינדלט שטעט און דערפער. די מאשין האָט זיך געגליטשט אָף אספאלט, זיך געטרייסלט אָף שטיינערנע טראקטן, געהריזנעט אין בלאָטעס און אין צעפלאָסענעם פרילינגדיקן שניי.

צוויי מעסלעס בין איך געווען אין מאָסקווע, אוןביידע מעסלעס האָב איך זיך ניט צעשיידט מיט מייַן אלטן פרייַנט וואָלאָדיע בעליאקאָוו. מיט וואָלאָדיען זייַנען מיר צוזאמען געווען סאָלדאטן אינעם פערטן פאָלק פון דער צווייטער ווייַסרוסישער דיוויזיע. מיר האָבן צוזאמען פארענדיקט די טאנקען־שול אין סאראטאָוו. ביידע האָבן מיר נאָכן פארענדיקן געדינט אינעם 32־טן באזונדערן טאנקען־באטאליאָן אָפן ווייַטן מיזרעך. מיר האָבן צוזאמען אטאקירט די יאפּאָנישע סאמורייַען אָף דער אָזערע כאסאן, און אין איין גרופּע זיך געלערנט אין דער אקאדעמיע אין מאָסקווע. בלויז די מילכאָמע האָט אונדז צעשיידט. איצט בין איך צוויי נעכט אָפּגעזעסן אין זייַן קליין צימערל אָף טרובנע־פלאץ. דאָס ווייַב זייַנס מאריִע שלאָפט. צוגעדריקט איינע צו דער אנדערער, כראָפּען אונטער זייַנע צוויי טעכטערלעך אירינא און נאטאשא. ס׳איז שוין

באַלד טאָג, און מיר האָבן נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט אונדזער שמועס. מיר דערמאָנען די פרײַנט, וואָס קעמפן אַף די פראָנטן, און די, וועלכע זײַנען שוין ניטאָ, מיר ריידן וועגן ענדגילטיקן זיג, וועגן דעם, וויאַזוי מירן לעבן נאָך דער מילכאָמע.

די צוויי מעסלעס זײַנען דורכגעפלויגן ווי איין מינוט. פּיאָטער קאָזשעמיאַקאָוו האָט שוין אָבער אַלץ אָפּגעטאָן — די מאַשין האָט ער אָפּגעגעבן וועמען מע דאַרף, צעטיילט מײַנע באַקענטע און זײַנע קרוווים די מאַטאָנעס, וואָס מיר האָבן געבראַכט, גענומען באַן-בילעטן, און מיר האָבן זיך געלאָזט אַף דאַרעם.

אין זשעלעזנאָוואָדסק איז געווען עכטער פרילינג. די זון האָט געוואַרעמט, אַף די שיפּוים פון די בערג האָט דאָס גראָז זיך אויסגעלייגט, ווי גרינע טעפּיכער, די ביימער האָבן געהאַלטן אין צעגרינעט ווערן און די גאַסן מיט די פּאַרקן זײַנען געווען פול מיט מענטשן. מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן אומרו האָב איך געשפּאַנט איבער די באַקענטע גאַסן. און אָט איז מײַן „אינוואַלידן-הויז".

אין אופנאַם-צימער איז, דאַכט מיר, אַלץ ווי געווען. דאָס זעלבע ציכטיקע שפּיטאָל-מעבל. די פאַרהענגלעך פעכלען פון ווײַסקײַט. די זעלבע געפלאָכטענע שטולן און דער זעלבער פיקוס, וואָס ציט זיך צו דער סטעליע.

כ'האָב אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם שעפס קאַבינעט. דער פולבײַקער מאַנצבל, וואָס איז געזעסן באַם טיש, האָט מיך דורכגענומען מיט אַ קאַלטן בליק. איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז דער מאַיאָר מילטשעוו?

דער געזעצטער פאַרשוין האָט אַ קוק געגעבן אַף מײַנע פּאַגאָנעס און אָן כײשעק געענטפערט:

— קיין מאַיאָר מילטשעוו איז שוין ניטאָ. ס'איז פאַראַן אַ גענעראַל מילטשעוו, און געפינען געפינט ער זיך אין זײַן היימלאַנד בולגאַריע און איז, דאַכט מיר, איצט אַ פאַרטרעטער פון אַ מיניסטער, אַזוי אַן ערעך...

— מײַן דאָקטער? דער געוועזענער שעף פון „אינוואַלידן-הויז"? — האָב איך פאַרכידעשט איבערגעפרעגט.

כ'האָב זיך דערמאָנט דאָס 1944 יאָר, דעם שוואַרץ-אויגיקן שמייכלענדיקן דאָקטער מיט דער גרויסער קוטשמע האָר, וואָס האָט מיך לאַנג באַטראַכט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרײַנגעקוקט אין מײַן „געשיכטע": „נו, גוט. מירן היילן. איך האָף אַף גוטע רעזולטאַטן..."
דאָס איז געווען מילטשעוו, דער שעף פון סאַנאַטאָריע, און זײַנע ווערטער האָבן אין מיר אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נעשאָמע.

... אין אַ שאָ אַרום האָבן שוין די דאָקטוירים און די שוועסטער געוווּסט, אַז איך בין דאָ. עמעצער האָט געשפּאַסט: „דער אַנטלאָפענער איז געקומען בעטן מעכילע". די עלטערע מעדיצינישע שוועסטער מאַריאַ אַנדרייעוונאַ, וואָס האָט שטענדיק געוואָיעוועט מיט מיר פאַר מײַן אומדיסציפּלינירטקײַט, האָט געשײַנט פון פרייד, וואָס איר „דעזערטיר" האָט זיך אומגעקערט אַ העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. זי האָט אַ גלעט געטאָן דאָס גאָלדענע שטערנדל, געכאַפּט מיך פאַר אַ האַנט און אָפּגעפירט אין דער זעלבער פּאַלאַטע, פון וועלכער כ'בין פאַראַיאָרן אַנטלאָפן אַפן פראָנט.

אין דעם דאָזיקן געראַמען צימער איז טאַקע פאָרגעקומען דער „מעדיצינישער סאָוועט". געשמועסט האָט מען שטיל, געלאַסן, ווי אין אַ היימישער מעסיבע. מע האָט לאַנג זיך געאַמפּערט, אַרויסגעזאָגט פאַרשיידענע מיינונגען, געמאַכט קאָלערליי פאַרשלאָגן. איך בין געזעסן צווישן מײַנע אַלטע באַקענטע און געטראַכט וועגן דעם, וויפל טײַערע מענטשן עס זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט. דערנאָך האָב איך געזאָגט:

— איך וויל, אַז אַלץ זאָל קלאָר זײַן. אין מײַן רעשוס האָב איך איין און צוואַנציק טעג. דעם 10 אַפּרעל פאָר איך אַרויס אַפן פראָנט. קעדיי אויסמײַדן יעטווידן אינצידענט, מעלדע איך, אַז קיין איין איבעריקן טאָג וועל איך ניט בלײַבן באַ אײַך אין געפענקעניש.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. עמעצער האָט פאָרגעלייגט:

— לאָמיר אײַנשטעלן אַ גראַפיק, וויאַזוי אים צו היילן.

אינדערעמעסן צי אין אַ שפּאַס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַן אינדיווידועלער גראַפיק, וועלכן מע האָט מיר געגעבן אַף צו באַשטעטיקן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרגיכערטער פּראָצעס פון היילונג. אַלע טאָג האָב איך גענומען וואַנעס, געטרונקען מינעראַלע וואַסער, געמאַכט פאַרשיידענע פּראָצעדורן, אַלץ איז געטאָן געוואָרן אַף אײַנצושטילן די קאַפּריזגעוואָרענע לעבער, אַף צו ליקווידירן דעם אָסטעאָמיעליט פון די ריפּן.

ביזן סאָף פון מײַן לעבן וועלן זיך פאַרהיטן אין זיקאָרן די וואַרעמע דערמאָנונגען וועגן די מענטשן פון זשעלעזנאָוואָדסק, וואָס האָבן מיך אומגעקערט אַפן פראָנט.

דאָס מאָל האָב איך פאַרלאָזט דאָס „אינוואַלידן־הויז״ אָן שום אינצידענטן. מאַריאַ אַנדרייעוונאַ איז געווען זייער ליב צו מיר. די דאָקומענטן, אַ פּעקעלע עסן, אַ בינטעלע בלומען, אַלערליי רעפּועס זײַנען געלעגן גרייט אַפן טיש. לויט דער אײַנגעשטעלטער טראַדיציע, האָבן די דאָקטוירים און שוועסטער זיך צוגעזעצט אַף די בענקלעך, אַפן בעט און אַ מינוט געזעסן שטיל. דערנאָך ווי לויט אַ קאָמאַנדע אופגעשפּרונגען און געגאַנגען מיך באַגלייטן צום צוג. ווען דער באַן האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, האָבן זיך צו מיר דערטראָגן אויסגעשרייען: „פאַרענ־דיקט גליקלעך די מילכאָמע!..״, „מיר וואַרטן אַף בריוו פון בערלין!..״ דורכן וואַגאָן־פענצטער האָב איך געזען, ווי מאַריאַ אַנדרייעוונאַ ווישט מיט אַ טיכעלע די אויגן...

אין מאָסקווע זײַנען שטענדיק פאַראַן פיל איניאַנים. מיר זײַנען אַרומגעלאָפן מיט וואָלאָדיע בעליאַקאָוון איבערן גענעראַל־שטאַב, אין פאַרשיידענע פאַרוואַלטונגען, און אומעטום האָט מען נאָר געקנייטשט מיט די אַקסל און ניט געוווסט, וויאַזוי מיר העלפן דערקלײַבן זיך צום פראָנט. אַ וועטער איז געווען אַ שלעכטער, און וואַרטן אַף אַן אַעראָפּלאַן, אין דער צײַט, ווען אונדזער מיליטער איז נאָך דעם 16 אַפּרעל איבערגעגאַנגען אין אָנגריף, האָט קיין זין ניט געהאַט. בעליאַ־קאָוו האָט אין די דאָזיקע טעג געטאָן אַלץ, קעדיי מיר צו העלפן. שפּעט באַנאַכט האָט אין מײַן האָטעל־צימער אָנגעהויבן קלינגען דער טעלעפאָן. איך האָב דערהערט בעליאַקאָווס פריידיק קאָל:

— אַלץ איז אין אָרדענונג. כ׳האָב קוים אויסגעבעטן בא מײַן שעף אַ נײַינקן „ווילִיס״. אינדערפרי קאָנסטו אים באַקומען אַף נאָווע־פעטשאַנע, אין אונדזער באַזע, און שמײַס ביז בערלין.

פון פרייד האָט מיר אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, וואָלאָדיע, דאָס גאַנצע לעבן וועל איך עס ניט פאַרגעסן, און דײַן שעף גיב איבער, אַז קיין באַלכויוו וועל איך ניט פאַרבלײַבן. אויב כ׳וועל נאָר שטורעמווען בערלין, וועל איך ספּעציעל פאַרכאַפּן גערינגס אָדער געבעלסעס אַ מאַשין און זיך צעצאָלן מיט דײַן שעף.

ביידע זײַנען מיר גליקלעך געווען, וואָס אונדזערע ליפּענישן האָבן זיך פאַרענדיקט, און ביידע האָבן מיר, נאַטירלעך, ניט געטראַכט, אַז מײַן שפּאַס וועט מעקויעם ווערן. נאָר אין לעבן טרעפט אַמאָל אַזעלכס, וואָס צוטראַכטן איז אוממעגלעך.

צווישן פּאָטסדאַם און בערלין, ניט ווײַט פון דער אויטאָסטראַדע, וואָס גייט אַף דאַרעם־מײַרעוו, זײַנען אין איינער פון געבעלסעס זומער־רעזידענצן געשטאַנען עטלעכע נײַינקע ספּעציעל פאַר געבעלסן געמאַכטע מאַשינעס „מערסעדעס־בענץ״. איינע פון זיי האָבן מיר אונטערגעכאַפּט. אין עטלעכע כאַדאָשים נאָך דער מילכאָמע, ווען מײַן בריגאַדע האָט זיך געפונען אין עסטרײַך, דאַרעם־מײַרעווודיקער פון וויך, איז צו מיר אַראָפּגעקומען בעליאַקאָוו. כ׳האָב אויסגענוצט די געלעגנהײַט און טאַקע מיט אים איבערגעגעבן די מאַשין פאַר זײַן שעף, וועלכער איז אין די אַפּרעל־טעג מיר געקומען צוהילף. נאָר יענעם פאַרטאָג, ווען דער „ווילִיס״ האָט זיך געײַלט אַף מײַרעוו, אַפן פראָנט, בין איך מיט אַלע מײַנע געדאַנקען געווען הינטער בערלין, מיט מײַן בריגאַדע.

אַפן דריטן טאָג זײַנען מיר שוין געווען אין פּוילן. אין דעמבלין האָט זיך אָבער אַרויסגע־וויזן, אַז איבערגיין די ווײַסל איז דאָ אוממעגלעך — די פּאָנטאָן־בריק איז געווען אופגעריסן. דורכפאָרן די אײַזנבאַן־בריק האָט מען ניט געקאָנט צוליב די רעלסן, און לאָזן זיך צאַפּנדיקער צו וואַרשע האָט באַטײַט פאַטערן אַן איבעריקן מעסלעס. צוהילף זײַנען אונדז געקומען די פּוילישע אײַזנבאַן־אַרבעטער. זיי האָבן אַפּגיך געמאַכט אַ וואַגאָנעטקע, אַרופגעשטעלט אַף איר די מאַשין און זי אַריבערגעפירט דורך דער אײַזנבאַן־בריק צום מײַרעווודיקן ברעג פון דער ווײַסל. ווי מיר האָבן זיך ניט געײַלט, איז אַף דער דאָזיקער אָפּעראַציע אַוועק זעקס שאָ צײַט. ווײַטער האָט דער וועג זיך געצויגן דורך די ערטער, וועלכע מיר האָבן דורכגעמאַכט מיט שלאַכטן. עס האָבן דורכגעשווינדלט שטעט מיט באַקענטע נעמען: וועליון, ריבניק, ליגניץ, בונצלאַו... ווי לאַנג עס ציט זיך דער וועג! אַפילע אַזאַ גוואַר, ווי מײַן שאָפער ריקאָוו, האָט ניט אויסגעהאַלטן די פיזישע אָנשטרענגונג — אַלע מאָל איז ער אַנדרעמלט געוואָרן. עס פלעגט אים דעמלט פאַרבײַטן קאָזשעמיאַקאָוו, באַטאָג האָב איך אויך פון צײַט צו צײַט זיך געזעצט צום רודער.

מיר זײַנען צוגעפאָרן צום טײַך נייסע. דאָ האָט זיך שוין געפילט דער אָטעם פון מילכאָמע. מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן שפּיטאָלן, באַגעגנט פראָנט־באַזעס, רעמאָנט־וואַרשטאַטן. אָפט האָבן מיר אָנגעיאָגט קאָלאָנעס מיט מאַשינעס, וועלכע האָבן געפירט קוילן, סנאַריאַדן, עס האָבן געײַלט אויטאָציסטערנעס מיט ברענשטאָף, סאַניטאַר־מאַשינעס האָבן אָפּגעפירט אין הינטערלאַנד פאַרוווּנדעטע.

אין עפּעס א װײַלכל האָבן מיר זיך אָנגעשטױסן אפן „טיל" פון דער 3־טער ארמיי פונעם גענעראל גאַרדאָװ. איך האָב געגומען זיך אָנפרעגן, װוּ עס געפינט זיך אונדזער טאַנקען־ארמיי, נאָר קיין פינקטלעכן ענטפער ניט באַקומען. סאָפּקאָלאָסאָף האָט אונדז אָפּגעגליקט. דעם 21 אַפּרעל האָבן מיר אפן װעג געטראָפן אונדזער מאשענקען. אָט װוּהין זי האָט זיך פארקליבן! צי האָט זי געטראַכט אין די יאָרן פון אָקופּאַציע, װען זי האָט געקעמפט אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, אַז זי װעט אָנשפּאַרן אױש אין דײַטשלאַנד, הינטער די װענט פון בערלין... איך שפּרינג ארויס פון דער מאשין, כאַפּ זי ארום, מאַשענקען. בלױז פונעם געדאַנק אַליין, אַז די דאָזיקע קלײנינקע, בלאָנדע בלױ־אױגיקע מאשענקא האָט דורכגעמאַכט מיט אונדז דעם װעג פונעם דניעפּער ביז בערלין, װילט זיך הונדערט מאָל אױסשרײַען „הוראַ!".. אױב מאשענקא איז דאָ, דאַרפן מיר קיין שום קאַרטע, קיין שום קאָמפּאַס, קיין שום אָריענטירן, זי װײסט אַלץ — אַלץ װעט זי דערציילן. מאשענקא האָט שטענדיק געװוּסט, װאָס עס טוט זיך אין דער בריגאַדע. ניט װאָרטנדיק אַף קיין פראַגן, האָט זי אַליין אַלץ אױסגעדערציילט, װוּהין ס'איז אװעק און װוּ עס האָט זיך געפונען פּאַריקע נאַכט די בריגאַדע.

— פונװאַנען װײסטו עס, דו ביסט דאָך דאָרט ניט געװען?

— הײַנט אינדערפרי האָב איך באַגעגנט א פאַרװוּנדעטן דעם קאָמבאַט פּיאַדאָראָװ. ער האָט דערציילט, אַז עס גייען זייער שװערע שלאַכטן. די „פאַוסטניקעס" שיסן פון די פענצטער, פון די בוידעמער, פון די טױערן אַף אונדזערע טאַנקען. ס'איז געהאַרגעט דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר סאַפּראָנאָװ, דער גענעראַל יאַקובאָװסקי איז פאַרװוּנדעט.

— מאשענקאַ! — האָב איך זי אָפּגעשטעלט, — זאָג מיר בעסער, װוּ איז דער שטאַב? דײַנע ידיעס זײַנען גאַרניט קיין פרײלעכע.

מאשעס כאַװערטע האָט זיך געשטעלט מיטן פענדל אין דער האַנט אפן װעג, און מאשא האָט זיך ארײַנגעזעצט אין דער מאשין, קעדיי דערפירן אונדז ביזן „קפּ". פאַר דער שאָ, װאָס דאָס מיידל איז מיט אונדז געפאָרן, האָט זי אױסדערציילט אַלע נײַעס. נאָכדעם האָט זי זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

— כ'װאָלט זייער געװאָלט זײַן אין בערלין.

— אומבאַדינגט װעסטו זײַן, מאשענקא. אונדזער זיג װעלן מיר פײַערן דאָרטן. האָסט פארשטאַנען?

אירע בלױע אױגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט א פײַערל פון פרייד.

באַם שלאַגבױם האָט אונדז באַגעגנט אַן אָפּיצער און אָפּגעפירט צום שעף פון ארמיי־שטאַב. דמיטרי דמיטריִעװיטש באַכמעטיעװ האָט מיך באַקענט געמאַכט מיט דער לאַגע אפן פראָנט און באַװיזן דעם ראיאָן, װעלכן עס פארנעמט אונדזער קאָרפּוס.

— פינקטלעך װוּ די בריגאַדע אײַערע איז, װײס איך ניט, איך מײן, אַז ערגעץ צאָפנדיקער פון צאָסען. לױט מײַן כעזשבן, דאַרף זי זײַן ניט װײַט פונעם טעלטאָװ־קאַנאַל.

באַכמעטיעװ האָט אָנגעקלונגען דעם קאָמאַנדאַרם און אים געזאָגט, אַז איך געפין זיך איצט בא אים. דעמלט האָט ריבאַלקאָ מיך צוגערופן צום טעלעפאָן און מיך געבעטן, איך זאָל גלײַך קומען אַף זײַן באָאָבאַכטונגס־פּונקט. דעם זעלבן טאָג האָבן מיר מיט די צעקאַרדאַשעטע װעגן זיך דערקליבן צו אונדזער מיליטער. אנטקעגן זײַנען אונדז געקומען גאַנצע קאָלאָנעס פון אָפּגעריסן־אָפּגעשליסענע מענטשן. זיי האָבן מיט ליבע געקוקט אפן מיליטער, װאָס איז געגאַנגען אַף בערלין. די אַלע פרױען, מאַנצבלען, יוגנטלעכע און קינדער האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געאַרבעט אַף די זאַװאָדן פונעם בערלינער ראיאָן, געזעסן אין די טורמעס, געפונען זיך אין די קאָנצלאַגערן. דאָס זײַנען געװען מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און פעלקער. דער פילשפּראַכיקער אױלעם האָט זיך געפרייט און אײנצײַטיק געװײנט.

איך האָב, װי א פאַרקישעפטער, געקוקט אַף די דאָזיקע מענטשן, געזוכט צװישן זיי מײַנע ברידער, װעלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פון דער מילכאָמע, געזוכט מײַנע שװעסטער, װעלכע די פאשיסטן האָבן אומגעבראַכט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געװוּסט, אַז זיי זײַנען אומגעקומען, נאָר כ'האָב געהאָפט... אזױ איז שױן דער מענטש — ס'האָט זיך געװאָלט גלייבן, אַז עמעצער פון זיי איז אַלפּי־נעס לעבן געבליבן.

סאַראַ מױרעדיקע צאָל מענטשן האָבן עס די פאשיסטן פארטריבן קיין דײַטשלאַנד! דער מאַרש פון די שקלאַפן, װאָס האָט זיך אָנגעהױבן אין יאַנװאַר, װען מיר האָבן געעפנט די טױערן פון די קאָנצלאַגערן און טורמעס, — פון דעמלט איז שױן אריבער פיר כאָדאָשים, — װערט ביז איצט נאָך פאַרגעזעצט. „װיקטאָריאַ", „װיװו ליא פע", „פּאָבעדאַ", „פרידען" האָבן די מענטשן אױסגערופן אַף פראַנצױזיש, רוסיש, דײַטש און ענגליש.

אונדזער „װיליס" האָט זיך געשלעפּט איבער די איבערגעפּולטע װעגן אַף צאָפן. איצט האָבן מיר בא קײנעם ניט געדאַרפט פרעגן דעם װעג צום פראָנט. אַלס אָריענטיר האָט געדינט

דער הימל, וועלבן עס האָבן באַלויכטן סריפּעס, די אַרטילעריסטישע קאַנאָנאַדע, וואָס איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. איבער אונדז זײַנען געפֿלויגן אין דער ריכטונג פֿון בערלין הונדערטער אַעראָפּלאַנען. פּאַרטויבטע אויפֿרײַסן פֿון פֿוגאַס־באָמבעס האָבן זיך געהערט אויף צענדליקער קילאָמעטער.

ריבאַלקאָ האָב איך געטראָפֿן אין א גראַמען צימער פֿון א פּאַרלאָזט הויז. באַנאַנד מיטן קאָמאַנדאַרם איז געשטאַנען אַן אומבאַקאַנטער גענעראַל־פּאָלקאָווניק, א מענטש פֿון מיטלען וווּקס, מיט שטאַרק שוואַרצע אויגן, און אויך אַנדערע מיליטערלײַט. איך האָב געמאַכט א שפּאַן צו ריבאַלקאָ און שוין גרייט געווען אים אָפּגעבן א ראַפּאָרט, נאָר דער קאָמאַנדאַרם האָט מיר אויסגעצויגן א האַנט און דערבײַ זיך געווענדט צו די בײַוווּנזנדע:

— איך האָב אײַך געזאָגט, אַז דראַגונסקי וועט ניט פֿאַרשפּעטיקן, ער וועט אונדז געפֿינען ניט נאָר אין בערלין, נאָר אין עק וועלט. — ווענדנדיק זיך צום גענעראַל־פּאָלקאָווניק — דאָס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען דער קאָמאַנדיר פֿון דער פֿראָנט־אַרטילעריע סערגיי סער־גייעוויטש וואַרענצאָוו, האָט ער אים דערקלערט: — דראַגונסקי איז דער קאָמאַנדיר פֿון דער 55־טער בריגאַדע, געווען אין שפּיטאָל און זיך אומגעקערט פּונקט צו דער צײַט. ער האָט אַלץ מוירע געהאַט פֿאַרשפּעטיקן קיין בערלין. נו, און איצט, אויב ער וועט דער ערשטער אַרײַן אַהין, באַקומט ער א צווייטן גאָלדענעם שטערן, אויב ניט, וועלן מיר דעם ערשטן אויך צונעמען.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט נאָכאַמאָל מיך באַטראַכט.

— אויסזען זעט איר אויס גוט, פֿאַרברוינט, ווי נאָך א קוראָרט. און איצט נעמט זיך פֿאַר דער אַרבעט, די צײַט שטייט ניט.

ער האָט מיך צוגעפֿירט צום טיש, ווו עס איז געלעגן א גרויסמאַסשטאַביקער פּלאַן פֿון בער־לין. דאָ האָט מען גוט געזען די גאַס־קוואַדראַטן, רעליעף האָבן זיך אויסגעטיילט די פּלעצער, עס זײַנען אָפּגעמערקט געווען די סטאַדיאָנען, מעטראָסטאַנציעס, דער רײַכסטאַג און די אימ־פּערישע קאַנצעליאַריע. ווי שלענגעלעך, האָבן זיך אויסגעבויגן דער טעלטאָוו־קאַנאַל און דער טײַך שפּרעע. די בלויע סטענגעלעך האָבן זיך געצויגן איבער די פֿאָרשטעט, אַרײַנגעדרונגען אין דער שטאָט און ערגעץ פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אין די לאַבירינטן פֿון די גאַסן.

איך האָב ניט אָפּגעריסן דעם בליק פֿון דער קאַרטע. פֿעטע, רויטע פֿײַלן האָבן אַרויסגע־פֿירט דעם 9־טן מעכאַניזירטן קאָרפּוס פֿונעם גענעראַל סוכאָוו צום צענטער פֿון בערלין, צוויי ניט קיין גרויסע פֿײַלעכלעך האָבן זיך געצויגן אַנטקעגן דעם 1־טן ווײַסרוסישן פֿראָנט — צו דער אַרמיי פֿונעם גענעראַל טשויקאָוו און צו דער 1־טער טאַנקען־אַרמיי פֿונעם גענעראַל קאַטו־קאָוו. דער 6־טער טאַנקען־קאָרפּוס פֿון מיטראָפֿאַנאָוו איז מיט אַלע זײַנע בריגאַדעס געגאַנגען גלײַך אויף צאָפֿן צום צענטער פֿון בערלין, צום טירגאַרטען.

מײַן בליק איז אַרומגעלאָפֿן איבער דער קאַרטע, געזוכט דעם 7־טן קאָרפּוס, מײַן בריגאַדע. דער שעף פֿונעם אָפּעראַטיוון אָפּטייל פֿון דער אַרמיי, מײַנער אַן אַלטער באַקענטער לויט דער אַקאַדעמיע, סאַשאַ יעריאָמענקאָ האָט אויסגעצויגן איבער מײַן קאָפּ זײַן גרויסע האַנט און א טוק געטאָן מיט א פֿינגער אין דער קאַרטע:

— אָט דאָ איז דײַן בריגאַדע. נעכטן באַנאַכט איז זי צוגעקומען צום טעלטאָוו־קאַנאַל. די דײַטשן האָבן אונטער דער נאָז פֿון דער בריגאַדע אויפֿגעריסן די בריק.

מיר איז לאַכלוטן ניט באַוווּסט געווען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער דאָזיקער קאַנאַל, דערפֿאַר האָב איך א פֿרעג געטאָן, צי איז דאָרט ניטאָ קיין באַקוועמע ערטער אויף דורכגיין?

ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט דער קאָמאַנדאַרם:

— דער קאַנאַל האַלט אין דער ברייט 40—50 מעטער און איז אינגאַנצן אָנגעטאָן אין בע־טאָן, די ווענט זײַנען קימאַט ווערטיקאַלע, און אויפֿן צאָפֿנדיקן ברעג זײַנען געמאַכט בעטאָן־פֿאַרפֿעסטונגען. די געדיכט באַפֿעלקערטע פּונקטן, די שטיינערנע געבײַען מאַכן נאָך שטאַר־קער די שוץ.

ריבאַלקאָ האָט מיך פֿאָרגעשטעלט דעם גענעראַל וואָראָנצאָוו און דעם קאָמאַנדיר פֿון דער 28־טער אַרמיי גענעראַל לוטשינסקי.

— אונדז וועט איצט זײַן פֿיל גרינגער, — האָט דער קאָמאַנדאַרם געזאָגט, — אַלעקסאַנ־דער אַלעקסאַנדראָוויטש לוטשינסקי וועט אונדז קומען צוהילף. ווײַבאַלד עס האָט זיך באַוויזן אינפֿאַנטעריע, איז פֿאַר אונדז, טאַנקיסטן, שוין גאָרנישט ניט שרעקלעך. איצט, — האָט רי־באַלקאָ פֿאָרגעזעצט, — פֿאָרט גלײַך אין אײַער בריגאַדע, באַקענט זיך אויפֿן אָרט מיט די אומ־שטענדן. אומבאַדינגט זאָלט איר זיך דערקלײַבן צום קאָמאַנדיר פֿונעם קאָרפּוס — ער וואַרט אויף אײַך. איר האָט איצט, אַגעוו, א נײַעם קאָמאַנדיר — דעם גענעראַל וואַסילי וואַסיליעוויטש נאָוויקאָוו — א געניטער שלאַכטמאַן און א שטרענגער קאָמאַנדיר.

גערענעגנעדיק זיך מיט מיר, האָט דער קאָמאַנדאַרם פּאַרטרוויָלעך געזאָגט:

— דאַנדלען דאַרף מען געוואַגט, ניט אַרומקוקן זיך אין די זײַטן. מוירע האָבן איז ניטאָ פּאַרוואָס. מיר זײַנען ניט אַליין. פֿון מיזרעך גייט דער 1־טער ווײַסרוסישער פראָנט. ראָקאָ־סאָווסקי האָט זיך פאַרמאָסטן אָף צאָפן, לינקער פֿון אונדזער אַרמיי גרײַפט אָן אָף פּאָטסדאַם לעליושענקאָ, פאַרשטאַנען?

עס האָט זיך געפילט, אַז ריבאַלקאָ איז אין אַ געהויבענער שטימונג, דערפאַר טאַקע האָט ער זײַנע באַפעלן באַגלייט מיט אַ ווערטל...

— כ'וועל וואַרטן אָף אײַך אין בערלין, כאַוועַר קאָמאַנדאַרם.

ריבאַלקאָ האָט זיך צעשמייכלט:

— אַ דאַנק פאַר דער אײַנלאַדונג, כ'וועל קומען אומבאַדינגט. אָבער איך נעם מיט אײַך אויס, איר דאַרפט מיר צוזאָגן, אַז אופנעמען וועט איר מיך אָף ווילהעלמשטראַסע. געדענקט, אַז אַהין דאַרף גיין אײַער קאָרפּוס און אויך אײַער בריגאַדע.

מיט אַ פּלאַן פֿון בערלין אין טאַש האָב איך אין דער באַגלייטונג פון אַ פאַרבינדונגס־אָפיצער זיך אוועקגעלאָזט צו מײַנע שלאַכט־כאַוויירים. די באַגעגעניש מיט ריבאַלקאָן האָט מיך אופגערודערט. זײַנע וואַרעמע ווערטער און די ברויזנדיקע ענערגיע זײַנע האָבן אָנגעשטעקט אויך מיך. ס'האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אײַנשליסן אין קאַמף.

די מאַשין, פונקט ווי זי וואָלט געפילט מײַן אומגעדולד, האָט זיך געטראָגן מיט דער גרעס־טער שנעלקײַט. מיר זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען קיין מאַלאָו, פאַרקערעוועט אָף לינקס אין דער ריכטונג פון טעלטאָוו און דאָ אַרײַנגעפאַלן אין דער פײַער־זאָנע. דער פאַרבינדונגס־אָפיצער האָט אויסגעקליבן ניט אינגאַנצן קיין געלונגענעם מאַרשרוט. ער האָט זיך געלאָזט מיט אַ גלײַכן וועג, אויסרעכענענדיק, אַז אַזוי וועלן מיר גיכער קומען אָפּן אָרט. ער האָט אָבער ניט גענומען אין באַטראַכט, אַז די צענטראַלע גאַס, פונקט ווי די גאַנצע שטאָט טעלטאָוו, ווערט באַשאָסן מיט אַלע פײַער־מיטלען פונעם קעגנער. אומקערן זיך צוריק אָף צו געפינען אַן אַנדער וועג איז שוין געווען שפּעט און דערצו געפערלעך. איז געבליבן איינס — אַ געשריי טאָן: „פאָרויס!". און דער „ווילים" האָט זיך געלאָזט שפּרינגען איבער בערגלעך און גריבער. דער קאַלטבלוטי־קער ריקאָוו, וואָס פלעגט זיך קיינמאָל ניט פאַרלירן, האָט פאַרשטשעמעט די ציין, זיך אײַנגע־קלאַמערט מיט די הענט אינעם רודער פון דער מאַשין און זי אָנגעצילט צו דער פאַרשטאָט. אונדזער „צאַפּיקל" האָט זיך געטוליעט צו די ווענט פון די הײַזער, צו די שטיינערנע פאַרקנס און געשפּרונגען איבער קאַנאַוועס. דער שאָפער איז באַגאָסן געוואָרן מיט שוויס, ער האָט גע־וואָרפן די מאַשין אין מער־ווייניקער געפאַרלאָזע ערטער, כאָטש געווען זײַנען אַזעלכע ביז גאָר ווייניק. דאָך האָבן מיר דערגרייכט די פאַרשטאָט. איצט איז פאָרגעשטאַנען דורכשפּרינגען ניט קיין גרויס פעלד און זיך אַרײַנכאַפן אין וועלדל, פון דאָרטן איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צום שטאַב פון דער בריגאַדע. פונעם קעגנבערדיקן בּרעג זײַנען מיט אַ פײַפעריי געפלויגן סנאַריאַדן און מינעס, און, ווי אָף צולאָכעס, איז אָפן פעלד ניט געווען ניט קיין יאַר, ניט קיין קוסט. דער טאַנץ פון אונדזער מאַשין איבערן צעראַיעטן פעלד האָט געדויערט אינ־גאַנצן עטלעכע מינוט, נאָר אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס ציט זיך שוין אָן אַ סאָף. ווי ריקאָוו האָט זיך ניט געסטאַרעט ראַטעווען אונדז פונעם פײַער, האָט זיך עס אים דאָך ניט אינ־גאַנצן אײַנגעגעבן. דער „ווילים" האָט גענומען הינקען אָף דרײַ רעדער, אַ צעלעכערטער ווי אַ זיפּ, פון די פּילצאַליקע שפּליטערס, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין אַ הויף, וואָס איז אַרומגע־רינגלט געווען מיט אַ ציגלנער וואַנט. דער פאַרבינדונגס־אָפיצער איז פאַרוווּנדעט געווען, מיר זײַנען אָפּגעקומען, ווי מע זאָגט, מיט דערשרעק. דער געדאַנק, אַז איך קאָן פאַר דער צײַט אַרויס פון קאָן אָדער גאָר דערהאַרגעט ווערן, האָט מיך איצט פאַרפאָלגט מער ווי שטענדיק. אָף דער מילכאָמע ווערט מען אין אַ געוויסער מאָס צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז מע קאָן אין אַ באַ־ליביקן מאָמענט אומקומען, נאָר פאַלן דאָ, בוכשטעבלעך דרײַ שפּאַן פון דער בריגאַדע, האָט זיך זייער ניט געוואָלט.

סאָפקאָלסאָף זײַנען מיר אַלץ איבערגעקומען. מיר האָבן אָפגעאָטעמט, זיך צוגעכאַפּט צו דער פּליאַגע מיט וואַסער, איבערגעבונדן די ווונד אונדזער באַגלייטער, פאַרביטן די ראָד אָף דער מאַשין און זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. איצט האָבן די סנאַריאַדן זיך אופגעריסן שוין ערגעץ אין אַ זײַט. אין אַ שאָ אַרום זײַנען מיר געווען אין בריגאַדע.

אָף אַ פּוסטן כוטאָר, וואָס איז ניט פאַרצייכנט אָף קיין שום קאַרטע, הינטער גראַבע ווענט האָט זיך געפונען אונדזער שטאַב. כ'האָב דערקענט פיל פון אונדזערע מאַשינעס, און אָט איז מײַן שטאָלן פערד — דער טאַנק „ט־34" נומער 200. ער שטייט האַרט לעבן אַ קויטיקער ציגל־נער וואַנט, וואָס איז באַוואַקסן מיט מאָך.

דער נײַער שעף פון שטאב פּאַדפּאָלקאָווניק שאַלונאָוו האָט מיר ראַפּאָרטירט וועגן דעם צושטאַנד פון דער בריגאַדע.

— אַלע אונדזערע פּרוּוון צו פאָרסירן דעם קאַנאַל אינעם ראַיאָן פון שטאַטסדאָרף, — האָט ער געזאָגט, — האָבן קיין דערפאָלג ניט געהאַט. — ער האָט מיך צוגעפירט צום פענצטער, דורך וועלכן ס'האָט זיך געזען אי שטאַטסדאָרף, אי די בריק פון רעכטס, און אויך די באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן זיך אײַנגעגראָבן אפן דאַרעמדיקן ברעג פונעם קאַנאַל, — אזא פײַער האָב איך נאָך ניט געזען, — האָט א זיפץ געטאָן דער שעף פון שטאַב.

— און וואָס איז מיט דער בריק?

— פאַרכאַפּן זי איז אונדז ניט געלונגען. די דײַטשן האָבן טיילווײַז זי אויפגעריסן, און פּרוּוון זי שטורמעווען האָט קיין זין ניט.

— און ווי קוקט דערויף דער קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס? — האָב איך ווײַטער געפרעגט.

— ער פאָדערט, פאַרשטייט זיך, מיר זאָלן פאַרכאַפּן דעם קעגנייבערדיקן ברעג.

כ'האָב אָנגעקלונגען דעם גענעראַל נאָוויקאָוו און זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים.

דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר האָט געזאָגט, אז ער געפינט זיך ניט ווײַט פון אונדז, ניט מער ווי צוויי־דרײַ קילאָמעטער. דער טעלעפאָן און די ראַציע זײַנען אין די געגעבענע באַדינגונגען ניט קיין זיכער מיטל, בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, איך זאָל זיך איצט דערקלײַבן צו אים.

דעם עמעס געזאָגט, האָט זיך ניט זייער געוואָלט איבערלאָזן די בריגאַדע, נאָר אז א קאָמאַנ־דיר פאָדערט, איז ניטאָ וואָס צו ריידן.

וועגן דערקלײַבן זיך צום קאָרפּוס־קאָמאַנדיר אף א מאשין איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן — די דײַטשן האָבן זיך געפונען אף א מעהאַלעך פון דרײַ הונדערט מעטער פון אונדז. ס'איז אויס־געקומען גיין צופוס, ס'הייסט פּאַשעט פויזען, ווײַל דאָס אומופהערלעכע פײַער האָט אונדז צוגעקוועטשט צו דער ערד. קריכנדיק פון איין הויז צום צווייטן, האָבן מיר — דער אדיוטאַנט, דער פאַרבינדונגס־אָפיצער און איך — געשטעלט פאַר זיך א ציל צום אַלעמערשט דערגרייכן דאָס וועלדל. נאָר אין וועלדל איז געווען נאָך ערגער: די דומדום־קוילן זײַנען געפלויגן אזוי געדיכט, אז די הײַזער לעבן וואַלד זײַנען געווען ווייניקער געפערלעך, כאָטש איבער זיי האָט געשאָסן די אַרטילעריע. מיר זײַנען איבערגעלאָפן פון הויז צו הויז, ביז מיר האָבן סאָפקאָלסאָף אָנגעטראָפן אף א שטאַב־אָפיצער, וואָס האָט אונדז געבראַכט אהין, וווּ מע דאַרף.

ווי דראַמאַטיש אונדזער לאַגע איז ניט געווען, האָט מיך געשטיקט א געלעכטער — דער אָפיצער, וואָס האָט אונדז באַגעגנט, איז צוגעקראָכן צום הויז און ווי א קאַץ פאַרשווּנדן גע־וואָרן אין א נאָרע, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין פונדאַמענט, סאַמע בא דער ערד. אין עטלעכע מינוט ארום האָט פון דער לאָך זיך ארויסגערוקט א האַנט און אונדז געװונקען רופן...

צי דערפאַר, וואָס מײַנע גאַבאַריטן זײַנען געווען גרעסערע, ווי דעם אָפיצערס, צי עפּ־שער דערפאַר וואָס איך בין ניט געווען אזוי פלינק, נאָר דעם קאָפּ האָב איך אין דער נאָרע ארײַנגערוקט גרינג, אָבער דורכקריכן אין קעלער איז מיר אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך. אין דעם האַלב־פינצטערן קעלער האָט מען מיך באַגעגנט מיט א הילכיק געלעכטער. אָן אומבאַ־קאַנט קאָל האָט געזאָגט:

— כידעשט זיך ניט, וואָס מיר האָבן אײַך געבראַכט אהער דורך אזא לאָך. נאָר קיין אנדער ברייטע האָבן מיר ניט. די דײַטשן האַלטן די טירן די גאַנצע צײַט אונטער א פײַער. באַנאַכט, ווען מיר האָבן זיך פאַרקליבן אהער, האָבן מיר זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן, און איצט איז שוין שפּעט איבערצוגיין אין אן אנדער אָרט.

ביסלעכווײַז איז דאָס אויג צוגעוווינט געוואָרן צו דער פינצטערניש. אין א ווינקל פונעם לאַנגן קעלער־צימער, ווו מיר האָבן זיך געפונען, זײַנען געשטאַנען טעלעפאָן־אַפּאַראַטן. אין שכיינעסדיקן צימער זײַנען בא א ראַדיאָסטאַנציע געזעסן צוויי ראַדיסטן. דאָ איז אויך געווען א גרופּע מענטשן. לעבן קאָמקאָר גענעראַל נאָוויקאָוו איז געשטאַנען נאָך א נאָוויקאָוו, דער גענעראַל־פּאָלקאָווניק — ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש נאָוויקאָוו, דער קאָמאַנדיר פונעם טאַנקען־ און מעכאַניזירטן מיליטער פון אונדזער פראָנט. און נאָך איז דאָ געווען א דריטער נאָוויקאָוו, אנדריי וולאַדימיראָוויטש, דער שעף פון פּאָליט־אָפּטייל פונעם קאָרפּוס — דאָס איז געווען מײַנער אן אַלטער פראָנט־כאַווער.

כ'האָב אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, אויסגעגלײַכט דעם קיטעל און זיך פאָרגעשטעלט פאַר אַלע דרײַ נאָוויקאָווס. פאַר ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש און וואַסילי וואַסיליעוויטשן האָב איך זיך אָפיציעל פאָרגעשטעלט, אָבער די באַגעגעניש מיט אנדריי וולאַדימיראָוויטשן איז פאָר־געקומען גאָר אף אן אנדער אויפן, — מיר האָבן זיך שטאַרק ארומגענומען און אף א סאָלדאַטישן שטייגער זיך צעקושט.

מיט דעם דאָזיקן אויסגעצייכנטן מענטשן האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף פאַרשיידענע פראָנטן — אויפן דניעפּער, הינטער קיִעוו און לוואָוו, בײַ דער װײַסל און אויפן אָדער, און איצט דאָ, הינטער בערלין. עמעס, דערווײַל נאָך ניט אין געבעלעסעס אַפּאַרטאַמענטן, נאָר אין אַ קעלער, וואָס האָט געהערט צו אַן אַנדער פאַשיסט, אָבער שוין ניט ווײַט פון יענע ערטער, וועגן וועלכע מיר האָבן מיט נאָוויקאָוון געטרוימט אין די ערשטע יאָרן פון קריג.

די באַגעגעניש מיט אַנדריי וואַסיליעוויטשן האָט מיך עפּעס זייער צערודערט, און קעדיי זיך באַרויִקן, האָב איך אַ שפּאַס געטאָן:

— מיר דאַכט, אַז פאַר אַזויפיל נאָוויקאָוס איז איין קעלער צו ווייניק.

וואַסילי וואַסיליעוויטש האָט אַראָפּגענומען זײַנע באַגילדעטע ברילן, אויסגעווישט די גלעזלעך און מיט זײַן ספּעציפישער טווערער אַקענדיקער אויסשפּראַך מיר אָפּגעענטפערט:

— שוין זשע ווייסט איר ניט, אַז נאָוויקאָווס אין ראַסיי זײַנען פאַראַן ניט ווייניקער פון איוואַנאָווס, באַזונדערס בײַ אונדז אויף קאַלינינשטשינע? און דאָס, וואָס מיר זײַנען זיך אַלע צונויפגעקומען אין איין אָרט, זײַט איר שולדיק. ווען אײַער בריגאַדע זאָל זײַן אויף יענער זײַט קאַנאַל, וואָלט איך דאָ ניט געזעסן, און ניקאָלײַ אַלעקסאַנדראָוויטש וואָלט אַהער ניט געקומען, — דער קאָמקאָר האָט איבערגעפירט דעם געשפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג. — דאָס, וואָס די בריגאַדע שטייט בײַ דעם קאַנאַל, איז פונדעסטוועגן אַ פאַרברעכן. דעם דניעפּער האָבן מיר גענומען, די װײַסל — די ערשטע פאָרסירט, הינטער די פּלייצעס זײַנען געבליבן די טײַכן נידאַ און דער אָדער, און דאָ קאָנען מיר ניט איבערשפּרינגען איבער עפּעס אַ נישטיקער קאַליוזשע.

וואַסילי וואַסיליעוויטש האָט נערוועז געשפּאַנט איבערן קעלער. ביז הײַנט בין איך פּערזענלעך מיט דעם דאָזיקן גענעראַל ניט געווען באַקאַנט, נאָר געהערט האָב איך, אַז דאָס איז אַ באַדאַכטער, דרייסטער און זייער גוטער מענטש.

דער קאָמקאָר איז צוגעגאַנגען צו דער קאַרטע און אַ זאָג געטאָן:

— דער טעלטאָוו־קאַנאַל איז די לעצטע גרענעץ אויפן וועג צו בערלין. אַז מיר וועלן אים פאָרסירן, וועלן מיר זײַן דאָרט, אין בערלין!

נאָוויקאָוו האָט גערעדט לאַנגזאַם, באַטאָנענדיק פיל ווערטער, קעדיי אונטערשטרײַכן דעם געדאַנק. ער האָט מיך באַקאַנט מיט זײַן באַשלוס וועגן פאָרסירן דעם קאַנאַל אויף אַ פראָנט פון פינף קילאָמעטער.

— וויפל צײַט האָב איך אויף צוגרייטן זיך? — האָב איך געפרעגט.

— איין מעסלעס. דעם דרײַ־און־צוואַנציקסטן אויף דער נאַכט דאַרפט איר מיר מיטיילן וועגן אײַער גרייטקײַט.

מער קיין פראַגן האָב איך ניט געשטעלט. אין די דעטאַלן האָב איך אַליין זיך געדאַרפט פאַנאַנדערקלײַבן. אַלץ איז געווען, ווי אין אַ נעפּל. צום אַלעם ערשטן האָט מען דרינגענדיק געמוזט פאַרפינקטלעכן, פאַרוואָס האָט אונדזער גאַנצע אַרמיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אָט דעם קאַנאַל. וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דער קעגנער, וועלכער שטייט אַנטקעגן אונדז? ווי גרויס איז זײַן כאַיִל? מע האָט אַלץ געדאַרפט אויספאָרשן, דורכטראַכטן און ערשט דעמלט נעמען ערנסט זיך גרייטן.

צוזאַמען מיטן קאָמקאָר זײַנען מיר אַרופגעקראָכן אויפן בוידעם פונעם הויז און פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צום הויכן שמאָלן פענצטער. פאַר די אויגן האָט זיך צעשפּרייט אַ פּאַנאָראַם אויף פיל קילאָמעטער. פונדאַנען האָט מען גוט געזען באַפעלקערטע פונקטן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שטאָט, דאַטשע־יִישוּווים, כוטאָרס, און ווײַטער — ווילעס, סעדער און אָזערעס. דעם טעלטאָוו־קאַנאַל האָב איך באַמערקט ערשט מיט אַ צײַט שפּעטער.

דורכן בינאָקל האָב איך גוט געזען אַ גרויען בעטאָנירטן ברעג, וואָס האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אויפן גרינעם פאָן פון די ווינטער־טוועס. בלויז אין אייניקע ערטער האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ וואַסער־פּאַסיקל.

דעם קומענדיקן טאָג האָבן מיר זיך געגרייט צו די פאָרשטייענדיקע אָפּעראַציעס — דורכרײַסן די שוץ־ליניע און פאָרסירן דעם קאַנאַל.

אינײנעם מיט די אויסשפּירער און סאַפּיאָרן, מיט די קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען, מיט די אָפיצערן פון דער צוגעגעבענער אַרטילעריע זײַנען מיר אויסגעווען אויף אַלע פּאָזיציעס און אין די פונקטן, ווו מע קאָן איבערגיין דעם קאַנאַל.

ווי מיר האָבן זיך ניט געסטאַרעט צו טאָן אַלץ אינדערשטיל, האָט דער קעגנער דאָך באַמערקט, אַז אונדזער אַרטילעריע האָט פאַרנומען נײַע פײַער־פּאָזיציעס.

אין דער צווייטער העלפט טאָג האָבן די דײַטשן פאַרשטאַרקט דאָס פײַער. אויף אונדזער ברעג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן שווערע סנאַריאַדן. דאָס פײַער האָט געבושעוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן זיך אַן איבעריק מאָל איבערצײַגט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ

שטאַרקן קעגנער. מע האָט געדאַרפט א טראַכט געבן וועגן ענדערן די ביז איצטיקע טאַקטיק. די פריערדיקע מעטאָדן — ארומגאַנג, מאַנעווורען, פראָנטאַלע אטאַקעס, רעידן אין פײַנטלעכן הינטערלאַנד — דאָס אַלץ האָט ניט געטויגט פאַר די געגעבענע אומשטענדן.

די קאָמאַנדשאַפט פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט האָט בײַס א גאַנצער ריי וויכטיקע שלאַכט־אָפעראַציעס געשאַפן אונדז אזעלכע גינסטיקע באַדינגונגען, אַז מיר, טאַנקיסטן, האָבן געהאַט די גרעסטע מעגלעכקײַטן צו מאַנעווורירן: די אַרטילעריע פלעגט אופרײַסן די פײַנטלעכע שוץ, מיר פלעגן אַרײַן דורך די צעבראָכענע טויערן און גיין פאָרויס.

איצט, ווען מיר זײַנען צוגעקומען צו בערלין, איז קלאָר געוואָרן, אַז האַנדלען אזוי, ווי ביז אהער, איז ניט מעגלעך.

דאָס סאָוועטישע מיליטער איז געגאַנגען פון דרײַ זײַטן. טשויקאָווס, קוזנעצאָווס, קאַטוקאָווס אַרמייען זײַנען פאַמעלעך, אָבער זיכער געגאַנגען פון מיזרעך — זיי האָבן געדאַרפט פאַרכאַפן דעם צענטער פון דער שטאָט. באָגדאַנאָווס און פּערכאָראָוויטשעס מיליטער האָט זיך אָנגעקלאַמערט אין דעם צאָפנדיקן טייל פון בערלין און געשטויסן דעם קעגנער צו זײַן צאָפן־מײַרעוודיקער זײַט. דאָס מיליטער פונעם 1־טן אוקראַיִנישן פראָנט, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי טאַנק־אַרמייען, אַכט מעכאַניזירטע און שיסער־קאָרפוסן, האָט באַהערשט די קאָטבוסער וועלדער, די טײַכן נייסע און שפּרעע, די אָזערע וויונסדאָרף, די לוקענוואַלדער זומפּן און הונדערטער שטעט און באַפעלקערטע פּונקטן דאָרעמדיקער פון בערלין: יוטערבאָרג, צאָסען, מאַלאָוו, טעלטאָוו, און צוגעקומען פון דאָרעם האַרט צו דער הויפּטשטאָט פון דײַטשלאַנד. און דאָך האָבן די פאַשיסטן נאָך אַלץ געהאַלטן בערלין. היטלער האָט נאָך אַלץ געלייגט האָפענונג אויף דער 9־טער און 12־טער אַרמייען, וועלכע האָבן געאײַלט צוהילף דעם בערלינער גאַרניזאָן. ער האָט אויך אויסגערעכנט אויף די אונטערקומענדיקע רעזערוון, אויף זײַן אָפיצערישן קאָרפוס און אויף די אָפיצער־שולן, ווי אויך אויף דער געסטאַפּאָ און די שטורמאָוויקעס, אויף א טאָטאַלער מאָביליזאַציע פון אַלטע לײַט און קינדער, אויף די באַטאַליאָנען פון „פאָלקס־שטורעם“ און אויף די „פאַוסטניקעס“. די אָנפירער פונעם פאַשיסטישן רײַך האָבן געהאָפט, אַז דאָס מיליטער פון אַמעריקע און ענגלאַנד וועט פאַרלויפן דעם וועג דער סאָוועטישער אַרמיי, וועט פאַרכאַפן בערלין און זיי, די פאַשיסטן, פאַרהיטן דאָס לעבן.

סאָף טאָג האָבן מיר פאַרענדיקט די צוגרייטונג צום פאָרסירן דעם קאַנאַל. מיר האָבן פאָרויסגעזען, אַז עס קאָנען פאָרקומען לאַנגדויערנדיקע שלאַכטן אין שטאָט, אויף די גאַסן. דערפאַר האָבן מיר פאַנאַנדערגעטיילט די מאָטאָריזירטע אינפאַנטעריע צווישן די טאַנקען־ראָטעס. מיר האָבן געשאַפן שטורעם־גרופּעס, וואָס זאָלן קאָנען קעמפן מיט די „פאַוסטניקעס“ און אווטאָמאַטלער, וואָס וועלן שיסן פון די הײַזער, בוידעמער. צו יעדער טאַנק זײַנען צוגעפעסטיקט געוואָרן 5—6 אווטאָמאַטלער, סאַפּיאָרן, אויסשפּירער. אזויאַרום האָט יעדער טאַנק געהאַט זײַן אייגענעם „גאַרניזאָן“. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די אָנגענומענע מיטלען זײַנען ניט גענוג — עס האָט געפעלט אינפאַנטעריע, קעמפן אין בערלין אָן אינפאַנטעריע איז אומעגלעך געווען. איך, א טאַנקיסט, האָב דאָס באַזונדערס געפילט, ווײַל כ׳האָב געוווסט די שוואַכע זײַטן פון טאַנק. אין די שלאַכטן אויף די גאַסן און געסלעך איז א טאַנק, ווי א בלינד קעצל, ער קאָן ניט מאַנעווורירן. באַזונדערס באַנאַכט איז ער מאַכטלאָז. קעדיי מײַנע טאַנקען זאָלן קאָנען קעמפן אין בערלין ווי עס דאַרף צו זײַן, איז נייטיק געווען אינפאַנטעריע. אָבער ווו נעמט מען זי?

מיר איז אופגעקומען א געדאַנק, מיט וועלכן כ׳האָב זיך געטיילט מיטן שעף פון פּאָליט־אָפּטייל און מיטן שטאַב־שעף:

— צי זאָלן מיר ניט אויסנוצן אַלס אינפאַנטעריע די טאַנקיסטן, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע שלאַכטן פאַרלוירן זייערע טאַנקען?

מײַנע פרײַנט האָבן באַווילִיקט מײַן פאָרשלאָג, און די טאַנקיסטן זײַנען אויך מאַסקים געווען. מיט די אווטאָמאַטן און קוילנוואַרפער, וועלכע מיר האָבן אַראָפּגענומען פון די צעשעדיקטע טאַנקען, האָבן זיי זיך פאַרייניקט צו די שטורעם־גרופּעס. אַלע האָבן זיי זיך געריסן אין שלאַכט, געוואָלט פערזענלעך אָנטיילנעמען אין די געשלעגן אויף די גאַסן פון בערלין. איך האָב דאָס געפילט און געזען. כ׳האָב אָבער מוירע געהאַט פאַר עפּעס אַנדערש. א מענטש בלײַבט א מענטש. דאָס געפיל פון זעלבשוץ האָט באַזונדערס אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע געקאָנט זיך אָנטפּלעקן מיט א באַזונדער קראַפט. ס׳פלעגט שווער ווערן אויף דער נעשאָמע, ווען דו האָסט א טראַכט געגעבן, אַז דו קאָנסט אומקומען האַרט פאַרן שאָלעם. אָבער פון דער צווייטער זײַט, האָט מען געמוזט ריזיקירן, אַנדערש וואָלט פאַרטאָרמאָזירט געוואָרן דער אָנגריף. דעריבער האָט זיך געפאָדערט ניט נאָר קיין אופקלערונגס־אַרבעט, נאָר אויך דער פערזענלעכער בײַשפּיל פון די קאָמאַנדירן, פון די קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן. אין די שווערע צײַטן פון 1941—1942, אין די שלאַכטן באַם דניעפּער, אויף אוקראַיִנע און אין ווײַסרוסלאַנד, זײַנען אזעלכע פּראָבלעמען

ניט אויפגעשוווּמען. פֿיל פֿון אונדז האָבן ניט געהאָפֿט בלײַבן לעבן, און אינדערעמעסן זײַנען טאַקע געווען ווייניק שאַנסן אַף אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון יענעם קעסל. וואַרפֿנדיק זיך אין געשלעג, האָבן מיר געטראַכט וועגן אַ זיג, וועלכן מיר אַליין וועלן עפּשער ניט דערלעבן. גייענדיק אין אַטאַקע, האָבן די פּראַנטאָוויקעס ליב געהאַט צו זאָגן: „קיין צוויי טויטן זײַנען ניט פֿאַראַן, און איינעם איז ניט צו פֿאַרמײַדן".

מײַנע ספּייקעס וועגן דער שוואַכקײַט פֿון דער מענטשלעכער נאַטור זײַנען, צום גליק, געווען ניט קיין באַרעכטיקטע. גלײַך ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שלאַכטן פֿאַר בערלין, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז כ'האָב ניט גענוג גוט געקענט די מענטשן, מיט וועלכע כ'האָב זיך באַפֿרײַנדעט אין די יאָרן פֿון מילכאָמע. די באַוווּסטזיניקײַט פֿון די סאָוועטישע שלאַכטלײַט איז געווען ביז גאָר אַ הויכע. די מענטשן האָבן זיך געריסן אין שלאַכט. דער, וואָס איז דער־גאַנגען ביז די דאָזיקע ערטער, האָט געטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי ער וועט זאָגן טאַטע־מאַמע, דער פֿרוי, די קינדער: „איך האָב גענומען בערלין..."

(סאָף קומט)

כאַים מאַלטינסקי

איך טרוי דיר אָן מײַן וועלט

אין פלאַם פון קאַנאַנאַדעס

איך בין בעטעווע, דאַכט מיר, ניט קיין שלעכטער,
נאָר כ׳וועל דעם פײַנט ניט מוחל זײַן קיינמאָל.
מײַן האַפּערדיקער מונטערער געלעכטער
הילכט ווידער שוין, ווי קלינגענדיקער שטאָל.

און כאָטש אין שלאַכט איז מיר געווען ביטער,
געהאַט כ׳האָב די סאָלדאַטן הארציק־ליב.
אין ווירבלדיקן פלאַם, אין טויט־געוויטער
האָט אומגעשוועבט א שמייכל אַף מײַן ליפּ.

אין פּולווער־רויך, אין גרויליקע מינוטן,
ווען ס׳האָט אַף מיר געהאָגלט גענעם־בלײַ,
כ׳האָב ניט פאַרגעסן אים, מײַן פרײַנט מײַן גוטן,
וואָס הייסט ביטאָכן, און געווען אים טרײַ.

מיט בלוט און מאַרך געפּילט האָב איך:
ניט אַנדערש,
אַז ברעכן וועט דער סוינע זײַן געניק.
בא וואָלגאָגראַד, אין פלאַם פון קאַנאַנאַדעס
געגאַנגען כ׳בין פאַרויס — א באָלשעוויק.

איך בין בעטעווע, דאַכט מיר, ניט קיין שלעכטער,
נאָר כ׳וועל דעם פײַנט ניט מוחל זײַן קיינמאָל.
מײַן האַפּערדיקער מונטערער געלעכטער
הילכט ווידער שוין, ווי קלינגענדיקער שטאָל.

• • •

דו זאָגסט:
פאַרמאַך דײַן העפט,
רו אָפּ פון שניי אין פעלד,
פון זאַווערוכע־ווינט
וואָס נורעט זיך בא דיר אין וואָלקן־קישן.
און לאָמיר זעצן זיך צוזאַמען בא איין טיש
א גלעזל נעמען. קאָשער האָסט פאַרדינט.

מיט שפּאַס איך ענטפער דיר אין אוניסאָן:
א קאָפּ צו נעמען האָב איך גאַרנישט קעגן,
נאָר אַף מײַן דימיען־פּעלד
פאַרהריזניעט כ׳שטיי און קאָן
ניט אָפּטרעטן. כ׳באַטראַכט אונדזער פאַרמעגן.
כ׳האָב ביסקל סאַמע גרונט דעם שניי צעשאַרט.
ס׳בלענדט פון דער ערד דאָס גוטס —
דער ווינטער־קאָרן.
זײַן יעדעס גרינינק דיבינק גרעזעלע איז צאַרט
און ווייך, ווי פּליוש, קיין האָר ניט דורכגעפראָרן.
ס׳איז ווויל. כ׳פאַרשיט די שפּראָצלינגען אפסנײַ,
מיט פערענע מיט שנייִקער כ׳פאַרטוליע.
אצינד, אויב האָלטסט שוין יאָ, אַז ס׳איז קערײַ.
טאָ לאָמיר טאָקע, ברודער, טאָן א הוליע!

איך טרייסט זיך מיטדערמיט

איך טרייסט זיך מיטדערמיט —
כ׳האָב קיינעם ניט באַלעסטיקט,
ניט גענאַרט,
ניט צוגעזאָגט האָרים־אוגוואָס.
אַזויפיל נעכט געוועזן איז מײַן געלעגער האַרט —
אַף נאַסער ערד אין מײַן שינעל
זיך צוגעשפּאַרט
אַף אייגן פויסט —

אַזויפיל טעג און נעכט
אַף טויט געשלאָגן זיך
מיט אומענטשן און כײַע־ראָעס...
איך טרייסט זיך מיטדערמיט —
אַדהײַעם נאָך אין מיר דאָס לעבן ברויזט
און ניט פאַרכאַפּט האָט יִיעש מײַן געמיט,
איך בין נאָך יִינגלש־צאַרט,
מײַן האַרץ אַף פרייד
פאַרטײַעט וואַרט.

● ● ●

פאַר מיר קיין שום באַדײַטונג האָט,
צי גלייבסטו יאָ, צי ניט אין גאָט.
פאַר מיר איז יענער מענטש געהויבן,

וואָס גלייבט אין מענטש מיט טיפן גלויבן,
ווייל לינדערן זײַן ווי און פּײַן,
זײַן גוטסקײַט זען אין העלער שײַן.

● ● ●

דו רוק צוריק אין טאַש דײַן פלאַש מיט ווײַן,
אָן איר מיר דרייט געגנוג זיך הײַנט דער מויעך.
איך האָב קיין רעכט ניט זײַן זיך מעסאַמייעך,
די ניכטערקײַט בלויז קען צו מיר אַרײַן,
דער פרײַנט פון האַרעוואַניע און אָקשאָנעס.

איז טראָג זיך אָפּ, איך בעט דיך, בענעמאָנעס,
און זוך זיך אויס אַן אַנדער הויז,
אַן אַנדער אָרט —
איך שאַרף און שלײַף מײַן מעסער איצט —
דאָס וואָרט.

● ● ●

ווען ס׳וועט מיר אַפּן האַרצן פּלוצלינג שווער
און ס׳לאָזן זיך די הענט בא מיר אַראָפּ,
אין דימיען כ׳נעם זיך בא די לאַצן אָן:
— הער,
דיר פאַלט נאָך ניט דײַן הימל אַפּן קאָפּ.
דעם גוואַר מוישע־ראַביינו איך דערמאָן —
אין שלאַכט צו שעפּן פרישן מוט און קויך,

געהויבן האָט ער, ווי די פליגלען,
זײַנע אָרעמס אין דער הויך...
איך טו אים נאָך.
עס רוישט מײַן בלוט און מאָנט.
כ׳פאַרפּרעס מײַן פויסט.
באַקומט זיך גוט —
ראָט־פראָנט!

באַם שײַטער

עס נעמט זיך גאַרניט אויס דער רעגן.
אָן אויפהער וואָלקנס לויפן נידעריק,
אַזוי ווי פון אַ פײַער
קי ניט אויסגעמאָלקענע
מיט פולע אָנגעקוואָלענע אײַטער.
אָ, וויפל מאָל בין איך אין טעג אַזעטיקע געלעגן
אין וואַלד מיט מײַן שינעל דעם אויסגעווייקטן בא אַ שײַטער.

יונג-צעגרינט

ניט לייג צום שלעכטן אויס,
ניט שרעק,
ניט קראקע, —
עס וועט די מאמע-ערד ניט בלײַבן
וויסט און נאקעט.
זי וועט זײַן אייביק יונג-צעגרינט
מיט זאפט און כּיעס.
קיין ציבעלע ניט ווערט איז
דײַן נעוויעס.

דײַנע הײַנטיקע אייצעס

איבעריקס, — זאָגסטו מיר, —
קויכעס ניט פּאטער,
ניט ברענג זיך ארויס פון די קיילים,
ניט פלאטער.
דיר גייט דען אין לעבן
צו אָנרופן זאכן
באם פינקטלעכן נאָמען? —
מע וועט פון דיר לאכן.
זיך אמפּער ניט, שפּאר ניט,
דו ביסט דאָך קיין נאר ניט,
פיל רויקער, לײַכטער
זיך נוצן מיט
„ס׳קען זײַן”... „מיסטאָמע”...
„עס דאכט”... „לעפיערעך”...
איך ענטפער דיר:
דו זאָלסט עס זאָגן?
איך גלייב ניט... וואָס הער איך? —
דו פלעגסט קעגן יעטווידן אומרעכט
זיך שלאָגן,
זיך היצן און קאָכן,
געוואגט האָסט מיט עמעס —
דער פאלשקײַט די אויגן געשטאָכן...
כ׳וואַרף אָפּ דײַנע הײַנטיקע אייצעס,
א קערעווע טאָן פון דײַן שטעג כ׳וועל,
א צי טאָן די לייצעס...

● ● ●

פון אלטער וועלט געוויסע פלעקן,
שפּרענקעלעך
באמערקן, דאכט, בא יעטווידן מע קאָן:
כ׳האָב טאכלעס-סינע פײַנט אָן קווענקלעניש
דאָס וועלן זײַן פון סאמע אויבנאָן.
זעסט אָפּט א טויגעניכטס, א שלעכטס,
א ניוזיקל,
מיט פוילע שטיק פארעדט אָבער די ציין,
וויל איבער ווילע מענטשן קיניגן
און בא דעם רודער שטיין.

● ● ●

א ניט-געבעטענער ער קומט,
דער קידער-ווידער.
כ׳האָב איבער אים פארלוירן פרײַנט
און גוטעברידער.

ער ריזלט שטילערהייט ארײַן
אין מײַן נעשאָמע
און שנעל צעגיסט זיך און צעפלייצט,
כאָטש שטעל פאראָמען.

דאכט, פון א קלייניקײַט,
א רוגזע, קרומער מינע
צעבושעוועט זיך מיטאמאָל
א גרויסע סינע.

דער קאס, דער גיפט אין מיר
נעמט פון-זיך קאָכן, ברומען,
און כ׳קען ניט צוימען זיך
און ניט אנטשטומען.

עס ווערט מיר שוין אליין
די אמפּערײַ ניט ניכע.
דאָס אלץ שוין איבערקומען
וואָלט זיך וועלן גיכער.

אן עק צו דעם, א סאָף,
ס׳זאָל שאָלעם ווערן, ענדלעך,
דעם קידער-ווידער אויסצוראמען
אָף צוויי שפּענדלעך!

וועסט עפּשער דאַן זיך אויסמענטשלען

דיר זאָגן אָפן כ׳וועל —
אַזוי פאַרגראַבט,
אַזויפיל צוגעקלעפּט
האָט זיך צו דײַן נעשאָמע ברוד
און קויט,
אַז מיט אַ פּראָסטן ווישעטש,
צווייפל איך,
צי קען מען עפּעס אופטאָן.
עס וואָלט געווען גוט
אַ פּרווו טאָן
זיך דורכצוגיין איבער דײַן הויט —
דײַן פעל
מיט בערשטל דראָטענעם —
אַ סקרעבניצע
צו רייניקן און שײַערן די פעדר —
נאָר מיט איין טנײַ:
ניט בריקע זיך,
געדולדיק שטיי,
מ׳זאָל קענען טאָן די שווערע ארבעט
אומגעשטערט,
וועסט עפּשער דאַן זיך אויסמענטשלען...

• • •

מײַן פּראָסטער רייניקער העפט,
איך בין מיט דיר באַהעפט,
זיך טייל מיט מײַנע ליידן.
בעעמעס, דיר געפעלט,
וואָס כ׳טרוי דיר אָן מײַן וועלט
און ס׳איז אונדז היימיש ביידן.
און כ׳שטעל זיך גאָר ניט פאָר,
אַוואָסער שוואַרצער יאָר
וואָלט אונדז געקאָנט צעשיידן.

• • •

כ׳קום אַרויס איינדערפרי
אַף דער ליכטיקער פראָסטיקער וועלט.
פון דער העל מיך מײַן יוגנט באַפאַלט.
מיר געפעלט
אין בעריאָזעוון מאַרטיקן וואַלד
צו מאַרשירן אַף לויטערן שניי.
מײַנע קוליעס, זיי סקריפּען און זינגען
אַזוי,
פּונקט ווי איבער אַ קרענעצע־ברונעם
דער בושל.
ס׳איז מיר ווויל!
כאַליאַסטרעס פון ייִנגל־מאַכשאָוועס
זיך גיבן אין זינען אַ דריי,
נאָר איך צוים זיך
אַרויסבערענגען זיי פון מײַן מויל,
ס׳נעמט אַזש פלאַמען דאָס פּאָנעם
פאַר בושע...

איליא קאַמענקאָוויטש

די נאַכט פֿון ווייִנענדיקע קינדער

עס ליגט פֿאַר אונדז אַ ניט קיין גרויס ביכל אין רוסיש — „די נאַכט פֿון ווייִנענדיקע קינדער“ פֿון איליא קאַמענקאָוויטש. אויף דער הילע — די באַוווּסטע פֿאָטאָ פֿונעם ייִנגעלע פֿון וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט אויפֿגעהויבן זײַנע הענט אין אָנבליק פֿון די עסעסישע מערכאָבלים מיט די אָנגעצילטע אויף אים ביקסן... מיר טוען אַ בלעטער. דערלאַנגט עס אַ ווייע מיט גרויל — דערשיטערנדיקע דאָקומענטאַלע פֿאָטאָס, פֿאָטאָקאָפּיעס פֿון דאָקומענטן, רעפּראָדוקציעס פֿון קינסטלערישע צייכענונגען, געמאַכטע דורך געוועזענע אסירים פֿון די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן. און אַז מיר לייענען דעם טעקסט...

דער גורל האָט ווי אויסגעהיט דעם אַווטאָר פֿון ביכל פֿון אַדורכמאַכן די שווערע מעדורע געהענעם אין די פֿאַשיסטישע געטאָס און קאָנצלאַגערן. פֿון ערשטן ביזן לעצטן טאָג פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער געשלאָגן די היטלעריסטישע פֿאַרכאַפּערס אויף די פֿאָדערשטע פֿראָנט־פּאָזיציעס. אין ראַנג פֿון אַ גוואַרדיע־מאַיאָר האָט ער ביזן יאָר 1951 געדינט אין די סאָוועטישע באַוואָפֿנטע קויכעס און איז בעמעשעך פֿון זײַן דינסט באַלוינט געוואָרן מיט 15 אָרדענס און מעדאַלן, ווי אויך מיטן העכסטן טשעכאָסלאָוואַקישן קאַמפֿס־אָרדען.

יאָ, דער גורל האָט קאַמענקאָוויטשן אויסגעהיט פֿון די פֿאַשיסטישע געטאָס און קאָנצלאַגערן. איז ער אין יאָרן אַרום מיטן אייגענעם ווילן אַוועק איבער זייערע שווערע מעדורע געהענעם... צוערשט, ווען אים איז אויסגעקומען אָנטיילצונעמען באַם איבערגעבן עסטרײַך דעם געוועזענעם נאַציסטישן קאָנצלאַגער מאַוטהאַוזען. פֿון דאַן האָט ער ניט אויפֿגעהערט זוכן און זאַמלען מאַטעריאַלן, וועלכע דעמאַסקירן דאָס כײַיִשע פּאָנעם פֿון די פֿאַשיסטן. שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט אויף די שפּורן פֿון די היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס קעגן די סאָוועטישע קינדער. אין אַן אַרבעט־צימער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אין זײַן רעשוס אינעם אַרכיוו פֿונעם שוץ־מיניסטעריִום פֿון פּסר, האָט ער געפֿונען הונדערטער דאָקומענטן, „אַקטן“, עדות־אייִדעס, בריוו און טאָגביכער פֿון פֿאַרורטיילטע, גלײַכגילטיקע דערקלערונגען פֿון מערדער בײַם דער אויספֿאָרשונג.

דער האַרצרײַסנדיקער וויי, וואָס שרײַט אַרויס אַדהײַעם פֿון די „שטומע“ דאָקומענטן, האָט סטימולירט דעם אַווטאָר אָנצושרײַבן זײַן בוך. ער איז זיך מודה, אַז צוטרעטנדיק שרײַבן, האָט ער אויסגעפּרוּווט פֿאַרשיידענע זשאַנרען. אָן אײנערלעך קאָל האָט זיך שטענדיק ווי געבונטעוועט און געפֿאָדערט: „רעד מיט דער שפּראַך פֿון רעפּאָרטאַזש!“ ס'הייסט, זײַ צוריקגעהאַלטן און אָביעקטיוו, גיב פֿון זיך קיין זאַך ניט צו און נעם קיין זאַך ניט אַראָפּ פֿון דעם ביטערן נאַקעטן עמעס.

צי איז אָבער די באַצייכענונג „רעפּאָרטאַזש“ אָנגעמאָסטן פֿאַר די אַלע געשילדערטע עפּיזאָדן אינעם בוך? צומייסטנס איז עס אַ ווידוי. קימאַט אין יעדער דערציילונג רעדט זיך אַראָפּ דער פּערסאָנאַזש פֿון האַרצן. דערציילט, וואָס אים דריקט און טאָר ניט פֿאַרשוויגן ווערן. דער אַווטאָר שטעלט זיך אַוועק אין אַ זײַט און לאָזט קומען צום וואָרט די מענטשן מיט דער האַרבער דערפֿאַרונג.

איטלעכער פֿון די פֿאַרעפֿנטלעכטע פּופֿצן „רעפּאָרטאַזשן“ איז שטרענג דאָקומענטאַל. צום סאָף פֿון בוך גיט דער אַווטאָר אָן די סיגנאַטור פֿון יעדן אַרכיוו־דאָקומענט, אויפֿן סמך פֿון וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען די אָדער יענע דערציילונג. אין בוך איז אײַנגעשלאָסן אַן אָפּקלײַב פֿון לידער, וואָס קינדער האָבן געשאַפֿן אין טערעזינער געטאָ (טשעכאָסלאָוואַקיע), ווי אויך די ליד פֿון דער ייִדיש־דײַטשישער דיכטערן, לאַורעאַט פֿון דער נאָבל־פּרעמיע נעלי זאַקס „אָ, נאַכט פֿון ווייִנענדיקע קינדער“... דער נאָמען און לייטמאָטיוו פֿון דער דאָזיקער ליד איז אויך געוואָרן דער טיטל פֿון קאַמענקאָוויטשעס בוך.

צום סאַמע אָנהייב פֿון דער אויסגאַבע ווערט געגעבן אַ וואָרט דעם באַוווּסטן ליטווישן דיכטער, לאַורעאַט פֿון דער לענין־פּרעמיע עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס. צווישן אַנדערס זאָגט ער:

„עס שטייט אין דער דאָרעם־מיזרעכדיקער ליטע אַן אומפֿאַרגעסלעכע סטאַטוע, וועלכע ס'האָט געשאַפֿן אונדזער סקולפּטאָר געדימינאַס יאָקובאָניס, — אַ פֿרויען־פֿיגור — אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון צער און צאָרן. אַלע רופֿן זי: „די פּירטשופּיסער מוטער“. דאָס דאָרף פּירטשופּיס מיט אַלע זײַנע אײַנוווינער — מיט די אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער — האָבן די היטלעראָוועס פֿאַרברענט. ווי אין טשעכאָסלאָוואַקיע — לידיצע. ווי אין פֿראַנקרײַך — אָראַדור...

ווען איך האָב געלייענט די דאָקומענטאַלע דערציילונגען פֿון אי. קאַמענקאָוויטש, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איבער די זײַטלעך פֿונעם קסאַוויאַד האָט צוזאַמען מיט מיר זיך אַריבערגעבויגן די פּירטשופּיסער מוטער און אירע שטיינערנע אויגן זײַנען פֿול געוואָרן מיט טרערן.

לאַנג וועלן נאָך לעבן אין מײַנע נאַכט־זעונגען די שרעקלעכע בילדער, וואָס זײַנען פֿאַרפֿיקסירט אין די

דאָזיקע דערציילונגען, — דער עסעסאָוועץ „דער לאַכנדיקער טויט“, וואָס טייט מיט א האַמער אסירים־יִנגלעך, די קינדער, וועלכע די פאַשיסטן האָבן בלינד געמאַכט, דאָס מיידעלע, וואָס האָט אליין ארופגעלייגט זיך די שטריק אַפן האַלדז, קעדיי ניט דאַרפן מער אויסשטיין בזיונות און עינויִם...

ניין, דאָס טאָר מען ניט פאַרגעסן. עס מאָנען נעקאָמע די מיליאָנען דערוואַקסענע, וואָס זײַנען פאַרפײַניקט, דערשטיקט און פאַרטיליקט געוואָרן אין אָסווענצים און בוכענוואַלד, אין פאָנערײַ לעבן ווילנע און אין קאָוונער נײַנטן פאָרט. הונדערט מאָל שטאַרקער און שרעקלעכער איז אָבער דער ערעוו־טויט־געשריי פון די קינדער, אומגעבראַכטע דורך די ראָצכים מיטן האַקנקרייץ...

דער פאַשיזם ווײַזט נאָך ארויס סימאָנים פון לעבן. ער איז פלייש פונעם פלייש, בלוט פונעם בלוט פון דעם אימפעריִאַליזם. און זאָלן וואַכזאַם זײַן די מענטשן אין דער גאָרער וועלט!..

הונדערטער און טויזנטער ביכער אַף פאַרשיידענע שפּראַכן האָבן מיט דער הילף פון דאָקומענטן, אין פּראָזע און פערזן אופגעשטעלט די שוידערלעכע מעגילע פון די פאַשיסטישע רעציכעס. איך מיין, אַז צווישן אָט די ווערק וועט זיך אײַנגעפינען אַן אָרט אויִך פאַרן בוך „די נאַכט פון ווײנענדיקע קינדער“ — א בוך פון עמעס און גערעכטן צאָרן“.

מיר וועלן באַקענען אונדזער לייענער מיט אייניקע אויסצוגן פון דאָזיקן בוך.

א רעפּאָרטאַזש באַם ראַנד פונעם קייווער

שטאַרבנדיק, זאָגט מען ניט קיין ליגן

פאַרשרײַבט, ביטע, דאָס, וואָס איך וועל דערציילן. זוכט ניט פאַר מיר קיין טרייסט־ווערטער. אַרץ האַראָוועץ ווייסט גוט די סימפּטאָמען פון טויט. מיינט ניט, אַז ס'איז אַזוי פּאָשעט. צום אייגענעם טויט וועט קיינמאָל קיינער ניט בלײַבן גלײַכגילטיק. איך האָב אים באַגעגנט מיט פּאַכעד. מוירע געהאַט: ווי וועל איך דאָס אַלץ איבערטראָגן... אַפילע אין דער לעצטער מינוט זעצט מען פאַר לעבן מיט דער זאָרג וועגן זיך.

כ'קאָן אַלץ ניט אָנהייבן פון דעם, צוליב וואָס כ'האָב אײַך געבעטן זיך זעצן באַ מײַן בעט. ווונדערט זיך ניט. ניט אומזיסט הייס איך האָראָוועץ — א האָרעפּאַשניק. אין אונדזער מישפּאָכע איז אַלץ געטאָן געוואָרן גרינטלעך.

הערט זשע און, לעמאַנעשעם, פאַרשרײַבט.

פון געטאָ האָט מען אונדז געבראַכט צו א פריש אויסגעגראָבענעם ריוו און באַפוילן אויסטאָן זיך. מיט רעציכע האָב איך געריסן פון זיך די קליידער. זאָגט, אַדעראַבע, ווּהין האָב איך זיך געײַלט? ס'האָט מיך געוואָרפן ווי אין קאַדאָכעס. דערצו האָבן עפּעס באַלעסטיקט די הענט — אומגעווײנלעך לאַנגע, מיט שוואַרצע בויגנדלעך אונטער די נעגל, זײַנען זיי געוואָרן אומנייטיק, איבעריק... צוערשט האָב איך מיט זיי צוגעדעקט די ערווע. נאָר דערנעבן זײַנען געשטאַנען פּונקט אַזוינע נאַקעטע מענטשן, און איך האָב די הענט אַראָפּגעלאָזט. ניט קיין קעשענעס, ניט קיין קנעפּלעך, קיין זאַך איז ניט געווען, צו וואָס עס ציִען זיך געווײנלעך די פינגער. די אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן אַף א ניט געוואַשענעם קערפּער מיט צעפּירטע שמוצפלעקן. ווי דאָס וואָלט געהאַט עפּעס א באַדײַט. ס'האָט זיך ניט געוואָלט זען, וואָס דאָ געשעט. ס'האָט געטליִעט די האָפענונג? מעגלעך.

נאָר ווען כ'האָב פּאָרזיכטיק גענומען אַראָפּלאָזן זיך אין ריוו, ווי אין א קאַלטן טײַך, און מײַנע פוסטריט האָבן דערפילט די קאָנוווּלסיעס פון וואַרעמע קערפּערס, פּאַנאַנדערגעוואַלגערטע אַפן דנאָ, האָב איך פאַרשטאַנען — דאָס איז דער סאָף... כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, ווי ס'וועט זײַן. באַ מיר וועט זיך אויך, מיסטאָמע, אַרויסרײַסן א דומפּער קרעכץ. ס'וועט מיך א צי טאָן אין א זײַט. א צעכושטער וועל איך פאַלן אַף די אַנדערע האַרוגים. כ'וועל אַרײַנציִען צום לעצטן מאָל די מיטן פאַרגליווערטן גרויל און פּולווער־רויך דורכגעזאַפּטע לופט. כ'וועל זיך אויסציִען און שוין ניט פילן, ווי מע וועט אונדז באַגראָבן, און די ערד וועט מיר שעפּטשען עפּעס פאַר איר אייגנטימלעכס, ערדישס...

מיר זײַנען געווען אין דער לעצטער פּאַרטיע. מע האָט אונדז ניט אַרופגעלייגט אַף די האַרוגים, נאָר צוגעשטעלט צום ווענטל פון ריוו, און זײַן שאָרכעוואַטע איבערפלאַך האָט צוגעצויגן מײַנע פּלייצעס, ווי א מאַגניט. איך האָב שוין געהערט דעם געקלימפּער פון ביקס־שלעסער, וואָס ווערן אָנגעלאָדן. דעם רוקן האָט געשטאָכן עפּעס שאַרפּס. „אַוואַדע אַן אָפּגעהאַקטער וואָרצל“, — איז מיר אײַנגעפאַלן. מאָדנע, וואָס איך האָב נאָך געקאָנט טראַכטן.

געדאַנקען זײַנען אָנגעשוווּמען. האָבן זיך געמישט. צוריקגעבראַכט מיך אין לאַגער (ער איז געווען גאָר נאָענט, הינטערן וואַלד). דאַן איבערגעטראָגן אין דער ווײַטער קינדהײַט. ווי א שפּענדל אין א צעבוריזטן יאַם, געוואָרפן מיך צום נעפּלדיקן, מיט טוי־געפריר דורכגעזאַפּטן פרימאָרגן, ווען אונדזער טראַנספּאָרט איז שטיין געבליבן באַם לאַגער־טויער. אין א שרעקלעכן געיעג האָט דאָס אַלץ זיך דערנענטערט, אויסגעוואַקסן, ווי אין א שטאַרקן בינאָקל. פּלוצעם געוואָרן קוים צו דערקענען...

ווי א פאַרזשאַווערטער וואָלקן איז אַף מיר אָנגעשווּמען די צעשויבערטע, פײַערדיק־רויטע באָרד פון טאַטן און פאַרדעקט א האַלבן הימל. כ'האָב נאָך דערזען דעם טאַטנס א מיט בלוט

אין ווארשעווער געטאָ

פאַרגאָסן אויג. אַזאַ אָנגעשטרענגטס, אַז ס׳איז געווען געגליכן צו אַ שטיין אין אַ שטײַף אָנגעצויגענער ראָגאַטקע. אַן עסעסאָווער האָט אָפּגעריסן דעם פּאָטער פון דער מאַמעס הענט און אַרויסגעפירט פון דער קאָלאָנע...

כ׳קאָן ניט דערקלערן פאַרוואָס, נאָר כ׳האָב דערזען אַ פאַרצויגענע מיט גרינע פלאַנצן סאַזשלקע און... אַ שיסל הייסן, דאַמפנדיקן בורשטשיִנעם באָרשטש. אופבליצנדיק מיטן גרינגעלן לאַק פון זייערע אָרנאַמענטן, האָבן הילצערנע לעפל מאַמעש אַרומגעקלעפּט די שיסל.

און דאָס אַלץ — אין לעצטן אויגנבליק פאַרן צעשיסן...

אַגעוו, ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ סאַך איז ערשט איצט מיר געקומען אין קאָפּ. איך שטאַרב דאָך אויך איצט... כ׳ווייס עס, כאָווער מיליטער־דאָקטער...

און דאַן — כ׳געדענק גוט, ווי דאַן איז אין מיר אַרײַן די קויל. אַ שטויס, אַ קורצער ברי, אַ שאַרפער ווייטעק — דערנאָך איז געוואָרן לײַכט. פאַלנדיק, האָב איך פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט און נאָך דערפילט אַ קלאַפּ איבער די פינגער.

אופגעכאַפּט האָב איך זיך באַ אַ געזשום פון פוילישן לאָשן. פון קיווער האָט מען מיך אַרויסגעשלעפּט אַ קוים לעבעדיקן...

■

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײַן אָדיסיי. פאַרענדיקט האָט זי זיך דערמיט, וואָס נאָך ניט קיין אויסגעהיילטן האָט מען מיך בייס איינער אַן אָבלאַווע געכאַפּט און פאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצלאַגער. נאָר איצט זײַנען מײַנע ציינער געוואָרן מאָדנע אײַליק. ווי דער טויט וואָלט זיך צו זיי צוגעקלעפּט. און דאָס לעבן האָט באַקומען אַן אַנדער טאַם. כ׳האָב גענומען צוקוקן זיך צו די מענטשן. (עפּשער לוינט דאָ צו זאָגן, אַז אין דער האַראָוועץ־מישפּאָכע בין איך איינער געוואָרן אַן אינטעליגענט, אַפילע אויסגעשריבן אַ צײַטונג און, קעדיי צו קאָנען באַנוצן זיך מיט דער ביבליָאָטעק פון דער פּריצטע וואַליוניײַטענע, איין מאָל אין וואָך געלערנט מיט איר זון). נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די מענטשן.

דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן שעכטהויז — אין שטענדיקן הונגער, שמוץ, בישכיינעס מיטן טויט — האָט אַרופגעלייגט אַף אַ סאַך זײַן טייטנדיקן שטעמפּל. זיי זײַנען פאַרגרעבט געוואָרן. אייניקע האָבן פאַרלוירן דאָס געוויסן און אײַנגעוווינט זיך צו נידערטרעכטיקײַט. איך האָב זיך געצויגן צו די, וואָס האָבן נאָך געכאָוועט אָנשטענדיקײַט...

כ׳האָב געקענט דײַטש און ניט שלעכט רוסיש. דאָס האָט געהאָלפן זיך פאַרבינדן מיט גוטע מענטשן, וועלכע די פאַשיסטן האָבן געהאַט אָפּגעמערקט מיט רויטע דרײַעקן — „ווינקעלן“. בעיִקער — ס׳פלעגט צומאָל געלינגען צו באַקומען דורך זיי אַ ביסל שפּײַז און דערוויסן זיך נײַס. יעדער דערפאָלג פון אונדזערע אַפן פראָנט פלעגט ניט נאָר צוגעבן קויעך, נאָר אויך דערנעענטערן צו אונדז די, וועלכע האָבן זיך אין אַלץ געהאַט אַנטוישט.

(אָט האָב איך געזאָגט: „דער דערפאָלג פון אונדזערע“. איר דאַרפט פאַרשטיין, וואָס ס׳האָט באַטײַט פאַר מיר, פאַר פיל, פיל אַנדערע, פריִער בירגער פונעם פּאַנישן פוילן, דאָס רעכט צוצורעכענען זיך צום סאָוועטישן פאָלק, צו די, וואָס האָבן געשלאָגן די פאַשיסטן... דאָס איז געווען די בעסטע רעפּוע...)

ניט געקוקט אַף דער קאַטאָרזשנער אַרבעט, האָבן די מענטשן, ווי נאָר זיי זײַנען געבליבן אָן דער אופזיכט פון די עסעסאָווצעס, זיך מאַמעש געביטן אַף די אויגן. ס׳איז אופגעקומען אַן אינטערעס צו מײַנע „לעקציעס“. צוערשט האָב איך געלייענט אויסווייניק מיצקעוויטשן, הײַנען, פּושקינען, געטען. דאַן אַריבער צו געשיכטע. אין

באראק — פינצטער־כוישעך. איך דערצייל. ס׳איז שטיל. די צוהערער — ווי זיי וואָלטן אופגעהערט אָטעמען. פארשטייט זיך, אז די לעקציעס זײַנען געווען קורצע. צו טײַער איז געווען פאר אונדז יעדע רעגע פון שלאָף...

אין די קינדער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, ארײַנפאַלנדיק אף א בויונג. דאָרט האָט געארבעט א גרויסע גרופּע ייִנגלעך. זיי האָבן פארגרייט שטיין־שפּליטער. עטלעכע מאָל א טאָג פלעגט מיר אויסקומען מיט דער טאטשקע אָפּנעמען בא זיי „פּראָדוקציע“. שרעקלעך געווען צו קוקן אף די קינדער, אף זייערע מאָגערע, ווי ווערבע־צווײַגלעך אויסגעטריקנטע הענטלעך. ווי האָבן זיי דאָס אײַנגעהאלטן די שווערע האמערס?..

און איצט וויל איך, ארץ האראָוועץ, אָפּגעבן אָן איידעס־דערקלערונג אײַך, כאווער מיליטער־דאָקטער, דעם סאָוועטישן פאָלק, דער גאנצער וועלט, כ׳וויל דערציילן דאָס, וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען, וואָס מײַנע אויערן האָבן געהערט און וואָס עס דארפן וויסן אלע, בא וועמען עס קלאַפּט א מענטשלעך הארץ.

איינמאָל, פארגאנגענעם הארבסט האָבן מיר, א קאָמאנדע בוי־ארבעטער, געזען, ווי דער אונטערשארפיורער פראנץ פרייפי, האגען און דער אויסוורף שטומפּע מיטן צונאָמען „צאק־צאק“ אָדער „לאכנדיקער טויט“ פלעגן אָפּקלײַבן אויסגעשעפּטע, צו דער ארבעט ניט מער טויגעוודיקע ייִנגלעך און זיי טייטן מיט א זעץ פון האמער איבערן קאָפּ. אונדז האָבן ארומגערינגלט עסעסאָווצעס מיט הינט. מיר זײַנען צוגעוואקסן צו דער ערד. אייניקע ייִנגלעך האָבן געוויינט. צוויי אָדער דרײַ האָבן באוויזן עפּעס אויסצורופן. די איבעריקע זײַנען געשטאנען פארשטיינערטע און געוואַרט אפן טויט.

כאווער מיליטער־דאָקטער! איך האָב עס אליין געזען!

איר׳ט פרעגן, וואָס ווײַטער איז געווען? אויב מיר האָבן פאָרגעזעצט לעבן, איז עס בלויז דערפאר, קעדיי זיך אָפּצורעכענען מיט די הענקער. מיר האָבן גענומען זאמלען אלץ, מיט וואָס מע קאָן שלאָגן, שטעכן, שנײַדן... דאָס אלץ, פארשטייט זיך, זאָרגעוודיק באהאלטן... זיך צונויפגערעדט וועגן טאָג און דער שאָ, ווען מיר וועלן באפאלן די באוואכונג.

ס׳האָט זיך שוין געהערט די ארטילערישע קאנאָנאדע ערגעץ אין דער געגנט פון קאָסוו, און מיר האָבן זיך איינמאָל דערוווּסט פון אונדזערע מענטשן אין דער לאגער־קאנצעליאריע, אז עס לויערט עפּעס אף די איבערגעבליבענע ייִנגלעך פון דער ארבעט־קאָמאנדע. אין יענער צײַט האָט זיך איבערגעריסן אונדזער געמיינזאמע ארבעט אף דער בויונג. פונדעסטוועגן איז אונדז געלונגען איבערצוגעבן די קינדער א צעטעלע. איך האָב אָנגעשריבן אף ליטוויש, ייִדיש און רוסיש: „קינדער! אײַך דראָעט א גרויסע געפאר! באגעגנט זי, ווי עס פּאסט פאר סאָוועטישע מענטשן! האלט זיך!“

פון אָוונט האָט מען די ייִנגלעך אוועקגעטריבן אין אן עק פון לאגער. מע האָט אהין געבראכט א טאטשקע מיט רידלען. ביז שפּעט באנאכט האָבן זיי דאָרט געגראָבן. דאן האָט מען זיי צוריקגעבראכט. אינדערפרי האָט מען די ייִנגלעך ניט ארויסגעפירט צו דער ארבעט. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין זייער באראק. ווייסט איר, מע האָט דאָרט געזונגען! יאָ, געזונגען!

מיר זײַנען נאָך ניט גרייט געווען ארויסצוטרעטן. און דאָ — באשלאָסן עס טאָן. א פארצווייפלטער, האָפענונגסלאָזער שריט, דאָס איז קלאָר... מיר האָבן ניט באוויזן: די עסעסאָווצעס האָבן פּלוצעם פארשפּארט אונדזערע באראקן, אויסגעשטעלט בא די טירן קוילנווארפער.

עפּעס איז פאָרגעקומען אין לאגער. די כאַווײרים האָבן מיך אופגעהויבן צום פענצטער, און כ׳האָב דערזען די ייִנגלעך. זיי זײַנען געגאנגען צו פינף אין א ריי. זעקס רייען. אין דער ערשטער איז געווען מישע, דער אָנפירער פון דער קאָמאנדע. ווען די ייִנגלעך זײַנען אָנגעקומען אין דער באראקן־זאָנע, האָבן זיי לויט מישעס א צייכן אָנגעהויבן זינגען די ליד וועגן מאָסקווע, דאן די ליד וועגן היימלאנד פונעם פילם, וועלכן מיר האָבן געזען אין די ערשטע טעג, ווען ווילנע איז געוואָרן סאָוועטיש.

די ליד האָט זיך דערווײַטערט, דערווײַטערט. ס׳איז שטיל געוואָרן. פּלוצעם האָט א דונער געטאָן דער „אינטערנאציאָנאל“. עך, ווי זיי האָבן געזונגען! און דאָ האָט עס א קראך געטאָן. א זאלפּ. נאָך איינער. נאָך. און — ווידער שטיל...

אינגיכן האָט אונדזער באראק פארבײַגעטאָפּטשעט א ווזוואָד עסעסאָווצעס. דערנאָך האָט מען פארבײַגעפירט א טאטשקע מיט רידלען...

כ׳שווער, ס׳איז אזוי געווען!

אף מאָרגן האָב איך ניט אויסגעהאלטן און געפרעגט א „קאַפּאָ“: „נו, און די קינדער, די קינדער פאר וואָס?“ דער „גרינער“[1] האָט מיך, פארשטייט זיך, אָפּגעמאסערט. פאר מיר האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער קרײַז פונעם געסטאַפּאָ־גהענעם.

און איצט פארשרײַבט די ווערטער פונעם גרויסן דײַטש געטע: „דער שיקזאל וועט נאָך וועגן־ניט־איז באשטראָפן דאָס דײַטשישע פאָלק. באשטראָפן דערפאר, ווײַל עס האָט זיך אליין פאראטן און ניט געוואָלט בלײַבן דאָס, וואָס עס איז. טרויעריק, וואָס עס פילט ניט די פּראכט פונעם עמעס. עקלהאפט, וואָס אים איז טײַער נעפּל, רויך און אָפּשטויסנדיקע עקזאלטאציע.

---

[1] „ג ר י נ ע“ — אסירים — קרימינעלע פארברעכער. זיי פלעגט מען אָנייען אפן רעקל א גרינעם „ווינקעל“.

ס׳איז צו באדויערן, וואָס עס אונטערוואַרפט זיך אופריכטיק יעדן וואנזיניקן אויסוווּרף, וועלכער ווענדט זיך צו זייַנע נידעריקסטע אינסטינקטן, באגיטיקט זייַנע כעסרוינעס און לערנט אים פארשטיין דעם נאציאָנאליזם, ווי איזאָליאציע און גרויזאמקייַט".

דאָס האָב איך דערמאָנט דעם געסטאפּאָוועץ אף דער אויספאָרשונג. דערפאר בין איך טאקע צוגעשטעלט געוואָרן צום ווענטל.

אזוי האָבן זיך געשפּילט קינדער

דאָס לעבן פליסט ניט אוועק,
ווייַל דער טויט איז ניט קיין שפאלט.

ר. טאגאָר

דו בעטסט מיך אָנשרייַבן, וועלכע פון די איבערלעבענישן אינעם געהענעם, וואָס איך בין דורכגעגאנגען, האָט זיך מיר צום שטארקסטן אייַנגעקריצט אין זיקאָרן.

כ׳וועל דיר אָפן זאָגן: דאָס איז שווער, מאכמעס אָנשרייַבן דארף מען אזוי, עס זאָל פארשטיין א מענטש, וואָס האָט, צום גליק, אזוינס ניט איבערגעלעבט.

פונדעסטוועגן ענטפער איך דיר.

דו וואַרטסט אף א באשרייַבונג פונעם איבערגעלעבטן אין דעם היטלעריסטישן קאָנצלאגער. מיר איז עס שווער צו טאָן אויך דערפאר, וואָס איך בין א לערער. כ׳בין געוווינט דורכצולייגן א וועג צום הארצן, אויסקומענדיק אָן פאפיר און העגטלפען...

קיינער פון אונדז האָט ניט פאַראטן, ניט געבראָכן די שוווּע. זיך ניט פארשריבן אין דער „ארמיי" פונעם פארעטער וולאסאָוו. האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די אָפּרעכענונג. די היטלעראָווצעס פלעגן אָנשטאָפן פולע לאסט־אווטאָס מיט קריגסגעפאנגענע און אוועקפירן. זעלטן־ווען ס׳פלעגט געלינגען זיך געזעגענען, א דריק טאָן די האנט פון א פרייַנט.

מיט איינער פון די דאָזיקע פארטיעס האָט מען אויך מיך געבראַכט אין לאגער. אפן טויער האָבן מיר איבערגעלייענט: „ארבעט מאכט פרייַ". דער כויזעק, וואָס שטעקט אין דאָזיקן דעוויז, איז אונדז באלד קלאָר געוואָרן. מיר האָבן פארשטאַנען: דאָ באפרייַט מען פון לעבן...

דו האָסט געוויס שוין געלייענט, וואָס מענטשן מיט שטיינערנע הערצער האָבן אָפּגעטאָן אין די לאגערן. כ׳וועל עס ניט איבערכאזערן און באשרייַבן בלויז איין עפּיזאָד. מיסטאמע איז עס דאָס, וואָס מיך האָט דערשיטערט שטארקער פון אלץ...

אין א פראָסטיקן ווינטער־באגינען איז אין לאגער אָנגעקומען א נייַער „טראנספּאָרט". פון די וואגאָנען האָבן גענומען פליִען טשעמאָדאנען, קינדער־וועגעלעך, שפּילצייַג. איצט איז עס שוין קיינעם ניט נייטיק געווען. די מענער האָט מען אָפּגעטיילט פון די פרויען און קינדער. דאַן האָט מען אָפּגעטיילט די אלטע לייַט און קראנקע און אוועקגעפירט צו דער גאז־קאמער. די קאָלאָנע פון די פארוּרטיילטע האָט זיך פאנאנדערגעצויגן ווי א שווארצע סטענגע, אוועקגעפויזעט און פארשוווּנדן אין נעפּל. באגלייט האָבן זי פארצווייפלטע געשרייען און געוויינען. עמעצער האָט געזאָגט טילים.

טאָג און נאכט האָט געברענט דער קרעמאטאָרי. נאָך איין פארטיע האָט מען „פארגאזט". אזא שרעקלעך וואָרט איז געבוירן געוואָרן — „פארגאזן".

די געבליבענע האָט מען פארטיילט איבער באראקן. ביז דער קומענדיקער „סעלעקציע". בישכיינעס מיט אונדזער בלאָק איז געווען א פרויען־באראק. פון אים פלעגן צומאָל ארויסגיין שרעקלעך מאָגערע, אָפּגעשוירענע פרויען און אויסהענגען טריקענען ווי־ניט־איז אויסגעוואשן „וועש" — א ווינדעלע, א צעשמאטעט העמדעלע, צעריסענע קינדערשע הייזלעך...

ווען ס׳האָט א ווארעם געטאָן די פרילינג־זון, זייַנען פון באראק ארויסגעקראָכן קינדערלעך. שווייַגנדיקע, צעשראָקענע. די פיסלעך — שוועבעלעך. די העלדזער — שוועבעלעך. די קעפּ — אופגעלאָפענע, געשוואָלענע. און די אויגן — גרויסע, פול מיט שטוינונג.

מיר האָבן באלד אָנגעהויבן זאמלען פאר די קינדער, וואָס עס לאָזט זיך. ברעקלעך ברויט, שטיקעלעך מארגארין. עמעצער האָט אָפּגעגעבן זייַנע א פּאָר וואָלענע זאָקן, א פּאָר הויזן. עמעצער האָט פון שמאטעס און א שטיקל ברעזענט אופגעשטשאָבעט א ליאלקע.

הייַנט ביז מע האָט דאָס אלץ איבערגעגעבן די קינדער! וויפל מענטשן האָבן ריזיקירט מיטן לעבן!

אין איינעם א זוניקן טאָג האָט א כאָפּטע קינדער זיך באוויזן לעבן באראק. קליינוואַרג האָט געהאט אונדזער ליאלקע. געווען זייַנען עס קינדער פון פארשיידענעם עלטער און פארשיידענע פעלקער. ניט אלע האָבן פארשטאנען איינס דעם צווייטן. נאָר געשפּילט האָבן זיי זיך צוזאמען. אויסגעזעצט זיך אין א קרייַז, איבערגעגעבן די ליאלקע פון האנט צו האנט און עפּעס געבאָרמאָטשעט. צוערשט שטיל, אייַנגעהאלטן, דאַן אלץ הילכיקער. בעקיצער — זיך פאנאנדערגעשפּילט. פּלוצעם האָט עמעצן פון די עלטערע קינדער דערעסן די שפּיל, און די ליאלקע איז אָפּגע־

פליגן אין א זײַט. עפּעס א יאַטל האָט זיך צעוויינט און געלאָזט זיך נאָך איר...

ס׳האָט אופגעהילכט א שאָס. קליינוואַרג איז אופגעשפרונגען, פאַרשוווּנדן אין באַראַק. פון אינווייניק האָט זיך אַרויסגעריסן א שרעקלעך פרויען־געשריי. דאָס יאַטעלע מיט דער ליאַלקע אין האַנט איז געבליבן ליגן אפן אַספאַלט.

מיר האָבן דאָס אַלץ געזען. פאַרשטייסטו שוין!

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

פאַרבײַ א פּאָר כאָדאָשים. א סאַך באַראַק־אײַנוווינער זײַנען פאַרשוווּנדן. איין וועג איז געווען — אין גאַז־קאַמער.

און מיר האָבן נאָך געלעבט.

אין די וואַרעמע טעג האָבן זיך ווידער באַוויזן קינדער בא יענעם באַראַק. נאָר איצט האָבן זיי זיך געדריקט צו זײַנע ווענט. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין איינס דאָס אַנדערע.

צומאָל האָבן די קינדער אויך געשפּילט זיך. א מאָדנע שפּיל איז עס געווען. זיי זײַנען געשפרונגען א ווײַלע אף איין פוס און, עפּעס אונטערמורמלענדיק, געוואָרפן שטיינדלעך אין דער לופט און געכאַפּט זיי.

בעסער וואָלט איך דעמלט זיך ניט צוגעהערט. א מיידעלע אין שוואַרצן האָט געוואָרפן א געל שטיינדל, עס געכאַפּט, אונטערזינגענדיק מיטן מאָטיוו פון א קינדערשער ציילעניש: „מ׳עט פאַרגאַזן אָדער ניט... פאַרגאַזן אָדער ניט...“

אַזוי האָבן זיך געשפּילט קינדער.

בלעטלעך פון א טאָגבוך פון אן עסעסאָווער

די דאָזיקע מענטשן דאַרף מען באַם לעבן שלאָגן מיט שטעקענער; נאָכן טויט איז זיי אומעגלעך צו באַשטראָפן, אומעגלעך שטעלן צום שאַנדסלופּ, פאַרשווּעכן זייערע נעמען, טאַדלען, באַשמוצן, ווײַל פון זיי וועט אַפילע קיין נאָמען ניט בלײַבן.

ה. הײַנע

20 אַפּרעל 1944

הײַנט, אינעם געדענקפולן פאַר אונדזער פיורער טאָג, האָב איך אָפּגעראַמט א מענטשן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפּייִק אויסצופילן די הויכע, דורך אַדאָלף היטלערן אָנגעצייכנטע מיסיע פון עס־עס.

איך האָב אויסגעפילט דעם באַפעל פון מײַן שעף.

אייערנעכטן, ווען מיר זײַנען געבליבן אויג־אף־אויג, האָט דער שעף שטיל און א ביסל פײַערלעך זיך געווענדט צו מיר:

— אײַך ווערט אָנגעטרויט א פאַראַנטוואָרטלעכע אופגאַבע. אין די אינטערעסן פון עס־עס. מיט דרײַ טעג צוריק בײַס דער אַקציע האָבן, ווי איר ווייסט, ניט אויסגעהאַלטן די נערוון באַם עסעס־מאַן ען. ער האָט ניט בלויז איבערגעריסן זײַן אָנטייל אין דער עקזעקוציע, נאָר באַהאַלטן זיך אין וואַלד און נאָר אין אָוונט באַוויזן זיך אין לאַגער. איינעם א יעפרייטאָר האָט ער אויסגעפּלוידערט א דינסטלעכן סוֹד. ער האָט קלאָר דערוויזן, אַז עס פעלט אים שטאַנדהאַפטיקײַט. אָן דעם קאָן מען ניט פאַרניכטן די פײַנט פונעם דײַטשישן רײַך. מיר האָט מען וועגן דעם ראַפּאָרטירט, און איך האָב אָנגענומען א באַשלוס. גענוג! זײַן אופפירונג קאָן שעדלעך ווירקן אף אונדזערע אונטערגעאָרדנטע. ס׳קאָן אופגעדעקט ווערן דער סוֹד פון דער אַקציע. איר, ווי איך ווייס, זײַט געווען מיט אים אין גוטע דינסטלעכע באַציִונגען. איז אָט וואָס, לאַדט אים אײַן צו זיך אַהיים. רעדט זיך האַרציק דורך. טרינקט אויס מיטן דאָזיקן צעקוואַטשטן פאַרשוין און ווענדט אָן קעגן אים דאָס, וואָס מיר באַצייכענען „באַזונדערע באַהאַנדלונג“. ווען אַלץ וועט זײַן פאַרענדיקט, קלינגט מיר אָן. ס׳קאָן זײַן באַטאָג צי באַנאַכט. דאָס איבעריקע וועלן שוין דערלידיקן די מענטשן פון דער „באַערדיקונג־קאָמאַנדע“. זייער טערמין גייט שוין סײַווי אויס, און צו זיך אין באַראַק וועלן זיי זיך ניט אומקערן... עס וועט בלײַבן א שטרענגער סוֹד, זײַט זיכער. הײַל היטלער!

— הײַל היטלער! — האָב איך געענטפערט.

די אופגאַבע האָט מיר אויסגעזען ניט קאָמפּליצירט.

... פּאָסטפּאַקעט נום. 28. שפּעק. פּוטער אף א קראַגן. א קילאָ וואָלענע באַוול. קליינינקײַטן.

... מיט פאַרגעניגן האָב איך געהערט וואַגנערס מוזיק. דורכגעקוקט פּאַטאָס. ווי אויסגעוואַקסן איז מײַן מאַרטין! אן עמעסער מאַנצבל! אינגיכן וועט מען אים קאָנען נעמען אַהער אף פּראַקטיק. זאָל ער צוערשט זען, ווי עס אַרבעט אונדזער „באָד“. זאָל ער זיך פאַרהאַרטעווען.

לאַנג האָב איך געטראַכט, ווי דורכצופירן די „אָפּעראַציע“. ניט פּאָשעט, ניט פּאָשעט... איך בייזער זיך אף זיך אַליין. ביז איצט האָב איך ניט געליטן פון קווענקלעניש.

ניט אויספילן די פאַראָרדענונג פונעם שעף — איז געגליכן צו פאַראַט. אין בעסטן פאַל וואָלט ער מיך אָפּגעשיקט אפן מיזרעך־פראָנט. נאָר ווו איז די גאַראַנטיע, אַז ער וועט ניט באַאופטראָגן עמעצן „ליקווידירן“ אויך מיך?

א בריוו פון אַנע־מאַריִען. א סאַך צערטלעכקײַטן. מאַרטינס א געוויינלעכע צושריפט: שיק אים דאָס, שיק אים יענץ...

27 אפרעל

הוראַ! דער שעף האָט מיר געגעבן אורלויב אויף צען טעג! כ׳פאָר אהיים. דערוואַרט מיך, אנעמאריִע!

איצט, ווען אַלץ איז פאַרבײַ, און ען, ווי מיר דריקן זיך אויס, איז „דורכגעפלויגן דורכן קוימען פון קרעמאַטאָריע״, ווילט זיך פאַרשרײַבן אייניקע איינצלהײַטן.

געוויינלעך ביז צו דער מיטיק־פויזע באַווײַז איך באַארבעטן צוויי פאַרטיעס צו צוואַנציק מענטשן. דאָס איז אין דורכשניט 45 — 50 שאָסן. דאַן גיי איך צו מיטיק און בלײַב שוין אין דער קאַנצעלאַריע. מיט איין וואָרט, א געוויינלעכע טאָג־אָרדענונג. אין יענעם אָוונט איז מיר פאָרגעשטאַנען עפּעס אנדערש... באַ זיך אין שטוב... ווי עס זאָל ניט זײַן, איז ען פונדעסטוועגן א דײַטש, א קאָלעגע...

וואַרטנדיק אויף אים, האָב איך אוועקגענומען דעם טעפּיך פון קאַבינעט. אָנגעצונדן דעם טיש־לאָמפּ. צעשטעלט אויפן טיש א פלאַש קאָניאַק, קעלישקעס, א שאַכטל ציגאַרן. דעם שווערן קרישטאָלענעם אַש־בעכער צוגענומען.

און אָט איז ען בא מיר. צוערשט האָט ער, שווײַגנדיק, אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער. און דאָס האָט מיך נערווירט. אין דער הויזן־קעשענע האָב איך אַלץ אָנגעטאַפּט דעם „וואַלטער״, פילנדיק, אז זײַן הענטל איז נאַס פון שווייס. די ראַדיאָ האָט שטיל אונטערגעברומט...

מיר האָבן אויסגעטרונקען צו קעלישעק. דאַן האָב איך געפרעגט, אזוי פאַרבײַגייענדיק:

— וואָס איז דאָרט געשען מיט דיר?

— ע, אזוי זיך... א מאָמענטאַלע שוואַכקײַט, — האָט ער געענטפערט. — עפּעס אן אָנשיקעניש...

ען האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון פאָטעל און ווידער גענומען מעסטן דעם צימער מיט זײַנע שטײַפע פיס. עקלהאַפטע האָבן געסקריפּעט זײַנע שטיוול. ווען ער פלעגט זיך אויסקערן צו מיר מיטן רוקן, איז שווער געווען זיך אײַנצוהאַלטן פון ארײַנזעצן א קויל אין זײַן שוויציקן פליך.

דאַן איז ער ווידער אײַנגעזונקען אין פאָטעל, אויסגעווישט מיטן טיכל דעם שטערן און אָנגעפילט די קעלישקעס.

— וואָס איז פונדעסטוועגן פאָרגעקומען? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס איז פאָרגעקומען? אורטייל אליין: די אַקציע איז שוין געגאַנגען צו ענדע. איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען גוט מיד. ס׳איז געבליבן אויסלייגן די לעצטע ריי און דורכשטעפּן מיטן אויטאָמאַט. עטלעכע ניט־צוגעענדיקטע האָבן זיך באַוועגט אונטערן הויפן טויטע. ביז ס׳איז אָנגעקומען די פאָלגנדיקע פאַרטיע, איז געוואָרן שטיל. מע האָט געקאָנט הערן, ווי עס שיט זיך דער זאַמד פונעם גראָבן־ראַנד. דער טײַוול ווייסט, וועמען ס׳איז אײַנגעפאַלן צו לאָזן צום סאָף די פרויען און קינדער... א שווערער טאָג געווען...

ען האָט פאַרמאַכט די אויגן און געריבן פּאַמעלעך, ווי אײַנהערנדיק זיך צו די אייגענע ווערטער:

— די גרוב איז ביז אויבן אָנגעפילט מיט טויטע! ווי העלדיש עס קאָן שטאַרבן די דאָזיקע באָלשעוויסטישע יוגנט! וואָס איז עס — די ליבע צום פאָטערלאַנד אָדער קאָמוניזם, וואָס איז ארײַנגעדרונגען אין בלוט און פלייש? אייניקע פון זיי, באַזונדערס די מיידלעך, האָבן קיין טרער ניט ארויסגעלאָזט...[1]

געשוויגן א ווײַלע, האָט ער פאָרגעזעצט:

— מײַנע נערוון זײַנען געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. ענדלעך זײַנען געבליבן בלויז א פּאָר צענדליק פרויען און קינדער. ווען מע האָט זיי געבראַכט צו דער גרוב, האָט זיך אָנגעהויבן א געשריי, א געיאָמער. ווי געוויינלעך. מאָדנע: מע גייט דאָך שטאַרבן, וואָס דאַרף מען מוירע האָבן? ס׳איז אויסגעקומען געבן א זאַלפּ איבער די קעפּ. דאָס האָט אַלעמען אײַנגעשטילט. עטלעכע זויג־קינדער האָבן רויִק געטשמאָקעט די מוטער־ברוסט. ס׳איז מיר ניט גוט געוואָרן פון דעם אַלעם. פון דער שטילקײַט. קעדיי זיך אונטער־צומונטערן, האָב איך א געשריי געטאָן: „שנעל! שנעל!״ און גענומען אָנטרײַבן די פרויען. מיט דיר פלעגט עס ניט זײַן אזוי?

איך האָב געשוויגן.

— פאָרזיכטיק, ווי מוירע האָבנדיק צו פאַרשאַפן ווייטעק די טויטע, — האָט ווײַטער גערעדט ען, — האָט זיך אויסגעלייגט די לעצטע ריי. איך בין צוגעגאַנגען צום ראַנד, גרייט צו שיסן. נאָר דאָ האָט עפּעס א מיידעלע, א ייִדיש מיידעלע, אויסגעדרייט זיך אויף א זײַט און גענומען קוקן אויף מיר מיט אירע גרויסע שוואַרצע אויגן. דאָס מויל אופגעריסן, די ליפּן באַוועגן זיך. ניט ווילנדיק האָב איך זיך אײַנגעבויגן צו איר. „אָנקל, — האָט זי געפרעגט, — פעטערל, איך ליג ריכטיק?״ דאַן איז עס געשען...

ען האָט מיט די הענט צוגעדעקט זײַן פּאָנעם. דער קאָפּ איז אראָפּגעזונקען.

מיט דער לינקער האַנט האָב איך פאַרשטאַרקט דאָס קאָל פונעם ראַדיאָ־הילכער, ארויסגעכאַפּט דעם „וואַלטער״ און איינע נאָך דער אנדערער ארײַנגעזעצט אין קאָפּ פון מײַן גאַסט צוויי קוילן...

ווידער בלויז א רעפּאָרטאַזש

אין א זייער קאַלטן נאָיאַבער־טאָג האָט מען צו אונדז געבראַכט א קאָלאָנע שרעקלעך אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי

---

[1] פון פרידריך שמידס טאָגבוך, קאָמאַנדיר פונעם 626־טן אָטריאַד פון דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע.

סקעלעטן. אײנער פונעם צװײטן האָבן די דאָזיקע סקעלעטן זיך אונטערשײדט בלויז מיטן װוּקס און מיט דעם, מיט װאָס זײערע פיס און קעפּ זײַנען געװען פארװיקלט. אלדאָס אנדערע איז געװען בא אלעמען גלײַך: דאָס שװארץ־גרויע געשטרײַפטע לאגער־אָנטועכץ מיטן רויטן דרײַעק, דער צײכן פון פּאָליטישע ארעסטאנטן, באם הארצן.

קלאַפּנדיק מיט די צײנער און שטאמלענדיק, האָט אײנער פון די נײַ־אָנגעקומענע ארויסגעבראכט:

— מ־מיר זײַנען פון שטוטהאָף...

אלץ איז קלאָר געװאָרן. שטוטהאָף האָט באטײַט אפן מענטשלעכן לאָשן: אינוים, טויט, גערהענעם...

איבער דער קאָלאָנע איז געהאנגען א קנויל דאמף, און פאר די רײען זײַנען געלעגן טויטע — די, װעלכע האָבן ניט איבערגעטראָגן די מאַטערנישן פונעם עטאַפּ.

עטלעכע הונדערט אויסגעשעפּטע, הונגעריקע און קראנקע מענטשן, װאָס זײַנען געשטאנען אפן „אפּעל־פּלאץ", האָבן אויסגעזען װי געשטרײַפטע סלופּעס, אײַנגעגראָבענע אינעם אספאלט. קעדײַ ניט פארפרוירן צו װערן, האָבן די מענטשן געטאָפּטשעט אף אן אָרט און צוגעקלאַפּט א פוס אין א פוס. א שרעקלעכער געקלאַפּ איז עס געװען...

די מענטשן אין דער קאָלאָנע זײַנען געשטאנען שװײַגנדיק. געװוּסט, װאָס עס דערװארט זײ. קרעכצן, טײַנען, באקלאָגן זיך האָט געקאָנט בלויז פארשנעלערן דעם װעג אין קרעמאטאָרי.

װען די זון האָט ארויסגעקוקט, האָט די קאָלאָנע אופגעהערט צו זײַן פּאָנעמלאָז. אין דער ערשטער רײ האָט א מענטש מיט א פארבלוטיקטער שמאטע אפן קאָפּ אָנגעשפּארט זיך אין דער פּלײצע פון זײַן שאָכן. א צװײטער איז געבליבן הענגען אף א יונגן באָכער, װאָס איז געשטאנען פארשטײנערט.

צװײ אסירים האָבן אונטערגעהאלטן א מיטליאָריקן מאנצבל. זײַן ברוסט איז געװען פארבאנדאזשירט, די אויגן — פארמאכט, דער קאָפּ — מאכטלאָז אראָפּגעהאנגען. האלטנדיק אים פאר א האנט, איז געשטאנען א ייִנגל פון א יאָר צען מיט א גרויסן קאָפּ אפן דינעם האלדז־שטענגל. אָנגעטאָן איז ער געװען אין אן ארעסטאנטן־מאלבעש ניט לויט זײַן מאָס. די פיס — אין סאָלדאטישע שיך. פון אײנעם האָט ארויסגעשטעקט שטרוי. אף דער ברוסט האָט באם ייִנגל זיך גערויטלט א שטאָפּענער דרײַעק. אונטער אים — א שורע שװארצע ציפערן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנטראָל.

אן עסעסאָװעץ, האלטנדיק אף א שטיק קארטאָן די רעשימעס, איז פארבײַגעגאנגען די רײען און אויסגערופן נומערן פון אסירים, קאָנטראָלירט די פאמיליע־נעמען. לעבן א סאך נומערן זײַנען אויסגעװאקסן צלאָמימלעך: טויט... טויט... טויט...

— 77606, — האָט אויסגערופן דער עסעסאָװעץ און צוגעשטעלט דעם שפּיץ פון בלײַער אינעם נומער.

— נומער 77606 — איך! — האָט זיך אָפּגערופן דאָס ייִנגל אינעם מאלבעש ניט לויט זײַן װוּקס.

דער עסעסאָװעץ איז צוגעגאנגען.

— געבורטס־יאָר?

— 1935, — האָט געענטפערט דאָס ייִנגל און, מישנדיק פּוילישע און דײַטשישע װערטער, זיך געװענדט צום עסעסאָװעץ: — מײַן פאָטער שטארבט. ער מוז אין רעװיר.

— מירן געפינען אן אָרט פאר דיר און פאר דײַן פאָטער, — האָט זאכלעך געענטפערט דער עסעסאָװעץ און צוגעלײגט דעם שפּיץ פונעם בלײַער צום רויטן דרײַעק אף דער ברוסט פונעם ייִנגל.

— יאָ, איך בין א פּאָליטישער... איך בעט זײער — דעם פאָטער אין רעװיר...

דער עסעסאָװעץ האָט שוין ניט געהערט די ביטע. ער האָט אויסגערופן דעם נומער פונעם פאָלגנדיקן ארעסטאנט, און זײַן בלײַער האָט דערװײַל אונטערגעשטראָכן די שורע, װוּ ס'איז געשטאנען:

„נום. 77606. פעליגא מארצעל. 1935 געבורטס־יאָר. אָנטײלנעמער פון װארשעװער אופשטאנד".

ארײַנפיר און איבערזעצונג — מ. י ע ל י ן.

מאָטל טאלאלאיעווסקי

מיר, די געפּרוּווטע

אויב ניט איך, ווער וועט זינגען אין גרויסן געוויטער,
און ניט דו, ווער וועט שטיין אַף דער וואַך פון רו?
און ניט ער,
לייג ניט איבער די לאַסט פון געפאַר
אויב ניט מיר — די געפּרוּווטע אין פייַער, — אַף א צווייטן, אַז ער זאָל זי טראָגן...
ווער וועט נעמען אין האַנט דאָס געווער, זאָג דייַן גורל א דאַנק כאָטש דערפאַר,
ווען ס׳וועט קומען א קריג א נייַער? וואָס מיט ווירדע דער וועלט קאָנסטו זאָגן:
אויב ניט איך, אַז ווי איך, דער סאָלדאַט, און ווי ער —
און ניט ער, די געפּרוּווטע אין מי און אין פייַער,
האָבן קויעך צו טראָגן געווער,
און ניט דו, גרייט מיר זייַנען
אויב ניט מיר, אין די שלאַכטן געניטע, — צו שלאַכטן צו נייַע!

מייַן גרינער פרענטש

אלעמאָל, ווען כ׳נעם ארויס מייַן גרינעם פרענטש,
וואָס הענגט בא מיר אין שראַנק
מיט מייַנע אָרדענס און מעדאַלן,
מיר דאַכט, איך הער, מע רופט מיך אויס: היי! מענטש!
געדענקסטו כאָטש אָט די, וואָס זייַנען דאַן געפאַלן
און ניט באַוויזן די באַלויִנונגען באַקומען?

דערמאָנסטו כאָטש די שרעקלאָזע, די דרייסטע,
וואָס האָבן דיך פון שוואַרצן טויט פאַרהיט?
די קרוויִוּים זייערע פאַרגעסטו ניט צו טרייסטן
אויב ניט מיט א באַזוך, ז׳כאָטש מיט א נייַער ליד?..

איך הער זיך צו. כ׳דערקען דאָס קאָל פון קאָמיסאַר —
שוין דרייַסיק יאָר עס גייט מיר נאָך קעסיידער! —
כ׳געדענק, ווי בא זייַן גרוב איך האָב געטאָן א ניידער
דערמאָנען אים און זייַנע פרייַנט אין וויי, אין צאַר...

און איך דערמאָן, אַוודע איך דערמאָן זיי אַלע —
טיף אין מייַן הארצן זייַנען זיי פאַרקריצט...
און גרייט בין איך, ווי זיי, אויב מע וועט דאַרפן, פאַלן,
אַז זייער טאַט און זייער רום זאָל זייַן באַשיצט.

כאָטש מער בין איך שוין ניט אפֿן דיסקאַנט
און האָף, אַז מײַן שינעל וועל איך שוין מער ניט אָנטאָן,
נאָר סײַוויסײַ מיט מײַנע פרײַנט כ'בין אף די פראָנטן,
מײַן פרענטש דערמאָנט:
— דאָס לעבן איז א פראָנט!

פאַר וועמען שרײַב איך

— פאַר וועמען שרײַבסטו? — פרעגט בא מיר א שאָכן,
וואָס האָט פאַרגעסן שוין זײַן מאמעלאָשן...
דאָס קאַנעצל, וואָס האָט אמאָל־אמאָל געברענט,
האָט ער אליין אין זיך שוין לאַנג פאַרלאָשן,
ווי מע פאַרלעשט א ליכט צוזאמען מיט די שאָטנס אף די ווענט.
— פאַר וועמען שרײַבסטו? נעבעכדיק, פאַרדאַרבן
איז איצט דײַן וואָרט. וואָס טויג עס דיר אצינד?
ס'איז ווי לאַטײַן — געווען און אויס. געשטאָרבן.
דײַן שרײַבן הייבט ניט אָן פאַרשטיין דײַן קינד.
— פאַר וועמען שרײַב איך, ווילט איר דאפקע וויסן?
דערויף אַן ענטפער וועט אײַך געבן מײַן געוויסן.
צי פרעגט מען בא א בוים, פאַר וועמען ס'איז זײַן גרינען,
צי בא דער זון, וואָס טוט מיט גאָלד מיט ציכטיקן פאַרשפּינען
די מינדסטע ווינקעלעך פון אונדזער מאמע־ערד?
איך שרײַב פאַר די, מיט וועמען ריידן אף מײַן שפּראַך ס'איז מיר באשערט.
ניט וויכטיק איז — צי גרויס, צי קליין איז זייער צאָל, —
אין גרויסן מענטשן־כאָר וועט קלינגען אויך מײַן קאָל!

כאַפּ זיך ניט

מײַן יונגער פרײַנט,
וואָס אײַלסטו זיך צו מאכן גרײַזן,
וואָס טרײַבט דיך אזוי אימפעטיק און שנעל?
וואָס האָסטו ניט קיין צײַט — וועסט נאָך באוויַזן
אריבערטרעטן זי, די קישעפּדיקע שוועל,
וואָס ווען מע טרעט זי בלויז אריבער,
דערזעט מען ערשט, ווי אף דער צווייטער זײַט
ניט אומעטום איז גלאַט — פאַראַן אויך טיפע גריבער,
און ס'איז ניט אַלץ פון סאַמעט און פון זײַד.

ס'האָט קיינער ניט געגרייט פאַר דיר דאָרט קיין גאניידן
מיט מילך און האָניק און מיט ווײַן.
כאַפּ זיך ניט מיט העלער יוגנט זיך צעשיידן, —
מײַן פרײַנט, וועסט נאָך באוויַזן עלטער זײַן,
וועסט נאָך באוויַזן טויזנט מאָל פאַרזוכן
דעם טאַם פון ליבע, וואָס זי רופט אזוי און ציט.
זי פּוצט זיך אויס אין שרײַענדיקע טוכן,
זי קלינגט און זי פאַרשיקערט, ווי א ליד,
ווו אַלץ איז רייצנדיק און זוניק־העל,
און ס'דאַכט, דו שפּאַנסט צו איר,
ווי אף א בריק פון אײַזן...

נאָר כאַפּ זיך ניט אריבערגיין די קישעפּדיקע שוועל —
וועסט נאָך באוויַזן, פאָלג מיך,
וועסט באוויַזן!

ווײַל איך בין פארליבט

האָסט מוירע פאר רעגנס, פאר היץ און פאר קעלט,
פאר פלאטער פון שרעקלאָזן פויגל,
און אָפטער פון אלץ זעסט די זינדיקע וועלט
מיט יענעמס דערשיטערטע אויגן.

און איך האָב מיט מײַנע צעבלוטיקטע פיס
די וועגן די ווײַטע געטראָטן.
גענערט זיך מיט מאָך און מיט ביטערע ניס,
פוסטריט האָט באגלייט מיך דער שאָטן.

צי בין איך געפּלעפּט און דערשיטערט געוועזן
מיט שײַן פון דערשראָקענע שטערן? —
דו פרעג בא די קנייטשן אף מײַנע הענט,
בא די קנייטשן דו פרעג אף מײַן שטערן;

באם הארץ, וואָס איז דעמלט געוואָרן פול,
ווי פול ווערט א קווייטל מיט ראָסע,
מיט ווײ און פארדראָס, וואָס קאָן מאכן דול, —
זיי האָבן געמאכט מיך אנטשלאָסן.

בא זיי כ׳האָב געלערנט זיך אײַנגעשפארט זײַן,
און שרעקלאָז, און שטאָלץ, און אנטשיידן.
די וואסער פון קוואלן געוועזן איז מײַן ווײַן,
געוויינלעכער שלאָף — א גאניידן.

מיך שרעקט ניט קיין רעגן, קיין היץ און קיין קעלט —
און גרייט כ׳בין צו מי און צו שטרײַטן.
ווײַל איך בין פארליבט אין דער זינדיקער וועלט
און וויל זי אף גאָרניט פארבײַטן!

דער גרעסטער זין

איך בין די ערד און בין דער בוים,
איך בין די ווארהײַט און דער טרוים,
איך בין דער האָניק און די בין,
איך בין דער אומזין און דער זין,
די פרייד פון יאָ,
דער ווײ פון ניין,
א גוטער פרײַנט מיט גרויס און קליין.

און אויב — עס טרעפט! — א בייזער ווינט
דערלאנגט מיר ביז דער צענטער ריפ, —
איך הייב זיך אוף,
און גלײַך זיך אויס,
און גיי פאָרויס, און שפרײַז פאָרויס,
פארקערעווע ניט אף צוריק —
איך זוך זיך ניט קיין וואָלוול גליק.

אן ענטפער דעם אייניקל

מײַן אייניקל, וואָס גייט אין זעקסטן קלאס,
האָט מיך א פרעג געטאָן, אזוי ווי אין א שפאס:
— דו, זיידעניו, וואָס האָסט שוין אָפּגעלעבט א לעבן,
פארזוכט דעם עכטן טאם פון גוטס און בייז,
אף מײַנע רעטענישן קאָנסט אן ענטפער געבן?
וואָלסט אלע מײַנע אופגאבן געלייזט?
ניין! — זאָג איך אים. — ניט אלץ עס איז מיר קלאָר,
עס איז דאָס לעבן ניט קיין לערנבוך,
ווו אף דער לעצטער זײַט

זײַנען פאראנען ענטפערן געניויע...
ניט איינפאך — קאָמפליצירט איז אונדזער וואָר.
די גרעסטע אקאדעמיקער די גראָוועע,
זיי זוכן נײַע ענטפערס יעדן טאָג.
דאָס לעבן איז קיין רעטעניש, קיין שפיל
פון ציפערן פון צוגעטראכטע, פוסטע;
פון זינט עס שטייט די וועלט, די ענטפערס די באוווסטע —
זיי קאָנען ניט באַרײַכערן דאָס וויסן.
א גרייטער ענטפער — ער איז גאָרניט ווערט...
דו זוך אים אָפּ אליין,
ווע‌סטו פון פרייד געניסן!

הערשל פאָליאַנקער

ייִצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים

ראָמאַן





האַנס שפּילקעס לעצטע שלאַכט־אָפּעראַציע...

דעם קאָמענדאַנט איז געווען שטאַרק אָנגעזאָלעט אַף דער נעשאָמע. אַ שווערע צײַט. ער מוז קעמפן קעגן די דיווערסאַנטן, וואָס צעשטערן די אײַזנבאַן, דערצו נאָך איז ער אויסגעמאַטערט פון די שלאָפלאָזע נעכט.

געווען איז טיפער האַרבסט. די רעגנס האָבן ניט אופגעהערט גיסן, און די וועגן זײַנען צעפאָרן געוואָרן, כאָטש שווים איבער זיי מיט אַ שיפל. דער קאָפּ דרייט זיך מוירעדיק, און ער, שפּילקע, דער קאָמענדאַנט, זעט פאַר זיך ניט די ליכטיקע וועלט. די ביינער ברעכן, אין בוירעט, ווי זשאַבעס וואָלטן דאָרט אַרומגעשפּרונגען. די הויזן האַלטן זיך קוים אַפן רימען. וויפל ער עסט ניט, קאָן ער זיך ניט פאַריכטן און ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אײַנגעשרומפּן. און דאָ נאָך האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַ מין קאַטער, עס רינט פון דער נאָז. ער דאַרף געבן זײַנע סאָלדאַטן אַ קאָמאַנדע, אַ באַפעל, און אין די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע מינוטן, ווען ער מוז דערמאָנען דעם גרויסן פיורער, קומט אויס אַרויסכאַפּן דאָס טיכעלע און ווישן די נאָז. דערבײַ באַקומט זיך בא אים ניט „דער גרויסער פיורער“, נאָר דער רועך ווייסט וואָס, און די סאָלדאַטן קוקן אַף אים ווער מיט אַ שמייכל, ווער אָנגעדראָדלט. עמעצער פון זיי קאָן נאָך, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, אָנשרײַבן אַף אים אַ מעסירע אין געסטאַפּאָ, אַז ער באַציט זיך צום פיורער ניט מיט דער געהעריקער אַכטונג און ליבע...

גיי דערצייל אָט די אידיאָטן, וווּ דער הונט ליגט באַגראָבן!

נאָר מיילע, מיט זײַנע סאָלדאַטן וועט ער זיך נאָך ווי־ניט־איז ספּראַווען. פאַר דער צײַט, וואָס ער פאַרנעמט זײַן פּאָסטן, האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי זיך צו פירן מיט די, וואָס זײַנען אים אונטערגעאָרדנט. ער האָט צעשטעלט אין אַלע אָפּטיילונגען טרײַע מענטשן, וואָס טראָגן אים

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 2, 3, 4, 1971.

פינקטלעך אָפּ, וואָס יעדער איינציקער רעדט און וואָס יעדערער טראַכט. ערגער איז, וואָס זײַן נאַטשאַלסטווע האָט זיך באַזעצט ניט זייער ווײַט פון אים, אין וויניצע, עפּעס א שלאַק קאָן אַלע־מאָל אָנפֿליִען אהער און א קוק טאָן, וואָס ער טוט דאָ, פאַרוואָס קומען דאָ פּאַר דיווערסיעס אָף דער אײַזנבאַן.

מע האָט אים אָנגעהויבן קלינגען אַלץ אָפטער, מע זידלט אים אַלץ מער, לעמײַ פּירט ער א שוואַכן קאַמף קעגן די דיווערסאַנטן, וואָס רײַסן אונטער עשעלאָנען און בריקן.

אָט טראַגט ער זיך איצט טאַקע כאַפּן די דאָזיקע, וואָס האָבן פאַרניכטעט עפּעס א בריקל...

די מאַשין איז שנעל געפּאָרן איבער דעם צעקלאַפּטן שאָסיי, און פון אונטער די רעדער האָבן זיך אופגעהויבן גאַנצע פאַנטאַנען בלאָטע. דער רעגן האָט געגאָסן, און אַרום האָט זיך גע־שפּרייט אזאַ נעפּל, אז מע האָט ניט געזען, וואָס ס'טוט זיך פאַר דער נאָז. ביז מע וועט דער־פאָרן צום אָרט, ווו עס איז אונטערגעריסן דאָס בריקל, קאָן מען ברעכן דעם קאָפּ.

און געטראַכט האָט האַנס שפּילקע גאָר וועגן יאַשפּאַל, וועגן דעם פּראָפעסאָר. מע דאַרף צווינגען דעם אַלטן אָקשן, ער זאָל אים א ביסל צוהיילן, אַנדערש קאָן ער אומקומען פון שמערצן.

יאָ, ווי נאָר ער וועט זיך אומקערן, שפּילקע, פון אָט דער נימעסער יאַזדע, וועט ער ווידער רופן דעם אַלטן און טאַקע זײַן צו אים גאָר גוט — ער איז א שטאָלצער, דער רועך, אַזעלכע נעמט מען בלויז מיט גוטן...

פאַרטאָן אין אָט די מאַכשאָוועס, האָט האַנס שפּילקע ניט באַמערקט, ווי די מאַשין איז צוגעפאָרן צום אופגעריסענעם בריקל. ער איז אַרויסגעשפּרונגען גלײַך אין דער בלאָטע און זיך אויסגעזידלט.

די סאָלדאַטן האָבן שוין גוט געניִשטערט דאָ אַרום און אַרום, אַרײַנגעקוקט אין אַלע גרי־בער, אין די צעוואָלגערטע געבײַדעס, נאָר קיינעם ניט געפונען. האַנס שפּילקע האָט דערזען ניט ווײַט פון שליאַך עטלעכע הײַזער אונטער שטרויענע סטריכעס און באַפוילן אַרויסטרײַבן פון דאָרטן אַלע לעבעדיקע און ברענגען זיי אהער. מע זאָל קיינעם ניט שאַנעווען — ניט קיין פרויען, ניט קיין קינדער, ניט קיין קראַנקע — אַלעמען אהער!

די הײַזער זאָל מען גלײַך אונטערצינדן, קיין זייכער זאָל פון זיי ניט בלײַבן. בעסער צע־שיסן הונדערט אומשולדיקע, איידער פאַרזען איין שולדיקן! מע דאַרף, אז אַרום דער אײַזנבאַן זאָל בלײַבן א פּוסטע זאָנע, מע זאָל פון אַלע זײַטן זען, ווער עס דערנעענטערט זיך צו דער ליניע...

אין א האַלבער שאָ אַרום האָבן שוין אין אַלע עקן געפלאַקערט הײַזער, שטאַלן, קלוניעס, און די סאָלדאַטן האָבן געטריבן צו זייער נאַטשאַלניק עטלעכע צענדליק אָף טויט־דערשראָ־קענע פרויען, קינדער, אַלטיטשקע זיידעס, וואָס שפּאַרן זיך אָן אָף שטעקלעך.

האַנס שפּילקע האָט לאַנג באַטראַכט די צונויפגעטריבענע, אײַנגעקוקט זיך אין יעדערנס פּנים. ער האָט געפּאָדערט, מע זאָל אַרויסגעבן די דיווערסאַנטן, וואָס מוזן דאָ ערגעץ זײַן. די, וואָס מע האָט געבראַכט אהער, האָבן געשוווירן, אז זיי ווייסן ניט פון וואָס צו זאָגן, געבעטן, מע זאָל זיי לאָזן לעבן.

זעענדיק, אז ער וועט זיך גאָרניט ניט דערשלאָגן, האָט שפּילקע געגעבן זײַן לעצטן באַפעל: שיסן.

איבערגעלאָזט אָן אָפּטיילונג, וואָס וועט דאָ נאָך זוכן און באַשטראָפן די שולדיקע, האָט האַנס שפּילקע מיט די איבעריקע סאָלדאַטן זיך געלאָזט פאָרן ווײַטער.

באַם ראַנד פון א געדיכטן וועלדל האָט ער דערזען עטלעכע בוידן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געפּאַשעט געפּענטעטע פערד. צוגעשפּאַרט צו די שטאַמען פון אַלטעביימער, זײַנען גע־שטאַנען ברעזענטענע בײַדלעך און אזוי ווי געכוואַליעט זיך אונטערן שטאַרקן ווינט.

האַנס שפּילקע האָט באַפוילן זײַנע סאָלדאַטן אַרומרינגלען דעם טאַבאָר. אָט זײַנען זיי! איצט האָט ער שוין פאַרשטאַנען, ווער עס זײַנען די עמעסע פאַרברעכער, וואָס האָבן אופגעריסן די בריק און אונטערגעצונדן אַנומלטן אָן עשעלאָן מיט סנאַריאַדן... זיי שלאָפן, די רוכעס, מע רוט זיך אויס, איז טאַקע גוט — קיינער וועט ניט קאָנען אַנטלויפן.

די סאָלדאַטן האָבן שטיל אַרומגערינגלט די בײַדלעך. עטלעכע זאַלפן פון אווטאָמאַטן האָבן אופגעוועקט דעם טאַבאָר, פון זייערע נעסטן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אָף טויט־דערשראָקענע באָרוועסע קינדער, עטלעכע צעפּאַטלטע פרויען אין ברייטע, געקוויטלטע קליידלעך, אַלטע, אָנ־געכמורעטע זקיינים מיט שוואַרצע בערד, ווי סמאָלע, יונגע, כיינעוודיקע ציגײַנערטעס מיט זויג־קינדער אָף די הענט.

א מוירעדיקער געוויין האָט זיך געהערט דאָ און דאָרט. דער טאַבאָר האָט זיך צונויפגע־שלאָגן באַ די וועגענער, באַ די בוידן. מע האָט מיט פּאַכעד געקוקט אָף די אָנגעשטעלטע אווי־טאָמאַטן.

שפּילקע האָט מיט ביטל באַטראַכט די ציגײַנער, באַפֿוילן אַלעמען אָפּטרעטן פֿון די װעגענער, זיך אױסשטעלן באַם שליאַך און אַ װוּנק געטאָן צו זײַנע סאָלדאַטן, מע זאָל צעװאָרפֿן די בײַדלעך, איבערקערן די בוידן, אַ קוק טאָן, צי איז דאָרט קײנער ניט געבליבן און צי איז ניטאָ קײן געװער.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שױן אַלץ איבערגעװאָרפֿן געװאָרן — די קישנס, די קאָלדרעס, דאָס געפּעס, — קײן געװער האָט מען ניט געפֿונען.

האַנס שפּילקע איז געבליבן אַ ביסל אַנטױשט. ער האָט געזאָגט צו די ציגײַנער:

— װער איז דאָ דער עלטסטער?

פֿון דעם ענגן קרײַז איז אַרױסגעגאַנגען אַ דיקער, קורצװוּקסיקער ציגײַנער מיט אַן אונטערגעהאַקטער באָרד, ער האָט געטראָגן אַ הױכן שפּעסנעם יאַלעם, אַ רױטן זשיליעט אַפֿן לאַנגן שװאַרצן העמדל.

— איך בין דאָ דער עלטסטער.

— דאָס האָסטו מיט דער כאַליאַסטרע אױפֿגעריסן די בריק! — האָט אױסגעשריגן שפּילקע. — איר זײַט באַנדיטן, פּאַרטיזאַנער!

דער אַלטער האָט פֿאַרכידעשט אױפֿגעהױבן די אַקסל, אַ פֿיר געטאָן מיט די אױגן אױף די זײַניקע:

— נאַטשאַלניק! װאָס רעדט איר? איר זעט ניט, אַז מיר זײַנען פֿרידלעכע מענטשן? מיר פֿאָרן קײן מאָלדאַװיע, מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אָפּרוען...

שפּילקע האָט אַרױסגעשלעפּט דעם פּאַראַבעלום און אַ דראָע געטאָן מיט אים:

— זײַט זיך בעסער מודיע מיט גוטן: איר האָט אױפֿגעריסן די בריק און יענע װאָך — אַ צוג... דעם עמעס, אַנדערש װעל איך אײַך אַלעמען דאָ אױפֿן אָרט צעשיסן, לײַזיקע רוכעס!

דער אַלטער ציגײַנער איז געשטאַנען אַ פּאָר רעגעס פֿאַרלױרן, ניט װיסנדיק, װאָס ער זאָל זאָגן אָט דעם צעבײזערטן דײַטשישן אָפֿיצער. ער האָט טרױעריק אַ שמײכל געטאָן אין די װאָנציעס.

— מיר קענען פֿאַרלײטן קעסלען, מיר מאַכן מעשענע טאַצן, מיר קאָנען זינגען, מיר קאָנען טרעפֿן, װאָס װעט מיט אײַך מאָרגן זײַן... אױפֿרײַסן בריקן קענען מיר ניט...

— איך פֿרעג ניט, װאָס איר קענט! — האָט איבערגעשלאָגן האַנס שפּילקע. — גאַנװענען פֿערד קענט איר! דאָס װײס איך אַלײן. נאַר, זאָג דעם עמעס, אַלטער הונט, זאָג, אױב דאָס לעבן איז דיר טײַער, װער האָט אױפֿגעריסן הײַנטיקע נאַכט די בריק אָט דאָ ניט װײַט... איר, האַ?

דער אַלטער האָט אַרױסגענומען פֿון דער קעשענע די אַלטע, גראָבע ליולקע, זי אָנגעשלאָגן מיט טאַבעק, אױסגעהאַקט פֿון דער קרעסילע עטלעכע פֿונקען פֿײַער, פֿאַרײכערט און, באַמערקנדיק, װי דער אָפֿיצער קוקט אױף אים מיט שרעקלעכע אױגן, אַ טײַטל געטאָן מיטן פֿינגער אױף אַ קוטשעראַװע ציגײַנערל פֿון אַ יאָר דרײַ:

— ניט אַנדערש, װי ער, גאַװרילקע...

— װאָס? דו װאַגסט נאָך שפּאַסן, לײַזיקע בעסטיע?! — איז אָנגעצונדן געװאָרן דער קאָמענדאַנט און ער האָט אױסגעשאָסן אינעם אַלטן.

דערזען דעם עלטסטן פֿון טאַבאָר אַ פֿאַרבלוטיקטן אױף דער ערד, האָבן די ציגײַנער אױפֿגעהױבן מױרעדיקע גװאַלדן, אַ געװײן. אײניקע האָבן זיך געלאָזט לױפֿן טיפֿער אין װאַלד. די אױטאָמאַטלער האָבן גענומען שיסן.

האַנס שפּילקע האָט זיך געלאָזט צו זײַן מאַשין. ער האָט געװוּסט: זײַנע סאָלדאַטן װעלן שױן אַלץ אָפּטאָן װי עס געהער צו זײַן.

אין אַ פֿערטל שאָ אַרום איז די „שלאַכט־אָפּעראַציע” פֿאַרענדיקט געװען.

זעצנדיק זיך אין דער מאַשין, האָט שפּילקע באַפֿױלן זײַן געהילף, ער זאָל נאָך הײַנט שיקן צום װאַלד מענטשן מיט לאָפּעטעס, מע זאָל באַגראָבן די דערהאַרגעטע ציגײַנער און אַװעקשלעפּן טיפֿער אין װאַלד די אָפּגעברענטע בוידן.

— עס איז באַם סאַמע װעג, — האָט ער געזאָגט, — דאָס אַלץ מאַכט קאַליע דעם פּײזאַזש...

כאָטש רוזשיצע און לוקאַשיװקע, װי עס איז שױן געזאָגט געװאָרן, זײַנען געװען אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער װעלט און יעדיעס זײַנען אַהער אָנגעקומען מיט גרױסע פֿאַרשפּעטיקונגען, דאָך האָט מען זיך דאָ גלײַך דערװוּסט, װאָס ס'איז געשען אין אײנער פֿון די האַרבסטיקע נעכט באַם דניעסטער, ניט װײַט פֿון יאַשפּאָל.

האַנס שפּילקע מיט זײַן קאָמאַנדע האָט זיך שפּעט אין דער נאַכט אָנגעשטױסן אױף אַ רומענישער מיליטער־טײל, װאָס האָט מאַרשירט אױפֿן פֿראָנט און זיך אָפּגעשטעלט אין אַ באַלקע אױף אָפּרו.

מיינענדיק, אז דאָס זײַנען פּאַרטיזאַנער דיווערסאַנטן, האָט שפּילקע באַפוילן עפּענען אַ פײַער, און אַזוי איז אַ שיינע פּאָר שאָ צווישן די דײַטשן און רומענער געגאַנגען אַ פאַרביטערטע שלאַכט און אַ פּײַן ביסל רויבער זײַנען אומגעקומען אין דער באַלקע.

די דאָזיקע נײַס האָבן געבראַכט די היגע צווי פּאָליצײַען, וואָס זײַנען געווען אין יענער שלאַכט און קוים אַרויס גאַנץ מיטן לעבן.

סימכע קושניר, וואָס האָט ליב אַזעלכע געשיכטעס פאַרשרײַבן בא זיך אין ביכעלע, איז געווען אַפּן זיבעטן הימל.

— קינדער, ס'איז אַ גוטער סימען, — האָט ער געזאָגט, — אויב זיי שרעקן זיך שוין פאַר די אייגענע שאָטנס, איז דאָס דער בעסטער סימען — זיי וועלן מירצעשעם אינגיכן אַלע אײַנעמען אַ מיסע־מעשונע!

אין יישעוו האָט מען שוין לאַנג ניט געלאַכט, נאָר די דאָזיקע נײַס האָט יעדערן געפרייט. נאָך מער פרייד האָט דאָ אַרויסגערופן דאָס, וואָס דער הויפּט־הענקער, דער לייטענאַנט האַנס שפּילקע האָט צוליב דער געשיכטע גענומען זיך דאָס לעבן, און עס איז געוואָרן אָף דער וועלט ווייניקער מיט איין בלוטזויגער.

אַלע אין רוזשיצע און אין לוקאַשיווקע האָבן גוט פאַרגעדענקט דאָס קליינע מענטשעלע, מיט די ראַצכישע אייגעלעך אונטער די קײַלעכדיקע ברילן, וועלכער האָט שיר ניט אומגעבראַכט דעם גאַנצן יישעוו.

אַזאַ איז געווען האַנס שפּילקעס לעצטע שלאַכט־אָפּעראַציע...

אַ גרוס פון דער גרויסער ערד

אַלע פּאַרנאַכט, איידער דער זייגער האָט געקלאַפּט צען, פלעגט לעסיע מאַטיאַש אַרויסגיין אין הויף און אַפּן הימל געפינען איר שטערן, עטלעכע מינוט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן ראַזלעכן גלאַנץ. אַזוי האָט זי זיך צונויפגערעדט מיט שמוליקן בייס זייער לעצטער געזעגענונג, דאָרטן, אַפּן הויכן ווײַסן פעלדז, באַם פאַרקישעפטן קוואַל. זי האָט געוווסט, אַז פּונקט אין דער רעגע קוקט שמוליק אויך אָף דעם זעלבן שטערן און טראַכט וועגן איר, אַזוי ווי זי וועגן אים. און וויבאַלד אַזוי, האָט זי זיך געטרייסט, זײַנען זיי צוזאַמען.

לעסיע האָט קיינעם ניט דערציילט וועגן דעם, אַפילע איר כאַוועריטע רוטען. דאָס איז איר אייגענער סאָד. עפּשער איז דאָס נאַריש, קינדעריש, נאָר זאָל זײַן אַזוי!

האַרבסט. בייזע רעגנס. ווינטן. דער גאַנצער אַרום איז אײַנגעוויקלט אין כוישעך. קיין שײַן אין פענצטער זעט מען ניט, ווען עס פאַלט צו די נאַכט. מע האָט דאָ שוין פאַרגעסן, וואָס עס הייסט עלעקטרע, און קיין קעראָסין איז אויך ניט צו קריגן. נאָר ווער טראַכט דערפון, אַז אַזאַ אומגליק איז געקומען אָף דער ערד! אַזוי קורץ איז געווען איר, לעסיעס, גליק, און זי שטעלט זיך ניט פאָר, ווען וועט עס זיך אומקערן צו איר.

ווו איז ער איצט, שמוליק, אין אָט דער גרויזאַמער צײַט? אָף וועלכע וועגן און שטעגן האָט אים פאַרטראָגן זײַן סאָלדאַטישע שווערע דאָליע? איר איז דאָ שווער, ווי אַלעמען, נאָר אים איז דאָך טויזנט מאָל שווערער. זי זיצט אין שטוב און נייט פאַר זייער קינד העמדעלעך. זי פּילט עס שוין גוט אונטערן האַרצן. עס דערמאָנט וועגן זיך מיט יעדן טאָג אַלץ אָפטער. זי האָט שוין לאַנג אָנגעוואָרן, לעסיע, איר מיידלשן כיין. זי איז שוין ניט אַזוי שלאַנק, ווי געווען, ניט אַזאַ, ווי שמוליק האָט זי געקענט. אַפּן פּאָנעם האָבן זיך באַוויזן געלבלעכע פלעקן. זי באַמערקט — שכיינים וואַרפן אָף איר פרעגנדיקע בליקן, אייניקע שמייכלען אַפילע יעכידנע אונטער, מע באַגלייט זי מיט צווייד̈ײַטיקע ווערטלעך. אַנדערע קוקן אָף איר פּאַשעט מיט פּאַר־וואורף.

די ערשטע צײַט האָט עס זי שטאַרק געערט, נאָר וואָס ווײַטער, האָט זי געלייגט אַלץ ווייניקער אַכט אָף די וויצן, אָף דעם ווינקען. און דאָך איז איר שווער. זי קוקט און קוקט אָף שמוליקס קליין בילדל, וואָס שטייט לעבן איר בעט, אַפּן טישל. זי קוקט אין זײַנע שמייכלענדיקע, גוטע, טונקעלע אויגן, אָף זײַן שוואַרצער טשופּרינע, וואָס פאַלט אַראָפּ אַפּן הויכן שטערן, אָף זײַנע פולבלעכע ליפּן. שמוליק איז ענלעך אָף רוטען, מעגלעך, דערפאַר קאָן זי, לעסיע, זאַט ניט אָנשפּיגלען זיך אין דער כאַווערטע.

ווען זי ווערט שוין אַ מאַמע! נאָר עפּעס איז עס אַזוי שרעקלעך! ער, שמוליק, וועט ניט זײַן דערבײַ. ער וועט אַפילע ניט וויסן, ווען דאָס איז געשען. זי וועט אים ניט קענען שיקן די בסורע. ער וועט זי ניט אָפּפירן אין שפּיטאָל... וואָס פאַר אַ שפּיטאָל?.. שוין לאַנג העגנט אָף אים אַ

שלאָס. ניטאָ, ווער עס זאָל היילן די מענטשן, ניטאָ מיט וואָס צו היילן. און ווידער האָבן זיך געיאָוועט, ווי אין די אַלטע צײַטן, באַבקעס, אָפּשפּרעכער, אין בעסטן פֿאַל היילט מען מיט גראָז.

יאָ, א שווערע צײַט האָט לעסיע אויסגעקליבן אַף צו ווערן א מאַמע!

און דאָך וועט זי זײַן גליקלעך, ווען זי וועט ברענגען אַף דער וועלט א זון. שמוליק סאַנ־טאָסעס זון. זאָל מען זאָגן, וואָס מע וויל, זאָל מען — זי וועט אַלצײַנס זײַן שטאָלץ בא זיך.

אָבער אָפּט פאַרגאַנווועט זיך צו איר א שרעקלעכער געדאַנק, וואָס מאַטערט זי און נעמט אָפּ די גאַנצע פרייד פונעם האַרצן, — שמוליק איז אַפּן פראָנט, אין פײַער, און יעדע רעגע לויערט איבער אים דער טויט. לעסיע גלייבט, אַז מיט אים וועט דאָרטן קיין אומגליק ניט געשען, ער וועט זיך אומקערן אַהיים, זי וועט נאָך מיט אים זײַן גליקלעך. נאָר וואָס — אויב ניט?..

זי האָט געטריבן פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען, ווי בייזע בינען. שמוליק וועט זיך אומקערן. זי ווייסט גוט, ער איז א דרייסטער, אַן אײַנגעאַקשנטער, און דאָס מאַזל וועט זיך פון אים ניט אָפּקערן. זי האָט פון זיך געטריבן די שווערע געדאַנקען, נאָר זיי האָבן פאַרט געטאָטשעט דאָס האַרץ. דאַן האָט זי גאַנצע נעכט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן, און גאַנצע טעג איז זי אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי א שאָטן.

דאָך האָט זי זיך יעדער מאָל געכאַפּט אין די הענט, אופגעראַמט אין שטוב, געגאַנגען אַף דער פערמע העלפן דער מאַמען אַרבעטן, געגאַנגען צו רוטען מיט די קוישלעך שפּײַז... און דאָס אויך — אַלע פאַרנאַכט האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט מיט רוטען אין זייער באַהעלטעניש, אײַנ־געשלאָסן דעם ראַדיאָ־אופנעמער און לאַנג, אָנגעשטרענגט, דורך דער פײַפערײַ אין עפיר, דורך דעם ווילדן געברום פון פאַשיסטישע מאַרשן, היסטערישע גוואַלדן פונעם בערלינער פיורער, געהערט די האָפענונגספולע שטים פון מאָסקווע, געהערט און פאַרשריבן אַלץ, וואָס מע האָט פון דאָרטן איבערגעגעבן.

אָט דאָס איז געווען איר לעבן.

זי האָט געוואַרט אַף גוטע בסורעס מיט האַרץ־ציטערניש. זי האָט אַרומגעכאַפּט און גע־קושט רוטען, ווען מע האָט איבערגעגעבן פון מאָסקווע עפּעס פריידיקס, און באַגאָסן זיך מיט טרערן, אויב די נײַס זײַנען געווען שלעכטע.

שוין א שטיק צײַט, אַז די מאַמע האָט ניט געלאָזט לעסיען אַראָפּגיין אין דער באַהעלטעניש אײַנשליסן דעם ראַדיאָ־אופנעמער. זי האָט זיך ניט געטאָרט באַאומרויִקן, נערווירן. קאַרג האָט זי איבערגעלעבט, ווען סטעפּאַן טשוריי פלעגט אַרײַנפאַלן א שיקערער אין שטוב?.. נאָך גוט, וואָס מע איז פון אים גאַנץ גיך פּאָטער געוואָרן. זײַנע צוויי קאַלעגן האָבן שוין אויך מוירע געהאַט אַרויסרוקן די נעזער, ווען עס פלעגט צופאַלן די נאַכט. זיי האָבן זיך ביכלאַל ניט געסטאַרעט, אַזוי ווי יענער, סטעפּאַן. מע האָט זיי געקאָנט אָפּקויפן מיט א פלאַש וויַן, א קריגל מילך. אײַנ־גיכן זײַנען זיי גאָר אַנטלאָפן, מוירע האָבנדיק, אַז זיי וועלן האָבן סטעפּאַנס סאָף.

איצט איז רוטע אַליין, אָן לעסיען, געזעסן אין דער באַהעלטעניש באַם ראַדיאָ־אופנעמער און געהערט, וואָס ס׳זאָגט מאָסקווע. און זי טאָקע האָט געבראַכט א וויקטיקע נײַס, וואָס האָט זיך אַהער דורכגעריסן, ווי א ליכטיקער שטראַל.

דאָס איז געווען די בעסטע יעדיִע פאַר אַלע שווערע כאַדאָשים זינט דער מילכאָמע!

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רומפולער אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי הינטער מאָסקווע. די ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט וועגן צענדליקער פאַשיסטישע דיוויזיעס, וואָס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן בא די ווענט פון דער הויפּטשטאָט.

דאָ, באַם דניעסטער, האָבן געבושעוועט ווינטן און רעגנס, און דאָרטן, אַף די מיט שניי פאַרשאָטענע ראַכוועסדיקע פעלדער, האָבן די רויטאַרמייִשע טיילן געטריבן, געשמעטערט די היטלערישע כאַיאָלעס.

כאָטש עס איז געווען טיפע נאַכט, האָט רוטע אופגעוועקט אַלעמען בא לעסיען אין שטוב און, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, אויסגעפּראַלט די נײַס. דערנאָך איז זי אַרויס אין דרויסן, געלאָזט זיך לויפן איבער די פינצטערע געסלעך צום יישעוו, אַהיים, קעדיי איבערגעבן די גרויסע נײַס באַקענטע.

סאַנטאָסעס שטוב איז שוין פול געווען מיט מענטשן, וואָס האָבן, ווי שטענדיק, געוואַרט אַף די סוואָדקעס. אַלעמאָל זײַנען צוגעקומען אַנדערע, און רוטע האָט געמוזט אַלץ דערציילן פונדאַסנײַ.

דאָס קליינע קאַנעצל האָט באַשײַנט די פאַרוואַקסענע, אָפּגעצערטע פּנעמער, וואָס האָבן איצט דאָס ערשטע מאָל פאַר אַזא לאַנגער צײַט געשײַנט, און גרויסע טרערן, טרערן פון גליק, זײַנען געפלאָסן איבער אײַנגעפאַלענע, פאַרברױנטע און בלאַסע באַקן. פון דעם טאָג אָן האָט מען שוין געוואַרט, רוטע זאָל ברענגען בלויז גוטע נײַס...

...אין איינער א שפעטער נאכט, ווען רוטע איז א מידע געזעסן צוגעבויגן צום אופנעמער, האָט זי ווי דורכן שלאָף דערהערט אזוינס, וואָס האָט זי אונטערגעהויבן פונעם נידעריקן בענקל. דער דיקטאָר לעוויטאַן האָט מיט א באַגייַסטערס קאָל דערציילט וועגן די העלדן פון די שלאַכטן הינטער מאָסקווע. און פלוצעם, צווישן אנדערע נעמען האָט א קלונג געטאָן: לייטענאנט סאנטאָס!.. אין איינעם פון די שווערע שלאַכטן האָט דער לייטענאנט סאמויל סאנטאָס אף זיַין טאנק זיך אריַינגעשניטן אין א פאשיסטישער קאָלאָנע, פארניכטעט זעקס לאסטמאשינעס, צוויי הארמאַטן און אונטערגעצונדן א פאשיסטישן טאנק, וואָס איז געשטאנען פארמאסקירט הינטער א קלויניע. פאר העלדישקיַיט אין קאמף מיט די היטלערישע אָקופאנטן איז דער לייטענאנט סאנטאָס באַלוינט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן...

רוטע האָט געפילט, ווי דאָס הארץ שטעלט זיך בא איר אָפּ. זי האָט ניט געגלייבט אירע אויערן. עפשער האָט זיך עס איר געכאָלעמט, אויסגעדוכט? נאָר ניין! צוויי מאָל האָט מען איבערגעכאַזערט שמוליקס נאָמען!

ארויסגעקראָכן פונעם קעלער, איז רוטע אוועק צו לעסיען, אופגעוועקט זי פון שלאָף און אָנגעזאָגט איר די איבערראשנדיקע נײַס. רוטע איז ארונטער אונטער לעסיעס קאָלדרע, ארומגענומען די כאוועריטע. ביידע האָבן אי געלאכט, אי געוויינט פאר גרויס פרייד. און ביז טאָג ניט צוגעמאכט קיין אויג. ערשט קאיאָר האָט רוטע זיך געלאָזט לויפן אהיים, איבערגעבן די גרויסע נײַס דער מאמען, דעם טאטן, די באקענטע.

די יעדיִע, וואָס איז אזוי אומדערווארט באקומען געוואָרן וועגן שמוליקן, האָט אופגעוועקט אין רוטעס הארצן די בענקעניש נאָך שימקען. אופגעוועקט... צי דען אופגעוועקט? זי האָט דען אופגעהערט בענקען נאָך אים? זי האָט עס אָבער אזוי שטארק, טיף ניט געפילט, ווי איצט.

ערגעץ האָט זי, רוטע, געלייענט אין א בוך, אז פון די גרעסטע געפארן קאָן א מענטש ארויס בעשאָלעם, אויב ער פילט, אז עמעצער האָט אים ליב און ווארט אף אים. לעסיע ווארט אף איר שמוליקן מיט אומגעדולד, הערט ניט אוף צו טראכטן וועגן אים, מעגלעך, אז דאָס העלפט אים אין דער שווערער שלאַכט? און שימקע — ער ווייסט דאָך ניט, אז רוטע ווארט אף אים, אז זי טראכט וועגן אים, וואָס וויַיטער, אלץ מער...

רוטע ווייסט ניט, ווו ער געפינט זיך, אף וועלכן פראָנט. צי שטייט ער בא א הארמאט, צי איז ער אף א טאנק? ער האָט איר ניט איבערגעלאָזט, ווי שמוליק לעסיען, קיין פאָטאָגראפיע. רוטע געפינט א שטיקל טרייסט דעריך, וואָס זי גייט אָפט אריַין צו זיַין טאטן, מענאשע באָנדער, אין שטוב, ראמט דאָרט צו, וואשט אויס פארן אלטן א העמדל, קאָכט אים אָפּ א טעפל זופּ. דערנאָך זיצט זי מיט מענאשען סטאם אזוי און מע רעדט וועגן שימקען, מע קוקט אף זיַין בילדל, וואָס הענגט אף דער וואנט. א פעסטער באָכער מיט א געשוירענעם קאָפּ, מיט צוויי גרויסע, עטוואָס איבערגעשראָקענע אויגן. זעט אויס, דער פאָטאָגראף האָט אים באפוילן זיַין ערנסט און ניט לאכן... און אזוי האָט ער אים ארָאפּגעכאפּט, אָן דעם גלאנץ פון זיַין נעשאָמע, אָן דעם שעמעוודיקן שמייכל — א „נאָוואָבראנעץ", וואָס איז אָקאָרשט אריבערגעטראָטן צום ערשטן מאָל די שוועל פון דער קאזארמע און איז געבליבן ווי פארשטיינערט.

צו אָט דעם בילדל האָט זי זיך שוין צוגעוווינט, רוטע. אויך אזא איז ער איר מיט יעדן טאָג געוואָרן טיַיערער און ליבער. אפילע אזא, א געשוירענער, אָן אָנגעדראָלענער און עטוואָס א דערשראָקענער, זאָל ער צו איר קומען, און זי וועט אים מיט פרייד אופנעמען. זי וועט אף שטענדיק בליַיבן זיַינע. אזויפיל באָכערים פונעם יִישעוו פלעגן זי ניט לאָזן דורכגייען די גאס, פארטשעפּען זי מיט א וויץ, מיט א ווערטל, און זי האָט, לאָזט זיך אויס, וועגן קיינעם אזויפיל ניט געטראכט, ווי וועגן שימקען.

דער פראָסט האָט שוין פארקאָוועט די ערד. עס האָט זיך געלייגט א טיפער שניי. נאָר מיטאמאָל האָט א גאס געטאָן א רעגן — א מאבל, די ערד איז ווידער געוואָרן שווארץ. איבער דעם אָנגעכמורעטן קאנט האָט דורכגעטאראכקעט א פילפאכיקער דונער, א בליץ האָט צעשניטן די כמארעס.

א ווינט האָט זיך צעפיַיפט, גענומען טריַיבן די וואָלקנס צום האריזאָנט, און איבערן גאנצן ארום, איבער די בערג, איבער די יארוגעס, איבערן דניעסטער האָט זיך געראם און האָנערדיק פאנאנדערגעוואָרפן א וווּנדערלעכער רעגנבויגן. די מענטשן זיַינען ארויס אף גאָטס וועלטל, באטראכט עס מיט פארווונדערטע און שיַינענדיקע אויגן, ניט געקאָנט פארשטיין, פונוואנען האָט זיך גענומען א רעגנבויגן אין אזא שפעטער ציַיט.

אייניקע האָבן געזאָגט, אז דאָס איז א גוטער סימען, אז מע וועט שוין גאָר גיך דורכטריַיבן פונדאנען די סאָנים. אנדערע, פארקערט, האָבן געהאלטן, אז עס וועט זיַין א הונגער. און „אָטיעץ יערעמיי", וואָס האָט זיך די לעצטע ציַיט איינגאנצן באזעצט אין לוקאשיוקע (ער האָט

מוירע געהאַט זיך ארומשלעפּן איבער זײַנע געמיינדעס, ווײַל טעלעכע מאָל האָבן אים רומענער און פּאָליצײַען פאַרהאַלטן, גוט אָנגעהאַרגעט, מיינענדיק, אַז ער איז אַ ייִד, און אַנטלאָפענער פון דער געטאָ, „אַטיעץ יערעמיי“ האָט לאַנג געקוקט אַפן רעגנבויגן און געמאָלדן, אַז דאָס איז טאַקע אַ גוטער סימען, אַ סימען, אַז די מילכאָמע וועט זיך אײַנגיכן ענדיקן, די סאָוועטן וועלן זיך אומקערן...

יאָ, אַזוי האָט ער־געזאָגט, „אַטיעץ יערעמיי“, וואָס איז דאָ, אין לוקאַשיוקע, נעענטער ווי אַלע צו גאָט, נעענטער אַפילע פון דאַנילאָ סאָווטשוקן, וואָס קריכט אַמאָל אַרוף אַפן קלויסטער־טורעם און קלינגט אין גלאָק...

דער אוילעם איז געוואָרן אַ ביסל פריילעכער.

אָבער ניט אַף לאַנג. אַפן צווייטן טאָג האָט ווידער אָנגעטראָגן פון ערגעץ אַ מוירעדיקן ווינט, ער האָט געגומען שמײַסן איבער די כאַטעס און הײַזקעס, געבראַכט מיט זיך אַ קעלט, די קאַליוזשעס זײַנען פאַרגלעזט געוואָרן, און ווידער האָט אַף דער ערד זיך געלייגט אַ שניי.

אינדערפרי האָבן זיך דאָ באַוויזן טעלעכע גרויסע לאַסטמאַשינעס, פון וועלכע עס זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען רומענישע סאָלדאַטן אין שוואַרצע שינעלן, אין הויכע שעפּסענע יאַלעמעס, מיט ביקסן אין די הענט.

זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם גאַנצן ייִשעוו און דאָס דאָרף. די סאָלדאַטן האָבן איבערגע־וואָרפן אין די הײַזער דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקײַט, פאַרכאַפּט מיט זיך די קאָלדרעס, די וואַרעמע קליידער, וואָליקעס און שטיוול. מע האָט זיך ניט געמיִעסט אַפילע נעמען אַלטע שקראַבעס און געלע, פאַרפלעקטע פּערענעס.

פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן געשרייען און אַ געוויין. וואָס הייסט, מע נעמט צו דאָס לעצטע? עס איז שוין ווינטער, און מע וועט פאַרפרוירן ווערן!..

נאָר די סאָלדאַטן און אָפיצערן זײַנען געווען טויב און שטום, געמיימעסט מיט די פּריי־קלאַדן יעדן, וואָס האָט זיך געפרוווט קעגנשטעלן. די סאָלדאַטן דאַרפן האָבן וואַרעמע קאָלדרעס, פּערענעס, וואָליקעס, פעלצן. זיי זײַנען ניט מעכויעוו, די זיגער, פרירן אַף דער רוסישער ערד. מייער שפּיגל האָט נאָכגעטאַנצט אַף די קוליעס נאָך אַ סאָלדאַט און געבעטן, ער זאָל אים איבערלאָזן דעם טולעפּ, וואָס איז שוין עלטער פון זײַן באָבען און שטיקער פוטער פאַלן פון אים.

— דאָמנולע, אַדויני שנאָרער, אין דעם בעגעד וועסטו דען קענען האַלטן מילכאָמע? — האָט אים נאָכגעשריגן דער אַלטער. — האָב גאָט אין האַרצן, איך וועל דאָך פאַרפרוירן ווערן!

נאָר דער סאָלדאַט האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, דער אַלטער קאַליקע זאָל זיך אָפּטשעפּען.

— דאָמנולע, — איז ניט אָפּגעשטאַנען דער אַלטער, — אויב דו שלעפּסט שוין יאָ צו מײַן פעלץ, האָב איך צו דיר אַ ביטע...

— וואָס פאַר אַ ביטע? — האָט זיך אָנגעשטעלט אַפן אײַנגעאַקשנטן אַלטן דער סאָלדאַט אין דעם הויכן שעפּסענעם יאַלעם.

— אַז דו וועסט קומען צו זיך, קיין בוקאַרעשט, זאָלסטו מײַן טולעפּ איבערגעבן דעם דאָמנולע אַנטאָנעסקו. וועסט אים זאָגן, אַז ס'איז אַ געשאַנק פון מייער שפּיגל... מער זאָל ער גאָרנישט ניט פאַרמאָגן... גיב אים איבער, אַז איך שיק עס אים אָנשטאָט טאַכריכים...

דער סאָלדאַט האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער אַלטער וויל פון אים, און אופגעהויבן די ביקס, ער זאָל זיך אָפּטראָגן מיט גוטן, אַנדערש וועט ער שיסן.

מייער שפּיגל האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן צו זיך אין הויף, ווי ער האָט פּלוצעם דער־הערט אַ שטאַרק געשריי. אַ סאָלדאַט האָט זיך געיאָגט נאָך שאַמען. דעריאָגט דעם מעשוגענעם, האָט דער רומענער אומגעוואָלגערט אים אַף דער ערד, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די קאַסקע און די אַלטע שטיוול. שאַמע האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט הענט און פיס פונעם סאָלדאַט, נאָר גאָרניט געקענט מאַכן.

געדאַליע סאַנטאָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַפן פּלויט און געקוקט, ווי די נײַע באַ־לעבאַטים שלעפּן דאָס לעצטע ביסל אָרעמקײַט, וואָס איז אַלפּי־נעס פאַרבליבן באַ די מענטשן.

— אַ וויסטע מאַפּאָלע אַף זייערע קעפּ! — האָט געדאַליע געזאָגט צום רעדל ייִשוווניקעס, וואָס האָבן זיך אַרום אים פאַרזאַמלט. — איינע פון די אַנדערע זײַנען ניט בעסער! די דײַטשן נעמען צו דאָס לעבן מיט דער נעשאָמע, און די דאָזיקע — דאָס אָנטאָן, מיר זאָלן פאַרפרוירן ווערן. אַ דונער אַף זיי!

די מאַשינעס זײַנען אַוועקגעפאָרן, און די ייִשוווניקעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. פּלוצעם האָט פון קוזמאַ מאַטיאַשס כאַטע זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן אַרום דער האַרצרײַסנדי־קער געשריי פון דער געווינערן.

די געשרייען האָבן געדויערט ניט לאַנג.

עפּעס אַ יאַטל איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון זײַטיקן געסל און אויסגעשריגן:

— מאַזלטאָוו, לעסיע האָט שוין געבוירן...

— אַ ייִנגל צי אַ מיידל?

— ווער ווייסט?.. און וואָס איז די נאַפּקעמינע?

— נאַרוק! — האָט זיך אָנגערופֿן מענאַשע באָנדער. — אויב אַ מיידל, איז אַ סימען, אַז די מילכאָמע וועט זיך גיך ענדיקן... אויב אַ ייִנגל — הייסט עס, אַ סאָלדאַט. קאָן זיך די מילכאָמע נאָך ציִען...

— יאָ, צוגעקומען אַ נײַער מענטש, — האָט מיט אַ זיפֿץ אַרויסגעבראַכט סימכע קושניר, — געפֿונען אַ צײַט ווען געבוירן ווערן...

— וואָס פּלאַפּלט איר? — האָט זיך אַרײַנגעמישט רייזל די פּאָטשט. — אַז קינדער ווערן געבוירן, איז אַ גוטער סימען! דאָס איז גוט, וואָס געדאַליע סאַנטאָס איז איצט געוואָרן אַ זיידע! — און איר פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט פֿון פֿרייד.

דער וועג פֿון געהענעם

ניט ווײַניק וואַסער איז אָפּגעלאָפֿן אין דניעסטער, ביז פּינכעס סאַנטאָס איז אַ ביסל געקומען צו־זיך. די ערשטע כאַדאָשים האָט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט הינטערן שטעכדראָט, אַף אַזויפֿיל אים דערשיטערט, אַז ער האָט קוים געקאָנט באַנעמען, אַרומטראַכטן זײַן לאַגע.

ער האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, וויִאַזוי האַלט ער ביכלאַל אויס דעם הונגער, די דערנידעריקונגען. און ניט בלויז ער — הונדערטער, טויזנטער אַזעלכע, ווי ער. ווען מע זאָגט אים אַמאָל, אַז אַ מענטש איז בעקויעך אַזוינס איבערטראָגן, וואָלט ער יענעם אָנגעקוקט, ווי אַ מעשוגענעם.

ניט איין מאָל האָט ער אַף זיך געבעטן דעם טויט. ווי אַף צולאָכעס האָט זיך דער מאַלעכהאַמאָוועס פֿון אים אָפּגעקערט, ווי ער זאָל אים ניט באַמערקן גראָד דאָרט, וווּ אַזויפֿיל קומען אום, הויכן אויס די נעשאָמע.

ווען ער, פּינכעס, זאָל זײַן אַ יונגער, אַ קרעפֿטיקער, וואָלט ער זיך עפּשער אַרויסגעריסן פֿונדאַנען, געפֿונען אַ ביקס און וואָלט אַוועק אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. אָבער ניט די יאָרן, ניט די קויכעס דערלויבן עס שוין ניט. און עפּשער, ווען ער רײַסט זיך אַרויס פֿון יענער זײַט געטאָ, וואָלט ער זיך ניט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן? אַז אַף יעדן שריט און טריט הענגען גרויזאַמע באַפֿעלן, וואָס וואַרפֿן אָן אַ פּאַכעד. די הענקער צעשיסן אַפֿן אָרט יעדן, וואָס לאָזט צו זיך אַרײַן אַ ייִדן, אַ פּאַרטיזאַנער זיך אָנוואַרעמען, זיך אָפּרוען, איבערשלאָפֿן אַ נאַכט. און ווער עס וועט העלפֿן כאָפּן אַזאַ איינעם, באַקומט צוויי קילאָ זאַלץ. עס געפֿינען זיך מענוואָלים, וואָס ראַדעווען זיך אַפּילע אַף אַזאַ פּאַרדינסטל... און די פּאָליצײַען — יענע סטאַרען זיך באַזונדערס, פֿון זייערע הענט איז שווער זיך אַרויסרײַסן...

וויפֿל מענטשן האָבן שוין געפּרוווט אַוועק אין די וועלדער, נאָר ווײַניק־ווער עס האָט זיך דערקליבן אַפּילע ביזן ערשטן דאָרף. זייערע טויטע קערפּערס האָט מען געוואָרפֿן פֿאַר די טויערן פֿון געטאָ און אַלעמען געטריבן קוקן: אַזוי וועט מען טאָן מיט יעדן, ווער עס וועט אַנטלויפֿן...

אין די פֿראָסטיקע פֿאַרטאָגן האָט מען געטריבן אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, הונגעריקע מענטשן אַף אַרבעט — פֿאַריכטן די וועגן, צענעמען די רויִנען, און פֿאַרנאַכט געפֿירט זיי צוריק — הינטערן שטעכדראָט.

צוזאַמען מיט אַלעמען האָט מען אויך פּינכעסן געטריבן אַף אַרבעט, כאָטש די הענט זײַנען בײַ אים נאָך געווען צעמאַזיקט. ער האָט זיי איבערגעבונדן מיט שמאַטעס און צוזאַמען מיט אַלעמען געשלעפּט שווערע שטיינער.

ווײַט אין מאָסקווע זײַנען געבליבן זײַן פֿרוי און די קינדער, וועלכע האָבן אים שוין געוויס פֿון לאַנג באַוויינט. סאַכאַקל עטלעכע צענדליק ווערסט פֿון דעם לעבעדיקן געהענעם דאַרף זיך געפֿינען דער ברודער זײַנער, געדאַליע, מיט דער מישפּאָכע. נאָר ווער ווייסט, צי לעבן זיי? עפּשער האָט מען אין רוזשיצע אַלעמען אומגעבראַכט, און עפּשער האָט מען דעם ייִשעוו אַרומגערינגלט, אַזוי ווי דאָ, מיט שטעכדראָט? פּינכעסן האָט געצויגן קיין רוזשיצע, ווי מיט אַ מאַגניט. ער האָט זיך געמוזט דערוויסן, וואָס איז מיט די סאַנטאָסעס.

פריִער האָט פּינכעס ניט געפילט אַזוי דעם טאַם פון אָט דער לאַנג פאַרלאָזטער היים זייַ־נער. דער רוען האָט אים געטראָגן, ער זאָל אין יענעם פרימאָרגן, ווען עס האָט זיך דערנעענטערט דער סוינע, אַוועק פון זייַנע אייגענע און בלייַבן שטעקן אַף דער סטאַנציע. בעסער וואָלט געווען, טויזנט מאָל בעסער, ער זאָל מיט זיי, מיט אַלעמען, טיילן דעם גורל.

און פּינכעס האָט באַשטימט, אַז ווי נאָר עס וועלן לינדער ווערן די קעלטן, וועט ער זיך אַרויסרייַסן פון דער געטאָ און זיך אויך לאָזן קיין רוזשיצע. אַלציינס ווו אומצוקומען: דאָ, הינ־טער דעם שטעכדראָט, צי אין וועג, אָדער אין יִישעוו.

א באַקאַנטער שמיד אין געטאָ האָט אים געגעבן א מעסער. די שוסטער האָבן פאַריכט זייַנע איבערגעקערטע שקראַבעס. ער האָט געקראָגן א פאַרלאַטעט, נאָר א גאַנץ וואַרעם רעקל. אָבער קיינעם האָט ער ניט אויסגעזאָגט, וואָס ער קלייַבט זיך טאָן. קיינער האָט פון זייַן פאַרטראַכט ניט געוווּסט און ניט געטאָרט וויסן.

סאָף ווינטער.

די זון האָט גענומען אַלץ שטאַרקער וואַרעמען, און אַראָפּ־באַרג, צום דניעסטער, זייַנען אַוועקגעלאָפן די ערשטע ריטשקעס, אָבער צו נאַכט־צו האָט דאָס פרעסטל ווידער זיך געיאַוועט.

אין איינעם אַזא אָוונט, ווען די קאָנוואָירן האָבן גענומען צונויפטרייַבן די געטאָ־אַרבעטער צום קרייצוועג לעבן די רויִנען, ווו זיי האָבן א גאַנצן טאָג זיך געפּאָרעט, האָט פּינכעס סאַנטאָס זיך פאַרקליבן אין א כורווע און זיך פאַרטייַעט. ער איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע צו א נאַסער וואַנט און געוואַרט, די קאָלאָנע זאָל אַוועק צוריק אין געטאָ.

די קאָנוואָירן האָבן שוין ניט געציילט די מענטשן אַזוי פּינקטלעך, ווי פריִער, אַפילו אַזוי ווי אינדערפרי, — מע איז געווען הונגעריק, דערפרוירן און געייַלט אין דער וואַרעם, כוץ דעם, האָבן זיי געוווּסט, די קאָנוואָירן, אַז אַנטלויפן איז, אייגנטלעך, ניטאָ וווּהין.

ווען אַף די גאַסן איז געוואָרן פּוסט, האָט פּינכעס סאַנטאָס זיך פאָרזיכטיק אַוועקגעלאָזט מיט די יאַשפּאָלער הינטערגעסלעך און גערטענער צום וועג, וואָס האָט געפירט קיין רוזשיצע.

דער וועג איז געווען א ווייַטער און א שווערער, נאָר דאָס האָט דעם אַלטן ניט געקימערט. זאָל דאָס אים אַפילו קאָסטן דאָס לעבן, נאָר ער וועט זיך פּרוּוון. דעריקער, ניט אַרייַנפאַלן צו די ראָצכים אין די הענט. און אויב ער וועט זיך מיט זיי באַגעגענען, וועט ער זיך אַזוי פּראָסט ניט אונטערגעבן — אין בוזעם האָט ער באַהאַלטן דאָס מעסער.

אונטער די פיס האָט געכרושטשעט דאָס אייַז. א פריש ווינטל האָט געבלאָזן אין פּאָנעם, דער פראָסט האָט צוביסלעך געשטשיפּעט די אויערן, און פּינכעס סאַנטאָס האָט געשפּאַנט שנעל, סטאַרענדיק זיך וואָס ווייַטער אַוועק פון דעם געהענעם, וווּהין דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן. עס האָט זיך קוים געגלייבט, אַז קיינער היט ניט זייַנע טריט, קיינער קאָנוואָירט אים ניט, ער פילט ניט אַפן קאַרק דאָס טויטע אייגל פונעם אויטאָמאַט צי פון דער ביקס.

אַרום איז געווען פּוסט, טויט, שטיל. די שטאָט, וואָס איז געבליבן ווייַט פון הינטן, האָט אויסגעזען ווי א בעסוילעם. די הוילע קוימענס אַף די רויִנען, קוים־קוים באַשייַנט פון דער לע־וואָנע, זייַנען טאַקע אויסגעקומען ווי מאַצייוועס.

פּינכעס האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט האָט ער שוין קיין ברירע ניט — ער דאַרף גיין און גיין. אומקערן זיך — הייסט אַלציינס צעשאָסן ווערן באַ די טויערן פון געטאָ.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע קילאָמעטער, האָט ער זיך צוגעזעצט אַף א שטיין, אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס פאַרדאַרטע שטיקל ברויט, וואָס ער האָט נעכטן אָפּגעשפּאָרט אַף דער אַרבעט, דעם געפרוירענעם בורעק און עטוואָס געשטילט דעם הונגער.

די גאַנצע נאַכט, אַרויסשלאָגנדיק זיך פון די לעצטע קויכעס, האָט ער דערנאָך געשפּאַנט איבער דעם פעלד, וואָס איז געווען באַדעקט מיט א דינעם שיכט שניי און פאַרגלעזטע קאַ־לויזשעס.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שאַריִען אַף טאָג, האָט ער דערזען א דערפל, וואָס איז געלעגן אין רויִנען און ווו עס איז קיין סימען פון לעבן ניט געווען. ער האָט פאַרקערעוועט אַהין, פאַרקליבן זיך אין א האַלב־צעוואָלגערטער שטוב און, ניט פילנדיק די פיס, אויסגעצויגן זיך אַף א קופּ־קעלע שטרוי אַפן דיל. ער איז געווען הונגעריק, נאָר ניט געהאַט קיין קויעך א נישטער טאָן, עפּשער וועלן זיך ווו אָפּזוכן א פּאָר מערן, א פאַרטריקנטע פּשעניטשקע. דער פּאַכעד איז שוין לאַנג פון אים אָפּגעטראָטן, און ווען מע שיסט אַפילו אַהער פון האַרמאַטן, וואָלט פּינכעס זיך אויך ניט געקאָנט רירן פון אָרט. ער איז מיסטאָמע געשלאָפן לאַנג, און ווען ער האָט זיך אויפ־געכאַפּט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. אין דערפל האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען, דאָס הייזעריקע בילן פון הינט, און פּינכעס האָט א טראַכט געטאָן, אַז עטלעכע לעבעדיקע זייַנען

דאָ פאָרט פאַרבלײַבן און מע דאַרף גיין צו זיי בעטן הילף, כאָטש זיי זײַנען, זעט אויס, אַליין גוט אָף צאָרעס.

אויסגעגלײַכט די קריזשעס, איז ער צוגעגאַנגען צום אויוון, לעם וועלכן ס'איז געשטאַנען א פעסל וואסער. אָנגעשעפּט א קריגל, האָט ער זיך ארומגעוואשן. פּלוצעם האָט ער אין א ווינקל, בא דער לעזשאנקע, דערזען א פארשימלט לעבל ברויט, אין א שאַפקעלע האָט ער גע־פונען א פּאָר ציבעלעס, א זשמענקע זאַלץ און זיך גאָר דערפרייט.

אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שימל פונעם ברויטל, האָט ער זשעדנע געגומען עסן און פאַר־טרינקען מיט דער גרינבלעכער וואסער. סײַ דאָס פארשימלטע ברויט, סײַ די טערפּקע וואסער זײַנען איצט געווען אזוי געשמאַק, ווי קיין זאַך אין דער וועלט.

עס זײַנען אים צוגעקומען פרישע קויכעס. איצט האָט מען געדאַרפט בלויז אָפּזוכן א פּאָר שמאַטעס, קעדיי ארומבינדן די שיך, וואָס זײַנען שוין ווידער צעריסן געווען. ווי נאָר עס וועט צופאַלן די נאַכט, וועט ער זיך לאָזן ווײַטער אין וועג.

דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג — אָן אייביקײַט.

פּינכעס האָט זיך צוגעשפּאַרט, געפּרוּווט אײַנשלאָפן, נאָר שווערע מאכשאָוועס האָבן אים געמאַטערט. אַלעמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מע גייט אַהער, אַז די כורווע רינגלען ארום פּאָליצײַען, באלד וועלן זיי זיך אַהער ארײַנרײַסן און זיך צערעכענען מיט אים. עמעס, די לעצטע כאָדאָשים האָט דאָס לעבן שוין בא אים קיין גרויסן ווערט ניט געהאַט. איצט אָבער, ווען ער איז געווען קימאַט פרײַ, האָט ער ווידער געטראַכט וועגן לעבן. געשיקט זיך, אַז אזוי אומגעלומ־פּערט וועט ער פאַרלאָזן די וועלט, און קיינער פון זײַנע אייגענע, פרײַנט, קאָלעגן וועלן אפילע ניט וויסן, ווו האָט ער באַגעגנט זײַן לעצטע מינוט?

ווי נאָר ס'איז אין דרויסן ווידער טונקל געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט גיין ווײַטער.

א שטיקל לעוואָנע האָט זיך ארויסגעדראַפּעט פון צווישן די צעריסענע וואָלקנס און בא־שײַנט דאָס פאַרשנייטע פעלד, וואָס איז געלעגן וויסט און פאַרוואָרלאָזט. דאָ און דאָרט האָט פּינכעס אָנגעטראָפן אָף צעוואָלגערטע אָדער פאַרברענטע כאַטעס, קלוניעס, שפּײַכלערס — רעשטן פון אומגעבראַכטע דערפלעך. דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָבן געווילדעוועט די סאָלדאַטן פון האַנס שפּילקעס זאָנדערקאָמאַנדע. דאָס איז זייער אַרבעט...

פּינכעס האָט שנעל געשפּאַנט, אום יעדן פּרײַז מוז ער ביז טאָג דערגרייכן רוזשיצע. שוין די צווייטע נאַכט איז ער אין וועג, און לאַנג וועט ער אזוי ניט אויסהאַלטן.

נאָר ווי ער האָט ניט געײַלט, האָט ער דאָך אויך דאָס מאָל ביז טאָג ניט דערקלײַבן זיך קיין רוזשיצע. אָף די וועגן האָבן זיך באַוויזן אויטאָמאַשינעס, וועגענער, און ער האָט זיך געמוזט ווי־דער ערגעץ באַהאַלטן. צום גליק, האָט ער אינגיכן דערזען אין פעלד, גאַנץ ווײַטלעך פונעם שליאַך, א האַלב־צעוואָלגערטע סקירדע שטרוי.

ארומקוקנדיק זיך, צי קיינער שפּירט אים ניט נאָך, האָט פּינכעס גענומען רײַסן די איבער־געפרוירענע, פאַרשנייטע שטרוי, קעדיי מאַכן א נאָרע פאַר זיך. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס איז גאָרניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט. ענדלעך איז די נאָרע שוין געווען גענוג טיף, און ער האָט זיך פאַרקלײַבן אין איר.

א פאַרשוויצטער און א מידער, האָט פּינכעס סאַנטאָס זיך צונויפגענױערעט אין דער שטרוי, און כאָטש ס'האָט אים געשטיקט א שאַרפער רייעך און א שטויב, איז ער טייקעף אײַנגעשלאָפן.

אין שלאָף האָט ער דערהערט א הירזשען פון פערד, שטימען פון מענטשן. א פּאַכעד האָט אים ארומגעכאַפּט. אין דער זעלבער רעגע האָט ער זיך דערמאָנט אָן מעסער און עס ארויסגענומען פון קעשענע. אויב דאָס זײַנען דײַטשן, רומענער צי פּאָליצײַען, וועט ער ניט לאָזן, מע זאָל אים נעמען א לעבעדיקן. ער וועט אומקומען מיט ווירדע, עמעצן פון זיי וועט ער מיטנעמען מיט זיך. ער האָט פאַרזיכטיק צעשאַרט א ביסל די סקירדע. ניט ווײַט פון איר האָט ער דערזען א שליטן און צוויי אויסגעדאַרטע פערדלעך, וועלכע האָבן גאַנץ פרידלעך געשטשיפּעט שטרוי. עטוואָס ווײַטער איז געשטאַנען אָן עלטערער פויער אין א הויכן יאָלעם. דעם פויערס לאַנגע וואָנצעס זײַנען געווען פאַרשנייט. ער האָט גערעדט צו א צווייטן פויער, וואָס איז געווען אײַנ־געקוטעט אין א קאָלדרע, אזוי אַז מע האָט דאָס פּאָנעם ניט ארויסגעזען. ביידע האָבן באַטראַכט די שפּורן אָפּן שניי און דערשראָקן זיך ארומגעקוקט.

פּינכעס האָט געפּרוּווט זיך אײַנהערן, וואָס זיי ריידן, נאָר דער ווינט האָט אוועקגעטראָגן זייערע ווערטער. ער האָט נאָר געזען, אַז די פויערים זײַנען ניט ווייניקער איבערראַשט און דער־שראָקן, ווי ער, פּינכעס. אויב אזוי, האָט ער גראַד ניט וואָס צו שרעקן זיך, זיי זײַנען מיסטאָמע געקומען פון א נאָענטן דאָרף אַהער נאָך שטרוי.

דער פֿויער מיט די פֿאַרשנייטע לאַנגע וואָנצעס איז אָפּגעטראָטן א פּאָר שפּאַן צוריק און אויסגעשריגן:

— היי, ווער איז דאָרט? קריך אַרויס!

פּינכעס האָט געשוויגן א ווײַלע, נאָר באַלד א קלער געטאָן, אַז מע דאַרף אַרויסקריכן, די פּויערים זאָלן קיין טומל ניט אויפֿהייבן.

און אַזוי האָט ער געטאָן.

די פּויערים האָבן כמורנע, אָנגעשטרענגט געקוקט, ווי דער אומבאַקאַנטער טרייסלט אָפּ פֿון זיך די שטרוי, און מיטאַמאָל האָט יענער, וואָס מיט די וואָנצעס, זיך אָנגערופֿן:

— איר זײַט, טשאַסאָם, ניט געדאַליע סאַנטאָסעס ברודער, דער פּראָפֿעסאָר?

פּינכעסעס בלאַס פֿאַרוואַקסן פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן פֿון פֿאַרוווּנדערונג. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם מענטשן און זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, ווער איז ער, דער מענטש, וואָס קען אים. האָט ער זיך אָנגערופֿן, קוקנדיק יענעם גלײַך אין די אויגן:

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — גערדאַליעס ברודער, — נאָר פֿונוואַנען קענט איר מיך?..

— איר זײַט ערעוו דער מילכאָמע אַראָפּגעקומען צו אײַער ברודער פֿון מאָסקווע אין געסט?.. ווי זשע אַנדערש? איך האָב אײַך גלײַך דערקענט...

אויסקערעווענדיק זיך צום צווייטן פּויער, האָט ער אויסגערופֿן:

— קוזמאַ, דו דערקענסט נאָך אַלץ ניט אָט דעם מענטשן?

קוזמאַ מאַטיאַש איז צוגעגאַנגען נעענטער צו פּינכעסן און אים אויסגעשטרעקט די האַנט:

— יאָ, געדאַליעס ברודער!.. איר האָט פֿאַרגעסן, ווען מיר האָבן זיך געזען?

— ער לעבט, מײַן גערדאַליע? ווו איז ער, וואָס איז מיט אים, מיט אַלע זײַניקע? — האָט פּינכעס אומרויִק געפֿרעגט.

— גערדאַליע לעבט, אויב דאָס הייסט לעבן... — האָט זיך אָנגערופֿן דער, וואָס מיט די וואָנצעס, דאָס איז געווען דאַנילאָ סאַווטשוק. — ער לעבט און מוטשעט זיך, ווי מיר אַלע... און איר, פֿונוואַנען גייט איר און וווּהין?

פּינכעס האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— פֿונוואַנען איך גיי? פֿון געהענעם...

— נו, דאָ, בא אונדז, איז אויך קיין גאַניידן ניט, — האָט געזאָגט דאַנילאָ, — באַלד וועלן מיר אָנלאָדן דעם שליטן מיט שטרוי, וועלן מיר אײַך אָפּפֿירן צו אײַער גערדאַליען. ער דערמאָנט אײַך זייער אָפֿט. ער גלייבט שוין ניט, אַז איר לעבט... ווען ער דערזעט אײַך, וואָלט ער גליקלעך געווען!

דאַנילאָ סאַווטשוק האָט שווער געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— היי, קוזמאַ, זײַ אַזוי גוט, צעבינד דאָס טאָרבעלע, דאָרט דאַרף זײַן א שטיק ברויט מיט ווורשט... דער מענטש קער זײַן הונגעריק...

פּינכעס האָט מיט ציטערנדיקע הענט גענומען דאָס שטיק פּלעצל פֿון קלײַען, וואָס יענער האָט אים דערלאַנגט, און אָנגעהויבן פֿאַרזיכטיק אָפּברעכן שטיקער און לייגן אין מויל אַרײַן, אונטערכאַפּנדיק מיט דער האַנט די ברעקלעך, זיי זאָלן, כאָלילע, ניט פֿאַלן אין שניי.

ער האָט זשעדנע געגעסן, קוקנדיק מיט דאַנקבאַרקײַט אויף די גוטמוטיקע פּויערים, וואָס האָבן פֿלײַסיק געוואָרפֿן אין שליטן די שטרוי. פּינכעס האָט געוואָלט דערקענען כאָטש עמעצן פֿון זיי, נאָר ער האָט זיי אַזוי ווי ניט געקענט.

קוזמאַ מאַטיאַש האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט:

— שווער איצט עמעצן צו דערקענען?.. אַזויפֿיל אומגליקן זײַנען מיר אויסגעשטאַנען, מע איז געוואָרן ענלעך אויף די רוכעס... איר געדענקט ניט, וויפֿל ווײַן מיר האָבן מיט גערדאַליען אויסגעטרונקען? לוקאַשיווקער זײַנען מיר, וואָס איז דאָ צו רעדן, און איך מיט גערדאַליען זײַנען, הייסט עס, איצט אַפֿילע נאָענטע קרויווים...

— וואָס מיינט איר? — האָט פּינכעס ניט פֿאַרשטאַנען.

— איך וועל אײַך באַלד דערקלערן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאַנילאָ סאַווטשוק. — גערדאַליעס זון, שמוליק, און קוזמאַס טאָכטער, לעסיע, זײַנען מאַן און ווײַב. און דאָס מיידעלע, וואָס זי האָט געבוירן, לעסיע, איז שוין אויך אײַערע א קרויווע...

— אַהאַ, איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי, — פּינכעס האָט זיך שוין דערפֿילט גאָר היימיש, — און ווו איז שמוליק?

— דאָרטן, ווו אַלע. אויפֿן פֿראָנט... — האָט מיט א שאָטנדל פֿון שטאָלץ דערקלערט קוזמאַ. — ערשט ניט לאַנג האָט מען גערעדט וועגן אים אין ראַדיִאָ, פֿון מאָסקווע...

פּינכעס האָט געקוקט אויף די פּויערים, און גערדאַכט האָט זיך אים, אַז דאָס איז א כאָלעם. ער האָט געוואָלט העלפֿן זיי אָנלאָדן דעם שליטן, נאָר זיי האָבן ניט געלאָזט — זאָל ער אָפּרוען.

אין א שאָ ארום איז מען אריַינגעפאָרן אין יישעוו, און פינכעס איז אריבערגעטראָטן די שוועל, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט אין יענעם ערשטן אינדערפרי, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שרעקלעכסטער אומגליק אַף דער וועלט.

דער אומדערוואַרטער גאַסט

סימכע קושניר האָט שוין, דאַכט זיך, פאַרגעסן, ווי מע האַלט א פען אין האַנט. פון די כעזשבוינעס איז ער אויך, דאַנקען גאָט, לאַנג געווען פריַי. וואָס פאַרא כעזשבוינעס קאָנען דאָ זיַין, אַז דיווירטשאַפט איז וויסט, פאַרלאָזט, און די וויַינגערטנער זיַינען פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז.

די עטלעכע פערדלעך, וואָס זיַינען איבערגעבליבן נאָך דעם, ווי די נייַע באַלעבאַטים האָבן דאָ צוגענומען, וואָס מע האָט געקאָנט, זיַינען געפאַלן פון הונגער. דעם אוילעם האָט מען גע־טריבן אַרבעטן, פאַריכטן די וועגן, און דאָ, אין יישעוו, איז אַלץ געווען פוסט, אָפּגעלאָזט.

וואָס מע האָט געקאָנט, האָט מען אַראָפּגענומען פון זיך און אין די נאָענטע דערפער אויס־געביטן עס אַף ברויט, קאַרטאָפל, מע זאָל יאַקאָס קענען דערהאַלטן די נעשאָמע. עכטע וויַינ־טרויבנציכטלער האָבן פאַרגעסן אין זייער מעלאָכע, מע האָט פאַריכט שיך, געלאָטעט אָנטאָן, גע־טאָן אַלץ, קעדיי פאַרדינען אַפּן שטיקל ברויט.

וויַיט אוועקגיין ערגעץ זוכן אַרבעט, פאַרדינסטן האָט מען ניט געטאָרט — מע איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. און אַז עס פלעגט זיך דערנעענטערן א קאַפּטע פאַשיסטן, האָבן די יישעוווניקעס מיט די וויַיבער און קינדער פאַרלאָזט זייערע הויפן, פאַרכאַפּט מיט זיך, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, און געלאָפן קיין לוקאַשיווקע, צו די שכיינים, זיך באַהאַלטן. יעדערער האָט שוין געהאַט דאָרט זיַין באַהעלטעניש.

סימכע קושניר געדענקט שוין ניט, ווען ער האָט געשריבן לידער. זיי זיַינען אים ניט גע־קראָכן אין קאָפּ. דערפאַר האָט ער אָבער זיך באַטראַכט, אַז ער איז געבליבן אין יישעוו דער איינציקער מענטש, וואָס דאַרף פאַרשריַיבן אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר. אויב ער וועט אַפילע ניט דערלעבן ביז יענער שאָ, ווען עס וועלן זיך אומקערן אונדזערע, ווען דער סוינע וועט באַקומען א וויסטע מאַפּאָלע, טאָ זאָל מען לייענען און וויסן וועגן אַלץ, וואָס די היגע מענטשן האָבן איבערגעלעבט, וועגן דער שווערער אויסקומעניש פונעם יישעוו, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי באַרימט.

נאָך א שווערן טאָג האָרעוואַניע אַף די וועגן האָט סימכע קושניר אָנגעצונדן דעם קאַנעץ, אַרויסגענומען פון א באַהעלטעניש זיַין העפט און זיך געזעצט פאַרשריַיבן, וואָס ער האָט געזען און געהערט. אַז ער האָט געשריבן, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער רעדט מיט דער גאַנצער וועלט. אין די דאָזיקע שפּעטע שאָען האָט ער פאַרגעסן וועגן מידקיַיט, וועגן הונגער, וועגן אַלע זיַינע צאָרעס. ער האָט געוואָלט, אַז די קומענדיקע דוירעס זאָלן וויסן כאָטש א צענטכיילעך, א הונדערטכיילעך פון דעם, וואָס מענטשן פון איין קליינינקן אָרט אַף דער ערד האָבן געהאַט אויסצושטיין.

„ווען מע וועט לייענען אָט די דאָזיקע שורעס, — האָט געשריבן סימכע קושניר, — וועט שוין דאָ, אין רוזשיצע, זעט אויס, קיינער ניט בליַיבן, עס וועלן ניט זיַין קיין לעבעדיקע איידעס פון די צאָרעס, רעדיפעס, באַליידיקונגען, וואָס אונדז איז דאָ אויסגעקומען אַריבערטראָגן. טאָ לייענט, מענטשן, און דערציילט אַיַיערע קינדער און אייניקלעך.

א שרעקלעכע, א פינצטערע, א וויסטע נאַכט האָט זיך איבער אונדז אַראָפּגעלאָזט, און קיי־נער ווייסט ניט, ווען דאָס קאָן זיך ענדיקן. אויב איר האָט אַמאָל געליינט די געשיכטע וועגן האָמענען, וועגן דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, זאָלט איר וויסן זיַין, אַז דאָס האָט זיך באַ אונדז איבערגעכאַזערט צענפאַך. אַדאַנק אונדזערע שכיינים פון לוקאַשיווקע, אַדאַנק די האַרציקע מענטשן, וואָס האָבן אַיַינגעשטעלט פאַר אונדז דאָס לעבן, קאָן נאָך סימכע קושניר, דער בוכ־האַלטער פונעם אַרטעל, זיצן אין געהאַקטע ווונדן און שריַיבן אָט די שורעס. די שכיינים האָבן זיך מיט אונדז געטיילט מיטן לעצטן ביסן, געהאָלפן, ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט און מיט וואָס זיי האָבן געקאָנט. נאָר זיי ליגן אויך באַגליַיך מיט אונדז ניַין איילן אין דער ערד און באַקן בייגל. מע באַרויבט זיי, מע סמאָקעט באַ זיי דעם מאַרך פון די ביינער.

מיר וואָלטן זיך גענומען צום געווער, נאָר ווו קריגט מען עס? מיר וואָלטן זיך געגאַנגען שלאָגן, נאָר וואָס וועסטו מאַכן, אַז די יונגע כעוורע זיַינען אוועק אין אַרמיי און דאָ זיַינען פאַר־בליבן עלטערע מענטשן, קליינע קינדער, זקיינים, וואָס האַלטן זיך קוים אַף די פיס פון הונגער און פון קרענק? זיך לאָזן אין דער וועלט אַריַין? נאָר מיר טאָרן ניט אַרויסגיין פון יענער זיַיט

ישעוו, ווײַל א ליאַדע גאַרניט קאָן אונדז דערהאַרגענען, יעדער פּאָליציַי קאָן אונדז אוועקפירן אין געסטאַפּאָ און באַקומען פאַר זײַן שטיקל אַרבעט עטלעכע מאַרק... באַ די אײגענע פּאָליציַי־אַנטן וואַסקע כאָליאַווקע און וואַניע סאָראָקע קאָן מען נאָך יאַקאָס זיך אויסקויפן, נאָר פרעמדע וועלן דיך אומברענגען.

א שרעקלעכע, א פינצטערע נאַכט האָט זיך אָף אונדז אַראָפּגעלאָזט, און מע ווייסט ניט, ווען די זון וועט פאַר אונדז אויפגיין, ווען וועלן אונדזערע פאַרטײדיקער צעשמעטערן דעם סוי־נע און זיך אומקערן אַהער.

אַלע כאַלעמען וועגן דעם. אַלע גלייבן, אַז אַזוי וועט זײַן, און דאָס דערהאַלט אונדז באַם לעבן".

אַזוי זיצט ער באַם קאַנעץ, סימכע קושניר, און שרײַבט, ביז די אויגן קלעפּן זיך באַ אים צונויף און ער דרעמלט אײַן אָף דער צעפּאַרענער קאַנאַפּע. און אַמאָל לעשט זיך אויס דער קאַנעץ נאָך פאַר דעם, ווי סימכע ענדיקט שרײַבן. דעמלט נעמט ער דעם העפט, די פּאַפּירלעך זײַנע, דעם טינטער, וואָס ער היט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און לאָזט זיך אוועק צום שאַכן — צו מענאַשע באַנדער. באַ מענאַשען לײַכט זיך נאָך, הייסט עס. מענאַשעס שטיבל איז ביכלאָל אָפן פאַר יעדן איינציקן. ער האָט פאַרגרייט א סאַך טרוקענע פּאַשינעס, דער באַנדער, און זיי ברענען באַ אים ניט ערגער פון דעם בעסטן קאַנעצל, ניט ערגער פון דעם בעסטן ליכטל...

קומט סימכע קושניר טאַקע אָפּטער אַהער, הערט אויס מענאַשען, און ווען יענער לייגט זיך שלאָפן, זעצט ער זיך ערשט ווידער שרײַבן זײַן טרויעריקן פּינקעס.

געוווען איז טיפע נאַכט. א רעגן האָט געגאָסן — א מאַבל. דער ווינט האָט געריסן שטיקער פון מענאַשעס דאַך, געטראַכקעט מיטן אָפּגעריסענעם בלעך, געוואָיעט אין קוימען, גלײַך ווי צען רוכעס וואָלטן זיך אהין פאַרקליבן. מענאַשע איז אומרויִק געשלאָפן נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויסגערעדט פאַר זײַן אָפּטן גאַסט, פאַר סימכען, דאָס ביטערע האַרץ: ער ווייסט ניט, וווּ עס איז זײַן איינציקער זון, שימקע. סימכע קושניר איז אַלץ געזעסן דאָ טאַקע, באַ מענאַשען, פאַרטאָן אינעם שרײַבן. פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי עמעצער האָט פאַרזיכטיק אָנגעקלאַפּט אין לאָדן.

מאָדנע. ווער קאָן דאָס קלאַפּן אַזוי שפּעט? עפּעס אָן אומבאַקאַנט קלאַפּן. ער ווייסט שוין, סימכע, וויאַזוי עס קלאַפּן אין טיר אָדער אין לאָדן די שכיינים, וואָס קומען אַהער. נאָר טיפע נאַכט וועט זיך קיינער ניט דערוועגן קומען אַהער. און כוץ דעם, ווייסט ער גאַנץ גוט, אַז אין ישעוו גייט מען ניט אַרום אַזוי שפּעט. ווי נאָר דער אוילעם קערט זיך אום פון דער שווערער אַרבעט, אַזוי ניורעט מען זיך אײַן אָף די געלעגערס און מע שלאָפט, ווי פּריטשמעליעטע.

סימכע קושניר האָט אוועקגעלייגט אין א זײַט דאָס הענטלפּען, זיך אײַנגעהערט, געמיינט, אַז דאָס טומלט גאָר עפּשער אַזוי אין דרויסן דער ווינט מיטן רעגן. נאָר ניין, איצט האָט ער שוין דײַטלעך געהערט, ווי מע קלאַפּט פאַרזיכטיק אין לאָדן. פאַרלאָשן די פּאַשינע, צוגעגאַנגען אָף די שפּיץ פינגער צו מענאַשען, האָט ער אים אויפגעטאַרעט:

— דו הערסט, מענאַשע? עמעצער קלאַפּט צו דיר...

מענאַשע האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעריבן מיט די פויסטן די אויגן, זיך אײַנגעקוקט אינעם כוישעך, ניט פאַרשטאַנען, וואָס וויל פון אים סימכע.

— שלימאַזל, וואָס כאַלעמט זיך דיר? — האָט ער זיך אָנגערופן צום בוכהאַלטער. — גע־נוג, וואָס דו שלאָפסט ניט גאַנצע נעכט, לאָזסטו אַנדערע ניט שלאָפן? דאָס האָט זיך דיר, זעט אויס, אויסגעוויזן. גיי שוין פּאָפּן, שלימאַזל.

— שטילער, גאַזלען, נעם די אויערן אין די הענט! — האָט סימכע געשעפּטשעט און אָף די שפּיץ פינגער געלאָזט זיך גיין נעענטער צום פענצטער.

— עפן, טאַטע, ס'איז איך, שימען! — האָט זיך דערטראָגן פונעם כוישעך א ציטערנדיקע שטים.

וואָס איז דאָס? טאַקע א כאָלעם? שימען? ווו קומט אַהער שימען? עפּשער שפּאַסט עמע־צער?.. מענאַשע באַנדער איז געוואָרן אויסער־זיך. ער וועט עפענען די טיר, און טאָמער טרײַבט עמעצער מיט אים קאַטאָוועס, וועט ער אים פּלעטן דעם קאָפּ און פּאָטער!

מענאַשע באַנדער האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם, נאָך א ווײַלע אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעהערט, ווי עס בושעווען דער ווינט מיטן רעגן פון יענער זײַט טיר. עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע רעגעס, און עס האָט זיך ווידער דערטראָגן דאָס זעלבע קאָל:

— טאַטע, עפן אויף, ס'איז איך, שימען... האָב קיין מוירע ניט...

מענאַשע האָט אָנגעריבן א שוועבעלע און מיט א שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ זיך געלאָזט עפע־נען די טיר.

ער האָט דערזען אַ קרעפּטיקן פאַרשוין מיט אַ באַוואַקסן פּנים. פון אונטער דער וואַטאָוועטער פּופײַקע האָט אַרויסגעקוקט אַן אווטאָמאַט. דער מענטש איז געווען נאַס, אויסגעווייקט אַף דורך און דורך פונעם רעגן, און די וואַסער האָט גערונען אַף דער שוועל. בלויז די אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון אונטערן שטאַרק אַנגערוקטן קאַרטוז און אַף וועלכע עס האָבן געגלאַנצט טרערן, האָבן דערמאַנט מענאַשען, אַז דאָס איז שימקע, זײַן איין־און־איינציקער זון, זײַן טרייסט אַף דער עלטער.

— זונו, שימקעלע? פונוואַנען קומסטו? — מענאַשע האָט אים פאַרקלאַמט אין זײַנע אָרעמס און דערפילט, אַז עס שטיקט אים אַ געוויין.

— מײַן גאָט, שימקעלע! — האָט מענאַשע באַנדער געזאָגט נאָך דעם, ווי ער איז אַ ביסל געקומען צו־זיך. — און איך האָב זיך שוין ניט געגלייבט, אַז איך וועל נאָך דערלעבן די מינוט, ווען כ׳וועל דיך זען מיט מײַנע אויגן. סאַראַ גליק, שימקעלע...

סימכע קושניר איז געשטאַנען באַ דער זײַט, ניט געוווסט, צי דאַרף ער זיך אויך וואַרפן קושן שימקען, צי עפּשער דאַרף ער אַוועקגיין.

— מענאַשע, לאָז אים צורו, וועסט דאָך אים דערשטיקן! — האָט ער זיך צום סאָף אָנגעג־רופן. — לאָז מיך אויך אַ קוש טאָן דײַן גאַסט!

מענאַשע האָט געהאָלפן דעם זון אַראָפּנעמען דאָס נאַסע אָנטאָן, די שטיוול, פאַרשפּריצטע מיט בלאָטע, באַזעצט אים אַף דער קושעטקע.

— האָסט זיך, זעט אויס, גוט אָנגעבידעוועט, מײַן זון?..

אַ וויטעקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אַף שימקעס מיד פּנים. ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל:

— אַלץ איז געווען, טאַטע... אַלץ...

— און וויאַזוי האָסטו זיך אַהער דערקליבן? פונוואַנען קומסטו? — האָט סימכע קושניר זיך אַרײַנגעמישט.

— לאַנג צו דערציילן. פון יענער זײַט דניעפּער, הינטער בערעזאַן, אין די בלאָטעס, האָבן די פאַשיסטן אַרומגערינגלט אונדזער אַרמיי, וואָס האָט פאַרטיידיקט קיִעוו. עטלעכע דיוויזיעס זײַנען דאָרטן אומגעקומען, אין די בלאָטעס. אַ טייל האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם קלעם. איך בין געווען פאַרוווּנדעט, און גוטע מענטשן זײַנען אומעטום פאַראַן. אַן אַלטיטשקע אין איינעם אַ דאָרף האָט מיך באַהאַלטן באַ זיך אין קלוניע און געראַטעוועט... דאָס איז נאָך געווען אין איין־און־פערציקסטן, אין האַרבסט. געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָב איך זיך געלאָזט גיין צו דער פראָנט־ליניע, זיך געוואָלט אַריבערקלײַבן צו אונדזערע, וואָס זײַנען געווען שוין אין דאָנבאַס, אָבער די דײַטשן האָבן מיך געכאַפּט, פאַרשפּאַרט אין אַ שטאַל צוזאַמען מיט אַ סאַך אַזעלכע, ווי איך, וועלכע זײַנען געגאַנגען פון אַרומרינגלונג. מע האָט פאַרטאָג אונדז געזאָלט פירן צום טויט, נאָר אַ מאַכנע פּאַרטיזאַנער האָט אונדז באַנאַכט באַפרײַט, און מיר זײַנען מיט זיי אַוועק אין די טשערניגאָווער וועלדער... איך וועל נאָך אײַך דערציילן...

— סימכע, מוטשע אים ניט! — האָט איבערגעשלאָגן מענאַשע באַנדער. — זעסט ניט, ווי ער איז פאַרמאַטערט. זאָל ער זיך אָפּרוען.

— נייך, טאַטע, ניטאָ קיין צײַט צו רוען. אין וואַלד וואַרט מען אַף מיר. איך וועל נאָך עפּשער ביז קאַיאַר אַוועקגיין.

— וואָס הייסט — גיין?..

— איך האָב זיך אָפּגעבעטן אַף צוויי טעג. אונדזער מאַכנע שטייט ווײַט פונדאַנען. אַ סאַך ווערסט... איך האָב געטרוימט אַ קוק טאָן אַף דער היים. אַף דיר. איצט דאַרף איך זיך קלײַבן צוריק...

שימקע האָט זיך פאַרטראַכט, און ווי ער זאָל וועלן אײַנרוימען דעם טאַטן אַ סאָד, צוגעגעבן, פאַרויטלענדיק זיך:

— און רוטע... רוטע סאַנטאָס לעבט? וואָס איז מיט איר?

— זי לעבט, — האָט מיט אַ שווערן זיפץ געענטפערט מענאַשע, — ווי מיר אַלע, לעבט זי דאָ, אַמאָל קומט זי צו מיר אַרײַן, רוטע... איך וועל עפּשער צולויפן זי רופן, — האָט מענאַשע פאַרגעלייגט.

שימקע האָט אים אָפּגעשטעלט שוין באַ דער טיר:

— פאַרגעס ניט, טאַטע, אַז מער טאָר קיינער ניט וויסן, אַז איך בין באַ דיר אין שטוב...

— איך פאַרשטיי. נאָר רוטען מיט געדאַליען וועל איך רופן. געדאַליען אויך, האַ? דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים איך וועל האָבן באַ געדאַליען, אויב ער וועט ניט וויסן, אַז דו ביסט דאָ געווען? מעגסט זיך אַף אים פאַרלאָזן, ווי אַף מיר...

— יאָ, נאָר פאַרגעס ניט, אַז איך האָב אין מײַן רעשוס זייער ווייניק צײַט...

— דאָס ווייס איך אויך!

מענאשע האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר און איז פארשוווּנדן אין דער נאכט.

סימכע קושניר האָט פארוואָרפן שימקען מיט פראגן:

— נו, שימקע, וואָס זאָגסטו, דאָס וועט זיך אמאָל ענדיקן? עס וועט קומען א סאָף צו אונ־דזערע צאָרעס? און וואָס הערט זיך נײַס, נײַס?

שימקע האָט ווי־עס־איז געענטפערט, נאָר געטראכט האָט ער זײַנס. דאָס, וואָס ער האָט געזען א לעבעדיקן דעם טאטן, וואָס ער איז בא זיך אין שטוב, אין ייִשעוו, וואָס ער וועט באלד זען רוטען, איז א גרויסער לוין פאר אלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און איבערגעטראָגן פאר די קנאפּע צוויי שרעקלעכע יאָר זינט דער מילכאָמע. רוטע? ווי וועט זײַן די באגעגעניש מיט איר? מיט וועלכע אויגן וועט זי איצט קוקן אף אים, וואָס וועט זי אים זאָגן?

סימכע קושניר האָט פונעם באָכער ניט אראָפּגענומען די אנציקטע אויגן. דערזען, אז דער גאסט ענטפערט שוין א וואָרט איבער צען, האָט ער אים אליין גענומען דערציילן, ווי מע האָט זיך דאָ געראטעוועט און ווי מע קומט דאָ אָפּ, ווי מע לעבט אין אייביקער שרעק און פּאכעד... ער האָט אים איבערדערציילט אף איין פוס קימאט אלץ, וואָס ער האָט די לעצטע צײַט פאר־שריבן אין זײַן העפט.

די טיר האָט זיך מיטאמאָל אן עפן געטאָן, און אף דער שוועל האָט זיך באוויזן רוטע, א נאסע פונעם רעגן. זי איז געבליבן שטיין ווי א געפּלעפטע.

זי האָט געקוקט אפן באָכער, ניט קענענדיק ארויסברענגען קיין וואָרט, קוים אײַנהאלטנדיק די טרערן. נאָר אָט האָט זי זיך א ריס געטאָן פונעם אָרט, ניט שעמענדיק זיך פארן טאטן, פאר מענאשען, פאר סימכע קושנירן, מיט צעשפּרייטע אָרעמס זיך געלאָזט צו שימקען. זי האָט אים ארומגענומען און צוגעפאלן צו זײַן פארוואָקסן פּאָנעם.

— טײַערער, — האָט זי געשעפּטשעט, — איך בין אזוי גליקלעך, וואָס איך זע דיך... איך האָב דיך פריִער ניט פארשטאנען... איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז דו ביסט אזא... אנט־שולדיק מיר, וואָס איך האָב זיך צו דיר אמאָל שלעכט באצויגן... איך בין געווען נאריש...

דער גאסט האָט זיך גערויטלט, פונקט ווי אמאָל, און ניט געוווּסט, וויאַזוי באַרויִקן דאָס מיידל, און ביכלאל, וואָס דארף ער איר איצט זאָגן.

רוטע האָט אים נאָך א סאַך גערדאַרפּט זאָגן, נאָר אָפּגעטראָטן אין דער זײַט.

אַלע האָבן דעם גאַסט געדריקט די האַנט, ארומגענומען, געקושט, געוויינט. אַלע האָבן אים וועגן עפּעס געפרעגט, איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אַנדערע, און ער האָט געענטפערט צעשטרייט, איבערגעפרעגט צו דרײַ מאָל, וואָס וויל מען זיך דערוויסן, און געטראַכט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש — וועגן רוטען. זי האָט אים איצט אויסגעוויזן פיל בעסער און שענער, ווי זי איז געווען, כאָטש לויט איר פּאָנעם איז געווען צו באַמערקן, וויפל זי האָט זיך דאָ אָנגעמוטשעט און אָנגעבידעוועט פאַר דער שרעקלעכער לאַנגער צײַט, וואָס ער האָט זיך מיט איר ניט געזען.

מע האָט אים אַלץ פאַרשאָטן מיט פראַגן. און ער האָט ווידער דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך צעשיידט דאָס לעצטע מאָל מיט שמוליקן און מיט די אַנדערע כעווריע פון ישעוו און פון לוקאַשיווקע, וויאַזוי ער האָט זיך שפּעטער ארויסגעריסן פון דער ארומרינגלונג, דאָרטן, פון יענער זײַט דניעפּער, וויאַזוי די דײַטשן האָבן אים געכאַפּט מיט א גרופּע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געגאַנגען צו דער פראָנט-ליניע, פאַרשלאָסן אין א שטאַל און אינדערפרי גערדאַרפט צעשיסן, נאָר עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן...

מע האָט פאַרגאַפּטע געהערט זײַן דערציילונג, אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז כאָטש דעם, וואָס ער איז טויט-מיד, פאַרמאַטערט, לעכצט ער זיך דורכרעדן מיט רוטען, נאָר מע האָט ניט געקאָנט אוועקגיין. מע האָט זיך בא אים געוואָלט דערוויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, פּונקט ווי ער וואָלט אהער געקומען ניט פון די וועלדער, פון די פּאַרטיזאַנער, נאָר פון יענער זײַט פראָנט-ליניע, און ווייסט אַלץ...

קיינער האָט ניט באַמערקט, וויאַזוי עס האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אויף טאָג.

די לעצטע פּאַשינע איז בא מענאַשע דעם אַנדער אויסגעלאָשן געוואָרן, און ער האָט געבעטן די שכיינים, זיי זאָלן טאַקע לאָזן דעם זון א ביסל אָפּרוען.

נאָר רוטע איז פאַרבליבן. זי וועט אין ערגעץ, האָט זי געמאַלדן, פון שימקען ניט אוועקגיין. און ווען מע איז געבליבן אינצווייען, — מענאַשע האָט זיך ערגעץ ארויסגעדרייט, — האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט איך ישעוו מער ניט בלײַבן. זי וועט גיין מיט אים, מיט שימקען. וווהין ער וועט גיין, אהין וועט זי גיין! זי קאָן זײַן א סאַניטאַרקע, זי קאָן אויך שיסן. זי וויל נעקאָמע נעמען אינעם סוינע, ווי אַלע פּאַרטיזאַנער. מע וועט זי ניט אָפּלאָזן פון שטוב? נישקאָשע, זי וועט אײַנרעדן דעם טאַטן און די מאַמע. דער פעטער פּינכעס וועט זי אונטערהאַלטן. זי האָט שוין לאַנג אים געזאָגט, אַז בא דער ערשטער געלעגנהײַט וועט זי זיך ארויסרײַסן פונדאַנען און גיין זוכן די פּאַרטיזאַנער. איצט איז געקומען די צײַט.

א גאַנצן טאָג זײַנען זיי געווען צוזאַמען. גערעדט און צו זאַט זיך ניט געקאָנט אָנריידן. דער אינדרויסן האָט זיך עטוואָס אויסגעלײַטערט, און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, זײַנען שימקע און רוטע מיט די הינטערהויפן אוועק צו לעסיען. אים האָט זיך געוואָלט זען מיט איר און טאַקע זען אויך איר קינד. רוטע איז אויך באַשטאַנען דערויף: פון לעסיען קאָן זי ניט אויסבאַהאַלטן, אַז שימקע איז דאָ געווען.

לעסיע האָט אים באַגעגנט מיט דערשראָקענע אויגן. זי האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז פאַר איר שטייט שימקע, מענאַשע באַנדערס זון. יאָ, געוויס, איצט וועט זי שוין, דאַכט זיך, אָנהייבן גלייבן אין ניסים! איצט גלייבט זי, אַז איר שמוליק וועט זיך אויך ארויסרײַסן פון אַלע פײַערן, פון אַלע געפאַרן!

מע האָט דערנאָך פאַרזיכטיק זיך ארײַנגעגאַנוועט צו די סאַנטאָסעס. זיך דערוווּסט, אַז די טאַכטער גייט אוועק מיט שימקען, האָט נעכאַמע אופגעהויבן א געוויין, געפאַלן אויף דער טאָכטערס האַלדז. נאָר געדאַליע האָט מיט פאַרוואָרף א קוק געטאָן אויף דעם ווײַב:

— אַנו, וויש אויס די טרערן, נעכאַמע! — האָט ער שטרענג געזאָגט. — דו ווייסט דען ניט, אַז דו וועסט רוטען ניט איבערריידן? בענטש די קינדער, זיי גייען נעמען פאַר אַלעמען נעקאָמע... ווען איך בין א ביסל יינגער, ניט אַזוי צעבראָכן, וואָלט איך דען ניט אוועק מיט זיי? זאָלן זיי גליקלעך גיין, און דאָס מאַזל זאָל זיך פון זיי ניט אָפּקערן!..

מענאַשע באַנדער איז געשטאַנען בא דער וואַנט, געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אַפן זון און אויף רוטען — זײַן באַשערטער. ער האָט די קינדער געוואָלט עפּעס אָנזאָגן אַפן וועג, נאָר עס האָט בא אים ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. קיין ווערטער האָבן אים אין דער רעגע ניט געסטײַעט.

עס זײַנען אין שטוב אויך געשטאַנען קוזמאַ מאַטיאַש, קסעניע, דאַנילאָ סאָוטשוק, סימכע קושניר, פּינכעס. עס האָט דאָ נאָר אויסגעפעלט רייזל די פּאַטשט. זי האָט זיך טאַקע ניט דערוווּסט וועגן שימקעס קומען.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. מע האָט זיך צוגעזעצט א ווײַלע פאַרן ווײַטן און אומבאַוווּסטן וועג. אין עטלעכע מינוט ארום האָבן שימקע מיט רוטען פאַרלאָזט די שטוב.

ערעוו פרילינג

כאַטש רייזל די פּאַטשט האָט, ווי באַוווּסט, פאַר איר כאַלאַס ליב האָבן לייענען פּרעמדע בריוו אַרײַנגעכאַפּט אַמאָל ניט ווייניק סקאַנדאַלן — דאָס איז געווען אין יענע צײַטן, ווען דער אוילעם האָט דאָ געלעבט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, — דאָך האָט זי שטילערהייט געטרוימט, אַז זי וועט נאָך אַפּסנײַ נעמען אַפּן אַקסל איר לעדערן זעקל און ווידער פאַנאַנדערטראָגן דעם אוילעם שיינע גרוסן פון דער גאַנצער וועלט.

אַז אַזוי וועט זײַן, האָט זי זיך ווידעראַמאָל איבערצײַגט ערשט ניט לאַנג, ווען זי איז געקומען אין אַ נאָענט דערפל אײַנהאַנדלען אין מאַרק אַ לעבל ברויט.

פריִער, אַז זי פלעגט זיך אַהין אַראָפּכאַפּן, אין יענעם דערפל, און די פּאָליצײַען פלעגן זי באַגעגענען, האָט זי אַרײַנגעכאַפּט אַ פּאָר גוטע קלעפּ, מע האָט בא איר צוגענומען די עטלעכע גראָשן, און זי האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן... און דאָס מאָל האָבן זיי באַגעגנט רייזל די פּאַטשט, ווי מע באַגעגנט אַן אייגענע שוועסטער נאָך דעם, ווי מע האָט זי לאַנג ניט געזען...

זיי האָבן זיך מיט איר גאַנץ העפלעך געגריסט, געפרעגט, ווי פילט זי זיך אין געזונט. זיך געכאַנפעט צו איר און געבעטן איבערגעבן אירע שכיינים, מע זאָל ניט האָבן אָף זיי קיין פאַריבל. עמעס, זיי האָבן זיך אָפטלעך איזדיעקעוועט איבערן אוילעם, צוגענומען דאָס לעצטע העמד, נאָר וואָס האָבן זיי, נעבעך, געקענט טאָן, אַז זיי זײַנען אָף דער דינסט, אָף דער סלוזשבע, און האָבן געמוזט זײַן שלעכט...

שוין לאַנג האָט זי ניט געהערט אַזעלכע דיבורים! און שוין טאַקע אויך גאַנץ לאַנג, אַז מע האָט דאָ ניט געהערט קיין גוטע נײַס. פון ווען אָן? פון זינט ס'איז אַראָפּגעקומען מענאַשע דעם באָנדערס זון און צוגענומען מיט זיך רוטען און דערנאָך אַ גאַנצע כעוורײַע יונגע באָכערים, אוועקגעפירט זיי אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. וואָלט כאַטש רוטע דאָ איבערגעלאָזט איר קעסטל, וואָלט מען אויך אָן איר געקאָנט הערן, וואָס אָף דער וועלט קומט פּאָר. האָט זי זיך אָבער, רוטע, אומגעקערט אהער אינגיכן מיט איר שימענען, און מע האָט אוועקגעטראָגן דאָס קעסטל, די ראַדיִאָ, אַהין, ווו זיי זײַנען ערגעץ. קאָן מען איצט זיך דערוויסן נײַס בלויז דאַן, ווען מע כאַפּט זיך זונטיק אַרויס אין מאַרק אַרײַן אויסבײַטן אַ שמאַטע אָף אַ לעבל ברויט און אַ ביסל קאַרטאָפל...

אַמאָל פליִען דאָ דורך סאָוועטישע עראָפּלאַנען און וואַרפן אַראָפּ פלוגבלעטלעך. אַז גאָט העלפט, מע געפינט אַ בלעטל, לייענט מען דאָס איבער געהיים און עס ווערט ליכטיקער אין די אויגן.

די פאַשיסטישע הענקער כאַפּן אַרײַן גוטע קלעפּ, און מע באַפרײַט איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. און עס איז אַ סוואָרע, אַז ניט ווײַט איז שוין דער טאָג, ווען אונדזערע וועלן זיך אומקערן און מע וועט דערזען פאַר זיך די לעבעדיקע שײַן.

מיט אָט דער נײַס האָט זי זיך אומגעקערט אין יישעוו, רייזל די פּאַטשט, און אונטערגעמונטערט דעם גאַנצן אוילעם.

צום אַלעם ערשטן איז זי געקומען צו פינכעס סאַנטאָסן און געזאָגט, אַז זי וועט אים אינגיכן ברענגען דעם ערשטן בריוו פון זײַן מישפּאָכע. אָבער איידער רייזל וועט אים ברענגען דאָס בריוול פון זײַן היים, דאַרף ער זי אויסהערן, באַטראַכטן אירע נערוון.

די גאַנצע צײַט, זינט פינכעס האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם געהענעם און באַהאַלט זיך אויס בא געדאַליען, איז זי קיין איין מאָל ניט געקומען צו אים מיט אַזאַ באַקאָשע, און איצט, ווען עס גייט ווידער צום לעבן, וויל זי זיך אַ ביסל אַרומקוקן אָף זיך, זײַן געזונט און קאָנען אַרבעטן — אַלע סאָנים אָף צולאָכעס!

דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט זי אָנגעקוקט מיט זײַנע קלוגע טרויעריקע אויגן און אונטערגעשמייכלט. יאָ, געוויס וועט ער זי אויסהערן, נאָר מיט וואָס וועט ער איר קאָנען העלפן, אַז זי איז פאַר דער לאַנגער צײַט אַזוי אויסגעטריקנט און אויסגעבלייכט געוואָרן — הויט און ביין. וויפל האָט זי זיך דאָ אָנגעמוטשעט, אָנגעהונגערט, געכאַלעשט נאָך אַ שטיקל ברויט!

— כאַווער פּראָפעסאָר... — האָט זי געזאָגט, אויסלייענענדיק אין זײַנע אויגן, וואָס ער טראַכט וועגן איר. — איך ווייס, אַז די בעסטע רעפוע איז אַ שטיקל פלייש, אַ פעטער קוליש, נאָר, ווי פלעגט אַמאָל זאָגן מײַן מאַמע: „אַבי ביינער, וועט שוין זײַן פלייש אויך“.

כאָטש די צעמאַזיקטע הענט האָבן בא פינכעסן נאָך גוט ווי געטאָן, האָט ער דאָך, קומענדיק אַהער, קיין רוזשיצע, פאַרשטאַנען, אַז ער איז דער איינציקער מענטש, וואָס קאָן העלפן קראַנקע. בישטיקע האָט ער טאַקע די גאַנצע צײַט געהיילט, כאָטשבי מיט אייצעס. קיין רעפּועס זײַנען דאָך ניט געווען, איז געבליבן — אַ גוט וואָרט, אַפילע אַ וויץ. נו, און געוויינלעך, געוויקסן,

וואָס די ווײַבער האָבן לויט פינכעסעס אָנווײַזונגען צונויפגענומען אין די יאָרן און זיי געטריקנט אַף דער זון.

דער אַלטער, גראָוער פּראָפעסאָר האָט אָפּט ניט געקאָנט באַגרײַפן, קוקנדיק אַף זײַנע כוילים: אין געוויינלעכע באַדינגונגען וואָלטן א סאַך פון זיי ניט אויסגעהאַלטן און געגאַנגען פון דער ליכטיקער וועלט, און דאָ, ווען קיינער ווייסט ניט, וואָס איז בעסער — אַזאַ לעבן אָדער דער טויט, — האָבן זיי איבערגעטראָגן אַלע קרענק, דעם הונגער, זיך אָנגעטשעפּעט, ווי מיט צוואַנגען, אינעם לעבן און זיך מיט דעם ניט געוואָלט צעשיידן!

ניט אַנדערש, אַז אָט די מענטשן האָט געהאָלפן זייער האַס צום סוינע און אויך דער טרוים זען זײַן מאַפּאַלע, דערלעבן די שאָ, ווען אונדזערע וועלן זיך אַהער אומקערן, און דאָס האָט אונטערגעהאַלטן די אומגליקלעכע, די קראַנקע באַם לעבן.

יאָ, דער אַלטער פּינכעס האָט פאַרביטן דאָ, אין יישעוו, און אין שכייניש דאָרף לוקאַשיווקע סײַ א דאָקטער, סײַ א פעלדשער, סײַ אַן אַקושערקע. ער האָט געטאָן אַלץ פאַר אָט די מענטשן, פון וועלכע ער האָט געזען אַזויפיל גוטסקײַט, עכטע טרײַשאַפט, מעסירעסנעפעש.

רייזל מיט איר בסורע האָט אים טיף דערפרייט, דערמונטערט, ער איז ווי יינגער געוואָרן אַף צען יאָר.

אָבער ניט בלויז דורך רייזלען האָט זיך דער היגער אוילעם דערוווּסט, אַז דער פראָנט דערנעענטערט זיך אַהער.

פונקט ווי אין אָנהייב פרילינג הייבן אָן דורכשלאָגן די אָנצאָליקע שטראָמען דעם שניי און דאָס אײַז, אַזוי האָבן זיך אַהער, אינעם פאַרוואָרפענעם פּאָדאָליער ווינקל, דורכגעריסן לעבעדיקע גרוסן פון דער גרויסער וועלט. און מיט אומגעדולד און מיט שטאַרקן אומרו האָט מען געוואַרט, אַרויסגעקוקט אַף א יעשועס.

די לעצטע צײַט האָט געבראַכט ניט ווייניק גוטע נײַס פון יאַשפּאָל דער באַלעבאָס אַליין פון אָט דעם ווינקל, טאַראַס מאָרגון.

מע האָט אַלץ אָפּטער אָנגעהויבן אַרויסרופן דעם סטאַראָסטע קיין יאַשפּאָל, און ער האָט דאָרט אַרײַנגעכאַפּט אין קאָלנער. פאַרוואָס שטעלט ער צו ווייניק ברויט, מילך, פליישׂ? — האָט אַף אים געשריִען יאַן פאָפּעסקו, דער נײַער קאָמענדאַנט, און האָט געדראָעט, אַז טאָמער וועט ער אויך ווײַטער זיך ניט סטאַרען, וועט מען אים אַרײַנזעצן אין טורמע, מע וועט אים צעשיסן, קיינער וועט זיך מיט אים ניט צאַצקען. וואָס זשע, ער פאַרשטייט ניט, מאָרגון, אין וואָס פאַר א לאַגע עס געפינען זיך די דײַטשישע און די רומענישע זעלנער? זיי גייען, נעבעך, אָפּ אַף די פראָנטן מיט בלוט און מע דאַרף זיי, די סאָלדאַטן, צושטעלן מער ברויט, פלייש, וווּרשט...

געוויס, מאָרגון האָט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז פאַר אים זײַנען בײַלכער געוועזן די דיווערסיע־מאַכנעס, וואָס האָבן אָפּעריִרט אין קאַנט און זײַנען אָפּטלעך אַראָפּגעקומען קיין לוקאַשיווקע נאָך פּראָדוקטן. מאָרגון האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן, אַז ער דאַרף אין דער ערשטער ריי זען העלפן מיט אַלע קויכעס זײַנע לאַנדסלײַט, זיי זאָלן ניט אומקומען פון הונגער...

דער נײַער קאָמענדאַנט האָט אויסגעפּילט זײַן צוזאָג, פאַרשפּאַרט מאָרגונען אַף דרײַ טעג אין קעלער. דערנאָך אַרויסגעלאָזט מיט א טנײַ, אַז ער זאָל אין מעשעך פון די נאָענטע טעג אַרויספירן קיין יאַשפּאָל א סאַך פליישׂ, ברויט, מילך.

דער אַלטער האָט קלוימערשט געהאַלטן וואָרט, אַרויסגעפירט עפּעס וואָס און שפּעטער געמאָלדן, אַז די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט צונויפגענומען פאַרן קאָמענדאַנט, האָט ער ניט געקענט דערפירן קיין יאַשפּאָל, ווײַל אין וועג זײַנען אַפּן אָבאַז אָנגעפאַלן פּאַרטיזאַנער און אַלץ צוגענומען...

יאַן פאָפּעסקו איז געוואָרן נאָך מער אופגעבראַכט:

— און ווו איז געווען אײַער פּאָליציי? פאַרוואָס דערלאָזט זי, די באַנדיטן זאָלן באַפאַלן און צערויבן די פּראָדוקטן, וואָס גייען פאַר אונדזער אַרמיי?

טאַראַס מאָרגון איז ווידער געשטאַנען פאַרן קאָמענדאַנט און געפינטלט מיט די אויגן, ער האָט אומבאַהאָלפן צעפירט מיט די הענט:

— וואָס בין איך שולדיק? די פּאָליצײַען וואַרפן זיך דעם סטאַראָסטע ניט אונטער...

נאָך א פּאָר מאָל האָט מאָרגון אָנשטאָט אָפּפירן פּראָדוקטן קיין יאַשפּאָל פאַרקערעוועט די אָנגעלאָדענע פורן אין ווײַטן וואַלד, ווו עס איז געשטאַנען א דיווערסיע־גרופּע, און דערנאָך ווידער געמאָלדן דעם קאָמענדאַנט, אַז די פּאַרטיזאַנער לאָזן ניט אופהייבן דעם קאָפּ, כאַפּן אַלץ פון אונטער די הענט, און אַזוי־ווי ער ווייסט ניט, ווהין עס זײַנען אַנטרונען געוואָרן די פּאָליצײַען —

ער האָט זיי לויט זײַן, דעם קאָמענדאַנטס, באַפֿעל אָפּגעשיקט קיין יאַשפּאָל — קאָן ער זיך אַליין ניט געבן קיין אייצע און וועט וואַרטן אױף ווײַטערדיקע אָנווײַזונגען.

אָבער איין זאַך האָט טאַראַס מאַרגון פֿאַרשטאַנען, אַז עס קומט אונטער די צײַט, ווען ער מוז ראַטעווען, אויסבאַהאַלטן ערגעץ דאָס ברויט, דאָס פֿי, די פֿערד — אַלץ, וואָס עס איז נאָך איבערגעבליבן אין דער ווירטשאַפֿט, און אַליין דאַרף ער זיך אויך באַהאַלטן פֿונעם צעבייזערטן קאָמענדאַנט, ווײַל יענער קאָן זיך אַהער אַראָפּכאַפּן מיט אַ מאַכנע און אַלץ צונעמען, און מיט אים, מיט טאַראַסן, צערעכענען זיך גאָר אױף אַן אַנדער מין אופֿן.

אַלעמאָל, ווען ער, מאַרגון, פֿלעגט זײַן אין אַ פֿאַרלעגנהײַט, פֿלעגט ער קומען צו קוזמאַ מאַטיאַשן זיך האַלטן אַן אייצע. ער האָט אים טיף געאַכטעט, דעם שטילן, באַשיידענעם קוזמאַ, צוגעהערט זיך צו זײַן וואָרט.

אויך דאָס מאָל איז ער אוועקגעגאַנגען צו מאַטיאַשן, מע זאָל באַטראַכטן, וואָס טאָן מיטן ביסל פֿאַרמעגן. בײַ די מאַטיאַשס אין שטוב איז פּונקט געווען גדאַליע סאַנטאָס — געקומען אָנ־טישען זיך אַ ביסל מיטן אייניקל.

דער סטאַראָסטע איז אַרײַנגעקומען אַ פֿאַרכוישעכטער, אַ צעטראָגענער, און קוזמאַ מיט גדאַליען האָבן אים דערשראָקן אָנגעקוקט.

— וואָס איז געשען?

טאַראַס האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש, אָנגעשפּאַרט דעם שווערן קאָפּ אױף דער דלאָניע און זיך אָנגערופֿן:

— זעט אויס, אונדזערע וועלן זיך שוין אינגיכן אומקערן אַהער.

— איז דאָך גוט! — האָט זיך צעשמײכלט קוזמאַ. — ווען מיר דערלעבן שוין דעם טאָג!.. וואָס זשע, טאַראַס, ביסטו אַזוי פֿאַרדײַגעט?

— אײַך איז גוט. איר האָט זיך אויסגעדרייט, קיינער איז פֿון אײַך קיין סטאַראָסטע ניט גע־וואָרן. אונדזערע וועלן קומען, וועט מען מיך געוויס אופֿהענגען אױפֿן ערשטן סלופּ...

— וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן, טאַראַס! — האָט אים באַרויִקט קוזמאַ. — ווען אין די אַרו־מיקע דערפֿער וואָלטן זײַן אַזוינע סטאַראָסטעס, ווי דו, וואָלט געווען גרינגער אַ סך איבער־טראָגן די צאָרעס...

— געוויס, — האָט אונטערגעכאַפּט גדאַליע, — ווען ניט דו, ווער ווייסט, ווו מיר אַלע וואָלטן שוין געווען... אויב מיר וועלן נאָר דערלעבן ביז יענעם טאָג, ווען אונדזערע וועלן זיך אומקערן, וועלן מיר אַלע גיין רעדן פֿאַר דיר. מע וועט אונדז דאָך פֿרעגן.

מאַרגון האָט געטראַכט עטלעכע רעגעס און אַ קניטש געטאָן מיט די אַקסל:

— יאָ, נאָר גענומען האָב איך אױף זיך אַ פֿלעק אױפֿן גאַנצן לעבן. אַ פֿלעק אױף מײַן בײַאָגראַ־פֿיע, און אַלע ווייסן דאָך, ווי אַזוי איך האָב זיך אָפּגעשלאָגן פֿון דעם דאָזיקן פּאָסטן...

גדאַליע האָט מיט טיפֿן מיטגעפֿיל געקוקט אױפֿן דערצאָרנטן שאָכן.

— הער זשע, וואָס מיר זאָגן דיר, טאַראַס, — האָט גדאַליע זיך אָנגערופֿן, — בײַ אונדז איז אַ גוטער זיקאָרן. מיר געדענקען אַלץ — גוטס און שלעכטס. איך מיין עפּעס אַנדערש, טאַ־ראַס, אױף דיר רוקט זיך אָן מיסטאָמע אַן אַנדער כמאַרע — דער קאָמענדאַנט יאָן פּאָפּעסקו. וואָלסט זיך טאַקע געדאַרפֿט באַהאַלטן באַצײַטנס.

— געזעכט, גדאַליע! — האָט זיך אַרײַנגעמישט קוזמאַ. — איך מיין אַזוי: ווען אונדזערע וועלן זיך נאָך אַ ביסל דערנעענטערן, דאַרפֿסטו, טאַראַס, נעמען דאַנילען, פּאַלישטשוקן, עטלעכע מעלקערנס און אַרויסטרײַבן דאָס פֿי און די פֿערד אין וואַלד אַרײַן, זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן. דאָרטן ווייס איך, און דו קערסט אויך ווײַסן, אַזעלכע ערטער, ווו די הינט וועלן אײַך ניט געפֿינען.

טאַראַס האָט געריכערט דעם גראָבן ציגאַר, זיך אופֿמערקזאַם אײַנגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי איר וועט הייסן, מענטשן, אַזוי וועט זײַן...

כאָטש ס׳איז שוין געווען שפּעט, נאָר קוזמאַ האָט אופֿגעוועקט לעסיען, דאָס ווײַב און זיי אוועקגעשיקט רופֿן דאַנילען, פּאַלישטשוקן, סימכע קושנירן, קיווע באַראַשן, מענאַשע דעם באָנדער.

מע האָט זיך געדאַרפֿט צונויפֿריידן, אַלץ באַטראַכטן, אָפּוועגן, וואָס זאָל מען טאָן, ווי אַזוי זאָל מען זיך האַלטן, ווען דער סוינע וועט אָפּטרעטן. אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען שוין אַלע געווען בײַ קוזמאַ מאַטיאַשן אין שטוב און ער האָט שטילערהייט דערציילט, אין וואָס עס גייט דאָ.

דאַנילאָ סאַווטשוק האָט דער ערשטער זיך אָנגערופֿן:

— איך בין גרייט אַפֿילע הײַנט זיך לאָזן מיטן פֿי אין וואַלד. איין זאַך איז שלעכט: מיט וואָס וועלן מיר האָדעווען די בעהיימעס און פֿערד — מיט שניי, מיט קאָרע פֿון דיביימער?

— אין גרויסן קאַהאַט זײַנען נאָך פֿאַרבליבן קאַרטאָפֿליעס און בורעקעס, — האָט געענט־פֿערט טאַראַס מאַרגון, — איידער דאָס אָפּגעבן די פֿאַשיסטן, וועלן מיר בעסער דאָס אַרויספֿירן

אין וואַלד, פאַרן פּי. נו, און טווּע האָבן מיר נאָך אַ ביסל באַהאַלטן, דאַרף מען דאָס אויך אַרויס־פירן, דעם רעשט שטילערהייט צעטיילן די מענטשן, וואָס זיצן אָן ברויט.

אַלע זײַנען געזעסן אַרום מאַרגונען, געררייכערט און ווײַטער זיך געייצעט, ווי־אַזוי מע זאָל דורכפירן די דאָזיקע אָפּעראַציע.

דער גאַנצער אַרום איז געווען אײַנגעהילט אין טיפן שלאָף. מאַרגון מיט די מענטשן האָט זיך געלאָזט מיט די גערטענער צום וואַלד, אָפּזוכן אַן אָרט, וווּהין מע וועט זיך קענען אַריבער־פעקלען מיטן קאַלווירטישן פאַרמעגן.

זיי האָבן זיך דערקליבן צום פּאַרקישעפּטן קוואַל און געבליבן שטיין דערשטוינטע. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס זעען זיי אין כאַלעם: באַם קוואַל, וואָס איז געווען באַשײַנט פון דער לעוואָנע, איז געשטאַנען אַ שלאַנקער הירש מיט אַ הויך פאַריסענעם קאָפּ און געקוקט אויף דער גרופּקע מענטשן, וואָס האָט זיך אַהער דערנענטערט. אויף פּאָן פונעם ווײַסן פעלדז האָט דער הירש מיט זײַנע הערנער־צווײַגן אויסגעזען אויסטערליש און וווּנדער־שיין.

געדאַליע סאַנטאָס, וואָס האָט דער ערשטער דערזען דעם ניט־געוויינלעכן גאַסט, האָט שטיל, מיט די הענט, באַוויזן, מע זאָל בלײַבן שטיין.

דער הירש האָט אויסגעקערעוועט דעם שטאָלצן קאָפּ צו די מענטשן. באַ אים האָט אַ ציטער געטאָן די גאָלדענע פעל, נאָר ער האָט דערשפּירט מיטאַמאָל, אַז קיין געפאַר דראָעט אים ניט. אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום קוואַל, האָט ער זיך גוט אָנגעטרונקען, אַ פּעקקע געטאָן מיט דער מאָרדע און איז פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען אין די טיפעניששן פון וואַלד.

געדאַליע סאַנטאָס האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויף קוזמאַס אַקסל און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז מיסטאַמע אַ גוטער סימען, וואָס מיר האָבן אים באַגעגנט באַם קוואַל, דעם הירש.

— וואָס פאַר אַ סימען קאָן דאָ זײַן, געדאַליע? — האָט געפרעגט מאַרגון.

— איך ווייס, איך מיין אַזוי... עטלעכע יאָר ביז דער מילכאָמע האָב איך באַם קוואַל אויך באַגעגנט פּונקט אַזאַ הירש. יענץ יאָר האָבן מיר געהאַט אַ וווּנדערלעכע גערעטעניש פון ווײַנ־טרויבן. דאָס איז געווען אַ פריילעך און גליקלעך יאָר....

— מאַסקים, זאָל זײַן אַזוי, — האָט אײַנגעשטימט מאַטיאַש, — פאַרוואָס ניט?

מענאַשע באַנדער האָט זיך געלאָזט גיין צום קוואַל.

— לאָמיר זיך, איידער מירן דערלעבן אַ גליקלעך יאָר, זיך אָנטרינקען כאָטשבי פונעם קוואַל און זיך אַ ביסל אָרומוואַשן. דער טרונק וועט אונדז צוגעבן פרישע קויכעס, מיר זאָלן קע־נען אַריבערטראָגן אַלץ, וואָס עס שטייט אונדז נאָך פאָר. און אַז מיר וועלן זיך אָרומוואַשן מיטן קוואַל־וואַסער, וועלן מיר אַלע פראָסט ווערן אַ ביסל שענער. מיר האָבן, דאַכט זיך, אַ פּאָנעם פון רוכעס, ווי מיר זאָלן קומען פון יענער־וועלט...

מע האָט אין די שטילע נעכט אַריבערגעפירט אין וואַלד זעק מיט קאָרן, גערשטן, דאָס פּי, און קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי שנעל וועט אָנקומען דער אומגליק.

אין איינעם פון די גאַנצפריִען האָבן עטלעכע לאַסטמאַשינעס מיט סאָלדאַטן זיך אַרײַנגעג־געריסן קיין לוקאַשיוקע און אָפּגעשטעלט זיך לעבן דעם סטאַראָסטעס קאַנטאָר.

יאַן פּאָפּעסקו, דער קאָמענדאַנט, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ לענגלעך שמאָל פּאָנעם, איז געווען צערייצט, מאַמעש ווילד. ער האָט זיך אופגעהויבן אויפן גאַנעקל פון דער קאַנטאָר, מיטן פוס צעעפנט די טיר, אַרײַנגעגאַנגען אין פוסטן, לאַנג ניט אופגעראַמטן צימער און באַפוילן, מע זאָל אים גלײַך ברענגען אַהער מאַרגונען, ברענגען אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן.

ניט קיין לעבעדיקן, ניט קיין טויטן האָט מען מאַרגונען ניט געקענט ברענגען, ווײַל ער איז איצט געווען אין וואַלד, אָפּגעפירט אַהין דעם לעצטן וואָגן ברויט. נאָך מער, מענטשן האָבן גלײַך אַוועקגעשיקט צו טאַראַסן אַ ייִנגל אים איבערגעבן, אַז מע איז געקומען נאָך אים, זאָל ער זיך גוט באַהאַלטן.

אַ צערייצטער און אופגעבראַכטער דערפון, וואָס די שפּײַכלערס זײַנען געווען פוסטע, וואָס אין די שטאַלן איז ניט געבליבן קיין איין שטיקל פּי, האָט דער קאָמענדאַנט באַפוילן אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן אין די הײַזער, קאָנפיסקירן. אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָט געפלאַקערט מאַרגונס הויז, זײַן קלוניע און די שכיינישע עטלעכע הײַזער. אין אַלע עקן דאָרף האָט זיך געהערט אַ שי־סערײַ און אַ גוואַלד. פרויען האָבן געכאַפּט די קינדער אויף די הענט און וואָס עס האָט זיך גע־לאָזט, און מע איז זיך צעלאָפן אין די באַהעלטענישן, אין די יאַרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש אויף אינעם ייִשעוו.

סאָלדאַטן מיט אויטאָמאַטן האָבן זיך אַרומגעטראָגן איבער די געסלעך, ווי די דולע, גע־טראָגן פון די הויפּן זעקלעך טווע, קאָלדרעס, אַנטאַך. דאָ און דאָרט האָבן געוואַלדעווט בעהיימעס, שאָף, וועלכע מע האָט געשלעפּט פאַר די הערנער צום שליאַך. פויערטעס זײַנען נאָכגעלאָפן, גע־שאָלטן מיט די שווערסטע קללות די רויבער, געריסן אַף זיך די האָר, געוויינט, און צעשלאָ־גענע, צעבלוטיקטע ווידער זיך געוואָרפן ראַטעווען זייער האָב־און־גוטס.

— פאַרשאָלטענע אירהאָדן, וואָס פאַרא מאַמעס האָבן אײַך געבאָרן!

— איר זאָלט ניט דערלעבן קומען אַהיים!

— זאָלן אײַערע ביינער פוילן אין די יאַרעס און וועלף זאָלן זיי הריזען!

און ווידער האָבן דאָ און דאָרט געשטעפּט קוילנוואַרפער, די סרייפעס האָבן אַלץ מער גע־בושעוועט, דאָס פײַער האָט זיך אַריבערגעוואָרפן פון איין שטרויענעם דאַך אַפן צווייטן.

יאַן פּאַפּעסקו איז געשטאַנען אַפן גאַנעק פון דער קאַנטאָר מיט צונויפגעלייגטע הענט אַף דער ברוסט און קאָמאַנדעוועט מיט זײַנע זעלנער. ער האָט געמאָלדן, אַז מע וועט אוועקטרײַבן אַ צענדליק אײַנוווינער קיין יאַשפּאָל און זיי פאַרשפּאַרן אין טורמע, ביז דער סטאַראָסטע וועט אָדער אַליין ניט קומען, אָדער מע וועט אים ניט פאַקן. ניט פון פּאַפּעסקוס הענט דרייט מען זיך אַרויס!

מע האָט שוין טאַקע געהאַט צונויפגעטריבן צו די מאַשינעס עטלעכע מענער און פרויען, קעדיי אַוועקפירן זיי קיין יאַשפּאָל, נאָר פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ געברום פון אַעראָפּלאַנען, ווי עפּעס אַ שווערע יאַם־כוואַליע וואָלט זיך אַהער דערנענטערט. דער געררויש איז געקומען פון מיזרעך, און מיט פּאַפּעסקון האָט אָנגעהויבן מאָרדעווען, ווי אין אַ קאַדאַכעס. ער איז אַראָפּגע־לאָפן פונעם גאַנעק, זיך געלאָזט לויפן צו די גערטענער, באַמערקט אַ גרוב, איז ער אַרײַנגע־שפּרונגען אין איר. ער האָט מיט שרעק אופגעהויבן דעם קאָפּ און, אַ פאַרטויבטער, דערזען אַף דער ערד די שאָטנס פון פליגל. די אַעראָפּלאַנען זײַנען געפלויגן שטאַרק נידעריק, און פּאַפּעס־קון האָט זיך געדאַכט, אַז די פליִער קוקן אַראָפּ אַהער, זיי זוכן אים און וועלן אָט־אָט אַף אים אַ שאָט טאָן זייערע באָמבעס.

די אַעראָפּלאַנען זײַנען אָבער אוועקגעפלויגן ווײַטער, איבערן דניעסטער. פּאַפּעסקו האָט זיך אַרויסגערוקט פון זײַן גרוב און נאָכגעקוקט די שווער־געלאָדענע באָמבאַרדירער. אַלע סאָלדאַטן זײַנען אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן, נאָר דאָ האָט מען דערזען, אַז די מענטשן, וואָס מע האָט געהאַט צונויפגעטריבן, קעדיי אָפּפירן זיי קיין יאַשפּאָל, זײַנען זיך צעלאָפן. נאָר לענגער פאַרהאַלטן זיך אין דאָרף האָט פּאַפּעסקו שוין ניט אײַנגעשטעלט זיך — די אַעראָפּלאַנען קאָנען זיך אומקערן, האָט ער אָפּגעגעבן אַ באַפעל פאַרנעמען די אָנגעלאָדענע וועגענער, די בעהיימעס, וואָס מע האָט באַוויזן צובינדן צו די דראַבינעס, און פאָרן ווײַטער.

אין אַ פערטל שאָ אַרום, ווען די רומענער האָבן זיך שוין אַרויסגעצויגן פון דאָרף, האָט זיך ווידער דערטראָגן דער געררויש פון אַעראָפּלאַנען. איצט האָט מען פונדערלויפטן באַשאָסן דעם אָבאָז.

דער אוילעם איז אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן. מע האָט פאַריסן די קעפּ, און מיט פריידיקע, פאַרטרערטע אויגן זיך אײַנגעקוקט אין די אַעראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַלץ מער דער־ווײַטערט זיך.

דער ערשטער דונער

עטלעכע טעג האָט דער אוילעם ניט געקאָנט קומען צו־זיך. אַז מע איז אַרײַנגעקומען אין די כאַטעס, אין די הײַזלעך און דערזען די אויסגעליידיקטע שאַפעס און קאַסטנס, האָט מען אויס־געשאָטן אַלע קללות אַף די רויבער.

עפּעס גלײַך ווי אַ היישעריק איז דאָ דורכגעפלויגן. מע האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וויאַזוי מע וועט איבערקומען אַ טאָג, מיט וואָס וועט מען האָדעווען די קינדער.

אַרויספאָרן ערגעץ אין די שכיינישע דערפער קריגן שפּײַז איז ניט נאָר ניט געווען מיט וואָס, נאָר מע איז דערבײַ ניט זיכער געווען מיטן לעבן.

אַף די שליאַכן האָבן פּאַטרולירט דײַטשן און רומענער, מע האָט געשאָסן יעדן, ווער עס האָט זיך דאָרט באַוויזן.

מע האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי מע וועט דערציִען ביז דער באַפרײַונג, אויב עס וועט נאָך לאַנג אַזוי דויערן.

עס האָט זיך אַלץ מער געלאָזט פילן דער פרילינג. פון מאָל צו מאָל האָט טאַקע פון ערגעץ זיך אַראָפּגעריסן אַ זאַווערוכע, געגומען דרייען שניי־קאַראַהאָדן, נאָר ווידער האָט זיך אַרויסגע־

ריסן פון אונטער די וואָלקנס די זון און געאַרבעט אַף אַלע קיילים — צעשמאָלצן דאָס אײַז, געטריבן שטראָמען אַראָפּ צום טײַך. און פון מיזרעך האָט אַלץ מער זיך דערנעענטערט דער פראָנט. דאָס געהילך פון אופרײַסן איז איצט געקומען אהער ניט בלויז מיטן געוואָי פון שווערע באָמבארדירער און שטורמאָוויקעס — עס האָט שוין טאַקע געהילכט אַרטילעריע...

סימכע קושניר איז אַלע מאָל געקומען צו לויפן צו געדאַליע סאַנטאָסן מיט נײַע פּלענער: וואָס וועט זײַן, טאָמער וועלן די פאַשיסטן אַנטלויפן מיטן שליאַך, צי וואָלט מען ניט געדאַרפט שאַפן, ווי בעשאַסן בירגערקריג, אַן אָטריאַד פון סאַמאָאָבאָראָנע און אַרויסגיין דעם סוינע אַנטקעגן?

— מיט וואָס, אַשטייגער, באַלטאַכלעס, וועסטו אַרויסגיין קעגן די טאַנקען? מיט די קולעקעס, צי מיט דײַנע בוכהאַלטערסקע ביכער? — האָט זיך אַף סימכען געבייזערט מענאַשע באָנדער.

— בא מאָרגונען דאַרפן זײַן עטלעכע ביקסן און גראַנאַטעס, וואָס די פּאָליצײַען האָבן איבערגעלאָזט...

געדאַליע סאַנטאָס האָט אָנגעקוקט דעם טרוימער מיט זײַנע גרויסע, מידע אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך זע, טײַערער, אַז דו לעבסט נאָך אין כאָלעם. נו, און אַז מיר וועלן נעמען די עטלעכע ביקסן און די פּאָר גראַנאַטעס, וועלן מיר זײַן בעקויעך אָפּשטעלן די דײַטשישע דיוויזיעס?..

— וואָס זשע איז דער אויסוועג? — האָט זיך נאָכגעפרעגט סימכע קושניר.

קוזמא מאַטיאַש, וואָס איז גראַדע אָנגעקומען און געהערט דעם געשפּרעך, האָט זיך צוגעזעצט אַף דער פּריזבע פון געדאַליעס שטוב, א לאַנגע ווײַלע געריכערט און לעסאָף זיך אָנגערופן:

— פּאַרשטייט זיך, מיט די הוילע הענט וועסטו קיין קאַזאַק ניט זײַן. מיר וועלן אַרויסגיין מיט די עטלעכע ביקסן אַפן שליאַך, וועט מען אונדז אין מעשעך פון עטלעכע מינוט אַוועקלייגן טויטע. איר הערט כאָטש, ווי די האַרמאַטן רעווען? דער דײַטש איז איצט ווי א פאַרוווּנדעטע כײַע, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן.

— ווּ זשע איז דער אויסוועג?

— דער אויסוועג איז א גאַנץ פּאָשעטער, — האָט זיך אָנגערופן געדאַליע סאַנטאָס, — אויב די ראָצכים וועלן קומען אהער אונדז פאַרטיליקן, וועלן מיר זיך ניט לאָזן פירן צו דער שכיטע, ווי די שאָף. מיר וועלן זיך שלאָגן. די עטלעכע ביקסן, וואָס מיר האָבן, וועלן צוניץ קומען. די פּרענטעס, וואָס קיווע האָט צוגעגרייט, די דרוקעס און ווילעס — אַלץ וועט גיין אין קאָן. מיר וועלן זיך אָפּשלאָגן, ווי נאָר מיר וועלן זײַן בעקויעך. אָבער קיין לאַנגע שלאַכט וועלן מיר ניט קאָנען פירן. די פאַשיסטן זײַנען שטאַרקער... און דערווײַל דאַרפן מיר זען צוגרייטן די קעלערס, ווּ זיך באַהאַלטן פון די סנאַריאַדן און באָמבעס.

דערעדט זיך, וואָס יעדערער וועט טאָן, איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. צײַט איז געבליבן ווייניק.

געדאַליע סאַנטאָס, דאָ, איין יישעוו, און קוזמא מאַטיאַש בא זיך אין לוקאַשיווקע, האָבן אָנגעוויזן די מענטשן, וויאַזוי מע זאָל קרעמפּעווען די קעלערס, ווי גראָבן באַהעלטעניש.

פון ווײַט האָט זיך אַלץ דײַטלעכער און גרויזאַמער דערטראָגן דאָס דונערן. בא אַלעמען זײַנען די פּענעמער געווען אָנגעשטרענגטע, קליינע קינדער אַפילע זײַנען געוואָרן ערנסטער, קיינער האָט ניט געלאַכט, זיך ניט געווערטלט. מענאַשע באָנדער, וואָס האָט שטאַרק געהאַלטן פון א כאָכמע, א וויץ, רייזל די פּאָטשט, וואָס האָט ליב געהאַט אומעטום אַרײַנמישן זיך מיט א וואָרט, האָבן געגראָבן די ערד שטיל, אָן איבעריקע רייד, אויסגעפילט אַלץ, וואָס געדאַליע האָט באַפוילן.

און אַלע האָבן געוואַרט...

אַראָפּ־באַרג, צו די יאַרן און צום דניעסטער האָבן זיך געטראָגן שטראָמען. דער דניעסטער האָט זיך שוין אויך צעעפנט, בא די ברעגעס האָבן געקרעכצט די קריִעס, אָנגעשווומען איינע אַף דער צווייטער, און די קאַלעמוטנע כוואַליעס האָבן אימפּעטדיק, האַסטיק זיך געקײַקלט און געקײַקלט אהין, צום ווײַטן יאַם...

אין יענע טעג האָט געדאַליע סאַנטאָס אַלץ אָפטער געטראַכט וועגן דעם זון און וועגן דער טאָכטער, ער האָט דערפילט, אַז דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער נאָגן.

פון שמוליקן האָט ער שוין לאַנג ניט קיין גרוס. נאָך דעם, וואָס מע האָט אַמאָל דערציילט דורך ראַדיאָ, אַז ער שלאָגט זיך הינטער מאָסקווע אַף זײַן טאַנק, האָט מען לאַנג פון אים ניט געהערט. שפּעטער, אין דרײַ־און־פערציקסטן יאָר, זומער, האָט שמוליק, ווער ווייסט מיט וועלכע

דראָכים, מיט דער הילף פון פארטיזאנער, איבערגעגעבן א בריוו, אז ער געפינט זיך הינטער קורסק נאָך די גרויסע שלאכטן בא סטאלינגראד. און אויס. מער קיין גרוסן זײַנען פון אים ניט אָנגעקומען. ווער ווייסט, צי לעבט ער נאָך, שמוליק? פון רוטען האָט געדאליע געהאט א גרוס אָט דאָ צוריק מיט א האלב יאָר. צוזאמען מיט מענאשע באָנדערס זון איז זי אוועק ערגעץ אין די קארפּאטן, זי איז א מעדיצין־שוועסטער בא די פארטיזאנער. ווײַטער האָט זיך איבערגעריסן מיט איר די פארבינדונג.

געדאליע סאנטאָס איז געווען ניט איין יאָר א סאָלדאט און ער האָט גוט פארשטאנען, אין וואָס פאר א געפאר די קינדער געפינען זיך און אז מע דארף זײַן צו אלץ גרייט...

דער אלטער האָט זיך אויך שטארק באומרויִקט וועגן גורל פון זײַנע לאנדסלײַט. מע געפינט זיך איצט צווישן צוויי פײַערן. טאָמער וועט דער פראָנט דורכגיין ערגעץ דאָ ניט ווײַט, באם שליאך, וועט זײַן ביטער. דאָ, בא די בערגלעך און יארוגעס, קאָן דער פראָנט זיך שטעלן אף גאנץ לאנג, און דאָס וועט זײַן א טראגעדיע פאר אלעמען.

די איינציקע טרייסט זײַנע איז געווען דאָס אייניִקל, אנקע, כאנעלע, ווי ער האָט גערופן דאָס פארשײַטע שווארצכיינעוודיקע מיידעלע, וואָס פלאפלט די גאנצע צײַט, דערמאָנט דעם טאטן, וועלכן זי האָט נאָך ניט געזען, און ווער ווייסט, צי וועט זי אמאָל קענען דעם טאטן?..

לעסיע קומט מיטן קינד צו געדאליען אלע טאָג, ווי זי זאָל ניט זײַן פארנומען, און דאָס קליינע מאזיקל פארפולט די שטוב מיט פרייד. געדאליע אייסעקט זיך מיט דעם, ער מאכט דעם אלערליי שפּילכלעך, און דאָס הארץ — אָט פלאטערט עס פאר גליק, און אָט ווערט עס אָפּגעגאָסן מיט בלוט, ווײַל דאָס קינד וואקסט אין אזא שוידערלעכער צײַט און אָן א פאָטער. ער קוקט זיך אײַן, דער אלטער, אין די כיינגריבעלעך, אין די גרויסע טונקעלע אייגעלעך, אין די געקרײַזלטע שווארצע האָר. מיט אלע פישטשעווקעס דערמאָנט דאָס מיידעלע אינעם טאטן, אפילע מיט די גרימאסן, מיטן געלעכטער.

אָפּטלעך לאָזט זיך געדאליע אוועק אהין, צו די ווײַנגערטנער, וואָס ליגן ווילדע, צעטאָפּטשעטע, פארוואקסענע מיט ווילדגראָז, און דער קאָפּ גייט כאָדאָראָם. וויפל האָרעוואניע וועט מען אהער דארפן ארײַנלייגן, מע זאָל די לאָזעס ברענגען אין אָרדענונג. די גאנצע צײַט איז אים דער ווײַנגאָרטן וויניק וואָס אָנגעגאנגען, ווער האָט דען געקאָנט טראכטן וועגן אים? און איצט, ווען מע זעט שוין דעם סאָף, הערט ער ניט אוף טראכטן וועגן זײַנע אלטע לאָזעס.

אָט דאָס איז איצט געווען זײַן טרוים — זען דעם ווײַנגאָרטן אזא, ווי ער איז געווען פאר דער מילכאָמע. און נאָך איין טרוים — זען די גאנצע פארוויסטע ערד א פרײַע פונעם פארהאסטן סוינע. און נאָך איין טרוים — זײַנע קינדער זאָלן שטיין לעבן זײַן בעט, ווען עס וועלן זיך אים אויסלאָזן די קויכעס און ער וועט שוין ניט קענען ארבעטן בא זײַנע לאָזעס און אין ווײַנקעלער...

דאכט זיך, ניט קיין סאך טרוימען? נאָר ווער ווייסט, צי וועלן זיי מעקויִעם ווערן, אז ער ווייסט ניט, אף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך און וויִאזוי וועט מען זיך ארויסקלײַבן פון דעם קלעם, אויב מע וועט בלײַבן דאָ שטעקן צווישן צוויי פײַערן?

אין איינעם פון די פרימאָרגנס, ווען דער שניי איז אינגאנצן אנטרונען געוואָרן און דער דניעסטער האָט זיך אָפּגערייניקט פון די לעצטע אײַז־קריִעס, האָט זיך דער פראָנט צעבושעוועט גאָר נאָענט, און געדאכט האָט זיך, אז די שלאכט גייט שוין דאָ, באם סאמע יִישעוו.

געדאליע האָט אלעמען באפוילן, מע זאָל זיך באהאלטן אין די קעלערס, אין די צוגעגרייטע גריבער.

מענאשע באָנדער האָט גענומען מיט זיך דאָס איינציקע — די פּופּײַקע, געלאָזט זיך צו געדאליעס קעלער, ווו עס האָבן זיך שוין געזאמלט עטלעכע שכיינים.

— נו, קינדערלעך, — האָט ער געזאָגט, מענאשע, — מירן זיך פארקלײַבן צו געדאליע סאנטאָסן אין דער טייווע!

— נאָר ווער ווייסט, וויפל מיר וועלן דאָ דארפן שווימען? — האָט אונטערגעכאפּט דעם וויץ סימכע קושניר.

— וואָס איז דיר די נאפקעמינע? — האָט זיך אָפּגערופן קיווע באראש. — מיר דאכט זיך, אז דו האָסט שוין לאנג ניט פארשריבן די היגע נײַס, האָסטו איצט די ברייִרע דאָס טאָן...

סימכע קושניר האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— וואָס איז דאָס שרײַבן, אז קיינער ווייסט ניט, אף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך...

מע האָט זיך גענומען אראָפּלאָזן אין קעלער, ווי עס זײַנען אָנגעקומען רייזל די פּאָטשט און מייער שפּיגל אף זײַנע קוליעס.

— אָהאָ! — האָט זיך אָנגערופן געדאליע סאנטאָס. — נאָך איין ריינע פּאָר?!

— ווי זשע אנדערש? — האָט א פּאַרסאָפּעטער געזאָגט מייער שפּיגל, צווזעצנדיק זיך אַף א קעסטל. — פּאָרט פריילעכער אין א קאָמפּאַניע, ווי זיצן איינער אליין אין געהאקטע ווונדן בא זיך אין לאָך און וואַרטן, ביז א סנאַריאַד וועט אהין א זעץ טאָן!

— און כוץ דעם, געדאַליע, — האָט באמערקט מענאשע באַנדער, — כוץ דעם, געדענקען אלע דײַן קעלער פון די אמאָליקע צײַטן, ווען מע פלעגט זיך בעשאס דער גרויסער היץ אהער אראָפּלאָזן און נעמען דאָס גוטע קווערטל ווײַן.

— און די ברינזע האָסטו שוין פאַרגעסן? און די מאמעליגע, וואָס דײַן נעכאַמע פלעגט ארײַנטראָגן אהער? — האָט קיווע אונטערגעוווּנקען.

— היי, איר קאָנט דאָרטן אײַנעמען שטומעניש? — האָט זיך צעבייזערט סימכע קושניר. — וואָס האָט איר זיך דערמאָנט יאַק באַבא דיווקא בולאַ? די סלינע רינט פונעם מויל...

עטלעכע ווײַלעס זײַנען אלע געזעסן שאַ־שטיל, און מיטאמאָל האָט זיך דערהערט מייער שפּיגלס שטילע שטים:

די כאַסענע איז געווען אין דער קאַזאַרמע,
דער ראָטנער דיאַדקע איז אויך געווען דערבײַ —
א קלאַפּ אין פּלייצע האָט ער מיר געגעבן:
— זאָלסט דינען דעם קיי־ווײַ־סע־ער געטרײַ!..

רייזל די פּאָטשט האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום אלטן און גענומען אונטערבאָמקען.

נעכאַמע סאַנטאָס האָט זיך אופגעהויבן פונעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען בא דער וואַנט, פאַריכט די גראָווע האָר אונטערן קאָפּטיכל און זיך א בייזער געטאָן:

— הערט נאָר א קאָנצערט! דאָרטן שיסט מען, עס גיסט זיך בלוט, און אײַך קריכט אין קאָפּ געזאַנג.

— וואָס זשע, נעכאַמע, עס קאָסט דיך טײַער אין קלייט ארײַן? — האָט אַף איר באַרויגעז א קוק געטאָן מענאשע באַנדער. — דו ווייסט דען ניט, אז ווען די פייגל הייבן אָן זינגען, דאַרף קומען מאָשיעך? אָט־אָט וועלן מיר עפּשער געהאָלפן ווערן, די רויטע אַרמיי איז נאָענט... דאָס איז דער ערשטער דונער — האַלט עס שוין טאַקע בא פרילינג, לאָמיר נאָר איבערקומען א טאָג, צוויי...

— געוויס, אויב קיין סנאַריאַד וועט אהער ניט א זעץ טאָן, — האָט קיווע געזאָגט, — איר הערט, איר הערט?

די שיסערײַ האָט זיך פאַרשטאַרקט, און דער אוילעם האָט מיט פאַרטײַעטן אָטעם זיך אײַנגעהערט.

— עך, וואָלט מען געקאָנט אנשלאָפן ווערן און אופשטיין, ווען עס וועט שוין ווערן שטיל! — דאָס האָט ווידער זיך אָנגערופן מענאשע באַנדער.

— ווי זשע וועסטו אײַנשלאָפן, אז דאָרטן שפּילט אזא מוזיק? — קיווע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, נאָר מענאשע באַנדער האָט פונדעסטוועגן זיך איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער אלטער טעלאָגרייקע און צוגעשפּאַרט זיך צו א גרויסער פוסטער פאַס.

פון א ווינקל האָט ווידער זיך דערהערט מייער שפּיגלס שטילע שטים:

די כאַסענע איז געווען אין דער קאַזאַרמע...

סימכע קושניר האָט זיך אײַנגעהערט אין דער ליד און געשאָקלט מיטן קאָפּ. קיווע באַראַש האָט איבערגעכאַפּט זײַן בליק:

— וואָס איז, באַלטאַכלעס, וואָס שאָקלסטו מיטן קאָפּ?

— איך טראַכט...

— וואָס, לעמאָשל, טראַכסטו?

— איך טראַכט, אז דער מענטש איז א מאָדנע מין באַשעפעניש. בישכיינעס מיטן טויט זינגט ער... און בישכיינעס מיטן טויט טראַכט ער וועגן לעבן.

— און דו טראַכסט שוין געוויס, סימכע, וועגן קרעדיט און דעבעט? — האָט קיווע ווידער געפרעגט.

— אזוי ווי דו ביסט געשטאַנען דערבײַ! איך טראַכט, אז מיר וועלן איצט דאַרפן אלץ אָנהייבן פון בערײשיס... די ערד איז כאַרעוו און זי האָט שוין אָן אויסזען, ווי אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען ייִצכאָק סאַנטאָס איז אהער געקומען. איצט וועט סטײַען אַרבעט פאַר ייִצכאָק סאַנטאָסעס יאָרשים אַף נאָך א גאַנצן דאָר...

— אָבער דו, סימכע, געהערסט דאָך ניט צו די סאַנטאָסעס!.. — מענאשע באַנדער האָט אראָפּגעוואָרפן די פופײַקע פונעם קאָפּ און זיך אופגעזעצט, — דו געהערסט, דאַכט מיר, צו די דעראַזשנער בונטאַרעס, וואָס זײַנען געווען איינס מיט קאַרמעליוקן?..

— גענויס! — האָט מיט גאַדלעס געענטפערט סימכע קושניר, — נאָר פאַר די יאָרן האָבן מיר זיך אַזוי אויסגעמישט, די דעראַזשנער מיט די סאַנטאָסעס, אַז מיר זײַנען שוין אויך געוואָרן ייִצכאָק סאַנטאָסעס יאָרשים.

אין קעלער איז געווען האַלבפינצטער, און בלויז דאָס קאַנעצל האָט קוים באַלויכטן די אָפּ־געצערטע, בלאַסע פּענעמער פון די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן צווישן די פעסלעך און קעסט־לעך אין פאַרשיידענע פּאָזעס. פון די ווענטלעך, וואָס האָבן פון מאָל צו מאָל געציטערט, האָט זיך געשאָטן זאַמד. מע האָט שוין ניט געוווּסט, צי איז נאָך ליכטיק אין דרויסן, צי פינצטער. דאָס געהילך פון די האַרמאַטן איז ניט געוואָרן שוואַכער.

ווען דאָס לעבן קערט זיך אום

די נאַכט האָט זיך געצויגן, ווי די אייביקײַט.

גע׳דאַליע, וואָס איז געזעסן אָף אַ סלופּ צווישן מענאַשע באַנדער און סימכע קושניר, האָט די גאַנצע צײַט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זיך אײַנגעהערט אינעם געשמאַקן כראָפּ פון זײַנע שכיינים. ער איז מעקאַנע געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן ניט געקוקט אָפן מוירעדיקן געהילך, געקענט פאַרגעסן זיך אין שלאָף.

סאָף נאַכט האָט גע׳דאַליע פּאַרזיכטיק זיך אופגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר און זיך גענומען אײַנהערן. וואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז מיטאַמאָל אַזוי שטיל געוואָרן? צי דאָס ווײַזט זיך אים אויס? ער האָט געעפנט דאָס טירל, אַרויסגערוקט זיך אָף דער ליכטיקער שײַן.

אַ מעכײַעדיק פרילינג־ווינטל פון טײַך האָט אָפּגעפרישט זײַן פּאָנעם. ער האָט זיך אַרומ־געקוקט, דעם טײַך האָט ער ניט אָנגעזען — ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ פּאַרטאַגיקן נעפּל. אַרום האָט געהערשט אַ מאָדנע שטילקײַט. גע׳דאַליע סאַנטאָס האָט זיך אופגעהויבן אָפן נאָענטן בערגל, זיך אײַנגעקוקט אַהין, ווו דער שליאַך האָט זיך געשלענגלט, — די גאַנצע נאַכט האָט אין יענער זײַט זיך געהערט דאָס קנאַלן פון האַרמאַטן.

אין ערגעץ האָט גע׳דאַליע ניט געזען קיין לעבעדיקע באַשעפעניש און שוין געוואָלט זיך לאָזן צום בריקל, וואָס פירט קיין לוקאַשיווקע, קעדיי דערוויסן זיך, וואָס מאַכט דאָס אייניקל, נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערהערט פונווײַטנס אויסגעשרייען. אָפן קרומען באַרג האָבן זיך אופ־געהויבן עטלעכע פיגורן. זיי האָבן זיך דערנעענטערט אַהער.

סאַנטאָס האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אָף דער ערד, ביז ווייטעק אין די אויגן זיך אײַנגעקוקט אין יענער ריכטונג. די פיגורן זײַנען געוואָרן אַלץ גרעסער אָפן פּאָן פונעם גרויען הימל.

אונדזערע? דײַטשן? — האָט ער פיבערדיק געטראַכט און געוואָלט אָפּויזען צוריק, צום קעלער, נאָר אין דער רעגע האָבן שטראַלן פון דער זון דורכגעשלאָגן דעם נעפּל, און אָף די קאַסקעס פון יענע עטלעכע, וואָס זײַנען געגאַנגען אַהער, האָבן אַ פינקל געטאָן רויטע שטערן.

גע׳דאַליעס פּאָנעם האָט זיך צעשײַנט. ליגנדיק אָף דער ערד, האָט ער נאָך עטלעכע מינוט זיך אײַנגעקוקט אין דער קייט סאָלדאַטן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ייִשעוו. איבערצײַגט זיך, אַז דאָס זײַנען טאַקע אונדזערע, האָט ער זיך אופגעהויבן און איז אוועקגעלאָפן צום קעלער, צו די שכיינישע קעלערס, צעפּראַלט די טירן און געשריען:

— מענטשן, קריכט אַרויס! קומט באַגעגענען אונדזערע באַפרײַער! אונדזערע זײַנען גע־קומען!

דער אוילעם איז אַרויס פון די באַהעלטענישן, מע האָט פאַרלוירענע זיך אַרומגעקוקט און אַלץ נאָך ניט געגלייבט, אַז די אויסלייזונג איז געקומען. נאָר באַלד האָבן פון אַלע זײַטן, פון רוזשיצע און לוקאַשיווקע, די מענטשן זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן די רוסישע סאָלדאַטן. מע האָט געוויינט און געלאַכט, געהאַלדזט און געקושט די באַפרײַער, די ערשטע, וואָס זײַנען געקו־מען אָף אָט דער אויסגעמאַטערטער און כאַרעווער ערד.

דאָ און דאָרט האָבן זיך געזאַמלט רעדלעך. מע האָט אַרומגערינגלט די סאָלדאַטן, מיט פאַרווונדערונג געקוקט אָף זייערע פּאָגאָנעס, וואָס מע האָט צום ערשטן מאָל געזען, זיך נאָכ־געפרעגט, צי האָט מען ערגעץ ניט באַגעגנט קיין היגע, וואָס זײַנען אויך אוועק אָף דער מיל־כאָמע.

נעכאַמע האָט מיט פאַרטרערטע אויגן געקוקט אָף די סאָלדאַטן. אָט פונקט אַזאַ קער זײַן איר שמוליק, ער קער אויך עמעצן באַפרײַען, אויב ער לעבט. פונקט אַזוי קער מען אים אין דער־אָ שאָ אַזוי אַרומנעמען, באַגריסן. און עפּשער באַגריסט מען איצט ערגעץ איר טאָכטער, רוטען, די פּאַרטיזאַנקע...

שאמע דער וואסערטרעגער האָט געכאַפּט צוויי עמער, אוועקגעלאָפן צום פאַרקישעפטן קוואַל און געבראַכט פרישע, מעכטיַעדיקע וואַסער פאַר די רעטער, וואָס זיַינען געקומען פאַר־שטויבטע, פאַרוואָקסענע, מידע.

דערזען, ווי זשעדנע די סאָלדאַטן טרינקען די וואַסער, האָט נעכאַמע גענומען ברעכן די הענט און פאַרענטפערט זיך:

— מיר האָבן אַף איַיך אַזוי לאַנג געוואַרט, און איצט, אַז איר האָט זיך אומגעקערט, האָבן מיר אַפילע ניט מיט וואָס איַיך מעכאַבעד צו זיַין!

— די כאַווירים וועלן אונדז מויכל זיַין, — האָט זיך אַריַינגעמישט רייזל די פּאַטשט. — וואָס קאָן מען טאָן, אַז מע האָט אונדז באַרויבט און מיר זיַינען ביכלאַל דורך אַ נעס געבליבן לעבן.

געדאַליע סאַנטאָס, וואָס איז געשטאַנען באַ דער זיַיט און צוגעקוקט, ווי מע פרייט זיך מיט די באַפריַיער, האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערופן:

— וואָס הייסט, ס'איז ניטאָ, מיט וואָס מעכאַבעד זיַין די געסט? — ער האָט אָפּגעזוכט מיט די אויגן דעם באָנדער און אַ ווונק געטאָן: — מענאַשע, אַנו דערלאַנג נאָר אַ זאַסטעפּ. נאָר גיכער!..

מענאַשע האָט אי פאַרכידעשט זיך, אי פאַרשטאַנען שוין, אין וואָס דאָ גייט.

— אַ זאַסטעפּ? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— אַ זאַסטעפּ, הערסט דאָך! — האָט געדאַליע שוין שטרענגער איבערגעכאַזערט.

מענאַשע איז אַוועקגעלאָפן און געבראַכט אַ זאַסטעפּ.

געדאַליע האָט שוויַיגנדיק זיך געלאָזט צו דער אַלטער אַקאַציע, וואָס איז געוואַקסן באַ אים אין הויף. אָפּגעמאָסטן צען טראָט אַף לינקס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך און שנעל גענומען גראָבן.

דער עולעם האָט אים אַרומגערינגלט, נאָכגעשפּירט, ווי ער אַרבעט פליַיסיק.

אינגיכן האָט מען אין גרוב דערזען אַ פעסל. אָפּגערייניקט עס פון דער ערד, האָט געדאַ־ליע געהייסן אַלץ דעם זעלבן מענאַשען, ער זאָל ברענגען אַ האַק און עטלעכע קווערטלעך.

דער שטערן איז באַם וויַינציכטלער געוואָרן פאַרשוויצט, די גרויסע טונקעלע אויגן האָבן געשיַינט מיט אַ גליקלעכן גלאַנץ.

געדאַליע האָט פֿלינק אַרויסגעקלאַפּט דעם גראָבן פּלאָקן פֿונעם פֿעסל, און ס'האָט אַ זעץ געטאָן פֿון דאָרטן אַ וווּנדערלעכער ריח פֿון אַלטן וויַין.

אָנגעגאָסן אין די קוואַרטלעך דעם מעכיַיעדיקן געטראַנק, האָט געדאַליע סאַנטאָס דערלאַנגט זיי די סאָלדאַטן, וואָס זיַינען געשטאַנען אַרום אים, און זיך אָנגערופֿן:

— ווער האָט געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ מיט וואָס מעכאַבעד זיַין אונדזערע באַפֿריַיער? טרינקט געזונט, כעווירע!

מע האָט פֿון די הויפֿן געבראַכט נאָך גלעזער, ליידיקע פּושקעלעך פֿון קאָנסערוון, קריגלעך — וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. געדאַליע האָט אַלעמען מעכאַבעד געווען:

— טרינקט געזונט! לעכאַיִם! פֿאַרן זיג!

מענאַשע באָנדער האָט גענומען אין די הענט אַ פֿול קוואַרטל וויַין, אָפּגעזופּט אַ ביסל, באַלעקט מיט דער צונג די ליפּן און זיך אָנגערופֿן:

— אַר־וואָ! אַ גאָלדענער געטראַנק, געדאַליע! מאַמעש אַ מעכיַיע!

ער האָט נאָך אָפּגעזופּט אַ ביסל וויַין פֿונעם קוואַרטל און אָפּגעשטעלט דעם בליק אויף פֿעסל:

— נו, אַ מאַמזערל! גאָלד מיט זילבער! איר זענט, כעווירע, אַ מייווען אויף דעם ביסל מאַשקע? דעם וויַין טאָר מען ניט טרינקען, מע דאַרף אים עסן... איַי, אַ געטראַנק! איך האָב אַזוינס, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט פֿאַרזוכט.

די אַרומיקע האָבן געקוקט אויפֿן באָנדער און אונטערגעשמייכלט.

מענאַשע האָט אויסגעליידיקט ביזן דנאָ דאָס קוואַרטל, אַ ווונק געטאָן צו געדאַליען, ער זאָל אים נאָך אָנגיסן, און איבערגעפֿירט דעם בליק אויף דער גרוב:

— זאָג מיר נאָר, געדאַליע, ווו קומט אַהער אַזאַ פֿעסל וויַין, אַזאַ נעקטאַר?

געדאַליע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל, אָנגעגאָסן און דערלאַנגט די סאָלדאַטן נאָך קוואַרטלעך מיט וויַין, געבעטן טרינקען, וויַיל מיט אַזאַ וויַין קאָן מען זיך ניט סאַמען, כאָלילע. און די געסט האָבן גערן געפֿאָלגט.

— וויִאַזוי קומט אַהער אין גרוב דאָס פֿעסל וויַין? — האָט געדאַליע איבערגעפֿרעגט. — גאַנץ פּאָשעט! ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן פֿאַרלאָזן אונדזער ערד, האָב איך דאָס פֿעסל וויַין פֿאַרגראָבן און געגעבן אַ ניידער, אַז איך וועל דאָס אויסגראָבן נאָר דעמלט, ווען אונדזערע באַפֿריַיער וועלן זיך אומקערן. פֿאַרשטייסט, מענאַשע?

— פֿאַרשטיין פֿאַרשטיי איך, וואָס זשע, איך פֿאַרשטיי ניט? — האָט דער באָנדער געזאָגט. — נאָר איין זאַך פֿאַרשטיי איך פֿאָרט ניט...

— וואָס פֿאַרשטייסטו ניט?

— אויפֿן געדאַנק לייגט זיך עס ניט... די גאַנצע וועלט קען דיך, געדאַליע, פֿאַר אַ גוטן מענטשן, אַ גאָלדענעם באַלמעלאָכע, אַן ערלעכע נעשאָמע, דו ביסט אַ קלוגער, אַ קלוגער, נאָר, לאָזט זיך אויס, אַ גרויסער נאַר! אַ בעהיימע בעצוראַס פֿערד...

דער עולעם האָט זיך צעלאַכט, און געדאַליע אויך.

— מיט וואָס האָב איך זיך באַ דיר פֿאַרדינט אַזאַ שיינעם קאָוועד, מענאַשע?

— וואָס הייסט? דו פֿאַרגראָבסט אין דער ערד אַזאַ וווּנדערלעך פֿעסל וויַין, אַזאַ מאַשקע, און קיינער ווייסט ניט דערפֿון. וויפֿל איז דען אָפּגעגאַן, מיר זאָלן אַלע פֿאַרטיליקט ווערן פֿונעם סוינע? וואָלטן מיר, הייסט עס, אומגעקומען, און אַזאַ גאָלדן פֿעסל וויַין וואָלט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? צי ווען, לעמאָשל, מע הרגעט דיך אַוועק, געדאַליע...

געדאַליעס פּאָנעם איז געוואָרן שטרענג, די אויגן — טונקעלער. אָנגעשפּאַרט דעם פֿוס אויפֿן זאַסטעפּ, האָט ער געזאָגט:

— וואָס עס וואָלט געווען, ווען מע הרגעט מיך אַוועק? פֿאַרוואָס, אַשטייגער, מענאַשע, האָט מען געדאַרפֿט הרגענען געדאַליע סאַנטאָסן? מיט וואָס האָט ער זיך עס באַ דער וועלט פֿאַרזינדיקט, וואָס מע האָט באַ אים געדאַרפֿט אָפּנעמען דאָס לעבן? איז ער דען ניט געווען טריַי אָט דער ערד מיט לײַב און לעבן? טוט אַ קוק אויף זיַינע הענט, די אויסגעהאָרעוועטע און אויסגעקרימטע פֿון דער שווערער אַרבעט, טוט אַ קוק אויף אָט די אָדערן! זיַינען מיַינע הענט מיט די אויפֿגעבלאָזענע אָדערן ניט ענלעך אויף די אַלטע לאָזעס? אָפּגעלעבט אַזויפֿיל יאָר און אויף קיין גראָשן דער וועלט קיין שלעכטס ניט פֿאַרשאַפֿט, גאָט און מענטשן ווייסן דעם עמעס. עטלעכע יאָר, ווי איין טאָג, געווען אויף דער מילכאָמע, פֿאַרטיידיקט מיַין ערד, די באַטקיורשטשינע, פֿון אַלע פֿרעמדע רוכעס. פּונקט ווי מיַינע אָוועס, האָב איך ניט געקריוודעט, ניט באַוואָלט די שכיינים. וויפֿל טויזנטער מענטשן האָט געדאַליע סאַנטאָס דערפֿרייט מיט זיַינע וויַינען, מיט זיַינע וויַינטרויבן?! און די זיידעס, די עלטערזיידעס, וואָס האָבן געפֿונען זייער אייביקע

רו אָט דאָרטן אפן בארג, אפן אַלטן בעסוילעם, זיי האָבן דען ניט פאַרוואַנדלט די בערגלעך און
די יאַרוגעס אין ווונדערלעכע ווײַנגערטנער? און אָט, ווען עס איז געקומען אהער דער גרויסער
אומגליק, ווען עס האָבן דאָ גענומען ווילדעווען די פאַשיסטן, האָט גדאַליע דען ניט אוועקגע־
שיקט אין שלאַכט זײַן איינציקן זון, שמוליקן, זײַן טאָכטער, רוטען? און ווער ווייסט, צי לעבן
זיי... גדאַליע סאַנטאָס און אָט די מענטשן, וואָס שטייען ארום אים, זײַנען דען געווען אף אָט
דער ערד קעסטקינדער? פרעג איך טאַקע, מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט בא דער וועלט
און בא די מענטשן? פאַרוואָס האָט מען מיך געדאַרפט פאַרטיליקן, אָפווישן פון דער ערד, וואָס
איז דורכגעווייקט מיט מײַן בלוט און שווייס?..

סימכע קושניר האָט זיך אײַנגעהערט מיט קאָפ און געזאָגט:

— דײַנע טײַנעס זײַנען גערעכטע, גדאַליע. אף הונדערט פראָצענט ביסטו גערעכט. מע־
נאַשע האָט געמיינט עפעס אנדערש, אף וויפל, פאַרשטייט זיך, מײַן פאַניאַטיע באַנעמט. ווען מיר
קומען אום, וואָלט פאַרפאַלן געוואָרן אין דער ערד אזא טײַער, אזא מעכײַעדיק פעסל ווײַן, און
קיינער וואָלט פון דעם ניט געוווסט, ניט גענאָסן...

— ניין, סימכע, דאָ האָט געשטעקט א טיפער זין, — האָט גדאַליע איבערגעשלאָגן, —
ווען מיר קומען אום, וואָלטן זיך אומגעקערט אונדזערע קינדער פון די פראָנטן. אויב ניט מײַן
זון מיט דער טאָכטער, וואָלט זיך אומגעקערט צו די שטיינער פון זײַן הויז מענאַשעס בענאַק,
אנדערע קינדער. ניט זיי — וואָלטן אין א צײַט ארום, אין צוואַנציק, דרײַסיק יאָר ארום זיך בא־
זעצט דאָ אנדערע מענטשן, זיך גענומען באַברען בא אונדזערע גערטענער, סעדער. און, גראָבנ־
דיק אָט די ערד, וואָלטן זיי געוויס זיך אָנגעשטויסן אפן פעסל, מע וואָלט פאַרזוכט און געזאָגט:
„יאָ, אָט דאָס איז ווײַן! גאָלדענע באַלמעלאָכעס האָבן, זעט אויס, דאָ געלעבט, ווונדערלעכע
ווײַנגערטנער האָבן זיי געפלאַנצט. פאַר אזעלכע מענטשן דאַרף מען אראָפנעמען דאָס היטל און
אויסטרינקען!“

— זעסטו, גדאַליע, אָט דאָ ביסטו גערעכט! — האָט זיך דערנענטערט צו אים מענאַשע
באַנדער, אים ארומגענומען, א קוש געטאָן אין דער פאַרוואָקסענער באַק. — איך זע, אז דו
ביסט א שטיקל פילאָזאָף... איך האָב זיך דערצו ניט דערטראַכט... געזונט זאָלסטו זײַן און ביז
הונדערט און צוואַנציק יאָר אונדז פאָיען מיט אזא מאַשקע!..

— אוי, מענאַשע, לאָז שוין מיך אויסרעדן א וואָרט! — האָט זיך ארײַנגעמישט רייזל די
פאַטשט. — לאָזט מיך בעסער דערציילן אונדזערע באַפרײַער, וואָס מיר האָבן דאָ איבערגע־
לעבט... ניין, זאָל דערציילן סימכע קושניר, ער האָט אַלץ פאַרשריבן. און אויב טרינקען נאָך, איז
דאַרף מען אויסטרינקען פאַר לוקאַשיוקע, פאַר אונדזערע שכיינים. אָט גייען זיי! — רייזל האָט
אָנגעוויזן אף קוזמאַ מאַטיאַשן, דאַנילאָ סאַווטשוקן, איוואַן פאַלישטשוקן, טאַראַס מאַרגונען,
קסעניען, דעם גאַלעד, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו גדאַליעס הויף. — וואָס ווייסט איר
דען! אז די עסעסן, א מאַקע זיי אין דער לעבער, זײַנען געקומען אהער, אונדז געטריבן צום
יאַר, אף אומקום, זײַנען אָט די מענטשן, אונדזערע שכיינים — קינד־און־קייט — ארויס אף
דער אָקאָליצע און אופגעהויבן א גוואַלד, ניט געלאָזט אונדז קריוודען... מיר וועלן זיי דאַנקען,
וויפל מיר וועלן לעבן.

קוזמאַ מאַטיאַש האָט אראָפגענומען דאָס היטל פאַר די סאָלדאַטן און געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, רייזל? דאַנקען? פאַרוואָס דאַרף מען אונדז דאַנקען? וואָס פאַר א וועלט
איז דאָס געוואָרן? מע דאַרף אונדז דאַנקען, וואָס מיר זײַנען מענטשן און ניט קיין כײַעס, ווי
די פאַשיסטן? און איר וואָלט דען אנדערש געטאָן, ווען איר זעט, אז מיר זײַנען אין א געפאַר?
ניין, קיינעם דאַרף מען ניט דאַנקען, מיר האָבן געטאָן אזוי, ווי מענטשן, און גאָר.

— איך פאַרשטיי, — האָט זיך אָנגערופן נעכאַמע סאַנטאָס, — אָבער פאַרשיידענע מענטשן
זײַנען דאָ אף דער וועלט...

— אָט דאָס ביסטו גערעכט, נעכאַמע. דאָס איז עמעס, — האָט אײַנגעשטימט דאַנילאָ
סאַווטשוק.

פונעם שליאַך האָט זיך דערטראָגן א גערויש פון מאָטאָרן. עס האָט זיך דערנענטערט צום
טײַך א קאָלאָנע מאַשינעס — מאַדנע, אומגעווײנלעכע. זיי האָבן זיך אָפגעשטעלט ניט ווײַט פונעם
טײַך, און פון די מאַשינעס זײַנען אראָפגעשפרונגען אף דער ערד סאָלדאַטן — סאַפיאָרן. מע
האָט אָנגעהויבן אראָפנעמען פון די מאַשינעס די פעמפיקעוואַטע פאָנטאָנעס, און באַלד האָט
זיך דערהערט א קלאַפערײַ פון העק. די סאַפיאָרן האָבן אָנגעהויבן אופשטעלן איבערן טײַך א
פאָנטאָן־בריק.

גדאַליע סאַנטאָס האָט גענומען די האַק און געזאָגט צו די ייִשוּוניקעס:

— נו, קינדער, קומט, וועלן מיר העלפן בויען די בריק! קומט, מיר וועלן אונטערשטעלן
א פלייצע!

די מענטשן פונעם יִשעוו און פון לוקאשיוקע האָבן זיך געלאָזט אראָפּ צום טײַך מיט העק און מיט זעגן, באַנאַנד מיט די מידע סאָלדאַטן האָט מען געטעסעט קלעצער, צעזעגן ברע־טער, געגראָבן די ערד — געריכטעוועט דעם צופאָר צום פּאָנטאָן.

אין א פּאָר שאָ ארום איז די בריק געווען פארטיק, און די אַנגרײַפנדיקע קאַלאָנעס האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט דער בריק איבערן דניעסטער, אהין, אף מײַרעוו, וווהין עס האָבן זיך אריבערגעטראָגן די שלאַכטן.

כעוורע פון רוזשיצע און לוקאשיוקע, וואָס זײַנען זינט דער מילכאָמע אונטערגעוואקסן, זײַנען אוועק אף יענער זײַט דניעסטער צוזאמען מיט די רויטארמייִשע טײַלן — העלפן טרײַבן ווײַטער דעם בלוטיקן סוינע, נעקאָמע נעמען פאר אלץ. עלטערע לײַט זײַנען געבליבן אין דער היים. מע האָט ניט געוווסט, צו וואָס פריִער זיך נעמען.

און ווידער האָט געזאָגט גדאַליע סאַנטאָס:

— נו, שכיינים, מיר דאכט זיך, אז איצט דאַרפן מיר פארייניקן אונדזערע קויכעס, קעדיי ברענגען צו א טאָלק אונדזער באַלעבאַטישקײַט. נישטאָ אונדזער פּערעץ מאַזור, דער פאָרזיצער פון ארטעל, נישטאָ אײַער פאָרזיצער גאַטשינסקי. א סאַך אײַערע און אונדזערע מענטשן האָבן ניט דערלעבט ביז דער באַפרײַונג, טאָ וואָלט עפּשער געווען א פּלאַן, מיר זאָלן שאַפן איין ארטעל, איין באַלעבאַטישקײַט, וועט ווערן גרינגער און פרײלעכער...

קוזמאַ מאַטיאַש האָט אונטערגעהאַלטן גדאַליען:

— איך האָב שוין לאַנג וועגן דעם געטראַכט. דאָס איז א פּלאַן!

אין א פּאָר שאָ ארום זײַנען זיך צו דער מעזשע צונויפגעקומען די מענטשן פונעם יִשעוו און לוקאשיוקע. מע האָט ביז שפּעטער נאַכט באַהאַנדלט אלץ גענוי, און מ'איז געקומען צום געדאַנק, אז אזוי בלײַבט עס — מע ווערט איין קאָלווירט.

אף מאָרגן זײַנען אלע ארויס צו דער ארבעט. מע האָט אײַנגעשפּאַנט די עטלעכע בעהיימעס אין די אקערס, גענומען גרייטן די ערד צום פאַרזײ.

דער טײַך גייט ארײַן אין זײַנע ברעגן

לעסיע האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט, אז צווישן די ערשטע, וואָס וועלן זיך אומקערן אהער, וועט זײַן איר שמוליק.

זי האָט ניט אופגעהערט וועגן אים צו כאַלעמען, און ווען זי האָט דערהערט, אז אונדזערע זײַנען געקומען, האָט זי געכאַפּט די טאַכטער אף די הענט און זיך געלאָזט לויפן צום יִשעוו, ווו די מענטשן האָבן שוין געהאַלדזט און געקושט די באַפרײַער.

זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פארברוינטע יונגע און באַיאָרטע סאָלדאַטן, געזוכט צווישן זיי שמוליקן, נאָר ניט געפונען, און דאָס הארץ האָט בא איר גענומען נאָגן.

די גאַנצע צײַט, וואָס עס האָבן זיך געצויגן צום טײַך, צו דעם פּאָנטאָן אלץ נײַע און נײַע קאָלאָנעס, איז זי געשטאַנען באַם שליאַך, אײַנגעקוקט זיך די סאָלדאַטן אין די פּנעמער, אויס־געהערט ניט ווייניק וויצן — אף וועמען, הייסט עס, קוקט זי דאָס ארויס? באַזונדערס אומרויִק איז זי געוואָרן, ווען עס זײַנען אָנגעפאָרן טאַנקען. עפּשער איז שמוליק ערגעץ דאָרט אין א טאַנק? אָבער ער איז ניט געווען. ער וואָלט דאָך זיכער ארויסגעקוקט אין אָפן טירל, ווי אנדערע האָבן דאָס געטאָן, — כאָטש אף איין מינוט וואָלט ער ארויסגעקוקט, — ס'איז דאָך לוקאשיוקע, ס'איז דאָך רוזשיצע!..

די גאַנצע נאַכט דערנאָך האָט זי ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. זי איז מעקאַנע געווען רוטען, וואָס איז ערגעץ אפן פראָנט. ווי עס זאָל איר דאָרטן ניט זײַן שווער, איז זי צוזאמען מיט איר שימקען.

שמוליק איז ניט געקומען. ווער ווייסט, וואָס איז מיט אים. נאָך זײַן לעצטן בריוול איז שוין אוועק אזויפיל צײַט, און זי האָט ניט געהערט פון אים קיין וואָרט. און די גרויסע פרייד, וואָס האָט דעם טאָג ארומגעכאַפּט אַלעמען — קליין און גרויס, — איז פאר איר, פאר לעסיען, פאר־וואַנדלט געוואָרן אין א גרויסן ווייטעק, וואָס האָט זיך ערשט אפּסניי צעברענט.

גאַנצפרי, ווי נאָר די זון איז אופגעגאַנגען, האָט זי אַנגעהאָדעוועט דאָס קינד, זיך אָנגעטאָן אין איר יאָמטעוודיק קלייד, אין יענעם זעלבן קלייד, אין וועלכן זי האָט זיך געזעגנט מיט שמו־ליקן אפן ווײַסן פעלדז באַם פארקישעפטן קוואַל, און גענומען ארומגיין איבערן דאָרף, איבערן יִשעוו, פון שטוב צו שטוב, צונויפגערופן אלע קינדער און זיך אוועקגעלאָזט מיט זיי צו דער צעקלאַפּטער געבײַדע פון דער שול.

די קינדער האָבן גענומען אָפּרייניקן דעם הויף פון די שטיקער פאַרזשאווערטן בלעך, פון די ציגל. מע האָט צונויפגעשאַרט דעם ברוך, דאָס מיסט אין א זײַט, מע זאָל קאָנען צוקומען צו דער געבײַדע, וואָס איז געשטאַנען מיט אָפּגעקאָלופּעטע ווענט, מיט אויסגעזעצטע שויבן.

פון אונטער די ברוכשטיקער האָט מען אַרויסגעשלעפּט עטלעכע לערנביכער, געלע און צעקנייטשטע פון די רעגנס. די קינדער האָבן געפונען א גלאָבוס, אייניקע מאַכשירים, אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן שטויב א האַלב־צעבראָכענעם טאָוול און זיך גענומען אים פאַריכטן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, די קינדער, אַז אַזוי גיך וועט מען קיין נײַע מאַכשירים, קיין נײַע לערנביכער ניט באַקומען, מע וועט זיך דערווײַל מוזן באַנוגענען דערמיט, וואָס מע וועט געפינען צווישן די רויִנען.

דער אַלטער מייער שפּיגל, וואָס וווינט ניט ווײַט פון דער שול, האָט זיך אויך דערקליבן אַהער אַף זײַנע מיליצעס, געהאָלפן די קינדער אָפּרייניקן דעם הויף און געבליבן דאָ פאַר א וועכטער. ער האָט זיך גראַדע פריִער אָוועקגעלאָזט צום ווײַנגאָרטן, געפּרוּווט דאָרטן העלפן, נאָר געדאַליע סאַנטאָס האָט אים געהייסן גיין אַהיים, — מע וועט זיך שוין יאַקאָס אָן אים דאָ אָפּפאַרטיקן, און ביז מע וועט דאַרפן האָבן וועכטער אַפן ווײַנגאָרטן אָדער באַם ווײַנקעלער, וועט נאָך אַוועק א שיין ביסל צײַט. איז מייער שפּיגל ניט געווען פויל און באַשטימט זיך דורכגיין צו דער שול, — דאָרטן האָט ער זיך געפונען אַרבעט.

רייזל די פּאָטשט האָט אַף זיך גענומען ניט קיין קלענערן אָל. זי האָט באַשטימט ביז וואָס־ווען ברענגען אין אָרדענונג די געבײַדע פון דער פּאָטשט, וואָס האָט געהאַט ניט קיין שענערן אויסזען, ווי די שול. זי איז אַוועקגעגאַן אַהין, פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען אַרויסטראָגן פון די צימערן די הרודעס ליים, די בערגלעך גלאָז, די איבערגעפּלאָנטערטע דראָטן.

ניט הײַנט, איז מאָרגן — מע וועט דאָך צושיקן עמעצן פונעם ראַיאָן, ער זאָל עפענען די פּאָטשט־אָפּטיילונג, דער יִשעוו זאָל פאַרבונדן זײַן, ווי אַמאָל, מיט דער גרויסער וועלט, עס זאָלן אָנקומען אַהער בריוו און מע זאָל פונדאַנען קענען אַוועקשיקן בריוו צו אייגענע און באַקאַנטע. דער אוילעם האָט געלעכצט זיך דערוויסן עפּעס וועגן די מענער און זין, וועלכע געפינען זיך אַף די פראָנטן און אין הינטערלאַנד. האָט רייזל געטראַכט, אַז ווי נאָר זי וועט א פּאָר צימערלעך פון דער פּאָטשט ווי־ניט־איז ברענגען אין אָרדענונג, וועט זי זיך אַראָפּכאַפּן קיין יאַשפּאָל און דערוויסן זיך, עפּשער ליגט שוין דאָרט עפּעס בריוולעך פאַרן יִשעוו און פאַר לוקאַשיוקע?..

ערגעץ האָט זי אויסגעגראָבן דאָס אַלטע שילדל פון דער פּאָטשט, צוגעקלאַפּט עס באַם גאַנעק. מענטשן האָבן געזען, אַז רייזל די פּאָטשט האָט אַף זיך גענומען א באַרג מיט אַרבעט, איז מען געקומען איר העלפן.

ביז וואָס־ווען, האָט זי אויסגעטרייסלט פון דער לעדערנער טאָרבע אירע זאַכן, גוט אויסגעוואַשן זי, און אין עטלעכע טעג אַרום, ווען געדאַליע סאַנטאָס און קוזמאַ מאַטיאַש האָבן געשפּאַנט דאָס איינציקע פערדל, וואָס איז געבליבן אין קאָלווירט, און זיך געקליבן צופאָרן קיין יאַשפּאָל, ווו עס האָבן שוין אָנגעהויבן אַרבעטן די ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס, האָט רייזל זיך אײַנגעבעטן, מע זאָל זי אויך מיטנעמען.

און טאַקע — קיין יאַשפּאָל איז אָנגעקומען מיט דער אָקאָרשט אויפגעשטעלטער באַן־ליניע דער ערשטער צוג, און רייזל די פּאָטשט האָט אָפּגעקליבן פאַר אירע אַדרעסאַטן די ערשטע עטלעכע בריוו אין סאָלדאַטישע דרײַעקן.

זי איז געווען גליקלעך, ווידער אָנפילנדיק איר לעדערנעם טאַש, און האָט געשײַנט פאַר גליק — ווײ־ווײ, א מין געגאַרטע זי וועט הײַנט זײַן באַ מענטשן!

אַרײַנגעפאָרן אין יִשעוו, האָט רייזל זיך גלײַך געלאָזט פאַנאַנדערטראָגן די ערשטע לעבעדיקע בסורעס פון דער גרויסער וועלט.

אָבער אייניקע מענטשן האָט זי געבראַכט ניט קיין פרייד, נאָר טיפן טרויער, ווייטעק. צווישן די בריוו זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעזאָגט וועגן העלדיש אומגעקומענע אַפן פראָנט.

אינגיכן, ווען מע פלעגט רייזלען דערזען אַף די גאַסן מיט בריוו, האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן שרעקן פאַר איר, דעריקער די סאָלדאַטקעס און די מאַמעס, וואָס די קינדער זייערע זײַנען געווען אַף דער מילכאָמע.

דאָס האָט שוין רייזלען אינגאַנצן צעבראָכן. איצט האָט זי מוירע געהאַט עפענען די קאָנווערטן און דרײַעקן, איבערלייענען די ערשטע, וואָס שרײַבט מען דאָרט, און זי האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ווען מע וועט אַהער צושיקן פון יאַשפּאָל א נאַטשאַלניק פון דער היגער

פּאָטשט־אָפּטיילונג, וועט זי אים בעטן, ער זאָל זי באַפרײַען פון אירע פליכטן. זאָלן יינגערע גײן אויף איר אָרט פאַנאַנדערטראָגן די בריוו.

עטלעכע מאָל איז זי געווען אַן איידעס, ווי מוטערס האָבן געעפנט די קאָנווערטן, אַ לויף געטאָן מיט די אויגן איבער די בריוולעך און געפאַלן כאַלאַשעס, מע האָט זיי קוים אָפּגעראַטעוועט. אַלץ האָט רייזל די פּאָטשט איבערגעטראָגן, אָבער ניט געקענט צוזען, ווי מאַמעס און סאָלדאַטקעס ברעכן די פינגער, רײַסן אויף זיך די האָר, שרײַען, ווי די דולע, באַוויינען זייערע ליבע און נאָענטע. און זי האָט געפֿיעלט בא זיך, אַז זי וועט זיך בעטן בא געדאַליע סאַנטאַס, ער זאָל זי שטעלן אַרבעטן אפן ווײַנגאָרטן. דאָרטן וועט פאַר איר זײַן גרינגער. די נערוון האַלטן מער ניט אויס.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, נאָך דעם, ווי רייזל איז געווען אַן איידעס, ווי אַ סאָלדאַטקע, וואָס האָט געהאַט דרײַ קליינע קינדער, האָט באַקומען אַ „פּאַכאָראָנקע", האָט זי באַשלאָסן: אויס, מער טראָגט זי ניט די פּאָטשט!

זי איז אוועקגעלאָפן צו פינכעס סאַנטאַסן און זיך פאַר אים גענומען קלאָגן אויף איר שווערן גורל:

— כאַווער פּראָפעסאָר! — זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל אָנגערופן מיטן פולן טיטל. — איך האָב צו אײַך אַ באַקאָשע, זײַט אַזוי גוט און כאַפּט אַ קוק, וואָס טוט זיך עס מיט מײַנע נערוון?

זי האָט אים געוואָלט אָנהייבן דערציילן אַלץ פון אָנהייב ביזן סאָף, נאָר פינכעס האָט זי אָפּגעשטעלט. אויף זײַן פּנים האָט זיך באַוויזן דאָס טרויעריקע שמייכעלע, וואָס איז אַלעמען שוין געווען באַקאַנט.

— רייזל טײַערע, — האָט ער געזאָגט, — עפּשער וועט איר מיר עפּעס אייַצענען, וואָס איך זאָל טאָן מיט מײַנע נערוון? איר מיינט, מיר איז גרינגער? נאָר איך לעב און איך טו אַלץ, וואָס מע דאַרף טאָן...

דער פּראָפעסאָר איז לעצטנס אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. ער איז אַלע טאָג באַגלייט מיט אַלעמען געקומען צום ברודער אפן ווײַנגאָרטן, געאַרבעט דאָ, געגראָבן די ערד, געפּלאַנצט יונגע לאָזעס. דער אוילעם האָט פאַר די שווערע יאָרן זיך אויסגעהונגערט נאָך אַרבעט, און ער האָט זיך אויך דורכגעדרונגען מיט זייערע זאָרגן. נאָר ער האָט דאָך געדאַרפט טראַכטן וועגן אומקערן זיך אַהיים, קיין מאָסקווע, צו זײַן אַרבעט אין אינסטיטוט און צו זײַן מישפּאָכע. האָט ער געוואַרט אויף אַ ידיִעה פון דער היים און געוואַרט אויף אַן ענטפער — ער האָט אויך געשיקט אַ ידיִעה וועגן זיך, — און עס איז שווער געווען צו וואַרטן...

צו דער געבײַדע פון דער פּאָטשט איז צוגעפאָרן אַ מאַשין און געבראַכט אַ גאַנץ פּעקל בריוו און צײַטונגען.

רייזל איז געווען אַזוי פאַרהאַוועט, אַז זי האָט אפילו ניט באַמערקט, ווי עס איז אַראָפּגעקראָכן פון דעם קוזאָוו אַ יונגער שוואַרצבײנווודיקער מענטש אין מיליצעס. ער איז געווען אָן איין פוס. אויף זײַן אויסגעצערט, פאַרוואַקסן פּנים האָבן זיך דעריקערשט אָנגעזען די אויגן — גרויסע, קאַרע. אפן אַקסל איז געהאַנגען אַ סאָלדאַטיש זעקל, אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע האָבן געשײַנט עטלעכע אָרדענס, מעדאַלן.

ס'איז געווען האַלבער טאָג. די זון האָט שטאַרק געפּאַליעט, און דער יישעוו איז געווען פּוסט — אַלע זײַנען אוועק אויף דער אַרבעט, און בלויז אין צווייטן עק רוזשיצע האָט מען געזען, ווי עס גייט מיט צווי עמער וואַסער אויף דער קאָראָמיסלע, אונטערטאַנצנדיק און זינגענדיק אַ ניגנדל, שאָמע דער וואַסערטרעגער.

דער מיליטערישער אין די מיליצעס האָט גראַדע גלײַך דערקענט רייזל די פּאָטשט און זי באַגריסט.

עטלעכע רגעס איז רייזל געשטאַנען אָן לאָשן און ענדלעך, ווי ניט מיט איר שטים, אויסגעשריגן:

— גאָטעניו, זאָל איך ניט זײַן רייזל, אויב דאָס איז ניט שמוליק, געדאַליעס זון!..

זי האָט ברייט צעעפנט אירע גרויסע, דערשראָקענע אויגן, אַ וואָרף געטאָן דאָס פּעקל בריוו אפן טיש און געלאָזט זיך צו שמוליקן מיט צעשפּרייטע הענט.

— אוי, אַ מאַזל דיר אין די ביינער, שמוליק!

זי האָט אים געקושט, געדריקט צו זיך, געוויינט, און ער האָט זיך געבעטן:

— רייזל טײַערע, דערציילט, ווו זײַנען מײַניקע, וואָס טוען זיי?..

— דאַנקען גאָט... דורך אַ נעס איז מען געראַטעוועט געוואָרן... און פאַר אַ יאָר צײַט

ווּעסטו דען אַלץ אויסדערציילן? אַלע זײַנען אַף די ווײַנגאָרטנער, נאָר לעסיע איז אין שול מיט די קינדער. און א טאָכטערקע האָסטו, שמוליק, — גאָלד!

שמוליק איז אוועק צו דער שול.

אַרײַנגעקומען אין הויף פון דער שול, האָט ער אוועקגעלייגט דעם שינעל און דעם רוקזאַק אַף די טרעפּלעך און איז אַרײַן אין קאָרידאָר.

פון קלאַס האָבן זיך דערטראָגן קלינגעוודיקע קינדערשע שטימען פון שילער. עס זײַנען געגאַנגען די לימודים.

שמוליק האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, פילנדיק, ווי דאָס האַרץ שלאָגט שטאַרק און אומרויִק. וויאַזוי וועט לעסיע אים באַגעגענען? ער איז דאָך אָט אָזאַ...

ער האָט נאָך ניט באַוויזן באַטראַכטן, וואָס טאָן, וואָס זאָגן, ווי פון צווייטן עק קאָרידאָר איז אַרויסגעשפּרונגען גאָר א קלײן שוואַרצכײנעוודיק מיידעלע פון א יאָר דרײַ־פיר, ניט מער. דערזען א מיליטערישן אַף מיליצעס, איז דאָס פּיצל געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט, און דאָ האָט נאָך דער, אַף די מיליצעס, אויסגעשטרעקט צום מיידעלע א האַנט, האָט זי זיך דערשראָקן און מיט א געשריי „מאַמע!" אוועקגעלאָפן אין קלאַס.

לעסיע האָט געוואָלט באַרויִקן דאָס קינד, נאָר יענע האָט זי אַרומגעכאַפּט און, אָנווײַזנדיק אַף דער טיר, געשריִען:

— עמעצער שטייט דאָרט, איך ווייס ניט, ווער דאָס איז!

לעסיע האָט זיך געלאָזט צו דער צעעפנטער טיר און געבליבן שטיין א דערשטוינטע אַף דער שוועל. זי האָט זיך באַגעגנט מיט שמוליקס בליק און דערפילט, אַז עס פאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ. זי איז שיִער ניט געפאַלן.

— שמוליק?!.. טײַערער! — האָט זי אויסגעשריגן און געוואָרפן זיך צו אים מיט פאַנאַנ־דערגעשפּרייטע אָרעמס, צוגעפאַלן צו זײַן ברוסט און זיך צעוויינט אַזוי, ווי זי האָט נאָך קיינ־מאָל ניט געוויינט.

די קינדער זײַנען אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר, געבליבן שטיין פאַרגאַפטע, באַטראַכט מיט כידעש דעם אומבאַקאַנטן אַף די מיליצעס, די אָרדענס און מעדאַלן אַף זײַן ברוסט.

קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן, האָט לעסיע א רוף געטאָן דאָס קליינינקע מיידעלע, וואָס האָט די ערשטע דערזען שמוליקן:

— אַנעלע, קום אַהער, שרעק זיך ניט! דאָס איז דײַן טאַטע געקומען, דײַן טאַטע...

נאָר דאָס פּיצל האָט אַלץ ניט געוואָגט צוגיין. די מיליצעס האָבן זי געשראָקן, זי האָט ניט געקאָנט באַנעמען, וואָס דאָ קומט פאָר.

מייער שפּיגל, וואָס האָט געשמאַק געדרעמלט אין עק פון קאָרידאָר אַף א טאַבורעטקע, האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף. א בייזער זיך געטאָן, לעמײַ מע האָט אים איבערגעשלאָגן אַזאַ מע־כײַעדיקן שלאָף, האָט ער זיך אופגעהויבן, ניט געגעבן אפילע קיין קוק אפן וואַנטזייגער, גע־כאַפּט דאָס גלעקל און גענומען קלינגען. דערהערט אָבער א טומל אין צווייטן עק און דערזען, אַז עס שטייט דאָרט עמעצער אַף מיליצעס, האָט דער אַלטער זיך געלאָזט אַהין שפּרינגען אַף זײַנע סקריפּענדיקע קוליעס.

— גאָטעניו! — שפּיגל האָט פאַריכט די ברילן אַף דער נאָז. — איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז א באַקענטער יונגערמאַן! שמוליק? גדאַליעס זון?!

איבערגעפירט דעם בליק אַף שמוליקס קוליעס, האָט מייער שפּיגל, פּונקט ווי ער, דער אַלטער, זאָל זײַן אין עפּעס שולדיק, צעפּירט מיט די הענט:

— וואָס קאָן מען מאַכן? אַזאַ ביטערע מילכאָמע! אַזוי באַשערט, ווײַזט אויס. נאָר אַבי מע לעבט. מיך האָט דער אומגליק געטראָפן נאָך בעשאַס יענער מילכאָמע... נישקאָשע, פאַל בא זיך ניט אַראָפּ... און דעם טאַטן, די מאַמע, אַלע אונדזערע האָסטו שוין געזען?

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַרום דער שול געוואָרן אַן אָנגעלאָף פון מענטשן. און כאָטש נעכאָמע איז געווען שטאַרק צעבראָכן, אָפּגעשוואַכט, איז זי געלאָפן די ערשטע אַראָפּ־באַרג, און דאָס ווײַסע קאָפּטיכל האָט בא איר אין האַנט געפלאַטערט אפן ווינט. נאָך איר האָבן מיט ברייטע טריט געײַלט גדאַליע סאַנטאָס, פּינכעס, סימכע קושניר, קוזמאַ, קסעניע...

מע האָט זיך געגריסט, אַרומגענומען זיך, געקושט זיך, גערעדט טרייסט־ווערטער. און מע־נאַשע באַנדער, קוקנדיק מיט קינע אַף דעם גאַסט, וואָס האָט שוין געהאַלטן אַנעלען אַף די הענט, האָט זיך אָנגערופן:

— דו הערסט, גדאַליע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אוי, וואָלט אונדז איצט צוניץ געקומען דײַן פּעסל ווײַן! ביז הײַנט פיל איך נאָך דעם טאַם...

קוזמא מאטיאש האָט, ווישנדיק מיטן ראַנד פון דער דלאָניע די טרערן, וואָס האָבן אים פלוצעם פאַרנעפּלט די אויגן, געזאָגט:

— קומט, מענטשן ליבע, צו מיר, קסעניע וועט עפּעס געפינען פאַר אַלעמען...

— און באַ מיר, מיינט איר, איז פאַר שמוליקן שוין גאָרניט פאַרגרייט? — האָט זיך אַריינגעמישט דאַנילאָ סאַוטשוק, גלעטנדיק זיינע לאַנגע וואָנצעס, — אַזאַ גאַסט! ער איז צו אונדז צו אַלעמען געקומען!..

— וואָס האָט איר זיך אָנגעוואָרפן אויף אים? — האָט זיך געערגערט נעכאַמע. — זאָל ער כאָטש אַריינגיין אין שטוב זיך אָרומוואַשן, זיך אָפּרוען...

טאַראַס מאַרגון, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט זיך אָנגערופן:

— גוט, נעכאַמע, זאָל זיין, ווי דו זאָגסט. נאָר אַז אַזאַ גאַסט איז צו אייך געקומען, ווילט איר אָפּקומען אַזוי פּאַשעט? נאָך דער אַרבעט וועלן מיר זיך צונויפנעמען און ברענגען, וואָס גאָט האָט געגעבן, און באַגריסן אונדזער שמוליקן, ווי ער פאַרדינט עס!

אַזוי האָט מען אָפּגערעדט. נאָר דאָך איז מען זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען.

סימכע קושניר האָט זיך געהאַלטן נעבנטער צום גאַסט. ער האָט זיך אין אים זאַט ניט געקאָנט אָנשפּיגלען. ער האָט מוירע געהאַט פאַרלירן כאָטש איין וואָרט שמוליקס.

ווי עס זאָל דאַרט ניט זיין, האָט ער, סימכע קושניר, געדאַרפט נאָך היינט פאַרשרייבן אין זיין בוך די גוטע נייס, אַז פונעם גרויסן פייער האָט זיך אומגעקערט דער ערשטער סאָלדאַט פון יישעוו און אַז דאָס איז געדאַליע סאַנטאָסעס זון. ער האָט זיך אומגעקערט אַ קאַליקע, נאָר ער וועט נאָר קומען צו־זיך און וועט זיך ווידער איינשפּאַנען אין גרויסן וואָגן.

און נאָך האָט סימכע געטראַכט מיט פריידן: סאַנטאָסעס שטאַם לעבט!

ווען די וויינטרויבן ווערן צייטיק

זינט יענעם טאָג איז שוין אַוועק אַ שיין ביסל יאָרן.

פאַר דער צייט האָט דער אַלטער, גרייזער דניעסטער אַוועקגעטראָגן אין יאַם אַריין אַזויפיל וואַסער, אַז מע וואָלט, דאַכט זיך, מיט דעם אַפּסניי געקאָנט אָנפילן ביז די ברעגעס אַ גאַנצן יאַם.

וויפל מאָל האָבן די אַלטע, גוטע לאָזעס אויפן ראַכוועסדיקן וויינגאָרטן, וואָס האָט זיך אַפּסניי פאַנאַנדערגעוואָרפן איבער די רוקנס פון די בערג, וועלכע לויפן אַראָפּ צום טייך, אָפּגעגעבן די געוועטענישן און אָראָפּגעשאָטן פון זיך די פאַרגעלטע און איינגעקאָרטשעטע בלעטער! וויפל מאָל האָבן די איידעלע לאָזעס איבערגעווינטערט אונטער דער ערד, ווידער אויסגעגלייכט זיך קעגן דער העלער זון, ווידער זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן, צעבליט זיך, אָנגעגאָסן מיט די בעסטע זאַפטן די וויינטרויבן, וואָס האָבן דערנאָך באַשיינט די יאָמטעוודיקע טישן אויף די גרעסטע סימכעס, דערפרייט די מענטשן, צעוואַרעמט זיי די געבלוטן.

אין אַ סאַך יאָרן אַרום, ווען דער זומער האָט זיך געגומען אויסלאָזן, בײַטן זיינע פאַרבן, און די ערשטע האַרבסטיקע זון־שטראַלן האָבן באַגילדט דעם דניעסטער, האָבן מיר זיך מיט די אַלטע שליאַכן דערקליבן צו אָט דעם ווינקל, וואָס ליגט ערגעץ אין עק פונעם פּאָדאָליער קאַנט. מיר זיינען געגאַנגען צו אונדזער באַקאַנטן יישעוו, געגאַנגען מיט אומרו, אַפּילע מיט אַ ביסעלע פּאַכעד... ווייל ווי דו זאָלסט ניט וועלן, טוען דאָך די יאָרן די זייערס!

פאַר די אויגן האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַן אומענדלעכער וואַלד. אָבער ניט קיין ביימער זיינען דאָס געווען — אין גלייכע רייען, צוגעבונדענע צו דראָטן און טיטשקעס, זיינען געהאַנגען גרויסאַרטיקע לאָזעס, און מיט אַלע קאָלירן פונעם רעגנבויגן האָבן אויף זיי געשיינט די זאַפטיקע שווערע וויינטרויבן־הענגלעך.

מיידלעך און יונגען, אַלטע לייט און קינדער — אַלע זיינען אַהער געקומען העלפן אַראָפּנעמען די רייכע געוועטעניש.

צווישן די געדיכטע קוסטעס האָבן געפּלאַטערט אויפן לייכטן ווינטל ווייסע און געקוויטלטע פאַטשיילעס, פּיאָנערישע האַלדזטיכלעך, דאָ און דאָרט האָט מען געזען שטרויענע קאַפּעליושן, קעפּקעס, אונטער דער צעפּאַליעטער זון האָבן געבלישטשעט פאַרברוינטע פּלייצעס פון די באָכערים, וואָס האָבן געטראָגן די שווערע קעסטלעך און געפּלאָכטענע קוישן — וועררייקעס. זשוואווע, אומדערמידלעכע און טומלדיקע בינען האָבן זיך געדרייט איבער די טרויבן אין זייער אייביקן קאַראַהאָד, די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די רייכעס פון יונגן ווייַן.

לעבן ברייטן צעעפנטן טויער פונעם וויינגאָרטן, באַ דער גרויסער וואָג האָט אין אַ צעכראַסטעטער אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע אַ פאַרשוויצטער געהאָוועט מענאַשע באָנדער.

גלײַך פון דער וואָג האָט ער צוזאַמען מיט די יונגע כעוורע געטראָגן צו די וועגעלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען ניט ווײַט, קעסטלעך און קוישן און אונטערגעוואונקען צו די אָנטרײַבער:

— אַנו, קינדערלעך, פֿרײלעכער, אַהין און צוריק! באַווײַזט אַרבעט!

און יענע האָבן באַוויזן אַרבעט, געײַלט אַראָפּ־באַרג, צו געדאַליעס ווײַנקעלער, ווו עס האָבן געוואַרט די גרויסע פּרעסן און טשאַנעס.

פון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט פֿריילעכע אויסגעשרײען, אַ געלעכטער, אַ געזאַנג.

לעסיע האָט נאָך גאַנצפֿרי געבראַכט אַהער, אַפן ווײַנגאָרטן, אַ גאַנצע כאָפּטע אירע שילער און שילערנס, וועלכע האָבן פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און פֿרײלעך, טומלדיק געהאָלפֿן שנײַדן די הענגלעך. און זי אַליין איז אויך געשטאַנען באַנאַנד מיט רוטען, געשניטן מיטן גרויסן שערל די זאַפטיקע הענגלעך און זיי צונויפֿגעלייגט אין אַ קויש.

לעסיע איז פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענער צײַט געוואָרן עטוואָס דיקער, זי איז שוין ניט געווען אַזוי באַוועגלעך און שלאַנק, ווי אַמאָל, פון אונטער איר ווײַס קאָפּטיכל האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ פֿאַסמע גראָוולעכע האָר, נאָר זי איז געווען, ווי אַמאָל, כיינעוודיק און גוטמוטיק.

פיל עלטער פון אירע יאָרן האָט אויסגעזען רוטע סאַנטאָס.

רוטעס גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן אָנגעוווירן זייער גלאַנץ. אין זיי איז געווען, דאַכט זיך, פֿאַרבאָרגן דער צאַר און ווייטעק פון דער גאַנצער וועלט. אַ שווערע וווּנד איז געבליבן אין האַרצן אַפן גאַנצן לעבן. זי האָט פֿאַרלוירן אַף שטענדיק איר ליבן, איר שימענען, — און קאָן אים ניט פֿאַרגעסן.

זי האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אַ פֿאַרוווּנדעטע, און דערצו נאָך — אָן אים. אין די לעצטע טעג פון דער מילכאָמע, ניט ווײַט פון בערלין, איז שימען געפֿאַלן אין שלאַכט. אין אַ שטילן באַגינען איז דאָס געווען. רוטע האָט באַוויזן צולויפֿן צו אים, ווען ער איז שוין געלעגן אַפן פֿרילינגדיקן גראָז, לעבן זײַן מינענוואַרפֿער, אַ שווער־פֿאַרוווּנדעטער פון אַ שפּליטער. ער איז אַף אירע הענט אויסגעגאַנגען. און אָט דאָס שוידערלעכע בילד — שימענס טויט — שטייט איר די גאַנצע צײַט פֿאַר די אויגן...

איבערן ברוקירטן שליאַך, וואָס איז געלאָפֿן אַראָפּ־באַרג, האָט זיך דערהערט אַ טראַסקערײַ פון אַ שווערן וואָגן, אַף וועלכן מע האָט אָקאָרשט געענדיקט פֿירן די סנאָפּעס ווייץ צום קאָל־ווירטישן טויק. ברייט צעשטעלט די פיס, ווי אַ מאַטראָס אַף דער פּאַלובע, בעשאַס דער יאַם שטורעמט, איז אַפן וואָגן געשטאַנען דאַניִלאָ סאַווטשוק, אונטערטרײַבנדיק די זאַטע ווײַסע פֿערד. אַף דער פֿור זײַנען געזעסן עטלעכע פּרויען, מיידלעך, אָנהאַלטנדיק זיך איינע אין דער צווייטער. קסעניע מאַטיאַש האָט זיך געבעטן באַם אַלטן, ווי מע בעט זיך באַ אַ גאַזלען, ער זאָל אַזוי ניט טרײַבן די פֿערד אַראָפּ־באַרג, נאָר דאָס איז אים גראַדע געווען געפֿעלן. פֿאַרדרייט אַף אַרוף זײַנע לאַנגע קאָזאַקישע וואָנצעס, האָט ער געטריבן די פֿערד נאָך שטאַרקער:

— זאָל מען זען, אַז מיר פֿאָרן נעמען אַפן בוקסיר אונדזערע שכיינים! דאָס ברויט איז שוין אַף די טויקן, איצט וועלן מיר העלפֿן אָפּפֿירן די ווײַנטרויבן...

— זע, אַלטער, עס זאָל ניט אויסקומען אָפּפֿירן דײַנע און אונדזערע ביינער!

— פֿאַר דעם, טײַבעלעך מײַנע, זאָרגט זיך ניט. איר וועט זײַן גאַנץ!

אַ גרויסער טומל האָט זיך אופֿגעהויבן באַם טויער, ווען עס איז צוגעפֿאָרן און אָפּגעשטעלט זיך דאָרט אַ נײַנקער, גרויסער סאַמאָסוואַל. פון דער קאַבינקע איז אַראָפּגעשפּרונגען, סקריפּענ־דיק מיטן פּראָטעז און אָנשפּאַרנדיק זיך אַף אַ שטעקל, שמוליק סאַנטאָס. ער האָט פֿאַרשלאָסן די עלעקטראָסטאַנציע און זיך געזעצט אין דער מאַשין, קעדיי אויך אונטערשטעלן אַ פּלייצע דאָ, אַפן ווײַנגאָרטן, העלפֿן אַריבערפֿירן אַף דער ווינאָדעליע די ווײַנטרויבן.

— נו, פֿרײלעכער! — האָט ער אויסגעשריגן. — טראָגט שנעלער די ווערייקעס!

— ניט געײַלט, שמוליק. דער טאָג איז נאָך אַ גרויסער. מיר וועלן באַווײַזן. מיט דײַן טאַנק קאָן מען בערג קערן! — האָט זיך אָנגערופֿן מענאַשע באָנדער.

דער אַלטער האָט אויסגעווישט מיטן אַרבל דאָס שווייסיקע, פֿאַרברוינטע פּאָנעם, אַ קוק געטאָן מיט די טרויעריקע, פֿאַרזשמורעטע אויגן אַף דער זון און אויסגעשריגן:

— אַהאַ! היי, קינדערלעך, אַנו וואַרפֿט אַוועק די אַרבעט! צײַט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. מע דאַרף דערקוויקן די נעשאָמע!..

שמוליק האָט זיך צעלאַכט:

— איך האָב נאָך ניט פֿאַרדינט הײַנט אַף מיטיק. נאָך קיין איין כאָדקע ניט געמאַכט...

— נישקאָשע, אַף דיר און אַף דײַן מאַשין מעג מען זיך פֿאַרלאָזן. דו וועסט באַ אונדז באַ־קומען אַן אַוואַנס. וואָס זאָגט איר, ווײַבער?

פֿון אַלע עקן ווײַנגאָרטן האָבן די מענטשן מיט טומל און ראַש זיך געלאָזט צום ראַנד פֿונעם יאַר, ווו עס איז מיט ברייט צעוואָרפֿענע לאַפּאַטע־צווײַגן געשטאַנען אַ ריזיקער נוסנבוים. מע האָט זיך אויסגעזעצט אין שאָטן, אַלע האָבן צעבונדן די קלומעקלעך און אַרויסגעלייגט אויפֿן גראָז אַלץ, וואָס מע האָט פֿאַרכאַפּט מיט זיך פֿון שטוב. עס האָבן זיך געיאַוועט אַ פּאָר בוטעלעס יונגער ווײַן.

קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן עפּעס נעמען אין מויל, ווי מע האָט דערזען אויפֿן שליאַך גע־דאַליען מיט קוזמאַ מאַטיאַשן. זיי האָבן געײַלט אין קאַנטאָר.

— היי, באַלעבאַטים, פֿאַרקערעוועט צו אונדזער געצעלט! — האָט אויסגעשריגן מענאַשע באַנדער, אָנרוקנדיק דעם צעקנייטשטן קאַרטוז אויף די אויגן, — קומט צו אונדזער סודע, נעמט אַ ביסן אין מויל, דאָס האַרץ זאָל אײַך ניט פֿאַרקליאַקנעט ווערן פֿון הונגער...

גערדאַליע סאַנטאָס האָט אַ שמייכל געטאָן אין די קורצע גרויע וואָנצעס:

— אָט וועלן מיר אַראָפּנעמען די טרויבן, ספּראַווען זיך מיט דער אַרבעט, וועלן מיר נעמען אַ לעכאַים...

— אײַ, גערדאַליע! דו זאָלסט אַזוינס זאָגן! — האָט קלוימערשט גאָר ערנסט זיך פֿאַרכידעשט מענאַשע. — ווען דאָס זאָל זאָגן דײַן שמוליק, אָדער לעסיע, אָדער רוטע, וואָלט איך זיי מוחל געווען. נאָר דיר? מיר זײַנען שוין אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. יעדער טאָג איז בײַ אונדז אַ געפֿונע־נער. דו ווייסט דען ניט, אַז דאָרטן, אויף יענער־וועלט, האַלט מען ניט פֿון קיין אַכילע, און ווער ווייסט, צי וועט מען אונדז דאָרטן געבן אַ שמעק טאָן דעם ווײַן?..

— גערעכט, מענאַשע! גערעכט! — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען פֿון אַלע זײַטן.

ווען מע האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט פֿון אָרט זיך אויפֿגעהויבן דאַנילאָ סאַווטשוק.

— גערדאַליע, — האָט ער געזאָגט, — דו ביסט דאָך אַן אַלטער סאָלדאַט, האָסטו דען פֿאַר־געסן דעם אַלטן געזעץ: אויב דו קאָנסט אויסטרינקען איצט, לייג ניט אָפּ אויף שפּעטער. שפּעטער זאָל זיך גאָט זאָרגן...

גערדאַליע האָט גוטמוטיק זיך איבערגעווונקען מיט מאַטיאַשן.

— איך האָב מורא, אַז אויב מיר וועלן פֿאַרזוכן דעם יונגן ווײַן איצט, וועט זיך פֿאַרגלוסטן כאַפּן אַ דרעמל, — האָט געענטפֿערט גערדאַליע, — ווען זשע וועלן מיר אַראָפּנעמען די ווײַנ־טרויבן? ווינטער?

קוזמאַ מאַטיאַש האָט געקײַט דעם געזאַלצענעם קעז און, פֿילנדיק אויף זיך דאַנילעס און מענאַשעס בעטנדיקע בליקן, געזאָגט צו גערדאַליען:

— שיק עמעצן, זאָל מען ברענגען נאָך אַ פּאָר סוליעס ווײַן... נאָר מער, ווי אַ קוואָרט, זאָל קיינער זיך ניט דערוועגן אויסטרינקען!

— אָט דאָס איז אַ זאַך! — האָט זיך דערפֿרייט מענאַשע, זיך אויפֿגעהויבן פֿונעם גראָז און גענומען אַן עמער. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— שיר ניט פֿאַרגעסן! שרײַב אָן אַ צעטל. מע וועט ניט געבן קיין טראָפּן אָן אַ צעטעלע...

גערדאַליע האָט זיך צעשמייכלט.

— עפּשער וועסטו בעסער, מענאַשע, צוגיין צום קוואַל און ברענגען אַ קאַלטן עמער וואַ־סער, וועט זײַן גלײַכער, ווי ווײַן?

— פֿע, ניט שיין אַזוי! — האָט זיך מענאַשע באַרויגעז אָנגערופֿן. — שרײַב אַ צעטעלע, גערדאַליע!

אַראָפּ־באַרג, ניט ווײַט פֿונעם ווײַנגאָרטן, וווּ ס'איז געווען אויפֿגעלעבט, ווי טאָמיד, בעשאַסן אַראָפּנעמען די גערעטעניש, איז געלעגן דער ייִשעוו, וואָס איז זיך שוין לאַנג צונויפֿגעוואַקסן מיט לוקאַשיווקע.

דאָס דאָזיקע ווינקל האָט מען שוין ניט געקאָנט דערקענען. דאָ און דאָרט האָבן פֿון דער ביימער־געדיכטעניש אַרויסגעקוקט גערהאַמע, שטיינערנע געבײַדעס — פֿונעם נײַעם קולטור־הויז, פֿון שפּיטאָל און סטאַם שיינע פֿינקלענדיקע וווין־הײַזער.

די געסלעך, וואָס לויפֿן אַראָפּ־ און אַרויף־באַרג, זײַנען געווען פּוסט. ווייניק־וואָר עס האָט אין אָט דער צײַט געקאָנט פֿאַרבלײַבן אין דער היים.

בלויז דורך די ברייט צעעפֿנטע פֿענצטער פֿון דער קאַנטאָר האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון דער שרײַבמאַשינקע און אַן אַלטע באַקאַנטע ליד, וואָס עמעצער האָט אונטערגעבאָמקעט:

וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן, טײַער לעבן מײַנס,
וואָס מײַן האַרץ ציט אַזוי צו די־י־י־י־יר?
איך האָב דיר גאָרניט אָפּגעטאָן, טײַער לעבן מײַנס,
איך האָב זיך פּאַשעט אײַנגעליבט אין די־ווי־ווי־ווי־ייר!

באם טיש, איבער זײַנע כעזשבוינעס איז געזעסן סימכע קושניר, און דאָס האָט ער, דער אַלטער באָכער, אונטערגעבאָמקעט דאָס לידל און ניט געלייגט דערבײַ קיין אכט אַף די צוויי יונגע מיידלעך — די געהילפן זײַנע, וועלכע זײַנען געזעסן בא די שכײנישע טישן אויך פאַרטאָן אין ארבעט.

מיטאמאָל האָבן פון א זײַטיק געסל זיך דערטראָגן שנעלע טריט.

דאָס איז מיט א פולער טאָרבע אפן אקסל געגאנגען רייזל די פאָטשט. זי האָט געײַלט צום ווײַנגאָרטן. די אַלטיטשקע, גראָווע פרוי האָט ניט געטאָרט פארשפעטיקן. זי האָט געוווּסט, אז מענטשן ווארטן אַף גוטע בסורעס. מענטשן קוקן אַף איר ארויס, און זי האָט ניט געקאָנט זײַן רויִק, ביז זי וועט ניט צעטראָגן די פאָטשט.

זי איז געגאנגען מיט איר שנעלן גענגל, ווי אין די אַלטע צײַטן. אין וועג האָט זי זיך בלויז אַף א פּאָר רעגעס פארהאַלטן בא איין טיר, בא א צווייטער: דאָ ארײַנגעשטעקט א פרישע בלאַט, דאָרט — א קאָנווערט, צו סימכע קושנירן אין פענצטער האָט זי ארײַנגעוואָרפן א גאנץ פּעקל בריוו, בלעטער, פּאַפּירן, זיך אפילע דורכגעווערטלט מיטן בוכהאַלטער, און, לאַכנדיק, אוועקגעלאָזט זיך ווײַטער. פון ווײַנגאָרטן האָט זיך צו איר דערטראָגן א הילכיק געזאנג. העכער פון אַלע האָבן געקלונגען מיידלשע שטימען. מע האָט געזונגען אין עטלעכע ווינקלען פונעם ווײַנגאָרטן באקאנטע לידער אַף יִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש, און צונויפגעגאָסן האָט זיך דאָס געזאנג אין איין הארציקער ליד, וואָס האָט געפרייט דאָס הארץ מיט דער נעשאָמע. און ווען זי שעמט זיך ניט, רייזל די פאָטשט, וואָלט זי זיך אויך צעזונגען...

בראָניק

באגעגענישן אין רעדאקציע

דעם 10 אפרעל ד. י. איז אין לאָקאַל פון דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאָרגעקומען אן אופנעם לעקאָוועד דעם גענעראַל־סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון יִיסראָעל מייער ווילנער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער דעלעגאציע פון קפּיי אפן 24־טן צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד. אפן אופנעם זײַנען בײַגעווען דער הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ ארן ווערגעלים, דער הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאַל „לענדער פון אזיע און אפריקע“ יויסעף בראגינסקי, א רייי מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע און מיטארבעטער פון רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווי אויך דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „זו האדערעך“ האנס לעברעכט.

מ. ווילנער האָט זיך באקענט מיט די שעפערישע פּלענער פונעם זשורנאַל, ספּעציִעל מיטן אפרעל־נומער, אין וועלכן עס זײַנען פארעפנטלעכט אייניקע מאטעריאַלן וועגן דער יִיסראָעל־ווירקלעכקײַט.

דער גאסט האָט דערציילט וועגן דער טעטיקײַט פון די קאָמוניסטן און פון אנדערע פּראָגרעסיווע קוייכעס אין לאַנד, וועלכע פירן אן ענערגישן קאמף פאר אײַנשטעלן א גערעכטן און דויערהאפטן שאָלעם צווישן יִיסראָעל און די שכיינעסדיקע אראבישע לענדער.

אין די טעג פונעם 24־טן צוזאמענפאָר פון דער קפּסס האָט די רעדאקציע באזוכט האנס וואַלפּקער, דער רעדאקטאָר פונעם צענטראַלן אָרגאן פון דער עסטרײַכישער קאָמוניסטישער פּארטיי „פאָלקס־שטימע“.

אן אינטערעסאנטע באגעגעניש איז פאָרגעקומען מיט א גרויסער גרופּע אמעריקאנער טוריסטן (160 מענטשן), וועלכע האָט זיך אינטערעסירט מיטן לעבן פון די יִידן אין סאָוועטנפארבאנד.

אין לאָקאַל פון רעדאקציע איז אויך פאָרגעקומען א באגעגעניש צווישן דעם הויפּט־רעדאקטאָר פון זשורנאַל ארן ווערגעלים מיטן קאָנגרעסמען פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע עדווארד קאָטש, וועלכן עס האָט באגלייט דער אמעריקאנער דיפּלאָמאט מארטין ארטור וועניק.

מאָטל גרוביאַן

פון ווערטער דער פלאַם

קינדהײַט

אדהײַעם איז נאָך ניט אויסגעקלאָרט,
ווער ס'האָט דיר פארקניפּט אין העמד
א קניפּל
נאָך אין דער קינדהײַט דאָרט...
ביז איצט באהאלטן ס'איז אונטער
א שטיין,
ביז איצט איך קאָן עס ניט צעקניפּן.
כ'זע: די זון בא איר אופגיין
און פארגיין
אזוי ריין אין טײַכל פלאקערט.

און איך איבער מײַן היים־שטאָט
מיט א ליד אין מויל לויף באקעט
און דער טײַך רינט פון מײַנע ליפּן.
אָט וועל איך אין וואסער אראָפּ,
מײַן קינדהײַט האלטן איבערן קאָפּ,
שווימען מיט מײַן פּעקעלע קליידער,
וואָס געפינען כ'האָב אונטער
א שטיין,
וואָס ביז איצט מיט די ציין
ניט געקענט כ'האָב צעקניפּן.

עדגאר פּאָ

מײַן וואנזין באהערשן העלף מיר,
כ'האָב דערמאָנט זיך עדגאר פּאָ —
ניט אף דער עווענױ דער צוועלפטער,
בא דעם וואָלגע־טײַך אָט־דאָ —
א ווינט איז געווען,
די שויבן פון פענצטער
צעהאקט,
כ'האָב א גלעזער געפּאקט,
פון עטאזש פון הויכן געשריגן:
— היי, רעב ייִד!
מײַנע שויבן דער ווינט האָט צעזעצט,
אין דער וואָלגע זיי ליגן,
הייב זיך אוף מיר די פענצטער
אָנגלאָזן!
איז דער גלעזער
געקראָכן פון עטאזש צו עטאזש,
ביז צו מײַנעם אין הימל
דערגרייכט ער האָט אזש.

איך האָב אים דערזען
און בין אים באפאלן:
— ווײַס גלאָז מיר געבראכט,
פארביקס איך דארף!
ביז סאָף לעבן כ'פיר א שלאכט
פאר א שענער פענצטער,
מײַן נעשאָמע זאָל פלאמען,
ווי א שײַטער באנאכט —
און א גאנצע לעוואָנע
זאָל הענגען אפן דאך —
כ'זאָל ווי א סווועניר זי שענקען
מײַן ליבער, מײַן שענסטער.
און מערקווירדיק. ס'איז גאָרניט צו
גלויבן,...
די ראָזעווע האנט
פון דעם געטלעכן דיכטער
שטעלט ארײַן מיר אין פענצטער
פארביקע שויבן.

א פארשנייטע ערד

ווען צום מישפּעט
מ'וועט מיך א רוף טאָן דאָרט,
ווו די סמאָלע אין קעסל
הערט ניט אוף צו זידן,
וועל איך ניט לייקענען,
אז מיט טויזנט שליסל

האָב איך געפּרוווט
עפענען די פײַערקאסע
פון דעם אייביק פארכאסמעטן וואָרט
און אז איך האָב בעפּיירעש געקלערט
פארשנייען די ערד
מיט מײַנע לידער.

א גאַנץ לעבן איין ליד

(אקראַסטיד)

כ׳האָב א גאַנץ לעבן איין ליד געשריבן,
אַז נאָר צו דיר סע פירן מײַנע וועגן.

נײַטיק נאָר א סטריכע פּאַר אונדזער ליבע,
עס זאָל ס׳פּייגעלע ניט נאַס ווערן פון רעגן.

ביסטו אַלץ נאָך קינדעריש, אין דימיען לײַכט,
לויפסט צו פרעמדע סרייפעס און ווערסט א טײַך.

און די היים דײַן אייגענע — כאַטש שרײַ גוואַלד —
שויך אוועק די יוגנט, ווי א פוקס אין וואַלד.

טויזנט מאָל מײַן טרער לויפט נאָך דיר צעשײַנט,
שטאַרק אַזוי דאָס פײַער פון דײַן פּיצל מויל!

— ייִנגל, זאָגסטו, ביסט מײַן גרויסער פרײַנט,
נאָר ניט פײַניק מיך פאַר נעכטן־הײַנט.

ס׳זאָל ניט ענג זײַן, ווילסט, מײַן קדושן־רינגל,
קאַרג מיר ניט קיין ליכט פון דײַנע צען פינגער,
יעדן טאָג שענק מיר א ביס מיט דײַן מויל.

אין מײַן לעוואָנע־לאַנד

(פון אמאָל)

אזא הויכער הימל
איבערן קאָפּ לײַכט.
אַן אָפּגענאַרט מיידל
וואַרפט זיך אין טײַך.

די קאָוועלעס שמידן
באַם ברעג די פערד;
אַפילע די לידער —
שוואַרץ, ווי די ערד.

ס׳ווײַסל פון אויג
וואָלט א שטעטל פאַרזעצט,
ווען א פישער דאָס מיידל
ציט ארויס מיט דער נעץ.

מײַן שטיפמאַמע רעגנט
מיט קלאָלעס א יאַם,
איר איינציק פאַרמעגן —
פון ווערטער דער פלאַם!

בינדיוזשניקעס שלאָגן
די ווײַבער גאַנצפרי,
קעדיי פרײַ זײַן באַטאָג
צו ערלעכער מי.

באַנדערס די פעסער
שניצן און רײדן,
שווער צו פאַרגעסן
ס׳דערטרונקענע מיידל.

א פליוך פון דער בריק,
און גרויס דער שוידער —
איר באָכער אין שטריק
הענגט אפן בוידעם.

אהין גאָר פליטע
האָט ער געמאַכט,
כ׳וואָלט אים אין קייטן
צוריק געבראַכט.

ס׳בולקעט דער טײַך,
מײַן לעוואָנע־לאַנד,
אין גורל זייער שווערן;
איך טאַפּ מיט דער האַנט
מײַן הייסן שטערן —
און פון די אויגן
גיסן זיך טרערן.

פעליסיען מאַרסאָ
(פראַנקרײַך)

א ווונדערלעכע ארבעט

— איך האָב כאסענע, — האָט געזאָגט פיאָרעלא. ארויסגערעדט האָט זי עס מיט זייער א מאָדנעם טאָן. און ווען איר וואָלט נאָך געזען אין יענער רעגע אירע גרויסע שיינע אויגן, וואָלט איר אין זיי איבערגעלייענט אן ארויסרוף. פארוואָס עפּעס אן ארויסרוף? דערוף האָט פיאָרעלא געהאט אירע וואָגיקע מאָטיוון. איך וועל שוין זען אלץ דערקלערן.

די צײַט פון דער האנדלונג — 1956, דאָס לאנד — איטאליע, די שטאָט — רוים, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, א פאָרשטאָט פון רוים, ווו אף א האלב־פארבויטן פלאץ מיט א פארלאָזטן סאָד האָט זיך געטוליעט א באשיידן שטיבל. אָט דאָרטן האָט געלעבט א גרויסע און ווילדע מישפּאָכע.

אלזאָ, אין דעם דאָזיקן שטיבל האָבן געוווינט: ערשטנס, בארטאָלאָמעאָ בוטאפאווא — א פופציקיאָריקער געזונטער מענטש, א מוליער, וועמען די נאטור האָט באשאָנקען מיט א פראָפיל פון א בעגילופנדיקן בורבאָן; צווייטנס, מאדאם בוטאפאווא — זײַן פרוי; דריטנס, זייער זון ראפאעלא — א שיין באָכערל מיט א הויט, וואָס איז טונקל, ווי די פרוכט פון איילבערט־ביימער, און מיט דינינקע ווענצעלעך; פערטנס און פינפטנס, זייער טאָכטער ליוויא — א דיקע ברייִדעוודיקע ברונעטן, און איר מאן דזשאָוואני — א געזעצטער און פעסטער, אויסערלעך שטארק ענלעך אף ספּענסער פרייסי[1] (דאָס האָט אים פארשאפן גרויס האנאָע); זעקסטנס, זיבעטנס און אכטנס, נאָך איין טאָכטער אנא — אויך א ברונעטן, א דארע, ניט קיין ברייִדעוודיקע, אָבער מיט א שארף צינגל, איר מאן — אן אלבינאָס מיט א פול מויל צונג, און זייער זון פאסקווילינאָ; צענטנס, נײַנטנס, פיאָרעלא — א טאָכטער, א שוועסטער, א שוועגערן, א מומע פון די אלע מענטשן, א צוואנציקיאָריק מיידל, שיין, ווי דער ליכטיקער טאָג, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ווי א שטורעם פון גאָט, אָבער אײַנגעשפּארט טאקע נאָר ווי אן אייזל.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז בארטאָלאָמעאָ בוטאפאווא געווען א מוליער, דאָס הייסט אף דער פראגע, מיט וואָס ער באשעפטיקט זיך, פלעגט ער ענטפערן, אז ער איז א מוליער. אָבער פון דעם איז לאכלוטן ניט געווען געדרונגען, אז ער האָט געארבעט ערגעץ אף א בויונג, ווײַל בארטאָלאָמעאָ בוטאפאווא איז געווען א שלימאזל...

קוים פלעגט ער זיך באווײַזן ערגעץ אף א בויונג, פלעגט ער באלד צוזעצן זיך אף א שטיין, צונויפנעמען ארום זיך אן אוילעם און אָנהייבן דערציילן פארשיידענע מײַסעס. דאָס וואָלט געווען ניט אזא גרויסער כיסאָרן, עס האָבן זיך אָבער געפונען באלעבאטים, וואָס דאָס איז זיי געווען ניט צום הארצן: זיי האָבן געהאלטן, אז פון דערציילן אנעקדאָטן רירט זיך די ארבעט ניט פון אָרט. און דאָ איז טאקע דער הונט באגראָבן...

טשיקאווע איז אָבער געווען, וואָס ניט נאָר בארטאָלאָמעאָ אליין איז געווען א שלימאזל, אויך די איבעריקע מיטגלידער פון זײַן מישפּאָכע. דער זון ראפאעלא, א פעסטער, געזונטער יונג, איז א שלאָסער בא א וואסערלייטונג. דאָס הייסט אף דער פראגע, מיט וואָס ער באשעפטיקט זיך, פלעגט ער ענטפערן, אז ער איז א שלאָסער. נאָר פארנומען האָט ער זיך מיט דעם גאנץ זעלטן, ווײַל, לאָמיר זאָגן דעם עמעס, דער וועג פון א שלאָסער איז ניט באשאָטן מיט קיין רויזן.

ראפאעלא האָט זיך אף זײַן געזונט קיינמאָל ניט געקלאָגט. שטענדיק איז ער געווען הונגעריק. ווי נאָר ער פלעגט זיך ארײַנכאפּן ערגעץ אין א וואנע, פלעגט ער איידער וואָס־ווען ארויסנעמען פונעם זעקל עפּעס איבערבײַסן. יעדערער האָט זיך זײַן געשמאק — ראפאעלא האָט געוויינלעך אונטערגעהאלטן די נעשאָמע מיט שטארקן קעז

[1] א באוווּסטער אמעריקאנער קינאָ־אקטיאָר.

און קנאָבל־וווּרשט. ווילט איר יאָ — גלייבט יאָ, ווילט איר ניט — גלייבט ניט, נאָר ס'זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז אַ וואַנע־צימער דאַרף ניט שמעקן מיט קנאָבל־וווּרשט. נו, איז ווי זשע האָט ראַפאַעלאַ געקאָנט אַרבעטן באַ אַזעלכע מענטשן?

וואָס שײַעך ביידע איידעמס, איז מיט זיי פאַרגעקומען פּונקט דאָס זעלבע. דער קורצינקער איז געווען אַ סטראַכיר־אַגענט, ער וואָלט געאַרבעט מיטן ביטערן שווייס, ווען די שטאָטלײַט וואָלטן זיך נאָר געלאָזט אײַנריידן...

דזשאָוואַני האָט געמאַכט אַ כעזשבן, אַז מע לאָזט אים אַרײַן אין איין שטוב פון דרײַ, און האָט באַשלאָסן, אַז ס'איז בעפּיירעש קנאַפּ. אַזאַ לאַגע האָט אים ניט צוגעגעבן קיין היץ. אויב מע זאָל אים גלייבן — און פאַרוואָס טאַקע ניט? — האָבן אים אַפילע דערפון אָנגעהויבן פּײַניקן ווילדע קאָפּווייטעקן. אַגעוו, ווייסט דאָך די מעדיצין נאָך פון מער מעשונעדיקע פאַלן.

דער אַלבינאָס וואָלט בעפּיירעש ווען זײַן אַ שווייצאַר. אַ בעקאָוועדיקע פּאַרנאָסע! די דאָזיקע קאַריערע וואָלט פאַר אים געווען ווי אָנגעמאָסטן, ווען ניט איין זאַך: ס'איז ניט געווען דאָס הויז, ווו מע זאָל קאָנען פאַרנעמען אָט די גרויסאַרטיקע שטעלע...

בעקיצער, צוליב די אַלע סיבעס האָט אין דער מישפּאָכע בוטאַפּאַוואַ קיין איין מאַנצבל ניט געאַרבעט. די גאַנצע פּאַרדינערנס זײַנען געווען די פרויען.

איינע פון די עלטערע שוועסטער איז געווען אַ פאַרקויפערן אין גרויסן אוניווערמאַג, די צווייטע האָט געאַרבעט דאָרט אין פּאַק־אָפּטייל. די ערגײַציקע פּיאָרעלאַ איז געווען אַ מאַשיניסטקע אין אַ רעקלאַם־אַגענטור. זייער מוטער דאָנאַ ראַשעל איז געווען אַ קעכן און, גלייבט מיר, ניט קיין פּראָסטע קעכן. מע פלעגט זי אײַנלאַדן סערווירן די טישן אַף גאָר געהויבענע מאָלצײַטן און צאָלן, וויפל זי האָט באַפוילן. זי האָט אויסגעזען און זיך געהאַלטן ווי אַן עמעסער הויפּט־קעכער. דאָנאַ ראַשעל האָט געהאַט זייער אַ שיינעם קאָליר פון פּאָנעם, פּיטשינקע וואָנצעלעך, אַ שוואַכן אַפּעטיט און אַן אײַזערנעם ווילן. איר דיקטאַטאָרישער כאַראַקטער האָט צעמענטירט דעם פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער פון דער מישפּאָכע.

דאָנאַ ראַשעל האָט געהאַלטן, אַז וויבאַלד זי האָט גענומען אַף זיך דעם אָל פון דערציִען די קינדער, איז גאָר קיין יוישער ניט, אַז די כאַסענע געהאַטע קינדער זאָלן פאַרלאָזן די מישפּאָכע. טאַקע דערפאַר זײַנען אַף בוטאַפּאַוועס שטיבל אויסגעוואַקסן צוויי מאַנסאַרדעס, וואָס אויסגעבויט זיי האָבן באַרטאָלאָמעאָ און ראַפאַעלאַ (טאָן עפּעס פון צײַט צו צײַט הייסט דאָך ניט פאַרוואַנדלען די אַרבעט אין אַ געוווינהײַט). אין די מאַנסאַרדעס זײַנען געווען די שלאָפצימערן פון ביידע יונגע פּאָרפאָלק. אין אַלגעמיין זײַנען די מיטגלידער פון דער מישפּאָכע בוטאַפּאַוואַ געווען צווישן זיך גוטעפרײַנט, ניט קוקנדיק אַף געוויסע כלוקעדייעס.

עמעס, די פרויען פלעגן קומען פון דער אַרבעט מידע און אויפגעשרויפטע, דערפאַר אָבער פלעגן זיי באַגעגענען אין שטוב ליבנסווירדיקע, אויסגערוטע מענער. נאָכן באַטאָגיקן אָפּרו האָט באַ די מענער געשפּילט די פאַרב אין פּאָנעם, מיט זייערע וויצן פלעגן זיי מאַכן פריילעך די האָרעפּאַשניצעס. צווישן איין קאָן און אַ צווייטן פלעגן זיי באַווײַזן אײַנקויפן, וואָס מע דאַרף, אָפּקאָכן מיטיק און אויפראַמען אין שטוב.

אָט אַזוי האָבן זיי געלעבט: די פרויען האָבן געאַרבעט, די מענער האָבן געלאָזט אַלץ גיין ווי עס גייט, און אַלע אין דער מישפּאָכע בוטאַפּאַוואַ זײַנען געווען ביז גאָר צופרידן, אַלע, כוץ פּיאָרעלאַ. און דאָס איז אַ בײַשפּיל דערפון, ווי פאַרדאָרבן עס איז דעם מענטשנס נאַטור. קיין איינער פון די פיר קאָרטנשפּילער איז ניט געווען פּיאָרעלאַס מאַן, האָט עס איר געדאַרפט אָנגיין ווינציקער, ווי אַנדערע. איז אָט האָסטו דיר, זי קאָן ניט לײַדן קיין מאַנצבלען־ליידיקגייער.

איינמאָל באַם אָוונטברויט האָט זי אויפגעהערט עסן און מיט אַ טראַגישן טאָן געזאָגט:

— ווי שעמט איר זיך ניט!

— טאַקע אַזוי, — האָט געזאָגט ליוויאַ, וואָס האָט פײַנט געהאַט זיך אַמפּערן, — טוט אַ קוק, זיי שעמען זיך אוואַדע.

— מיר שעמען זיך? — די איידעמס זײַנען זיך פאַרגאַנגען אין געלעכטער.

— עס קערט די גאַל פון די פּוסטעפּאַסניקעס, — האָט פּאָרגעזעצט פּיאָרעלאַ.

— סאַראַ מאָדנע דו ביסט, — האָט מיט אַ געלעכטער געזאָגט צו איר דער ברודער. — איך, אַשטייגער, האָב דאָך ניט קיין זאַך צו פרויען, וואָס אַרבעטן.

דאָס געלעכטער האָט ניט אויפגעהערט, ביז מ'האָט ניט פאַרענדיקט עסן די ספּאַגעט. פּיאָרעלאַ האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן:

— וואַרט נאָר, איך וועל וועגן דעם דערציילן אַף דער אַרבעט.

— וואָלסט בעסער געאַרבעט, איידער זיך געברויגעזט.

— ווען איך וואָלט געווען אַף דײַן אָרט...

— דו ביסט אָבער ניט אַף זײַן אָרט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאָנאַ ראַשעל. — עס דײַן כײלעק און באַרויִק זיך.

נאָר פּיאָרעלאַ האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

— יעדנפאַלס ווייס איך איינס... איך וועל כאַסענע האָבן מיט אַ מענטשן, וואָס וועט אַרבעטן.

— אויסגעצייכנט! — האָבן מיט כויזעק אויסגעשריִען די שוואָגערס. נאָכדעם האָבן זיי שוין

אַן קאָס געפרעגט: — דו גייסט מיט אונדז אין קינאָ?

פיאָרעלאַ האָט אַ קרים געטאָן מיטן נעזל, נאָר זי איז געגאַנגען, ווײַל זי האָט ליב געהאַט קינאָ. פונדעסטוועגן האָט זי אַ טיפן זיפץ געטאָן, ווען אויפן עקראַן האָט זיך באַוויזן אַן עמעסער מאַנצבל, וואָס אַרבעט...

דעריבער טאַקע איז זי געווען אַזוי גליקלעך און צופרידן, ווען זי האָט איינמאָל אין אָוונט געזאָגט: „איך האָב כאַסענע!"

די דאָזיקע נײַס האָט, נאַטירלעך, געמאַכט אַ היפּשע סענסאַציע.

— דו האָסט כאַסענע?

— יאָ.

— מיט וועמען?

— מיט אַ מאַנצבל!

— ס'קאָן ניט זײַן, — האָט זיך געוויצלט דער אַלבינאָס.

פיאָרעלאַ האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בייזן בליק.

— מיט אַ מאַנצבל, וועלכער אַרבעט, — האָט זי פאַרגעזעצט, — מיט אַ רעקלאַמע־אַגענט. אַ קאָפ־מענטש. פאַרדינט אַכציק טויזנט ליר אַ כוידעש.

די ציפער איז געווען אַ ביסעלע איבערגע־טריבן, נאָר דער אַלבינאָס האָט עס ניט געוווּסט. האָט אים אַזש פאַרשלאָגן דעם אָטעם. באַרטאָלאָ־מעאָ האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן.

— אַכציק טויזנט! — האָט ער געזאָגט.

אין צימער איז ווי ענג געוואָרן פונעם געלט.

— און אַמאָל נאָך מערער, — האָט פיאָרעלאַ שוין דרייסטער פאָרגעזעצט, — מע רופט אים דזשאַנפאַאָלאָ.

מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ האָט איינגעבויגן דעם קאָפ, פאַרטראַכטערהייט באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט פאַרזוכט, וואָס פאַר אַ טאַם דער נאָמען האָט. נאָכדעם האָט זי פעסט געזאָגט:

— ברענג אים אַהער.

דעם קומענדיקן זונטיק איז געקומען דזשאַנ־פאַאָלאָ און האָט געמאַכט זייער אַ גוטן אײַנדרוק אויף דער גאַנצער מישפּאָכע. ער איז געווען אַ הויכער, זיך עטוואָס געהויקערט און באַם ריידן געשלונגען די ווערטער. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ בונט־בלויען אָנצוג. פינף אַזייגער האָט מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, אַ זאָג געטאָן „יאָ" און איז אויפגעשטאַ־נען פון שטול. די גאַנצע מישפּאָכע האָט איר נאָכגעקוקט. פיאָרעלאַ ווידער האָט אַרופגעלייגט איר האַנט אויף דזשאַנפאַאָלאָס האַנט. יענער איז פון פאַרווּנדערונג געבליבן זיצן ווי אַ געליימ־טער. מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ האָט גענומען אַ שטעקן. אין די פענעמער פון די בנײ־באַיִס האָט מען געזען, אַז זיי פאַרשטייען, וואָס וועט ווײַטער פאָרקומען.

מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ האָט געעפנט די טיר און איז אַרויס אין גאָרטן. אַלע האָבן זיך געלאָזט נאָך איר. ס'איז נאָך ניט פינצטער געוואָרן, און די פאַרגייענדיקע זון האָט געוואָרפן די לעצטע שטראַלן. מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ האָט זיך אײַנגע־בויגן, מיט ראָש זיך אַראָפגעלאָזט אויף די קני און גענומען עפּעס צייכענען אויפן זאַמד. די בנײ־באַיִס האָבן פרײַ אָפּגעאָטעמט. די מאַדאַם בוטאַפּאַווּאַ האָט דערמיט געגעבן איר האַסקאָמע אויף דער כאַסענע, זי האָט געצייכנט דעם פּלאַן פון דעם שלאָפצימער פאַרן יונגן פאָרפאָלק.

אויף מאָרגן האָבן די מאַנצבלען מיט אַ פריילעך געלעכטער, אומטערפײַפנדיק, געפּאַטשט איינער דעם צווייטן איבער די רוקנס און זיך גענומען צו דער אַרבעט. באַרטאָלאָמעאָ האָט געלייגט די ווענט, ראַפאַעלאָ האָט געמאָסטן טרויבן, דער איידעם ספּענסער טרייסי האָט צוגעפירט ציגל, דער אַלבינאָס האָט געגעבן אייצעס.

אין צוויי כאָדאָשים אַרום איז דאָס שלאָפצי־מער, אַריסגעקלעפט מיט ראָזלעכע טאַפּעטן און מיט אַ טונקעלן באָרדיור, געווען אײַנגאַנצן פאַר־טיק. אויף דער כאַסענע האָט דאָנאַ ראַשעל, גאָר ניט ווי איר שטייגער, געלאָזט אַ טרער. יעדער מוטער וועט זי פאַרשטיין.

די ערשטע טעג נאָך דער כאַסענע זײַנען דורך ווי אין אידיליע. איך וואָלט געזאָגט, אַזאַ ריינע, ווי דער איטאַליענישער הימל, נאָר אויף וויפל דאָס קומט פאַר אין איטאַליע, איז אַזאַ מעטאַ־פאָרע איבעריק. ערעוו דער כאַסענע האָבן פיאָ־רעלאַ און איר מאַן גענומען אַ וואָך אורלויב. נאָר אָט איז געקומען דער טאָג, ווען זיי האָבן באַדאַרפט זיך אומקערן צו דער אַרבעט: פיאָ־רעלאַ אין קאַנטאָר, דזשאַנפאַאָלאָ — צו זײַנע קליענטן.

אין דעם פרימאָרגן איז פיאָרעלאַ, ווי עס פּאַסט פאַר אַ ווײַב פון אַן אַרבעטנדיקן מענטשן, אויפ־געשטאַנען די ערשטע צוגרייטן קאַווע. אין קיך האָט זי זיך באַגעגנט מיטן פאָטער, מיט ספּענ־סער טרייסי, וואָס האָט געגרייט פרישטיק, און מיטן אַלבינאָס, וועלכער האָט געוואָרעמט מילך פאַרן זון. די דאָזיקע אַרבעט האָבן זיי געטאָן מיט כיישעק, זיי האָבן דאָך געוווּסט, אַז זיי וועלן דערנאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּרוען פון דער פרי־מאָרגנדיקער האָרעוואַניע.

פיאָרעלאַ האָט זיך געפילט געטראָפן.

— געמעגט אַ טראַכט טאָן וועגן מיר אויך, — האָט זי געזאָגט. — ס'איז דען פאַר אײַך אַ נאַ־ווענע?

באַרטאָלאָמעאָ האָט מיט אַ פײַערלעכער מינע אַ דריי געטאָן מיטן פינגער פאַר איר נאָז:

— איצט האָסטו אַליין אַ מאַן, — האָט ער געזאָגט.

ווען פיאָרעלאַ האָט זיך אומגעקערט אין שלאָפ־צימער און דערזען, אַז דזשאַנפאַאָלאָ שלאָפט נאָך,

האָט זי זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט. נאָר דזשאַנפּאַאָלאָ האָט, ווי יעדער עמעסער האָרעפּאַשניק, ניט געפונען פאַר נייטיק צו רעאַגירן אַף דעם. ער האָט אַפילע ניט געענטפערט. אין אָוונט האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע. אין דער צײַט, ווען אירע שוועסטער זײַנען געקומען פון דער אַרבעט אין צוגעקליבענע צימערן, צו אַ גרייטן טיש, האָט פּיאָרעלאַ זיבן אין אָוונט ערשט געמוזט פאַרבעטן דאָס בעט, אויסקערן דאָס צימער, לויפן נאָך פלייש און שײַערן די טעפּ. ווען די גאַנצע מישפּאָכע האָט זיך נײַן אַזייגער אין אָוונט פרייליך אַרײַנגעשטעלט צו פּיאָרעלען אין צימער, זי אײַנלאַדן אין קינאָ, האָט יענע ערשט געהאַלטן אין גרייטן דעם וואַרמעס.

— העלף מיר, — האָט זי געזאָגט צום מאַן, וואָס האָט געלייענט אַ צײַטונג.

— איך האָב אַזוי אויך אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט ווי אַן אייזל, — האָט אַ באַליידיקטער געענטפערט דזשאַנפּאַאָלאָ.

— אַזוי וועלן מיר אין קינאָ קיינמאָל זיך ניט אויסקלײַבן.

— ווער קינאָ, וואָס קינאָ? איך בין הײַנט אַ גאַנצן טאָג אַף די פיס, און כ׳וויל נאָר איינס — וואָס גיכער זיך לייגן אין בעט.

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט. דזשאַנפּאַאָלאָ איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג.

גאָר אומדערוואַרט האָט פּיאָרעלאַ געמאַכט אַ וויכטיקע אַנטדעקונג: האָבן צײַט און ניט האָבן קיין געלט — איז שלעכט, נאָר האָבן געלט און ניט האָבן קיין צײַט — איז נאָך ערגער. סאָף כוידעש האָט איר געדולד געפּלאַצט. איינמאָל אינדערפרי איז זי מיט האַרצקלאַפּעניש אַרײַן צום דירעקטאָר אין קאַבינעט, געעפנט דאָס מויל, ווידער צוגעמאַכט און ענדלעך געמאָלדן, אַז זי איז שוין איצט אַ כאַסענע געהאַטע פרוי, אַז זי וויל זיך אינגאַנצן אָפּגעבן דער מישפּאָכע. און דעריבער גייט זי אַוועק פון דער אַרבעט.

אַוואַדע גערעכט! ניט קוקנדיק אַף די שטעכווערטלעך פון די בניי־באַיִס, איז דאָס, אַפּאָנעם, געווען די איינציקע לייזונג פון דער פּראָבלעם. גוט אויסגערוט זיך אין מעשעך פון טאָג, האָט פּיאָרעלאַ דערפילט, אַז ס׳האָט זיך צו איר אומגעגעקערט די גוטע שטימונג. און ווען דזשאַנפּאַאָלאָ איז אין אָוונט געקומען פון דער אַרבעט, האָט אַף אים געוואַרט אַ צוגעקליבן צימער, אַ געשמאַקער מיטיק און אַ ווײַב, פריש און שמעקנדיק, ווי אַ רויז. אַזוי איז דאָס לעבן באַם יונגן פּאָרפאָלק אַוועק ווי געשמירט.

צום באַדויערן, האָט מען דאָס זעלבע ניט געקאָנט זאָגן וועגן די איבעריקע בניי־באַיִס. מאַנצבלען האָבן שוין אַזאַ טעווע: אינגאַנצן זיך באַגיין אָן פרויען קאָנען זיי ניט, אָבער אין אַ ריין מאַנצבלשער געזעלשאַפט פילן זיי זיך פראַנק־און־פרײַ. די פיר מאַנצבלען פון דער מישפּאָכע בוטאַפּאַוואַ זײַנען ניט געווען קיין אויסנאַם פונעם קלאַל. ביז זיי זײַנען געווען די פולע באַלעבאַטים אין שטוב, האָבן זיי זיך געלאָזט וווילגיין — ביז האַלבן טאָג זיך געוואַלגערט אַף די געלעגערס, רייכערנדיק סיגאַרעטן, אַרומגעגאַנגען איבער דער דירע אין פּיזשאַמעס. פּיאָרעלאַ האָט דאָס ניט געוואָלט לײַדן. די מאַנצבלען זײַנען געווען אויסער־זיך, נאָר זיי האָבן זיך געמוזט אָנטאָן. די אַטמאָספער איז אָנגעגליט געוואָרן, און עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד האָבן די ווײַבער, קומענדיק אַהיים, מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אַף זייערע באַרויגעזע צערייצטע מענער. אַפילע דזשאַנפּאַאָלאָ איז געווען ניט שטאַרק צופרידן.

— ניט צו גלייבן, — פלעגט ער זאָגן, — דאָ אין שטוב בין איך דער איינציקער מאַנצבל, וואָס אַרבעט, און דײַנע שוואָגערלעך לעבן זיך אַ גוטן טאָג.

ווײַזט אויס, אַז ער האָט זיי אָנגעהויבן מעקאַנע זײַן.

די קומענדיקע צוויי וואָכן איז געוואָרן נאָך ערגער. אַזוי ווי פּיאָרעלאַ איז געווען אַן אַקשנטע און האָט ניט דערלאָזט, אַז אין שטוב זאָל זײַן שטענדיק אָנגעוואָרפן און דער אוילעם זאָל זיך ניט אָפּרײַסן פון די קאָרטן, האָבן די מאַנצבלען אָנגעהויבן גיין שפּילן אין קאַפע. און אין אַ קאַפע, ווי באַוווּסט, מוז מען עפּעס אויסטרינקען, וואָרעם אַנדערש דאַרף מען אַהינצו ניט גיין. דער פעסטער בודזשעט פון דער מישפּאָכע איז געווען אין געפאַר. אייניקע פון די באַשטענדיקע קליִענטן פון קאַפע האָבן געהאַט גאָר אַנדערע פּאָליטישע אָנשויונגען, איידער באַרטאָלאָמעאָ, האָט מען זיך געאַמפּערט. באַרטאָלאָמעאָ פלעגט זיך אומקערן אין שטוב מיט אַ פּאָנעם, איבערגעקרימט פון קאַס.

אַנומלטן האָט עמעצער גענומען אויסלאַכן, וויִאַזוי דער אַלבינאָס רעדט. דער כויזעקמאַכער איז געווען אַ פליכעוואַטער. און דער אַלבינאָס האָט אים געענטפערט, אַז בעסער איז ריידן מיט אַ פול מויל האָר, איידער ניט האָבן קיין איינציק הערעלע אַפן קאָפּ. דעם פליכעוואַטן איז עס ניט געפעלן געוואָרן. איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דעם אַלבינאָס האָט מען אונטערגעהאַקט אַן אויג, און ער איז דרײַ טעג אַרומגעגאַנגען מיט אַ געשוואָלן פּאָנעם. ווען זײַן ווײַב האָט אים גענומען מוסערן, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איר געענטפערט מיט אַ האָגל זידלערײַ.

אין יענעם אָוונט, ווען דאָס איז געשען, האָט מאַדאַם בוטאַפּאַוואַ ענדגילטיק פאַרלאָרן דאָס געדולד.

מיט אַן אויסדרוקפולן זשעסט האָט זי געזעגנט דעם אַלבינאָס אָנשוויגן צו ווערן, דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַרײַן צו פּיאָרע־

לען אין צימער. דער אַלטער גוטמוטיקער באַרטאָ־לאָמעאָ האָט באַ איר הינטער דער פּלייצע גנייד־וויש געפּינטלט מיט די אויגן צו די איידעמס און טעכטער. פון הינטער דער פאַרמאַכטער טיר האָבן זיי אין דער שטילקייט דערהערט דזשאַנ־פּאַאָלאָס בייזע שטים:

— ווי זשע וועט זײַן מיט מײַן אַרבעט?

און נאָכדעם:

— זייער גוט, מיר פאָרן אַוועק...

אין קיך האָט באַרטאָלאָמעאָ באַרויִקנדיק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. דזשאַנפּאַאָלאָ וועט אין ערגעץ ניט אַוועקפאָרן, וועגן דעם וועט שוין זאָרגן מאַ־דאַם בוטאַפּאַוואַ. אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט איר קאָל:

— פאָרט, אויב איר ווילט. נאָר ווינציקער ווי פאַר צוואַנציק טויזנט ליר וועט איר אַלציינס אין ערגעץ גאָרנישט ניט געפינען...

איצט, אַז איר גייט פאַרבײַ בוטאַפּאַוואַס הויז, זעט איר, אַז עס הערשט דאָרטן רו און פרידן. פרילינג זיצן די מאַנצבלען אַף די טרעפּ און שפּילן אין קאָרטן. פּיאָרעלאַ אַרבעט שוין ווידער. אַלע אינדערפרי שטייט אוף איר מאַן דער ער־שטער און גרייט פרישטיק. אַ דזשענטלמען לויט דער נאַטור, באַגלייט ער זי דערנאָך ביזן טראַמווײַ.

אין שטוב וואַרט מען שוין אַף אים מיטן ערשטן קאָן. ס'דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פונדעסטוועגן פאַרנעמט ער זיך אַמאָל מיט פאַרשיידענע שטוב־אַרבעטן. די אַלטע געוווינהײַט לאָזט זיך פילן, און ער קאָן נאָך אַלץ ניט פּוסטעפּאַסעווען. אינגיכן וועט ער שוין דאַרפן וואַרעמען פלעשעלעך מילך פאַרן קינד.

ייִדיש — ש. גאָרשמאַן

כראָניק

נײַע ביכער־סעריעס אין אויסלענדישע פאַרלאַגן

„ביבליִאָטעק פון דיכטער"

דער וואַרשעווער פאַרלאַג „ליודאָ־וואַ ספּולדזעלניאַ ווידאַווניטשאַ" האָט, אָנהייבנדיק פון 1967, אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער־סעריעס פונעם ציקל „די ביבליִאָטעק פון דיכטער".

יעדע זאַמלונג פון דער סעריע איז געווידמעט דער שאַפונג פון איין דיכטער. עס ווערן געגעבן זײַנע אויסגעוויילטע לידער, אַ גענויער אַרײַנפיר און ביִאָגראַפישע יעדיִעס.

ווי עס טיילט מיט דער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער וואָכנצײַטונג „פּוילישע איבערזיכטן", זײַנען אין 1970 דערשינען די זאַמלונגען פון פּושקין, אויִטמען, מעזשעלײַטיס אאַ.

מאָנאָגראַפיעס וועגן גרויסע קינסטלער

אין פראַנקרײַך דערשײַנען איצט פיל מאָנאָגראַפיעס, געווידמעט די מײַסטערס פון דער מאָלערײַ־קונסט. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז, לויט דער מיינונג פון ספּעציִאַליסטן, די סעריע „ביבליִאָטעק פון גרויסע קינסטלער", וואָס ווערט אַרויסגע־געבן אין פאַרלאַג „סיאָרקל ד'אַר". די גוט דורכגעטראַכטע טעקסטן, אין איינקלאַנג מיט די פאַרביקע און טאָנאָווע איליוסטראַציעס, העלפן דעם לייענער זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דער אייגנאַרטיקײַט פון באַזונדערע קינסטלער און ריכטיק אָפּשאַצן די ווערט פון זייערע ווערק.

פיל מאָנאָגראַפיעס פון דער סעריע ווערן אויסגענוצט אַלס הילפס־מאַטעריאַלן צו שטודירן קונסט. לעצטנס זײַנען אין פאַרלאַג „סיאָרקל ד'אַר" דערשינען אויסגאַבעס, גע־ווידמעט אַזוינע באַרימטע קונסט־מײַסטערס, ווי גאָיאַ, באָנאַר, על גרעקאָ.

■ ■ ■

טרערן

איך האָב געזאָגט צו מײַן נײַער דינסט:

— דײַן אַרט ריידן איז ניט אונדזערס; פונוואַנען ביסטו?

— פון דאָרף ספּיטשע. אָבער דער גוירל האָט מיך פאַרוואָרפן אין אײַערע קאַנטן...

אַמאָל איז די דאָזיקע פרוי געווען א בלאָנדינקע מיט בלויע אויגן. איצט זײַנען אירע האָר פאַרוועלקט, קאָלירלאָז, ווי בײַליקע ליאַלקעס פון די קליינע געוועלבער. און אין די אויגן איז ניט פאַרבליבן קיין שום גלאַנץ; זיי זײַנען פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר און פולשטענדיק אויסגעטריקנט. עס איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו זען אַזעלכע טרוקענע, אָן לעבן אויגן. איך האָב געטראַכט, אַז זי וועט פאַרדאַרבן מײַן שטימונג מיט איר אויסזען. „איך וועל זיך באַמיִען צו געפינען א מער פּאַסיקע דינסט און פון דער פּאַטער ווערן", — אַזוי האָב איך באַשלאָסן.

אָבער איך האָב זיך ניט געשיידט מיט איישען, נאָכדעם ווי זי האָט מיר דערציילט איר געשיכטע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס איז אויסגעבראָכן די באַלקאַנישע מילכאָמע, איז אינעם גרענעץ־דאָרף אַנטשטאַנען א פּאַניק: דער סוינע רוקט זיך!..

די באַפעלקערונג פון דאָרף איז געלאָפן, איבערלאָזנדיק באַלעבאַטישקײַט, שאָף, פאַרמעגן. מע האָט בלויז מיטגענומען פערד, אָקסן, וועגענער.

אויך די אַלמאָנע איישע האָט זיך געקליבן אין וועג אַרײַן. זי האָט זיך געזעצט רײַטנדיק אַפן פערד, צובינדנדיק פון הינטן איר פינפיאָריקן זון, אַף די קני האָט זי אַוועקגעזעצט איר דרײַיאָריק טעכטערל, און דאָס יאָריקע אויפעלע האָט זי גענומען אַף די הענט.

עס איז אָן אופהער געגאַנגען א קאַלטער הארבסט־רעגן. מענטשן האָבן געוווּסט, אַז אויב דער רעגן וועט ניט אופהערן, וועט ער פאַרפּלייצן דעם גאַנצן טאָל.

און זיי האָבן זיך געײַלט, זיי האָבן באַמיט זיך צו ראַטעווען — ווער רײַטנדיק, ווער צופוס. מע איז געלאָפן, געהאַלטן אין איין לויפן...

פון פאָרנט — בלויז רעגן, בלאָטע און א געדיכטע פינצטערניש. פון הינטן — זומפּן, וואַסער, נאַכט... פונדערווײַטנס האָט זיך געלאָזט הערן א גערויש פון די ווירבלענדיקע טײַכן, און זײַט בא זײַט — א טופּערײַ פון די פערד און דאָס כליופּטשען פון פיס אין בלאָטע.

איישע האָט געשפּירט, ווי די קליינע הענטעלעך, וואָס קלאַמערן זיך אַרום איר פון הינטן, ווערן אָפּגעשוואַכט.

— שלאָף ניט, אַלי, שלאָף ניט אײַן, מײַן זון!

דאָס טעכטערל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די קני.

— שלאָף ניט, עמינע, שלאָף ניט, טעכטערל!

אַף די הענט האָט שטיל געוויינט דאָס אויפעלע.

— שלאָף, ליכט פון מײַנע אויגן, שלאָף, אָסמאַן, קינד מײַנס!

די אַלטע קראַנקע קליאַטשע האָט זיך געוואַלגערט אין א זײַט, אָבער באַמיט זיך צו גיין פאָרויס. וואָס ווײַטער, אַלץ מער איז דער באָדן געוואָרן ווייכער. דער רעגן האָט געגאָסן, און די מענטשן זײַנען געשטאַנען פאַר א סאַקאָנע אײַנגעזונקען צו ווערן אין בלאָטע, דערטרונקען צו ווערן אינעם ווירבלענדיקן טײַך אָדער ביכלאַל פאַרלירן דעם וועג.

איישע האָט געזען, אַז די קויכעס פונעם פערד ווערן אויסגעשעפּט. איר איז שוין ניט געווען שרעקלעך צו שטאַרבן אָט אַזוי, אַרומנעמענדיק אירע קינדער. דאָס שרעקלעכסטע איז געווען צו פאַרלירן דאָס פערד און בלײַבן אַף דעם שוידערלעכן וועג איינע אַליין מיט אירע קינדערלעך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּונקט דאָס האָט טאַקע פּאַסירט. דאָס פערד האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן אַף די קני, נאָכדעם איז עס אַנידערגעפאַלן אַף א זײַט, אויסגעצויגן די פיס און מער זיך ניט געקאָנט אופהייבן. זיי זײַנען אַוועק צופוס. מער פון אַלץ האָט איישע מוירע געהאַט אָפּצושטיין פון די מענטשן, וואָס זײַנען געלאָפן אין פּאַניק.

זעענדיק, אַז זי איז שוין ווײַט אָפּגעשטאַנען, האָט זי זיך באַמיט צו לויפן שנעלער. אָבער זי האָט טייקעף פאַרשטאַנען, אַז עס וועלן איר ניט סטײַען קיין קויכעס צו טראָגן דרײַ קינדער. זי איז געלאָפן און געטראַכט: קעדיי צו ראַטעווען

צוויי פון זיי, דארף מען מאקריוו זײַן דאָס דריטע...

אָבער וועלכעס?

איישע וויל ניט און קאָן ניט אָפּוואַרפן די קליינע הענטעלעך פון איר זון אלי, וואָס לױפט די גאַנצע צײַט בײַ דער זײַט, קלאַמערט זיך צו איר, לױפט אין בלאָטע ביז די קני. זי האָט ניט קיין קויכעס אָפּצורײַסן די קליינע הענטעלעך, וואָס האָבן ארומגענומען איר האלדז. אָבער אָט דאָס קליינע אומבאהאָלפענע אױפעלע, וואָס ליגט שטיל, אומבאַוועגלעך בײַ איר ברוסט, לעבט שוין, דוכט זיך, ניט. און עפשער איז עס בעעמעס גע־שטאָרבן, געשטאָרבן פון קעלט, פון רעגן, פּאָשעט דערשטיקט געוואָרן? די מאמע האָט זיך געוואָלט איבערצײַגן, צי איר זון איז בעעמעס טויט, דאַן וועט זי זײַן קערפּער אוועקלייגן אַף א טרוקן, ריין אָרט.

און אינעם מוירעדיקן גערויש, שלעפנדיק איין קינד פאר דער האנט און דאָס צווייטע אַף דער פּלייצע, האָט זי זיך צוגעבויגן צום דריטן, צו־געלייגט דעם אויער, מיט דער מוירע, אז עס לעבט שוין ניט. אָבער זי הערט א שטיל געוויין...

■

און דער האמוין קריכט קעסיידער פּאָרויס, דערמאָנענדיק מיט זיך די שטיקלעך פון א צע־בראָכענער שיף, וועלכע ווערן דאָ פארזונקען אין וואסער און דאָ ווערן זיי ווידער ארויסגעוואָרפן אַף דער אויבערפלאַך פונעם ברויזנדיקן וואסער. פיל מענטשן זײַנען געפאַלן אין דער פינצטער־ניש און זיך שוין מער ניט אופגעהויבן, ווערנדיק צעטראָטן דורך די גייענדיקע פון הינטן.

איישע האָט זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט באַשליסן.

איר פּאָנעם, לײַב און מאלבושים — אלץ איז געוואָרן נאַס, ניט אזוי שטארק פון רעגן, ווי פון קאַלטן שוויס. דער מאמעס קויכעס זײַנען אויס־געשעפּט געוואָרן. אירע פיס, וואָס האָבן געטאָפּ־טשעט אין בלאָטע, האָבן זיך געבויגן. דער רוקן און די הענט האָבן געווייטעקט און איר גאנצער גוף איז געוואָרן אזוי צעבראָכן, אז זי האָט צומאָל ניט דערשפּירט און ניט באמערקט, אז איר לינקע האנט האָט אוועקגעוואָרפן די מאסע...

איצט איז שוין לעבן איר ברוסט געלעגן אַן אנדער מאסע, א שווערערע און א ווארעמערע, די מאסע פון איר זון אלי, וועלכער איז צום אָנהייב געלאָפן, דערנאָך אָן קויכעס, ווי א טויטער קער־פּער, וואָס איז צוגעבונדן צו א פערד, האָט ער זיך געשלעפּט נאָך דער מאמען, וועלכע האָט אים געהאַלטן פאר דער האנט. ער און די מאמע האָבן זיך געדריקט איינער צום צווייטן, ווי נאָך א לאַנ־גער צעשיידונג.

און דער האמוין איז קעסיידער געלאָפן — אין א געדיכטער פינצטערניש, אונטער א שלאַקס־רעגן.

— — — — — — — — — — — — —

ווי לאַנג לױפן זיי שוין? עפשער א שאָ און עפשער עטלעכע מינוט, און עפשער דאכט זיך זיי, אז זיי לױפן? איישע האָט אויסגעשעפּט אירע קויכעס. זי האָט געשפּירט, אז אָט־אָט פאלט זי, בלײַבט ליגן אַפן וועג, ווי זייער פערד. עס האָט זיך איר געוואָלט שרײַען, רופן נאָך הילף, אָבער זי האָט פארגעזעצט צו לױפן. און מיטאמאָל האָט זי דערשפּירט א גוואַלדיקע פארלײַכטערונג, ווי עמעץ וואָלט איר א שטופּ געטאָן אין פּלייצע.

ערשט אין א צײַט ארום איז צו איישעס באַ־וווּסטזײַן דערגאַנגען, אז די קליינע שוואכע הענט־לעך האַלטן זיך שוין ניט ארום איר האלדז, אז עמינע איז אראָפּגעפאַלן.

— קריך אַרוף צו מיר אַפן רוקן, אלי. האַלט זיך פעסט, האַלט זיך גוט, מײַן זון, לאָז ניט אראָפּ דײַנע הענט!

און אָט אזוי, פארלירנדיק די לעצטע טראָפּנס פון איר בלוט — געפאַלן, ווידער זיך אופגעהויבן און ווידער געפאַלן, באגאָסן פון רעגן און טרערן, — איז זי געלאָפן מיטן האמוין. גליקלעך דערמיט, וואָס זי האָט געראַטעוועט איר זון, האָט זי דעריאָגט די איבעריקע מענטשן און געלאָפן פּאָרויס.

אינדערפרי זײַנען די פּלייטים אָנגעקומען אין א קליינעם יישעוו, איבער וועלכן עס האָט גע־פלאַטערט די פאָן מיט א האַלבער לעוואָנע און שטערן. איישע האָט אראָפּגעלאָזט איר מאסע אַף דער ערד.

— מיר זײַנען געראַטעוועט, אלי! שטיי אוף, אלי!

אָבער אלי איז ניט אופגעשטאַנען. אלי האָט זיך ניט באַוועגט. איישע האָט ניט פארשטאַנען און ניט געוואָלט פארשטיין, אז זינט עטלעכע שאָ האָט זי אַף זיך געשלעפּט דעם טויטן קערפּער פון איר זון. זי האָט געהאַלטן אין איין שרײַען:

— שטיי אוף, אלי! מיר זײַנען געראַטעוועט, אלי!

— — — — — — — — — — — — —

...די פרוי האָט געשמייכלט, פײַנלעך גע־שמייכלט דורך טרערן, וועלכע האָבן געפלאָסן פון אירע אויגן, ווי יענער רעגן באנאכט.

יידיש — מ. ראקאָווסקי

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

וואָס הערט זיך אין די ליטעראַטורן פֿון אויסלאַנד

א נײַער ראָמאַן פֿון זשאָרזשי אַמאַדו „דאָס מאַפּסים־קרעמל"

זשאָרזשי אמאדו פֿאַרענדיקט זײַן צוואַנציקסטן בוך — דעם ראָמאַן „דאָס מאָפּסים־קרעמל".

אמאדו איז איינער פֿון די ווייניקע בראַזיליער שרײַבער, וועלכע לעבן בלויז פֿון די אײַנקונפֿטן פֿון זייערע אייגענע ווערק. דאָס ערשטע בוך פֿון אמאדו — דער ראָמאַן „דאָס קאַרנאַוואַללאַנד" — איז פֿאַרעפֿנטלעכט מיט 40 יאָר צוריק, ווען דער אוטאָר איז אַלט געווען 18 יאָר. איצט איז אמאדו א מיטגליד פֿון דער בראַזיליער ליטעראַרישער אקאַדעמיע. זײַנע ביכער זײַנען איבערגעזעצט אויף 33 שפּראַכן און האָבן אויסגעהאַלטן קימאַט 500 אויסגאַבעס. דער פֿאַרלאַג „ליווראַריא מאַרטינס" אין סאַן־פּאַולאָ, וועלכער האָט אָפּגעקויפֿט דאָס רעכט צו אַרויסגעבן אין בראַזיליע זש. אמאדוס ביכער, גרייט צום דרוק זײַן צוואַנציקסטן ראָמאַן, דאָס יובֿילײ־בוך, מיט א טיראַזש פֿון דער ערשטער אויסגאַבע 100 טויזנט עקזעמפּלאַרן. דאָס איז דער איינציקער פֿאַל אין דער געשיכטע פֿון בראַזיליע, אַז די ערשטע אויסגאַבע פֿון א בוך זאָל דערשײַנען אין אַזאַ ריזיקן טיראַזש.

...מיר זיצן מיטן שרײַבער אין זײַן אַרבעטס־קאַבינעט. דאָ איז ענג פֿון ביכער, פֿון קונסט־אַרטיקלען, בילדער און סקולפּטורן פֿון באַוווּסטע מײַסטערס און פֿון מײַסטערס, וועלכע ער האָט אַנטדעקט. זשאָרזשי אמאדו איז אַלט 58 יאָר. לעבעדיקע אויגן, א קאָפּ מיט שטאַרק באַזילבערטע האָר. דעם שמועס פֿירט ער מיט אינטערעס. נאָר וועגן זײַנע פּלענער רעדט ער אײַנגעהאַלטן.

דער שרײַבער פֿירט אַריבער דעם שמועס אויף זײַן יובֿילײ־ראָמאַן און איז זיך מודה, אַז אין פּראָצעס פֿון שרײַבן איז ער אָפּגעטראָטן פֿון דעם אורפּאַנגלעכן פֿאַרטראַכט. ער האָט זיך געקליבן שרײַבן א קאָמישן ראָמאַן וועגן דעם לעבן פֿון די בראַזיליער פֿונעם שטאַט באַיאַ, באַווײַזנדיק „אין קווערשניט" די גאַנצע געזעלשאַפֿט. אַפֿילו דער נאָמען פֿונעם ראָמאַן איז געווען אַן אַנדערער — „די מילכאָמע פֿון די הייליקע". האָבנדיק אָבער אָנגעשריבן די ערשטע בלעטלעך, איז דער פֿאַרטראַכט געוואָרן ברייטער, עס איז צוגעקומען א פּערסאָנאַזש, וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן פֿריִער, איידער עס ווערט באַוויזן די צענטראַלע פּערזאָן פֿון דער האַנדלונג. און ווען אמאדו איז צוגעטראָטן צום פֿאַנאַנדעראַרבעטן אָט דעם צווייטראַנגיקן פּערסאָנאַזש, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אים און... אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „דאָס מאָפּסים־קרעמל". לויט זײַנע השערות האָט דער ראָמאַן באַדאַרפֿט האַלטן בא 150 זײַטלעך, נאָר צעוואַקסן איז ער זיך ביז 350.

דער ראָמאַן „דאָס מאָפּסים־קרעמל" באַשטייט פֿון דרײַ טיילן. ער באַהאַנדלט די ראַסן־פּראָבלעמען אין בראַזיליע אין דער צווייטער העלפֿט פֿון XIX און אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XX יה. די צענטראַלע פֿיגור איז דער מולאַט פּעדרו אַרקאַנזשו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א שרײַבער. אָט דער פֿאָלקסמענטש, וואָס האָט געלאָזט טיפֿע וואָרצלען אינעם פֿאָלקס־לעבן, איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער קענער, זאַמלער און היטער פֿון די אומשאַצבאַרע אוצרות פֿון פֿאָלקלאָר, טראַדיציעס און מינהאָגים פֿון דער באַפֿעלקערונג אינעם שטאַט באַיאַ, וועלכע באַשטייט אין גרונט פֿון מענטשן, וועלכע שטאַמען פֿונעם אַפֿריקאַנישן קאָנטינענט. וואָס אָנבאַלאַנגט די ראַסן־פּראָבלעמען, איז אַרקאַנזשו אַן אָפּלאָגעט פֿון געמישטע ראַסן. אין דעם האָט ער געזען די צענטראַלע לייזונג פֿון דער פֿראַגע אין בראַזיליע. פּעדרו אַרקאַנזשו האָט אָנגעשריבן פֿיר ביכער. עמעס, דער טיראַזש זייערער איז א גאַנץ קליינער, צו 300 עקזעמפּלאַרן יעדעס פֿון זיי.

אמאדוס ראָמאַן פֿאַרמאָגט צוויי סטילן, ווײַל זײַן האַנדלונג אַנטוויקלט זיך אין צוויי צײַט־

פעריאָדן — אינעם צײַט־פעריאָד פון פעדרו אר־קאַנזשוס לעבן (1868—1943) און אינעם יאָר 1968, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן ארקאַנ־זשוס 100־טער געבורטסטאָג.

לויט דער שפּעט זשאָנער־סצענעס פונעם פאָלקס־לעבן איז דער ראָמאַן „דאָס מאַפּסים־קרעמל" ענלעך צו די פריִערדיקע ווערק פון זשאָרזשי אמאַדו.

ריידנדיק וועגן זײַנע ביכער, וואָס דערשײַנען אין אַנדערע לענדער, גיט אמאַדו צו, אַז זײַן ראָ־מאַן „די דאָנאַפלאָר און אירע צוויי מאַנען" דאַרף אינגיכן ארויסגיין פון דרוק אין סאָוועטנפאַרבאַנד אין א רוסישער איבערזעצונג. דער זעלבער ראָ־מאַן איז איבערגעזעצט אין ענגליש און גרייט זיך צום דרוק אין פּשא.

(„זשאָרנאַל דע בראַזיל", ריאָ־דע־זשאַנייראָ)

די יופּיטערס זײַנען אָנגעשטעלט אַף אַמעריקע

ראַלף האָכהוט, איינער פון די סאַמע שאַרפזיני־קע דראַמאַטורגן פון מײַרעוו, האָט אויסגעקליבן אַלס צילברעט פאַר זײַנע היסטאָרישע פאָר־שונגען דעם הײַנטצײַטיקן אַמעריקאַנער איסטע־בלישמענט. ווי שטענדיק, שיט ער דרייסט, אָן מוירע, פּעך און שוועבל אַף די הערשער פון דער וועלט. אין זײַן פּיעסע „דער שטעלפאַרטרעטער" איז ער אָנגעפאַלן אַפן פּויפּסט פּיוס XII, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרורטיילן די נאַצי־סטישע פאַרברעכנס. זײַן צווייטע פּיעסע „סאָל־דאַטן" האָט ארויסגערופן נאָך א גרעסערן סקאַנ־דאַל: מע האָט באַשולדיקט דעם אויטאָר, אַז ער האָט פאַרשוועכט דעם נאָמען פון ווינסטאָן טשערטשיל.

ראַלף האָכהוט איז אַלט 38 יאָר. ערשט ניט לאַנג האָט ער פאַרענדיקט א נײַע פּיעסע, וואָס ווײַזט, ווי מע קאָן זיך מעשאַער זײַן, נאָך מער פאַרשטאַרקן זײַן פּאָפּולערקײַט. ווי שטענדיק, באַ־טיטלט ער זײַן פּיעסע מיט א באַשיידענעם נאָמען, וואָס קאָן באַ קיינעם ניט דערוועקן קיין שום טײַנעס צו אים. זײַן נײַע פּיעסע הייסט „פּאַרטי־זאַנער". איר אויפגאַבע — ארויסרופן באַ דער מענטשהײַט אַן אינטערעס צו דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דער הײַנטיקער אַמעריקע. דער העלד פון דער פּיעסע, א סענאַטאָר אַן אידעאַליסט, דערהאַרגעט אַגענטן פון דער צענטראַלער אויס־שפּיר־פאַרוואַלטונג פון פּשא: ער וויל, דער סע־נאַטאָר, מאַכן א מעלוכע־איבערקערעניש, קעדיי פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן, וועלכע זײַנען פאַר־שריבן אין דער קאָנסטיטוציע פון פּשא.

ראַלף האָכהוטס פּיעסע „פּאַרטיזאַנער" באַ־שטעטיקט די דעגראַדאַציע פון אַמעריקע. ווי דער אויטאָר דערקלערט, האָבן די פאַרשווערער אין זײַן פּיעסע געהאַט בעדייע צו אַראָפּוואַרפן די „120 אָליגאַרכישע געזינדן, וואָס צו זיי געהערן מער ווי 85 פּראָצענט פונעם נאַציאָנאַלן רײַכטום און זיי זײַנען די באַלעבאַטים פון די צוויי גרע־סטע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, צווישן וועלכע עס איז ניטאָ קיין שום כילעק".

דער קאַמף פונעם העלד פון דער פּיעסע, דעם סענאַטאָר־רעפּובליקאַנער, פאַר די אידעאַלן פון דער קאָנסטיטוציע האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט; דערמיט גופא באַשטעטיקט דער אויטאָר, אַז אויב א מענטש וויל אויפריכטיק פאַרלײַכטערן די ליידן פון די אָרעמלײַט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועט מען קיינמאָל ניט דערלויבן, ער זאָל פאַרנעמען א וויפל־ניט־איז אײַנפלוסרײַכע לאַגע. סאָפּקאָלסאָף „באַזײַטיקט" מען דעם סענאַטאָר דעם אידעאַליסט.

די לעצטע עטלעכע יאָר האָט האָכהוט געוווינט אין דער שווייץ. אין דעם אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן דעם רעדאַקטאָר פון דער שווייצע־רישער וואָכנשריפט „שווייצער טעאַטערצײַטונג" ר. שטום, האָט דער דראַמאַטורג דערציילט: „די מעלוכע־איבערקערעניש, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דער פּיעסע, האָט געדאַרפט ברענ־גען דערצו, עס זאָל אָנהייבן גילטן די קאָנסטיטו־ציע פון אַמעריקע, איינס פון די סאַמע הויך־אַנטוויקלטע לענדער פון דער וועלט, ווו אַן אַר־בעטער־פּאַרטיי איז קיינמאָל ניט געגעבן גע־וואָרן די מעגלעכקײַט צו ארויסשטעלן כאָטש איין קאַנדידאַט אַף די וואַלן צום קאָנגרעס".

(„דיילי מירער", לאָנדאָן)

באַקומען די פּרעמיע פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע

אַלבער קאָהען, וועלכער איז באַלוינט מיט דער פּרעמיע פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, איז געבוירן געוואָרן אַף דעם גריכישן אינדזל קאָרפו. ער איז נאָך געווען א קליין ייִנגל, ווען זײַנע על־טערן האָבן זיך באַזעצט אין מאַרסעל. שפּעטער איז ער געקומען קיין זשענעווע, ווו ער האָט באַ־קומען בילדונג.

אין 1930 פאַרעפנטלעכט אַלבער קאָהען זײַן ערשטן ראָמאַן „סאָלאַל", מיט אַכט יאָר שפּעטער דערשײַנט „מאַנזשקלו" („טשוועקעס־שלינגער"), און ערשט אין זעכצן יאָר אַרום גיט ער ארויס „מײַן מאַמעס בוך".

די דרײַ אויטאָביאָגראַפישע ביכער ווערן זייער גוט אויפגענומען דורך דער קריטיק.

אַף דער פראַגע, פאַרוואָס ער שרײַבט אַזוי ווייניק, ענטפערט קאָהען, אַז ער האָט ליב זײַן מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקײַט און אַז פון דער פּען אַליין איז שווער צו לעבן.

„מײַן ערשט בוך „סאָלאָ“, — דערציילט ער, — האָב איך געשריבן פאַר אַ נאָענטער פרוי, אַ ניט־ייִדישער, קעדיי זי זאָל זיך באַקענען מיט מײַן פאָלק.

דעם „טשוועקעס־שלינגער“ האָב איך געשאַפן פאַר מײַן טאָכטער מיריאַם, קעדיי זי צו באַקענען מיט די מײַניקע. זי איז אַ קינד פון מײַן ערשטער פרוי, וואָס איז אַ טאָכטער פון אַ פּראָטעסטאַנטישן גאַלעך.

„מײַן מאַמעס בוך“ האָב איך געשריבן פאַר מײַן דריטער פרוי, אַ ייִדישער, קעדיי זי זאָל ליב באַקומען מײַן מאַמען, וואָס איז געשטאָרבן אין פראַנקרײַך אין 1942, בייס איך בין געווען אין לאָנדאָן“.

אַלבער קאָהען איז באַלוינט געוואָרן מיט דער פּרעמיע פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע פאַר זײַן „לאָ כעל די סעניער“ („דעם האַרס שיינהײַט“).

ער האַלט, אַז אויב ליבע איז אָן אייפערזוכט, בלײַבט זי מאָנאָטאָן. מיט אייפערזוכט אָבער ווערט זי אַ געהענעם. טייל שרײַבער פאַרגלעטן און פאַרשענערן אָט די לײַדנשאַפט, דערציילן וועגן אומענדלעכן גליק, אָבער דאָס איז ניט מער ווי אָפּנאַרערײַ.

מעגלעך, אַז אַלבער קאָהען האָט געוואָלט שרײַבן דעם „אַנטיראָמאַן“ פון דער גרויסער ליבע־לײַדנשאַפט. ער איז אָבער דערגאַנגען צו אַזאַ ניוואָ פון אַבסטראַקציע און עגאָיִזם, אַז זײַנע העלדן, וואָס שטאַרבן, פאַרצערטע דורכן פלאַם פון זייער גליק, ווירקן ניט איבערצײַגנדיק.

דאָס קומט עפּשער אויך דערפון, וואָס אַלבער קאָהען, מיט זײַן פילזײַטיקער אייראָפּעיִשער קולטור, איז אין גרונט גענומען געבליבן בײַ זײַן אָריִענטאַלישער מענטאַליטעט, וווּ די פרוי איז פאַר אַ מאַן ניט מער ווי אַ קעגנשטאַנד.

ס׳איז קלאָר, אַז אָט די „גרויסע ליבע“, אויב זי איז ניט באַזירט אויף גײַסטיקער פאַרשטענדעניש און צוזאַמענאַרבעט, מוז זי האָבן אַ קלאָגעדיקן סאָף.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט אַלבער קאָהען אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך „לע וואַלערע“ („די מוטיקע“).

דער שיוועט פון די „מוטיקע“ לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט, פול מיט באַגײַסטערונג, אָפּטימיזם און גראָטעסקער אומבאַהאָלפנקײַט. עמעס, ניט דער פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק און אויך ניט די קיניגן פון ענגלאַנד געפינען ניט פאַר נייטיק זיי אויפצונעמען.

דער „טשוועקעס־שלינגער“, וועלכער פאַרנעמט אויך דאָ דעם אויבנאָן, גיט זיך אָבער אָן אייצע. ער שרײַבט אָן אַ בריוו פון צוואַנציק זײַטן צו דער ענגלישער קיניגן...

ער שלאָפט דערנאָך אײַן אַ גליקלעכער, איבערצײַגט, אַז די מאַלקע וועט גלײַך נאָך אים שיקן און באַשיטן אים מיט פּאַסטנס און מעדאַלן...

אָן אָריִענטאַלישער מענאַכעם־מענדל, אָבער אַלבער קאָהען פאַרמאָגט ניט דעם קויעך פון שאָלעם־אַליכעמען...

(„נײַע פרעסע“, פּאַריזש)

וויִאַזוי ע. רעמאַרק האָט זיך געראַטעוועט פון היטלערן

אַ טשעכישער זשורנאַליסט האָט ניט לאַנג פאַרן טויט פון דעם באַרימטן דײַטשישן שרײַבער עריך רעמאַרק, דעם אויטאָר פונעם אַנטימילכאָמע־בוך „אויפן מײַרעוו־פראָנט איז קיין נײַס ניטאָ“, באַזוכט אים אין זײַן ווילע אין פּאָרטאָ ראָנטשאָ, איטאַליע.

אין דעם אינטערוויו, וואָס רעמאַרק האָט געגעבן, געפינען מיר אינטערעסאַנטע פּראָטים וועגן דעם דאָזיקן שרײַבער.

רעמאַרק האָט ניט געפירט קיין כעזשבן, אין וויפל שפּראַכן זײַנע ביכער זײַנען דערשינען, ווײַל דאָס וואָלט באַטײַט, אַז דער רום האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ. ער האָט אָבער אָפּגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, איין עקזעמפּליאַר פון דער אויסגאַבע פון „אויפן מײַרעוו־פראָנט איז קיין נײַס ניטאָ“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַר בלינדע. דאָס בוך וועגט 7 קילאָגראַם.

— קורץ פאַר דעם, ווי היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, — האָט דערציילט רעמאַרק, — האָב איך פאַרלאָזט דײַטשלאַנד, פילנדיק, אַז די נײַע באַלעבאַטים וועל איך ניט געפעלן.

נאָכן אויפהאַלטן זיך אין דער שווייץ האָב איך זיך באַזעצט אין פּאָרטאָ ראָנטשאָ. צו מײַן גרויסער פאַרווונדערונג, האָט היטלער אַרויסגעשיקט צו מיר עמיסאַרן מיט אַ פאָרשלאָג זיך אומצוקערן קיין דײַטשלאַנד.

אים איז דאָס זייער אָנגעגאַנגען, מאַכמעס דאַן בין איך געווען דער איינציקער שרײַבער פון ניט־ייִדישער אָפּשטאַמונג, וועלכער האָט עמיגרירט.

מ׳האָט מיר פאָרגעלייגט אַ הויכן אַמט אין קולטור־לעבן. איך האָב זיך, נאַטירלעך, אָפּגעזאָגט. אַנשטאָט קיין דײַטשלאַנד, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריזש, וווּ ס׳האָבן געלעבט אייניקע פרײַנט מײַנע.

עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי די דײַטשן האָבן אַרײַנמאַרשירט קיין פראַנקרײַך, בין איך געווען אין אַנטיב, וווּ כ׳האָב געטראָפן מײַן גוטן באַקאַנטן, דעם אַמבאַסאַדאָר קענעדי, דעם פאָטער פונעם דערמאָרדעטן פּרעזידענט קענעדי. ער האָט מיך געוואָרנט וועגן אַ דײַטשישער אינוואַזיע אין פראַנקרײַך און מיר פאָרגעשלאָגן שנעל צו דערליידיקן די פראַגע וועגן אַרויספאָדערן פאַר מיר אַן אַמעריקאַנער וויזע.

איך האָב מיך לאַנג געיִשעווט און דעם פּאַרשלאָג אָנגענומען, אָבער צו קריגן אַן אָרט אַף די שיפן, וואָס גייען אָפּ קיין אמעריקע, איז שוין דאַן געווען זייער שווער. ס׳האָט מיר פּאָרט אָפּגעגליקט — צוויי טעג פאַרן אַרײַנמאַרש פון די דײַטשן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו קויפן א בילעט, וואָס איינער האָט אומגעקערט אין דער לעצטער מינוט.

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“, מאָסקווע)

די סאָציִאַלע פּלאָג — גיריקײַט

איוואַר לו־יוהאַנסאָן איז איינער פון די באַרימטסטע הײַנטצײַטיקע שרײַבער פון שוועדן. ער געהערט צו די ווייניקע שרײַבער אין דאָזיקן לאַנד, וועלכע ווערן באַצייכנט אַלס „מיליאָנערן פון טיראַזש“, דה. דער טיראַזש פון זייערע ווערק האָט איבערגעשטיגן א מיליאָן עקזעמפּלאַרן. בא יוהאַנסאָנען דערגרייכט די ציפער ביז צוויי מיליאָן. זײַנע ראָמאַנען און דערציילונגען זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אַף פיל אויסלענדישע שפּראַכן. ער איז זייער פּרוכטבאַר. בעמעשעך פון דער נאָכמילכאָמע־צײַט איז קימאַט יעדעס יאָר דערשינען זײַנס א נײַ בוך. אין די פופציקער יאָרן האָט ער געאַרבעט אַף א מאָנומענטאַלן ציקל פון אַכט ראָמאַנען אונטערן אַלגעמיינעם קאָפּ „די אויטאָביִאָגראַפיע פון א פּראָלעטאַרישן שרײַבער“ („שוואַך־איווערדיקער“, „דער וואַנדערנדיקער הענדלער“, „דער שטאָקהאָלמער“, „זשורנאַליסט“, „שרײַבער“, „סאָציִאַליסט“, „זעלנער“, „פּראָלעטאַרישער שרײַבער“).

א ריי ראָמאַנען איבער עטישע פּראָבלעמען האָט ער אָנגעשריבן אין די זעכציקער יאָרן. איצט אַרבעט ער אַף א ציקל ראָמאַנען וועגן „מענטשלעכע לײַדנשאַפטן“, וואָס הייבט זיך אָן מיט דרײַ ביכער: „לײַדנשאַפטן“, „מאַטערנישן“, „קאַמצאָנים“.

פיל יוהאַנסאָנס דערציילונגען זײַנען מער אָדער ווייניקער רעאַלע עפּיזאָדן פון דער שוועדישער געשיכטע. ווי א שרעקלעכע דערמאָנונג לייענט זיך די נאָוועלע וועגן אַנגען, א פּריצטע פון XIII יה. איר בייזע גיריקײַט איז געווען אַלעמען באַקאַנט; זי האָט אָן ראַכמאָנעס געפּײַניקט אירע פּויערים. אויב די קינדער פון אירע אונטערטאַנען האָבן אויפגעהויבן א זאַנג פון אירע פעלדער, פלעגט זי מיט א גרויסער שער זיי אָפּשנײַדן די פינגער.

אין דער נאָוועלע „דער מעלוכישער קאַסירער“ איז דער הויפּט־העלד קאַרל דער עלפטער (XVII יאָרהונדערט). דער סוזשעט איז געבויט אַף דעם פּאַלמעסן פונעם קיניגלעכן גוף, קעדיי צו דערווײַזן, אַז ער איז געוואָרן פאַרסאַמט. אַף דעם פּאַן פון די טהילוים וועטישבאָכוּס, וואָס די הויכע הויפלײַט האָבן געזונגען וועגן דעם קיניג, זײַנע פאַרדינסטן און העלדנטאַטן, ווײַזט דער שרײַבער די שרעקלעכע נויט, אין וועלכער ס׳האָט געלעבט דאָס פאָלק. קיינער האָט ניט דערציילט דעם עמעס, אַז דער קיניג איז געווען גרויזאַם, אַמעראַציש. געלט, ערד, רײַכטימער — אָט וואָס ס׳איז פאַר אים געווען וויכטיקער פון אַלץ.

די נאָוועלע „דער גײַסטלעכער פון סילבאָדאַלען“ איז א דאָקומענטאַלע שילדערונג פון א באַרימטער קרימינעלער געשיכטע פון XVI יה. וועגן דעם, ווי אַנדרעס לינדבוק, דער אַבאַט פון א קלויסטער, האָט סיסטעמאַטיש פאַרלײַכטערט זײַנע מיספּאַלעלים אַריבערצופּעקלען זיך אַף יענער־וועלט דורך א פּאָשעט מיטל — מײַז־סאַם. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז ווילגעפעלן גאָט, וואָס ער באַפרײַט אָרעמעלײַט פון די שווערע נויט־מאַטערנישן.

שוידערלעך איז אויך די דערציילונג „מענטשן אַף ליציטאַציע“. די אַקציע קומט פאָר אין א דאָרפישער קאָמונע אין מײַרעוו־שוועדן אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די באַלעבאַטים פירן יעדן האַרבסט דורך „א ליציטאַציע פון אָרעמקײַט“, בייס וועלכער ס׳ווערן פאַרקויפט קינדער און זקיינים, וועמען ס׳האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אײַנצואָרדענען אין סאָציִאַלע הילף־אַנשטאַלטן. „די סכוירע, וואָס מע האָט געקאָנט קריגן אַף דער דאָזיקער ליציטאַציע, איז געווען א נעבעכדיקע, א קיינעם ניט נייטיקע. מ׳האָט געדאַרפט פאָרלייגן די נידעריקסטע פּרײַז, קעדיי צו באַקומען עפּעס אַן אָרעם ייִנגל און אים אויסהאַלטן ביז דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג פונעם קלאַל“.

(„פאָלקס־שטימע“, וואַרשע)

מײַן מויער

ביזן סאמע לעצטן טראָפּנדל קויעך
גיי איך ארום
און איך בוי אים, מײַן מויער,
גיי איך ארום
און איך בוי אים געניט,
גיי איך ארום
און איך בוי זי,
מײַן ליד,
די ליד פאר מײַן אייגענער נעסט,
פאר מײַן לאנד,

איר מיינט,
אז איך שרײַב זי,
די ליד, מיט מײַן האנט?

מיט בלוט
און מיט הארץ,
מיט דעם גוירל
איך שרײַב.
און הייס איר:
אין מענטשלעכע הערצער פאר־
בלײַב.

א ראכמאָנעס אפן זיידן

טײַערע קינדער,
הארציקע קינדער,
וואָס איז דער זיידע
אָן ברילן? —
א בלינדער...

טײַערע קינדער,
איר זײַט באַצאָרנט,
איר זײַט פארומערט:
וואָס איז דער זיידע
אצינד אָן א שטעקל? —
א קרומער...

בארויִקט אײַך, קינדער,
מע דארף זיך ניט שרעקן.
דער זיידע האָט ברילן,
און אויך א שטעקל.

זײַט ניט פארומערט,
אומזיסט אײַער צאר.
דער זיידע נאָך שטארק איז,
ער איז נאָך א גוואר,

דער זיידע דער מילדער,
דער זיידע דער ליבער,
זאָל ער געזונט זײַן,
ווי שימשן־האגיבער.

א לידעלע

זעט נאר,
סארא מאָדנע בריִעס —
פרעמדע ברעמען,
פרעמדע וויִעס.

אין די קורצע
מיני־קליידלעך,
ניט קיין ווײַבלעך,
ניט קיין מיידלעך...

אווראָם קאַצעוו

מעשאָלים

■

אַף קאַטשלקעס שלאָפּט מען, און ניט אַף קיין קישן,
מע אַרבעט באַם ברויט — נאָך פון אָדאָם־האַרישן.

מע אַקערט, מע זייט, און מע שנײַדט, און מע דרעשט,
מע מאָלט, און מע באַקט, און דערנאָך ערשט מע עסט.

און ער האָט נאָך אָקאָרשט געעפנט די אויגן —
און ס'איז אים אַ קוילעטש אין מויל שוין געפלויגן.

■

געוועזן איז אַ גאַנעוו אין איינעם אַ לאַנד,
באַקומט ער אַ פּסאַק: „נעמט אַראָפּ אים אַ האַנט —
די רעכטע האַקט אָפּ!" — איז דער גאַנעוו קיין נאַר
און גיט, ווו מע דאַרף דאָרט, אַ שיינעם כאַבאַר

און האַקט אָפּ די לינקע. נאָר ס'קומט אַ באַפעל,
באַשטעטיקט דעם אורטייל: „די רעכטע! און שנעל!"

אַזוי איז דער גאַנעוו געבליבן אָן הענט.
אַ לײַטישער מענטש — ניט ער גיט, ניט ער נעמט.

דאָס קערנדל גאָלד

— וואָס קריכסטו עס, באַכער, אַזוי אינעם זאַמד,
און זיפּסט אים, און וואַשסט אים, און גלעטסט מיט דער האַנט?
— ווער וואָלט פון דעם זאַמד־באַרג דען הערן געוואָלט,
ווען ס'זאָל דאָרט ניט פינקלען קיין קערנדל גאָלד?

דאָס פערד און דער האָבער

זאָגט איינער צום פערד: „איך שלאָג פאַר דיר אַ שפּיל:
דו האָסט באַ מיר האָבער — אָט וויפל דו ווילסט.

נאָר איך האָב די רעכט דיך צו געבן אַ פּאַק,
דײַן קאָפּ פונעם האַלדז — און אַרײַן אינעם זאַק".

— ס'אַ שפּיל פאַרן טײַוול! — עס ענטפערט דאָס פערד. —
אַ וואָרעך מיט האָבער איז טאַקע ניט שלעכט.

דו שטייסט און דו עסט אָן אַ וואָג, אָן אַ מאָס.
נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דו האָסט ניט מיט וואָס?

ארן ווערגעליס

בריוו פון מיַירעוו־אייראָפּע, יאנואר—מארט 1971

פערטער בריוו

מיִנהאסטאם טרעפט עס ניט בלויז מיט מיר. א ייִדישער שרײַבער, ווען ער קומט אין דער שווייץ, אין זשענעווע, לאָזט ער זיך אוועק, ווי אַלע אנדערע מענטשן, א קוק צו טאָן אָף דעם בלוי־ווײַטלעכן מאָנבלאַן, און אין אָט דער רעגע (זאָל עס קיינעם ניט וווּנדערן...) ווערט ער פארפלייצט פון דערמאָנונגען, און ער דערזעט פאר זיך, אויב עס איז דערלויבט אזוי זיך אויס־דריקן, די מאָנבלאַן־הייכן פון דער ייִדישער לי־טעראטור. האגאם די ליטעראטור אונדזערע איז ניט אין דער שווייץ געשריבן געוואָרן און זיך ניט לעם די אלפּן צעצווײַגט און צעבלעטערט, קער זי זיך דאָך עפּעס אָן מיט דעם דאָזיקן לאנד, ווײַל ס'איז געווען א צײַט, ווען דרײַ מאָנבלאַנען פון איר געשיכטע — מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אליי כעם און כאיִם־נאכמען ביאליק — האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין זשענעווע. און איך שטעל מיך פאָר, אז עס האָט געקאָנט געשען אזא פאל: טאקע אינדרײַען האָבן זיי געקאָנט אנומלטן ארומשפּאצירן, קוקנדיק אָף דעם בארג, וואָס געפינען געפינט ער זיך אין פראנקרײַך, נאָר שפּיגלען שפּיגלט ער זיך אין דער זשענעווער אָזערע...

דאָס דאָזיקע בילד איז הײַנט אזוי באַשײַמפּער־לעך געשטאנען פאר מײַנע אויגן, אז צוגייענדיק צום ברעג פון דער זשענעווער אָזערע און דער־זעענדיק אין דער ווײַט דעם מאָנבלאַן, ביִן איך גרייט געווען אָפּשטעלן דעם ערשטן פארבײַגייער און א פרעג טאָן בא אים, צי ער האָט דאָ צו־פעליק ניט באגעגנט אן אלטן, שטאָלץ־אויסגע־גלײַכטן מאן מיט א ווײַס־גראָוון קאָפּ האָר און מיט א רונד־ארומגעוואקסן ווײַס בערדל, אן אָנגעטאָנענעם אין א לײַכטן מאנטל מיט א פּליושן קעלנערל און אין א שליאפּע מיט שמאָלע ראנדן, — א באיאָרטן באברילטן מאן מיט א שטעקל אין דער האנט — מענדעלע מויכער־ספאָרימען. צי עפּשער האָט דער פארבײַגייער צופעליק באגעגנט שאָלעם־אליי כעמען, וועמען עס איז איבעריק צו פאָרשטעלן פאר אים, ווײַל ווערנדיק אָף א צײַט „א שווייצעדיקער", ווי שאָלעם־אליי כעם האָט ליב געהאט זיך אויסדריקן, האָט ער זיך אזוי ארײַנגעטאָן אין דעם לעבן פון זשענעווע, אז א סאך מענטשן האָבן דאָ אים שוין געקענט אין פּאָנעם.

פון דעם „גאָלעס שווייץ", וואָס די ייִדישע קלאסיקער האָבן אָפּגעפּראוועט מיט עטלעכע און זעכציק יאָר צוריק, איז ניט פארבליבן אין דער ליטעראטור קיין באזונדערער שווייצארישער פּעריִאָד, אָבער וואָס עמעס, איז עמעס: א מענטש, וועמען ס'איז נאָענט דאָס ייִדישע וואָרט, קאָן ניט, זײַענדיק אין דער שווייץ, ניט א פּרוּוו טאָן צו געפינען דאָרט עפּעס א שפּור, וואָס עס האָבן עפּשער איבערגעלאָזט מענדעלע, שאָלעם־אליי־כעם, ביאליק...

ווע ל איך אײַך גלײַך פון אָנהייב אָן מוזן אנטוישן: ניין, ס'איז ניט געבליבן אין דער הײַנ־

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4, 1971.

טיקער שווייץ אפילע קיין מינדסטער זייכער פון אונדזער יִדישן ליטעראַטור־אָוואַר, אפילע קיין דערמאָנונג, אז דאָרט האָבן זיך אמאָל אָפּגעשטעלט אף זייער לעבנס־נאָוונאַד דריַי גרעסטע יִדישע שריפטשטעלער. נאָך מער: ס׳איז א שווערע האַלאַכע צו געפינען אין אָט דעם לאַנד וועלכן־ניט־איז בוך אף יִדיש, הערן כאָטש א יִדיש וואָרט, באַהאַנדלען מיט עמעצן א יִדישע פּראָבלעם, אויב ניט רעכענען, פאַרשטייט זיך, די ארומגעצופּטע פון אלע זײַטן „יִדישע פראַגע“... אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אין דער שווייץ, פונקט ווי אין עסטרײַך, ענגלאַנד, איטאַליע, האָט דאָס לעבן איבערגעמאַכט מיט פליַיס דאָס פאָלק יִסראָעל — געשאַפן פון דעם אן עקסנאַציאָנאַלע מאַסע פון יאַהודים, דאָס הייסט פון אַזעלכע מענטשן, וועלכע שטאַמען פון יִדן, נאָר האָבן שוין פון לאַנג פאַרלאָרן דעם נאַציאָנאַלן פאָלקס־אַטריבוט אָדער ביכלאַל אים ניט געהאַט, און זיי לעבן אין די דאַלעדאַמעס פון א יִדיש־אָפּשטאַמיקער קאַסטע. די דאָזיקע סוויווע איז, פונקט ווי שפּינוועבס פאַר א שפין, שטאַרק גינסטיק פאַרן ציִעניזם, בא וועמען דאָס יִדישע פאָלק איז ניט מער ווי א בירזשע, וווּ ער האַנדלט מיט אַקציעס פון א יִדיש לאַנד. דער דורכשניטלעכער פּראָפעסיאָנעלער ציִעניסט איז א פּאָליטישער מעקלער, עמעצנס אן אגענט. די יִדישע מעדינע און דאָס יִדישע פאָלק דאַרף ער האַלטן ווי ווײַט מעגלעך פעסט אין די הענט, קעדיי פון דער „אַרענדע“ צו באַקומען א פעטן ביסן.

אויב איר ווילט וויסן, איז דער שווייצאַרישער (אָדער עסטרײַכישער, אָדער ענגלישער) ציִעניסט אפילע קיין יִד ניט. ער איז, אויב איר ווילט וויסן, אַזאַ איינער, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז אָט, עס האַלט באַם שטאַרבן, דאַכט זיך, עפּעס א קאָרעווו זײַנער, וואָס מע רופט אים יִדיש פאָלק, און כאָטש ער, דער ציִעניסט, דאַרף אף צען קאַפּאָרעס דאָס, וואָס נאָכן אַלטן קאָרעווו וועט פאַרבלײַבן, איז ער אָבער, אַלס א שטיקל יוירעש, געגייגט צו מאַכן אַרום דעם קאָרעווס נאָמען א געשעפטל...

איר מעגט זיך וווּנדערן, נאָר טאַקע מיט אָט דעם ציִעניסט, פון וועלכן מע האָט פריִער בא אונדז אין רוסלאַנד פאַשעט אָפּגעשפּאָט, — מיט אים שטויסן מיר זיך איצט צונויף, ווען מיר קומען אין די אויסלאַנדס, און — איר מעגט אײַך לאַכן! — ער שטעלט אונדז פראַגן, און מיר דאַרפן אים ענטפערן... גאָטעניו אין הימל, וויִאַזוי טראָגסטו דאָס איבער...

אין דער הויפּטשטאָט פון דער שווייץ, אין בערן, האָב איך אָפּגעשטאַט א וויזיט דעם פּרעזידענט פונעם ראַט פון די שווייצאַרישע קעהילעס דאָקטאָר געאָרג ברונשוויג. ער איז לויטן פאַך אן אַדוואָקאַט. רעדט דײַטש (און איך בין, טראַכט איך זיך דערבײַ, לויטן פאַך א יִדישער שרײַבער, א טוער אין דער יִדישער קולטור, רעד יִדיש). איך זאָג אים (דורך אן איבערזעצער...): כ׳בין מאַסקים מיט אײַערע הייסע רייד וועגן דעם, אַז א יִד, וואָס האָט אן אינטערעס צו יִדישער קולטור, דאַרף באַקומען די מעגלעכקײַט זיך אויסלעבן אין איר. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז הײַנט בין איך צוגאַסט בא אײַך אין שטאָט, אין בערן, און האָב א פרײַען פאַרנאַכט. וועט איר עפּשער מיר אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און געבן מיר די מעגלעכקײַט צו פאַרברענגען דעם אָוונט אין א יִדישער קולטור־סוויווע...

אינצווישן מײַן פראַגע און דעם דאָקטאָר ברונשוויגס ענטפער קלינגט דער טעלעפאָן (מיר זיצן אין דער אַדוואָקאַטישער קאָנטאָר). דאָקטאָר ברונשוויג שושקעט אַרײַן אין טרײַבל עטלעכע אייצעס צו זײַנעם א קליִענט. דערנאָך מאַכט ער אן איבעררײַס און קוקט אף מיר א לאַנגע מינוט, ווי ער וואָלט געטראַכט דערבײַ: איך זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, צי איך ווייס, וואָס דער מענטש וויל פון מיר... און ער ענטפערט, ענדלעך, אף מײַן באַקאָשע. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין בערן דאַרף א קולטורעלער מענטש פאַרברענגען די צײַט מיט קולטור. אָבער מיט יִדישער קולטור?! פאַרשטייט זיך, ווען דער גאַסט זאָל האָבן צײַט און צוּוואַרטן ביז פרײַטיקצונאַכטס, וואָלט ער געקאָנט פאַרברענגען דעם אָוונט אין סינאַגאָגע...

— הער ברונשוויג, איך בין ניט קיין גלייביקער.

— די יודאַיִסטישע רעליגיאָן איז ניט בלויז א רעליגיאָן פאַר גלייביקע.

— אָבער מיר ריידן דאָך איצט וועגן יִדישער קולטור...

— קלאָר, מײַן טײַערער, קלאָר. בא די סאָוועטן איז ניטאָ קיין יִדישע קולטור. מיר אין דער שווייץ פירן א קולטור־אַרבעט צוהילף די רוסישע יִדן. מיר נעמען, לעמאָשל, צונויף די סטודענטן...

— ...אף צו פּאָפּוליאַריזירן די יִדישע קולטור?

— קעדיי פּאָפּוליאַריזירן קולטור, דאַרף מען זי פריִער האָבן, נאָר בא די סאָוועטן איז זי ניטאָ...

— און אין דער שווייץ?

— אַלץ, וואָס מיר קאָנען, טוען מיר. מיר העלפן די רוסישע יִדן... אין דעם פּראַט בין איך אן אָפּטימיסט. וויפל דער קרעמלין זאָל ניט וועלן זיך אויסדרייען, וועט עס אים ניט העלפן. באַזונדערס אַרײַנגעטאָן אין דער קאַמפּאַניע זײַנען בא אונדז די יִדישע סטודענטן...

— די סטודענטן פון יִדישע לערן־אַנשטאַלטן?

— וואָס הייסט — יִדישע לערן־אַנשטאַלטן?

— אַנטשולדיקט, איר זאָגט, יִדישע סטודענטן אין דער שווייץ...

— ייִדן לויט דער נאַציִאָן, זאָג איך...

אגעוו, וועגן די אַזויגערופֿענע ייִדישע סטודענטן אין דער שווייץ (דאָס זעלבע — אין אַנדערע לענדער פֿון אייראָפּע). אַלץ הייסט — ייִדישע סטודענטן... די ציִעניסטן רופֿן זיי אַזוי אָן ניט דערפֿאַר, ווײַל די ייִנגלעך און מיידלעך שטודירן ייִדישע וויסנשאַפֿטן, אָדער שטודירן אַלגעמיינע וויסנשאַפֿטן אין ייִדיש. כאַס־וועכאָלילע! די סטודענטן, געבוירענע פֿון ייִדישע עלטערן, אויסער דעם, וואָס זיי באַזוכן די אוניווערסיטעטישע ספּאָרט־קלובן און דיסקוסיע־קרײַזלעך, האָבן זיי נאָך אַן „אייגענעם" פֿאַרבאַנד, וועלכן ס׳האָט זיי אונטערגערוקט דער ציִעניזם. דער נאַציִאָנאַלער כאַראַקטער פֿונעם פֿאַרבאַנד באַשטייט אין דעם, וואָס ער נעמט זיך אָן די קריוודע פֿון די סאָוועטישע ייִדן. זאָגט דעם „ייִדישן סטודענט", אַז ער דאַרף עפּעס אויסקעמפֿן בא דער שווייצאַרישער מאַכט צוליב זיך אַליין, אַלס אַ ייִד, וועט ער אַ קוועטש טאָן מיט די אַקסל: געוווּג, וואָס ער קעמפֿט פֿאַר דעם „ייִדישן אויסדרוק" באַם רוסישן ייִדן, ווײַל מען נאָך, אַז ער אַליין זאָל פֿאַרייִדישט ווערן...

ווען כ׳האָב דורכגעלייענט אין די צײַטונגען, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק זײַנען „ייִדישע סטודענטן" אַרויס אין בערן אויף אַ דעמאָנסטראַציע בא דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפֿט, האָב איך פֿאַרבעטן עטלעכע פֿון זיי — די אָנפֿירער — דורכצושמועסן זיך. מיט איינעם, מישעל ווילִיארן, בין איך שוין געווען באַקאַנט פֿון פֿריִער. אַ הויכוווּקסיקער באַבערדלטער באָכער, לויטן אויסזען — שוין אַן „איבערגעוואַקסענער סטודענט", האָט ער צוגעצויגן מײַן אויפֿמערקזאַמקײַט, ווען אין גאַסט־זאַל פֿונעם זשענעווער „פּאַלאַץ פֿון די פֿעלקער" האָט אַ גרופּע יונגעלײַט, צווישן זיי אויך ער, מיך אָפּגעשטעלט און געבעטן, איך זאָל צושטימען, אַז זיי זאָלן בײַזײַן אויף מײַן פּרעסע־קאָנפֿערענץ, כאָטש זיי זײַנען ניט קיין זשורנאַליסטן. גערעדט מיט מיר האָט אין נאָמען פֿון אַלעמען מישעל ווילִיאַר, — ער איינער איז אַ „דײַטש", די איבעריקע זײַנען „פֿראַנצויזן", זייער שפּראַך קען איך ניט.

ווען די פּרעסע־קאָנפֿערענץ האָט זיך פֿאַרענדיקט, איז מישעל ווילִיאַר צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער איז ניט מאַסקים מיט מײַן ענטפֿער אויף אַ פֿראַגע וועגן דער צאָל סאָוועטישע ייִדן, וועלכע ווילן אַרויספֿאָרן קיין ייִסראָעל.

— לויט אײַך קומט אויס, אַז מע קאָן ניט אָנרופֿן די פּינקטלעכע צאָל. איר ווייסט בלויז, אַז, מעגלעך, עטלעכע הונדערט פֿון די העכער צוויי מיליאָן סאָוועטישע ייִדן האָבן אַ סיבע אַרויסצופֿאָרן צו זייערע קרוֹיווים, אָדער זיי האָבן אַנדערע סיבעס. איך, אָבער, קאָן אָנרופֿן די פּינקטלעכע צאָל...

— ציקאָווע...

— פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד ווילן אַרויספֿאָרן 280 טויזנט ייִדן.

— קיין איינער ניט ווייניקער?

— ניין.

— פֿונוואַנען האָט איר גענומען די ציפֿער?

— דאָס וועל איך אײַך זאָגן אַ צווייט מאָל...

כ׳האָב אַזוי לאַנג אײַנגעטײַנעט מיט ווילִיארן, ביז וואַנען ער האָט מיר דערציילט, אַז די ציפֿער 280 טויזנט האָט אָנגערופֿן אויף אַן אינסטרוקטאַזש מיט שווייצאַרישע סטודענטן איינער אַ ייִסראָעלדיפּלאָמאַט, צווי יאַנוויך, אַן אָנגעשטעלטער פֿונעם אויסערן־מיניסטעריום פֿון ייִסראָעל, געבוי — פֿון דעם „אָפּטייל פֿאַר די איניאָנים פֿון די סאָוועטישע ייִדן" (פֿאַראַן אַזאַ אָפּטייל אין טעלאַוויוו).

שפּעטער, בײַס מײַנע טרעפֿונגען מיט די סטודענטן, זײַנען אַרופֿגעשווּמען נאָך אייניקע דעטאַלן אין שײַכעס מיט מישעל ווילִיארן. למשל — אַז ער איז שוין לאַנג קיין סטודענט ניט. „מײַנע אָנפֿירער האָבן אָבער באַשלאָסן מיך איבערלאָזן בא דער סטודענטן־באַוועגונג"... ווער עס זײַנען זײַנע אָנפֿירער, וועט ער מיר זאָגן אַ צווייט מאָל. און נאָך אַ דעטאַל: מישעל ווילִיאַר איז עטלעכע מאָל געווען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

— אַלס טוריסט?

— יאָ.

— ווי געפֿעלט אײַך דאָס לאַנד?

— כ׳האָב ניט געהאַט קיין צײַט צו קוויקן זיך מיט שיינקײַטן פֿון דער נאַטור...

— וואָס דען האָט איר געטאָן?

— מײַן אָביעקט איז געווען דאָס גרוזיניִשע ייִדנטום.

— איר זײַט קיין גרוזיע געפֿאָרן, קעדיי צו פֿירן דאָרט ציִעניסטישע אַגיטאַציע?

— מיר קעמפֿן פֿאַר די רעכט פֿון סאָוועטישע ייִדן אַרויסצופֿאָרן קיין ייִסראָעל.

— און פֿאַר אײַערע אייגענע רעכט קעמפֿט איר אויך?

— אויב מירן וועלן אַרויספֿאָרן, איז די טיר פֿון דער שווייץ אָפֿן.

— פֿאַרוואָס ווילט איר ניט אַרויספֿאָרן?

— די שווייץ איז אונדזער היימלאַנד.

— פֿונוואַנען האָט איר גענומען, אַז עס ווילן אַרויספֿאָרן פֿון זייער היימלאַנד די סאָוועטישע ייִדן?

— דאָ בא אונדז רעדט מען וועגן דעם...

די סטודענטן האָבן גערן געענטפֿערט אויף מײַנע פֿראַגעס. זיי באַקומען אינסטרוקציעס פֿון אויסלאַנד. דער שטאַב פֿונעם „וועלט־פֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע סטודענטן" געפֿינט זיך אין לאָנדאָן. עס האָבן אים געשאַפֿן און עס פֿינאַנסירן זײַן טעטיקײַט די אָפֿיציִעלע ציִעניסטישע קרײַזן פֿון ייִסראָעל. אויך די אַנדערע „שווייצאַרישע" „ייִדישע" אָרגאַניזאַציעס שטייען אונטער אַ קאָנטראָל

פון אויסלאנד און ווערן פון דאָרט אָנגעפירט. אין דעם פראט איז כאראקטעריסטיש די אזויגערופענע „ליגע פאר רעפאטריִירן די רוסישע ייִדן" (ניט עמעס, א סוזשעט פאר א קאָמישער אָפערעטע: בא די ברעגן פון דער זשענעווער אָזערע שטייען שיפן פון די ציִעניסטן אף צו „רעפאטריִירן" צו די ברעגן פונעם יארדן די ייִדן פון די געגנטן באם פריפעט, באם דניעפער, בא דער דווינע, בא דער ווילִיע, באם דניעסטער, באם סלוטש, בא דער בירע...).

„פאטריִא" — Patria — באטײַט היימלאנד. „רעפאטריִאציע" — אומקערן פּלייטים אָדער איבערוואנדערער צוריק אין זייער היימלאנד. צענדליקער דוירעס ייִדן אין וואָלין, אין ליטע זײַנען פּלייטים? יויסעף בומאגין, וואָס האָט מיט זײַן הארץ פארשטעלט פון די דײַטשן די ערד פון זײַן היימלאנד רוסלאנד, — ער און זײַנע אָוועס האָבן דען אין רוסלאנד געלעבט ווי צײַטווײַליקע איבערוואנדערער? און צי איז מעגלעך אויך „רעפאטריִירן" די גרוב אפן ליובארער פעשטשאן, אין וועלכער עס ליגט דאָס געביין פון מײַן דערשאָסענער מאמע? און וואָס באטײַט ביכלאל — רעפאטריִירן א פאָלק? מע קאָן דען איבערפלאנצן א וואלד? אפילע דעם איינצלנעם בוים, דעם צעדער, וואָס האָט שוין אָנגעזעטיקט מיט זײַנע זשאָלודיעס די ערד, אין וועלכער ער איז פארוואָרצלט, — אים קאָן מען דען „רעפאטריִירן"? מיט א זאסטעפ אים אויסגראָבן און אריבערטראָגן, לעמאָשל, קיין ליבאן, בלויז דערפאר, ווײַל די אמאָליקע צעדערס זײַנען געוואקסן אין יענעם לאנד און לויטן זיקאָרן רופט מען אויך אים אָן „ליבאנער צעדער"? ווער וועט אריבערטראָגן אין לאנד פונעם צעדערס „אָוועס" די אויסגערונענע זאפטן און די פארטריקנטע סמאָלע פון זײַן שטאם, דעם שטויב, אין וועלכן סע זײַנען אין זײַן ערד פארוואנדלט געוואָרן זײַנע ניסלעך? אויך די גרוב מיטן געביין פון מײַן מאמען וועט רעפאטריִירן דורך זשענעווע אָדער דורך ווין א ליגע פון אמעריקאנער ציִעניסטן?

ווען איך האָב זיך אָנגעפרעגט וועגן דער „ליגע פאר רעפאטריִירן די רוסישע ייִדן" בא איינעם אָן „אָסט־יודע", בא אזא (פון די זעלטענע אין אָט די קאנטן), וואָס ניט נאָר זיי שטאמען פונעם אמאָליקן טכום, נאָר זיי האָבן מיטגעבראכט פון דאָרט דאָס ייִדישע לאָשן, — ווען איך האָב בא אים געפרעגט, וויִאזוי מע קוקט אף דער דאָזיקער „ליגע" אין דער שווייץ, האָט עס אים פארדראָסן:

— מאלע וואָס פאר א „ליגעס" עס שיקט אהער ארײַן אמעריטשקע! אין איין שיינעם טאָג האָבן זיי געעפנט אין ציריך אן אָפיס מיט א שפּאָגל־נײַעם שילדל פון א „ליגע"! ס'איז זיי, זעט אויס, וויניק די ניו־יאָרקער „דזשויִש דעפענס ליג"...

אן אָפיס בלײַבט, פארשטייט זיך, אן אָפיס. ניט מער. דאָס שילדל איז ניט בעיִעכוילעס צוצודעקן דעם באלאגאן. אָבער אין דעם אָפיס זיצן מאנהיגים, אזויגערופענע „פירער פון דעם ייִשעוו". ווער זײַנען זיי? דער ציריכער „אָסט־יודע" האָט ארויסגענומען פון טאש אן אויסשניט פון א ייִדישער צײַטונג און אָנגעהויבן לייענען מיט א ניגן און מיט א קוועטש — אפן ווילנער צי אפן אָדעסער אויפן, — וואָס עס שרײַבט וועגן דעם א בירגערלעכער זשורנאליסט. „די גרעסטע טייל פון אונדזערע וואָרטזאָגער, — רעדט זיך אויס דאָס הארץ דער זשורנאליסט, — פארמאָגן ניט, לײדער, קיין קולטור־אספּיראציעס און זײַנען בלינד פאר געשיכטלעכער פערספעקטיוו. זיי זײַנען ניט מעסוגל אָפצושאצן אינטעלעקטועלע און קולטורעלע ווערטן. זייער הויפט־קויעך איז בעיִקער אין קאָמפאניעוועז, אין זאמלען געלט... דאָס זײַנען מענטשן, ווײַטע פון ייִדישקײַט, אָן וואָרצלען און אָן פליגלען, מעגושעמדיקע פיגורן, מיט געשליפענע צינגעלעך און דארע מויכעס. ייִדישע פראָבלעמען? — זיי ווייסן אפילע ניט, וואָס אזעלכס עס זײַנען ייִדישע פראָבלעמען... איך האָב אמאָל געפרעגט א „פרעזידענט" פון אָט דער קאטעגאָריע, צי ער לייענט א ייִדיש בוך, האָט ער מיר געענטפערט, ווי דער העלד אין א ווערק פון שלוימע ביקל: „אז מע דרוקט אזויפיל ביכער, ווי זאָל מען נעמען צײַט צו לייענען?.."

יאָ, ס'איז בעעמעס א טרויעריק בילד, און עס ליגט זיך ניט אפן סייכל, וויִאזוי עס האָט זיך אײַנגעגעבן דער סאראנטשא, די לעכצנדיקע נאָך פארנאָסע „מאנהיגים", ארופצוכאפן זיך אפן רוקן פון די אָפגעשוואכטע ייִדישע ייִשוווים. איך ווייס, אז ווען איך וועל אין מאָסקווע אײַך דערציילן וועגן מײַן איצטיקער רײַזע איבער אייראָפע, וועט איר מיך פרעגן, פארוואָס עס איז שווער אראָפצוזעצן אָט די לײַט פונעם רוקן און אזוי איידל א נעם טאָן יעדן איינעם פון זיי פארן קאָלנער. מיסטאמע וועט עס טאקע אזוי פאָרקומען, אָבער דערווײַל האָט דער ציִעניזם אין אייראָפע און אין אמעריקע ארופגעצויגן א מין נעפל אף געוויסע טיילן פון די ייִדישע ייִשוווים, און דאָרט כידעשט מען זיך שוין ניט, וואָס מאָדערנע טאקסע־לײַט, יאָרשים פון יענע, וועמען מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט זײַנערצײַט געגעבן אין זײַנע ווערק מיט א קני אין הינטן, — זיי האָבן הײַנט אײַנגערעדט די קרענקלעך־„נאציִאָנאלע" יאהודים אין אייראָפע און די פארביזנעוועטע ייִדן אין אמעריקע, אז ביזוואנען מע וועט ניט אריבערפירן די וועלט אפן ציִעניסטישן סיידער, וועלן ייִדן פון אָט די לענדער ניט טאָרן אָפשטעלן דאָס ווארפן געלט אין דער ייִסראָעל־

פושקע און דאָס סקאַנדאַליעווען אַרום דעם לעבן פון די ייִדן אין סאָוועטנרוסלאַנד. און פּונקט ווי אַ פאַנאַטישער דאַוונער באַם שאָקלען זיך שעמענעסרע פאַרגעסט אין דער אייגענער שטוב, אין ווײַב־און־קינדער, אַזוי ווערט פאַרנאַכלעסיקט, איבער דעם ציִוניסטישן קאַדאָכעס, דאָס לעבן אין די ייִדישע ייִשובֿים פון אייראָפּע און אַמעריקע.

פינפטער בריוו

איך שרײַב אײַך געוויינלעך מײַנע בריוו אין די באַנאַכטיקע שאָען, ווען גופע דאָס זײַן אין איינזאַמקײַט איז שוין אַן אָפּרו, און איך וועל דעריבער ניט זשאַלעווען קיין צײַט, ניט קאַרגן קיין פּראָטים אַף צו מאַכן פולער דאָס בילד וועגן ייִדישן לעבן אין די ערטער, וווּ איך געפין זיך איצט.

בײַ וועמען נאָך, אויב ניט בײַ די ייִדן, דאַרף זײַן ברייט פאַרשפּרייט דער מין ליטעראַטור, וועלכער דערציילט וועגן רײַזעס איבער קאַנטן און לענדער! בײַ ייִדן אין זייער צעשפּרייטקײַט וועט איר געפינען אַלע פאַרבן פון דער הויט, אַלע מאַנירן צו ריידן, אַלע געריכטן צו עסן, אַלע מינים בעגאָדים, אַלע לעשוינעס. ס'איז אַ פאַקט — פאַר אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַ גאַנץ טרויעריקער, — אַז ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער שטייען אונטער פאַרשיידענע פענער, זינגען פאַרשיידענע הימנען. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך אין זשענעווער „פּאַלאַץ פון די פעלקער", איידער סע האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן מײַן פּרעסע־קאָנפערענץ, געהערט, ווי עס האָבן געשמועסט צווישן זיך צוויי ייִדן — זשורנאַליסטן. איינער האָט געזאָגט: „מיר — זאַמביער", דער צווייטער האָט געענטפערט: „מיר — נײַ־זעלאַנדער". ס'האָט געפעלט, אַז איך אין מײַן ריי זאָל זאָגן „מיר — רוסן"...

עס דאַרף זײַן קלאָר, אַז ס'איז אַ מיספאַרשטייעניש, מער ניט ווי טיפּשעס, ווען אַן אַמעריקאַנער ראָוו, לעמאָשל, וויל אָנבינדן זײַן ייִדישקײַט אַ ייִדן פונעם סווערדלאָווסקער זאַוואָד „אוראַלמאַש", וועמענס טאַטע האָט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק אַרויסגעוואָרפן דאָס ראַבאָנישע ייִדישקײַט פון יענער זײַט פּלויט. מינהאַסטאַם וואָלט אַ סאַך בעסער געווען, אַז אין אַמעריקע זאָלן ייִדישע פאַרלאַגן אַרויסלאָזן עטלעכע גוטע ביכלעך, — ניט קיין ציִוניסטישע און ניט קיין בונדיסטישע, נאָר גוטע ביכלעך — וועגן דעם, וויאַזוי ייִדן לעבן הײַנט אין סווערדלאָווסק אַפן אוראַל.

צוליב דעם דאַרפן ערנסטע ייִדישע שרײַבער זיך אָפּגעווינען פון כאַסמענען פרעמדע אַמעראַצישע דעקלאַראַציעס מיט פאָדערונגען, אַז ייִדן זאָלן אומעטום לעבן אַזוי, ווי עס ווילן די ראַבאָנים און ראַבאָיִם, און זיי, די ייִדישע שרײַבער, דאַרפן זיך צוגעווינען אַרומצופאָרן מיט נאָטיץ־ביכלעך איבער די ייִדישע ייִשובֿים פון דער וועלט, קעדייי מיט די אייגענע אויגן זען און פאַרצייכענען, וויאַזוי עס לעבן אין די ייִשובֿים די ייִדן.

פאַרשטייט זיך, ס'זײַנען פאַראַן רײַזנדער און „רײַזנדער". מיר געדענקען, אַשטייגער, וואָס פאַר אַן עקל עס האָבן ניט לאַנג צוריק אַרויסגערופן בײַ אונדז אַלעמען די שמירעכצן (אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל") פונעם אַפּעריסט ש. ל. שניידערמאַן, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַף עטלעכע טעג, ווי אַ טוריסט, צו אונדז אין סאָוועטישן ייִדישן ייִשעוו און, ניט ווייסנדיק וווּ אײַן און וווּ אויס, גענומען אין זײַנע רײַזע־נאָטיצן אָנמעסטן אַף אונדז דעם הוילעך, וועלכן סע האָבן אין ניו־יאָרק צוגעשניטן די דאָרטיקע ציִוניסטן. אַזעלכע „רײַזנדער" טאָר מען ניט אַרופלאָזן אַף דער שוועל פון אַ לײַטישער שטוב.

אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וועגן וועלכער איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, אין זשענעווער „פּאַלאַץ פון די פעלקער" האָב איך געהאַט דעם קליינעם פאַרגעניגן צו ענטפערן אַף אַ פראַגע, וועלכע האָט זיך אָנגעקערט צו דער פּערזאָן פון נאָך איינעם אַ ליומפּען־זשורנאַליסט — עליִעזער וויזל, דעם זעלבן, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געכאַפּט געוואָרן בײַ דער האַנט, ווען ער האָט פון ניו־יאָרק, ווי אַ גאַנגבאַרע סכוירע, צוגעשטעלט פאַר דעם רײַכן ספאַרדישן ייִדן אין פּאַריזש, מאָדיאַני, דעם פּרעזידענט פון דער פראַנצויזישער ייִדישער קעהילע, אַן אַנטיסאָוועטישע שפּאַרגאַלקע, אַ מין „זאַגאַטאָווקע" פאַר אַ רעכילעס־בראָשור וועגן די סאָוועטישע ייִדן.

די פראַגע אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ האָט מיר געשטעלט די קאָרעספּאָנדענטקע פונעם פּאַריזשער „לע מאָנד" איזאַ ווישניאַק, וועלכע געהערט צו יענער טייל פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס זאָגט „מיר — פראַנצויזן". מאַדאַם ווישניאַק איז אַ ציִעניסטקע.

— וויאַזוי שאַצט איר אָפּ די ווערק פונעם ייִדישן שרײַבער עליִעזער וויזל? — האָט געפרעגט איזאַ ווישניאַק מיט אַזאַ אויסזען, פּונקט ווי נאָך מײַן ענטפער וועט זי שוין באַשליסן, צי די קאָנפערענץ מיט עטלעכע הונדערט זשורנאַליסטן אין „פּאַלאַץ פון די נאַציעס" וועט קאָנען פאָרגעזעצט ווערן, צי ניט.

אָרעמע ייִדישע ליטעראַטור, מע דאַרף האָבן צען קעפּ, קעדייי צו דערגיין מיטן סייכל, וואָס פאַראַ קויכעס עס האַלטן דיך הײַנט אויף באַם לעבן — אַ פאַרלאָזטע און פאַרוואָרלאָזטע, אַן אָפענע פון אַלע זײַטן פאַר גראַפאָמאַנען און פרעכע לײַט. ביז דער לעצטער צײַט האָסטו

געהאַט צאָרעס בלויז פון אַזעלכע, וואָס האָבן טאַלאַנט אַף אַ פּרוטע, נאָר פאַרמאָגן שווערע טויזנטער, קעדיי אָפּדרוקן אַ בוך אין פאַרלאַג „אַליינעניו" און דערמיט ווערן אַ „שרייַבער"; איצט לייַדסטו פון נאָך אַ סאָרט „שרייַבער", פון אַזוינע, וואָס פאַרדינגען זיך צו אַ „קאַמפּייַן" אין קאַלטן קריג און אַפילע ווען זיי נעמען זיך אָן די מי צו דעקן זייער כּיוון מיט, מישטיינסגעזאָגט, „ליטעראַטור", דאַרפן זיי ניט שרייַבן קיין ווערק מיט סוזשעטן, כאַראַקטערס, פּייזאַזשן, שפּראַך־קאָלאָריט אַדג. גענוג, אַז פון זייער פּען זאָלן אַראָפּרינען שורעס שמוץ, פון וועלכע עס זאָלן זיך באַקומען זייַטלעך רעכילעס אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, — און זיי קאָנען זיך שוין אָנרופן מיטן זעלטענעם נאָמען „שרייַבער", „יִידישע שרייַבער"... אָרעמע יִידישע ליטעראַטור!

דאָס, וואָס איך זאָג דאָ וועגן אַזעלכע „שרייַבער", האָט אַ שייַכעס צו עליִעזער וויזעלן.

פאַראַן געוויסע סימאָנים, אַז די ערנסטע יִידישע שריפטשטעלער פון דער בירגערלעכער זייַט שטרעבן צו אָרגאַניזירטע קאָנטאַקטן מיט די סאָוועטישע יִידישע וואָרט־מייַסטערס. איך מיין, אַז דאָס איז אַ געזונטע שטרעבונג. און אין דער זעלבער צייַט טראַכט איך, אַז די אָנוועזנהייַט פון ליטעראַרישע פּראָוואָקאַטאָרס אַף דער בירגערלעכער זייַט קאָן צונישט מאַכן אַזעלכע קאָנטאַקטן אין סאַמע אָנהייב.

אַף די פּרעסע־קאָנפערענצן סייַ דאָ אין זשענעווע, סייַ אין ציריך און אויך אין ווין האָב איך גערעדט וועגן דעם, אַז דאָס ערשטע, וואָס מע דאַרף איצט טאָן, איז — אויספאָרשן דעם מאַצעוו, די טענדענצן און די אַנטוויקלונגען אין יעדן יִידישן יִישעוו. אַן אָביעקטיוו בילד איז נייטיק, קעדיי צו באַוואָרענען, אַז קויכעס פון בייזן ווילן זאָלן די יִישווים און די קולטורקויכעס ניט צונויפשטויסן צווישן זיך.

אין דער שווייץ האָב איך געפונען מענטשן — מע קאָן זיי, ליידער, איבערציילן אַף די פינגער, — וועלכע זייַנען מאַסקים מיט אָט דעם געדאַנק. ס'איז נאָך פריש אין זיקאָרן דער שמועס מיט צווי־הערש דרוקמאַנען, דעם רעדאַקטאָר פון דעם פראַנצויזישן טייל („רעווי זשוויוו") פון דער ציריכער צייַטונג „איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט", וועלכע גייט אַרויס אין צוויי שפּראַכן (רעדאַקטאָר פון דעם דייַטשישן טייל און, ווי עס זעט אויס, שעף פון דער גאַנצער אויסגאַבע איז קורט ראָזשעווסקי).

צווי־הערש דרוקמאַן האַלט, אַז קיין בעסערע צייַטונג פאַר די יִידן אין דער שווייץ איז ניט נייטיק און ניט מעגלעך. פון די אומגעפער 20 טויזנט יִידן אין לאַנד ריידן צוויי דריטל אַף דייַטש. די איבעריקע — אַף פראַנצויזיש. דרוקמאַן זאָגט מיט שטאָלץ: „דאָס איזראַעליטישעס וואָכענבלאַט" איז בעשאַס דער לעצטער מילכאָמע געוועזן די איינציקע יִידישע צייַטונג אין דער וועלט, וועלכע איז טאָמיד געלעגן בא געבעלסן אַפן טיש! דער רייַכסמיניסטער פון פּראָפּאַגאַנדע האָט זי געלייענט, קעדיי וויסן, וואָס עס זאָגן די יִידן"... אַפן נירענבערגער פּראָצעס, — דערוויס איך זיך ווייַטער, — האָט די גליקלעכע צייַטונג געהאַט דעם סטאַטוט פון אַ דאָקומענט...

פאַראַן עפּעס היימישעס אין דעם, וויִאַזוי צווי־הערש דרוקמאַן דריקט אויס די געדאַנקען. וועלנדיק אויסברייַען, אַז די יִידן אין דער שווייץ שמעלצן זיך צונויף מיט דער אַלגעמיינער מענטשן־מאַסע, זאָגט ער: „אין זשענעווע זייַנען דאָ אַזויפיל יִידן, אַז סע קאָן זיך אויסווייַזן, אַז עס איז ביכלאַל ניטאָ קיין יִידן"...

די יִידן אין אָט דעם לאַנד זייַנען שטענדיק געווען און פאַרבליבן „דרויסנדיקע", פּונקט ווי די שווייץ גופע איז ניט קיין נאַציִאָנאַל־קאָנסאָלידירט לאַנד. די שווייצאַרער פילן זיך אַלס שווייצאַרער בלויז אין אויסלאַנד; אין לאַנד פילן זיי זיך אַלס זשענעווער, טעסינער, ציריכער, באַזעלער...

אורשפּרינגלעך זייַנען אין זשענעווע געווען עלזאַסער יִידן. די סינאַגאָגע — אַן עלזאַסער, דער נוסעך־האַטפילע — אַן עלזאַסער. ערשט אין דער צייַט פון דער רעוואָליוציע פון 1905 האָט זיך באַוויזן אַ מיזרעך־אייראָפּעיִשער אוילעם עמיגראַנטן — סאָציִאַליסטן, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן. פון די באַלקאַנישע לענדער קומט זיך ביסלעכווייַז צונויף אַ קליינע ספּאַרדישע קעהילע, וועלכע איז נאָכן זעקסטאָגיקן קריג אַפן נאָענטן מיזרעך (יון 1967) אויסגעוואַקסן אַפן כעזשבן פון די פּליטים. פאַראַן אין זשענעווע אויך אַ „דזשויִש־אינגלישע" סוויווע מיט אַן אייגענער סינאַגאָגע און מיט אַן אייגענעם כיידער.

די דאָזיקע עטנישע צעדרויבלטקייַט ברענגט צו פולקומער אָפּוועזנהייַט פון יִידישער קולטור אין לאַנד. ווי וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש האָט מיר צווי־הערש דרוקמאַן דערציילט וועגן דעם, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק האָט אַ דייַטשישע (ניט קיין יִידישע) ליטעראַרישע פאַרייניקונג דורכגעפירט אַן אָוונט פון יִידישער כאַזאָנישער ליד. דער סאָליסט איז געווען אַ כאַזן פון באַזעל — קאַרמאָן, אַ ליטווישער „העברעיִזירטער יִיד". אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן אָוונט זאָגט צווי־הערש דרוקמאַן: „בא אונדז אין דער שווייץ איז פאַר אַ יִידישער ליד פאַראַן אַן אינטערעס... בא די דייַטשן".

ווען ער גיט אַ גוטן קנייטש דעם שטערן, דערמאָנט ער זיך, אַז מיט אַ יאָר צוריק האָט דער זשענעווער טעאַטער „מאַר" געוויזן דזשוזעפּע ווערדיס אָפּערע „אַאיִדאַ", און אין דער ראָל פון אַמאָנאַסראָ, אַאיִדאַס פּאָטער, איז אַרויסגעטראָטן דער כאַזן פון פילאַדעלפיע סיימאָר שוואַרצמאַן.

כלעבן, עפשער האָט א זין, אַז אויך אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, דאָרט, ווו מע זאָרגט זיך אזוי וועגן דעם מאַצעוו פון דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָל מען, אָפן שווייצאַרישן שטייגער, אָפּפרישן די אייגענע קולטור־קאַדרען מיט א פּאָר מיניאָנים כאַזאָנים, באַדכאָנים, ראַבאָנים...

זעקסטער בריוו

אזא מעדינע איז זי שוין, די שווייץ, וואָס אַלע אנדערע לענדער זײַנען גערן אָנצומעסטן אַף זיך איר געשטאַלט, אָנרופן זיך מיט איר נאָמען. זיי מאַכן אַן אָנשטעל, אַז עס איז פאַר זיי דער גרעסטער קאָוועד צו פאַרמאָגן פּונקט אַזאַ הימל, ווי זי, פּונקט אַזעלכע בערג און טאָלן. אורוגווײַ, לעמאָשל, ווײַל האָבן די זכיִע צו רופן זיך „לאַטײַן־אַמעריקאַנישע שווייץ", ליבאַן — „די שווייץ פונעם נאָענטן מיזרעך". מע דערציילט, אַז גרענלאַנד האָט ניט געפונען פאַר זיך קיין בעסערן טיטל, ווי „די שווייץ פונעם צאָפנדיקן אײַז־אָקעאַן"...

יעדע צוויי־דרײַ טעג פּאָר איך אַרויס פון זשענעווע צו זען די שווייץ: קיין לאָזאַן — מיט אַן אוטאָמאָביל, לענגויס דעם ברעג פון דער אָזערע, און ווײַטער קיין בערן דורך פריבורג; קיין ציריך — א ווײַטער מעהאַלעך! — פּאָר איך מיט דער באַן.

מײַנער א באַקאַנטער, וואָס לעבט שוין א לענגערע צײַט אין זשענעווע, האָט מיר געזאָגט, אַז אין דער שווייץ זײַנען אינטערעסאַנט ניט אַזוי די שטעט, ווי דאָס, וואָס ליגט צווישן די שטעט. א סימען, אַז קאָלערליי רײַכע און באַרימטע פראַנצויזן, דײַטשן, איטאַליענער קויפן ביסלעכווײַז אויס „דאָס, וואָס ליגט צווישן די שטעט". ניט בלויז טשאַפּלין, סימענאָן, סאָפילאָרען האָבן דאָ זייערע ווילעס. די גאַנצע מיליאָנערסקע אייראָפּע איז געוואָרן א שוטעף צום פּאָלק פון דער שווייץ.

דער זעלבער באַקאַנטער מײַנער האָט מיר דערציילט אַזאַ לעגענדע: ווען גאָט האָט שוין צעטיילט די וועלט אַף לענדער און פעלקער, האָט ער איינמאָל דערזען א קליין ערטעלע אין די בערג, דאָס איז געווען די שווייץ. אַראָפּ א קוק צו טאָן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין א שטוב און האָט געבעטן א טרונק וואַסער. „פאַרוואָס עפּעס וואַסער? בעסער מילך"... — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע. גאָט האָט געלויבט אין האַרצן די באַלעבאָסטע. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס קווערטל מילך און האָט געזאָגט א דאַנק. אָבער די באַלעבאָסטע האָט אים איבערגעשלאָגן: דאַנק ניט, באַצאָל א פראַנק..."

פאַר א מענטשן, וואָס קומט פון אַזאַ לאַנד, ווי רוסלאַנד, איז בעעמעס שווער צו פאַרשטיין דאָס אַלץ, וועגן וואָס מײַן זשענעווער פרײַנט האָט מיר דערציילט. בײַ אונדז איז דען מעגלעך, אַז א פרעמדער, אַן אויסלענדער, זאָל קויפן א שטיק רוסישע ערד און זיך דאָרט צעלייגן, ווי בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן? עס קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז א פּויערטע פון פּסקאָווסטשינע, לעמאָשל, אָדער פון הינטער פּאָלטאַווע זאָל נעמען געלט פאַר א טרונק? קאָן זײַן, אַז די גאַנצע קונסט פון צווישנפעלקערלעכע קאָנטאַקטן באַשטייט אין דערקענען (ניט נאָכמאַכן) איינער דעם צווייטן. ווען דער שווייצאַרישער נאַציאָנאַלער שרײַבער מאַקס פריש האָט ניט לאַנג צוריק געזאָגט, מיינענדיק די שווייץ: „די דאָזיקע מעלוכע איז ניט מײַן הײמלאַנד", — האָט עס, לויט מײַן פאַרשטאַנד, אויסגעזען לאַכלוטן אומדערלאָזבאַר — לײַכטזיניק, ניהיליסטיש. פון דער צווייטער זײַט, קומט מיר אויס שאָענלאַנג צו אײַנטײַנען מיט די זשורנאַליסטן אין דער שווייץ, פאַרוואָס בײַ אונדז אין לאַנד קוקט מען קרום אַף יענע, וועלכע פאָרן אַרויס קיין אויסלאַנד אַף צו בלײַבן דאָרט.

זייער פיל זאַכן זײַנען אַנדערש בײַ זיי, ווי בײַ אונדז. אין סאָוועטנפאַרבאַנד פירט מען ניט קיין דיסקוסיעס, אַשטייגער, וועגן דעם, וויאַזוי אָפּשאַצן דעם אופטו פון א לעט אָדער א ווײַסרוס, וועלכער האָט בימיי היטלער, אײַנשטעלנדיק דאָס אייגענע לעבן, געהאָלפן א ייִדן אויסמײַדן דעם טויט. אַזאַ ווײַסרוס אָדער לעט איז נאָך בעשאַס דעם קריג צי גלײַך נאָך אים באַלוינט געוואָרן מיט א מעלוכישן אָרדען און ער ווערט באַהאַנדלט ווי א העלד. אין דער שווייץ האָט אַזאַ פּאַסירונג זיך געענדיקט אַף אַן אַנדער אויפן. איינער א פּאָליציי־אָפיצער — מע רופט אים פּאָל גרינינגער, — האָט געהאָלפן די דײַטשישע ייִדן צו איבערגיין די גרענעץ און זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם שטילן נייטראַלן לענדעלע. ס'איז אָבער אין יענער צײַט געווען אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן מע האָט ניט געטאָרט אַרײַנלאָזן אין דער שווייץ קיין מענטשן, אַף וועמענס פּאַספּאָרט ס'איז געשטאַנען דער פאַטאַלער בוכשטאַב „יאָט" — דער צייכן, אַז מע איז א ייִד. גרינינגער האָט געהאַנדלט ניט אין גײַסט פונעם אָפּמאַך און איז דעריבער רעפּרעסירט געוואָרן. זינט דעמלט זײַנען שוין דורכגעגאַנגען מער פון דרײַסיק יאָר, און ערשט איצט האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פון דער שווייץ רעאַביליטירט גרינינגערן.

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען איינעם פון די גרויזאַמסטע עפּיזאָדן פון דעם צווייטן וועלט־קריג, וועלכן די היסטאָריקער רופן אָן „דער זעלבסטמאָרד בײַ דער גרענעץ". אין 1939 האָבן טויזנטער ייִדן א שטראָם געטאָן אין דער נייטראַלער שווייץ, האָפנדיק ניצל צו ווערן פון

פאַרניכטונג. די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אָבער דערקלערט, אַז די קוואָטע פון פּליטים אין זייער לאַנד איז זיבן טויזנט, און אַזאַ צאָל איז שוין אין פּעריאָד פון 1933 — 1938 אַרײַנגעקומען. פאַר דרײַ יאָר (1939 — 1942) האָט די שווייץ אופגענומען בלויז 850 פּליטים פון דײַטשלאַנד און האָלאַנד, און דאָס אונטער א דרוק פון די דעפּוטאַטן פונעם שווייצאַרישן בונדעסראַט. בא דער גרענעץ מיט דײַטשלאַנד איז געשטאַנען א גרויל־געשריי. מענטשן זײַנען געלאָפן ווי פון א מוירעדיקער סרייפע, מע האָט זיי אָבער געכאַפּט און צוריק געוואָרפן אין פײַער אַרײַן. דער וועג איז געווען איינער — אין די טויט־לאַגערן.

ניין, עס איז געווען נאָך איין וועג. בא די גלײַכגילטיקע גרענעץ־סלופּעס פון דער שווייץ זײַנען יידן מאַסנווײַז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דעם בוך „די מילכאָמע איז געוווּנען געוואָרן אין דער שווייץ" (די אווטאָרן — פּיער אַקאָס און פּיער קער) ווערן געבראַכט צוויי דאָקומענטן פון יענער צײַט.

דער פּאָליציי־שעף פון דער שווייץ ראָטמונד האָט אין יול 1942, אין א באַריכט וועגן זײַנעם א באַזוך אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אָראַניענבורג, אַזוי מאָטיווירט פאַר דעם פּאַרלאַמענט די פּאָדערונג, אַז מע זאָל ניט לאָזן די יידן „אַרײַנדרינגען אין דער שווייץ": „איך מוז דאָ צוגעבן, אַז יידן ווערן (אין טויט־לאַגער אָראַניענבורג. — א. וו.) גאָרניט באַהאַנדלט אַזוי אומראַכמאָנעסדיק. איך האָב ניט געפונען קיין שום סימען פון דעם, אַז זיי ווערן מאַסנווײַז פאַרניכטעט...".

אין דער זעלבער צײַט האָט דער ציריכער דאָקטער רודאָלף כ., מיטגליד פון א מעדיצינישער קאָמיסיע, וועלכע האָט באַזוכט אייניקע מיזרעך־אייראָפּעיִשע לענדער, באַריכטעט דעם מיליטער־דעפּאַרטאַמענט: „...אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז די פאַרניכטונג פון יידן אין פולן גאַנג. די גאַז־קאַמערן און די קרעמאַטאָריעס אַרבעטן אָן אופהער. הונדערטער, טויזנטער קאָרבאָנעס... אַפילע פרויען מוזן אַליין פאַר זיך אויסגראָבן די קוואָרים. די עסעס־לײַט הייסן די זקינים אַרײַנשפּרינגען אין די גריבער, און דאָרט ווערן זיי דערשאָסן... טײַכן בלוט, היופנס טויטע און אומגעהייערע אינויִם...".

די רעגירונג פון דער שווייץ האָט, נאַטירלעך, געגלייבט איר פּאָליציי־גענעראַל. דעם באַרעמהארציקן דאָקטער האָט מען באַפוילן, ער זאָל מאַכן א שווײַג. בא די גלײַכגילטיקע גרענעץ־סלופּעס פונעם לאַנד זײַנען אומגליקלעכע מענטשן מאַסנווײַז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דאָס איז געווען אין די ווײַטע פערציקער יאָרן. איצט זײַנען שוין אין דער שווייץ אַנדערע צײַטן. מע האָט דאָ, ווי געזאָגט, אַפילע רעאַביליטירט דעם ניט־דיסציפּלינירטן גרינינגערן, וועלכער האָט געהאָלפן יידן אַריבערגיין די גרענעץ. נאָך מער (איר מעגט שטוינען...) — אין 1936 האָט א יונגער ייד דאַוויד פראַנקפורטער דערהאַרגעט אין דער מיזרעך־שווייצאַרישער שטאָט דאַוואָס דעם נאַציִשן פירער ווילהעלם גוסטלאָף און איז פאַרמישפּעט געוואָרן אויף 18 יאָר טפיסע, — איז ער איצט אויך פולשטענדיק אַמניסטירט געוואָרן!

אַנדערע צײַטן. די שווייץ האָט ניט אומזיסט פאַרבונדן איר גויִרל מיט זייגערס, — זי פּילט די צײַט...

זיבעטער בריוו

זשענעווע שטייט מיט אירע פאַרשטעט האַרט בא דער גרענעץ מיט פראַנקרײַך. אַלע וועגן, אויסער איינעם, דעם לאָזאַנער, פירן פונדאַנען צו דער גרויסער שכיינעסדיקער מעדינע. זיצנדיק אַנומלטן אין א זשענעווער טראָליִבוס, האָב איך זיך פאַרקוקט אויף דער שטאָט און בין שיִר ניט אַרײַנגעפאָרן קיין פראַנקרײַך, ווו אין א קליין דערפל ענדיקט זיך דער מאַרשרוט.

אַגעוו, צופעליק איז עס געשען אין מאָמענט, בייס טאַקע דאָרט, אָפן פראַנצויזישן „בלויען ברעג", אין דער שטאָט ניצע, איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער אָנפירונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. כאָלילע, ווען איך „פאַרשלאָף" די גרענעץ און יאָווע זיך אַרײַן פון הינטן־אַרום קיין ניצע, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז איך בין געקומען פון מאָסקווע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט אויף דער זיצונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס.

איך בין אַרויס פונעם טראָליִבוס א פּאָר טריט פאַרן גרענעץ־שלאַגבאַום, וועלכער באַמבלט זיך דאָ ווי אָן איבעריקע זאַך, ווײַל קיינער לאָזט אים ניט אַראָפּ און קיינער הייבט אים ניט אויף. דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער, א יונגער מענטש מיט אַראָפּהענגענדיקע באַקן און מיט א בײַכל, הערט ניט אויף צו טרינקען קאַווע אין דער צײַט, ווען אַהער און אַהין, פון דער שווייץ קיין פראַנקרײַך און פון פראַנקרײַך אין דער שווייץ, טראָגן זיך אָן אופהער אווטאָמאָבילן. לעם דעם ברעטלדיקן, גרין־געפאַרבטן בײַדל, אין וועלכן עס זיצט באַם צעעפנטן פענצטער דער קאַווע־טרינקער, האָט עמעצער צוגעקלאַפּט צו א סלופּ א טראַנספּאַראַנט, וואָס איז מיט דער פאַרשריבענער זײַט געווענדט צו פראַנקרײַך. קעדיי דורכלייענען, וואָס אָפן טראַנספּאַראַנט איז אָנגעשריבן, שטעל איך זיך אוועק בא א זײַט פונעם סלופּ, מיטן לינקן פוס אין דער שווייץ און מיטן רעכטן פוס אין פראַנקרײַך. דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער בלאָזט אַראָפּ פון דעם קאַווע־טעפל די פּאַרע און טוט צו מיר א שעל־

מישן װוּנק, װאָס דאַרף באַטײַטן, אַז ס׳װעט קײן אומגליק ניט געשען, אויב איך װעל דעם לינקן פוס צושטעלן צום רעכטן.

אױפֿן טראַנספּאַראַנט איז אָנגעשריבן: „פּאָמפּידו! באַצאָל דעם כּיוּװ פֿון נאַפּאָלעאָנען!". דער טאַמאַזשנע־אָנגעשטעלטער דערזעט מײַן פֿאַרכּידעשטקײַט, רופֿט ער מיך צו מיט אַ פֿינגער, און דערבײַ דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט װעט ער מיך אַ כאַפּ טאָן און אַרײַנזעצן אין קאַטאַלאַזשקע פֿאַר אַרײַנשמוגלען זיך מיט אַ פֿוס אין אַ פֿרעמדער מעדינע. ער שפּאַרט אָבער אונטער מיט בײדע דלאָניעס די אַראָפּהענגענדיקע באַקן און דערצײלט מיר אַ געשיכטע, אַז דער טראַנספּאַראַנט שטעקט שוין דאָ מער פֿון אַ יאָר צײַט. דאַן איז געפֿײַערט געװאָרן דער צװײיהונדערטסטער געבוירנטאָג פֿון נאַפּאָלעאָנען, און די אײַנװוינער פֿונעם קלײנעם שװײצאַרישן שטעטל סען־פּיער האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיט 170 יאָר צוריק האָבן זײערע עלטערזײדעס געהאָלפֿן באָנאַפּאַרטן אַריבערצוגײן מיט זײַנע כאַיאָלעס די אַלפּן באַם באַרג־שפּיץ סען־בערנאַר. פֿאַר דעם האָט באָנאַפּאַרט געבעטן צושטעלן אַ כעזשבן װעגן דעם שאָדן, װאָס די אָפּעראַציע האָט אָנגעמאַכט דעם שטעטל, און ער װעט באַצאָלן מיט מעזומען.

דער כּיוּװ באַטרעפֿט 45 טויזנט מיט 334 פֿראַנק און 90 סאַנטימען. דאָס שװײצאַרישע שטעטל האָט צום צװײיהונדערטסטן געבוירנטאָג פֿונעם פֿראַנצויזישן אימפּעראַטאָר צוגעשטעלט אַ כעזשבן דעם פּרעזידענט פּאָמפּידו...

— און דער פּרעזידענט האָט באַצאָלט?

— דערװײַל ניט (דער טאַמאָזשנע־אָנגעשטעלטער האָט דאָס מאָל אַראָפּגעבלאָזן די פּאַרע פֿונעם קאַװע־קװערטל גלײַך מיר אין פּאָנעם אַרײַן). מע שפּאַרט זיך, צי דער כּיוּװ דאַרף געדעקט װערן לויטן טאַריף פֿונעם 1800־טן יאָר, װען די געשעעניש איז פֿאָרגעקומען, צי לויטן הײַנטיקן קורס פֿונעם פֿראַנק, און אויך צי עס דאַרף גענומען װערן אין אַכט די לעצטע דעװאַלװאַציע...

װען איך שלעפּ שוין אײַנגאַנצן אַריבער דעם פֿוס פֿון פֿראַנקרײַך קײן שװײצאַריע, טראַכט איך זיך װידער: ריבוינעשעלוילעם, װי גוט איז, װאָס עס האָט מיך ניט אַ טראָג געטאָן װײַטער — אַזש ביז ניצע; װען דאָס זאָל געשען, װאָלט מען דאָך געקאָנט מײנען, אַז איך בין געקומען פֿון מאָסקװע זיך אונטערהערן, װאָס אין אָט דער שטאָט רעדט מען אױף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פֿונעם ייִדישן װעלט־קאָנגרעס.

און דאָך מוז איך זיך מוידע זײַן, אַז עפּעס־װאָס האָב איך יאָ געהערט. זײַענדיק אין זשענעװע, װעלכע איז מיט ניצע װי אַ שטוב מיט אַן אַלקער, װאָלט איך זיך געדאַרפֿט שוין אײַנגאַנצן פֿאַרשטעקן די אויערן, קעדײ גאָרנישט ניט הערן פֿון דעם, װאָס אין יענער שטאָט האָבן גערעדט צװישן זיך די כאָשעװע װעלט־ייִדן.

און גערעדט האָבן די װעלט־ייִדן װעגן אַ גאָר מיִעסן אַנטיסאָװעטישן באַלאַגאַן, װעלכן די ייִדישע רעאַקציע קלײַבט זיך אין אַ כּוידעש אַרום אײַנאָרדענען אין דער בעלגישער הויפּטשטאָט בריסעל.

דערװײַל װעל איך פֿון דעם אײַך מער גאָרנישט ניט שרײַבן. מאָרגן, אימירצעשעם, פֿלי איך אַרויס קײן בריסעל, און דאָרט װעל איך זיך באַקאַנען מיטן אינײען פֿון דער נאָענט.

(פֿאָרזעצונג קומט)

הילעל אלעקסאנדראָוו

רוסלאַנד — אונדזער היימלאַנד

די טאָלעראַנטקײַט פון פּיאָטער דעם גרויסן

אין די צײַטן פונעם רעגירן פון פּיאָטער דעם גרויסן (1689—1725) זײַנען די טויערן פונעם לאַנד געוואָרן אָפן פאַר אויסלענדער, וועלכע האָבן געוווינט אין דער „דײַטשישער סלאָבאָדע" און גערעכנט זיך פאַר רוסישע אונטערטאַנען; אין דער סלאָבאָדע האָבן געלעבט ניט נאָר דײַטשן, נאָר אויך מענטשן פון אנדערע נאַציאָנאַליטעטן — ענגלענדער, גריכן אאַ. בענעגייע ייִדן, ווי מיר לייענען, לעמאָשל, בא דובנאָוון[1], זײַנען אין פּיאָטער I צײַטן ניט ארויסגעגעבן געוואָרן קיין ספּעציעלע געזעצן, און דאָס איז, לויט אונדזער מיינונג, א באַווײַז, אז דער צוגאַנג צו די ייִדן איז געווען אין גרונט א גינסטיקער.

ווי באַוווּסט, האָט פּיאָטער געפירט די אַזויגערופענע צאָפנדיקע מילכאָמע קעגן די שוועדן, זײַענדיק פאַרבונדן מיט פּוילן און דענעמאַרק. אין מעשעך פון דער דאָזיקער מילכאָמע, וועלכע האָט געדויערט איין און צוואַנציק יאָר (1700—1721), איז דאָס רוסישע מיליטער דורכגעגאַנגען דורך די געגנטן פון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, וועלכע האָבן געהערט צו פּוילן און ווו עס האָבן געוווינט פיל ייִדן.

אין 1707 האָט פּיאָטער אָפּגעגעבן א פאַראָרדענונג דעם פעלדמאַרשאַל שערעמעטיעוון, ער זאָל אוועקשטעלן א פּאָטשט און א סקלאַד פון פּראָוויִאַנט אין מאָזיר (ווײַסרוס-לאַנד). צווישן אנדערס, איז אין דער פאַראָרדענונג געזאָגט געוואָרן: „די פּאָטשט ארופלייגן (ПОЛОЖИТЬ) אַף ייִדן. דאָרט, ווו זיי זײַנען ניט פאַראַן, — אַף אָרטיקע אײַנוווינער"[2]. דאָס זאָגט אײדעס וועגן דעם צוטרוי צו ייִדן מיצאַד פּיאָטער I, ביפּראַט אין מילכאָמע-צײַט. מע קאָן די דאָזיקע פאַראָרדענונג דערקלערן אויך דערמיט, וואָס פּיאָטער איז קעגן די שוועדן ארויסגעטראָטן צוזאַמען מיט פּוילן און ער האָט געהאַט א גרונט צו טראַכטן, אז ייִדן, אלטע פּוילישע אונטערטאַנען, וועלן אים ניט אונטערפירן.

אין זעלבן 1707 האָט פּיאָטער אָפּגעגעבן א פאַראָרדע-נונג שערעמעטיעוון: „אויב קאָנטריבוציע איז נאָך ניט צונויפגעקליבן, דאַרף מען אין די פאַרנומענע ערטער פאָ-דערן פון יעדן פויערשן הויף צו צוויי יעפימקעס, פון ייִדן און מעשטשאַנעס צו פינף יעפימקעס פון יעדערן"[3]. דאָס באַווײַזט, אז די קאָנטריבוציע פון ייִדן און מעש-טשאַנעס איז געווען איינע און די זעלבע.

אין 1708 איז פּיאָטער דורכגעגאַנגען מסטיסלאַוול (אמטשיסלאַוו — אַזוי הייסט די שטאָט אין ייִדיש) גראָד דאַן, ווען דאָרטן האָט זיך אָנגעהויבן א מיליטערישער פּאָגראָם קעגן ייִדן. וועגן דעם איז פאַרשריבן אין אמ-טשיסלאַווער קאַהאָלשן פּינקעס: „28 עלעל 5468 (לויטן ייִדישן קאַלענדאַר) איז אָנגעקומען דער קייסער, וועלכער הייסט מאָסקווער צאַר מיטן נאָמען פּיאָטער זון פון אלעק-סיי, מיט זײַן גרויסן מיליטער. אָן זײַן וויסן זײַנען אַף אונדז אָנגעפאַלן גראַביטעליעס און ראָצכים פון זײַנעם א פאָלק, און ס'איז שיר ניט דערגאַנגען ביז בלוטפאַרגיסונג. און ווען דער האַשעם-ייִסבאָרעך וואָלט ניט ארײַנגעלייגט דעם קייסער אין דער נעשאָמע, ער זאָל אליין ארײַנגיין צו אונדז אין בעסמעדרעש, וואָלט געוויס בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. נאָר מיט גאָטס הילף האָט אונדז געראַטעוועט דער צאַר און נעקאָמע געהאַלטן פאַר אונדז, געהייסן גלײַך אופהענגען דרײַצן מענטשן פון די פּאָגראָמשטשיקעס, און ס'איז רויִק געוואָרן"[4].

וועגן פּיאָטערס באַציִונג צו ייִדישע סאָכרים זאָגט איי-דעס פאָלגנדער פאַקט. אין 1717 האָט רעזע, דער רוסי-שער אַגענט אין ברעסלאַוו, איבערגעגעבן דורכן באַראָן שיפּראָוו, אז אייניקע וויכטיקע האַנדלס-הײַזער אין דײַטש-לאַנד לייגן פאָר זיך צונויפריידן וועגן אָט וואָס. אויב דער צאַר וועט דערלויבן עטלעכע ייִדישע מישפּאָכעס גרינדן קאָנטאָרן אין מאָסקווע, פּעטערבורג און ארכאַנגעלסק און דערבײַ „פרײַ דורכפירן גאָטעסדינסטן אין זייערע סינאַ-גאָגעס", וועלן זיי ארײַנטראָגן אין דער קאָמפּאַניע צו האַנדלען מיט פּערסיע 300 טויזנט רייכסטאַלער. אַף דעם דאָזיקן פאָרשלאָג איז דעם אַגענט רעזע געגעבן געוואָרן

דאָס ערשטע ארטיקל זע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1971.

אזא אינסטרוקציע: „אויב קריסטן אָדער ייִדן ווילן צוליב האנדל מיט פּערסיע באזעצן זיך אין די לענדער פון זײַן צארישער מאיעסטעט, וועט זיי זײַן דערלויבט צו פירן זיך פרײַ לויט זייער גלויבן, מע וועט בא זיי נעמען מעסיקע פּאשלינעס, זיי וועלן קאָנען פרײַ פאָרן סײַ מיטן וואסער, סײַ מיט דער יאבאָשע, און אויב ס׳וועט זיך פאָדערן, וועט מען זיי העלפן מיט קאָנוואָי“. האגאם דער פּאָרשלאָג, ווי מיר זעען, איז פאקטיש פונעם צאר אָנגענומען געוואָרן, האָט זיך דאָך דער איניען פארצויגן. אין 1723 דערמאָנט וועגן דעם דער אגענט רעזע אין א פּראָמעמאריע און גיט דערבײַ צו, אז די דערמאָנטע האנדלסהײַזער האָבן געפאָדערט בא דער רוסישער רעגירונג פארזיכערונג־גאראנטיעס פאר זייער האנדל מיט פּערסיע. אף דעם האָט מען דעם אגענט רעזע קיין ענטפער ניט געגעבן[5]. וויכטיק אין אָט דעם עפּיזאָד איז דאָס, וואָס עס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן דער פּרינציפּ, אז ייִדישע אויסלענדישע סאָחרים קאָנען זיך פרײַ באזעצן אין מאָסקווע, פּעטערבורג אָדער ארכאנגעלסק און פרײַ פירן זיך לויט די פאָדערונגען פון זייער רעליגיע; ארום דער דאָזיקער פּראגע האָט זיך געשאפן א ריין געשעפטלעכער צוגאנג.

ס׳איז באוווּסט, אז ווען דער רוסישער רעזידענט אין ווין, דער אָנגעזעענער דיפּלאָמאט אבראם וועסעלאָווסקי האָט שריפטלעך רעקאָמענדירט דעם צאר א ייִדן אלס דאָקטער, האָט פּיאָטער געענטפערט: „פאר מיר איז לאכלוטן אלציינס, צי דער מענטש איז געטויפט אָדער געמאלעט, זאָל ער נאָר וויסן זײַן פאך און אויסצייכענען זיך מיט אָנשטענדיקייט“[6].

פון די אלע געבראכטע פאקטן זעען מיר, אז פּיאָטער איז געווען פרײַ פון רעליגיעזער ניט־טאָלעראנטקייט. ער האָט פארבראכט א לענגערע צײַט אין האָלאנד און אין ענגלאנד גראָד אין דעם פּעריאָד, ווען אין האָלאנד האָבן די ארויסגעטריבענע ייִדן פון שפּאניע געפונען פאר זיך א מאָקעם־מיקלעט און ווען אין ענגלאנד האָט מען אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פונעם 17־טן יה. ברייט דעבאטירט די פראגע וועגן אופנעמען צוריק ייִדן, וועלכע זײַנען ארויסגעטריבן געוואָרן פונעם לאנד אין סאָף 13־טן יה. דאָס אלץ האָט ניט געקאָנט ניט ווירקן אף פּיאָטער I, ניט געקאָנט ניט שטויסן צו דעם, אז ער זאָל אָפּוואַרפן דעם פארגליווערטן קוק אף ייִדן ווי אף „סאָנים פון יעזוס כריסטוס“. אין דער זעלבער צײַט האָט פּיאָטער ניט געקאָנט ניט רעכענען זיך מיט דעם פאקט, וואָס אין לאנד איז קעגן זײַנע רעפאָרמעס געווען א שטארקע אָפּאָזיציע, וועלכע האָט זיך א געוויסע צײַט קאָנצענטרירט ארום זײַן אייגענעם זון; די פאנאטישע ראסקאָלניקעס, וואָס האָבן געהאט א שטארקע ווירקונג אף פארשיידענע שיכטן פון דער רוסישער געזעלשאפט, האָבן אף אים געקוקט ווי אף אן „אנטיכריסט“. זײַן פּאָליטיק בענעגייע דעם קלויסטער האָט אופגעשטעלט קעגן אים א באדײַטנדיקן טייל גאלאָכים, וועלכע האָבן ניט געקאָנט שאָלעם מאכן מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגענומען בא די מאָנאסטירן גרויסע שטאָכים ערד און וואָס ער האָט ליקווידירט די פּאטריִאשעסטוואָ, געשאפן אף איר אָרט דעם „הייליקסטן רעגירנדיקן סינאָד“, וועלכער האָט זיך פאקטיש געפונען אין די הענט פון דעם וועלטלעכן אָבער־פּראָקוראָר. בא אזא סיטואציע האָט די פּאָליטיק פון פּיאָטער I בענעגייע ייִדן געמוזט זײַן א פאָרזיכטיקע און א בייגעוודיקע. פון איין זײַט, האָט ער ניט אָפּגעשאפן דעם אלטן פארבאָט פאר ייִדן צו באזעצן זיך אין דער „הייליקער רוס“, פון דער אנדערער זײַט, האָט ער „געקוקט דורך די פינגער“ אף דעם פאקט, וואָס ייִדן ברעכן דעם געזעץ און באזעצן זיך אין דער הויפּטשטאָט מאָסקווע און הייבן זיך אָן באזעצן אין דער נײַער נאָרוואָס געגרינדעטער הויפּטשטאָט סאנקט־פּעטערבורג.

צווישן די ערשטע ייִדן אין פּעטערבורג באגעגענען מיר פריִער פאר אלץ די „ייִדן לויטן אָפּשטאם“, וועמען פּיאָטער האָט ארויסגערוקט אף העכסטע מעלוכע־פּאָסטנס. מע דארף זאָגן, אז אין דער דאָזיקער פּראגע האָט פּיאָטער I פארנומען א זעלבשטענדיקע פּאָזיציע. אין טאָך האָט א „מעשומעד“ אין אלע קריסטלעכע לענדער געהאט גלײַכע רעכט מיט די קריסטלעכע בירגער; אין די אויגן אָבער פון דער פאנאטיש־רעליגיעזער מאסע און אויך אין די העכערע געזעלשאפטלעכע שיכטן האָט מען אף אים געקוקט מיט א געוויסן אומצוטרוי; געווען אזוינע פאָרשטייער פון דער קירך, וועלכע האָבן געהאלטן, אז א „מעשומעד“ טאָר מען פאר קיין פאל ניט טרויען, וואָרעם אויב א מענטש איז פייִק צו בײַטן זײַן גאָט, קאָן ער שוין זײַן פייִק אף אלע זאכן. אנדערע האָבן ניט געוואָלט מויכל זײַן דעם „מעשומעד“, וואָס ער קומט ארויס פון „סאָנים פון די קריסטן“. פּיאָטער I האָט זיך אין דעם פּראט ניט גערעכנט מיט דער אָפּאָזיציע און האָט ארויסגערוקט אף הויכע מעלוכע־פּאָסטנס פייִקע מענטשן, ניט גערעכנט זיך מיט דעם, „צי דער מענטש איז געטויפט אָדער געמאלעט, זאָל ער נאָר וויסן זײַן פאך און אויסצייכענען זיך מיט אָנשטענדיקייט“.

דעם פּאָסטן פון וויצע־קאנצלער, פאקטיש מיניסטער פאר אויסערלעכע איניאָנים, האָט פארנומען פּיאָטער פּאווּלאָוויטש שאפּיראָוו (1669—1739). זײַן זיידע האָט זיך געשמאדט אין יאָר 1654; דער פאָטער זײַנער איז געווען אין די צײַטן פון אלעקסיי מיכײַלאָוויטשן דער איבערזעצער אין אזויגערופענעם „פּאָסאָלסקי פּריקאז“. וועגן וויצע־קאנצלער שאפּיראָוו רופט זיך אָפּ דער דענישער רעזידענט אין זײַן טאָגבוך ווי וועגן א קלוגן מענטשן, מיט וועמען דער קייסער באראט זיך אָפט און מיט וועמען ס׳איז גרינג צונויפריידן זיך, ער קלײַבט זיך גוט פאנאנדער אין צווישנפעלקערלעכע פּראגן.

דעם פּאָסטן פון פּעטערבורגער גענעראל־פּאָליצמייסטער האָט פארנומען אנטאָן מאנוילאָוויטש דיוויער, א זון פון א פּאָרטוגעזישן ייִדן. פּיאָטער I האָט אים געבראכט מיט זיך פון האָלאנד און אים באשאָנקען מיטן טיטל גראף. אונטער פּיאָטערס דרוק האָט מענשיקאָוו געמוזט מאסקים זײַן, אז זײַן שוועסטער זאָל כאסענע האָבן מיט דיוויערן. פון דעמלט אָן איז מענשיקאָוו געוואָרן דיוויערס א בלוטיקער סוינע, און נאָך פּיאָטערס טויט האָט ער זיך דערשלאָגן, אז דיוויער איז פארשיקט געוואָרן אין יאקוטיע; שפּעטער, אומקערנדיק זיך צוריק קיין פּעטערבורג, איז דיוויער ווידער געווען פּעטערבורגער גענעראל־פּאָליצמייסטער.

אין „רוסקאיא סטארינא“ (1817, דעקאבער) איז מיטגעטיילט, אז „דער קאמערדינער פון פּיאָטער דעם גרויסן, פּיאָטער וואָלף, פון זשידישער אָפּשטאמונג, א געוועזענער גווארדיע־אָפיצער, האָט באקומען דעם טיטל געהיים־ראטגעבער“[7]. צו די געשמאדטע האָט אויך געהערט אקאָסטא (אין רוסישע מעקוירעס רופט מען אים לאקאָסטא), דער לעץ פונעם הויף, וועלכער כאראקטעריזירט זיך אין די מעקוירעס אלס הויכגעבילדעטער מענטש[8].

אויסער די דערמאָנטע פּערזאָנען, ווערט איבערגעגעבן וועגן נאָך איינצלנע ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין פּעטערבורג: וועגן מיליטערישן רופע (לעקאר) פונעם

סעמיאַנאָווער פּאָלק אבראם ענס; וועגן פּאָדריאַדטשיק אַף צושטעלן זילבער פארן מאַטבייִע־הויף (מאָנעטני דוואָר) זונדל הירש אא.

ווי מיר זעען, זײַנען די ערשטע ייִדן אין פּעטערבורג, אין אונטערשייד פון די מאָסקווער, געווען מענטשן, וועלכע האָבן פארנומען אָנגעזעענע מעלוכע־פּאָסטנס, אָדער זיי זײַנען געווען פארבונדן געשעפטלעך מיט מעלוכע־אַנשטאַלטן.

אין פּעריאָד פון הויף־איבערקערענישן. דער „איניען וואָזניצין — לײַבאָוו“

נאָכן טויט פון פּיאָטער I איז אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד אָנגעקומען דער „פּעריאָד פון הויף־איבערקערענישן“ (1725—1762), וועלכן לענין כאראקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „די איבערקערענישן זײַנען געווען לעכערלעך גרינגע, קאָלזמאַן עס איז געגאַנגען א רייד וועגן אָפּנעמען די מאכט בא איין הײַפל אדל־לײַט אָדער פעאָדאלן און איבערגעבן זיי אן אנדערער“ (ב. 28, ז. 397). אין משך פון דעם פּעריאָד האָבן געקיניגט: יעקאטערינא I, די פרוי פון פּיאָטער I (1725—1727); פּיאָטער II, דאָס אייניקל פון פּיאָטער I (1727—1730); אנא יאָהאנאָוונא, די פּלעמעניצע פון פּיאָטער I (1730—1740); די טאָכטער פון פּיאָטער I יעליזאוועטא פּעטראָוונא (1741—1761). די לעצטע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין 1762, ווען עס איז דערהארגעט געוואָרן פּיאָטער III, דאָס אייניקל פון פּיאָטער I, און עס איז געוואָרן א קיניגן זײַן פרוי יעקאטערינא II.

די אָפּאָזיציע, וועלכע האָט מוירע געהאט עפענען דאָס מויל באם לעבן פון פּיאָטער I, האָט זיך איצט געפילט שטארק. זי האָט אין טאָך ניט געהאט קיין דורכגעטראַכטע פּאָליטישע פּראָגראם. פאר איר איז וויכטיק געווען אָפּנעמען די מאכט בא די, וועלכע זײַנען געווען נאָענט צו פּיאָטער I, אָפּרעכענען זיך מיט זיי און ווערן די איינציקע רעדלפירער אין לאַנד. אין דאָזיקן קאמף פאר דער מאכט האָבן אינטריגעס און מעסירעס פארנומען דאָס הויפּט־אָרט.

אין די יאָרן פון דעם רעגירן פון אנא יאָהאנאָוונא האָט זיך טראגיש פארענדיקט א געשיכטע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער צײַט פון פּיאָטער I און האָט זיך געצויגן גאנצע זעכצן יאָר. מע דאַרף זאָגן, אז נאָך ביז איצט ווארט די דאָזיקע געשיכטע אַף איר אויספאָרשער. דאָס איז דער „איניען פונעם קאפּיטאַן־פּאָרוטשיק אלעקסאנדער וואָזניצין און דעם אָטקופּשטשיק באָרוך לײַבאָוו“. דער דאָזיקער „איניען“ איז פארבונדן מיט דער סמאָלענסקער גובערניע, די איינציקע אין גרויס־רוסלאַנד, אין וועלכער עס האָט געלעבט א שטענדיקע, ניט קיין גרויסע, ייִדישע באפעלקערונג*. אזויווי די דאָזיקע גובערניע איז געווען הארט בא דער גרענעץ מיט ווײַסרוסלאַנד, וועלכע האָט געהערט צו פּוילן און איז איבערגעגאַנגען פון האנט צו האנט, זײַנען דאָרט געווען אין אייניקע שטעטלעך און דערפער טאמאָזשניעס („מיטעס“), וועלכע עס האָבן געהאלטן אין אָטקופּ ייִדן „מיטניקעס“. די „מיטניקעס“ האָבן געהאט רעכט אײַנצולאָדן ייִדישע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס געבילדעט קאָלאָניעס, פון וועלכע, בא געהעריקע באדינגונגען, זײַנען שפּעטער ארויסגעקומען גרעסערע קיבוצים. אזא ייִדישע קאָלאָניע האָט זיך אויסגעבילדעט אין דאָרף זווערעאָוויטש, קראסנער אויעזד. דער אָטקופּשטשיק איז דאָרט געווען באָרוך לײַבאָוו.

צוויי סמאָלענסקער מעשטשאנעס — גערשאָסים שילאָ און סעמיאָן פּאסקין — האָבן אָנגעגעבן א מעלדונג אין סינאָד אין יאָר 1722[9], בעשאס עס האָט נאָך רעגירט פּיאָטער I. ווי די מעלדונג גיט אָן, האָט זיך פארגרעסערט די צאָל ייִדן אין סמאָלענסק און אין דער ארומיקער געגנט, און דאָס האָט „פארשארפט די באציִונגען צווישן די אָרטיקע מעשטשאנעס און די ייִדן“. די אָנפירער פון דעם „איניען“ זײַנען געווען אָרטיקע פאָרשטייער פון דער קירך, וועלכע האָבן געפירט פאר דער האנט די צוויי סמאָלענסקער מעשטשאנעס. אין א ברייטן ארײַנפיר — א היסטאָרישן, אויב מע קאָן אים אזוי אָנרופן, — ווערט אָנגעוויזן, אז אין משך פון פיל יאָרן איז אין סמאָלענסק און אין גאנצן סמאָלענסקער פירשטנטום געווען נאָר איין קריסטלעכע רעליגיע. דער געוועזענער סמאָלענסקער וויצע־גובערנאטאָר פירשט גאגארין האָט אָבער אָנגעהויבן ארײַנלאָזן אין סמאָלענסקער פּראָווינץ א סאך ייִדן פון ליטע, און ער האָט דערלאָזט, אז זיי זאָלן נעמען אַף אָטקופּ טאמאָזשניעס און פארנעמען זיך מיט פארשיידענע מיסכאָרים. איבערהויפּט קאָן מען ניט אויסהאלטן פון דעם אָטקופּשטשיק פון שענקען און טאמאָזשניעס באָרוך לײַבאָוו, וועלכער לעבט אין זווערעאָוויטש. ער פארפירט וויקוכים מיט דער קריסטלעכער רעליגיע; לעבן קלויסטער האָט ער אופגעבויט אין זווערעאָוויטש א בעסמעדרעש. ווען דער גאלעך אווראאמי האָט אים געפּרוווט שטערן, האָט באָרוך אים שטארק געשלאָגן, און דער גאלעך איז פון דעם געשטאָרבן.

דער הייליקער רעגירנדיקער סינאָד האָט באשטימט: פארניכטן ביזן גרונט דעם בעסמעדרעש, וועלכן עס האָט אופגעבויט אין זווערעאָוויטש באָרוך לײַבאָוו; מאכן אן אויספאָרשונג וועגן וויצע־גובערנאטאָר גאגארין, וועלכער האָט דערלאָזט ייִדן צום אָטקופּ, און וועגן באָרוכן, וועלכער האָט אזוי שטארק געשלאָגן דעם גאלעך אווראאמי, אז יענער איז פון דעם געשטאָרבן; געבן צו וויסן דעם רעגירנדיקן סענאט וועגן ארויסטרײַבן פון סמאָלענסקער פּראָווינץ אַף יענער זײַט גרענעץ אלע ייִדן, וועלכע געפינען זיך דאָרטן; ער זאָל נאָכקוקן, אז ייִדן זאָלן דערווײַטערט ווערן פון אָטקופּן און מיסכאָרים; אויב צווישן די קריסטן זײַנען פאראן אזעלכע, וועלכע זײַנען אָנגעשטעקט מיט דער פאלשער לערע (ייִדישע עמונע. — ה. א.), דאַרף מען זיי שיקן צום ארכיִערײ, ער זאָל זיי אָפּפירן פונעם שלעכטן וועג.

אזויווי די מעלדונג איז אָנגעגעבן געוואָרן נאָך באם לעבן פון פּיאָטער I, האָט מען אַף די געבראכטע באשולדיקונגען און פאָדערונגען קיין אכט ניט געלייגט. נאָך מערער — אין יאָר 1725 האָט מען אָפּגעגעבן דעם אָטקופּ אין רעשוס פון דעם זעלבן באָרוך לײַבאָוו און פון אנדערע ייִדן.

אין 1727, שוין נאָך פּיאָטער I טויט, האָט דער הויכגעשטעלטער געהיימער ראט ווידער אומגעקערט זיך צום „איניען באָרוך לײַבאָוו“ און ארויסגעגעבן אן אוקאז ארויסצושיקן באָרוך לײַבאָוון[10] אַף יענער זײַט גרענעץ.

מיט דעם האָט זיך נאָך דער איניען ניט פארענדיקט.

אין סאָף 1734 האָט דער סמאָלענסקער ארכיִערײ אָנגעגעבן א נײַע מעלדונג אין סינאָד, אין וועלכער עס ווערט מיטגעטיילט, אז באָרוך לײַבאָוו, צוזאמען מיט זײַן ווײַב, האָבן געפּײַניקט א פּויעריש מיידל, וועלכע האָט בא זיי

* זע „סאָוועטיש היימלאַנד“, נומ. 2, 1971, ז. 167.

געדינט, און „געצאפּט פון איר בלוט מיט שפּילקעס און נאָדלען" — אנדערש גערעדט, באָרוך לײבאָװ איז באַשולדיקט געװאָרן אין ריטועלן מאָרד. ניט געקוקט אָף אַזאַ שװערער באַשולדיקונג, האָט זיך באָרוכן, װעלכער האָט צו יענער צײַט געלעבט אין מאָסקװע און געפירט געשעפטן מיט קאזנא, אײַנגעגעבן דערשלאָגן זיך, מע זאָל אים נעמען אָף אָרװעס, די אויספאָרשונג האָט זיך פאַרצויגן.

אין יאָר 1738 איז באָרוך לײבאָװן אינקרימינירט געװאָרן אַ נײַע באַשולדיקונג, אַז ער, צוזאמען מיט זײַן אײדעם שמערל, האָבן אײַנגערעדט דעם קאַפּיטאַן־פּאָרוטשיק אַלעקסאַנדער װאָזניצין איבערצוגײן אין ייִדישן גלויבן. אָף װיפל די דאָזיקע באַשולדיקונג איז געװען די שװערסטע און געצויגן נאָך זיך פאַר בײדע באַשולדיקטע טויט־שטראָף דורך פאַרברענען, האָט מען זיך מיט אַלע פּריִערדיקע באַשולדיקונגען קעגן באָרוך לײבאָװן ניט געפונען פאַר נײטיק מער צו פאַרנעמען. דעם 15 יוני 1738 איז די טויט־שטראָף אָף קאַפּיטאַן־פּאָרוטשיק װאָזניצין און אָף באָרוך לײבאָװן אויסגעפירט געװאָרן אין פּעטערבורג. באָרוך לײבאָװס אײדעם שמערל האָט מען באַפרײַט, װײַל קײן באַװײַזן קעגן אים זײַנען ניט געװען.

נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט דער באַװוּסטער אין זײַן צײַט פּובליציסט אי. ג. אָרשאַנסקי אָנגעװיזן, אַז דער פאַקט אַלײן, װאָס מע האָט די באַשולדיקטע צוגעשריבן פאַרשײדענע און פּילצאָליקע אװײרעס, איז אַ באַװײַז, אַז מיר האָבן גיכער צו טאָן מיט אויסטראַכטעניש, אײדער מיט רעאַלע פאַקטן[11]. גרעץ האָט אויך אָנגעװיזן, אַז דער גאַנצער „איניען װאָזניצין — לײבאָװ", זײַענדיק קימאַט אַן אײנציקער פאַל אין דער ייִדישער געשיכטע, איז אַ רעטעניש, װעלכע מע קאָן ניט לײזן. „ס'איז שװער צו פאַרשטײן, צוליב װאָס דער רײַכער אָטקופּשטשיק באָרוך לײבאָװ איז געגאַנגען אָף אַזאַ ריזיקאַלן טאַט און פאַרװאָס װאָזניצין האָט זיך אומגעקערט צוריק קײן רוסלאַנד, װוּ עס איז געװען גרינג אופדעקן זײַן אװײרע". עס קומט אויס צו װוּנדערן זיך, װאָס אַ רײ ייִדישע היסטאָריקער — דובנאָװ, העסען אאַ., שילדערנדיק דעם „איניען װאָזניצין — לײבאָװ", רײדן ניט װעגן די ספּײקעס, װעלכע ער רופט אַרויס. זײ רופן אים אָן „יעדיניטשני סלוטשײַ", „איסקליוטשיטעלנאָיע סאָביטיע" און רוקן ניט אַרויס קײן שום פראַגעס.

צו װעלכע פאָלגן האָט געבראַכט דער „איניען װאָזניצין — לײבאָװ" און די אויסגעפירטע טויט־שטראָף אָף בײדן, — אָף אָט דער פראַגע איז נאָך בא הײַנטיקן טאָג שװער צו ענטפערן. אַזױװי דער גאַנצער „איניען", װי מיר האָבן פריִער אָנגעװיזן, װאַרט נאָך אָף זײַן פאָרשער, קאָן מען פאַרלױפיק אָנעמען דער העססענס אַרויסזאָגונג, אַז ער האָט ניט אַרויסגערופן קײן רעפּרעסיװע פּאָליטיק בענוגע צו די ייִדן[12].

ייִדן אָף דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע

װי מיר װײסן, האָבן ייִדן אַלס אונטערטאַנען פון רוסלאַנד געלעבט שוין אין די צײַטן פון אַלעקסײ מיכײַלאָװיטש ניט נאָר אין סמאָלענסק און אומגעגנט, נאָר — אין אַ גרעסערער צאָל — אָף דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע, װעלכע איז אַריבער צו רוסלאַנד לויטן אַנדרוסאָװער שאָלעם־אָפּמאַך (1667). דער דאָזיקער אָפּמאַך האָט געגעבן אַ מעגלעכקײַט די געפאַנגענע, צװישן זײ ייִדן, צו בלײַבן װוּ זײ װילן — אין רוסלאַנד אָדער אין פּױלן*. ייִדן האָבן זיך געקאָנט באַזעצן אין די אינװײניקסטע שטעט פון רוסלאַנד, צװישן זײ, װי מיר װײסן, אויך אין מאָסקװע, און אָף דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע.

דאָ איז צום אָרט אָנצװײַזן, אַז פיל ייִדישע היסטאָריקער האָבן ניט אָנערקענט דעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון ייִדישע ייִשוּװים אין רוסלאַנד נאָך פאַרן יאָר 1772. אַזוי, למשל, לײקענען מיר בא פּאַװעל סעמיאָנאָװיטש מאַרעק אין זײַן הקדמה צו דער „געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד" — אין רוסיש, ז. 2: „פון דעם מאָמענט, װען רוסלאַנד האָט צום ערשטן מאָל געמוזט אָנערקענען ייִדן אַלס אונטערטאַנען, איז דורכגעגאַנגען אינגאַנצן 140 יאָר". אַזױװי דער אָנגעװיזענער בוך איז געװען געדרוקט אין יאָר 1914, הײסט דאָס, לויט מאַרעקן, אַז צום ערשטן מאָל זײַנען ייִדן געװאָרן אונטערטאַנען פון רוסלאַנד אין 1772. דעם זעלבן געדאַנק זאָגט ער אַרויס אָף די זז. 9—10, אָנװײַזנדיק, אַז אין רוסלאַנד זײַנען געװען ביז יעקאַטערינאַ II בלויז אײנצלנע ייִדן, דערבײַ צופעליק און צײַטװײַליק (קורסיװ מאַרעקס. — ה. א.).

ספּעציעל װעגן ייִדן אָף דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע זאָגט זיך אַרויס קאַטעגאָריש י. שיפּער. אויסרעכענענדיק פּאָפּצן שטעט פון דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע, אין װעלכע ס'איז געװען אַ ייִדישע באַפעלקערונג ביזן אַנדרוסאָװער שאָלעם־אָפּמאַך, באַשטעטיקט י. שיפּער, אַז „מיט דער פאַרײניקונג צו מאָסקװע האָבן ייִדן פאַרלאָזט די שטעט"[13]. די אַרויסזאָגונגען פון פּ. ס. מאַרעק און י. שיפּער רופן אַרויס פאַרװוּנדערונג, װײַל די מעקוירעס, פון װעלכע עס באַקומט זיך אַ פאַרקערטע מײנונג, זײַנען געװען פּובליקירט נאָך מיט פיל יאָרן פריִער פאַר די ציטירטע אַרטיקלען און האָבן ניט געקאָנט ניט זײַן באַװוּסט די דערמאָנטע היסטאָריקער.

װעלכע איז געװען די פאַקטישע לאַגע?

אין די ערשטע צענדליקער יאָרן נאָכן פאַרײניקן זיך פון דער לינקברעגיקער אוקראַיִנע צו רוסלאַנד זײַנען דאָרט פאָרגעקומען קאָזאַקישע אופשטאַנדן, װעלכע האָבן געטראָגן אַן אַנטיפעאָדאַלן כאַראַקטער. היפּשע קאָזאַקישע טײלן האָבן נאָך פריִער גענומען אַן אָנטײל אין גרויסן אופשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון סטעפּאַן ראַזין. שפּעטער, שוין אין פּיאָטער I צײַטן, האָבן זײ זיך אָנגעשלאָסן אין פּױערשן אופשטאַנד אפּן דאָן אונטער דער אָנפירונג פון קאָנדראַט בולאַװין (1707—1708). די אַלע אומרוען זײַנען דערשטיקט געװאָרן.

אַזױװי די קאָזאַקישע אופשטאַנדן אָף דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע קעגן די פּױלישע פּריצים האָבן געטראָגן אַ מער ערנסטן כאַראַקטער, אײדער אָף דער לינקברעגיקער, האָט פּיאָטער I אָנגענומען מיטלען, עס זאָל ניט פאָרקומען קײן פאַרײניקונג פון די אַנטיפעאָדאַלע קאָזאַקישע עלעמענטן אָף בײדע זײַטן דניעפּער. מע דאַרף נאָך דערצו נעמען אין אַכט, אַז די אופשטאַנדן זײַנען פאָרגעקומען אין אַ צײַט, װען די פּאָליאַקן זײַנען געװען רוסלאַנדס פאַרבינדעטע אין דער צאָפנדיקער מילכאָמע. אין 1703 גיט פּיאָטער אָנצוהערן דעם קאָזאַקישן אָנפירער פון דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע פּאַלײ: „מיר װײסן, אַז צוזאמען מיטן פּאָלקאָװניק סאַמוס און מיט אַנדערע קאָזאַקן האָט איר אָפּגעטאָן מײַסים קעגן די אינטערעסן פון אונדזער ברודער, דעם פּױלישן קיניג — איר האָט

---

* זע „סאָװעטיש הײמלאַנד" נומ. 2, 1971, ז. 171.

פארנומען בעלאיא צערקאָוו און אויסגעהארגעט דאָרטן און אין די שטעטלעך די שליאכטע און די ייִדן" (רעג. ב. II, 1373).

ווען אַף דער לינקבערעגיקער אוקראַיִנע איז געוואָרן רויִק, האָט זי אָנגעהויבן צוציִען צו זיך די באַפעלקערונג פון דער אומרויִקער רעכטבערעגיקער אוקראַיִנע. א פּראָגרעסיווע באַדײַטונג האָבן געהאט די רעפאָרמעס פון פּיאָטער I. עס קומען אוף פארשיידענע מאנופאקטורעס — אין אכטירקע, פּאָטשעפּ, פּוטיוול און אין אנדערע ערטער[14]. דער איבערגאנג פון דער לינקבערעגיקער אוקראַיִנע צו רוסלאנד האָט ארויסגערופן א נײַעם צופלוס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג[15]. פארשטייט זיך, אז דער דאָזיקער פּראָצעס איז ניט דורכגעגאנגען גרינג. אזוי, לעמאָשל, גיט איבער דער העטמאן מאזעפּא אין א בריוו צום קאנצלער גראַף גאָלאָווין, אז אין סטאראָדוב, אין יאָר 1708, האָט דער האמוין פארכאפּט עטלעכע פעסער מיט ווײַן, אָנגעשיקערט זיך און דערהארגעט פופציק ייִדן[16].

צווישן דעם אוקראַיִנישן פּריצנטום און אויך צווישן דער בורזשואזיע, וועלכע האָט אין יענעם פּעריִאָד ערשט אָנגעהויבן זיך אויסבילדן, מערקן זיך אָן צוויי ריכטונגען אין דער באַציִונג צו ייִדן. איינע האָט זיך געפילט פארבונדן מיטן פעאָדאליזם און געוואָלט פון די ייִדן פּאָטער ווערן, אויסנוצנדיק אלס אידעאָלאָגישע באזע די טראפּארעטע מיטלאלטערלעכע מאָטיוון, אז ייִדן זײַנען סאָנים פון די קריסטן; א צווייטע ריכטונג האָט געהאלטן, אז דער ייִדישער פארמיטלער קאָן ברענגען גרויסע נוץ.

אין יאָר 1721 האָט דער העטמאן סקאָראָפּאדסקי פּובליקירט אן אוניווערסאל, אין וועלכן ער ווײַזט אָן, אז ס'איז נייטיק אָנעמען באַלדיקע מיטלען, די ייִדן זאָלן ארויסגעשיקט ווערן פון מאלאָראָסיע. דער דאָזיקער אוניווערסאל, וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין דער צײַט פון פּיאָטער I, איז ניט פארווירקלעכט געוואָרן. א באַווײַז דערפון איז די מעלדונג פון דער אלמאָנע פון א רוסישן גוטבאזיצער מילאָראדאָוויטש, אין וועלכער זי בעט איבערלאָזן אין אירע אימעניעס די ייִדן, וואָס זײַנען אײַנגעלאדן געוואָרן דורך איר פארשטאָרבענעם מאן אלס שענקערס. צווישן אנדערס ווײַזט זי אָן אין איר מעלדונג, אז אין די גלוכאָווער שענקען ארבעטן ייִדן „און אויך אין די איבעריקע פּריצישע אימעניעס אין מאלאָראָסיע"[17].

אן אנדער שטאנדפּונקט, איידער דער העטמאן סקאָראָפּאדסקי, האָט אין דער פראגע וועגן דערלויבן ייִדן האנדלען אין מאלאָראָסיע געהאט דער העטמאן פון דער לינקבערעגיקער אוקראַיִנע דאניִיל אַפּאָסטאָל. ער האָט זיך געווענדט מיט אן אָנווײַזונג, אז אין ניעזשינער פּאָלק דארף מען אַף א געוויסער צײַט איבערלאָזן א באַשטימטע צאָל ייִדן, קעדיי זיי זאָלן קענען רעגולירן די כעזשבוינעס מיט קרעדיטאָרן אָדער צוליב אנדערע איניאָנים. דעם 2 אַפּרעל 1728 גיט ער אָן א מעלדונג אפן קייסערס נאָמען (דאן איז שוין געווען קייסער פּיאָטער II), מע זאָל דערלויבן ייִדישע סאָכרים קומען מיט סכוירע אַף יארידן. אזא דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן. אין 1734 האָט מען דערלויבט ייִדן צו קומען אין דער סלאָבאָדסקאיא אוקראַיִנא (שפּעטער — כארקאָווער גובערניע). אין דעם זעלבן יאָר באַקומט דער פירשט שאכאָווסקאָי אן אוקאז, אז ייִדן מעגן זיך פארנעמען מיט קליינהאנדל אין גאנץ מאלאָראָסיע[18]. מע קאָן דערצו צוגעבן, אז א געוויסע צאָל ייִדישע סאָכרים, וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן צוליב צײַטווײַליקן האנדל, איז פאקטיש פארבליבן אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע אלס שטענדיקע אײַנוווינער.

א נ מ ע ר ק ו נ ג ע ן

[1] ד ו ב נ אָ ו — „אלגעמיינע געשיכטע פון ייִדן" (אין רוסיש) — ב. III, 1906, ז. 336. ווײַטער — דובנאָוו.

[2] „רעגעסטי אי נאדפּיסי" ב. II, נום. 1414. ווײַטער — רעג.

[3] רעג., ב. II, נום. 1419.

[4] דובנאָוו — ז. 337.

[5] רעג., ב. II, נום. 1561 און 1641. אין ערשטן דאָקומענט איז דער אגענט אָנגערופן בערנארד רעזען, אין צווייטן — רעזע, נאָר ס'איז באַשטימט איין און די זעלבע פּערזאָן.

[6] „יעווריייסקאיא ענציקלאָפּעדיִא", ב. V, זז. 518 — 520. ווײַטער — י. ע.

[7] רעג., ב. II, 1672.

[8] רעג., ב. II, 1673. עס דערציילט זיך וועגן א טשיקאוון פאקט, ווען פּיאָטער I און לאַקאָסטא האָבן איינמאָל דיסקוטירט איבער א פּאָסעק אין טאנאך.

[9] דער „איניען וואָזניצין — באָרוך לייבאָוו" איז פּובליקירט אין די היסטאָרישע זאמלביכער „פּערעזשיטאָיע", ב. I—III. מיר גיבן איבער דעם קורצן אינהאלט פון דאָזיקן איניען לויט רעג. ב. II, נום. 1637, 1677, 1785, 1833.

[10] אין טעקסט פון אוקאז גייט א רייד וועגן צוויי ייִדן: באָרוך און לייבאָוו. קלאָר, אז דאָס איז א טאָעס פון די סעקרעטארן. אין דעם „איניען" איז פארמישט נאָר איין ייִד באָרוך לייבאָוו.

[11] אָ ר ש א נ ס ק י — „רוסישע געזעצגעבונג וועגן ייִדן", ז. 17; פגל. ג ר ע ץ — „געשיכטע פון ייִדן" (העברעיִשע איבערזעצונג), ב. 8, ז. 448.

[12] ה ע ס ע ן — „געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאנד" (רוסיש), ז. 18.

[13] „געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאנד" (רוסיש — פארלאג „מיר", 1914) — אין טעקסט צו די מאַפּעס, זז. 112—113.

[14] „גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע", ב. 44, ז. 84.

[15] ט. ה יי ל י ק מ א ן — „געשיכטע פון געזעלשאפטלעכער באַוועגונג בא ייִדן אין פּוילן און רוסלאנד" (רוסיש, גאָסיזדאט, 1930), ז. 220.

[16] נ. נ. ב א נ ט י ש־ק א מ ע נ ס ק י — „מעקוירעס פון מאלאָראָסישער געשיכטע" ב. II, ז. 164; רעג., ב. II, נום. 1430.

[17] רעג., ב. II, נום. 1726.

[18] ארכיוו פון רעגירנדיקן סענאט, ב. II, זז. 347, 348; רעג., ב. II, נום. 1771—1774, 1778.

מ. שאַץ־אַנין

אַף מײַן לעבנס־וועג

ליכט און שאָטן פונעם פאַריזשער לעבן

בייס מײַנע שטודיר־יאָרן אין דער שווייץ איז מיר עטלעכע מאָל אויך אויסגעקומען צו זײַן אין פאַריזש, צוגאַסט בא מײַן שוועסטער פרידעריקע און בא איר מאַן, פּראָפעסאָר מ. שיין, איינעם פון די אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער פון דעם פּאַס־טער־אינסטיטוט.

דאָס טומלדיק־באָהעמישע לעבן פון פּאַריזש האָט מיר אימפּאָנירט, און איך בין גאָרניט מיד געוואָרן אַרומצוגיין איבער די מוזייען און קונסט־גאַלעריעס, אַרומצוּוואַנדלען איבער די פּאַרקן, באַוווּנדערן דעם אייפּעל־טורעם, בלעטערן די ביכער בא די בוקיניסטישע קרעמלעך אַפן סענע־ברעג...

שוין פון מײַנע ערשטע באַוווּסטזיניקע יאָרן האָט פּאַריזש מיך צוגעצויגן, ווי איינער פון די הויפּט־צענטערס פון דער וועלט־קולטור. איך בין אַלעמאָל געקומען אַהער צו פאָרן, פול מיט פרייִ־דיקער דערוואַרטונג און מיט האָפענונגען.

אין יענער צײַט איז אין די אַרבעטער־קוואַר־טאַלן פון פּאַריזש אין פולן ברען אָנגעגאַנגען די וואָרט־מילכאָמע צווישן די געדיסטן און זשאָרע־סיסטן. געד, וועלכער האָט אַנטוויקלט אין פראַנק־רײַך די פּרינציפּן פונעם מאַרקסיזם, האָט אָבער ניט פאַרמאָגט דעם רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס פון זײַן לערער און ניט געקאָנט באַגײַסטערן דעם אַרבעטער־קלאַס אַף אַ נײַעם באַסטיליע־שטורעם. זשאָרעס, ווידער, אין וועמען ס'האָט געברויזט דער רעוואָליוציאָנערער ראָמאַנטיזם, אַדאַנק וועלכן ער איז געוואָרן דער באַליבטער טריבון פון די פּאַריזשער פּאָרשטעט, איז געווען פּאַראַ־ליזירט דורכן אַנטירעוואָליוציאָנערן רעפאָרמיזם און אידעאַליזם.

די שפּאַלטונג האָט אָפּגעשוואַכט דעם פראַנ־צויזישן אַרבעטער־קלאַס און צוגעגרייט דעם באָדן פאַר לעאָן בליומען, וועלכער האָט מיט אַלציינער גראַציע וואַלסירט אין די סאַלאָנען פון די מיליאָנערן און אין די ביר־קאַפּע פון די אַר־בעטער. בליום האָט זיך געפילט פרײַ סײַ אַפן אָלימפּ, סײַ אַפן באַרג סינײַ, סײַ אַפן נאָטער־דאַם דע פּאַרי, ווײַל אין טאָג גענומען איז ער געווען דער בייגעוודיקער, דינסטגרייטער פיגאַראָ פון די פּאַריזשער „אויסדערוויילטע צוויי הונדערט פּאַ־מיליעס".

אַנטקעגנגעשטאַנען זײַנען אים אַזעלכע, ווי מאַרסעל קאַשען, דער טרעגער פון די קאָמונאַרן־טראַדיציעס, און אויך אַזעלכע, ווי דער פּאָפּולע־רער שאַרל ראַפּאָפּאָרט, וועמענס אייגנאַרטיקע אויסדרוקן אין נוסעך פון „קאַמען זי, לעמאָשל, אַאוף אונזער קאָנגרעס אין לימאַזש" און אַנדע־רע אַזעלכע פראַזעס אין „ריינעם דײַטש" האָבן אַרויסגערופן שמייכלעך בא די אָנטיילנעמער פון אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָרן.

אין קאַפע „ראָטאָנד" האָב איך אין יענער צײַט צום ערשטן מאָל געזען איליאַ ערענבורגן. ער איז דאָרט שטענדיק געזעסן אין אַ קרײַז פון קינסט־לער און דיכטער, אַלע יונגע, דאָסראָוו נאָך ניט אָנערקענטע. דעמלט איז ער נאָך אויך געווען אַ יונגער דיכטער און זשורנאַליסט. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז ער געוואָרן באַוווּסט מיט זײַ־

פּאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1971.

נע ווערק, באַזונדערס מיט „כּוליִאַ כּורעניטאַ“, אַ בוך, אין וועלכן דער ביבלישער סקעפּטיציזם, דער „העוול־האוואָלים“ מישט זיך אויס מיט דעם ספּעציפֿישן מאָנמאַרטערישן סוביעקטיוויסטישן „שפּײַ אָף דער וועלט“... און דעמלט האָב איך אויך ניט געקאָנט וויסן, אַז מיט אַ יאָרצענדליק שפּעטער וועט דער זעלבער ערענבורג מיר איבערגעבן די פֿאַרטיידיקונג פֿון זײַנע אוטאָר־רעכט קעגן דעם ריגער פֿאַרלעגער רודזיט פֿון „גראַמאַטו דראַוגס“, וועלכער האָט אין בורזשואַזן לעטלאַנד אָף אַ כּוליִאַ־כּורעניטישן העפֿקערדיקן אופֿן איבערגעדרוקט זײַנע ווערק, ניט אָנפֿרעגנדיק באַם אוטאָר קיין דערלויבעניש, ניט צאָלנדיק אים קיין האָנאָראַר, און האָט אַפֿילע אָפּטמאָל אים נאָך אייגנווילּיק „פֿאַריכט“ און „פֿאַרבעסערט“.

צוויי יאָר אין ווין

אין יאָר 1909 האָב איך פֿאַרענדיקט מײַן שטודיום אין דער שווייץ, און נאָכן פֿאַרטיידיקן די דיסערטאַציע „צור נאַציאָנאַליטעטן־פֿראַגע“, איז מיר צוגעטיילט געוואָרן דער וויסנשאַפֿטלעכער טיטל „דאָקטאָר יוריס אוטריוסקווע“, דה. „דאָקטאָר פֿון וועלטלעכער און קירכלעכער רעכט“. פֿאַרשטייט זיך, אַז מײַן ערשטער פֿאַרלאַנג איז געווען טײַקעף זיך אומקערן אהיים, קיין רוסלאַנד, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. מע איז נאָך מיר ניט מוחל געווען די בראָשור „וועמען זײַנען נייטיק די פּאָגראָמען?“, און פֿאַר אָט דעם כעט האָט נאָך אַלץ געוואַרט אָף מיר אַ פּראָצעס. האָב איך געמוזט אָפּלייגן מײַן צוריקער אהיים אָף בעסערע צײַטן. פֿאַר מײַן געצוווּנגענעם צײַטווײַליקן וווין־אָרט האָב איך אויסגעקליבן ווין, די שטאָט, וואָס איז אין מײַן באַוווּסטזײַן געווען פֿאַרבונדן מיט די גרויסע נעמען פֿון מאָצאַרט און בעטהאָווען. ווען איך בין אָבער געקומען אהין, האָט זי זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר מיט פֿריילעכע אָפּערעטקעס און וואַלסן... ערשט דערנאָך, ווען כ׳האָב זיך צוגעקוקט נעענטער, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ „מאָלצײַט בײַס אַ פּעסט“. אונטער אָט דער אָפּערעטישער צעגאַרטלטקײַט און קלוימערשטער געמיטלעכקײַט האָט זיך געשפּירט דער גסיסע־קריזיס, דער פֿאַנאַנדערפֿאַל פֿון דער עסטרײַך־אונגאַרישער „צונויפֿגעשטוקעוועטער“ מעלוכע.

נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָליוציע פֿון 1905 איז אין ווין זיך צונויפֿגעקומען אַ היפּשע קאָלאָניע פֿון ייִדישע רעוואָליוציאָנערן — עמיגראַנטן. אין יענער צײַט איז אין זשורנאַל „פֿרײַלאַנד“ געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי מײַנע אַרטיקלען, און אין דעם זאַמלבוך „באַר־קאָכבאַ“ — מײַן אַרבעט „דער ייִדישער סאָציאַליזם און זײַנע שטרעמונגען“, אין וועלכער כ׳האָב קריטיקירט דעם „בונד“ און די „פּועלי־ציִען“.

אין דער זעלבער צײַט איז אין דעם דײַטשישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „פֿרײַשטאַאַט“ געווען געדרוקט מײַנע אַ גרעסערע אַרבעט „ייִדן סאָציאַליסטן און ייִדישע סאָציאַליסטן“. אין אַ ריי פּעריאָדישע אויסגאַבן אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען וועגן שאָלעם אַש, פּערעץ הירשביין, אָטאָ ווייַנינגער, קאַרל קראַוז, וועגן די אינזיכיסטן און פֿיל אַנדערע. אויך דער ניו־יאָרקער סאָציאַליסטישער זשורנאַל „צוקונפֿט“ האָט געדרוקט מײַנע אַן אַרבעט „קלאַס און נאַציע“, און גלײַכצײַטיק האָב איך איבערזעצט אין דײַטש פֿאַר סאָציאַליסטישע צײַטשריפֿטן מאַקסים גאָרקיס זיכרוינעס. אַחוץ דעם האָב איך געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין „בערלינער זאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפֿטע“, מיט וועלכע איך בין געווען פֿאַרבונדן נאָך פֿון די שווייצער יאָרן, און האָב דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען, ווי „די פּראָבלעמען פֿון ייִדישע וואַנדערונגען“, „די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם אין אינטערנאַציאָנאַל“, „די ייִדישע סעקציע אין אינטערנאַציאָנאַל“ און אַנדערע.

אַזוי האָב איך געלעבט און געאַרבעט אין ווין צוויי יאָר, און איך מוז זאָגן — צוויי גוטע יאָר, ווײַל אין דעם ווינער לעבנשטייגער האָבן פֿיל געמיטלעכקײַט און קולטורעלע פֿריידן אַרײַנגעטראָגן די אָפּערע, בעטהאָווענס סימפֿאָניעס און שטראַוסעס וואַלסן, דאָס קאַפֿע־הויז „צענטראַל“ און דער ווינער וואַלד. אונדזער עמיגראַנטישע קאָמונע האָט געלעבט שפּעריש און לוסטיק, ניט געקוקט אָף דעם, וואָס עס האָבן ניט אויסגעפֿעלט ניט קיין פּערזענלעכע דײַגעס און ניט קיין צאָרעס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן כאַראַקטער. יעדן זומער פֿלעגן מיר זיך פֿאַנאַנדערפֿאָרן פֿון ווין. מיך האָט אין די זומער־כאָדאָשים געצויגן צו שווייץ, דאָס לאַנד פֿון בערג, גלעטשערס און שפּיגלדיקע אָזערעס.

אין 1911 האָב איך באַקומען אַ ידיִעה, אַז די „דיעלאָ“ וועגן דער בראָשור „וועמען זײַנען נייטיק די פּאָגראָמען?“ איז אָפּגעשטעלט און אַז מיר דראָעט מער ניט קיין געריכטלעכער פּראָצעס.

דעמלט האָב איך באַשלאָסן זיך אומקערן קיין רוסלאַנד.

ווידער רוסלאַנד. נײַע וואַנדערונגען

מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן די פֿרייד פֿון מײַנע עלטערן און פֿון דער גאַנצער מישפּאָכע, ווען דער „פֿאַרבלאָנדזשעטער זון“ איז נאָך דער לאַנגער צעשיידונג ווידער געקומען אהיים. און עס שטייט נאָך פֿאַר מיר דאָס בילד, ווי מײַן פֿריצײַ־

טיק־פאַרלעטערטער פאַטער האָט שוין באַם ערשטן שאַלעם־אַליכעם מיט שטאָלץ מיר צו־געטראָגן א שטויס מיט זאָרגעוודיק צונויפגעקלי־בענע צײַטונגען און זשורנאַלן מיט אַלע מײַנע אַרטיקלען פאַר די יאָרן פון מײַן אויסלענדיש לעבן.

אויך פאַר מיר איז געווען א פריידיקע איבער־לעבונג ווידער צו זײַן אין דער היים נאָך אזויפיל יאָרן פון לעבן אין דער פרעמד. די בענקשאַפט נאָך מײַן אָרעמער נײַרי האָט מיך קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט, און אפילע בייס איך האָב מיט אַלע כושים אײַנגעזאַפּט די שיינקײַטן פון דער שוויי־צער נאַטור און באַוווּנדערט די פּרעכטיקע באַר־גיקע לאַנדשאַפטן, די מעכטיקע וואַסערפאַלן און די טיפע בלאָע הימלען, זײַנען פאַר מײַן גײַסטיקן בליק געשטאַנען די באַשיידענע, אָבער אזוי לכע האַרציקע בילדער פון דער קורלענדישער נאַטור, און כ׳האָב ניט אופגעהערט צו טרוימען וועגן דער צײַט, ווען כ׳וועל ווידעראַמאָל שטעלן מײַנע טריט איבער די קרומע געסעלעך פון מײַן שטעטל און זיך דאָרטן ווידער באַגעגענען מיט מײַן קינדהײַט.

אָבער אינגיכן זײַנען די זאָרגלאָזע טעג אין מישפּאָכע־קרײַז פאַרוואָלקנט געוואָרן. פאַר מיר האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס ווײַטער? ס׳איז ניט לײַכט געווען זיך צוריק צוגעוווינען צו דער געדריקטער, רעכטלאָזער אַטמאָספער אין דעם סטאָליפּינישן רוסלאַנד, ווו איך האָב איצט געדאַרפט געפינען פאַר זיך א שטיקל „אָרט אין לעבן"...

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר נײַע וואַנדערונגען.

די ערשטע נעסיִע מײַנע איז געווען קיין וואַר־שע און לאָדזש, ווו איך האָב געהאָפט זיך צו באַגעגענען מיט אַלטע כאַווײרים. אָבער א סאַך פון זיי האָב איך שוין ניט געטראָפן: א טייל איז געזעסן אין די טורמעס, א טייל איז געווען פאַר־שיקט, אַנדערע האָבן עמיגרירט, און בא די, וועלכע איך האָב געטראָפן, האָט געהערשט אַנטוישונג און צעטומלטקײַט — קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס דער מאָרגעדיקער טאָג וועט ברענגען...

נאָכדעם בין איך אוועקגעפאָרן קיין קיִעוו מיטן צוועק אָפּצוגעבן אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט די נייטיקע מעלוכע־עקזאַמענעס, אָן וועלכע איך האָב ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרבעטן אין רוס־לאַנד אַלס אַדוואָקאַט. אָבער קיין קיִעוו בין איך אַרײַנגעפאַלן אין רעכטן ברען פון די צוגרייטונ־גען צו דעם בײַליס־פּראָצעס און פון באַגראָוס אַטענטאַט אף סטאָליפּינען.

די שווערע אײַנדרוקן, וואָס דער באַזוך אין קיִעוו האָט אף מיר איבערגעלאָזט, האָב איך דעמאָלט באַשריבן אין א קאָרעספּאָנדענץ אין דער ווינער „יידישע צײַטונג" אונטערן נאָמען „קיִעוו".

איך האָב זיך אומגעקערט אהיים קיין נײַרי, און אין דער פרידלעכער היימישער אַטמאָספער, וועלכע איז אזוי גינסטיק געווען פאַר שאַפונג, האָב איך אָנגעשריבן פאַרן ווילנער זשורנאַל „יידישע וועלט" א ריי אַרטיקלען וועגן דער ספּעציפיק פון דעם יידישן קולטור־שאַפן, וועגן הײַנ־ריך הײַנע, וועגן אַנרי בערגסאָן.

לאַנג אָבער האָב איך ניט געקאָנט בלײַבן אין דעם קליינעם שטעטל. ס׳האָט מיך געצויגן צום קאָכיקן לעבן, צום אַקטיוון אָנטייל אין די געשע־עניש. און אין האַרבסט 1911 בין איך אוועקגע־פאָרן קיין פּעטערבורג.

צוזעענדיק די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָר־געקומען אין פּעטערבורג פאַר די פינף יאָר, וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין עמיגראַציע, בין איך מאַ־מעש דערשיטערט געוואָרן. אונטערן דרוק פון דער סטאָליפּינישער רעאַקציע זײַנען פאַרשיי־דענע צופעליקע מיטלויפער פון דער רעוואָליו־ציע אָפּגעגאַנגען פון איר אַוואַנגאַרדישן קערן. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן צום קליינבירגערטום, צום דעקאַדאַנס, צו קאַריעריזם, זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין קאָלעריי יערידעס.

א באַזונדערס טיפן קריזיס האָט איבערגעלעבט די רוסישע ליטעראַטור. פיאָדאָר סאָלאָגוב האָט מיט זײַן ראָמאַן «Мелкий бес» („דער קליינער שעד") אָפּגעוועגדט זײַן לייענער פון דער רעאַ־לער ווירקלעכקײַט. אַרציבאַשעוו האָט מיט דעם ראָמאַן „סאַנין" אונדז געצויגן אין דעם זומפּ פון פאָרנאָגראַפיע. לעאָניד אַנדרייעוו האָט מיט זײַן „אָפּגרונט", „אַנאַטעמאַ", „די קלאָלע פון דער כײַע" אַרופגעוואָרפן א מוירע אפן אוילעם און געזען אינעם לעבן בלויז שמוץ און צעטומלט־קײַט. מערעזשקאָווסקי האָט היסטעריש געגוואַל־דעוועט וועגן דעם „צוקינפטיקן כאַם", און פילאָ־סאָפאָוו האָט אַרויסגעטראָגן אף גאָרקיס ראָמאַן „די מוטער" דעם קאַטעגאָרישן פּסאַק: „ס׳איז דער סאָף פון גאָרקין..."

אפילע קופּרין האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן פון אַרײַנקוקן אין „גרוב", און אַליין גאָרקי, דער גרונטלייגער פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, האָט זיך — עמעס, אף גאָר א קורצער צײַט — צוגעהערט צו דער „ווידע" פון די „איבעריקע מענטשן" און צוזאַמען מיט לונאַטשאַרסקין זיך אוועקגעלאָזן אף די בלאָנדזשענדיקע וועגן פון גאָטזוכעניש און גאָטבויערײַ.

בלויז דער באַהערשער פון אונדזערע געדאַנ־קען, וו. אי. לענין, האָט אין יענע טעג פעסט און קלאָר אָנגעוויזן דעם וועג צום עמעס און האָט געשריבן צו גאָרקין, אז „דאָרט, ווו ס׳איז גאָר־נישט אוועקגעלייגט, איז ניטאָ וואָס צו זוכן". און דער באַהערשער פון אונדזערע עמאָציעס, דער „מוזשיקישער צאַר" ל. נ. טאָלסטאָי האָט זיך אָפּ־גערופן וועגן דער שאַפונג פון לעאָניד אַנדרייעוון

און זײַנסגלײַכן: „זיי שרעקן אונדז, אָבער אונדז איז ניט שרעקלעך...“

אין דער זעלבער צײַט האָט אף דער ליטעראַרישער ארענע זיך באוויזן וולאדימיר מאיאקאָווסקי. זײַנע ארויסטרעטונגען האָבן געטראָגן אף זיך דעם אָטעם פון די שטורמישע יאָרן 1905 — 1907. זײַנע שארפע פײַלן האָט ער געצילט קעגן דאָס אלטע, קעגן די טרעגער פון אָפּגעלעבטן.

דער דורכפאל פון דער רעוואָלוציע פון 1905—1907 האָט אויך אין דער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט ארויסגערופן א גרויסע אופטרייסלונג. די קליינבירגערלעכע מיטלויפער האָבן זיך אנטוישט ניט נאָר אין דער רעוואָלוציע, נאָר אין מאַרקסיזם ביכלל און האָבן זיך גרופירט ארום די ספּיריטואליסטישע שטרעמונגען. די הויפט־אויסדריקער פון דעם דאָזיקן אידעאליסטישן קריפל זײַנען געווען דער אכאד־האָאמיזם און דער דובנאָוויזם. דעם כיסאָרן פון דער ייִדישער באָדנלאָזיקײַט האָבן זיי געפּרוּווט פארוואנדלען אין א העכסטער מײַלע פון „ריינער גײַסטיקײַט“. אכאד־האָאָם איז געווען דער אידעאָלאָג פונעם נאציאָנאליזם מיטן גײַסטיקן צענטער אין ציִען, דובנאָוו, ווידער, איז געווען דער טעאָרעטיקער פון ריינעם גײַסטיקן נאציאָנאליזם אָן א טעריטאָריִעלן צענטער.

מיט שימען דובנאָוו איז מיר אויסגעקומען זיך באגעגענען אין יענע יאָרן און אָפט הייס דיסקוטירן מיט אים און מיט די לידערס פון דער ייִדישיסטיש־פאָלקיסטישער „פאָלקס־פארטיי“, וואָס ער האָט געגרינדעט. די דיסקוסיעס מיט אָט דעם היסטאָריקער, וועלכער האָט געהאלטן, אז דאָס ייִדישע פאָלק, וואָס איז אָפּגעריסן פון פּראָדוקטיווער אגראר־אינדוסטריִעלער טעטיקײַט, איז א „ריין־גײַסטיקע“ נאציע, אז אזוי איז געווען, אזוי איז און אזוי מוז אף אייביק בלײַבן, האָבן מיך אלץ מער איבערצײַגט אין דער איינציק ריכטיקער מארקסיסטישער לייזונג פון דער ייִדן־פּראַגע דורך געזונט מאכן דעם סאָציאל־עקאָנאָמישן יעסאָד פונעם ייִדישן לעבן דורך פּראָדוקטיוויזירן די ברייטע ייִדישע מאסן, דורך פאקטישע גלײַכע רעכט אין דער מישפּאָכע פון באפרײַטע פעלקער.

איך האָב אין פעטערבורג געארבעט ווי א זשורנאליסט און איבערזעצער פון דײַטש אף רוסיש און פון רוסיש אף דײַטש, און גלײַכצײַטיק זיך געגרייט אָפּצוגעבן מעלוכע־עקזאמענעס אלס יוריסט. אין זשורנאל «Еврейская нива» האָב איך אונטערן אלגעמיינעם קעפל „פאטא מאָרגאנא“ פארעפנטלעכט א סעריע ארטיקלען, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אונדזערע דיסקוסיעס מיטן אכאד־האָאמיזם און דובנאָוויזם.

צאר ניקאָלײַ דערשרעקט זיך פאר מיר...

אין צוזאמענהאנג מיט די פײַערונגען פון דעם 300־יאָריקן יובילײ פון די ראָמאנאָווס האָט קיין יאראָסלאוול, ווו איך האָב צו יענער צײַט שטודירט אין דעם דעמידאָווער ליציי, געזאָלט קומען ניקאָלײַ דער צווייטער. א פּאָר טעג פאר אָט דעם הויכן באזוך איז געקומען צו מיר דער פּריסטאוו פון מײַן באצירק און מיט א קלומערשט־טרויעריק שמייכעלע געזאָגט:

— איך מוז אײַך מעלדן, הער סטודענט, אז אויב איר וועט הײַנט ניט פארלאָזן יאראָסלאוול אף דער וואָך צײַט, וואָס זײַן מאיעסטעט דער צאר וועט זיך דאָ אופהאלטן, וועל איך געצוווּנגען זײַן אײַך מאָרגן צו ארעסטירן!

נו, וואָס זאָל מען טאָן, אז מע בעט דיך אזוי העפלעך? און אזויווי צו די גרויסע כסידים פון דעם צאר ניקאָלײַ האָב איך ניט באלאנגט און דער כיישעק זיך מיט אים צו זען האָט ניט געברענט אין מיר, האָב איך זיך דערמאָנט מײַנע שווייצער וואנדער־יאָרן, אָנגעטאָן דעם רוקזאק אף די פּלייצעס און — לעך־לעכא, זיך א לאָז געטאָן אין וועג ארײַן. איצט שוין ניט צו די בערג, ווו עס אָטעמט זיך אזוי פרײַ. נאָר צו די ברעגן פון דער „וואָלגא־מאטושקא“.

א וואָך צײַט האָב איך אזוי געוואנדערט איבער די וווּנדערלעכע בײַוואָלגער ראכוועסן, אײַנגעזאפּט אין זיך די פּרעכטיקע נאטור־בילדער, וועלכע האָבן מיך ארומגערינגלט, און אָפטמאָל האָב איך אפילע פארגעסן, אז די נעסיִע מײַנע איז ניט קיין פרײַוויליק־טוריסטישע און אז מ׳האָט מיך פארטריבן פון דער שטאָט, ווו מײַן אָנוועזנהײַט וואָלט דאָך בעלי־סאָפּעק געשטערט די רו און די גוטע שטימונג פון דעם רוסישן זעלבסטהערשער. איך האָב געאָטעמט מיט דער פולער ברוסט און געטרוימט וועגן דער צײַט, ווען אָט דער מעכטיקער רוסישער טײַך, וועלכער איז ארײַן אין דער געשיכטע, ווי דער טײַך פון העלדישע אופשטאנדן און איז געוואָרן דער טײַך פון טרערן און זיפצן פונעם פארשקלאפטן פאָלק, וועט סאָף־קאָל־סאָף ווערן אף אייביקע צײַטן דער טײַך פון פרײַהײַט און פרייד.

באהערשט דורך אָט די געדאנקען, האָב איך אזוי געוואנדערט איבער די ברייטע וואָלגע־פליאָסן, און קימאט ניט באמערקט, ווי ס׳איז אריבער די וואָך פון דער פארטרײַבונג און כ׳האָב זיך שוין געמעגט צוריקקערן קיין יאראָסלאוול, ווײַל ניקאָלײַ איז שוין אָפּגעפאָרן און מער האָט אים שוין פון מײַן זײַט קיין סאקאָנע ניט געדראָעט.

אָבער דער העפלעכער יאראָסלאוולער פּריסטאוו האָט אוודע ניט געוווּסט, אז פאר אָט דער וואָך,

וואָס איך האָב לויט זײַן פּאָרשלאָג געאָטעמט מיט דער לופט פון בונטאַרישקײַט און פרײַהײַט, וועלכע טראָגט זיך איבער דעם מעכטיקן וואָלגעשטראָם, איז מײַן רעוואָלוציאָנערער גײַסט נאָך מער געשטאַרקט געוואָרן דורך אַ שלאַל נײַע „טרייפע“ געדאַנקען און אַסאָציאַציעס.

ייִצחאָק־לייבוש פּערעץ אין ריגע

דאָ וועל איך כראָנאָלאָגיש גיין אַ ביסעלע צוריק און דערציילן, ווי זומער 1912, ווען איך האָב די אָפּרו־צײַט פאַרבראַכט אין ריגע, האָב איך געהאַט די געלעגנהײַט צו זען און צו הערן אונדזער גרויסן שרײַבער י.־ל. פּערעץ, וועלכער איז דעמלט אײַנגעלאַדן געוואָרן דורך דעם ריגער קולטור־קלוב „קאַרמעל“ און איז אויפגעטראָטן מיט אַ לעקציע אין קוראָרט דובולטי (דעמלט האָט עס געהייסן דובעלן) אפן ריגער יאַם־ברעג.

אין זיקאָרן האָט זיך מיר אײַנגעקריצט, ווי אַף יענער אַרויסטרעטונג וועגן פּראָבלעמען פון דער ייִדישער קולטור האָט פּערעץ אַף זײַן טעמפּעראַמענטפולן אויפן שאַרף אָראָפּגעריסן די „ציילינדערס“, די „קאַפּעליושן“ און די „שטרײַמלעך“, ווי ער האָט אָנגערופן די אַלע יוסטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו זײַן באַלדייעס בײַ ייִדן און רײַטן אפן רוקן פון די פאָלקסמאַסן. ער האָט אויך ניט געשאַנעוועט יענעם שיכט אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער ייִדישער בורזשואַזיע און אונטערטעניק איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. ער האָט אויפגעדעקט איר מאָראַלישע פּוסטקײַט.

פאַרשטייט זיך, אַז פּערעצעס אַרויסזאָגונגען האָבן אין געוויסע קרײַזן אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקײַט. עס זײַנען פאָרגעקומען היציקע דיסקוסיעס אַרום דעם. איינע אַזאַ פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון דעם שרײַבער, אין דעם קלוב „קאַרמעל“, אַף וועלכער עס זײַנען אַרויסגעטראָטן איניקע בונדישע לידערס, האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אַז פּערעץ האָט אין גרויס אויפרעגונג פאַרלאָזט דעם זאַל.

מיר איז, פאַרשטייט זיך, שוין פון זײַנע ווערק באַקאַנט געווען זײַן וועלט־באַנעם, אָבער איצט, הערנדיק זײַנע שאַרפע רייד, איז מיר באַזונדערס קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס פּערעצעס שאַפונג האָט אַרויסגערופן אַזעלכע היציקע שטרײַטן, פאַרוואָס דאָס „אייבערשטע פון שטייסל“ פון דער ייִדישער בורזשואַזיע האָט אים ניט געקאָנט מויכל זײַן און אים געהאַסט, און פאַרוואָס דער איינציקער שיכט פון פאָלק, וואָס האָט זיך מיט אים אָרגאַניש באַהעפט, איז געווען די ייִדישע אַרבעטערשאַפט. בײַ די אַרבעטער־מאַסן האָט פּערעץ געפונען דעם ברייטסטן און טיפסטן אָפּקלאַנג.

עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מילכאָמע

אין יאָר 1913 האָב איך פאַרענדיקט דעם דעמידאָווער יורידישן ליציי אין יאַראָסלאַוול און געוואָרן אַ „קאַנדידאַט פּראַוו“ (קאַנדידאַט פון רעכט). די דיסערטאַציע, וואָס איך האָב פאַרטיידיקט אפן אַרויסלאָז־עקזאַמען, איז געווען געווידמעט דער נאַציאָנאַליטעטן־פּראָבלעם אין עסטרײַך־אונגאַרן. אין איר האָב איך אַרויסגעזאָגט מײַן איבערצײַגונג (וועלכע האָט זיך דערנאָך באַשטעטיקט), אַז די דאָזיקע „פאַרלאַטעטע מעלוכע“ וועט סאָפּקאָלסאָף זיך צעטיילן אַף צוויי באַזונדערע זעלבשטענדיקע מעלוכעס — עסטרײַך און אונגאַרן.

אין דער צײַט, ווען כ'האָב אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס, איז פון דער היים מיר אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מײַן פאָטער איז געשטאָרבן.

פאַר מיר איז פונדאָסנײַ אויפגעשטאַנען דאָס געשטאַלט פון מײַן פאָטער — דעם ליכטיקן, זויבערן מענטשן, וועמענס ברייטהאַרציקײַט און פאַרשטאַנד איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט און וועמען איך האָב אַזויפיל אין מײַן לעבן געהאַט צו פאַרדאַנקען. עפּעס האָב איך זיך איצט געפילט שולדיק לגבי אים, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך האָב ניט אויסגעפילט אַלע מײַנע פליכטן ווי אַ זון און ווי אַ תלמיד, האַגאַם קאָנקרעט וואָלט איך ניט געקאָנט זאָגן, אין וואָס מײַן שולד באַשטייט. מיסטאַמע איז דאָס אַן אַלגעמיינע דערשײַנונג, מיר פילן זיך אַלעמאָל שולדיק לגבי די אַוועקגעגאַנגענע, שוין מאַכמעס דעם אַליין, וואָס מיר קאָנען מער קיינמאָל ניט אויסבעסערן דאָס, וואָס איז געווען... איך האָב שטאַרק געליטן, און אַ געוויסע פאַרלײַכטערונג אין דער שווערער צײַט איז פאַר מיר געווען דאָס גרויסע מיטגעפיל, וואָס מײַנע ליציי־כאַווײרים האָבן מיר אַרויסגעוויזן.

נאָכן אָפּגעבן די עקזאַמענעס, ווען כ'האָב באַקומען דאָס רעכט צו אַרבעטן אין רוסלאַנד אַלס אַדוואָקאַט, האָב איך זיך באַזעצט אין ריגע, אַרײַנגעטראָטן אין דער אַדוואָקאַטן־קאָלעגיע און פון אָנהייב 1914 געוואָרן פאַרטיידיקער אין די ריגער געריכטן.

אין יענער צײַט האָט די רעאַקציע שטאַרק געבושעוועט, עס זײַנען אינספּירירט געוואָרן פילצאָליקע פּאָליטישע פּראָצעסן, די טורמעס זײַנען געווען איבערפולט, און די צאַרישע מאַכט האָט מאַסנווײַז פאַרשיקט מענטשן קיין סיביר. איך האָב זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע פאַרטיידיקן די דאָזיקע „פאַרברעכער“, און איך מוז זאָגן, אַז אין ניט ווייניק פאַלן האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אַרויסצורײַסן אַ באַפרײַונג אָדער לעכאָל־האַפּאָ־

כעס צו פאַרלײַכטערן די שטראָף פאַר די געמישפּעטע.

דעם זומער פון יאָר 1914 האָב איך פאַרבראַכט מיט מײַן מוטער אַף אַ דאַטשע־אָרט בילדערלינגסהאָף (איצט הייסט עס בולדורי) אַפן ריגער יאַם־ברעג. דער דאַטשע־סעזאָן איז געווען אין רעכטן ברען, געסט זײַנען זיך צונויפגעפאָרן פון גאַנץ רוסלאַנד, און קיינער פון דעם זאָרגלאָזן עולם האָט ניט געוווּסט, אַז עס קלײַבן זיך שוין בלײַענע כמאַרעס, און ווען דעם 18 יול (לויטן אַלטן סטיל) איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז דאָס פאַר אַלעמען געווען אומדערוואַרט. ס'איז געוואָרן אַ מוירעדיקע פּאַניק, די דאַטשניקעס זײַנען זיך צעלאָפן אין גרויס שרעק, ווי דער פײַנט וואָלט שוין געיאָגט פון אַלע זײַטן.

אינגיכן האָבן טאַקע אָנגעהויבן פליִען איבער ריגע צעפּעלינען, און איינע אַ באָמבע האָט זיך אויפגעריסן פאַר אונדזער פענצטער.

איך האָב זיך דעמלט געשטעלט צום פּריזיוו, אָבער מאַכמעס מײַן קורצזיכטיקײַט (14 דיִאָפּטריע) בין איך באַפרײַט געוואָרן פון מיליטערדינסט מיט אַ „ווײַסן" בילעט.

צוזאַמען מיט דער מילכאָמע איז אויך אויסגעבראָכן אַ נײַער ווילדער שטורעם פון יודאָפאָביע. אויב אין 1905 האָט די באַנקראָטירטע צאַרישע זעלבסטהערשאַפט געענטפערט אַף דער רעוואָליוציע מיט אַ פּאָגראָם־כוואַליע, האָט דער נאָך מער אָפּגעבליאַקעוועטער צאַריזם אין 1914 געענטפערט אַף דעם דײַטשישן אָנגריף קוידעמקאָל מיט אַ ווילדער העצע אַף ייִדן. אַזוי, לעמאָשל, איז דער באַשיידענער ריגער מאַליער זעליקסאָן פאַרמישפּעט געוואָרן דורכן קריגס־געריכט פאַר „סיגנאַליזירן מיט אַ ליכט" צו די צעפּעלינען... ס'איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אין משך פון 24 שאָ זאָלן אַלע ייִדן פאַרלאָזן די גרעבעץ־געביטן.

ריגע האָט דעמלט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ טרויעריק בילד. די גאַנצע שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט די פאַרטריבענע פון קורלענדער און קאָוונער גובערניעס. אין די זינט דוירעס אײַנגעזעסענע היימען האָבן זיי איבערגעלאָזן זייער גאַנץ האָב־און־גוטס און האָבן איצט געלעבט אַף קיצווע. מיר האָבן דעמלט אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט אַף צו העלפן די פּלייטים. איך האָב אין דעם קאָמיטעט געאַרבעט ווי אַ יוריסקאָנסולט. אין אָט דער שווערער צײַט האָב איך זיך אָנגעזען מיט אַ סאַך מענטשלעכער נויט און עלנט.

די מילכאָמע איז דערווײַל געגאַנגען אין פולן ברען. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געליטן איין מאַפּאָלע נאָך דער אַנדערער. די קריגס־אָפּעראַציעס האָבן זיך אַלץ פאַרברייטערט און שוין געדראָעט אַרײַנצוכאַפּן אין זייער קלעם ריגע.

דעמלט — דאָס איז געווען אין האַרבסט 1915 — האָט מען אונדזער אַדוואָקאַטן־קאָלעגיע, און מיך אויך בעסויכעם, עוואַקויִרט קיין פּעטראָגראַד.

עס איז נייטיק אַ רעוואָליוציע!

אין פּעטראָגראַד האָט דעמלט געקאָכט און געברויזט. עפּעס האָט זיך געגרייט. ניט אַלע האָבן נאָך געוווּסט, וווּהין עס גייט, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז ווײַטער קאָן אַזוי ניט פאַרבלײַבן. צו טיף איז שוין געווען דער אָפּגרונט, צו וועלכן דער צאַריזם האָט דערפירט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט געפּיבערט אין דערוואַרטונג פון געשעענישן. דערווײַל אָבער האָט מען געמוזט לינדערן די שווערע לאַגע פון די פּלייטים, וועלכע האָבן פאַרפלייצט די גובערניעס פון טיף־רוסלאַנד. מיט אָט דער פאַרצווײַגטער אַרבעט האָבן ענערגיש אָנגעפירט פאַרשיידענע פּעטראָגראַדער צענטראַלע הילף־אינסטיטוציעס, אַזעלכע, ווי דער „אָרט" און אַנדערע. דער דאָזיקער אַרבעט האָבן אין פּעטראָגראַד זיך דעמלט אָפּגעגעבן אַזעלכע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער און ליטעראַטן, ווי גרוזענבערג, צינבערג, דער שפּעטערדיקער אַקאַדעמיקער דעבאָרין, דער אַדוואָקאַט מאַרגאָלין, און דער דיכטער סאַמויִל מאַרשאַק, העניעך קאַזאַקעוויטש און פילצאָליקע אַדוואָקאַטן, שרײַבער, געלערנטע און זשורנאַליסטן — אין אַנדערע שטעט.

ווען איך בין געקומען קיין פּעטראָגראַד, האָב איך זיך אויך באַלד אײַנגעשלאָסן אין דער הילף־אַרבעט, בין געוואָרן סעקרעטאַר (און פאַקטישער רעדאַקטאָר) פון דעם זשורנאַל פון „אָרט" «Вестник трудовой помощи среди евреев» („צײַטשריפט פאַר אַרבעט־הילף די ייִדן"). אינעם זשורנאַל איז דורכגעפירט געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקײַט פאַר ייִדן אַריבערצוגיין אַף אַגראַרער און אינדוסטריִעלער אַרבעט און צו פאַרגעסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די אייביקע גרינגשעצונג צו דעם „אַם־האָאָרעץ", דעם „מענטש פון דער ערד". „אַנטיי, ווען ער ווערט אָפּגעריסן פון דער מאַמע־ערד, — האָב איך געשריבן, — פאַלט לײַכט אַרונטער אונטער דער מאַכט פון יעדן פאַרגוואַלטיקער..."

מיר איז דעמלט אויך אויסגעקומען אַ סאַך אַרומצופאָרן איבערן לאַנד און פירן אַן אַקטיווע אַרבעט אַף אָרגאַניזירן קאָנסטרוקטיווע הילף פאַר די עוואַקויִרטע ייִדן. מיר האָבן אָבער אַלץ מער אײַנגעזען, אַז די אַרבעט אונדזערע איז ווי אַ טראָפּן אין יאַם און אַז קעדיי גרינטלעך געזונט

מאכן דאָס ייִדישע לעבן, איז נייטיק א רעוואָליוציאָנערער שטורעם.

און די ערשטע דונערן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דערטראָגן צו אונדז. עס איז דערמאָרדעט געוואָרן ראַספּוטין, דאָס פֿאָלק האָט אַלץ דרייסטער אָנגעהויבן מאָנען זײַנע רעכט, אין די קאַזאַרמעס האָט שוין גענומען ברויזן, ס'איז אויסגעבראָכן די פֿעוורואַל־רעוואָליוציע, און מיר אַלע האָבן פֿרײַער אָפּגעאָטעמט.

„...איר וועט רויט ווערן פֿאַר בושע!"

אָף דער רעוואָליוציע האָבן געוואַרט אַלע, און אינעם באַוווּסטזײַן פֿון פֿאָלק האָט זי שוין לאַנג אויסגערײַפֿט. באַזונדערס גרויס זײַנען געווען די דערוואַרטונגען פֿון די רעכטלאָזע ייִדישע מאַסן, ווײַל פֿאַר אַלעמען איז דאָך געווען קלאָר, אַז דער ערשטער אויפֿטו פֿון דער רעוואָליוציע דאַרף זײַן: גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון מענטשן און פֿעלקער און, נאַטירלעך, אויך פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער פּעטראָגראַדער ראַט פֿון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, האָט די אָרגאַניזאַציע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן דעלעגירט אַהין מיך ווי אַ דעפּוטאַט. איך דערמאָן זיך, ווי באַלד נאָך דער ערשטער זיצונג בין איך שפּעט אין דער נאַכט אַוועק צופֿוס אין סמאָלני. אָף די גאַסן זײַנען געגאַנגען פֿאַרביטערטע שלאַכטן צווישן די אַרבעטער און דער פּאָליציי און יענע אַרמיי־טיילן, וואָס זײַנען נאָך פֿאַרבליבן טרײַ דער צאַרישער מאַכט. איך האָב לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט, אויסמײַדנדיק די געפֿערלעכע גאַסן, און, ענדלעך, דערקליבן זיך צום סמאָלניער אינסטיטוט. אָף איינער פֿון די ערשטע זיצונגען פֿון דעם ראַט פֿון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן איז אויפֿגעטראָטן דער הויפּט פֿון דער צײַטווײַליקער רעגירונג קערענסקי און האָט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, געשאָטן מיט קנאַקעדיקע, פּוסטע פֿראַזעס. ווען ער האָט פֿאַרענדיקט די דראָשע, האָבן זײַנע אָנהענגער אים געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע און אָף די הענט אים אָפּגעטראָגן צו זײַן אויטאָמאָביל. באַלד נאָך דעם איז לויט דער רעדנער־ליסטע מיר אויסגעקומען אויפֿצוטרעטן. אָנווײַזנדיק אָף דעם, אַז דער ציל פֿון דער רעוואָליוציע איז דורכצופֿירן סאָציאַלע ענדערונגען אין די אינטערעסן פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן און אַז דאָס קאָן געטאָן ווערן נאָר דורך אַ רעוואָליוציאָנערער מאַכט, וואָס וועט זיך שטיצן אָף דעם אַרבעטער־קלאַס און האָרעפּאַשנע פּויערים, האָב איך פֿאַרענדיקט:

— און איר, די, וועלכע האָבן געטראָגן קערענסקין אָף די הענט און אים געמאַכט אַ שטורמישע אָוואַציע, וועט איינגיכן רויט ווערן פֿאַר בושע, ווען איר וועט זיך דערמאָנען אין דער באַגײַסטערונג אײַערער!

דער לינקער סעקטאָר פֿונעם ראַט האָט דעמאָלט הייס אַפּלאָדירט, און דער פּאָרזיצער פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע איז צוגעגאַנגען און מיר געדריקט די האַנט.

אין קוידעש אַפּרעל, ווי באַוווּסט, איז קיין פּעטראָגראַד געקומען וולאַדימיר איליטש לענין. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זײַן אַן אייִדעס פֿון דעם דאָזיקן היסטאָרישן מאָמענט און אָנטיילצונעמען אין דעם באַגײַסטערטן קאַבאָלעס־פּאָנעם, וואָס די אַרבעטנדיקע האָבן אײַנגעאָרדנט דעם באַליבטן פֿירער, אָף וועלכן זיי האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט און אָף וועמענס קומען זיי האָבן געלייגט אַזעלכע גרויסע האָפֿענונגען.

איך געדענק אויך די באַגײַסטערונג, מיט וועלכער עס איז באַגעגנט געוואָרן אין ראַט מאַקסים גאָרקי. דער גרויסער שרײַבער איז דעמאָלט אויפֿגעטראָטן מיט אַן אײַנדרוקפֿולער רעדע וועגן דער נויטווענדיקײַט זאָרגעוודיק אָפּצוהיטן די היסטאָרישע און נאַציאָנאַלע דענקמעלער, אין וועלכע עס געפֿינט אַזאַ בולעטן אויסדרוק דער כאַראַקטער און די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פֿון די פֿעלקער.

באַלד נאָך דער פֿעוורואַל־רעוואָליוציע האָט אין פּעטראָגראַד אָנגעהויבן דערשײַנען אונטער מײַן רעדאַקציע אַ זשורנאַל «Еврейский пролетарий» („ייִדישער פּראָלעטאַריער").

אין מאַרט קוידעש, זײַענדיק צוליב איניאָנים אין מאָסקווע, וווּ עס האָבן דעמאָלט געלעבט מײַן מוטער און מײַנע צוויי ברידער, בין איך געבליבן אָף צוויי וואָכן בײַ זיי צוגאַסט אין דעם שטעטל מאַלאַכאָווקע און אָנגעשריבן אַן אַרבעט „דער וועג פֿונעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט", אין וועלכער איך האָב באַגרינדעט די ראָליע פֿון דעם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דער פֿאָרשטייענדיקער גראַנדיעזער אַרבעט אָף געזונט צו מאַכן דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן מאַצעוו פֿון די ייִדישע מאַסן.

מײַן וועג איז מיר קלאָר

אין מײַ 1917 בין איך אַריבערגעפֿאָרן קיין קיִעוו, וווּ עס האָט אויפֿגעוואַקסט דאָס ייִדישע קולטור־לעבן. אַרום דער „קולטור־ליגע" האָבן זיך גרופּירט די אָנגעזעענסטע שרײַבער און קולטור־בויער, ווי מוישע ליטוואַקאָוו, דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסתּר, פּערעץ מאַרקיש, קוויטקאָ, דאָברושין, כאַשטשעוואַצקי, טשײַקאָוו און פֿיל אַנדערע. עס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן ביכער, עס זײַנען פֿאָרגעקומען פֿאַרזאַמלונגען, ליטעראַרישע אָוונטן.

אין יענעם „הייסן פּעריאָד" האָבן אין אוקראַינע זיך שוין געמערקט די דראָענדיקע סימאָנים

פון דער אופקומענדיקער רעאַקציע. אין פּאָליטישן לעבן האָבן אַלץ מער גענומען די איבערהאַנט די נאַציאָנאַליסטישע „סאַמאָסטײַנע" עלעמענטן. אַף די שפּיזן פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע־אַרמיי איז צו דער מאַכט געקומען דער העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, עס האָט זיך צעהוליעט די פּעטליוראָווּשטשינע, וועלכע האָט אירע שאָוויניסטישע גיפטיקע פײַלן געווענדט קעגן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. און אַזוי ווי אַנטיסעמיטיזם איז פון אייביק אָן אַ געטרײַער באַגלייטער פון רעאַקציע, האָט זי זיך אויך אין אוקראַינע גענומען צום אויסגעפּרוּווטן מיטל.

די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן אין דער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע, אין דער ראַטנמאַכט געזען די רעטונג פאַר די ייִדישע מאַסן.

וואָס שײַעך מיר, איז דער וועג מײַנער, אין אָט די אומשטענדן, געווען קלאָר. איך דערמאָן זיך, ווי בײַם אײנער אַ פאַרזאַמלונג ערעוו נײַיאָר 1918 האָב איך אין אַן אַרויסטרעטונג אַרויסגעזאָגט אַ פעסטע איבערצײַגונג, אַז נאָר דער אָנשלוס פון אוקראַינע צום פעדעראַטיוון ראַטנפאַרבאַנד קאָן אויסלייזן אויך דאָס ייִדישע פאָלק פון דער גרויזאַמער רעאַקציע.

אין אָט דער האַרבער צײַט בין איך אַוועק אַף אונטערערדישער אַרבעט. יעווגעניאַ באָש, אײנע פון די אָנפירערנס פון דער קאָמוניסטישער אונטערערד, האָט מיט מיר אײַנגעשטעלט אַ פאַרבינדונג און מיר איבערגעגעבן די שליכעסן, וואָס זײַנען מיר אָנפאַרטרויט געוואָרן.

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָליוציע אין דײַטשלאַנד אין נאָיאַבער 1918 איז אין דעם דײַטשישן אָקופּאַציע־גאַרניזאָן אין קיִעוו געגרינדעט געוואָרן אַ סאָלדאַטן־ראַט. אַף דער ערשטער זיצונג פון דעם ראַט בין איך אופגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג אין דײַטש און האָב גערופן די סאָלדאַטן נאָכצופאָלגן דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט און אויך אין דײַטשלאַנד שאַפן אַן אָקטיאַבער. די פּעטליורישע מעשאָרסים, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל, האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך — נאָך דער פאַרזאַמלונג מיך אַרעסטירן. נאָר אַדאַנק אײנעם אַ סאָלדאַט, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט דורך אַ הינטערטיר, בין איך אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם אַרעסט. אָבער מ'האָט מיך שוין אַרומגעזוכט, און לויטן אופטראָג פון דער פּאַרטיי האָט די קאָמוניסטן גוטע מאַרגאָליס מיך אַרויסגעפירט פון קיִעוו. כ'בין אַוועקגעפאָרן אופצוטרעטן מיט פאָרטראָגן קיין מאָזיר, מינסק, האָמעל און אַ ריי אַנדערע שטעט.

געקומען צוריק קיין קיִעוו בין איך נאָכדעם, ווי די שטאָט איז באַפרײַט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. דעם 31 דעקאַבער 1918 בין איך אופגעטראָטן אין אַרבעטער־קלוב אַפן פּאָדאָל מיט אַ באַריכט, אין וועלכן כ'האָב אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, גערעדט וועגן דעם קראַך פונעם מענשעוויזם און וועגן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער מאַכט.

אין דעם סאָוועטישן קיִעוו האָב איך אין 1919 געאַרבעט אַלס יוריסקאָנסולט אין דעם אוקראַינישן מעלוכע־ראַט פאַר פאָלקסווירטשאַפט און גלײַכצײַטיק זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקײַט.

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאָגראפיע
פראגן פון קונסט

יִסראָעל סערעבריאַני

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע

די סאָוועטישע ייִדן און די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָבן אַרײַנגעטראָגן א ווירדיקן צושטײַער אין גערעכטיקן קאמף קעגן די פאשיסטישע פארכאפּער. אין דער באשיצונג פונעם לאנד האָבן אקטיוו אָנטיילגענומען די ברייטע ייִדישע מאסן. מיט גרויס מעסירעסנעפעש האָבן אין די קאָלווירטן און סאָווירטן, אין די שוץ־אונטערנעמונגען און אין די שאכטעס געארבעט ייִדן אינזשעניערן, ארבעטער, קאָנסטרוקטאָרן, ראַציָאנאליזאטאָרן אין פארשיידענע געביטן. צווישן די פראָנטאָוויקעס פון פארשיידענע נאציָאנאליטעטן זײַנען באַוווּסט געוואָרן פיל ייִדן — העלדישע זעלנער, פארבינדלער, אויסשפּירער, טאנקיסטן, ארטילעריסטן, פליִער, קאַפּיטאנען פון אונטערוואסער־שיפן, גענעראלן, פּארטיזאנער.

„אף אײַנזאפּן כאָטש טיילווײַז אָט די גרויסע און פיל־פארביקע שעפע, — האָט געשריבן ד. בערגעלסאָן, — מוז איצט די ייִדישע ליטעראטור מאכן נײַע קאָלאָסאלע אָנשטרענגונגען... אז די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער באַנעמען דאָס גאנץ טיף, איז איצט, צום סאָף פונעם צווייטן מילכאָמע־יאָר, מער ווייניקער קלאָר. מאכן דעם סאכאקל, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט פאר די צוויי מילכאָמע־יאָרן אופגעטאָן, איז אין געגעבענעם מאָמענט זייער שווער, קימאט אומעגלעך. אונדזערע שרײַבער זײַנען איצט צעוואָרפן, און מע קאָן ניט וויסן, וואָס געפינט זיך בא זיי אין די פּאָרטפעלן...“

אזוי האָט געשריבן בערגעלסאָן אין זײַן ארטיקל „צוויי יאָר פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור“ („איינִיקײַט“, 25 יון 1943). אָט די אָפּשאצונג פון דער לאגע אין דער צײַט פון די ערשטע קריגס־יאָרן, אזא באלויכטונג פון די אופגאבן, וועלכע זײַנען געשטאנען פאר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, איז אין גרונט געווען גילטיק פאר אלע פעריָאָדן פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

פון די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע, ניט געקוקט אף דעם, וואָס עס זײַנען קימאט פולקום רויִנירט און פארטיליקט געוואָרן די טראדיציָאָנעלע קולטורעלע ייִדישע צענטרען אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאנד און ליטע, ניט געקוקט אף דעם, וואָס עס זײַנען צעשטערט געוואָרן די פּאָליגראפישע און פארלעגערישע באזעס, האָט זיך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אקטיוו אײַנגעשלאָסן אינעם קאמף. נאָכן ערשטן מיטינג פון די פאָרשטייער פון ייִדישן פאָלק אין מאָסקווע, וועלכער איז פאָרגעקומען דעם 24 אווגוסט 1941, און שוין ביז אים, זײַנען א סאך ייִדישע שרײַבער אוועק אפן פראָנט און אין אָפּאָלטשעניע. עס זײַנען דערשינען צוויי זאמלונגען אין מאָסקווער מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“: „פאַרן היימלאנד אין שלאכט“, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען ד. בערגעלסאָן, ב. אָרשאנסקי, י. נוסינאָוו, י. דאָברושין, מ. ווינער, פּ. מארקיש, ב. אָלעווסקי, ע. פינינבערג, ל. קוויטקאָ, ש. האלקין, ש. ראָסין, ע. קאזאקעוויטש, ש. גאָדינער, י. זעלדין און אנד.; „דאָס בלוט רופט צו נעקאָמע“ — דערציילונגען פון געליטענע וועגן די פאשיסטישע אכזאָריעס אין אָקופּירטן פוילן. אין דעם זעלבן 1941 איז אין א באזונדערער אויסגאבע דערשינען די ווענדונג „צו די ברידער ייִדן פון דער גאנצער וועלט!“ — א זאמלונג פון די ארויסטרעטונגען פון די פאָרשטייער פון ייִדישן פאָלק אפן אויבנדערמאָנטן מיטינג אין מאָסקווע. עס זײַנען אויך ארויס אין א בראָשור־פאָרם: ד. בערגעלסאָן. „ייִדן און די מילכאָמע מיט היטלערן“; פּ. מארקיש. „א טויט די קאניבאלן!“; ש. פערסאָוו. — „יאקאָוו סמושקעוויטש דער דאָפּלטער העלד פון ראטנפארבאנד“; ל. קוויטקאָ. „פײַער אף די סאָנים!“. אין די רוסישע צײַטונגען און זשורנאלן באווײַזן זיך איבערזעצונגען פון ייִדיש. אין דער „פּראוודא“ פארן 1941 און 1942 זײַנען געווען אָפּגעדרוקט פּערעץ מארקישעס לידער „א טויט פאר א טויט“, „פּאָלקס־אָפּאָלטשעניע“, „די שוווּע אפן קייווער

פון אַ פאַרמוטשעטן רויטאַרמייער", „די באַלאַדע וועגן פינף". אין זשורנאַל „טרידצאַט דניי" זײַנען געווען געדרוקט שמועל ראָסינס צוויי לידער: „צו דער מוזע" און „איך פאַרגיב דיר אַן ערנסטע פראַגע", אין וועלכע דער דיכטער־פראָנטאָוויק דריקט אויס זײַן גרייטקייט מיט וואָרט און טאַט צו באַשיצן זײַן היימלאַנד. עטוואָס שפּעטער זײַנען אין פיל פּעריאָדישע אויסגאַבעס — אין די זשורנאַלן „אָקטיאַבער", „זנאַמיאַ", „נאָווי מיר", „קראַסנאַיאַ נאָוו", „פּאָגראַניטשניק", „סמענאַ", „דרוזשניַע רעביאַטאַ", „נאַטשאַלנאַיאַ שקאָלאַ" און אַנד., אין די זאַמלביכער „זאַלפּ" (טאַשקענט), „פּאַטריאָטי", „ליניאַ אָגניאַ" (מאָסקווע), „זאַ ראָדנויו סטראַנו" (קראַסנאָדאַר), „גראַזשדאַנסקאַיאַ אי אָטעטשעסטווענאַיאַ וואָינאַ וו פּאָעזיִי" (קיראָוו), „אָטוועט נאַ פּאָדאַרקי" (סאַראַטאָוו), „פּעסני וועליקאַי אָטעטשעסטווענאַי וואָיני" (קראַסנאָיאַרסק), „סמערט נעמעצקים אָקופּאַנטאַם" (אָרדזשאָניקידזע), אין אַלמאַנאַך „דעטיאַם" (מאָסקווע), — אין די דאָזיקע און אין אַנדערע אויסגאַבעס זײַנען געווען געדרוקט איבערזעצונגען פון די ווערק פון ד. בערגעלסאָן, פּ. מאַרקיש, א. קושניראָוו, אי. פעפער, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיין, כ. מאַלטינסקי, כ. ווײַנערמאַן און אַנד.

אין די מעלוכע־פאַרלאַגן פון די רעפּובליקן זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אייניקע ביכער פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין רוסיש: ל. קוויטקאָ. „זײַט באַגריסט" (מאָסקווע, דעטגיז, 1941); ד. האָפשטיין. „אין די גרויזאַמע טעג" (באַשקגאָסיזדאַט, 1942); פּ. מאַרקיש. „שוואַרציאַמישע באַלאַדעס" (וואָיעניזדאַט, 1942); אי. פעפער. „די מילכאָמע און די מענטשן" (באַשקגאָסיזדאַט, 1942), „מילכאָמע־פּרילינג", „בערלינער נאַכט" (אוקר־פאַרלאַג, 1942); א. גאָנטאַר. „אין מאַרש" (אופאַ, 1942); מ. טאַלאַלאַיעווסקי. „דאָס האַרץ רײַסט זיך צו נעקאָמע" (פּאָעמע), „דער פאַרניכטלער פון פאַשיסטן" (פּאָו, דאַרעם־מײַרעוו־פּראָנט, 1942); ר. באַליאַסנע. „לידער פון 1941—1942" (אופאַ, 1943); ל. קוויטקאָ. „אויף שליטלעך" (טשעליאַבינסק, 1943); פּ. מאַרקיש. „לידער און פּאָעמעס" (גאָסליטיזדאַט, מאָסקווע, 1945) און אַנדערע.

אויסער די ווערק פון סאָוועטישע שרײַבער, זײַנען אין די פאַרלאַגן אין די מילכאָמע־יאָרן דערשינען אַ ריי ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער, באַזונדערס די דערציילונגען פון שאָלעם־אַליכעמען אין רוסיש און ייִדיש.

אין די מילכאָמע־יאָרן איז די רוסישע שפּראַך געוואָרן נאָך מער נאָענט און אייגן דעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, — הויפּטזאַכלעך דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער אַרמיי. ניט צופעליק איז נאָך דער מילכאָמע געקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור דער ייִדישער ביראָבידזשאַנער דיכטער עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש — דער אַווטאָר פון דער באַרימטער דערציילונג „זוועזדאַ" (אין ייִדיש — „גרינע שאָטנס") און פון אַ ריי אַנדערע דערציילונגען און ראָמאַנען אין רוסיש. אויך אַנדערע ייִדישע שרײַבער האָבן געפּרוּווט זייער פּען אין רוסיש. א. קושניראָוו, אַשטייגער, האָט אָפּגעדרוקט אין דער רויטאַרמייִשער פּרעסע אַ סעריע סטיליזירטע רוסישע מײַסעלעך — „וויִאַזוי די באַבקע וואַסיליסע האָט מעכאַבעד געווען אַ דײַטש מיט אַ געפּרעגלטער פּאָסטעלע". אויפן פראָנט האָבן אָפּט געדרוקט זייערע פאַרצייכענונגען און לידער מ. טאַלאַלאַיעווסקי, מ. טייף, ע. גאָרדאָן, ש. גאָרדאָן, י. פאַליקמאַן, ה. פּאָליאַנקער, נאָטע לוריע, א. ווערגעליס, כ. מאַלטינסקי, י. דרוקער, ע. קאַהאַן, פּ. מאַרקיש, ע. פינינבערג, ה. שווּעדיק, מ. גרוביאַן, א. גובניצקי, ה. רעלעס און נאָך און נאָך.

אויך אין הינטערלאַנד זײַנען אָפט די ייִדישע שרײַבער אַרויסגעטראָטן מיט אַרטיקלען, דערציילונגען, פאַרצייכענונגען און לידער אין רוסיש (אי. פעפער, מ. אַלבערטאָן, ש. פּערסאָוו, נויעך לוריע, אײַזיק פּלאַטנער און אַנד.).

אַדאַנק דער צײַטונג „אייניקײַט" (דער ערשטער נומער איז אַרויס אין קויבישעוו דעם זיבעטן יוני 1942 און אָנהייבנדיק פונעם 31 אַווגוסט 1943 איז זי דערשינען אין מאָסקווע) האָבן די ייִדישע שרײַבער באַקומען אַ מעגלעכקײַט צו דרוקן רעגולער זייערע ווערק אין ייִדיש. די צײַטונג איז געוואָרן דער צענטער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אויך פון די ייִדישע שרײַבער פון פּוילן און רומעניע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פונעם פאַשיסטישן גע־הענעם און זיך אײַנגעשלאָסן אינעם אַלגעמיינעם קאַמף פונעם סאָוועטישן פאָלק מיט די דײַטשישע פאַרכאַפּער (ב. מאַרק, מ. בראָדערזאָן, י. שטערנבערג, מ. אַלטמאַן, ע. קאַגאַנאָווסקי, לייזער וואָלף און אַנד.).

וועגן דער אינטענסיווער טעטיקײַט פון די ייִדישע שרײַבער אין דער צײַט פון מילכאָמע קאָן מען אורטיילן אויך פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס איז געווען געדרוקט שוין אין ערשטן נומער פון דער צײַטונג „אייניקײַט". פון איר דערוויסן מיר זיך, אַז דער ניסטער (טאַשקענט) אַרבעט איבערן צווייטן בוך פונעם היסטאָרישן ראָמאַן „די משפּחה מאַשבער"; איציק קיפּניס (סאַראַטאָוו) האָט פאַרענדיקט צוויי נײַע דערציילונגען — „שכיינים" און „די מישפּאָכע"; נויעך לוריע (קוסטאַנײַ) האָט אָנגעשריבן אַ ריי דערציילונגען — „דער טאָג פון אַ סנײַפּער", „עלטערן" און אַנד.; ה. אָרלאַנד (אַן אינזשעניער לויטן פאַך, פון דער נ־ער מיליטערישער בויונג) אַרבעט איבער אַ ראָמאַן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין די יאָרן פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע; ליפּע רעזניק (קוסטאַנײַ) האָט פאַרענדיקט אַ נײַע אַנטיפאַשיסטישע פּיעסע; מ. כאַשטשעוואַצקי (אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד), ווען ער איז געווען אין סאַמאַרקאַנד, האָט צוגעגרייט צום דרוק אַ ריי פאַרצייכענונגען וועגן די העלדן פון סאָציאַליסטישער אַרבעט און אַ זאַמלונג לירישע לידער; י. פאַליקמאַן (דאָרעם־פראָנט) גרייט צום דרוק אַ בוך נאָוועלן און הומאָרעסקעס; אַווראָם גאָנטאַר (אופאַ) האָט אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג „דער עמעס" אַ נײַע זאַמלונג „לידער און פּאָעמעס"; ה. פּאָליאַנקער (דאָרעם־פראָנט) אַרבעט איבער זײַן בוך „שמײַע גאַזלען".

קימאַט אַלע ייִדישע שרײַבער, סײַ די, וועלכע געפינען זיך אין הינטערלאַנד, און סײַ די, וועלכע געפינען זיך אויפן פראָנט, דרוקן סיסטעמאַטיש אין דער „אייניקײַט" קאָרעספּאָנדענצן, אַרטיקלען, לידער, דערציילונגען, קאַפּיטלען פון פּאָעמעס און ראָמאַנען. עס ווערן אָפט געדרוקט באַריכטן וועגן ליטעראַרישע אָוונטן אין מאָסקווע און אין די נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, אין וועלכע עס לעבן ייִדישע שרײַבער, מעלדונגען וועגן נײַע שטעלונגען אין די ייִדישע מעלוכע־טעאַטערן און אַנסאַמבלען פון די מיזרעך־רעפּובליקן, מיטיילונגען וועגן נײַע ווערק פון ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, מאָלער און סקולפּטאָרן.

די מילכאָמע־אומשטענדן האָבן מיטגעהאָלפן דער נאָך שטאַרקערער דערנעענטערונג פון די ברידערלעכע פעלקער, פון זייערע ליטעראַטורן און קולטורן. אַדאַנק דער מאַסן־איבערוואַנדערונג אין די מיזרעכדיקע ראַיאָנען פון לאַנד האָט זיך אָרגאַניש אַנטוויקלט די באַקאַנטשאַפט און די אַלגעמיינע פרײַנטלעכע שעפערישע אַרבעט פון די ברידערלעכע ליטעראַטורן. דאָס איז שוין געווען ניט קיין

צופעליקע, יאַמטעוודיקע באקאנטשאפט, נאָר א סיסטעמאַטישע, דויערהאפטע, „וואָכעדיקע“ טאָגטעגלעכע ארבעט פארן וווילזײַן פונעם לאַנד אין די הארבסטע באדינגונגען פון דער מילכאָמע. פרײַנט האָבן דערקענט איינער דעם צווייטן אין די שווערסטע צײַטן, און אדאנק דעם איז זייער פרײַנטשאפט נאָך שטארקער געוואָרן.

אין אויבנדערמאָנטן ארטיקל מערקט אָפּ ד. בערגעלסאָן: „צום דריטן יאָר מילכאָמע געפינען מיר ייִדן בא אלערליי קאָלווירטישע און סאָווירטישע ארבעטן אין א צאָל, וואָס שטײַגט ווײַט אריבער די געוועזענע צאָל פון ייִדן לאַנדווירטשאפטלער אין קרים, אין די ייִדישע ראיאָנען און אין אלע בײַשטעטלדיקע קאָלכאָזן. די צאָל ייִדן אין דער שווערער אינדוסטריע איז איצט אין דעם דאָזיקן וויכטיקן צווײַג אָן א פארגלײַך גרעסער פון זייער צאָל אין דער צײַט פון דער העכסטער אינדוסטריִאליזירונג פון ייִדן, וואָס איז בא אונדז ווען־ניט־איז דערגרייכט געוואָרן אין פארלויף פון די נאָכאָקטיאבער־יאָרן“[1].

אין אלע רעפּובליקן, וווּהין עס איז עוואקויִרט געוואָרן די באפעלקערונג, זײַנען געשאפן געוואָרן ייִדישע סעקציעס פון רעפּובליקאנישן פאריין פון די שרײַבער. עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן אָוונטן פון ייִדישער ליטעראטור, אינטערנאציִאָנאלע ליטערארישע און טעאטראלע ברינגאדעס זײַנען ארויסגעפאָרן אפן פראָנט. ס'איז שווער אויסצורעכענען די פארשיידנארטיקע פאָרמען פון כאווערישער שעפערישער מיטארבעט פון די ברידערלעכע פעלקער אין זייער נײַער היים. ניט ווייניק ייִדישע קונסטטוער זײַנען באלוינט געוואָרן מיט מעדאלן און אָרדענס און מיט אויסצייכענונגען און טיטלען פון די אָרטיקע רעפּובליקן, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט און געארבעט.

עס איז אויך קעדײַ אָפּצומערקן, אז די צײַטונג „אייניקײַט“ איז אין דער מילכאָמע־צײַט געוואָרן די טריבונע ניט נאָר פון ייִדישע שרײַבער, נאָר אויך פון א סאך ליטעראטן פון די ברידערלעכע ליטעראטורן.

דער באוווסטער אוקראַיִנישער דיכטער מאקסים רילסקי שרײַבט אין זײַן ארטיקל „פעלקער־פרײַנטשאפט“: „ערשט ניט לאַנג האָב איך איבערגעזעצט איציק פעפערס א ליד וועגן אוקראַיִנע... ווען איך האָב פארענדיקט די איבערזעצונג, האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז איך וואָלט זיך געקענט אונטער דער ליד כאסמענען אלס אוטאָר, ניט דערפאר, פארשטענדלעך, וואָס פעפערס לידער זײַנען ענלעך צו מײַנע לידער, נאָר דערפאר, וואָס זײַנע געפילן פאלן צונויף פולקום מיט מײַנע געפילן. מיט מײַנע געפילן פאלט אויך צונויף די ליד פונעם באשקירישן דיכטער ניגמאטי, פאר וועלכן אוקראַיִנע איז געווען דאָס צווייטע היימלאנד“[2].

אן אנדער גרויסער אוקראַיִנישער דיכטער, פּאוולאָ טישינא, האָט אָפּגעדרוקט א ליד „צום ייִדישן פאָלק“, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט עכטן סאָוועטישן הומאניזם[3]; דער קאָמיסאר פון א באטאליאָן, ניקאָלײַ סטאראָסטין, שרײַבט וועגן זײַן באגעגעניש אפן פראָנט מיטן ייִדישן דיכטער שלאכטמאן ארן קושניראָוו[4]; דער באוווסטער ווײַסרוסישער פּראָזאיִקער קוזמא טשאָרני דערציילט וועגן דעם טראגישן גוירל פון די ייִדן אף דער צײַטווײַליק אָקופּירטער טעריטאָריע פון ווײַסרוסלאנד[5];

[1] זע אויך דאָס ארטיקל פון מאריִעטא שאגיניאן — „ייִדן אין דער לאנדשוץ־אינדוסטריע פון אוראל און סיביר“ („אייניקײַט“, 1944, נומ. 12).

[2] „אייניקײַט“, 1942, נומ. 7; [3] דאָרטן, נומ. 16—17; [4] נומ. 4; [5] נומ. 15.

אויסער דעם דערמאָנטן ארטיקל, וואָס מ. רילסקי האָט אָנגעשריבן וועגן פעלקער־פרײַנטשאפט אף די שפאלטן פון דער „אייניקײַט“, האָט ער אויך דאָרטן אָפּגעדרוקט א פלאמיקע ליד — „דעם ייִדישן פאָלק פון דעם אוקראַיִנישן פאָלק“ (איבערזעצט פון ד. האָפשטיין)[1]; אין „אייניקײַט“ פארן 18 מײַ 1944 איז געווען גערדרוקט א רעצענזיע אפן ראָמאן פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער איוואן לע „ראָכל“ — וועגן דער העלדישקײַט פון דער ייִדישער יוגנט אפן פראָנט, וועגן דער טראגעדיע פון די ייִדישע שטעטלעך אף דער אוקראַיִנע, וועגן דער פרײַנטשאפט פון אוקראַיִנער און ייִדן אין זייער געמיינזאמען קאמף קעגן די אָקופּאנטן.

א סאך רוסישע ליטעראטן האָבן פארעפנטלעכט ארטיקלען און קינסטלערישע ווערק אף אקטועלע מאָטיוון אין דער „אייניקײַט“. אזוי, לעמאָשל, זײַנען געווען גערדרוקט ד. זאסלאווסקיס ארטיקלען „דאָס רוסישע פאָלק און די ייִדן“ (1942, נומ. 16—17), „די רעטונג פונעם ייִדישן פאָלק“ (1943, נומ. 16); אי. ערענבורגס „אָט אזוי שלאָגן זיך ייִדן“ (1942, נומ. 16—17), „פאראן פארוואָס נעקאָמע צו נעמען!“ (1942, נומ. 20), „אונדזער אָרט“ (1943, נומ. 16) און אנד. אין דער צײַטונג „אייניקײַט“ און אויך אין א ריי באזונדערע ייִדישע זאמלונגען האָבן געדרוקט פּובליציסטישע און קינסטלערישע ווערק ס. גודזענקאָ, ו. גראָסמאן, מ. שאגיניאן, ט. טעס, ק. סימאָנאָוו, ו. שקלאָווסקי, ו. אינבער, י. גאלאן, ו. לידין, פּ. אנטאָקאָלסקי, א. טווארדאָווסקי און אנד.

פארשטייט זיך, אז די ייִדישע טעמע איז באריִרט געוואָרן ניט בלויז אין דער צײַטונג „אייניקײַט“ און אין די אויסגאבעס פונעם פארלאג „דער עמעס“, וועלכער האָט שוין דאן צוריק אופגעשטעלט זײַן ארבעט אין מאָסקווע. אויך אין דער אלגעמיינער פרעסע און פּעריִאָדיק האָבן זיך גערדרוקט מאטעריאלן מיט ייִדישער טעמאטיק. אויסער דעם דערמאָנטן ראָמאן פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער איוואן לע, באגעגענען מיר, אשטייגער, אין מאָסקווער זשורנאל „אָגאָניאָק“ פונעם 5 אָקטיאבער 1941 א פארצייכענונג פונעם רוסישן שרײַבער וואלענטין קאטײַעוו „די 16־טע וואָך פון דער הייליקער פאָטערלענדישער מילכאָמע“, — וועגן זײַנער א באגעגעניש מיטן ייִדישן דיכטער פראָנטאָוויק ארן ווערגעליס[2]. דער אווטאָר שטעלט דאָ אנטקעגן שלאכטלײַט פון צוויי פײַנטלעכע ארמייען — דעם יונגן קאָמאנדיר פון דער רויטער ארמיי, דעם סאָוועטישן ייִדישן דיכטער, וואָס שרײַבט לידער וועגן פעלקער־פרײַנטשאפט, און דעם יונגן פאשיסט, דעם אָבער־יעפרייטאָר, ראדיסט פון דער היטלערישער באנדע, וואָס איז שטענדיק גרייט צו שיסן אומשולדיקע מענטשן, כאָרעוו מאכן שטעט און דערפער. געלייענט האָט ווילי ברענער, דער ראדיסט פון דעם נאָרוואָס אראָפּגעשאָסענעם „יונקערס“, בלויז היטלערס „מײַן קאמף“ און געבעלסעס ראָמאנען.

„וואָס איז צווישן די ביידע פאראן אלגעמיינס? — פרעגט דער שרײַבער. — בלויז דאָס, וואָס זיי זײַנען ביידע אלט 23 יאָר“.

אָט איז א קורצער דיִאלאָג, וואָס קומט פאָר צווישן די צוויי. ווערגעליס פרעגט אים, דעם דאָזיקן „העלד“, וואָס איז שוין אדורכגעפלויגן „קימאט גאנץ אייראָפּע“:

„נו, און היינריך היינען האָט איר געלייענט?

[1] דאָרט, 1943, נומ. 4.

[2] די דאָזיקע פארצייכענונג האָט קאטײַעוו שפּעטער איבערגעדרוקט אין זײַן בוך „קימאט א טאָגבוך“ (מאָסקווע, 1962) אונטערן נאָמען „צוויי זײַנען זיי געווען“.

— ניין, ניט געלייענט. היינריך היינע איז א ייִד.
— און לעוו טאָלסטאָיען האָט איר געלייענט?
— ניין, ניט געלייענט. לעוו טאָלסטאָי איז א נישטיקײַט.
— און היינריך מאנען האָט איר געלייענט?
— ניין, ניט געלייענט. היינריך מאן איז אן אנטיפאַשיסט.
— און מאקסים גאָרקין האָט איר געלייענט?
— ניין, ניט געלייענט. מאקסים גאָרקי איז א קאָמוניסט. איך האָב זיי קיינעם ניט געלייענט, — האָט געזאָגט ווילי ברענער. — איך האָב זיי געצונדן און געברענט. איך האָב געברענט זייערע ביכער אף די גאסן פון דער שטאָט עסען. איר האָט געהערט פון דער שטאָט עסען?..“[1].

אפן אָוונט, געווידמעט דעם 25־טן יאָרצײַט פון אָשער שווארצמאנען, דעם 18 דעקאבער 1944, זײַנען ארויסגעטראָטן: ש. מיכאָעלס, ש. עפשטיין, פ. אנטאָקאָלסקי, נ. אויסלענדער, ד. בערגעלסאָן, י. דאָברושין, ש. האלקין, ד. האָפשטיין, ד. זאסלאווסקי, נ. טיכאָנאָוו, פּ. מארקיש, א. סורקאָוו, אי. ערענבורג, ע. פינינבערג, אי. פעפער. אינעם קאָנצערט האָבן זיך באטייליקט: ד. אויסטראך, ע. הילעלס, איזי גאָלאנד, ז. שולמאן, די ארטיסטן ס. ראָטבוים, שידלאָ, שמאיאָנאָק.

דער נאָמען פונעם ייִדישן דיכטער אָשער שווארצמאן, זײַן שאפונג און זײַן העלדנטאט זײַנען געוואָרן באזונדערס טײַער דער ייִדישער ליטעראטור אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָשער שווארצמאן האָט געדינט אלס מוסטער פון סאָוועטישן פאטריאָטיזם, ער איז געוואָרן א רעוואָליוציאָנערע טראדיציע פאר דער ייִדישער פּאָעזיע ביכלאל און פאר די פּאָעטן פראָנטאָוויקעס באזונדערס. די דיכטער האָבן אים געווידמעט ניט ווייניק באגײַסטערטע לירישע שורעס און גאנצע ווערק.

„ביז שווארצמאנען, — שרײַבט י. דאָברושין, — האָט די ייִדישע דיכטונג ניט פארמאָגט די ליד פון לאנד־פארטיידיקונג. ביז דער רעוואָליוציע איז דאָס געווען אומעגלעך; בא דער סאָוועטנמאכט האָט אָשער שווארצמאן דער ערשטער דערפילט, אז דער סוינע פון דער סאָוועטנמאכט איז דער סוינע פונעם באפרײַטן ייִדישן פאָלק...“ („אייניקײַט“, 1943, נומ. 32).

ריידנדיק וועגן די יונגע שרײַבער פראָנטאָוויקעס, גיט זיי דער קריטיקער מ. נאָטאָוויטש די בעסטע אטעסטאציע: „זיי זײַנען טרײַ שווארצמאנס טראדיציע“.

מער פון פערציק ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער זײַנען אומגעקומען מיט א העלדן־טויט אף די פראָנטן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אייניקע זײַנען געווען שווער פארוווּנדעט און האָבן זיך אומגעקערט אהיים אלס אינוואלידן, אייניקע זײַנען פריצײַטיק געשטאָרבן פון פארשיידענע קראנקהײַטן — א רעזולטאט פונעם איבערגעלעבטן אף דער מילכאָמע.

אין זײַן רעדע אפן צענטן פּלענום פונעם שרײַבערפארבאנד פון פססר אין 1945 האָט דער דיכטער פראָנטאָוויק ארן קושניראָוו דערציילט וועגן דער ארויסטרעטונג פונעם געוועזענעם גענעראל־קאָנסול פון סאָוועטנפארבאנד אין אמעריקע קיסעליאָוו. פאר א גרויסן אוילעם, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט אף דער פּרעמיערע פון בערגעלסאָנס פּיעסע „כ׳וועל לעבן!“, האָט ער געזאָגט: „לויט דער דאָזיקער פּיעסע, וואָס באווײַזט דעם פאטריאָטיזם פון די סאָוועטישע מענטשן און די פרײַנטשאפט פון די סאָוועטישע פעלקער, קאָנט איר אורטיילן, וואָס עס איז אזוינס די סאָוועטישע ליטעראטור אין די טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע“ („אייניקײַט“, 1945, נומ. 47).

די שעפערישע אקטיוויקײַט פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט אף קיין איין טאָג אין מעשעך פון אלע יאָרן פון דער מילכאָמע. דאָס איז באזונדערס קענטיק לויט די ארויסגאבעס פונעם 1943.

אויב אין די יאָרן 1941—1942 זײַנען מערסטנטייל דערשינען איבערזעצונגען פון ייִדיש אף רוסיש, איז שוין אין 1943 אדאנק דער באנײַטער ארבעט פונעם מעלוכעפארלאג „דער עמעס“ אין מאָסקווע די איבערוועגנדיקע מערהײַט ביכער ארויסגעגעבן געוואָרן אף ייִדיש, דערין אויך איבערזעצונגען פון רוסיש. 18 ביכער אין ייִדיש — דאָס איז דער סאכאקל פארן 1943, אנטקעגן 9 ביכער אין 1941 (א האלב פרידלעך יאָר) און 2 ביכער אין 1942.

אין 1943 איז געווען אָפּגעדרוקט א ניט גרויסער טעמאטישער פּלאן פון די ארויסגאבעס פונעם פארלאג אפן לויפנדיקן יאָר. דערבײַ איז געמאָלדן געוואָרן, אז דער פארלאג האָט שוין ארויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער: י. דאָברושין. „אונדזערע מענטשן“ — 12 קורצע פארצייכענונגען וועגן דער העלדישקײַט פון ייִדישע זין — קעמפער, אָנטיילנעמער פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע; י. פאליקמאן. „ליבע אין פײַער“. אינעם בוך זײַנען ארײַן נײַע גרעסערע און קלענערע פראָנט־דערציילונגען און פארצייכענונגען. אין דרוק געפינען זיך: א זאמלונג „ליבע און האס“ (ארויסגעגאנגען אונטער אן אנדער נאָמען — „צום זיג“), אין וועלכער עס נעמען אן אָנטייל 31 שרײַבער. אין דער זאמלונג גייט ארײַן אויך איין איבערזעצונג פון רוסיש (וואסילי גראָסמאן. „דער אלטער לערער“). די הויפּט־טעמע פון דער זאמלונג, ווי פון דער גאנצער ליטעראטור אין די מילכאָמע־יאָרן, איז דער העראָיזם פון די סאָוועטישע מענטשן אפן פראָנט און אין הינטערלאנד, פון איין זײַט, און די אכזאָריעס פון די פאשיסטישע גאָרגלשנײַדערס אף די צײַטווײַליק פארכאפּטע סאָוועטישע טעריטאָריעס, פון דער צווייטער זײַט. מיטן זעלבן גײַסט זײַנען דורכגעדרונגען מארקישעס בוך „אויך אף אונדזער זײַט וועט יאָמטעוו זײַן“ (ארויסגעגאנגען אונטער אן אנדער נאָמען — „פארן פאָלק און פארן היימלאנד“) און אי. פעפערס — „באלאדעס וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע“.

עס ווערן אויסגערעכנט ביכער, וועלכע זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן אין פארלאג אָדער גרייטן זיך צום דרוק. דאָס זײַנען די ביכער פון י. דאָברושין, נויעך לוריע, כאנע לעווין, מ. כאשטשעוואצקי, ה. פּאָליאנקער, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיין, מ. אלבערטאָן, א. קאהאן, ש. האלקין, ע. קאהאן און אנד.

דאָס איז געווען א רעאלער פּלאן. אויסער אייניקע קליינע אָפּווײַכונגען, זײַנען די אלע אויסגערעכנטע ביכער ארויס פון דרוק.

דער פארלאג קאָנסטאטירט, אז „ניט געקוקט אף דעם, וואָס דער ייִדישער לייענער איז איצט צעשפּרייט איבער די גרויסע ראכוועסן פון די מיזרעך־ראיאָנען פון אונדזער סאָוועטנפארבאנד, איז דער נאָכפרעג אפן ייִדישן בוך גענוג גרויס; א רײַע דערצו איז, וואָס דער פארלאג האָט פארן לעצטן האלב יאָר פארשפּרייט בא עטלעכע הונדערט טויזנט ביכער און בראָשורן...“ („אייניקײַט“, 1943, נומ. 7—8).

א גרויסע שעפערישע אקטיוויקײַט ווײַזן ארויס די שרײַבער פראָנטאָוויקעס. אויסער זייער אָנטייל אין דער אר־

[1] וואלענטין קאטײַעוו. „קימאט א טאָגבוך“, ז. 217.

מייִשער פּרעסע, שיקן זיי זייערע ווערק אין דער „אייני־קייַט“ און אין פֿאַרלאַג „דער עמעס“.

ווען די ייִדישע שרייַבער קערן זיך אום צוריק פֿון עוואַקואַציע, ווערן באַוווּסט זייערע שפּעריִשע פּלענער און נייַע אַרבעטן. מיר ווערן אינפֿאָרמירט, „איבער וואָס אַרבעטן די ייִדישע שרייַבער פֿון אוקראַיִנע“:

ד. האָפֿשטיין פֿאַרענדיקט זייַן נייַעם בוך „באַפֿרייַונג“; אַוורהם קאַהאַן אַרבעט איבערן צווייטן טייל פֿון זייַן ראָמאַן „אויף אונדזער ערד“. דער ערשטער טייל איז ניט לאַנג צוריק אַרויס אין פֿאַרלאַג „דער עמעס“; איציק קיפּניס פֿאַרענדיקט אַ נייַעם בוך דערציילונגען; שייַע שקאַראָווסקי פֿאַרענדיקט זייַן אַרבעט „ייִדישע געשטאַלטן אין דער רוסישער ליטעראַטור“; ה. בלאָשטיין האָט אָנגעשריבן אַ נייַעם בוך אונטערן נאָמען „נאָוועלן־פֿאַקטן“; כאַנע לעווין האָט אָנגעשריבן אַ נייַעם בוך „קסעניע לאָפּאַטינסקאַיאַ דערציילט“ (וועגן דער דייַטשישער אָקופּאַציע אין כאַרקאָוו); ב. גוטיאַנסקי גרייט צום דרוק אַ צווייטן בוך סאַטירישע לידער; ריווע באַליאַסנע פֿאַרענדיקט אַ נייַעם בוך לידער אאַז״וו.

אין די ווערק פֿון די סאָוועטישע שרייַבער אין די מיל־כאָמע־יאָרן איז די טעמאַטיק געגאַנגען לויט צוויי פּאַראַלעלע, נאָר נאָענטע מאַגיסטראַלן: מאָטיוון פֿון קאַמף און העראָיִזם פֿונעם פֿאָלק אויפֿן שלאַכטפֿעלד און אין הינטערלאַנד, און גלייַכצייַטיק — טראַגישע מאָטיוון וועגן אומקום פֿון אומשולדיקע, אומבאַהאָלפֿענע קינדער און זקיינים, וועמענס בלוט רופֿט צו נעקאָמע (זע די זאַמלונגען „פֿאַרן היימלאַנד אין שלאַכט“ און „היימלאַנד“, ע. פֿינינבערגס „פֿון שלאַכטפֿעלד“, די זאַמלונג פֿון 45 שרייַבער „צום זיג“, דעם ניסטערס „קאָרבאָנעס“, לייזער וואָלפֿס „די ברוינע בעסטיע“, נויעך לוריעס „בײַ דער אָפֿענער גרוב“). זייער אָפֿט האָבן זיך די צוויי פּאַראַלעלע מאָטיוון איבערגעקרייצט און זיך צונויפֿגעגאָסן אין איין ווערק (ד. בערגעלסאָנס „געווען איז נאַכט און געוואָרן איז טאָג“, י. דאָברושינס „הייסע הערצער“, מ. כאַשטשעוואַצקיס „פֿון אַמאָל און פֿון הייַנט“, כאַנע לעווינס „אויף שריט און טריט“, ה. פּאָליאַנקערס „נעקאָמע“, ריווקע רובינס „ייִדישע פֿרויען“, ש. קופּערשמידס „פֿאָלקסלידער וועגן דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע“, ש. פּערסאָווס „דייַן נאָמען איז פֿאָלק“. אויך די זאַמלונג „צום זיג“ טיילט זיך אויף צוויי טיילן: „ברידער אין שלאַכט“ און „ניט פֿאַרגעסן און ניט שענקען!“).

בײַ יעדן פֿאָלק איז, אויסער דער אַלגעמיינער גערעכטיקער זאַך, נאָך געווען זייַנער אַ באַזונדער כעזשבן מיט די פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּער, וועלכע האָבן זיך פֿאַרמאָסטן אויף זייַן נאַציאָנאַלער ווירדע און פֿרייַהייַט. די ווערק פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָבן גערופֿן „פֿאַרן היימלאַנד אין שלאַכט“, ווי די ווערק פֿון אַלע ברידערלעכע ליטעראַטורן, האָבן אָפֿט אַפּעלירט צו די העראָיִשע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער האָבן געלעבט מיטן אַלגעמיינעם לעבן פֿון לאַנד. זיי האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף אַלע וויכטיקסטע געשעענישן אין דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, און אין דער ערשטער ריי — אויף די ניצכוינעס איבערן פֿאַרהאַסטן פֿייַנט. אַ סאַך לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס, פּראָזאַיִשע ווערק און פּובליציסטישע אַרטיקלען זייַנען געווען געווידמעט די העלדנטאַטן פֿון אונדזערע שלאַכטלייַט, די העראָיִשע אויפֿטוען פֿון די סאָוועטישע מענטשן אין הינטערלאַנד.

צום צווייטן יאָרטאָג פֿונעם ניצאָכן הינטער מאָסקווע זייַנען אין דער צייַטונג „אייניקייַט“ געווען געדרוקט עטלעכע אַרטיקלען פֿון די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער. דער ניסטער שרייַבט וועגן „דער מוטער פֿון דער רוסישער העלדן“. דער אויטאָר ציטירט בריוו פֿון שלאַכטלייַט, פֿון מוטערס פֿון רויטאַרמייער צו דער מוטער פֿון זאָיע קאָס־מאָדעמיאַנסקאַיאַ. אין די דאָזיקע בריוו ווערט מיט גרויס מיטלייד און מוט אויסגעדריקט באַוווּנדערונג מיטן הויכן גייַסט פֿון דער רוסישער מוטער, מיט איר מוסטערהאַפֿטן ליכטיקן בייַשפּיל פֿאַר אונדזערע מיטצייַטלער. דער שרייַבער זעט אין דער פּערזענלעכקייַט פֿון דער מוטער די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער רוסישער געשיכטע, און אין דער פּערזענלעכקייַט פֿון איר טאָכטער — די פֿאַרקערפּערונג פֿון דער צוקונפֿט...

דאָוויד האָפֿשטיין, אין זייַן אַרטיקל „דער זעקסטער דעקאַבער“, שרייַבט: „איצט ווייסן מיר, ווי אָפּפֿערוויליק ס'האָבן געקעמפֿט אַלע זין פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק בײַ די טויערן פֿון מאָסקווע. פֿאַרייביקט זייַנען די נעמען פֿון די אַכט און צוואַנציק יונגטלעכע, וואָס האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן פֿאַר מאָסקווע. טיף אין האַרצן טראָגן מיר די נעמען פֿון די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון דער אינטעליגענץ, צווישן זיי — פֿון די פֿאָרשטייער פֿון אונדזער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט זייער בוך, גענומען אין האַנט די ביקס און אַרויס קעגן סוינע.

דאָ, הינטער מאָסקווע, האָט ער, דער בלוטיקער סוינע אונדזערער, דערפֿילט די קראַפֿט פֿון אונדזער לאַנד, דאָ האָט ער באַקומען דעם ערשטן גרויסן אָדעראָף אויף די אָנצאָליקע קלעפּ, וואָס ער האָט שפּעטער באַקומען אויף די גרויסע שטעטעכן פֿון אונדזער היימלאַנד. דאָ האָט מען אים דאָס ערשטע מאָל גענומען פֿאַרן קאַרק און אויסגעקערעוועט אויף צוריק, אַהין, פֿונוואַנען ער איז געקומען...“

אין זייַן אַרטיקל „דאָס איז ניט געשען!“ רעכנט אויס דער דיכטער פּראָנטאָוויק עזראָ פֿינינבערג די גרויסע צאָל דיוויזיעס און טעכניק, וואָס דער סוינע האָט געוואָרפֿן קעגן מאָסקווע, ער דערמאָנט די שענסטע ערטער אַרום אונדזער הויפּטשטאָט, וועלכע עס האָט שוין געדראָעט אַ געפֿאַר, גיט איבער די קאַלטע פּעדאַנטישקייַט פֿון די טעמפּע פֿאַשיסטישע ראָצכים, וועלכע האָבן שוין געגרייט און רעפּעטירט זייער אַרייַנמאַרש־פּאַראַד, און באַוווּנדערט דעם לעגענדאַרן העראָיִזם פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק, וואָס האָט צונישט געמאַכט די אַלע פֿינצטערע כאַלוימעס פֿון דעם סוינע.

דעם ניצאָכן הינטער מאָסקווע האָבן געווידמעט אַרטיקלען, פֿאַרצייכענונגען און לידער נויעך לוריע, א. קושניראָוו, אי. פֿעפֿער, פּ. מאַרקיש, ל. קוויטקאָ, א. ווערגעליס, מ. גרוביאַן, שיקע דריז, א. פּלאַטנער און אַנד.

אין 1943, קימאַט איינצייַטיק מיטן העראָיִשן טויט פֿונעם דיכטער מ. כאַשטשעוואַצקי, זייַנען אין פֿאַרלאַג „דער עמעס“ דערשינען זייַנע צוויי ביכער, געווידמעט דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע: אַ זאַמלונג לידער און באַלאַדעס „פֿון אַמאָל און הייַנט“ און אַ פֿאַרצייכענונג וועגן באַרימטן העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד כאַיִם דיסקין.

ניט צופֿעליק האָט דער דיכטער אָנגערופֿן זייַן זאַמלונג לידער און באַלאַדעס וועגן דער מילכאָמע „פֿון אַמאָל און הייַנט“. די צענטראַלע טעמע פֿון דעם בוך איז די פֿאַרבינדונג פֿון אונדזער הייַנטצייַטיקן קאַמף מיט די היסטאָרישע טראַדיציעס פֿון קאַמף קעגן פֿינצטערניש און אַכזאָריעס. דאָס זייַנען די פּראָגרעסיווע און העראָיִשע טראַדיציעס פֿון אונדזער לאַנד, פֿון אירע פֿילצאָליקע ברידערלעכע פֿעלקער.

דאָס שטרײַכן אויך אונטער די עפּיגראַפן צו דער זאמלונג — די שורעס פון אונדזערע עלטערע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער: „מיר שטאמען פון פעלדזן" (ד. האָפשטיין) און „העלדישקײַט מיט העלדישקײַט זיך רופן איבער" (א. קושניראָוו).

מוישע כאשטשעוואצקי האָט אויסגעדריקט דעם געפיל פון דער גאנצער סאָוועטישער פּאָעזיע, ווען ער האָט געשריבן אין מאיאקאָווסקיס מאניר: „איך וויל איך, אז זײַן זאָל מײַן ליד ווי פולווער און ווי דינאמיט, אזוי ווי א קויל יעדער אָס, און יעטווידער וואָרט ווי א שאָס, ווײַל אנדערש האָט גאָרניט קיין ווערט מײַן לעבן, מײַן זײַן אף דער ערד".

אפן פאָן פון דער מילכאָמע־טעמאטיק טיילן זיך באזונדערס אויס אין דער זאמלונג די געציילטע לירישע לידער וועגן דער נאטור און וועגן פרידלעכן לעבן. די נאטור אליין מאכט אונדז „פול מיט גרויס ביטאָכן" אינעם בלוטיקן געראנגל. און ס'איז נאטירלעך, וואָס גלײַך נאָך די „פרידלעכע" לידער קומט ווידער די ליד „מיר וועלן זיגן", ווײַל אויך די נאטור באשטעטיקט:

ווי שטארק ס'זאָל אונדז אין טויט ניט טון
דער פײַנט דער האקנקרייצלער,
איז פאָרט פון מיזרעך שײַנט די זון,
אין מײַרעוו־זײַט פארגייט זי.

אין אספעקט פון „אמאָל און הײַנט" איז אָנגעשריבן כאשטשעוואצקיס גרעסערע פארצייכענונג וועגן דעם יונגן העלד פון סאָוועטנפארבאנד כאיִם דיסקין. דער שלאכטמאן ווערט געגעבן אין זײַן גאנצער פארוואָרצלטקײַט, אין זײַן סאָציִאַלער ביִאָגראַפיע. ער איז אן אָפּצווײַג פון דוירעס ייִדישע האָרעפּאשניקעס און פויערים און איז „אופגעצויגן דורך דער סאָוועטנמאכט — א זון פון זײַן לאנד, א קינד פון זײַן פאָלק, וועלכער ווייסט, אף וואָס עס האָט זיך פארמאָסטן די שמוציקע לאפּע פונעם דײַטשישן פאשיסט".

מ. כאשטשעוואצקי האָט מיט וואָרט און טאט פארטיידיקט אונדזער היימלאנד און אָפּגעגעבן פאר אים זײַן לעבן און דאָס לעבן פון זײַן אייך־און־איינציקן זון.

די ייִדישע ליטעראטור פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז ניט גרויס לויט איר פארנעם. קיין מאָנומענטאלע ווערק, איבערהויפּט פּראָזאיִשע, זײַנען אין דער דאָזיקער הייסער צײַט קימאט ניט דערשינען. אלע אירע רעזערוון האָט די ליטעראטור געוואָרפן אפן סוינע. די נעמען אליין פון די דערשינענע ווערק זאָגן איידעס וועגן דעם: „פון שלאכטפעלד" (פינינבערג), „פארן פאָלק און פארן היימלאנד", „א טויט די קאניבאלן!" (מארקיש), „פײַער אף די סאָנים" (קוויטקאָ), „מילכאָמע־באלאדעס" (פעפער), „נעקאָמע" (פאָליאנקער), „די ברוינע בעסטיע" (לייזער וואָלף); די זאמלביכער: „דאָס בלוט רופט צו נעקאָמע", „פארן היימלאנד אין שלאכט", „צום זיג" אאוו. דאָס זעלבע — די ארטיקלען, פארצייכענונגען, רעפּאָרטאזשן אין צײַטונגען און זשורנאלן. אין די מילכאָמע־אומשטענדן איז שווער געווען צו שאפן מאָנומענטאלע ווערק, כאָטש די „מוזעס האָבן ניט געשוויגן".

עס זײַנען אין דער מילכאָמע־צײַט געווען אזעלכע אומשטענדן, ווען דאָס אָנגעשריבענע איז „אוועק מיטן רויך". זייער לעבעדיק האָט וועגן דעם דערציילט דער דעמלט נאָך יונגער טעוויע גען אין זײַן הומאָריסטישער דערציילונג „דאָס פארבליבענע העפּטל", וואָס איז ארײַן ווי אן ארײַנפיר צו זײַן זאמלונג דערציילונגען מיטן זעלבן נאָמען (1944).

דער אווטאָר, מיטן אייגנטימלעכן פאר אים „גוטמוטיקן" הומאָר, דערציילט אונדז, מיט וואָס פאר א ציטער ער פלעגט יעדן טאָג לייענען זײַנע פראָנט־פארצייכענונגען, וועלכע זײַנען אים אזוי שווער אָנגעקומען. נאָר אָט, „איינמאָל, פאר אן אטאקע", איז צו אים צוגעגאנגען א רויטארמייער, גאָר ניט פון זײַן ווזוואָד, און האָט געבעטן בא אים א שטיקל פּאפּיר אף צו פארדרייען א ציגאר. אין א פּאָר ווײַלעס ארום האָבן אים שוין געהאט ארומגערינגלט צענדליקער רויטארמייער.

— הערט נאָר א מײַסע, — האָט איינער פארכידעשט געזאָגט צום אנדערן, — דער כעווערעמאן האָט גאָר א גאנצע פּאפּיר־פאבריק, און מיר גייען מאמעש אויס. אין דער גאנצער ראָטע איז ניט צו געפינען קיין ברעקל אפילע.

אין א פּאָר מינוט ארום זײַנען קימאט אלע זײַנע שריפטן „אוועק מיטן רויך". עס איז געבליבן בלויז איין דין העפּטל...

מיט אזא לירישן הומאָר זײַנען דורכגעדרונגען קימאט אלע נאָוועלן פון „דאָס פארבליבענע העפּטל". און דאָס האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אז בא דעם שרײַבער גען איז ניט אלץ „אוועק מיטן רויך"...

צו די טאלאנטפולע ווערק אין דער ייִדישער פּראָזע פון די מילכאָמע־יאָרן געהערן די ביכער פון יעכיִעל פאליקמאן. ווי בא אנדערע שרײַבער, זײַנען אויך אין פאליקמאנס ווערק פארהיט געוואָרן די וועזנטלעכע קינסטלערישע אייגנשאפטן פון זײַן פארמילכאָמע־פעריִאָד, וועלכע האָבן באקומען א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג. צוויי ביכער פאליקמאנס — „ליבע אין פײַער" און „מענטשן פון מײַן לאנד", וואָס זײַנען דערשינען אין דער מילכאָמע־צײַט, זײַנען באהויכט מיטן אָטעם פון שלאכטפעלד.

אין פאליקמאנס דערציילונגען און פארצייכענונגען פיגורירן אָפט עמעסע, ניט קיין אויסגעטראכטע געשעענישן, און דאָך זײַנען זיי זייער ווײַט פון טרוקענער פאקטאָגראפיע. דער שרײַבער דערציילט אונדז טאקע פון דעם, וואָס ער האָט פארנאָטירט אין זײַן „טאָגבוך", ער רופט אמאָל אָן זײַנע העלדן בא די עמעסע נעמען — די קאָמאנדירן און רויטארמייער, מיט וועלכע ער איז גוט באקאנט. און אָט די באקאנטע מענטשן „וואנדערן" בא אים אָפט איבער פון איין דערציילונג אין דער אנדערער. אָבער אלע זײַנען זיי באהויכט מיט עכטער ראָמאנטיק און לירישקײַט.

אין דער צײַט פון מילכאָמע איז ארויס א זאמלונג דערציילונגען פון נויעך לוריע. אין זײַן צווייטער היים, קאַזאכסטאן, שליסט זיך דער שרײַבער אקטיוו אײַן אין דער ארבעט פארן פראָנט, פארן זיג. ער ווערט אן אקטיווער מיטארבעטער פון דער אָרטיקער פּרעסע, נעמט אָנטייל אין געזעלשאפטלעך־קולטורעלן לעבן. זײַן קינסטלעריש שאפן שטעלט ער צו דינסט דער מילכאָמע־טעמע. אין אָנהייב 1943 קומט ער קיין מאָסקווע, ווו ער ווערט איינער פון די אקטיווסטע מיטארבעטער פונעם ייִדישן אנטיפאשיסטישן קאָמיטעט. אין דער צײַטונג „איינִיקײַט" דרוקט ער אָפט, אויסער זײַנע קינסטלערישע דערציילונגען, אויך פובליציסטישע און ליטעראריש־קריטישע מאטעריאלן.

אין 1943 איז ארויס פון דרוק נויעך לוריעס א זאמלונג דערציילונגען „בא דער אָפענער גרוב", געווידמעט דער מילכאָמע־טעמאטיק און די שוידערלעכע איבערלעבונגען פונעם ייִדישן פאָלק. דער שרײַבער האָט דאָ געוויזן דעם סאָוועטישן מענטשן אפן פאָן פון די גרעסטע ניסיוינעס.

אין דער דערציילונג „בא דער אָפענער גרוב" האָט לוריע ארויסגעפירט פערסאָנאַזשן — יידן און ניט־יידן. ווי פארשיידן זיי זאָלן ניט זייַן לויט זייער כאראקטער און אויסזען, שטייען זיי פאר אונדזערע אויגן ווי איין לייַבלעכע מישפּאָכע, וואָס פארלירט ניט אפילע אף א רעגע דעם מוט און דעם גלויבן אין זיג פון דער גערעכטיקייַט. אין די שווערסטע מאָמענטן, וועלכע דעם סאָוועטישן מענטשן איז אויסגעקומען איבערצולעבן, האָט אים שטענדיק אונטערגעהאלטן דאָס געפיל, אז ער איז ניט עלנט, אז דער פּייַנט מוז און וועט באשטראָפט ווערן, אז עס וועט קומען דער „מידאס־האדין", די שאָ פון נעקאָמע, די שאָ פון ענדגילטיקן ניצאָכן.

נויעך לוריע האָט ליב אומעטום אונטערצושטרייַכן זייַן באגייַסטערונג פאר די געזונטע פיזישע און גייַסטיקע אייגנשאפטן פון זייַנע פּאָזיטיווע געשטאלטן. און ס'איז פארשטענדלעך, וואָס ער, דער ראָמאנטיקער פון דעם געזונטן און שיינעם אף דער ערד, האָט צווישן אנדערע זייַנע מילכאָמע־דערציילונגען אָנגעשריבן אזא מין רעגנדיקע נאָוועלע, ווי „לי", וואָס טיילט זיך אויס מיט איר באזונדערער קאָנצענטרירטקייַט און עמאָציאָנעלער אָנגעלאָדנקייַט. די מאָטיוון פון ליבע און האס זייַנען דאָ געגעבן אומגעהייער שטייַף און פּלאסטיש־אויסדריקלעך.

„מיר האָט זיך געוואָלט שרייַען. מיר האָט זיך געוואָלט רעווען פאר ווייטעק און צאָרן, נאָר גלייַכצייַטיק בין איך געווען ווי געליימט, ניט געפונען קיין ווערטער, קיין באוועגונג".

אין אזא צושטאנד האָט זיך געפונען דער סאָוועטישער קאָמאנדיר פעדאָסאָוו, ווען ער האָט דערזען דאָס „דעפּאָרמירטע און צעקאַטעוועטע" פּאָנעם פון דער שענסטער פרוי, וועלכע ער האָט אמאָל באגעגנט אף דער ערד.

און ריכטיק דריקט זיך דאָ אויס דער סאָוועטישער קאָמאנדיר: „דאָ גייט א רייד ניט וועגן א געוויינלעכער ליבע, נאָר עפּעס איז עס מער און שטארקער פון ליבע. מיר דוכט, איך קאָן פארגעסן מייַן מוטער, מייַן זון, און לי וועל איך ניט פארגעסן. ס'איז גענוג, עפּעס זאָל דערמאָנען אין איר, איך זאָל צופעליק וועגן איר א קלער טאָן, און דאָס הארץ, דאָס גאנצע בלוט אין מיר זאָל אופזידן און זיך ניט לאָזן שטילן, און קיין געדאנק וועגן היים, וועגן רו זאָל ניט האָבן קיין מאכט איבער מיר..."

אזא איז די ליבע פונעם סאָוועטישן מענטשן צו אלדאָס געזונטן, צו אלדאָס דערהויבענעם, וואָס די היטלערישע מערדער האָבן פארשוועכט, „דעפּאָרמירט און צעקאַטעוועט". אזא איז דער צאָרן, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט שטילן, קאָלזמאן אזוינע נידערטרעכטיקייַטן זייַנען מעגלעך אף דער ערד...

די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט א סאך דערגרייכט אין די יאָרן פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. זי איז געשטאנען אף דער הייך פון די אופגאבן, וועלכע עס האָט געשטעלט פאר איר די העראָישע און הארבע עפּאָכע. זי האָט א סאך אופגעטאָן, און נאָך מער איז איר פאָרגעשטאנען אופצוטאָן שפּעטער, אייַנזאפּנדיק אין זיך די דערפארונג פון דער איבערגעלעבטער מילכאָמע. צו דעם האָט זיך די ליטעראטור אינטענסיוו געגרייט. וועגן דעם ווייַטערדיקן וווּקס זאָגן איידעס די פּילצאָליקע נאָכמילכאָמעדיקע ווערק פון די יידישע שרייַבער.

ווי גרויס עס זאָלן ניט זייַן די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור נאָכן קריג, וועלן מיר קיינמאָל ניט פארגעסן אירע אופטוען אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע.

כאַים מעלאַמוד

די שטעטלעך פון אונדזערע הייליקייטן

מיר שטאַמען אַלע פון די שטעטלעך... שרײַבער און גענעראַלן, אַקאַדעמיקער און דאָקטוירים, באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרס און ניט ווייניקער באַרימטע אַרבעטער און אינזשעניערן, הויכע פאַכמענער, מיט וועלכע עס שטאָלצירט מאָסקווע און לענינגראַד, סווערדלאָווסק און נאָוואָסיבירסק, קיִעוו און באַקו... אַלע, אַלע קומען מיר אַרויס פון די ייִדישע שטעטלעך, פונעם געוועזענעם טרויעריק־באַרימטן צאַרישן תּחום. און — עס מעג אונדז אָנשטיין דער ייִחוס אונדזערער!

געווען אַ צײַט, אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, ווי אויך אין מעשעך פון אַלע צוואַנציקער יאָרן, ווען דאָס שטעטל איז געווען דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל אין דער ייִדישער פּרעסע און בײַ פיל פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און פּאָעטן. אין אַלע ייִדישע צײַטונגען איז געווען אַ שטענדיקע רובריקע — שטאָט, שטעטל, דאָרף, — און דאָרטן האָט איר יעדן טאָג געקענט אָפּנעמען אַ גרוס פון עטלעכע שטעטלעך, אָפּנעמען און איבערגעבן. נאָר דערנאָך איז דאָס שטעטל ביסלעכווײַז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די שפּאַלטן פון די צײַטונגען, און די שרײַבער האָבן ביסלעכווײַז אויך אָנגעהויבן פאַרגעסן אין דעם, גלײַך ס׳איז גאָר קיין שטעטל אויף דער וועלט ניט געווען, גלײַך ניט דאָרט זײַנען זיי געבוירן געוואָרן, אונטערגעוואַקסן און געמאַכט זייערע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ טערעץ... ווען עס זײַנען צעפאַלט געוואָרן די פאַרזשאַווערטע טויערן פונעם צאַרישן תּחום־האַמוישעוו און פאַר די ייִדישע אַרבעטנדיקע האָבן זיך געעפנט די אומענדלעכע ראַכוועסן פון אַ גרויס און פרײַ לאַנד, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן אויף די סטעפּעס פון קרים און כערסאָן, אויף די פרײַע ערד־פאָנדן פון זאַפּאָראָזשיע, דערנאָך איז אויפגעקומען בירֹאָבידזשאַן, דער כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד און אָן אַ שיר דניעפּראָבויען און טורקסיבן. און אַלע האָבן געצויגן צו זיך, און אַלע האָבן גערופן — אַרבעטן און לערנען זיך, בויען אַ נײַ לעבן.

און מע איז אַוועק. טויזנטער און טויזנטער יוגנטלעכע און באַיאָרטע לײַט זײַנען אַוועק אין דעם נײַעם לעבן.

און די ליטעראַטור איז אַוועק מיט זיי...

דאָס, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אויף די זאַוואָדן און בויונגען, אויף די סטעפּעס, ווו ייִדישע ייִשוּווים, גאַנצע ייִדישע ראַיאָנען זײַנען געוואַקסן, ווי אויף הייוון, האָט ניט געקענט ניט פאַרכאַפּן דעם שרײַבער. גראָד דאָרטן האָט זיך געעפנט אַ נײַ בלעטל אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן ייִדנטום, גראָד דאָרטן איז אויפגעקומען דער נײַער מענטש, דער נײַער ייִד — דער אינדוסטריִעלער אַרבעטער, דער קאָלווירטניק, וואָס האָבן אינאיינעם מיטן גאַנצן לאַנד געשטורעמט די פעסטונגען פון די ערשטע פינפיאָרן.

קאָנען מיר ניט האָבן קיין טײַנעס צו איציק פעפערן פאַר זײַנע „פּלאַסטן" און צו פּערעץ מאַרקישן פאַר זײַן „ניט געדײַגעט", צו לייב קוויטקאָן פאַר זײַן „טראַקטערצעך" און צו מייער אַלבערטאָנען פאַר זײַנע „שאַכטעס", צו עלי שעכטמאַנען פאַר זײַן „שיידוועג" און צו נאָטע לוריע פאַר זײַן „דער סטעפּ רופט"... און צו אַלע איבעריקע שרײַבער און פּאָעטן, וועמענס פּראָזע און פּאָעזיע האָט זיך פאַרקריצט אין אונדזער זיקאָרן, וועמענס לידער מיר זינגען ביז איצט, ווי די בעסטע לידער פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער יוגנט.

יאָ, בעפּיירעש איז דאָס געווען אַ נײַ בלעטל אינעם ייִדישן לעבן און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער די אַלטע בלעטלעך!.. די אַלטע בלעטלעך, אויף וועלכע ס׳איז געשאַפן געוואָרן דער פּינקעס פונעם ייִדישן לעבן אין מעשעך פון עטלעכע יאָרהונדערטן! נאָך אַלעמען, זײַנען אויף די נײַע ערטער אַוועק טויזנטער, און אין די שטעטלעך, ווי שיטערער זיי זײַנען ניט געוואָרן, זײַנען געבליבן מיליאָנען — יענע באַרימטע ייִדישע באַלמעלאָכעס, די קוסטאַרן, ווי מע האָט זיי דאַן גערופן, יענע קוסטאַרן־יעכידים, וואָס האָבן טאַקע דאָ, אויף זייער אַלטן אָרט, דורכגעמאַכט דעם גרויסן און ניט גרינגן פּראָצעס פון קאָאָפּערירונג, געשאַפן הונדערטער קלענערע און גרעסערע געווערב־אַרטעלן, וואָס זײַנען דערנאָך, צום סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן, אויסגעוואַקסן אין גרויסע אוניווערסאַלע קאָאָפּעראַטיוון און קאָמבינאַטן, וואָס האָבן אַרײַנגענומען אין זיך די גאַנצע טעטיקע שטעטלשע באַפעלקערונג, קאָמבינאַטן, אין וועלכע ס׳איז אויפגעקומען אַ נײַער דאָר פאַכמענער, וואָס האָבן איבערגענומען און ווײַטער אַנטוויקלט די טראַדיציאָנעלע פאַכן פון זייערע טאַטעס און זיידעס.

און אויך דאָ, אין די שטעטלעך, איז געגאַנגען אַ קאָלאָסאַלער פּראָצעס פון איבערדערציִען דעם באַלמעלאָכע אין

שמועל גאָרדאָן. „שטעטלעך". זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 6 פאַרן 1966 יאָר; נומ. 5, 6 פאַרן 1969 יאָר; נומ. 1, 9 פאַרן 1970 יאָר; „דעם באַלשעמס געסל" — „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 12 פאַרן 1968 יאָר; „אויפן גליטש" — „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11 פאַרן 1969 יאָר.

סאָציִאַליסטישן גײַסט, פון באַפרײַען אים פון רעליגיִעזע פאָרורטיילן, קליינבירגערלעכע אָנשויוּנגען, נאַציִאָנאַלער באַגרענעצונג, א פראָצעס, וואָס איז געווען פול און איבערפול מיט דראַמאַטישע קאָליזיעס. און דאָ האָט עפּשער מערער, ווי אין די גרעסערע שטעט, ווי אַף די נײַע ערטער, געבליט דאָס קולטורעלע לעבן, מיט א געדיכטער נעץ פון יִדישע שולן און קלובן, ביבליִאָטעקן און דראַמקרײַזן.

נאָר דאָס שטעטל איז מיטאמאָל ארויס פון דער מאָדע, האָט אָנגעהויבן קלינגען, ווי עפּעס אן אַנאַכראָניזם, ווי דאָס, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נעכטן, מיטן אָוואַר, מיטן אוועקגייענדיקן. און אויב די צײַטונגען האָבן יאָ דערמאָנט עפּעס א שטעטל, איז דאָס מערער געווען פאַרבונדן מיטן בײַשטעטלדיקן קאָלווירט און מערסטנטייל אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרזיי, מיטן שניט און מיט אויסשפּילן די פלעגער פון ברויט־פאַרגרייטונג.

ערעוו דער מילכאָמע... יאָ, ווען עמעצן זאָל געווען קומען דאַן אַפן זינען מאַכן א רײַזע איבער די שטעטלעך, דערזען און דערפילן די קאָלאָסאַלע סאָציִאַל־עקאָנאָמישע און קולטורעלע ענדערונגען, וועלכע זײַנען דאָרטן פאָרגעקומען, ווען אַפן אָרט פון די טויזנטער, וואָס זײַנען אוועק אַף די נײַע ערטער, איז אופגעקומען א נײַער יונגער דאָר, שוין טאַקע גאָר א נײַער מענטש, מיט נײַע זיטן, נײַעם קולטורעלן און פּאָליטישן פאַרנעם און נײַע קולטורעלע פאָדערונגען. דאָס זײַנען דאָך זיי טאַקע אוועק פון די שטעטלעך אַף דער מילכאָמע, און הונדערטער, טויזנטער זײַנען אומגעקומען אַף פאַרשיידענע פראָנטן.

און דאַן איז אויך געקומען יענער גרויסער בראָך, יענער כורבן, וואָס האָט איבערגעלאָזט אין יעדער שטעטל ליימיקע גריבער — ברודער־קוואָרים פון טויזנטער קאָרבאָנעס פון די פאַשיסטישע אַכזאָריעסן.

יאַטרעט איצט אַף דער וועלט א ווונד, וואָס וויל זיך ניט פאַרהיילן, לעבט אין טויזנטער הערצער א ווייטעק אַף ניט צו שטילן אים, א טרויער אַף ניט צו טרייסטן און א בענקעניש, וואָס קאָן ניט געדעקט ווערן מיט גאָרנישט ניט.

פאָרט מען אַף קייווער־אָוועס... עס פאָרן אַקאַדעמיקער און פּאָשעטע באַלמעלאָכעס, דאָקטוירים און אינזשעניערן, אַרבעטער און קאָלווירטניקעס. פון מאָסקווע און לענינגראַד, פון סווערדלאָווסק און נאָוואָסיבירסק, פון קיִעוו, אָדעס און באַקו און פון אַלע נאָענטע און ווײַטע אויסלאַנדס. צו אַלע זייערע קרויווים. לעבעדיקע און טויטע.

נאָר ווער עס זאָל ניט פאָרן, פאָרט ער בלויז פאַר זיך. און וואָס ער זאָל ניט זען, זעט ער בלויז פאַר זיך. און וואָס ער זאָל ניט איבערלעבן, לעבט ער איבער בלויז פאַר זיך. בלײַבט עס אַלץ בא אים. זײַן טרויער און זײַן פרייד, זײַנע טרערן און זײַן טרייסט. נאָר אז אַזא נעסיִע נעמט פאָר א שרײַבער, פאָרן אים נאָך טויזנטער לייענער.

וויפל זײַנען זיי עס, די טויזנטער, וואָס זײַנען מיטגעפאָרן אינײנעם מיט שמועל גאָרדאָנען איבער די אוקראַיִנישע שטעטלעך, נאָכגעגאַנגען אים פוסטריט איבער אַלע גאַסן און געסלעך, איבער אַלע כורוועס און נײַבויוּנגען פון מעדזשיבאָזש און דעראַזשנע, פאָגרעבישטשע און קאַזאַטין, קריזשאָפּאָל און וואַפּניאַרקע און פון פיל־פיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך? אַף וויפל דאַרף מען קייפלען די נאָגנדיקע בענקעניש, דעם פרעסנדיקן אומעט, דאָס ביסעלע נאַכעס און טרייסט, דעם פאַרבאַהאַלטענעם זיפץ און די שטיל־אַראָפּגעלאָזטע טרערן לעבן די אייגענע און פרעמדע קוואָרים?

די שטעטלעך האָט בעפּיירעש אָפּגעגליקט, וואָס גראַד שמועל גאָרדאָן האָט פאָרגענומען די נעסיִע איבער זיי. א שרײַבער מיט אן אומרויִקן גײַסט, ווּעמען ס׳האָט שטענדיק ארומגעיאָגט פון איין אָרט צום אַנדערן, וואָס איז אין די יִנגערע יאָרן אויסגעפאָרן און האָט אויסגעשפּאַנט אַלע קאָלווירטן פון קרים און ביראָבידזשאַן, ווּעמען עס הערט אויך איצט ניט אויף ארומיאָגן, ווּ דאָס לאַנד האָט אן עק, אין די סאַמע קאַלטע סיבירן, אין די סאַמע ווײַטע צאָפנס, אומעטום, ווּ עס צאַפּלט א לעבן, אומעטום, ווּ עס איז אופגעקומען א נײַער יִדישער יִישעוו אָדער ס׳האָבן זיך באַזעצט א קלענערע צי א גרעסערע צאָל יִדישע אַרבעטער; א שרײַבער, ווּעמענס יעדער נײַ ווערק איז א רעזולטאַט פון ווײַטע און נאָענטע יאַזדעס, פון אומופהערלעך זוכן נײַע פּערסאָנאַזשן, נײַע בילדער און נײַע פּראָבלעמען, וואָס די צײַט שטעלט ארויס דערצו; א שרײַבער מיט א שאַרפן כוש צום געהערטן און געזעענעם, מיט א גרויסער דערפאַרונג, מיט אָנגעזאַמלטע קינסטלערישע מיטלען און מיט אומופהערלעכן זוכן נײַע וועגן.

עס קאָן זיך צוערשט דוכטן, אז דעם שרײַבער האָט געצויגן אהער, קיין פאָגרעבישטשע, ער זאָל נאָכאַמאָל איבערלעבן די שוידערלעכע טעג און מינוטן פון זײַן ווײַטער קינדהײַט, — וויִאַזוי מע האָט אוועקגעפירט שיסן זײַן עלטערן ברודער שיקע, וויִאַזוי ער איז געלעגן אונטער איין צעפליקטער קאָלדרע מיט זײַן גויסעסדיקן טאַטן. ווען דאָס וואָלט געווען אפילע אַזוי, וואָלט עס אויך געווען ניט ווייניק פאַרן לייענער, וואָס וואָלט שוין געמוזט מיטפאָרן מיטן זשאַשקאָווער צוג, באַגעגענען זיך מיטן מיידל פון פאָגרעבישטשע, איבערלעבן אינײנעם מיטן שרײַבער יענעם אויסטערלישן געפיל, ווען עס באַגעגענען זיך צוויי לאַנדסלײַט און האָבן גאָרניט ניט וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן: זיי געהערן צו גאָר פאַרשיידענע צײַטן. דער לייענער וואָלט שוין געמוזט מיטגיין מיטן שרײַבער איבער די פאָגרעבישטשער גאַסן, וועלכע ס׳איז ניט צו דערקענען, און אָפּשטעלן זיך ניט אַזוי ארום די נײַע הײַזער און הויפן, ווי לעבן יעדער כורווע. דער לייענער וואָלט געהאַט א מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט שלוימע דעם קאָלווירטניק, וואָס קאָן ניט לײַדן, אז א שטיקל ערד זאָל פוסטעווען, מיטן קוואָרעסמאַן מיכאַלען, און אינמיטנדערינען, נאָך שוידערלעכע געשיכטעס וועגן די פאַשיסטישע מערדערײַען דערהערן אַזוינס:

— איך וועל פון אים, זאָל איך אַזוי לעבן, כאַפּן אן אינפאַרקט. ווּעסט אַמאָל אופהערן מיט דײַן „שאַגאַיו פּאָ מאָסקוויע“? פּאָ נאַטאַם דאַרף מען, פּאָ נאַטאַם!..

איז אַוואַדע א שטיקעלע טרייסט באַקאַנען זיך דאָ אין פאָגרעבישטשע מיט אן עכט הײַנטצײַטיקער באָבע, וואָס קען טאָן צוויי זאַכן מיטאַמאָל: ארויסנעמען מיט א האָרנאָדל די ביינדלעך פון די ווײַנשל און נאָכקוקן, אז איר נײַניאָריק אייניקל דאָווידל זאָל ניט גלאַט אַזוי זיך באַלעווען מיטן אַקאָרדעאָן, ניט שפּילן „פּאָ סלוכו“, נאָר ווי דער לערער און ווי טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעזאָגט, „פּאָ נאַטאַם“. איז דאָ, אינעם שטעטעלע, הייסט עס, אויך ווי אומעטום, ווי אין די גרויסע שטעט. די עלטערן זײַנען אַף דער אַרבעט, פאַרנומען ביז שפּעט אין אָוונט, און אַלץ אין שטוב דאַרפן טאָן די באָבעס: סײַ גרייטן דעם מיטיק, סײַ דערציִען די אייניקלעך.

און עפּשער איז א גרעסערע טרייסט די באַגעגעניש מיט שײַע דעם מילנער, שוין גאָר א גראָווער מאַן, וואָס האָט איצט געקאָנט האָבן אַזעלכע אייניקלעך, ווי זײַנע

קינדער, ווען די דײַטשן זאָלן ניט געווען אומברענגען זײַן ערשטע פרוי מיט די קינדער. מיר וועלן דערנאָך באגעגענען ניט ווייניק אזעלכע גראָווע, גראָווע טאטעס, די טרעגער פונעם גרויסן בראָך און פון גרויסער האָפענונג. מיר וועלן באוווּנדערן די צוגעבונדנקײַט פון די ייִדן צו זייער שטעטל, די פארליבטקײַט אין די נײַע הײַזער, זייער שטאָלצירן מיט יעדן נײַעם סעדל און סקווער, מיר וועלן זען זייער גלויבן, זייער אקשאָנעסדיקן גלויבן אינעם קיִעם פונעם שטעטל. ווי שײַע דער מילנער האָט געזאָגט:

— זעלטן ווער עס קומט צו און זעלטן ווער עס פאָרט אוועק. ווי דער בוים אין זומער, ניט עס קומען צו קיין בלעטער, ניט עס פאלן אָפּ. אָבער אלץ מיט א צײַט. פארגעדענקט, מע וועט נאָך אופרופן דאָס שטעטל!

ווען דער שרײַבער זאָל געווען אין זינען האָבן בלויז דאָס שטעטל פון זײַן אייגענער קינדהײַט, פּאָגרעבישטשע, בלויז זײַן אייגענעם קייווער־אָוועס, וואָלטן מיר שוין אויך געהאט פאר זיך א בילד פונעם איצטיקן ייִדישן שטעטל און זײַנע מענטשן, פון זייערע טאטעס און קינדער, באָבעס און אייניקלעך, פון זייערע ליידן און פריידן, פון זייער מי און טרוימען, פון זייער טרויער און האָפענונגען. דערצו ווערט דערציילט וועגן אלעמען מיט אזא שטילן ניגן, מיט אזא אינערלעכן פלאטער און עס ווערן אופגעלעבט פאר אונדז אזויפיל העלע, אײַנגעבאקענע אין הארצן בילדער, אז מיר וועלן זיי שוין ניט פארגעסן. סײַ דאָס פארלאָזטע שטיבל, דאָס געוועזענע וואָקזאלעכל, סײַ דעם עלנטן שטיין, ווּו ס׳איז געווען שאָלעם דעם קירזשנערס שטוב, סײַ די באלאָטינער בלאָטע, דאָס טײַכל, אין וועלכן ס׳איז שווער צו דערטרינקען ווערן...

יעדער לייענער האָט דאָך זײַן עלנטן שטיין, זײַן אומפארגעסלעך טײַכל און זײַן פארוואָרלאָזט שטיבל. און גראָד אזוי האָט ער געוואָרט, זאָל דאָס באשריבן ווערן. אָן איבעריקע האווײַעס, אָן גוואלדן און אויסגעשרייען, נאָר אזוי שטיל, מיט א געשטיקטן זיפץ, מיט יענער אינערלעכער צארטקײַט, מיט וועלכער עס רירט זיך צו א זון צום טאטנס קייווער.

איך כאַפּ זיך אלעמאָל, אז עס ווילט זיך מיר זייער ציטירן עפּעס א בילד. נאָר ערשטנס, האָב איך מוירע איבערצוכאזערן דאָס שוין געזאָגטע, צווייטנס, האָב איך מוירע, אז דאָס וועט פארנעמען א סאך אָרט. מיר דארפן דאָך מיט אײַך זײַן ניט אין איין שטעטל. און די פּראָגראם, מיט וועלכער שמועל גאָרדאָן האָט פאָרגענומען זײַן נעסיִע, איז א פיל ברייטערע. דאָס איז צו זען פון די פראגן, וואָס ער האָט געשטעלט פאר זיך אליין: צי זײַנען נאָך ביכלאל פאראן אף דער וועלט ייִדישע שטעטלעך, צי זײַנען זיי שוין אינגאנצן פארשוווּנדן? צי איז עמעצער געבליבן אין יענע שטעטלעך, פון וועלכע מע האָט ניט באוויזן עוואקויִרן זיך אין אָנהייב פון דער מילכאָמע? ווען וועט ער איצט טרעפן פון די, וואָס האָבן זיך עוואקויִרט? וואָס טוען איצט די שטעטלשע ייִדן, מיט וואָס פארנעמען זיי זיך, וועגן וואָס טראכטן זיי און וועגן וואָס טרוימען זיי און ווי געפינט דאָ אן אָרט פאר זיך דער נײַער אונטערוואקסנדיקער דאָר?

דער אינטערעס צום שטעטל איז באם שרײַבער ניט בלויז א ריין פּערזענלעכער. זײַן אינטערעס ליגט אין די טיפע היסטאָריש־געזעלשאפטלעכע וואָרצלען פונעם שטעטל, אין די גרויסע קולטורעלע ווערטן, וואָס דאָס שטעטל האָט געשאפן. דאָס שטעטל איז דאָך אין מעשעך פון פיל יאָרהונדערטן געווען דער טכום, דער גרונט־צענטער פונעם לעבן פון מיליאָנען ייִדן, וואָס האָבן געשאפן זייער באזונדערע עקאָנאָמיק, באזונדערן שטייגער, באזונדערע זיטן און א קולטור, וואָס האָט געשפּײַזט א סאך דוירעס. דאָ, אין די שטעטלעך, זײַנען געבוירן געוואָרן, אויסגעוואקסן און אויספאָרמירט זיך די בארימטע שעפער פון אונדזערע קולטור־אויצרעס, מיט וועלכע מיר שטאָלצירן און וועלכע וועלן קיינמאָל ניט פארגעסן ווערן.

אָט שטייט דער שרײַבער לעבן דער רעשימע פון די אווטאָבוסן, לייענט די נעמען פון די שטעטלעך און ווייסט ניט ווּהין פריִער צו פאָרן. דער זיידע מענדעלע לאדט אים אײַן קיין קאמענעץ־פּאָדאָלסק, זאָגט אָבער אווראָם גאָלדפאדן, אז קיין אלט־קאָנסטאנטין איז פיל נענטער, ווײַל ער שוין פריִער פאָרן קיין אלט־קאָנסטאנטין, נעמען רעב נאכמען דער בראסלאווער און הערשעלע אָסטראָפּאָליער דערווײַזן, אז צו זייערע שטעטלעך איז מיט דער האנט צו דערלאנגען... און דאָ שטעלן זיך ארײַן דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, דאָוויד האָפשטיין... איז ער שוין גרייט פאָרן קיין אָכרימאָווע, בערדיטשעוו, קאָראָסטישעוו, וואָס זשע וועט זאָגן פּערעץ מארקיש? קיין פּאָלאָנע איז דאָך אויך ניט ווײַט. און קיין שפּאָלע, צו איציק פעפערן, איז נאָך נענטער.

יאָ, מיר האָבן א סאך קרויווים אין די שטעטלעך. און מיר האָבן דאָרט א סאך ערטער, וואָס זײַנען הייליק פאר אונדז מיט זייער קולטור־געשיכטע, מיט זייערע קולטור־אויצרעס און מיט זייערע קדושים. און ס׳איז אוואדע נייטיק וואָס אָפטער אראָפּפאָרן אהין... דאָס איז זייער נייטיק פאר אן אייגענעם ייִזקער און אויך אף רעאבילי־טירן די ייִדישע ליטעראטור פארן שטעטלשן אוילעם, פאר וועמען מיר האָבן טאקע זיך שטארק פארזינדיקט.

■

איז לאָמיר מיטפאָרן אינאיינעם מיטן שרײַבער קיין מעדזשיבאָזש און דעראזשנע, פארקערעווען פון דאָרטן קיין פּאָגרעבישטשע, פארפאָרן דערנאָך קיין וואפּניארקע און קאזאטין, קריזשאָפּאָל און קראסנע און אין פיל אנדערע שטעטלעך. און לאָמיר אויך בעטן דעם שאָפער, ער זאָל אזוי ניט יאָגן, מיר זאָלן קענען אײַנזאפּן אין זיך די שיינקײַט פון פּאָדאָליע, אָנזעטיקן דאָס אויג מיט די פארבן פונעם רעגנבויגן אף די פעלדער, לאָנקעס און מורמלענדיקע טײַכלעך, אײַנקוקן זיך אין די קנייטשן פון די סוידעסדיקע בערגלעך, אינעם קילן שאָטן פון די טאָלן...

יאָ, מיר וועלן ניט איין מאָל, פארגאפטע, באקוקן דעם צויבערדיקן ארום, וואָס דער שרײַבער וועט פאנאנדערוויקלען פאר אונדז: די מעכטיקע דעמבן, וואָס ווייסן שוין אליין ניט, וויפל זיי זײַנען אלט, דעם גרינעם און געדיכטן טשערעט, וואָס איז פול מיט שמעקנדיקער פײַכטקײַט, דעם שפּיגלדיקן בוג און די וואסערמילן בא זײַנע ברעגן... און יעדערן וועט דאָס דערמאָנען זײַנס. פּונקט ווי די קוזניעס אינמיטן שטעטל, די אויסגעשפּאנטע וועגענער אפן פּלאץ און די זשאבעס, וואָס קוואקען ערגעץ ניט ווײַט ארום אן אזערע. פּונקט ווי די אלטע שטעטלשע הײַזלעך מיט די שמאָלע פענצטערלעך און די ריין אָפּגעשאָבענע גאנעקלעך. זייער און זייער פּינקטלעך, ניט קיין אָפּגעוואשענע, ניט קיין אונטערגעקערטע, נאָר טאקע אָפּגעשאָבענע. איינס אזא טרעפלעך וואָרט איז פייִק ארויסרופן אָן א שיר רעגנדיקע בילדער און דערינערונגען בא יעדן, וואָס איז אמאָל געקומען אין מינדסטן באריר מיטן ייִדישן שטעטל.

וואָרט ניט אף קיין פאנאנדערגעוויקלטע סוזשעטן און אויסערגעווײנלעכע פּאסירונגען. יעדערן, מיט וועמען איר

וועט זיך באקענען אף עפּעס א זײַטל, אין עפּעס א קאַפּיטעלע, וועט איר מערער ניט באגעגענען, אָבער יעדער נײַער באקאנטער טראָגט זייער פיל סײַ פון דעם, וואָס די שטעטלעך איז אויסגעקומען איבערלעבן און אויסשטיין, סײַ פון דעם, מיט וואָס דאָס שטעטל לעבט איצט, פון זײַנע דײַגעס און האָפענונגען.

דער ערשטער ייִד פון מעדזשיבאָזש נעמט אוף דעם שרײַבער פאר א פאַרשטייער פון אָבלסאָבעז און הייבט גלײַך אָן אויסלייגן פאר אים זײַנע טײַנעס: ער האָט בעפּיירעש פארדינט א לײַטישערע פענסיע, ווײַל ער האָט אלע יאָרן געארבעט — געווען א שיק־ייִנגל אין א קלייט, א וואסערפירער, א באלעגאָלע און א שוימער. נאָר גיי זײַ א נאָווי, אז אף אלץ וועט מען דארפן א פאפירל. און עס גייט אים ניט אזוי אין דער קליינער פענסיע, ווײַל פון וואָס צו לעבן האָט ער, נאָר ס׳איז אים פּאָשעט א ביזאָיען. אָפּהאָרעווען אזויפיל יאָרן, און נא דיר גאָר, ס׳איז ניט דער סטאזש, וואָס מע דארף.

מיר וועלן דערנאָך באגעגענען אין די שטעטלעך א סאך אזעלכע, בא וועמען דער סטאזש איז ניט אזא, ווי מע דארף. זייער א כאראקטעריסטישע דערשײַנונג. די צווייטע באקאנטשאפט — מיט טאניע פאסמאניק — האָט א סאך מערער וואָס צו זאָגן. טאניע פאסמאניק, וועמען דער שרײַבער האָט געטראָפן ביז די קני אין א ליימענער ראָשטשינע, ארבעט אין דער בוי־בריגאדע פונעם היגן פראָמקאָמבינאט, וואָס רעמאָנטירט איצט טאקע איר אייגענע שטוב. טאניע איז דאָ אויסן צוויי זאכן: דער רעמאָנט זאָל גיין ווי געהעריק און זי זאָל דערארבעטן די עטלעכע כאדאָשים, וואָס עס פעלט איר צום סטאזש. דערצו איז זי „פּאָ סאָוומעסטיטעלסטווו“ דער היגער עקסקורסאָוואָד און פירט ארום יעדן גאסט איבער מעדזשיבאָזש, ווײַל מעדזשיבאָזש האָט א שעם און טאניע ווייסט, וואָס יעדער גאסט וויל דאָ זען. זי דארף שוין אפילע ניט פרעגן, זי פירט אים גלײַך אוועק אפן אלטן בעסוילעם: צו דער מאַציייווע פונעם באלשעם, צו וועלכער א סאך ייִדן קומען נאָך איצט אָנצינדן ליכט, אוועקלייגן זייערע קוויטלעך מיט זייערע ביטעס; און צו דער מאצייווע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס איז טאקע דערנעבן. צוויי נעמען,ביידע גרויסע און ביז גאָר פארשיידענע אין דער ייִדישער קולטור־געשיכטע און אינעם ייִדישן פאָלקלאָר. און ווי אָן עכטער גיד קען טאניע בייסמײַסע דערציילן אויך עטלעכע מײַסעס פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

— קומט ער, אונדזער הערשעלע, איינמאָל ארײַן צו עליִעזערן דעם גוויר אנטלײַען א גאָלדענעם בעכער...

קאָן זיך דוכטן, אז מעדזשיבאָזש, די אמאָליקע קרוינשטאָט פון די „גוטע ייִדן“, פון גאָטס סטריאפּטשעס, איז נאָך אלץ פארזונקען אינעם טיפן אוראלט מיט די אָנגעצונדענע ליכט אפן באלשעמס קייווער, — דערהערט אָבער דער שרײַבער טאקע דאָ אפן באלשעם־געסל גאָר עפּעס אנדערס:

אנא־וואנא בריגאדיר,

עפן אוף פון שטאל די טיר...

און ווען ער לאָזט זיך גיין נאָך אָט די קינדערשע קעלעכלעך, ברענגען זיי אים אינעם היגן קינדערגאָרטן, ווו ער באקאנט זיך מיט דער דערציִערן און מיט די קינדער אליין און הערט, ווי זיי דעקלאמירן און זינגען אויס די באוווּסטע ליד פונעם „דעדושקא על קוויטקאָ“.

אין איין זאך האָט טאניע פאסמאניק, דער מעדזשיבאָזשער עקסקורסאָוואָד, זיך טויע געווען, — אין די שטעטלשע כאסענעס.

— ווו האָט איר אין הײַנטיקע שטעטלעך כאסאנים און קאלעס? — האָט זי דערקלערט דעם שרײַבער. — איך געדענק שוין ניט די צײַט, מע זאָל בא אונדז געווען פראווען א כאסענע.

שמועל גאָרדאָן האָט עס דערנאָך אליין מאקכיש געווען. ער האָט זיך באגעגנט מיט א סאך כאסאנים און קאלעס, מיט יונגעלײַט ערשט נאָך דער כאסענע, און אף איינער זייער א שיינער און גרויסער כאסענע אין קריזשאָפּאָל איז אים אליין אויסגעקומען זײַן א מעכוטן.

זײַן אין דעראזשנע און ניט דערמאָנען שאָלעם־אליי־כעמס דערציילונג וועגן דײַטש, וואָס האָט דאָ געהאלטן „שטאנציִאָן“, איז דאָך ניט שײַעך. אויב ניט דער שרײַבער, וועלן די דעראזשנער אליין אים דערמאָנען אין דעם. נאָר פריִער וועט אונדז דער שרײַבער באקאנען מיט א נײַעם פערסאָנאזש, מיט ייִסראָעל גראטש, וואָס איז סאַכאקל גאָר א שמיד, נאָר וועמען די פארטיע האָט געהאלטן אין איין איבערווארפן פון איין פראָנט אפן אנדערן. געווען פּאָרזיצער פון קאָלווירט, פון שטעטלשן סאָוועט, און ווען ער האָט שוין געהאט אף עטלעכע יאָר איבערגעפּוציעוועט דעם פענסיע־עלטער, האָט מען אים ערשט באשטימט פארן פארוואלטער פונעם מארק.

— ער וואָלט געמעגט אײַנעמען א מיסע־מעשונע, יענער דײַטש מיט דער פיפקע, — דערציילט ייִסראָעל גראטש, — נאָר קומט, וועל איך אײַך ווײַזן, וואָס דאָ האָבן אָפּגעטאָן די זין און אייניקלעך פון יענעם.

יאָ, מיר האָבן שוין באוויזן איבערצײַגן זיך, אז וועגן וואָס עס זאָל ניט אָנהייבן רעדן יעדער נײַער באקאנטער, — אף דעם מוז ער ארופקומען. ווײַל ניט רעדן וועגן דעם, ניט דערמאָנען יענעם גרויסן בראָך, וואָס האָט אין יעדער שטעטל זײַן באזונדערן שוידער, איז פּאָשעט אומעגלעך. בא אייניקע באקומט זיך עס צום סאָף פון דער באגעגעניש, אנדערע הייבן פון דעם אָן, און ס׳איז פּאָשעט אומעגלעך איבערדערציילן די געשיכטעס, איינע שרעקלעכער פון דער אנדערער.

לויט די ערשטע באקאנטשאפטן קאָן מען מיינען, אז די שטעטלשע באפעלקערונג באשטייט פון הוילע פענסיִאָנערן; פון אזעלכע, בא וועמען דער סטאזש איז ניט אזא, פון אזעלכע, וואָס מוזן א ביסל דערארבעטן דעם סטאזש, און פון אזעלכע, ווי ייִסראָעל גראטש, וואָס האָבן גראָד דעם סטאזש, וואָס מע דארף, נאָר קענען ניט זיצן אָן ארבעט. אונדזער נײַער באקאנטער, אלעקסאנדער זעווין, איז שוין אויך אריבער די זיבעציק. אינדערעמעסן איז דאָס ניט אזוי. מיר וועלן אין פיל אנדערע שטעטלעך טרעפן א סאך יונגעלײַט פון ביז גאָר פארשיידענע פאכן. מיר קאָנען אָבער ניט פארלאָזן דעראזשנע, ווײַל ייִסראָעל גראטש און אלעקסאנדער זעווין, וועלכע זײַנען זייער באָקי אין דער ייִדישער ליטעראטור און זײַנען מאמעש פארקאָכט אינעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, מוזן אויסלייגן זייערע טײַנעס סײַ צו דער ייִדישער ליטעראטור און סײַ צום שרײַבער און א שמועס טאָן וועגן טאכלעס פון די שטעטלעך.

— אײַערע פּאָעטן האָבן נאָך עט־ווען אָפּגעזאָגט א קאַדעש נאָך אונדזערע שטעטלעך, — טײַנעט ייִסראָעל גראטש, און אלעקסאנדער זעווין האלט אים אונטער. און זיי הייבן אים אָן דערווײַזן, אז די פּאָעטן האָבן א טאָעס געהאט, אז אין א סאך שטעטלעך זײַנען פארבליבן טיפע וואָרצלען, וואָס ציִען צו זיך, און עס איז שווער צו זאָגן,

ווי וועלן אויסזען די שטעטלעך אין עטלעכע יאָר ארום. אָט האָט מען אין אייניקע שטעטלעך אָנגעהויבן בויען צוקער־זאוואָדן, טריקאָטאזש־פאבריקן, און אז עס וועלן זייַן פאבריקן, וועט זייַן א יוגנט, וועט זייַן א לעבן.

— נאָר אויב איר ווילט אפּאנעמעסן זען אן עכט שטעטל אָט אזוי, ווי ס׳איז, — אייצעט אלעקסאנדער זעווין, — איז פאָרט אראָפּ קיין כמעלניצקי, אונדזער געגנטלעכן צענטער.

אף אָט דער פּאָלעמיק וועגן טאכלעס פון די שטעטלעך וועט דער שרייַבער אָנטרעפן ניט איין מאָל. און ער אליין וועט שוין אויך פירן די פּאָלעמיק סייַ מיט זייַנע נייַע באקאנטע, סייַ מיט זיך אליין. און עס וועט זיך אים זייער וועלן לייזן די רעטעניש, וואָס אלעקסאנדער זאווין האָט אים פארגעבן: פארוואָס דארף מען דאָס איצטיקע שטעטל זוכן אין כמעלניצקי?

נאָר דערווייַל איז דער שרייַבער געפאָרן קיין קאזאטין און שוין אין אומאנער צוג זיך באגעגנט מיט גאָר נייַע פארשוינען. איז אוואדע אונדז אויך אָנגענעם באקאנען זיך מיטן סערזשאנט איזי און מיט דער לערערן ליובע, וואָס האָבן ערשט נעכטן געפּראוועט זייער כאסענע אין ליפּאָוועץ און איצט פאָרן זיי ביידע קיין בערלין, ווו דער סערזשאנט דינט אין דער ארמיי און ווו ליובע וועט ווידער זייַן א לערערן, און דערפאר וועלן די שמועסן אין וואגאָן אויך זייַן גאָר אנדערע: וועגן מילכאָמע און שאָלעם, און וועגן דייַטש, וועגן די איצטיקע דייַטשן — פון געדעער און פון פּעערגע, וועגן וועלכע יעדערער האָט זיך זייַן מיינונג, און דאָ קאָן מען שוין אוואדע ניט אויסמייַדן די גריבער, סייַ די ליפּאָוועצער, סייַ די פּאָגרעבישטשער, סייַ די קאמענעצער!

און אף דער סטאנציע קאזאטין וועט דער שרייַבער טייקעף אָנטרעפן אף צוויי ייִדישע אייַזנבאנער, אפּן מאשיניסט פון עלעקטראָוואָז כאסקלען און אף זייַן געהילף יאָנטלען, צוויי פריילעכע יונגעלייַט, וואָס האלטן אין איין שיטן מיט וויצן און וואָס וועלן שוין ניט אָפּלאָזן דעם שרייַבער, ביז זיי וועלן אים ניט פארשלעפּן אין שטאָט אריַין און ניט באקאנען אים מיט א גרויסער גרופּע ייִדישע אייַזנבאנער, מיטן קאמאשנמאכער בערל דודין, וואָס איז זייער ענלעך אף שייַע דעם מילנער פון פּאָגרעבישטשע — א גרייַז־גרויער ייִד מיט נאָך קליינע קינדער, מיט די צוויי ארבעטער פון „זאגאָטסקאָט“ מוישע ערדמאן און איציקל פּידמעטיק — צוויי פארברענטע דאָמינאָ־שפּילער, וועמען מע טרעפט יעדן פארנאכט אין היגן פּארק ארומגערינגלטע מיט א סאך מיטפּילער, מיט כאָנע דעם מויכער־ספּאָרימניק און מיט פיל אנדערע היגע ייִדן, און דעריקער מיט אווראָם פּעקער, דעם קאזאטינער באדכן, וואָס איז אינדערעמעסן גאָר קיין באדכן ניט, נאָר א געוועזענער פארטיזאן און איצט איז ער קאָנפעראנסיע אף אלע סימכעס, שיט מיט גראמען, ווי אף די אמאָליקע ייִדישע כאסענעס, א מין אָרטיקער „אשוג“, וואָס רופט זיך אָפּ מיט זייַנע עקספּראָמטן אף יעדער אָרטיקער געשעעניש און פארענדיקט זייַנע אמאָל פריילעכע און אמאָל טרויעריקע געשיכטעס מיט דעם זעלבן פּאסעך און זעלבן נוסעך:

— אף צעפּיקעניש די סאָנים, א בראנדפירער זיי אין פּאָנעם, לעבן איצט אויך אין קאזאטין א היפּש ביסל ייִדן.

עס איז מאמעש צו מעקאנע זייַן, ווי עס גייט אים, דעם שרייַבער, דורך טיר־און־טויער. אומעטום טרעפט ער דעם, וועמען ער זוכט, און דאָס, וואָס ער זוכט. אומעטום באגעגנט ער מענטשן, וואָס האָבן א סאך צו דערציילן און קענען דערציילן, און ער מייַדט גליקלעך אויס די געפאר פון איבערכאזערן זיך. יעדער פּערסאָנאזש מיט זייַן באזונדערן קאָלאָריט, יעדער ייִד מיט זייַן באזונדערער געשיכטע, יעדער שטעטל מיט זייַנע באזונדערע פארבן און רייכעס און — יעדער שטעטל מיט זייַן יאָרצייַט. און דער שרייַבער אליין... אף יעדער סטאנציע אין יעדער שטעטל איז ער דער, פאר וועמען מע נעמט אים אוף. אין איין אָרט — א פאָרשטייער פון אָבלסאָבעז, אין א צווייטן — א זאגאָטאָוויטעל, אין א דריטן — אזא, וואָס קלייַבט זיך ווערבירן אף ארבעט. קלאָר, אז פאר די קאזאטינער אייַזנבאנער איז ער ניט מער ווי א טראנזיטנער פּאסאזשיר, און אין קריזשאָפּאָל, ווו דאָס גאנצע שטעטל איז פארנומען מיט א כאסענע, איז ער א מעכוטן צווישן פיל אָנגעפאָרענע אומבאקאנטע מעכוטאָנים. דאָס ברענגט אָפּטמאָל צו פיל קאָמישע סיטואציעס, וועלכע דער שרייַבער נוצט גלענצנדיק אויס און וועלכע קענען נישט ניט ארויסרופן קיין שמייכל באם לייענער אפילע דאן, ווען עס גייט א רייד וועגן זייער ניט קיין פריילעכע זאכן.

דער לייענער וואָלט טאקע א סאך פארלוירן, ווען דער שרייַבער זאָל ניט געווען אריַינפאָרן קיין קריזשאָפּאָל און ניט ווייַזן אונדז גאָר אן אנדער שטעטל: א שטעטל, וואָס וואקסט און בליט, ווו ס׳האלטן אין איין צוקומען נייַע גאסן, נייַע אונטערנעמונגען און ווו מע טרוימט שוין וועגן א טראָלייבוס. א שטעטל פול מיט ייִדישער יוגנט, „ראבאָטשי ליוד“, בא וועלכער עס וואקסט דער אינטערעס צו ייִדישער קולטור, צו ייִדישער ליטעראטור, — סייַ בא די, וואָס לייענען און פארשטייען ייִדיש, און סייַ בא די, וואָס קענען דאָס ניט און זיי באפרידיקן דעם דאָזיקן אינטערעס אף אן אויסטערלישן אויפן: די ניט גרויסע שיטע „שעביקסאוויקעס“ מוז אָדער פארלייענען אָדער איבערדערציילן דער פיל גרעסערער שיטע „שעבאלפעניקעס“ אלץ, וועגן וואָס עס שרייַבט זיך אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“.

איך מוז דאָ צוגעבן, אז די דאָזיקע דערשייַנונג איז פארשפּרייט אין פיל שטעט און שטעטלעך. מייַנער א באקאנטער, שמועל קוזמינסקי פון זאפּאָראָזשיע, האָט איבערגעזעצט אף רוסיש פאר זייַן גרויסער מישפּאָכע צענדליקער קלענערע און גרעסערע ווערק, גאנצע ראָמאנען, וואָס זייַנען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד“, און אף זייַנע מאנוסקריפּטן איז שטענדיק א גרויסע ריי.

מערקווירדיק איז דאָס, וואָס דאָ אין קריזשאָפּאָל האָט קיינער ניט באהאנדלט מיטן שרייַבער די שטעטלפּראָבלעם, ניט געשטעלט קיין פראגן, ניט ארויסגעשטעלט קיין טייַנעס. פאר זיי האָט דאָס לעבן שוין געענטפערט אף די דאָזיקע פראגן. קריזשאָפּאָל איז געוואָרן א שטאָטיש שטעטל. גאָר א נייַער באגריף, וואָס האָט ווי צופעליק זיך ארויסגעכאפּט פון אונטער דעם שרייַבערס פען און וואָס האָט אזוי פּינקטלעך באשטימט די גליקלעכע טראנספאָרמאציע פון א ריי שטעטלעך. פּונקט ווי קראסנע, לעהייפּעך, האָט דער שרייַבער געקרוינט מיטן נאָמען דאָרפיש שטעטל.

האָט אין קריזשאָפּאָל דער שרייַבער געטראָפן אין סאמע ריכטן־געדיכטן פון א ייִדישער כאסענע, ווען יוינע דעם טאָקערס מיידל האָט כאסענע געהאט פאר א באָכער פון בעסאראביע. ס׳זייַנען פארבעטן געוואָרן בא צוויי הונדערט מעכוטאָנים. קלאָר, אז דעם שרייַבער האָבן אלע אויך אופגענומען ווי א מעכוטן פון בעסאראביע און אף יעדער שריט און טריט אים אָפּגעשטעקט א מאזלטאָוו. און מיר האָבן באקומען א מעגלעכקייַט באקאנען זיך מיט די

איצטיקע שטעטלשע כאסענעס, מיט די רייַכע סודעס, מיט די פארשיידענע טענץ און אויך מיט די „קאדרען“ פון דער קלעזמאָרים־קאפעלע, ווען דער אקאָרדעאָניסט איז א לערער פון פיזקולטור, דער פידלער — אן ארבעטער פון דער פוטער־פאבריק און דער פויקער — א שוסטער פון היגן פראָמקאָמבינאט.

און דאָס איז, אפּאָנעם, אויך ניט קיין אויסנאם — דאָס, וואָס דער זאגס געפינט זיך ניט ווייַט פונעם ברודערקייווער און צווינגט יעדערן בא דער גרעסטער סימכע דערמאָנען זיך אינעם גרויסן כורבן. און אין יעדער שטעטל איז דאָ אזא, ווי די מומע שיינדל, די איינציקע, וואָס איז געבליבן לעבן צווישן די טויזנטער אומגעבראכטע און וואָס טאנצט אויס איר באזונדערן כאסנעטאנץ אף יעדער נייַער כאסענע פאר אלע אומגעבראכטע כאָסן־קאלעס. און ניט נאָר אין קריזשאָפּאָל קען מען באגעגענען אזא, ווי די באָבע דוואָסיע, וועלכע איז קוים א לעבעדיקע ארויס פונעם פעטשערער לאגער, און שוין עטלעכע און צוואנציק יאָר, אז זי זיצט שיווע נאָך די דאָרטיקע קדושים.

איך בין זיכער, אז דער לייענער האָט אויך פארגעדענקט דעם קריזשאָפּאָלער געוועזענעם לערער, דעם 84־יאָריקן נאטאן דאווידאָוויטש שאדראָווסקי, וואָס האָט אלע יאָרן אונטעריכט מאטעמאטיק און אוקראַיִניש, נאָר ער זעט זייַנע כאלוימעס די גאנצע צייַט אף ייִדיש, און מיט זיך אליין, אף שטומלאָשן, רעדט ער אויך אף ייִדיש.

און אוואדע האָט דער שרייַבער ניט געטאָרט דורכלאָזן דאָס דאָרפישע שטעטל קראסנע. ווען דען וואָלטן מיר געקענט זיך דורכשפאצירן צופוס מיטן יאראָשענקער וואלד, אָנקוויקן זיך מיט די שיינקייַטן פונעם פריִען הארבסט, דערוועקן אין זיך די שטימונגען פונעם אָרטיקן זון־פארגאנג און באמערקן אין דעם ארום יעדער קלייניקייַט, אפילע די שטרויעלעך, וואָס א דורכפאָרנדיק פורל האָט צעשאָטן?

און דעריקער — קראסנע איז דאָך פארבונדן מיט אנסקיס דיבוק! אויך א געשיכטע, וואָס די קראסנער האָבן שוין עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אף זייער אייגענעם אויפן. נאָר קראסנע האָט איצט פיל פרישערע געשיכטעס. א געשיכטע פון א טיווראָווער כאָסן מיט א קראסנער קאלע. טיווראָוו איז געווען בא די רומענער, און קראסנע באם דייַטש. נאָר, ווי זאָגן עס די קראסנער: ליבע איז שטארקער פונעם טויט. איז דער כאָסן אריבער קיין קראסנע, און דאָ האָבן זיי געפראוועט זייער כאסנעלעווייַע. אוןביידע זייַנען אומגעקומען.

נאָר קיין קראסנע האָט דעם שרייַבער געפירט נאָך עפּעס. זייַן אויסגעבענקטער זיקאָרן האָט אים ארומגעפירט איבערן שטעטל און געצוווּנגען אים זיך דערמאָנען א סאך זאכן פון דער אייגענער יוגנט. צי ניט דאן, ווען ער האָט זיך ארומגעדרייט ארום אָרט, ווו ס׳איז געווען אמאָל דאָס אייַנפאָר־הויז און ווו צום טיש האָט דערלאנגט א מיידל מיט טיפע, טונקל־בלויע אויגן, איז אופגעקומען און ביסלעכווייַז רייַף געוואָרן זייַן פרעכטיקע דערציילונג „אפּן גליטש“?

פארשטייט זיך, ווען די דאָזיקע אָפּהאנדלונג זאָל שרייַבן א געניטער קריטיקער, וואָלט זיך עס באקומען בא אים פיל גלאטער. אן עמעסדיקער קריטיקער גיט נאָר א לויף דורך דאָס ווערק מיטן אויג, טוט, ווי מע זאָגט, א טאפּ אין וואָגן, טוט א וועג אָפּ, א מעסט אָפּ און קאָן שוין גלייַך זאָגן, מיט וואָס עס שמעקט. ווו האָט דער שרייַבער ניט דערזאלצן און ווו איבערגעזאלצן, ווו פעלט א ביסל פארב און ווו איז א ביסל צו געדיכטלעך. און ער פארמאָגט דערצו, דער קריטיקער, א רייַכן ווערטער־ און ווערטלעך־ארסענאל, פארשיידענע אָפּשאצונגס־קאטעגאָריעס מיט גרייטע עטיקעטקעלעך. צוגעקלעפּט און פארטיק. איך, דעם עמעס זאָגנדיק, בין ווייניק באהאוונט אין אזעלכע זאכן. אָט האָב איך געוואָלט אָנשרייַבן עפּעס ענלעכס אף א קריטיש ארטיקל, האָב איך זיך אָבער פארכאפּט און גאָר אָנגעהויבן איבערדערציילן די אלע געשיכטעס און אפּסנייַ איבערבאקאנען דעם לייענער מיט די פּערסאָנאזשן פונעם ווערק. נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אז זיי זייַנען מיר אליין געפעלן, סייַ די געשיכטעס און סייַ די פּערסאָנאזשן?

אינדערעמעסן קען מען דאָס דאָזיקע ווערק ניט מעסטן מיט געוויינלעכע מעסטעלעך. מיר דוכט, אז אונדזער אומגליק באשטייט אָפּטמאָל אין דעם, וואָס מיר גייען צו צו פארשיידענע ליטעראַרישע דערשייַנונגען און ווערק מיט איינער און דער זעלבער מאָס, מיט א מין שאבלאָן און בלייַבן אָפּט אין פארלעגנהייַט, אויב דאָס ווערק שטימט ניט מיט די אייַנגעשטעלטע קאנאָנען און סטאנדארטן. צום גליק, האָט דער לייענער די דאָזיקע זאכן ניט אין זינען און נעמט אוף דאָס ווערק אזא, ווי דאָס איז. און שמועל גאָרדאָנס „שטעטלעך“, וועלכע זייַנען באשיידן אָנגערופן „רייַזע־בילדער“, איז א ווערק פון א באזונדערן מין, און ס׳איז שטארק אריבערגעוואקסן די זשאנער־גרענעצן פונעם אונטערקעפּל. פאראן אין דעם ווערק איין גרויס געשטאלט, וואָס האָט ארייַנגענומען אין זיך א שלאל קאָלאָריטפולע פּערסאָנאזשן — יעדערער מיט זייַן ארט דענקען און רעדן, יעדערער מיט זייַן בראָך און מיט זייַנע האָפענונגען. דאָס איז אן אומפארגעסלעך געשטאלט פון דעם הייַנטצייַטיקן שטעטל אין זייַן פולער וואָרהאפטיקייַט, גאָרניט ניט צוגעפּוצט. אָט אזוי, ווי עס גייט און שטייט, מיט זייַנע כורוועס און נייַ־בויוּנגען, מיט זייַנע סימכעס און יאָרצייַטן, מיט זייַנע פילצאָליקע פּראָבלעמען, וואָס ווערן געלייזט אף א פארשיידענעם אויפן און מיט פארשיידענעם דערפאָלג, אָדער ווערן, צום באדויערן, נאָך ניט געלייזט. דערבייַ האָט דער שרייַבער דורכגעמאכט די ניט גרינגע נעסיִע בא עכטער שפּעררישער מאָביליזירונג פון זייַן ריִע און געהער, פון זייַן כוש און זיקאָרן, און דאָס האָט אים געגעבן א מעגלעכקייַט צו באמערקן זייער א סאך, צו הערן זייער א סאך און צו רעאליזירן דאָס אלץ אף א גלענצנדיקן אויפן. די „שטעטלעך“ האָבן אונטערגעזאמלט פאר דעם שרייַבער באזונדערע שפּראך־מיטלען, א באזונדערע בילדער־סיסטעם, און אלץ אינאיינעם האָט געשאפן איין גרויסע, קינסטלערישע פּאנאָראמע. הייַנט די שפּראך פון די פּערסאָנאזשן גופע. אזא זאפטיקן ייִדיש קאָן מען איצט הערן בלויז אין די שטעטלעך.

דער קריזשאָפּאָליער 84־יאָריקער לערער נאטאן דאווידאָוויטש שאדראָווסקי האָט, שמועסנדיק מיטן שרייַבער, געזאָגט:

— ווען איך בין א ביסל ייִנגער, וואָלט איך ארומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל און פארשריבן אף א מאגניטאָפאָן אלץ, וואָס מע דערציילט וועגן דער מילכאָמע.

שמועל גאָרדאָן האָט אין א גרויסער מאָס אויסגעפילט אָט די ארבעט. און דאָס איז איינע פון די גרעסטע אופטוען פון א שרייַבער — ברענגען דעם לייענער דאָס, וואָס טאָר ניט פארגעסן ווערן.

און איצט מוז איך פארפירן א פּאָלעמיק מיטן שרייַבער און מיט זייַנע מיטשמועסער ארום דער פּראָבלעם פונעם

10*

שטעטל. ס׳איז גרינג צו פארשטיין די שטעטלשע לײַט, וואָס זײַנען אַזוי פארליבט אין זייערע שטעטלעך און וואָס האַלטן, אַז קיין שענערס און קיין בעסערס איז אַף דער וועלט ניטאָ. ס׳איז צו פארשטיין זייער לײַדנשאַפטלעכן פארלאַנג און אַקשאָנעסדיקן גלויבן, אַז „מע וועט נאָך אַמאָל אופרופן דאָס שטעטל“, ווי אויך זייער אָפּטמאָל איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם. דער שרײַבער אַליין, וואָס זוכט אינײנעם מיט די שטעטלשע אײַנוווינער אַן ענטפער אַף די פראַגן וועגן דער צוקונפט פונעם שטעטל, מײַדט אָבער אויס אַ ריינעם און קלאָרן ענטפער, אַזאַ, וואָס איז פארבונדן מיט סטאַטיסטיק. דוכט זיך, אָט־אָט נעמט עמעצער ענטפערן אַף דער פראַגע, וויפל עס זײַנען געווען און וויפל עס זײַנען געבליבן מישפּאָכעס אין שטעטל, נאָר גלײַך דרייט זיך דער שרײַבער אויס מיט אַ „וואָס איז די נאַפקעמינע“. ער מײַדט אויס ציפערן, מעגלעך אויס מוירע, מע זאָל אים ניט באַשולדיקן אין ברעכן די קלאָלים פונעם זשאַנער. און ס׳איז בעפּיירעש אַ שאָד. סײַווי זײַנען די קלאָלים פונעם זשאַנער געבראָכן, און שטרענגע קריטיקער קאָנען האָבן ניט ווייניק טײַנעס פאר פיל ניט דערלויבטע גענג. איז מײַלע, אַן אַוויירע ווייניקער, אַן אַוויירע מערער — די זעלבע שטראָף.

מע דאַרף אָבער שטעלן בלויז איין פראַגע — וויפל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פאַמיליעס אין דעם אָדער יענעם שטעטל אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע און וויפל זײַנען פאַראַן איצט — מע זאָל קענען זען און דערפילן דעם גרויסן און קאָמפּליצירטן מיגראַציע־פּראָצעס, וואָס דאָס שטעטל האָט דורכגעמאַכט נאָך דער מילכאָמע. סיבעס זײַנען געווען פארשיידענע: פאַר אייניקע איז געווען אומדערטרעגלעך דאָס לעבן אין שכיינעס מיט די קוואָרים, ניט אַלע האָבן דאָ געקענט גלײַך געפינען, וווּהין צולייגן די האַנט, און פון דער יוגנט, וואָס איז אויסגעוואַקסן און אַוועק אין די טעכניקומען און הויכשולן, האָט זייער אַ קליינע צאָל זיך אומגעקערט אַף אַרבעט צוריק אין שטעטל. אין דעם באַשטייט דאָך דער טאָך פון אַלעקסאַנדער זעווינס אײַצע, אַז דאָס איצטיקע שטעטל דאַרף מען זוכן אין כמעלניצקי. זייער און זייער ריכטיק. מע דאַרף דאָס זוכן אויך אין קיִעוו און אין אָדעס, אין קעשענעוו און אין טשערנאָוויץ און אין פיל אַנדערע שטעט, וואָס האָבן אין די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן אַרײַנגענומען אין זיך הונדערטער און טויזנטער פאַמיליעס פון די שטעטלעך.

און ניט נאָר אין די שטעט פון אוקראַיִנע און בעסאַראַביע. מיסטאַמע האָט שמועל גאָרדאָן עפּעס געמיינט דערמיט, וואָס ער האָט אינמיטן וועג איבערגעלאָזט די שטעטלעך און פארפירט אונדז קיין טאָליאַטי, פּעטשאָרע און וואָרקוטאַ. מיר האָבן דאָרט אויך באַגעגנט ניט ווייניק פון אונדזערע שטעטלשע לאַנדסלײַט! און דעריקער — זיי זײַנען דאָרט אויך ניט אַבי ווער. אין פּעטשאָרע וועט איר זיך באַקאַנען מיטן נאַטשאַלניק פון וואָקזאַל לעוו באָריסאָוויטש ווײַנשטיין, מיטן מאַשיניסט פונעם לאָקאָמאָטיוו אַווראָם און מיט זײַן פרוי, דער לערערן מוסיע. די פּעטשאָרער ייִדן גיבוירים, פאַר וועמען אַ פערציקגראַדוסדיקער פראָסט איז אַ שפּילכל, שטאַמען פון די שטעטלעך. און ס׳האַלט אויך ניט ווײַט דערפון, אַז אַ כאַסענע, וואָס האָט געזאָלט געפּראַוועט ווערן אין שטעטל שאַרגאָראָד, זאָל געפּראַוועט ווערן אין טאָליאַטי. ראַפאַיִל סימכאָוויטש מיט זײַן קומענדיקן איידעם שמילעקן זײַנען שוין דאָ, וועט שוין די קאַלע, פירע, אויך קומען אַהער. טאָליאַטי איז אַ שטאָט, וואָס ווערט ערשט געבוירן אינײנעם מיטן

אַוטאָמאָביל־זאַוואָד. אַ נײַע שטאָט, מיט איר באַזונדערן שטייגער און זיטן, וועלכע דער שרײַבער האָט אַזוי טרעפלעך אופגעכאַפּט.

וועט שוין די כאַסענע אויך געפּראַוועט ווערן אַף אַ נײַעם אופן, זי וועט זיך מיט פיל שטריכן אונטערשיידן פון די שטעטלשע כאַסענעס.

אָבער די פּאָלעמיק מײַנע האָט מערער אַ שײַכעס צו דער פּובליציסטיש־געזעלשאַפטלעכער זײַט פונעם ווערק, צו זײַן דערקענטעניש־ווערט, וואָס איז ניט ווייניקער וויכטיק און וואָס גיט צו שמועל גאָרדאָנס „שטעטלעך“ אַ באַזונדערן באַדײַט. איך מיין, אַז סײַ איצט און סײַ שפּעטער וועט ניט איין לייענער פּרוּוון לויט דעם ווערק שאַפן פאַר זיך אַ בילד פונעם שטעטל פון די זעכציקער יאָרן. האָט זיך געוואָלט, אַז די דאָזיקע זײַט זאָל באַלויכטן ווערן וואָס ברייטער.

די זאַך איז ניט אין דעם, אַף וויפל דאַרף דאָס ייִדישע שטעטל פארהיטן אין זיך די שטריכן פונעם אַמאָל, און אַף וויפל באַקומען נײַע שטריכן, צי איז דעם שטעטל באַשערט נאָך פיל יאָרן, צי וועט עס איבערגעאַנדערשט ווערן, און צי דאַרפן מיר באַדויערן עס. דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער שווּנג פון אונדזער לאַנד האָט געבראַכט ניט בלויז צו אַ גרויסער הורבאַניזאַציע פון אונדזער באַפעלקערונג, נאָר אויך צו קאָלאָסאַלע געאָגראַפישע ענדערונגען. צענדליקער נײַע שטעט זײַנען אופגעקומען, און פיל שטעט און דערפער זײַנען געבליבן אָפּן דנאָ פון די געשאַפענע יאַמען. צי האָט מען געקענט וואַרטן, אַז דאָס שטעטל זאָל בלײַבן ניט גערירט? די זאַך איז אין דעם, אַז אָט דער פּראָצעס, וואָס וועט נאָך לאַנג דויערן, אַ פּראָצעס, וואָס טראָגט אין זיך פיל שוועריקײַטן און ניט ווייניק דראַמאַטישע קאָליזיעס, — ער זאָל ניט בלײַבן אויסער דער אופמערקזאַמקײַט פונעם ייִדישן שרײַבער און פּובליציסט; אַז עס זאָלן דערשריבן ווערן די לײדיק געבליבענע זײַטלעך פונעם ייִדישן שטעטל. און אין דער הינזיכט האָט שמועל גאָרדאָן באַוויזן אַ וויכטיקן בײַשפּיל.

יאָ, מיר שטאַמען אַלע פון די שטעטלעך. דער טכום איז אין מעשעך פון פיל יאָרהונדערטן געווען דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער צענטער, ווי אויך דאָס אָרט פון נאַציִאָנאַלער און סאָציִאַלער אונטערדריקונג, פון די לײַדן און פּלאָגן פון מיליאָנען ייִדן. און ס׳איז קיין ווונדער ניט, וואָס מיר קענען ביז איצט זיך ניט באַפרײַען פונעם אומעט, פון דער בענקשאַפט צו די געסלעך, אַף וועלכע מיר זײַנען אויסגעוואַקסן.

איז לאָמיר אינײנעם מיטן שרײַבער דורכמאַכן נאָך איין רײַזע, קיין וואָראָנקע־קאַסרילעווקע. די דאָזיקע יאַזדע האָט ווייניקער צו טאָן מיט דער שטעטל־פּראָבלעם, כאָטש זי ווערט דאָ אויך באַרירט. די באַזונדערקײַט פון דעם קאַפּיטל באַשטייט אין דעם, וואָס דער שרײַבער האָט געפּרוּווט מאַכן אַ נעסיִע ניט אין דער איצטיקער וואָראָנקע, נאָר אין דער אַמאָליקער וואָראָנקע־קאַסרילעווקע פון שאָלעם־אַלייכעמס צײַטן און באַגעגענען זיך מיט נאָכעם און פּיניע וועוויקס, מיט מײַער דעם ראָוו און עליע דעם כאַזן און אויך מיט שאָלעם נאָכעם וועוויקס. פאַר יענע צײַטן האָט שאָלעם־אַלייכעמס „פונעם יאַריד“ געקענט דינען אַלס זייער אַ נוצלעכער וועגווײַזער. שמועל גאָרדאָן האָט אָבער געפּרוּווט באַנוצן זיך מיט דעם ווערק אַלס וועגווײַזער אין דער איצטיקער וואָראָנקע. זײַנען געווען אומפאַרמײַדלעך פאַרשיידענע מיספאַרשטײיענישן, בלאָנדזשענישן און אַנטוישונגען. ווײַל — לוי זע האַדערעך, וועלוי זע האָיִר. ניט די וואָראָנקע און ניט די געסלעך, ניט די הײַזער, ניט

דער יאָר און ניט דער בארג. ניט די כמארעס און ניט דער וועג. עפּשער בלויז דער שטויב אַף די היגע וועגן, שטויב, וואָס דערמאָנט אין אש.

לייענסטו איבער וועגן אש, שטויסטו זיך שוין אָן, וואָס דער שרײַבער האָט געמיינט מיט דעם אַלעמען. און עס נעמט דיך דורך אַן אומעט, א בענקעניש נאָך דעם, וואָס איז אוועק און וועט זיך שוין ניט אומקערן. אָט אזוי זוכן מיר די אמאָליקע וואָראָנקע און געפינען... א פּרעכטיק קאַפּיטל לירישע פּראָזע, באהויכט מיט עמעסדיקער פּאָעזיע, מיט יענער טיפער נעשאָמעדיקײַט, וואָס גיט איבער דעם אינערלעכן פלאטער און אופגערעגטקײַט פונעם שרײַבער און וואָס קען נישט ניט רעגן יעדן לייענער. זוכט ער, דער שרײַבער, יענעם בארג, וואָס דערגרייכט ביז די כמארעס, אַף וועלכן דער יונגער שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך אָנגעהערט אזויפיל שיינע מײַסעלעך פון זײַן כאַווער דעם יאָסעם שמוליק און ווי זיי האָבן זיך געקליבן אויסזוכן די אויצרעס, וואָס נאָך כמעלניצקי האָט דאָ פארגראָבן.

— ווּהין זשע איז אהינגעקומען דער בארג? — פרעגט דער שרײַבער בא זײַנע נײַע באקאנטע.

— מע האָט אים שוין לאַנג אראָפּגעטראָגן.

— פארוואָס האָט מען אים אראָפּגעטראָגן?

— מע האָט דאָרט געזוכט אַן אויצער.

איז אוואדע א פארדראָס, וואָס ס'איז פארשוווּנדן געוואָרן דער בארג, וועלכער האָט געטראָגן אין זיך אזויפיל מײַסעלעך און קינדערשע טרוימען. און אומזיסט האָט מען אים אראָפּגעטראָגן, קיין אויצרעס זײַנען דאָרט ניט געווען. דערפאר אָבער האָט דער שרײַבער געגראָבן ניט אומזיסט. ער האָט געזוכט און געפונען אין די שטעטלעך ניט וויייניק ליטעראַרישע אויצרעס. אויצרעס פון פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שטייגער, אויצרעס פון קאָלאָריטפולע פערסאָנאזשן און אויצרעס פון פאָלקס־שפּראַך, פון עכטן ייִדיש.

■

געוויס קאָן מען געפינען אַן אנדער שליסל אַף באטראכטן די דערציילונג „אפן גליטש". נאָר מיר האָבן נאָרוואָס געענדיקט די רײַזע איבער די שטעטלעך און ערשט ניט לאַנג ארומשפּאצירט אינעם דאָרפישן שטעטלע קראסנע ארום דעם אָרט, ווּ ס'איז געווען דאָס אײַנפאָר־הויז, שטויסן מיר זיך שוין אָן, פונוואנען עס שטאמט די שטעטלשע שולאמיס — דינע ראָסנער, וואָס דערמאָנט אזוי דעם סטודענט צאַליע שליפּער אין קראמסקאָיס „אומבאקאנטער".

שמועל גאָרדאָנס דערציילונג „אפן גליטש" פירט אונדז ארײַן אין דער אטמאָספער פונעם שטעטל פון די צוואנציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער שטורמישער פּראָצעס פון סאָציִאַלער איבערגעשטאלטונג פון די שטעטלשע מאסן, ווען די יוגנט האָט זיך געצויגן אין קלוב ארײַן אַף פארזאמלונגען און לעקציעס, ווען יעדערער האָט געמוזט אויספּרוּוון זײַנע מוזיקאַלע פייִקײַטן אַף דער רעקווירירטער פּיאנינע, און ווען, ווי דער גלאוונער אקטיוויסט פון שטעטל, דער פארוואלטער פון קלוב ליפּע סעגאל, האָט געזאָגט, עס זײַנען נאָך געווען אפילע אזעלכע קאָמיוגיסטן, וואָס האָבן שפּאצירט מיט „לישענקעס". אזא שרעקלעכער כעט!

איז אָט, ווען דאָס שטעטל מיט אַלע זײַנע מענטשן זײַנען געווען אפן שיידוועג, איז אראָפּגעקומען אין שטעטל אַף זײַן כוידעשלעכער פּראקטיק דער לענינגראדער סטודענט צאַליע שליפּער, א שטאָטישער באָכער, וואָס האָט ביז דאַן קיין שטעטל אין די אויגן ניט געזען, און אַלץ האָט אים גלײַך פארכאפּט און פארקישעפט: די שטילע שטעטלשע אָוונטן, די יוגנט, וואָס גייט פאָרלעכווײַז יעדן פארנאכט שפּאצירן דורכן בריקל צום ניט גרויסן וועלדל, די אַלע שיינע שטעטלשע קאַלעס, און מערער פון אַלע — דינע, די שענסטע פון אַלע, דאָס שלאנקע און וווּקסיקע מיידל מיט די גרויסע, טונקל־גרויע אויגן.

מיר ווייסן נאָך גאָרניט וועגן די העלדן, מיר ווייסן ניט, וואָס וועט מיט זיי געשען, וואָס שטייט זיי פאָר איבערלעבן און איבערלײַדן, ווער וועט ארויסרופן אונדזער סימפּאטיע און ווער — א ווידערגעפיל, נאָר מיר זײַנען פול מיט דאנקבארקײַט דעם שרײַבער, וואָס האָט אונדז געגעבן א מעגלעכקײַט זיך אײַנטונקען אַף א ווײַלע אין אונדזערע אמאָליקע שטעטלשע פארנאכטן, דורכשפּצירן, יעדערער דורך זײַן אייגענעם בריקל, אין זײַן אייגן וועלדל, דערפילן די טאמען און רייכעס פון יענע אומפארגעסלעכע, אַף שטענדיק אוועקגעפלויגענע צײַטן, פון די צײַטן פון זײַן יוגנט, פון זײַן ערשטער ליבע.

דערנאָך ערשט... דערנאָך וועט אונדז באהערשן אַן אומרו. ווײַל יעדער שטעטל האָט געהאט אזעלכע, ווי ליפּע, מיט זייער איבערגעטריבענער וואכזאמקײַט; זיי האָבן אַף יעדער שריט און טריט געהאלטן אין איין דערווײַזן, אז אין ליבע גייט א קלאסנקאמף. עפּשער איז דאָס טאקע עמעס, נאָר מיר ווייסן אויך, אז גראָד אזעלכע פארשוינען האָבן ניט וויייניק צאָרעס אָנגעטאָן. ליפּע איז בייז געוואָרן אַף דינען, וואָס זי האָט ניט געענטפערט אַף זײַנע געפילן, און ער האָט אָנגעשריבן א מעלדונג אַף דינעס עלטערן און דערשלאָגן זיך, מע זאָל בא זיי צונעמען די שטימרעכט, מאכן זיי פאר לישענצעס. ער האָט אפילע רעקווירירט בא זיי די פּיִאנינע פארן קלוב. ס'האָט געדארפט דורכגיין א יאָר, ביז ס'איז אַלץ אויסגעקלאָרט געוואָרן און מע האָט דעם פעלער פאריכט. נאָר געשען איז דאָס גראָד אין דעם יאָר, ווען דינע האָט פארענדיקט די שול און געקליבן זיך אָנקומען אין א הויכשול. האָט זי שוין געמוזט בלײַבן אין דער היים.

אין דינען פארליבט זיך דער לענינגראדער סטודענט צאַליע שליפּער. ליפּעס וואָרענונגען וועגן דעם, אז ליבע איז קלאסנקאמף, צווינגען אים ניט איין מאָל שטיקן זײַנע געפילן, דורכקאָנטראָלירן זײַן אייגענעם באוווּסטזײַן אַף דערווײַזן און איבערצײַגן זיך אַליין, אז ער קאָן זיך אומקערן קיין לענינגראד מיט א ריינעם קאָמיוגישן געוויסן, ווײַל דינע איז דאָס מיידל, וואָס האָט אים טאקע פארקישעפט, און ניט פארפירט.

איך געדענק שוין ניט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אזעלכע רעגעוודיקע בילדער פון אַן עכט שטעטלשן ראָמאַן, אין בעסטן זינען פון וואָרט, צו באגעגענען זיך מיט אזעלכע שטאָלצע שטעטלשע מיידלעך און מיט זייערע שטאָלצע מאמעס, ווי אויך איבערלעבן און מיטפילן דעם גרימצאָרן פון די דאָזיקע שטאָלצע שיינהײַטן, ווען עס ווערט אָנגערירט זייער קאָווער, ווען עס דוכט זיך זיי, אז עס זײַנען אין וועלכער־ניט־איז מאָס פארשוועכט געוואָרן זייערע סאמע הייליקסטע געפילן.

און ס'גיט עפּעס א קלעם באם הארצן, ווען דו לייענסט דאָס קאַפּיטעלע וועגן דער ערשטער נאכט פונעם פארליבטן פאָרל, צאַליען און דינען, און שפּירסט נאָך נאָך דער עכטער צניִעסדיקײַט, וואָס זיי ווײַזן בײדע ארויס אין די מינוטן, וואָס וועלן זיך געוויס קיינמאָל ניט איבערכאזערן. אַלע ווײַזן ארויס די גרעסטע געצוימטקײַט: דער

שרײַבער אין זײַן מאָלן און די העלדן אין אויסדריקן זייערע געפילן.

אָט אזעלכע זײַנען זיי געווען, די שטרענגע שטעטלשע זיטן, אונטער וועלכע עס האָבן געברויזט לײַדנשאפטן. און מיסטאמע האָבן זיי ניט אויסגעמיטן אויך דעם שרײַבער, וואָס האָט געקענט מיט אזא פרישקײַט, וואָרהאפטיקײַט און הייסן גלי, צום סאָף פון די זעכציקער יאָרן אופלעבן די ליבעס פון די צוואנציקער יאָרן. דערבײַ האָט דער שרײַבער אָנגעמאָלט א היפּשע גאלעריי פולבלוטיקע געשטאלטן, וואָס טראָגן אין זיך די שטריכן פון יענער צײַט, די סאָציִאלע ניט־אײַנגעאָרדנטקײַט פון יענעם דאָר, זײַנע טרוימען און זוכענישן פון נײַע וועגן, דאָס, וואָס צווישן פיל אנדערע האָט געזוכט און געדארפט געפינען פאר זיך אויך דינע אין איר נײַער שטאָט, אין איר נײַער סוויווע, אין דער נײַער צײַט.

דער אווטאָר האָט ניט געשטעלט פאר זיך קיין ציל שאפן אין דער דאָזיקער דערציילונג א ברייטע פּאנאָראמע פון די סאָציִאלע ענדערונגען פונעם שטעטל אין די צוואנציקער יאָרן. נאָר אין דעם, וואָס יויעל באלעגאָלע און שיינדל די אופראמערן זײַנען אינגיכן אריבערגעפאָרן אף ערד און דינע איז אריבערגעפאָרן אין שטאָט, איז צו מערקן דעם פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די שטעטלעך אין יענע יאָרן.

ס'איז אוודע א שאָד, וואָס מיר האָבן געהאט די מעגלעכקײַט איבערלייענען בלויז דעם ערשטן טייל פון דער דערציילונג און די געשעענישן פון דעם צווייטן טייל זײַנען אונדז דערווײַל אומבאוווּסט. דערפאר נעמען מיר אוף דעם עפּילאָג ווי די סאמע פארדריסלעכסטע מיספארשטייעניש, וועלכע עס רופט בא אונדז שטענדיק ארויס דער טויט.

באזונדערס דער טויט פון אזא דינען. ס'בלײַבט פארן לייענער די איינציקע טרייסט: אז אין דער בוך־פאָרם וועלן מיר באקומען די דערציילונג אין דער פולער גאנצקײַט, און דינע, וואָס איז אונדז אלעמען געוואָרן אײַנגעבאקן אין הארצן, וועט לעבן פאר אונדז פיל לענגער.

לויטן ערשטן שפּאציר איבערן באלשעמס געסל אין מעדזשיבאָזש אין דער באגלייטונג פון דעם היגן עקסקורסאָוואָד טאניע פאסמאניק איז געווען צו זען, אז דער שרײַבער וועט זיך מוזן ווידער אומקערן אהער. און אָט זײַנען מיר ווידער אין „באלשעמס געסל".

אז מע נעמט לייענען די דאָזיקע פּיעסע גלײַך נאָך די „שטעטלעך", דערמאָנט מען זיך אין א סאך לעבעדיקע פּראָטאָטיפּן פון די העלדן פון דער פּיעסע. אין כעווערן דערקענט איר גלײַך טאניע פאסמאניק, די באָבע איטע מיט איר אייניקל דאָוויד, וואָס לערנט זיך מוזיק, זײַנען טאקע די זעלבע, מיט וועמען מיר האָבן זיך באקאנט אין פּאָגרעבישטשע, און אזא 82־יאָריקן שנײַדער הילעל, וועמענס פרוי שיפרע איז צוויי מאָל ייִנגער פון אים, האָבן מיר געזען אין א סאך שטעטלעך. אלע העלדן האָט דער שרײַבער ארײַנגענומען אין דער פּיעסע גלײַך פון דער גאס, פון די פּריזבעס און גאנעקלעך, פון די גערטענער און ווארשטאטן, פון די פרישע זאמעסן, אזוי ווי זיי גייען און שטייען, אָפּטמאָל ביז די קני אין ליים.

די פּיעסע האָט אוודע פארדינט, עס זאָלן ברייטער באטראכט ווערן אלע אירע קאָמפּאָנענטן. די קאָלאָריטפולע געשטאלטן־גאלעריי, די גלענצנדיקע בילדער און זשאנרעווע סצענעס, אין וועלכע ס'איז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן און דער שטייגער פונעם הײַנטצײַטיקן שטעטל, און באזונדערס די שפּראך פון די העלדן, די רײַכע, אפאָריסטישע שפּראך, פול מיט פאָלקס־כאָכמע און פאָלקס־הומאָר. איך וויל דאָ באריִרן בלויז די גרונט־געשעענישן פון דער פּיעסע, די עכט דראמאטישע געשעענישן, דורך וועלכע עס ווערן אנטפּלעקט די כאראקטערס פון באזונדערע געשטאלטן, בייס זיי קומט אויס בײַקומען די שווערסטע אויספּרוּוון און לייזן ווײַט ניט קיין גרינגע מאָראליש־זיטלעכע פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן האָט פאר זיי געשטעלט.

אין צוואנציק יאָר ארום, נאָכן אָפּקומען די פארדינטע שטראָף קערט זיך אום קיין מעדזשיבאָזש דער פּאָליצײַ און הענקער אלעקסיי, וועלכער האָט אינײנעם מיט די דײַטשישע מערדער אומגעבראכט די שטעטלשע ייִדן. דאָס קומט פאָר גראָד אין די טעג, ווען דער אלטער שנײַדער הילעל גרייט זיך פּראווען די כאסענע פון זײַן בעניאָכיד ליבער, וועמען ער מיט זײַן צווייטער פרוי שיפרע האָבן אויסגעכאָוועט נאָך דעם, ווי זיי זײַנען געבליבן די איינציקע, וואָס האָבן זיך געראטעוועט פון אומקום. און הילעל האָט זײַן באזונדערן כעזשבן מיט אלעקסייען. די דײַטשן האָבן אים געלאָזט לעבן, ווײַל זיי האָבן געדארפט האָבן א שנײַדער, אים האָט זיך אויך אײַנגעגעבן באהאלטן אין קעלער זײַן אייניקל יעכילקע. נאָר אלעקסיי געפינט עס און פירט עס אוועק צום טויט.

דאָס גאנצע שטעטל איז אופגערודערט פון דער יעדיִע, אז אליאָשע האָט זיך באוויזן, און מע ווייסט ניט, וויאַזוי אויסבאהאלטן דאָס פון הילעלן. נאָר הילעל דערוויסט זיך סײַווי דערפון און לאָזט זיך אוועק אף א שמועס מיט אליאָשען.

מיר האָבן א מעגלעכקײַט אין דער פולער מאָס זיך באקענען מיט דער פּרעכקײַט פון א הענקער, ווען נאָך דעם, ווי פארן לייענער און פארן צושויער גייען דורך די שוידערלעכע בילדער פון אליאָשעס מערדערײַען, שרײַט ער אויס:

— איך האָב פאר אלץ באצאָלט, מע האָט בא מיר פאר אלץ אופגעמאָנט, איך בין קיינעם גאָרנישט ניט שולדיק!..

און הילעל, דער איינציקער, וואָס איז געבליבן לעבן, ענטפערט אים אָפּ פאר אלע קדושים:

— ס'איז דען פאראן א שטראָף, מיט וועלכער מע קען אויסקויפן די זינד פאר ארויסרײַסן פון די הענט אן אומשולדיק אייפעלע, פאר נאָכיאָגן זיך נאָך א קינד, וואָס איז ארויסגעקראָכן פון גרוב, פאר פּײַניקן און אומברענגען אומשולדיקע מענטשן?

מערדער און הענקער האָבן מיר באגעגנט א סאך אין דער נאָכמילכאָמעדיקער ליטעראטור, דער שוידער פון די פאשיסטישע מערדערײַען איז אויך באשריבן ניט ווייניק, דערפאר ציט באזונדערס צו אונדזער אופמערקזאמקײַט דער פּאָשעטער שנײַדער הילעל. פון די ערשטע סצענעס וואקסט אויס פאר אונדז א איִעוו־געשטאלט, וואָס וואגט ארויסרופן אף א דינטוירע גאָט אליין. ער, דער אלטער שנײַדער, נעמט אף זיך דאָס רעכט מישפּעטן די מערדער, און בא אלעקסייען אין שטוב ווארפט ער אים ארײַן אין כיירעם און פארשעלט אים מיט אלע מענטשלעכע קלאָלעס.

— זאָלסט בעטן אף זיך דעם טויט, און דער טויט זאָל ניט קומען, — פארענדיקט הילעל. — פוסטריט זאָל דיר נאָכגיין מײַן קלאָלע.

— און מײַן קלאָלע! — שרײַט אויס אליאָשעס שוועסטער נאטאליע.

קינסטלער מענדל גאָרשמאַן

טעוויע און לייזער-וואָלף

[redacted]

א מיידעלע — א ציגײַנערטע

כאווערטעס

א סטודענטקע

עטיוד



טעוויע און מענאכעם-מענדל

שאָלעם-אַלייכעם און טעוויע

דארף דאָ דערמאָנט ווערן אויך נאטאליע, וואָס איז פונקט דער הייפעך פון איר ברודער, נאטאליע, וועלכע האָט איניינעם מיט אירע אוקראַיִנישע שכיינים ריזיקירט מיטן לעבן אף אָפּראטעווען א ייִדן. נאטאליע פארשעלט איר ברודער דעם הענקער און פארלאָזט די שטוב, איבער וועלכער עס הענגט די קלאָלע פונעם פאָלק.

נאָר אפן אלטן הילעלן ווארט א פיל גרעסערער אויספרווו. טאקע דורך אליאָשען ווערט באוווסט, אז זײַן לענינגראדער מעכוטן, דער פאָטער פון זײַן קומענדיקער שנור, מאטעש, איז געווען נאטשאלניק פון דער ייִדישער פּאָליציי אין געטאָ און האָט מיטגעהאָלפן אומברענגען א סאך ייִדן. די פאשיסטן האָבן דערנאָך אומגעבראכט אויך די ייִדישע פּאָליציי, נאָר מאטעש אליין האָט זיך געראטעוועט.

און דאָס ברענגט אלע שטעטלשע ייִדן אפן בעסוילעם, טאקע צום באלשעמס קייווער און צו די קוואָרים פון די קדוישים, און מיר ווערן צושויער פון א געשעעניש, וואָס לאָזט זיך ניט פארגעסן. אויסערלעך איז אלץ אײַנגעוויקלט אין רעליגיִעזע מינהאָגים און אטריבוטן: אָנגעצונדענע ליכט, א געעפנטער סייפער, א קאדעש נאָך די אומגעקומענע. נאָר בא די אָנגעצונדענע ליכט, אן אָנגעטאָנענעם אין א טאלעס, דערזעען מיר פאר זיך גאָר א נײַעם הילעלן, א העלד, וואָס וואקסט אף א סאך אריבער דאָס איִעוו־געשטאלט.

ס'איז אוואדע א דרייסטקײַט פונעם אווטאָר געבן הילעלן אין די הענט אָנשטאָט אן אנדער סייפער דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, וואָס ליגט בא אים פון אויבן אף אלע ספאָרים. און אָנשטאָט דעם אלטן קאדעש זאָל דאָ, ארום די קוואָרים פון די קדוישים, א קלונג טאָן גאָר אן אנדערער, א נײַער — ארן ווערגעליסעס „גוואלד“. אָבער די דאָזיקע דרייסטקײַט האָט א גרונט. די פאשיסטישע גרוילן האָבן ארויסגערופן א סאך נײַע האגאָדעס, נײַע קאדיישים — און נײַע ייִזקערס. און זיי וועלן געוויס ניט איין מאָל געזאָגט און געזונגען ווערן אין אלע עקן פון דער וועלט. לייענט פאָר דער אלטער הילעל, און אלע זאָגן אים נאָך:

וואלד, וואלד, וואלד,
גוואלד, גוואלד,
א וואלד פון שטיינער אף מענטשנס ביינער...

יאָ, דער נײַער הילעל טראָגט אין זיך שוין פיל מערער. ער טראָגט אין זיך דאָס געוויסן פון זײַן פאָלק, זײַן בראָך און זײַן וויטעק, זײַן גערעכטיקײַט און זײַן צאָרן און זײַן פשאָרעסלאָזיקן מידאס־האדין צו אלע מערדער און הענקער, וועמענס הענט זײַנען פארשמירט מיט אומשולדיק בלוט. און דאָס אלץ האָט שוין צו טאָן ניט מיט גאָט, נאָר מיטן מענטשן. און אין דעם באשטייט דער טאָך פון הילעלס דיִאלאָג מיט מאטעשן, וועמען ער האָט געבראכט אהער, אפן בעסוילעם, אף מישפּעטן אים אין נאָמען פון אלע לעבעדיקע און טויטע.

— און ער, פרעג איך, דער מענטש, איז וואָס? — ענטפערט ער מאטעשן, וואָס וויל דערווײַזן, אז דער מענטש איז ניט בא זיך אין די הענט. — ריין פון אלעם? ער, דער צעלעם עלויקים, דער מענטש איז גאָרניט ניט שולדיק? א צאדיק איז ער? א צאדיק?! ער פילט בלויז אויס דעם ווילן פון זײַן באשעפער? אויב אזוי, איז קוילע, הארגע, שעכט, שענד, ווארף קינדער אין די ברונעמס, פארגעס נאָר דערבײַ ניט זאָגן אדוישעם נאָסן וועאדוישעם לאָקאך און טרייסטן די לעבעדיקע מיט צאָראס ראבים!..

הילעל, דער נעכטיקער מעדזשיבאָזשער כאָסיד, האָט שוין מער קיין טײַנעס ניט צו גאָט, און ניט אים רופט ער אף א דינטוירע. ער הייבט אוף און שטעלט אוועק די פּראָבלעם פונעם מענטשן און זײַן פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר זײַנע טאטן, פאר די גרויליקע פארברעכנס פונעם פאשיזם. און דאָס גיט רעכט הילעלן אין נאָמען פון זײַן פאָלק מישפּעטן און ארײַנוווארפן אין כיירעם די מענטשןמערדער אלעקסייען און מאטעשן, אומאָפּהענגיק פון זייער נאציִאָנאלער אָנגעהעריקײַט. כאָטש פאָרמעל זײַנען זיי די שטראָף שוין אָפּגעקומען. טאקע דערפאר, ווײַל אזעלכע פארברעכנס קענען ניט און טאָרן ניט פארגעבן ווערן.

מעגלעך, אז דער אלטער הילעל איז געווען צו שטרענג, ווען ער האָט געפּרוּווט צעשטערן די כאסענע פון זײַן זון מיט דער טאָכטער פון א מערדער. כאָטש די קאלע, מאטעשעס טאָכטער, עסטער, ווען זי האָט דערזען דעם טאטנס עמעסדיקן פּארצעף, פארשעלט אים אויך. ס'איז אָבער גרינג פארשטיין הילעלס פארביטערט האַרץ.

א שאָד, וואָס אונדזער קריטיק האָט אף א מער ברייטערן, מער פאכמענערישן אויפן ניט באטראכט די אלע פסיכאָלאָגישע און מאָראליש־זיטלעכע אספּעקטן פון דער פּיעסע „דעם באלשעמס געסל“.

איצט וואָלט מען שוין געדארפט מאכן א סאכאקל פון דעם, וואָס שמועל גאָרדאָן האָט מיטגעבראכט אין אונדזער ליטעראטור מיט זײַנע „שטעטלעך“ און „געסלעך“. נאָר דאָס וועט שוין טאָן דער לייענער אליין. אף אים מעגן מיר זיך פארלאָזן.

וולאַדימיר אַגניִעוו

דער זיקאָרן פון קריג

ס'איז געווען מיט זעקס און צוואַנציק יאָר צוריק. אַ פײַכטע פרילינגדיקע נאַכט. מיך האָט אופגעוועקט פון שלאָף אַ שיסערײַ און אַ געפילדער. איך האָב ניט גלײַך פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר, ווײַל געפונען האָב איך זיך דעמלט אין טיפן הינטערלאַנד, אין אַן אָפיצערישן רעזערוו־פאָלק.

מיר האָט זיך פאַרגעדענקט דאָס פאַנאַנדערגעעפנטע פענצטער, די שנירלעך טראַסירנדיקע קוילן, וואָס פליִען צום הימל, דער מאַיאָר, וואָס שיסט דורך דעם אָפענעם פענצטער, זײַן אומנאַטירלעך געשריי, פון וועלכן זײַן פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט אַף אַ זײַט... הוראַ! הוראַ! — האָט זיך געטראָגן פון אַלע זײַטן. ערשט שפּעטער אַ ביסל איז דערגאַנגען צו מײַן באַוווּסטזײַן: ניצאָכן!..

דערנאָך בין איך געווען אַפן רויטן פּלאַץ און געזען, ווי לעבן דעם מאַוזאָליי וואַקסט אויס אַ באַרג מיט דײַטשישע פאָנען פונעם באַזיגטן דריטן רײַך.

דערנאָך בין איך געווען צוגאַסט בא דער מוטער פון מײַנעם אַן אומגעקומענעם פרײַנט. מיר זײַנען געזעסן, און איך האָב זיך געסטאַרעט אויסמײַדן איר בליק, אין וועלכן, ווי מיר האָט זיך געדוכט, ס'איז פאַרבאָרגן אַ פאָרוווּרף, און זי, פאַרקערט, האָט אַלץ מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, ווי זי וואָלט וואַרטן, איך זאָל אָפּלייקענען דאָס, וואָס ס'האָט אין דער ווירקלעכקײַט געטראָפן.

דערנאָך בין איך געווען אין מײַן היימשטאָט, געשטאַנען לעבן די רויִנעס פון דער שטוב, וווּ כ'האָב פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן. אַ ווינט האָט אַרײַנגעבלאָזן אין די בלינדע לעכער פון די פענצטער.

און אָט רײַס איך איצט אָפּ דאָס בלעטל פונעם קאַלענדאַר און פרעג בא זיך: האָט דאָס טאַקע פּאַסירט מיט מיר? זײַנען טאַקע זינט דעמלט אַוועק אַזויפיל יאָרן?

אונדזער ליטעראַטור שרײַבט נאָך ביז איצט וועגן דער מילכאָמע. וועגן דער מילכאָמע שרײַבן אַפילע אויך אַזעלכע, וואָס זײַנען דעמלט נאָך געווען קליינינקע. יאָ, זיי פאַרמאָגן אויך אַ געוויסע דערפאַרונג. אין זייערע קינדערישע שוואַרצאַפּלען איז פאַרבליבן די אָפּשפּיגלונג פון רויִנעס, צעשיידונג. דער זיקאָרן לעבט אין אונדז.

איך דערמאָן זיך די ווערק וועגן דעם קריג, וועלכע זײַנען דערשינען אין די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן. וויקטאָר נעקראַסאָווס דערציילונג „אין די אָקאָפּן פון סטאַלינגראַד" האָט מיך איבעראַשט מיט דער וואָרהאַפטיקער, פּינקטלעכער און דעטאַלער שילדערונג פונעם סאָלדאַטישן לעבנשטייגער (איך האָב אויך פאַרזוכט סטאַלינגראַד). דאָס געשילדערטע האָט זיך איבערגערופן מיט מײַן אייגענער דערפאַרונג.

עמאַנויִל קאַזאַקעוויטשעס ראָמאַנטישע דערציילונגען „דער שטערן", „דאָס האַרץ פון אַ פרײַנט" זײַנען געווען באַהויכט מיט פּאָעזיע פון אַ גרויסער עמאָציִאָנעלער קראַפט און האָבן אַרויסגערופן דאָס געפיל, וואָס דער מענטש האָט, ווען ער קוקט, ווי עס ציטערט דאָס פלעמעלע פון אַ ליכט...

איך דערמאָן זיך וואַסילי גראָסמאַנס ראָמאַן „פאַר דער גערעכטער זאַך" — **אַ בוך פון גאָר אַ גרויסן** פּלאַן, פון ערנסטער באַטראַכטונג און טיפע אויספירן.

קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו איז אין יענע יאָרן מער באַוווּסט געווען אַלס דיכטער, נאָר אויך זײַן דערציילונג „טעג און נעכט" איז אַרײַן אין אונדזער באַוווּסטזײַן, ווי אַ לעבעדיקער איידעס פון דער גרויסער עפּאָפּייע אַף דער וואָלגע.

אַ געוויסע צײַט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די מילכאָמע־טעמע איז אָפּגעטראָטן אַפן צווייטן פּלאַן. און אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זײַן. דאָס לעבן אַליין האָט אַזוי דיקטירט. דאָס לאַנד איז געלעגן אין רויִנעס. די אָנגעשטאָלטע מוסקולן האָבן געדאַרשט נאָך מי... אין די גרויסע פּראָזע־ווערק און אין דער דיכטונג לאָזט זיך אַלץ מערער פילן די ראַלע ווירקלעכקײַט פון דער צײַט. אַלץ איז נאָך אָבער געווען פריש אין זיקאָרן, און ס'האָט זיך געוואָלט אַ ביסל פאַרגעסן! איינִיקע האָבן ביכלאַל געהאַלטן, אַז דער זיקאָרן טוט אָפּ אַ שענדלעך שטיקל אַרבעט — ציט אונדז צו דער פאַרגאַנגענהײַט דעמלט, ווען עס שטייען פאַר אונדז אַזעלכע וויכטיקע אויפגאַבעס. אָבער ניט אַלע האָבן אַזוי געטראַכט. אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי האָט די טעמע „ניט פאַרגעסן", די טעמע פון דאַנקבאַרקײַט די געפאַלענע פאַר זייער גרויסן העלדנטאַט פאַרבונדן מיט די מאָראַלישע יעסוידעס פון

אונדזער גערעכטער זאך, מיט די אידייען פון רעוואָליוציאָנערן הומאַניזם. אין איינער א ליד האָט דער דיכטער געשריבן, אז „דער מישפּעט פון די געפאַלענע“ איז פּונקט אזוי הארב, ווי דער זיקאָרן פון די לעבעדיקע. און נאָך לאנג וועט אָט דער מישפּעט אורטיילן וועגן אונדזערע מייַסים־טויווים און אונדזערע טאטן.

אין די מילכאָמע־ווערק פון די פופציקער יאָרן אנטשטייט שוין פאר אונדז די פארגאנגענהייַט עטוואָס אנדערש. די געשעענישן אין אונדזער לעבן, די ענדערונגען אינעם באוווסטזייַן, די שטרעבונג צו אנאליזירן די מייַלעס און כעסרוינעס פון אונדזער לעבן ערעוו דער מילכאָמע — דאָס אלץ האָט געשאפן א גינסטיקן קלימאט פאר דעם געזעלשאפטלעך־ליטעראַרישן געדאנק, פארן דערשייַנען פון אזעלכע ווערק, ווי יורי באראנאָווסקיס „די לעצטע זאלפן“ און „די באטאליאָנען בעטן פייַער“, גריגאָרי באקלאנאָווס „א שפּאן ערד“. אין די דאָזיקע ווערק איז די מילכאָמע אן אָביעקט פון טיפער פסיכאָלאָגישער שטודירונג.

אפן פראָנט האָט דער מענטש ניט נאָר זיך געשלאָגן, ער האָט אויך געטראכט, געפילט. ס'איז דעריבער נאטירלעך, וואָס דאָס אקטיווע גייַסטיקע לעבן אף דער מילכאָמע, אלץ, וואָס האָט מאָראליש פארורזאכט און געשפּייַזט דעם העלדנטאט, האָט מיט דער צייַט אָנגעהויבן ארויסטרעטן אין אונדזער ליטעראטור אף דעם פאָדערגרונט.

א סאך אופמערקזאמקייַט ווערט איצט געשענקט די ערשטע שווערע כאדאָשים פונעם קריג. די שרייַבער פּרוּוון זיך פאנאנדערקלייַבן אין די סיבעס פון די מאפּאָלעס, וואָס אונדזער מיליטער האָט געהאט אין 1941—1942.

אין ג. באקלאנאָווס דערציילונג ווערט געשילדערט א שמאָלער פּלאצדארם אף דעם דאָרעמדיקן פראָנט — „א שפּאן ערד“. דער אווטאָר באגרענעצט בעקיוון זייַנע באָאבאכטונגען אף ניט קיין ברייטן שעטעך. דאָס דערלויבט אים טיפער, אופמערקזאמער אנאליזירן די באדינגונגען, אין וועלכע עס אנטפּלעקן זיך פארשיידענע מענטשלעכע כאראקטערן אף דער מילכאָמע, אָנשוילעך באווייַזן די גרויסקייַט פון אונדזער ניצאָכן. אויך די פארלוסטן אונדזערע זעען מיר בוילעט און אָנשוילעך: וויפל זשע האָט אונדז אָפּגעקאָסט דער ניצאָכן, אויב פאר אָט דעם „שפּאן ערד“ האָבן מיר אזוי טייַער באצאָלט!

וועגן דעם דארף מען אויך גדענקען. דער סאָוועטנפארבאנד האָט פארלוירן אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע 20 מיליאָן לעבנס, פשא — 405 טויזנט, ענגלאנד — 375 טויזנט מענטשן. דער דאָזיקער פארגלייַך ווערט געמאכט ניט צוליב פארשפּעטיקטע כעזשבוינעס מיט אונדזערע געוועזענע פארבינדעטע. וואָס פארא כעזשבוינעס וועלן אונדז אומקערן די אומגעבראכטע לעבנס? אזא פארגלייַך איז נייטיק, קעדיי באווייַזן די פּאָליטישע ספּעקוליאציעס פון יענע, וואָס זייַנען קעגן פעלקער־פרייַנטשאפט, קעגן קאָעקזיסטענץ פון פארשיידענע סיסטעמען.

עס דערשייַנען איצט א סאך ביכער: מעמוארן פון גרויסע פאָלקנפירער, זאמלונגען פון דאָקומענטן, היסטאָרישע טראקטאטן. צומאָל קומט אויס צו לייענען, אז דער גורל פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז, קלוימערשט, געלייזט געוואָרן ניט אף דעם מיזרעכדיקן פראָנט. עס קומט אויס אויך צו לייענען און הערן דורך ראדיאָ, אז די אנטיפאשיסטישע קאָאליציע, וועלכע האָט אזוי נאטירלעך אויסגעזען אין די אויגן פון מיליאָנען פּאָשעטע מענטשן, איז געווען בלויז א פּאָליטיש געשעפט, א צייַטווייַליקער טאקטישער גאנג אין א גרויסער שפּיל אף אייַנטיילן צווישן זיך די ווירקונגס־ספערן.

סארא עסעריקע קעלט עס טראָגט פון אזעלכע ווערטער!

מיר האָבן מילכאָמע געהאלטן קעגן אן אנטימענטשלעכער סיסטעם, קעגן פאשיזם. אין דעם איז די גרויסקייַט פון אונדזער זיג. אָבער דער שרעקלעכער יעסאָד פון דער מילכאָמע, וואָס דער פאשיזם האָט אונדז אָנגעבונדן, ווערט דערפון ניט „שענער“. דער קריג איז אן אומנאטירלעכע זאך און וועט קעסיידער פארבלייַבן פאר דער וועלט ווי דאָס ערגסטע בייז.

זייַענדיק געטרייַ צו האלטן מילכאָמע, זינגען מיר איר ניט קיין דיפיראמבן און קלערן ניט, אז דאָס איז א מיטל צו דערלייזן קאָנפליקטן. אין דעם באשטייט דער פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן די ווערק פון די סאָוועטישע שרייַבער און די שרייַבער פון די „שווארצע“ ראָמאנען, וואָס רימען מאָרד און גוואלדטאט, רינגלען ארום מיט אן אָרעאָל פון ראָמאנטישקייַט די פארברעכנס פון די פּראָפעסיאָנעלע און געקויפטע מערדער. אזעלכע ביכער ווערן ארויסגעלאָזט אין אמעריקע, און מיר איז אויסגעקומען זיי צו לייענען.

א הומאניסטישע ליטעראטור שליסט ניט אויס דאָס שילדערן די ווידערשפּרוכן צווישן די אכזאָריעסדיקע געזעצן פונעם קריג (אפילע אזא, וואָס זייַנע צילן זייַנען גערעכטיקע) און די געזעצן פון מאָראל און זיטלעכקייַט.

אין יורי באָנדארעווס דערציילונג „די באטאליאָנען בעטן פייַער“ מאָלט גופע דער אָפיצער־ארטילעריסט ווייַט ניט קיין אידילישן בילד: דער באטאליאָן, וואָס פירט אן אויסשפּירונג, קלייַבט זיך באנאכט אריבער אף יענער זייַט ברעג טייַך, פארגייט די דייַטשן אין „טיל“, פירט א שלאכט אף אָפּווענדן די אופמערקזאמקייַט און אָפּנארן דעם סוינע. אלץ קומט פאָר אזוי, ווי די קאָמאנדשאפט האָט דאָס פארטראכט, אויסער איין „קלייניקייַט“: דעם טייַך וועט דאָס מיליטער פאָרסירן ניט דאָרט, ווו ס'איז געווען אָנגעמערקט לויטן פּלאן, נאָר אין א צווייט אָרט. אין רעזולטאט דערפון גרייַפט אָן דאָס מיליטער גאָר אף אן אנדער אָרט. דעם באטאליאָן, וועלכן די דייַטשן האָבן ארומגערינגלט, קאָן מען ניט ראטעווען. דער באטאליאָן האָט טאקע זיך ניט דערווארט אף דער סיגנאל־ראקעטע. די מענטשן קומען אום. אומגעקערט האָט זיך בלויז איין מענטש — דער אָפיצער, ער איז דערשיטערט. אים דוכט זיך, אז דאָ האָט פּאסירט א שרעקלעכער פאראט, ער האָט אָנגעווירן דעם גלויבן. מע טייַנעט צו אים, אז דער באטאליאָן האָט געבראכט גרויסע נוץ דער אלגעמיינער זאך, אז עס זייַנען פארהיט געוואָרן די גרונט־קויכעס פון דער דיוויזיע. נאָר אים — דעם פראָנטאָוויק, וואָס האָט געזען, ווי עס שטארבן זייַנע כאווירים, וואָס ווייסט, וויאזוי זיי האָבן געגלייבט און געהאָפט, אז מע וועט זיי ראטעווען, זאָגן די דאָזיקע ווערטער גאָרנישט ניט. זיי דערגייען ניט צו זייַן הארצן.

אָט האָט איר אייַך א העכסט דראמאטישע סיטואציע, ווו דער קאָנפליקט איז אבסאָליוט קלאָר און ניט צווייַדייַטיק. דער דאָזיקער קאָנפליקט פארמאָגט לאנגאָניקע טראדיציעס אין דער רוסישער ליטעראטור. נאָך אין פּושקינס בארימטער פּאָעמע „דער קופערנער רייַטער“ דערזעט דער וואנזיניקער טשינאָווניק, ווי בייס דער פארפלייצונג האָט

זיך א רוק געטאָן פונעם אָרט דער דענקמאָל פון פּיאָטער דעם גרויסן און זיך געלאָזט לויפן נאָך אים. לאנג האָט ער געהערט „דאָס שווערקלינגענדיקע שפּרינגען“ פונעם מאָנומענט, פונעם בראָנזענעם קומיר...

די אינטערעסן פון דער פּערזענלעכקײַט און פון דער מעלוכע זײַנען זיך ניט צונויפגעפאלן. דעם מענטשן, וואָס האָט אופגעהויבן די האנט, באדראָענדיק דעם דענקמאָל, האָט די געשיכטע צעטראָטן מיט אירע טלאָען.

אין א הײַנטצײַטיק ווערק וועגן דעם קריג מוז דער אווטאָר באווײַזן דאָס אָרט פונעם יאָכיד אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס, אין וועלכן עס באטייליקן זיך גרויסע מאסן. ווו זשע איז דער אויסוועג? באוווּסטזיניק דינען דער געשיכטע אף דער זײַט פונעם פּראָגרעס. אינעם קריג קעגן דעם פאשיזם האָבן די אינטערעסן פונעם יאָכיד באזונדער ניט געקאָנט דיסקאָנטירט און געבראכט ווערן אין א הארמאָנישער סיסטעם, מע האָט די דאָזיקע אינטערעסן דיסקאָנטירט בלויז אין לעצטן סאכאקל, אין דער ענדגילטיקער פארניכטונג פון דער ברוינער פּעסט. איז, הייסט עס, די טראגעדיע פון דעם אָפיצער אין באָנדארעווס דערציילונג א טראגעדיע פון ניט באגרײַפן דעם היסטאָרישן עמעס? אויב איר ווילט, רופט עס אָן אזוי. א טראגעדיע בלײַבט א טראגעדיע.

די נײַע קוואליטעט פון דער ליטעראטור וועגן דעם קריג האָט ניט אויסגעשלאָסן, נאָר, פארקערט, געקרעפטיקט די פּאטריאָטישע טראדיציעס. די דאָזיקע נײַע קוואליטעט האָט זיך באזירט אף דעם גלויבן אינעם באוווּסטזײַן פונעם מענטשן, אין דער פעסטקײַט פון אונדזער אָרדענונג.

מיט א ציקל ראָמאנען וועגן דער פאָטערלענדישער מילכאָמע טרעט אויך ארויס קאָנסטאנטין סימאָנאָוו. דאָ ניט לאנג האָט ער פארענדיקט די טרילאָגיע, וועלכע באשטייט פון די ראָמאנען „לעבעדיקע און טויטע“, „קיין סאָלדאטן ווערט מען ניט געבוירן“, „דער לעצטער זומער“. די דאָזיקע עפּאָפּייע איז געשריבן געוואָרן דעמלט, ווען מיר זײַנען ארײַנגעטראָטן אין א פּעריאָד פון בירגערלעכער רײַפקײַט און אין אונדז האָט זיך געקרעפטיקט דער געפיל פון היסטאָרישער ווירדע.

סימאָנאָוו — זייער א הײַנטצײַטיקער שרײַבער, וואָס דענקט ברייט און אָביעקטיוו, — האָט געשילדערט די פּאנאָראמע פון אונדזער לעבן, אָנהייבנדיק פון די פּארמילכאָמעדיקע יאָרן, פון די ערשטע יאָרן פונעם קריג, און ביז דער סוינע איז פארטריבן געוואָרן פון אונדזער ערד.

די העלדן פון דער עפּאָפּייע גייען בייס דער מילכאָמע דורך די קאָמפּליצירטסטע ניסיוינעס: צעשיידונג, טויט פון נאָענטע, פּאראט, צווייפל, נאָר די מענטשלעכע נאטור פארהארטעוועט זיך, ווערט קרעפטיקער.

אין ק. סימאָנאָווס טרילאָגיע איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן דער פראָנט, דאָס הינטערלאנד, דער קרעמל, די שטאבן פון פראָנטן, ארמייען, באטאליאָנען, דאָס לעבן פון פארשיידענע שיכטן פון דער געזעלשאפט, די געדאנקען פון פארשיידענע מענטשן: גראמאָטנע, ווײַטזעענדיקע, רײַפע, וואקלענדיקע און פּאכדאָנישע, נאָבעלע און אזעלכע, וואָס טראכטן בלויז וועגן דער אייגענער פעל. די ראָמאנען זײַנען א קונסט־ווערק, וואָס איז איינצײַטיק סײַ דעטאל און סײַ מאסשטאבפול, א לײַוונט, אף וועלכן עס האָט מיט א דײַטלעכן קסאוו געשריבן גופע די געשיכטע און אויך די אייגענע דערפארונג פון דער פּערזענלעכקײַט, דערין אויך די דערפארונג פונעם מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט פון יענע יאָרן — קאָנסטאנטין סימאָנאָוו.

איך וועל דאָ ניט נעמען איבערדערציילן די קאָמפּליצירטע פּעריפּעטיעס אינעם גורל פון סימאָנאָווס העלדן. ניט איבערלייענענדיק די דאָזיקע ראָמאנען, וועט שווער זײַן צו באגרײַפן אזעלכע געשטאלטן, ווי סערפּילין, לוואָוו אָדער סינצאָוו. די דאָזיקע ראָמאנען, וואָס ווערן איבערגעזעצט אף פיל שפּראכן פון דער וועלט, דארף מען זעלבסט לייענען.

א גרויסן אינטערעס האָבן ארויסגערופן באם סאָוועטישן לייענער די ווערק פונעם ווײַסרוסישן שרײַבער וואסילי ביקאָוו. אין זײַן לעצטער דערציילונג „סאָטניקאָוו“ (לויטן נאָמען פון איינעם פון די הויפּט־העלדן) באטראכט דער אווטאָר די פּסיכאָלאָגיע פון אומגעוואקלטער פעסטקײַט און פון פארעטערישקײַט, פיקסירט די אופמערקזאמקײַט אף דעם קאמף, אזוי צו זאָגן, אין דער אייגענער סוויווע. דער פאשיזם האָט דאָך אויסגענוצט סײַ בא דעם דײַטשישן, סײַ בא דעם איטאליענישן און אויך בא אנדערע פעלקער גראָדע די שוואכע זײַטן פון דער מענטשלעכער נאטור, וואָס זײַנען ניט קיין רעזולטאט פון די אורשפּרינגלעכע געגנען, ווי דאָס מיינען הײַנט אייניקע דענקער, נאָר די כאראקטער־שטריכן פון דער ניט ריכטיקער דערציִונג, פון די לעבהאפטע רעשטלעך פון דער אלטער וועלט, דער וועלט פון אייגנטום און אינדיווידואליזם.

דער פּסיכאָלאָגיע פונעם מענטשן אף דער מילכאָמע זײַנען אויך געווידמעט א ריי מעמואר־ווערק. אשטייגער, וויאטשעסלאוו קאָוואלעווסקיס בוך „נאָטיצן פונעם פעלדרענצל“ האָט ארויסגערופן א דיסקוסיע. די זאך באשטייט דערין, וואָס אייניקע פאקטן און אָפּשאצונגען פון קאָנקרעטע העלדן, וועלכע קאָוואלעווסקי האָט געשילדערט, האָבן באשטרײַט אנדערע שרײַבער, אויך אָנטיילנעמער פון דער מילכאָמע, און וואָס ווייסן דעם מאטעריאל, די צײַט, די סוויווע, וועלכע זײַנען געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פון קאָוואלעווסקיס „נאָטיצן“.

עס גייט דאָ א רייד ניט וועגן פארקריפּלען די פאקטן, נאָר וועגן א פּרינציפּיעל־פארשיידענעם צוגאנג צו דאָקומענטאלער פּראָזע. קאָוואלעווסקי גיט אונדז ניט דעם געוויינלעכן מין זיכרוינעס, ער גייט ניט מיט דעם שוין באקאנטן שטראָם פון דערציילן אינעם העראָיִשן נוסעך וועגן די געשעענישן און וועגן די מענטשן פון יענער צײַט, נאָר ער באמיט זיך צו אנאליזירן די ראליע פון די אינדיווידועלע געווינהײַטן און אייגנשאפטן פון דער פּערזענלעכקײַט, ווען זיי ווערן געפּרוווט דורך דער מילכאָמע.

דער שרײַבער האָט אָנגעזאמלט א סאך קריטישע באאבאכטונגען. ער פאָדערט פיל פונעם מענטשן, ער איז שטרענג אין די מאָראלישע אָפּשאצונגען. קאָוואלעווסקיס אויג זעט אָפּט אזוינס, וואָס מיר האָבן זיך געסטארעט ניט צו באמערקן אף דער מילכאָמע.

איך מיין, אז אנאליזירן די פארשיידענע מינים באציִונגען פונעם מענטשן צו זײַן כויוו — אָנגעהויבן פון אויספּילן דעם באפעל ניט באזיניקט, האלב־אווטאָמאטיש און געענדיקט מיט דעם באוווּסטזיניקן העלדנטאט לעטוויעס דעם פאָלק און אונדזערע אידעאלן — איז א פליכט פונעם קינסטלער — דעם איידעס און

אָנטיילנעמער פון די גרויזאַמע געשעענישן.

דער עמעס, דער פולער עמעס שטערט ניט, נאָר, פאַרקערט, ער העלפט אונדז, ער מאַכט אונדז שטאַרקער, דערציט די נייַע דורות אין גייַסט פון הויכער זיטלעכקייַט, פון באַוווסטזיניק דינען דעם היימלאַנד.

א סאַך אָנטיילנעמער פונעם קריג נעמען איצט אַרויס פון די שופלאָדן אַלטע טאָגביכער, אָפּגעריבענע נאָטיץ־ביכלעך. דער דראַנג צו דאָקומענטאַלישקייַט, צו דעם ניט רעטושירטן פאַקט, צו דעם לעבעדיקן גוויִעס־אייִדעס פאַרמאָגט אויך א ריין עסטעטישע באַגרינדונג. עס ווערן אויפגעפירט דאָקומענטאַלע פּיעסן, מע שרייַבט דאָקומענטאַלע ראָמאַנען און דערציילונגען, אין די היסטאָרישע אויספאָרשונגען פאַרנעמען די דאָקומענטן אַלץ א גרעסערע אָרט. איין שרייַבער שליסט אייַן אין זייַן ווערק אַרכיוו־בריוו פון היטלערן צו פאַרליוסן, א צווייטער אוטאָר וועבט אַרייַן אינעם קינסטלערישן געוועב כראָניק פון דער אינפאַרמביוראָ. דאָס אַלץ גיט צו דעם קינסטלערישן ווערק א וואָרהאַפטיקן כאַראַקטער, דערקלערט אויך אַף א געוויסן אויפן דעם אַנגלי פון די לייַדנשאַפטן און דעם היסטאָרישן זין פון די געשעענישן אין די ראַמען פון א ליטעראַרישן סוזשעט.

דאָקומענטן, ציפערן, מיטיילונגען פון דער פּרעסע זייַנען אַן אַנדערשמאָל אימשטאַנד א שטויס צו טאָן דעם שרייַבער אַף אומדערוואַרטע ראַיוינעס און אויספירן. אָט זייַנען, אַשטייגער, יעדיִעס, וואָס זייַנען אין 1963 יאָר געווען פאַרעפנטלעכט אין א זשורנאַל פון די אַמעריקאַנער מיליטערישע לופט־קויכעס. דער אוטאָר האָט אונטערגעכעזשבנט, אַז אין די מילכאָמעס פון די יאָרן 1820 — 1859 האָט די צאָל דערהאַרגעטע דערגרייכט 0,1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אַף דער וועלט; אין די מילכאָמעס פון דער צווייטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט איז די דאָזיקע ציפער געשטיגן ביז 0,4 פּראָצענט; אין דער ערשטער העלפט פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט האָט שוין די ציפער דערגרייכט צו 2,1; אין דער צווייטער העלפט (1950 — 1999) קאָן זי באַטרעפן 10,1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון דער וועלט, און די מילכאָמעס פון די יאָרן 2000 — 2050 וועלן דערפירן די צאָל קאָרבאָנעס ביז 40,5 פּראָצענט פון דער מענטשהייַט...

שוידערלעכע ציפערן. ווען איך טראַכט וועגן זיי, קומט מיר אויפן זיקאָרן דער באַבי יאַר און מייַדאַנעק, אָשווענטשים און אָראַדור...

שוין זשע וועלן די קרעמאַטאָריעס, וואָס די נאַציסטן האָבן געשאַפן, אויסזען, ווי דילעטאַנטישע איבונגען אין מערדערייַ? שוין זשע איז מעגלעך אַזאַ מין זעלבסטמאָרד פון דער מענטשהייַט?

די ליטעראַטור ווייסט ניט און קאָן ניט וויסן פון קיין אַנדער אויפגאַבע, אַחוץ דער אויפגאַבע צו פאַרהיטן די קולטור, די ציוויליזאַציע, דאָס לעבן פון די מענטשן. הייַנט ווי שאַרף דאַרף שטיין די דאָזיקע אויפגאַבע אין אונדזערע טעג, ווען די געפאַר פון אַן אויסראָטונגס־מילכאָמע וואַקסט אין אַזאַ שרעקלעכער פּראָגרעסיע! די סאַכאַקלען פון דעם קריג צווינגען אונדז ניט נאָר זיך פאַרטראַכטן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל וועגן די אורקוועלן פון מילכאָמעס און זיך באַמיִען פאַנאַנדערצוקלייַבן אין די אָפענע און געהיימע פּרוזשינעס, וואָס ברענגען צו זייער אויסברוך, נאָר אויך אַרויסטרעטן מיט א בוילעטער און גענוג ברייטער פּראָגראַם פאַר שאָלעם.

ווען מיר טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס קאָן קעגנגעשטעלט ווערן דעם קריג, קומען מיר צום אויספיר, אַז אין די הענט פון די, וואָס טרעטן אַרויס פאַר שאָלעם, איז פאַראַן א רייַכער אַרסענאַל פון מיטלען. שוין דאָס קינדער־ביכעלע, וואָס לערנט גוטהאַרציקייַט און גערעכטיקייַט, וואָס שפּעט אָפּ פון אייגנליבע און עגאָיִזם, — פריידיקט שאָלעם. שוין די יוגנטלעכע דערציילונג מיט די פּאַסירונגען און נאָבעלקייַט פון די העלדן, וועלכע לעבן, קעדיי עמעצן זייַן באַהילפיק, וואָס צוליב דעם עמעס און גערעכטיקייַט זייַנען זיי גרייט צו העלדנטאַטן, אָפּזאָגנדיק זיך פון רום, פון עפּעס א פּערזענלעכן געווינס און באַקוועמלעכקייַטן, — שוין אַזאַ ליטעראַטור אַליין דערגרייכט א נאָבעלן ציל. ראָמאַנען, וואָס לערנען אונדז אַכטן דעם עמעס, זען די העסלעכקייַט פונעם שקער און צוויִעס, — אַזעלכע ראָמאַנען קעמפן פאַר שאָלעם, קעגן קריג.

מע דאַרף ניט קלערן, אַז די ליטעראַטור איז בלויז פייִק צו „מיליטאַריזירן“ די מענטשן, ניין, זי קאָן זיך אויך דערשלאָגן, אַז עס זאָלן זיך „אַנטוואָפענען“ די פייַנטשאַפט און דער פאַרדאַכט צווישן פעלקער. דאָס איז די וויכטיקסטע פונקציע פון דער הייַנטצייַטיקער ליטעראַטור און קונסט.

אָט פאַרוואָס די טעמע פון קריג און פרידן, די דערפאַרונג פון די אומפאַרגעסלעכע יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע קאָנען ניט באַם סאָוועטישן שרייַבער אָפּגעטיילט ווערן פון דעם גאַנצן איבעריקן לעבן, פון דעם גורל פון די איצטיקע און שפּעטערדיקע דורעס.

דער באַגריף „דערפאַרונג“ פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע כאַפּט אַרום א גאַנצן סכום ערשטראַנגיקע לעבנס־פראַגן. אַשטייגער, די פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַליזם — איינער פון די גרונט־געבאָטן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. סאַראַ ניסאָיען עס איז אויסגעשטאַנען דער דאָזיקער נאָבעלער געפיל אין די יאָרן פונעם קריג!

איינער א דייַטש פון דער מיזרעכדיקער זאָנע פון בערלין האָט געזאָגט צו אונדזערן א זשורנאַליסט: „דאָ טוען מיר אַכטונג אַף די קוואָרים פון די רוסישע שלאַכטלייַט, וועלכע זייַנען געפאַלן אין בערלין, און באַ אייַך אין סטאַלינגראַד טוט מען אויך אַכטונג אַף די קוואָרים פון די דייַטשישע סאָלדאַטן?“ ער האָט עס געפרעגט נאַיִוו, ניט צוליב פּראָוואָקאַציע. אונדזער זשורנאַליסט האָט געענטפערט: „שוין זשע באַגרייַפט איר ניט דעם כילעק: מיר האָבן אייַך ניט גערופן, איר זייַט געקומען, ווי פאַרכאַפּער. מיר, ווידער, האָבן באַפרייַט פון היטלערן אייראָפּע, דערין אויך דאָס דייַטשישע פאָלק“. דער דייַטשישער מיטשמועסער האָט זיך געכידעשט: „דאָס זייַנען אָבער געווען סאָלדאַטן, זיי האָבן ניט געקאָנט ניט אויספילן דעם באַפעל“.

עס קומט מיר אויפן זיקאָרן דער דאָזיקער דיִאַלאָג אין גריגאָרי באַקלאַנאָווס דערציילונג, וועלכע דער באַוווסטער קינאָ־רעזשיסער מאַרלען כוציִעוו האָט עקראַניזירט פאַר דער טעלעוויזיע. עס ווערט געשילדערט א שוידערלעכע באַנאַכטיקע סצענע אין דער מיזרעכדיקער זאָנע פון דייַטשלאַנד אין דעם ערשטן כוידעש נאָכן זיג. אַן אייִדעס דערפון איז געווען א יונגער סאָוועטישער אָפיצער.

אין שטוב צו א פאַרמעגלעכן דייַטש, ווו דער אָפיצער איז אייַנ־

געשטאנען אף קווארטיר, איז ארײַנגעקומען אן אויסגעצערטער מענטש אין צעפליקטע קליידער, לויט דער נאציאָנאליטעט א פאָליאַק. ער האָט דערציילט, אז זײַן פרוי האָט געארבעט בא דעם דײַטש אף זײַן פאָלווארק. דאָס פיצל קינד זייערס איז געווען מיט דער מאמען. זי איז געווען געצווונגען איבערצולאָזן עס אָן אן אופזיכט, האָבן די כאזיירים עס צעריסן אף פיצלעך... די פרוי איז אראָפּ פונעם זינען. דערשיטערט פון דעם, וואָס עס האָט דערציילט דער באנאכטיקער גאסט, דערמאָנט זיך דער יונגער אָפיצער, אז דאָ ניט לאנג האָט דער דאָזיקער דײַטש געפאָדערט, מע זאָל אים ארויסצאָלן קאָמפענסאציע פאר א כאזערל, וואָס א סאָוועטישער סאָלדאט האָט, קלוימערשט, דערשאָסן: „פאר דעם דארף מען צאָלן!“ — האָט ער געפילדערט. ער איז דרייסט געוואָרן, אָט דער דײַטש, זעענדיק, אז קיינער פארפאָלגט אים ניט נאָכן זיג פון די רוסישע. צאָלן... וואָס זשע פאר א פרײַז דארף מען מאָנען, און בא וועמען מאָנען, פאר יענעם קינד, פאר יענער פרוי, פאר דעם כאָרעוו געמאכטן לעבן פון יענעם פאָליאַק? יאָ, בא וועמען מאָנען, אויב ניט אלע פארשטייען, אז „אויספילן דעם באפעל“ קאָן מען פארשיידן, און אז די פרווון צו באפרײַען פון דער שטראָף די נאציסטישע פארברעכער, ווײַל ס'איז שוין א סאך צײַט אוועק, בינדט פאנאנדער די הענט בא יענע, וועלכע וואָלטן א באלן געוועגן ווידעראמאָל איבערכאזערן דעם שרעקלעכן פארברעכן קעגן דער מענטשהײַט!

מיר האָבן ליב גערעכטיקײַט, מיר שלײַדערן אָפּ די ראסעווע טעאָריעס וועגן מינדערווערטיקײַט פון באזונדערע נאציעס. מיר זײַנען אינטערנאציאָנאליסטן, נאָר אונדז דאכט זיך, אז ס'איז א לעסטערונג צו שטעלן א גלײַכצייכן צווישן דעם סאָלדאט דעם מערדער און דעם סאָלדאט דעם באפרײַער. און ניט דערפאר, וואָס איינער איז א דײַטש, און דער צווייטער איז א רוס, א פאָליאַק, אן אוקראַינער צי א גרוזין אָדער א יוגאָסלאוו, נאָר דערפאר, ווײַל ס'וואָלט דעמלט אָפּגעווישט געוואָרן דער כילעק צווישן בייז און גוטס, צווישן מערדערײַ און גערעכטיקײַט!

אין באָריס פאָלעוואָיס „נירנבערגער טאָגבוך“, אין איליא ערענבורגס בוך „מענטשן, יאָרן, לעבן“ איז שארף, אקטיוו, ניט צווײדײַטיק אונטערגעשטראָכן דער געדאנק וועגן דעם, אז מע טאָר קיינמאָל ניט מויכל זײַן דעם פאשיזם די אויוונס און גאז־קאמערעס, דעם גוואלדטאט און טעראָר בענעגייע דער באפעלקערונג פון די אָקופירטע לענדער. מע טאָר ניט מויכל זײַן די ראסעווע דערנידעריקונג, דעם גענאָציד און דאָס שענדן די מענטשן־ווירדע.

און אין דער זעלבער צײַט האָט דאָס דײַטשישע פאָלק אינגאנצן גענומען ניט געשפירט אונדזער פאראכטונג. דאָס דײַטשישע פאָלק גופא שאצט איצט איבער א סאך קאָנצעפציעס וועגן שאָלעם. מיר זעצן איבער די ווערק פון אנא זעגערס און טאָמאס מאן, האנס פאלאדן און האנס פריש, די ווערק פון ביאָלן און האנס מאגנוס ענצענסבערגערן... און מיר לייענען אין די ווערק פון די דײַטשישע שרײַבער־אנטיפאשיסטן וועגן דעם, אז דאָס, וואָס איז געשען, טאָר זיך ניט איבערכאזערן, אז דער אינטערנאציאָנאליזם וועט זיגן, אז עס פארציִען זיך די וווּנדן, און אף דעם אש פון דעם אלטן דײַטשלאנד וועט אופקומען א נײַ דײַטשלאנד, וואָס וועט ניט זײַן אונדזער סוינע, נאָר אונדזער פרײַנט.

...איך וועל ניט פארגעסן, ווי בייס דער מילכאָמע האָב איך דערהערט איליא סעלווינסקיס א ליד „איך האָב דאָס געזען“. עס איז געגאנגען א רייד וועגן דעם באגעראָווער ריוו הינטער קערטש. מע האָט דאָרט געפונען טויזנטער טויטע קערפערס פון ייִדן און ניט־ייִדן. דער דיכטער האָט געשריבן די דאָזיקע ליד בעעמעס טאקע מיט דעם בלוט פון זײַן הארצן: „וועגן דעם קאָן מען ניט מיט קיין ווערטער דערציילן. מע דארף שרײַען, גוואלדעווען. צוויי טויזנט — אין א וואָלפישער גרוב, א פארזשאווערטער, ווי אײַזן...“

דערנאָך איז מיר גופא אויסגעקומען צו זען, און ניט איין מאָל, ענלעכע ריוון, גריבער, באלקעס אין הוילן סטעפ פארפאָשעט מיט שניי.

און דאָך איז דער אײַנדרוק פון אָט דער ליד פארבליבן אין מיר, ווי עפעס א שוידערלעכער כאָלעם, וואָס טרעט פון מיר ניט אָפּ.

אין יוגאָסלאוויע האָבן מײַנע פרײַנט פון ליובליאני מיר דערציילט, וויִאזוי זיי האָבן אויסבאהאלטן א ייִדיש מיידעלע און דערנאָך זי אוועקגעפירט אין די בערג צו די פארטיזאנער. איך, ווידער, האָב דערציילט מײַנע ליובליאנער פרײַנט וועגן מישע לעווס בוך „ווען ניט די פרײַנט מײַנע“. איצט וויל איך וועגן אָט דעם בוך זאָגן עטלעכע ווערטער די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“. אין דעם בוך, אין דער דערציילונג „פעראָ רוס“, זײַנען אינטערעסאנט און פארביק, אָן פליטערלעך, פינקטלעך געשילדערט די העלדן פונעם פארטיזאנישן קאמף — יוגאָסלאוון און זייערע ברידער — רוסישע שלאכטלײַט, וואָס זײַנען אנטלאָפן פון דער דײַטשישער געפאנגענשאפט. מיט הארץ און מיט ליבע מאָלט דער אווטאָר די כאראקטערן פון די פארטיזאנער, זייער העלדנמוטיקײַט און מעסירעסנעפעשדיקײַט אינעם קאמף. די דאנקבארקײַט פון א סאָוועטישן סאָלדאט די יוגאָסלאווער פרײַנט, דער געפיל פון שלאכט־פרײַנטשאפט, וועלכן מיר היטן אָפּ אין אונדזערע הערצער אויך אין די טעג פון פרידן, פארבלײַבט אלס א סימבאָל פונעם געמיינזאמען קאמף קעגן פאשיזם.

„ווען ניט די פרײַנט מײַנע...“ — אזוי קאָנען זאָגן סײַ ייִדן, סײַ רוסן, סײַ אוזבעקן, סײַ קאזאכן, סײַ ווײַסרוסן און אלע סאָוועטישע מענטשן, דערמאָנענדיק די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. מיר האָבן געלעבט מיט איין אידיי, מיט איין דראנג, מיט איין האָפענונג און מיט איין ווילן. און דערפאר האָבן מיר געזיגט.

און דערמאָנענדיק יענע צײַט, וואָס איז מיט פײַער און בלוט געצייכנט, טראכטן מיר וועגן דער צוקונפט. מיר לייגן אונדזער האָפענונג אף דער מענטשלעכער סאָלידאריטעט און ברודערשאפט. זיי וועלן ניט דערלאָזן צו קיין קריג.

ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי

דער קינסטלער מענדל גאָרשמאַן

טעוויע און מענאכעם־מענדל... געזונטע, ערדישע קראַפט און באַדנלאָזע טרוימעריי... דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן מאַכט קימאט קערפּערלאָז, ווי א פליִענדיקן אין דער לופט, די פיגור פונעם לופטמענטש מיט זיינע פאַנטאַסטישע כאַלוימעס, וואָס פּלאַצן איינער נאָכן צווייטן, ווי זייפנבלאָזן. דאַקעגן, אַלס קאָנטראַסט — די פיגור פונעם האָרעפּאַשניק טעוויע, וועלכע פאַרקערפּערט אין זיך די ריזיקע קראַפט פונעם פאָלק.

די דאָזיקע ליטאָגראַפיע פונעם קינסטלער גאָרשמאַן איז געגעבן ניט אַלס אילוסטראַציע צום טעקסט פון „טעוויע דעם מילכיקן". דער גראַפישער ציקל איז פאַרטראַכט אַלס א זעלבשטענדיקער, אינספּירירט פון די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. טעוויע און מענאַכעם־מענדל זיינען דאָ געשטאַלטן — פאַראַלגעמיינערונגען, געשטאַלטן — סימבאָלן, הינטער וועלכע ס'ליגט א גאַנצע עפּאָכע, די אַזויגערופענע שאָלעם־אַליכעם־עפּאָכע אין יידישן לעבן פון סאָף פאַריקן און אָנהייב איצטיקן יאָרהונדערט.

„שטעטל" — אַזוי האָט אָנגערופן זיין ערשטן אַלבאָם ליטאָגראַפיעס דער סטודענט דיפּלאָמאַנט גאָרשמאַן, וועלכער האָט אין 1928 פאַרענדיקט דעם פּאָליגראַפישן פאַקולטעט פון אַלפאַרבאַנדישן קינסטלעריש־טעכנישן אינסטיטוט.

די דאָזיקע טעמע איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו, די אומענדלעכע טעמע מיט וואַריִאַציעס, צו וועלכער דער קינסטלער קערט זיך ווידער און ווידער אום און אין וועלכער ער געפינט אומויסשעפּלעכע אויצרעס פאַר זיינע קינסטלערישע אופטועך.

פון דער דאָזיקער סטודענטישער אַרבעט ביז צו דער גראַפיק פון די דרייסיקער יאָרן (אילוסטראַציעס צו באַבעלס «Конармия», צו אוטקינס «Повесть о рыжем Мотеле»; פון די ווערק פון די 40־ער יאָרן (ליטאָגראַפיעס צו פּערעצעס דערציילונגען) ביז צו די אַרבעטן פון די 60־ער — 70־ער יאָרן (אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אַליכעמס און מענדעלעס ווערק, די גראַפישע סעריע „טעוויע דער מילכיקער" אאַ.) — גייט דורך, ווי א רויטער פאָדעם, די דאָזיקע טעמע אינעם שאַפן פונעם קינסטלער, וועלכער איז, פּונקט ווי שאַגאַל, קאַפּלאַן, אַקסעלראָד אאַ., אויסגעוואַקסן אין די באַדינגונגען פונעם טכום־האַמוישעוו פון צאַרישן רוסלאַנד.

מענדל גאָרשמאַן איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל ניי־באָריסאָוו, ווייסרוסלאַנד, אין 1902. ווי די וויטעבסק־געשטאַלטן בא שאַגאַלן, אַזוי זיינען אין גאָרשמאַנס שאַפן אָרגאַניש אַריין די שטעטל־איינדרוקן פון דער קינדהייט.

אָבער אַלס קינסטלער, וועמענס שעפערישער אָנהייב איז צונויפגעפאַלן מיט די שטורמישע געשעענישן פון די 20־ער יאָרן, ווען די יונגע סאָוועטישע רעפּובליק איז געוואַקסן און זיך אָנגענומען מיט קראַפט, האָט זיך גאָרשמאַן, נאַטירלעך, קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן אינעם ענגן קרייז פון די אַוואַר־געשטאַלטן. אים האָט שטענדיק טיף גערעגט די היינטצייטיקייט, און זי האָט קעסיידער געפונען איר אָפּשפּיגלונג אין זיינע פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן, אין דער גראַפיק פון פאַרשיידענע צייטן.

אין רייכן קונסט־לעבן פון די צוואַנציקער יאָרן האָט דעם יונגן סטודענט פון „וכוטעמאַס" גאָרשמאַן שטאַרק אָפּגעגליקט. זיינע לערער זיינען געווען אַזעלכע מייסטערס פון גראַפיק, ווי פּ. וו. מיטוריטש און נ. נ. קופּריִאַנאָוו. און האָגאַם גאָרשמאַנען איז ניט אויסגעקומען דירעקט צו שטודירן בא וו. א. פאַוואָרסקין, איז דער איינפלוס פון פאַוואָרסקיס מעכטיקער שעפערישער אינדיווידואַליטעט אויף די סטודענטן פונעם גראַפישן פאַקולטעט געווען אומגעהייער.

שוין אין די סטודענטישע יאָרן באַווייזן זיך גאָרשמאַנס אַרבעטן אויף די אויסשטעלונגען פון דער געזעלשאַפט „פיר אַרטן קונסט" אין איין ריי מיט די ווערק פון פּ. קוזנעצאָוו, ק. פּעטראָוו־וואָדקין, מ. סאַריאַן, ק. איסטאָמין אאַ. אין דער דאָזיקער פּרוכטבאַרער אַרומרינגלונג פאָרמירט זיך גאָרשמאַנס שעפעריש געשטאַלט.

נאָך אַן אייגנאַרטיקע שול, אין וועלכער עס האָט זיך געשאַרפט די „פען" פונעם יונגן גראַפיקער, זיינען געווען די סאַטירישע זשורנאַלן („דער אַפּיקוירעס" אאַ.), אין וועלכע ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין 1924. דאָ, אין דער זשורנאַל־גראַפיק, האָט זיך באַם יונגן מאָלער אויסגעאַרבעט די קונסט פונעם לאַקאָנישן, אָבער פילזאָגנדיקן אויסדרוק, די פייִקייט אופצוכאַפּן דאָס באַזונדערס טיפּישע און שאַרף כאַראַקטעריסטישע, — דאָס אַלץ האָט שפּעטער פיל געהאָלפן גאָרשמאַנען דעם אילוסטראַטאָר.

ווי אַנדערע זיינע קאָלעגן אין די 30־ער יאָרן, מאַכט גאָרשמאַן דורך פיל רייזעס איבערן לאַנד. אין רעזולטאַט פון איינער אַזאַ רייזע איז אופגעקומען די גרויסע סעריע וואַרשטאַט־אַקוואַרעלן, וועלכע איז געווען געווידמעט דעם לעבן פון א יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמונע אין קרים (1930 — 1931).

די טעמאַטיק — דער מענטש און די ערד, שעפערישע מי, וואָס מאַכט איבער די נאַטור. אינעם קינסטלערישן פאַרטראַכט איז באַזונדערס אַקטיוו די ראָליע פונעם קאָליר, וועמענס רייכע מעגלעכקייטן, באַזונדערס אין דער אַקוואַרעלן־קונסט, נוצט דער קינסטלער ניט וויניקער פאַכמענעריש אויס, ווי די קאָנטראַסטן־שפּיל פון שוואַרץ און ווייס.

פון דעמלט אָן דערשיינט די גראַפיק אין גאָרשמאַנס שאַפן בישכיינעס מיט דער אַקוואַרעל, וועלכע דער קינסטלער טראָגט אויף, טראָץ דער אָנגענומענער מיינונג, צום געביט פון מאָלעריי. און מע דאַרף דערביי באַמערקן, אַז גראָד דאָס בילדעט די אייגנאַרטיקייט פון גאָרשמאַנס שעפערישער פּערזענלעכקייט: די ליטאָגראַפיעס בויט ער

לויט די געזעצן פון דער גראפיק, און אין דער אקווארעל דענקט ער ווי א מאָלער.

זײַנע ארבעטן איז דער קינסטלער זיך נויטיג צו פארייניקן אין סעריעס, וועלכע קומען אוף אין רעזולטאט פון זײַנע רײַזעס איבערן לאנד. די „קירגיזישע“ (1943 — 1947), די „דאגעסטאנישע“ (1957 — 1958), די „מאָלדאוואנישע“ (1960—1962) סעריעס זײַנען אייגנארטיקע אקווארעל־סיוויטן מיט א פײַן דורכגעפילטן נאציאָנאלן קאָלאָריט. דאָס זײַנען פּאָרטרעטן, פּייזאזשן, זעלטענער — זשאנער־פארצייכענונגען.

באזונדערס רײַך מיט אינטערעסאנטע געשטאלטלעכע לייזונגען איז די „מאָלדאוואנישע“ סעריע, וועלכע מע וואָלט געקאָנט אויך אָנרופן די „ציגײַנערישע“.

דער קינסטלער האָט עטלעכע יאָר נאָכאנאנד באזוכט דאָס שטעטל סאָראָקי, ווו עס האָט אים פארינטערעסירט דאָס שטייגער־לעבן פון די ציגײַנער.

גאָרשמאן באהערשט גוט די קונסט פון אקצענטירן בא יעדן געשטאלט זײַנע אייגנארטיקע אינדיווידועלע שטריכן. אין דער זעלבער צײַט, ארויסגייענדיק פון דער ספּעציפיק פון דער אקווארעל־קונסט (זי איז „פון איין סעאנס“, דאָס הייסט דאָ קען מען ניט איבערמאָלן, ווי אין דער אייל־פארב־מאָלערײַ), באמיט ער זיך ניט צו געבן א פּילארטיקע, אויסשעפּנדיקע כאראקטעריסטיק פון דער מאָדעל. ער שטרעבט קוידעמקאָל „אָפּצושטעלן דעם אויגנבליק“, אראָפּכאפּן דעם מענטשן אין איינעם א מאָמענט פון זײַן אינערלעכן צושטאנד. אף גאָרשמאנס פּאָרטרעטן זײַנען די מענטשן בעדערעך־קלאל פארטראכט אלס פארטיפטע אין זיך. א גרויסע ראָליע באם אופדעקן דעם געמיט־צושטאנד פון דעם געשטאלט שפּילט דער קאָליר. כאראקטעריסטיש זײַנען דערבײַ שוין אליין די טיטלען פון די פּאָרטרעטן: „א פּאָרטרעט אין געלבן“, „א מיידל אין רויטן“, „א ציגײַנערן אין בלאָען“ אאוו.

אין דער פּאָרטרעטן־גאלעריי פון די „ציגײַנערישע מאָדאָנעס“ טרעפן מיר פארשיידענע כאראקטערן, און דאָך לאָזט זיך פילן בא יעדערער פון זיי דער הייסער טעמפּעראמענט, אן אייגנארטיקער סענסועלער רייץ.

דער קינסטלער באהערשט גלענצנד די „פליסיקע“ פאָרם פון דער אקווארעל, אים געלינגט צו שאפן פּינקטלעכע (פּלאסטישע) מאָלערישע געשטאלטן אין יעדן פון די פּאָרטרעטן. דער אופגעבליטער פרויִשקײַט און יונגער שיינקײַט פונעם „מיידל אין רויטן“ אנטשפּרעכט א העלע קאָלירן־סטיכיע. דאקעגן, פּרעוואלירן אינעם פּאָרטרעט פונעם מיידעלע, נאָך גאָר א יונג און צארט באשעפעניש, מילדע פאסטעל־טענער, ווייכע קאָלירניואנסן, לײַכטקײַט און דורכזיכטיקײַט פונעם בויגן־אויבערפלאך.

גאָרשמאן האָט א באזונדערע נעטיִע צו קאמער־מאָלערײַ. מע פילט עס סײַ אין זײַנע פּאָרטרעטן, סײַ אין זײַנע פּייזאזשן. ער האָט ליב צו מאָלן פארײַנזאמטע, וויסטע ווינקעלעך, ווו מע קאָן אמאָל טרעפן רויִנען פון אן אלטער פעסטונג, ווינקעלעך, פון וועלכע ס׳ווייעט מיט רו און שטילקײַט.

אין דער דאגעסטאנער סעריע אקווארעלן זײַנען די פּייזאזשן מער „באפעלקערטע“. דאָ טרעפן מיר שמאָלינקע געסעלעך פון די דאגעסטאנער אאולן, נידעריקע הײַזעלעך, ארומגערינגלטע מיט קליינע הויפן, מיר טרעפן זייערע אײַנוווינער, וואָס זײַנען באשעפטיקט מיט טאָג־אײַן, טאָג־אויס־איינאָנים. אין די דאגעסטאנער פּייזאזשן איז די אקווארעל באזונדערס אָנגעפילט מיט ליכט, ווי זי וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט הייסער דאָרעם־לופט.

באזונדערס גרויסע שעפערישע דערפאָלגן האָט גאָרשמאן דערגרייכט אלס בוך־אילוסטראטאָר. די אויסגאבע פון באבעלס «Конармия» אין די דרײַסיקער יאָרן איז שוין לאנג א ביבליאָגראפישע זעלטנהײַט. דאָך האָט זיך די גראפישע שפּראך פון גאָרשמאנס אינטערעסאנטע אילוסטראציעס צו דעם דאָזיקן בוך ניט געעלטערט. דעם קינסטלער האָט זיך אײַנגעגעבן זייער פּינקטלעך אופצוכאפּן דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאנד פון די געשטאלטן, שאפן פאר זיי א גלײַכווערטיקן מאָלערישן אקאָמפּאנעמענט. אין זײַנע אילוסטראציעס טרעפן מיר אי די באבעלישע גראָטעסקישע פארשפּיצטקײַט, אי די ערדישע קראפט און זאפטיקײַט פון די געשטאלטן, אי דעם מילדן, עטוואָס אומעטיקן באבעלישן הומאָר.

אָט איז, צום בײַשפּיל, געדאליע, „דאָס קליינע באלעבעסל אין די פארנעפּלטע ברילן און אינעם גרינעם סורטוק ביז צום דיל“. דער דאָזיקער פּארשוין מיט דעם גרויסן צילינדער אפן קאָפּ, וועלכער שאָקלט זיך אום, ווי א שווארץ טורעמל, פירט א פילאָסאָפישן שמועס, זיצנדיק אף א פעסל פון ביר. דער רירנדיק־לעכערלעכער פּיקייעך, וואָס טרוימט וועגן אן „אינטערנאציאָנאל פון גוטע מענטשן“, איז באם קינסטלער געגעבן אין פולן אוניסאָן מיטן שרײַבערס פּארטראכט.

לעבעדיק און רעליעף דערשײַנען אין די דאָזיקע אילוסטראציעס די געשטאלטן פון די בראווע קאזאקן, וועלכע האָבן ליב א שארפן וויץ און א „געפּעפּערט“ ווערטל.

מיט לאקאָנישע מיטלען דעקט אוף דער קינסטלער זײַנע געשטאלטן. אין די מיט רעזשיסערישער געניטקײַט אופגעבויטע מאסן־סצענעס שפּילן א גרויסע ראָליע די זשעסטן, ראקורסן, פיגור־קאָנטורן, ליכט־ און שאָטן־קאָנטראסטן, אין דער מײַסטערשאפט פון קינסטלערישער פאראלגעמיינערונג פילט זיך דער געוויסנהאפטער טאלמיד פון מיטוריטשן און פאוואָרסקין.

אלס א פײַנער קענער פון נאציאָנאלן קאָלאָריט דערשײַנט גאָרשמאן אינעם ציקל אילוסטראציעס צו אוטקינס «Повесть о рыжем Мотеле» (1933).

אין אויסערסט אויסדריקלעכע, אָנשוילעכע געשטאלטן דערשײַנט דאָס שטייגער־לעבן פונעם ייִדישן שטעטל. מיר זעען דעם קאפּצן מאָטעלע, בא וועלכן ס׳איז „אזוי ווייניק גליק“ און „דאָס איינציקע, וואָס איז גרויס, איז בלויז די נאָז“, זײַן קליינטשקע מאמע (א טיפּישע ייִדישע מאמע), די שווארץ־אויגיקע יעפּאסטויאר ריווע, די פעטלײַביקע פלאפלערן, די ענדלערקע מעד און די אלטע בערדיקע שטעטלדיקע כאכאָמים.

טראגישער זײַנען די אינטאָנאציעס אינעם ציקל ליטאָגראפיעס צו י.־ל. פּרעצעס דערציילונגען (1940). א באזונדערס גרויסע דראמאטישע קראפט דערגרייכט דער קינסטלער אינעם בויגן, וואָס הייסט „מעשוגע“. דאָ איז געגעבן א געשטאלט פון א מענטשן, וואָס האָט קאָליאָמאָוו שטודירט געמאָרע און איז ענדלעך אראָפּ פון זינען. דער קינסטלער האָט זיך קלאל ניט געקליבן שילדערן א מעשוגענעם. מיר זעען פאר זיך א הערלעך געזיכט פון א לאמדן, מיר פילן אָבער גלײַכצײַטיק, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אן אומגליקלעך באשעפעניש, וואָס איז פארורטיילט צו אומענדלעכע וויקוכים מיט זיך אליין, וויקוכים, וואָס ווערן באגלייט מיט שטורמישער

זשעסטיקולירונג, בײַ וועלכער ס'וואָרפן זיך באַזונדערס אין די אויגן זײַנע מאַמעס „מוזיקאַלישע" פינגער...

גאָרשמאַן ווענדט זיך אָפט צו שאָלעם־אַליכעמען. ער האָט געשאַפן א ציקל איליוסטראַציעס צו דער זאַמלונג דערציילונגען „אָרעמע און פריילעכע", אין וועלכע ס'ווערט קאַלאָריטפול געוויזן דאָס שטייגער־לעבן פונעם שטעטל, מיט זײַן בונטן אוילעם, די זאַטע און זעלבסט־צופרידענע באַלעבאַטים, פון איין זײַט, די לוסטיקע קאַפּצאָנים, אײַנגעדעקט אין שמאַטעס, — פון דער צווייטער זײַט. דאָס לעכערלעכע און טרויעריקע גייט דאָ האַנט־באַ־האַנט.

און טאַקע נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל — „טעוויע דער מילכיקער". דער קינסטלער שאַפט איצט ליטאָגראַפיעס צו איינעם פון די בענדער פון א נײַער שאָלעם־אַליכעם־אויסגאַבע, אין וועלכן דאָס דאָזיקע ווערק איז אײַנגעשלאָסן. אַזוי אַז ער „לייענט" נאָכאַמאָל די קלאַסישע געשטאַלטן פון טעוויען און מענאַכעם־מענדלען, געפינט פאַר זיי נײַע פאַרבן.

גאָרשמאַנס מײַסטערשאַפט ווערט ניט פאַרמינערט מיט יאָרן, פאַרקערט, זי ווערט אַלץ רײַפער, ווי זי וואָלט איבערגעלעבט אַן אייביקע שעפערישע יוגנט.

אין דער ניט לאַנג געשאַפענער סעריע אַקוואַרעל־פּייזאַזשן פון מאַלייעווקע, א ייִשעוו הינטער מאָסקווע, טרעפן מיר נײַע קינסטלערישע אַנטפּלעקונגען אין געביט פון פּלאַסטישער פאָרם. דאָס זײַנען פּייזאַזשן־שטימונגען, העכסט פאַראַלגעמיינערטע, עפּעס א מין עקסטראַקט פון עמאָציעס. אין די בעסטע פון זיי איז שטאַרק פאָרגע־שטעלט דער ריטמיש־מוזיקאַלישער עלעמענט. דער קאָליר ווערט געבויט אַף קוים מערקבאַרע צאַרטע טענער־ניואַנסן.

גאָרשמאַן דער מאָלער און גראַפיקער עלטערט זיך ניט. ער אַרבעט מיט דער זעלבער באַגײַסטערונג און יוגנט־לעכן ברען, ווי מיט פיל יאָרן צוריק. אין דעם ליגט דער סאָד פון דער יונגקײַט און פרישקײַט פון זײַן קונסט.

פרידע ראַסקין

כראָניק

„יאָרבוך" פון דער קולטור־געזעלשאַפט פון די בולגאַרישע ייִדן

די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דערהאַלטן פון סאָפיע דאָס „יאָרבוך — 1970". דאָס איז די פינפטע לויט דער צאָל יערלעכע אויסגאַבע, וועלכע עס גיט אַרויס די קולטור־אויפקלערערישע געזעלשאַפט פון די ייִדן אין דער בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק.

אין דעם אָרדנטלעכן „יאָרבוך", וואָס אַנטהאַלט באַ 300 זײַטן, זײַנען פאַרעפנטלעכט א ריי וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע און פּובליציסטישע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע און אַנטוויקלונג פונעם קולטור־לעבן פון די בולגאַרישע ייִדן.

אין קורצן איבערבליק פון די מאַטעריאַלן, וואָס ווערט געגעבן אין דער רוסישער שפּראַך צום סאָף פון דער אויסגאַבע, באַקענען מיר זיך מיטן אינהאַלט פון די אַרטיקלען „אונטער דער פאָן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם" (דאָצענט נע־דיאַלקאָ קורטיעוו); „די בולגאַרישע שרײַבער אין קאַמף פאַר פּאַרטיי־דיקן די ייִדן בײַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע" (ווילי מאַיער); „דער שטייגער און די גײַסטלעכע וועלט פון די בולגאַרישע ייִדן" (איסאַק מאַסקאָנאַ); „דער פלאַמיקער טריבון כאַיִם פּיזאַנטי — 90 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער רעוואָליוציאָנערער קעמפער און אַק־טיווער געזעלשאַפטלעכער טוער צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע אַף די באַלקאַנען" (רענאַטאַ נאַטאַן) אַא. אויסער די אַרטיקלען, זײַנען פאַרעפנטלעכט אַלס בײַלאַגע צוויי מאַטעריאַלן, געווידמעט דעם קאַמף פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קעגן אַנטיסעמיטיזם, און א צוגאָב־רעשימע פון ייִדן מאַרטירער, וועלכע זײַנען געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם.

„אָפּאַטאָשו־פּרעמיע" פאַר א ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער

דער ליטעראַטור־פאָנד אויפן נאָמען פון יויסעף אָפּאַטאָשו האָט צוגע־טיילט די האַיאָריקע אָפּאַטאָשו־פּרעמיע דעם סאָוועטישן ייִדישן פּראָזאַיִקער איציק קיפּניס און דעם היסטאָריקער — פּראָפעסאָר ב. לע־ווין.

ייִדישער מוזיי אין עסטרײַך

אין דער שטאָט אײַזנשטאַט (עסטרײַך) איז געשאַפן געוואָרן א ייִדישער מוזיי.

אין 17 — 18־טן יאָרהונדערט האָט אײַזנשטאַט געשעמט אַלס א היפּ־שער ייִדישער ייִשעוו. דער נײַער מוזיי וועט צונויפזאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין עסטרײַך.

לייב ווילסקער

נײַע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד

אין דער מעלוכע־ביבליאָטעק פון פססר אפן נאָמען פון וו. אי. לענין, אין דער לענינגראַדער עפנטלעכער מע־לוכע־ביבליאָטעק אפן נאָמען פון מ. יע. סאלטיקאָוו־שטשעדרין, ווי אויך אין אייניקע ביבליאָטעקן, וואָס גע־הערן צו פריוואטע זאמלער, זײַנען געפונען געוואָרן מערק־ווירדיקע מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען ביז איצט ניט געווען באַוווּסט. די דאָזיקע מאַטעריאַלן דערלויבן אף א נײַעם אויפן באַלײַכטן געוויסע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון די ייִדן און פון זייערע באַציִונגען מיט נאָענטע צום ייִדישן פאָלק עטנישע גרופן, סײַ אזוינע, וואָס האלטן זיך פאר ייִדן, און סײַ אזוינע, וואָס האלטן זיך ניט פאר ייִדן (שוימרונים, טאטן, קרימטשאַקעס, קאראִימער).

ס'איז זייער וויכטיק, אז אלע די, וואָס פארנעמען זיך מיט ייִדישער געשיכטע און קולטור־געשיכטע, זאָלן וויסן וועגן די דאָזיקע מאַטעריאַלן. צוליב דעם איז נייטיק צו פובליקירן רעשימעס מיט קורצע יעדיִעס וועגן זיי. ווײַ־טער ווערט געגעבן די ערשטע רעשימע פון אָט דער סעריע.

נום. 1. שיפער: ГПБ, Собр. Фирк., Евр., пачка 40, № 1

דער דאָקומענט געהערט צו דער אזויגערופענער צוויי־טער זאמלונג פון אווראָם פירקאָוויטש[1] און אנטהאלט צוויי בריוו פון די קאראִימער פון דער שטאָט לויצק צו דער ייִדישער קעהילע פון דער שטאָט טארגאָוויצא.

די בריוו זײַנען געשריבן אף צוויי בלעטלעך פאפיר: יעדער בריוו אף דער רעכטער זײַט פונעם בלעטל. גע־שריבן זײַנען זיי מיט טונקל־ברוינעם טינט, מיט א קאראִי־מישן קסאוו אף העברעיִש, ערטערווײַז אין גראַמען. די אונטערשריפטן זײַנען אויסגעפילט מיט קאראִימישן קור־סיוו.

דאָס ערשטע בלעטל איז גאַנץ. די גרייס — 21,7 אף 17,0 סמ. דער אונטערשטער טייל פונעם צווייטן בלעטל פעלט. נאָר דער טעקסט אין יידע בריוו איז אין ערגעץ ניט צעשעדיקט.

דער ערשטער בריוו

דער בריוו איז דאטירט: „א' לסדר בראשית כ' לר"ח תשרי תקנ"ו לפ"ק". געשריבן אין נאָמען פון די קאראִי־מער קעהילע־טוער. אין בריוו אנטהאלט זיך א באַקאָשע העלפן צוויי לויצקער קאראִימער צו באַקומען א פאס־פאָרט פונעם גאָראָדניטשי אף צו פאָרן קיין קרים (לעיר קרים). די נעמען פון די צוויי רײַזנדע זײַנען: אווראָם, דער זון פון עזראָ (אברהם בן עזרא), און אווראָם, דער זון פון יויסעף (אברהם בן יוסף).

געשריבן איז דער בריוו אין א העכסט קאָרעקטער מא־ניר. די ווענדונג איז פון גלײַכע צו גלײַכע: „מן העיר הגדולה קהל קדש לוצקא עד עיר ואם בישראל קהלה הקדושה בעיר טרגוויצא דרים" (פון דער גרויסער שטאָט, פון דער הייליקער [קאראִימישער] קעהילע אין לויצק צו דעם וויכטיקן צענטער פאר ייִדן, דער הייליקער קעהילע, וואָס וווינט אין דער שטאָט טארגאָוויצא); פול מיט רעס־פעקט (די ייִדן ווערן דאָ אָנגערופן „היהודים הנחמדים" — די פײַנע ייִדן); א ברידערלעכע („קראים אחיכם הדרים בעיר לוצקא" — די קאראִימער, אײַערע ברידער, וואָס וווינען אין לויצק).

דעם בריוו האָבן געחאַסמעט זיבן טוער פון דער קא־ראִימער קעהילע: דער גאבע ייִצכאָק, דער זון פון סימכע (יצחק בן שמחה), סימכע, דער זון פון צאָדעק (שמחה בן צדוק), ייִצכאָק, דער זון פון אווראָם (יצחק בן אברהם), מוישע, דער זון פון צאָדעק (משה בן צדוק), מאָרדעכײַ, דער זון פון ייִצכאָק (מרדכי בן יצחק), און דער כאזן יוי־סעף, דער זון פון מוישע (יוסף בן משה). די אונטער־שריפטן פון די געחאַסמעטע האָט באַשטעטיקט שאָלעם, דער זון פון ארן (שלום בן אהרן).

דער צווייטער בריוו

דעם בריוו האָט געשריבן אין זײַן אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון די צוויי רײַזנדע און פון דער קעהילע אין אלגעמיין, דער זאָקן שאָלעם, דער זון פון ארן — דער זעלבער, וואָס האָט באַשטעטיקט די אונטער־שריפטן אינעם ערשטן בריוו. אינעם צווייטן בריוו כאזערט זיך איבער די זעלבע באַקאָשע, וואָס אין ערשטן בריוו.

קעדיי צו געבן א פאָרשטעלונג וועגן ביידע בריוו, ווערן דאָ געבראַכט זייערע פאָטאָקאָפּיעס און אויך אן אויסצוג פונעם צווייטן בריוו אין אָריגינאל און אין אן איבערזעצונג אף ייִדיש.

אויסצוג פון דעם צווייטן בריוו

דער העברעיִשער אָריגינאל

באנו לבקש אתכם שתעשו חסד עמנו בהגיע כתבנו זה על ידי האנשים האלו כמה"ר[1] אברהם הזקן בכמה"ר[2] עזראָ ז"ל[3] וכמע"ר[4] אברהם המשכיל בכ"מ[5] יוסף ז"ל הנוסעים

---

[1] וועגן אווראָם פירקאָוויטשן און זײַנע קסאוויאדן־זאמ־לונגען זע ז. קאהאן „די יערושע פון ווײַטע דורעס", „סאָוועטיש היימלאנד", 1969, נום. 12, ז. 132.

[1] כמה"ר — געקירצט פון כבוד מורנו הרב (רבי);
[2] בכמה"ר — בן כבוד מורנו הרב (הרבי); [3] ז"ל — זכרונו לברכה; [4] וכמע"ר — וכבוד מעלת אדוני רבי;
[5] בכ"מ — בן כבוד מורנו.

לעיר קרים ללכת עמם אל השופט ר״ל[1] אל הורודניציי שלכם שיתן להם פרשפורט[2] לעיר קירים מפני שמכאן לקחו עד עיר טרגוויצא ואם תעשו זה אזי נדע כי מצאנו חן בעיניכם והשם יכפיל שכרכם ויאריך ימיכם בטוב ושנותיכם בנעימים כה דברי שלום ואמת מפינו אנחנו קראים הדרים בלוצקא ובפרט מאותם האנשים הנקובים בשמם לעיל.

לעל צד הפרט הנני מניף תנופת השלום והחיים למעלתכם ומבקש אתכם לעשות את שאלת ובקשת הקהלה הקדושה. שלום שי״ן[3] בלא״א[4] כמ״ע[5] אהרן הזקן ז״ל.

די איבערזעצונג

מיר זײַנען געקומען אײַך בעטן, איר זאָלט מיט אונדז טאָן א גנאָד. ווען עס וועט אָנקר־מען אָט דער דאָזיקער בריוו דורך אָט די מענטשן: דעם געערטן לערער אונדזערן ראבי אווראָם דעם געבילדעטן, דעם זון פון אונדזער לערער עזראָ — זײַן אָנדענק זאָל זײַן גע־בענטשט — און דעם געערטן ראבי אווראָם, דעם אופגעקלערטן, דעם זון פון דעם כאָ־שעוון לערער אונדזערן יויסעף — זײַן אָנ־דענק זאָל זײַן געבענטשט, — וועלכע פאָרן אין שטאָט קרים (קירים) — זאָלט איר גיין צוזאמען מיט זיי צו אײַער שויפעט, איך וויל מיט דעם זאָגן: צו אײַער גאָראָדניטשי, ער זאָל זיי געבן א פאספאָרט [צו פאָרן] אין שטאָט קרים (קירים), ווײַל זיי האָבן גענומען [א פאספאָרט צו פאָרן] פונדאנען [פון לויצק. — ל. וו.] ביז טארגאָוויצא. און אויב איר וועט אזוי טאָן, וועלן מיר וויסן, אז מיר האָבן נויסעכיין געווען בא אײַך אין די אויגן און גאָט וועט פילפאכיק פארגרעסערן אײַער פאר־דינסט און וועט אײַך פארלענגערן די טעג אין גוטס און די יאָרן אין אָנגענעמלעכקײַטן. אָט אזוי [גייען ארויס] די ווערטער פון שאָלעם און עמעס פון אונדזער מויל, פון אונדז, קאראִימער, וואָס ווינען אין לויצק, און ביפראט פון די מענטשן, וועמענס נעמען זײַנען געבראכט געוואָרן העכער.

איך פערזענלעך הייב אוף אן אופהייב פון שאָלעם און לעבן פאר אײַער הויכקײַט און בעט אײַך אויספילן דעם ווונטש און די באקאָשע פון דער הייליקער קעהילע.

שאָלעם — זײַן ליכט זאָל לויכטן — דער זון פון מײַן הער און פאָטער — זײַן כאָשעווע הויכקײַט — ארן דעם געבילדעטן, זײַן אָנדענק זאָל זײַן געבענטשט.

איי ניקע באמערקונגען און אויספירן

1. וועגן דעם שרײַבער און אווטאָר פונעם דאָקומענט

אפילע אן אויבערפלעכלעכער פאלעאָגראפישער פאר־גלײַך פון דעם אונטערשריפט פון שאָלעם, דעם זון פון ארן, מיט דעם קסאוו פון ביידע בריוו, פון איין זײַט,



בריוו פון די קאראִימער פון דער שטאָט לויצק צו דער יִדישער קעהילע פון דער שטאָט טארגאָוויצא

און אן אנאליז פון זייער אינהאלט, פון דער צווייטער זײַט, לאָזט ניט קיין אָרט פאר קיין צווייפל, אז ער, שאָ־לעם, איז טאקע דער שרײַבער און אווטאָר פונעם גאנצן דאָקומענט.

ווער עס איז באהאוונט אין דער מיטלאלטערלעכער טקר־פע פון דער העברעיִשער שפראך, ווי אויך אין דער טקר־פע פון דער האסקאָלע־באוועגונג, און איז באקאנט מיט די קונציקע מאנירן פון די שרײַבער פון יענער צײַט, וויִאזויארום אף אן אומדירעקטן אויפן צו פארייביקן די אייגנעמען אין יעטווידער געשריבענער ארבעט זייע־רער, וועט דאָס פון ערשטן אויגנבליק באשטעטיקן. דער ערשטער אבזאץ פונעם ערשטן בריוו הייבט זיך אָן מיט א ש, און דער צווייטער אבזאץ — מיט אן א, וואָס קאָ־רעספאָנדירט מיט דעם אייגננאָמען פונעם אווטאָר (שלום בן אהרן). דער שרײַבער באנוצט זיך מיט דעם וואָרט שאָלעם, ניט נאָר דערפאר, ווײַל שאָלעם איז דאָס באגער־טע וואָרט אין אלע צײַטן, און הויפטזאכלעך אין מאָמענט פון שרײַבן דעם בריוו (וועגן דעם עטוואָס נידעריקער), נאָר ניט אנדערש אויך דערפאר, ווײַל שאָלעם איז דער אייגננאָמען פונעם אווטאָר (פארגל., לעמאָשל: „שלומות רבות ושלימות״ — דער אָנהייב פונעם ערשטן בריוו, אָדער: „הנני מניף תנופת השלום״ אין צווייטן בריוו.

שאָלעם, ארנס זון, שטעלט זיך פאָר פאר דעם לעזער ניט בלויז אלס איינער פון די צענטראלע פיגורן און פיר־שפרעכער פון די קאראִימער, נאָר אויך אלס א געניטער שרײַבער. אים געהערן אלע שליסלען פון די לעקסיקאָ־לישע רײַכטימער פון דער העברעיִשער שפראך. ער איז באהאוונט אין אלע פאָרמען פון ווידמונגען, וואָס זײַנען

[1] ר״ל — רצוני לומר; [2] פרשפורט — אָנשטאָט פשפורט; [3] שי״ן — שיאיר נרו; [4] בלא״א — בן לאדוני אבי; [5] כמ״ע — כבוד מעלתו.

פאַרשפּרייט באַ ייִדן. ער זשאָנגלירט, פּונקט ווי זיי, מיט פאַלשע האַמאָנימען, ער פּילט זיך ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס אין דעם „מליצה־ווײַנגאָרטן“ (זע, למשל, „הרבנים המפורסמים והגאונים ההגונים“).

וואָס שייַך, ווער פון די אונטערגעכאַפּטע אינעם ערשטן בריוו שפּילט די אָנגעזעענסטע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אָרטיקע קאַראַימער, איז דערווײַל שווער צו זאָגן.

2. די דאַטירונג פונעם דאָקומענט

ווי ס'איז געזאָגט געוואָרן, איז דער ערשטער בריוו דאַטירט: „א׳ לסדר בראשית, כ׳ לר״ח תשרי תקנ״ו לפ״ק“. די דאַטע לאָזט זיך פאַרשטיין אַף פאָלגנדיקן אויפן:

א׳ — דער ערשטער אָס פון העברעיִשן אַלעפבייס. זײַן ציפער־באַדײַטונג — 1. „לסדר בראשית“ — לויט דעם סיידער פון דער וועלט־באַשאַפונג. אַזוי־אַרום, „א׳ לסדר בראשית“ — זונטיק (אייגנטלעך, פון שאַבעס־נאַכטס ביז זונטיק אַפּדערנאַכט).

„לר״ח“ — געקירצט פון „לראש חדש“. דאָ האָט גע־זאָלט זײַן ל״ח (=לחדש). „כ׳ ל(ר)״ח תשרי“ — דעם 20־טן אין כוידעש טישרע.

„תקנ״ו לפ״ק“. — תקנ״ו באַטײַט 556 (ת — 400, ק — 100, נ — 50, ו — 6). „לפ״ק“ — איז געקירצט פון „לפרט קטן“. אין דער נאַציאָנאַלער ייִדישער און קאַראַימישער כראָנאָלאָגיע זײַנען אַמערסטן טעטיק די צוויי פאָלגנדיקע פאָרמען: „לפרט גדול“ (געקירצט: לפ״ג) — לויט דער פולער ייִדישער צײַטרעכענונג, ד״ה, אָנגעבנדיק אויך די צאָל טויזנטער, און „לפרט קטן“ (לפ״ק) — לויט דער געקירצטער צײַטרעכענונג, ד״ה, ניט אָנגעבנדיק די צאָל טויזנטער.

אַזוי־אַרום, א׳ לסדר בראשית כ׳ לר״ח תשרי תקנ״ו לפ״ק“ באַטײַט: זונטיק, 20־טער טאָג אין טישרע פון יאָר 556 לויט דער געקירצטער (אָדער 5556 יאָר לויט דער פולער) צײַטרעכענונג. די דאַטע אַנטשפּרעכט דעם 3 אָק־טיאַבער 1795.

דער צווייטער בריוו האָט ניט קיין דאַטע, נאָר ס'איז ניטאָ קיין שום סיבה צו צווייפלען אין דעם, אַז דער דאָ־זיקער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן גלײַך נאָך דעם ערשטן בריוו, ד״ה, אויך דעם 3 אָקטיאַבער 1795.

קעדיי ווי געהעריק אָפּשאַצן די אָנגעשטרענגטע לאַגע, וואָס האָט געהערשט צו יענער צײַט אין דער געגנט, וווּ די בריוו זײַנען געשריבן געוואָרן, איז נייטיק אונטער־צושטרײַכן, ערשטנס, אַז לויצק און טאַרגאָוויצאַ זײַנען אַריבערגעגאַנגען אין רעשוס פון דער רוסישער אימפּעריע נאָך דער צווייטער פאַנאַנדערטיילונג פון פּוילן (1793) און, צווייטנס, אַז אָקטיאַבער 1795 איז געווען דער זעלבער כוידעש, ווען עס איז פאָרגעקומען די דריטע און ענדגילטיקע פאַנאַנדערטיילונג פון „זשעטש פּאָספּאָליטאַ“ (ד״ה. פּוילן).

3. וועגן די אָרטשאַפטן, וואָס ווערן דערמאָנט אינעם דאָקומענט

די שטאָט לויצק

לויצק — אַזוי הייסט די שטאָט אין ייִדיש. איר אָפיציעלער נאָמען אין רוסיש און פּויליש — לוצק, און אין אונדזער דאָקומענט — „לוצקא“. לויצק איז באַוווּסט מיט איר ייִדישן און קאַראַימישן ייִשוּווים שוין פון 15־טן יה., אויב ניט פריִער. די אַנטשטייונג פון דעם קאַראַימישן ייִשעוו אין דער שטאָט איז ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון די קאַראַימער פון קרים. עס איז באַוווּסט דער היסטאָרישער פאַקט, אַז צום סאָף פון 14־טן יה. האָט דער ליטווישער גרויספירשט וויטאָווט (וויטאָלד, אַלעקסאַנדער, 1388—1430) אַריבערגעפירט פיל קאַראַימער, וואָס האָבן געלעבט אין קרים, אין דער שטאָט טראָקי (ווילנער גובערניע), פונוואַנען אַ טייל פון זיי איז מיט דער צײַט אַריבערגעפאָרן און זיך באַזעצט אין לויצק (וואָלינער גובערניע). לויט דער פאָלקסציילונג פון 1789, האָבן אַף דער ייִדישער גאַס אין לויצק זיך געפונען 68 הײַזער, דרײַ שולן און אַ קראַנקן־הויז, און אַף דער קאַ־ראַימער גאַס — 25 הײַזער און איין שול. עס איז אויך באַוווּסט, אַז צו דער צײַט, ווען לויצק איז אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין דער רוסישער אימפּעריע (1793), איז די שטאָט געווען הויפּטזאַכלעך באַזעצט דורך ייִדן און קאַ־ראַימער. בלויז 50 הײַזער האָבן דאַן געהערט אין לויצק צו מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן.

די שטאָט טאַרגאָוויצאַ

די שטאָט טאַרגאָוויצאַ (אין אונדזער דאָקומענט: „טרגוויצא“) געפינט זיך צו דאָרעם־מיזרעך פון לויצק און האָט אַ לענגערע צײַט געהערט צו לויצקער ראַיאָן (פּאָ־וויאַט). עס איז באַוווּסט, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אין 1765 געציילט דאָרט 410 מאַן. וועגן אַ קאַראַימישן ייִשעוו אין דער שטאָט זײַנען ניטאָ קיין שפּורן.

קרים

וואָס שייַך „עיר קרים“, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דאָקומענט, איז איינס פון די ביידע: אָדער עס רעדט זיך וועגן דער שטאָט עסקי (אַלט) קרים, אָדער וועגן קרי־מער האַלב־אינדזל אין אַלגעמיין.

כאָטש די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פון דער ווענדונג, וואָס אונדזערע בריוו אַנטהאַלטן, איז ניט באַוווּסט, איז קעדײַ זיך אָפּשטעלן אַף צוויי אומשטרײַטבאַרע אויספירן.

ערשטנס. מיט דעם אײַנשליסן געוויסע טעריטאָריעס צו דער רוסישער אימפּעריע (אין אונדזער פאַל, נאָך דער צווייטער פאַנאַנדערטיילונג פון פּוילישן רײַך) האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אַ טייל פון אירע „פרישע“ בירגער (אין אונדזער פאַל: די קאַראַימער פון לויצק) נײַע מעגלעכ־קײַטן, וועלכע מע האָט געסטאַרעט זיך אויסנוצן אַף צו שליסן באַקאַנטשאַפט און אָנקניפּן באַציִונגען מיט „אַלטע“ בירגער פונעם לאַנד (אין אונדזער פאַל: מיט די קאַראַימער פון קרים).

צווייטנס. דער דאָזיקער דאָקומענט לייקנט אָפּ די ווער־סיע, אַז צווישן ייִדן און קאַראַימער האָבן געהערשט סינע (אין אַ קינסטלערישער פאָרם איז דאָס באַשריבן אין עליזע אָזשעסקעס ראָמאַן „מייער יוזעפאָוויטש“) און קינע (וואָס האָט געקאָנט, למשל, אַרויסדרינגען אַלס רעזול־טאַט פון דער פאַרשיידענער שטײַערן־סיסטעם פאַר ייִדן און קאַראַימער, וועלכע איז געווען אײַנגעפירט אין יענע געביטן דורך די דעמאָלטיקע מאַכט־אָרגאַנען).

דאָס איז קונסט

די דאמקעס־שפּיל איז ברייט באקאנט. אין דאמקעס שפּילן יונג און אַלט. איינער פון מײַנע יונגע קאָרעספּאָנדענטן — א דאמקעס־שפּילער — האָט מיר געשריבן: „ווען דו לייזט א שווערע אופגאבע אין דער שפּיל, שפּירסטו גרענעצלאָזע פרייד, ווי ס'וואָלט געטראָפן א גרויס גליק".

דער דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע און מאטעמאטישע וויסנשאפטן עמאנויל לאסקער, וואָס האָט אין מעשעך פון זיבן און צוואנציק יאָר געטראָגן די שאָך־קרוין, האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט אזוי: „די דאמקעס־שפּיל איז די מוטער פון דער שאָך־שפּיל, און א מוטער איז זי א ווירדיקע".

פונדעסטוועגן גרילצט אָפט אין די אויערן די ביטלבאצי̇ונג פון פיל מענטשן צו דער דאמקעס־שפּיל. „אויך מיר א שפּיל — דאמקעס! די שאָך־שפּיל, — זאָגן זיי, — אָט דאָס איז א יעש!". קאָמישער פון אלץ, וואָס אזעלכע רייד הערן מיר גראָד פון מענטשן, וועלכע הייבן נישט אָן צו פארשטיין אין די ביידע שפּילן — ניט אין דער שאָך־שפּיל, ניט אין דער דאמקעס־שפּיל.

די דאמקעס־שפּיל איז אופגעקומען נאָך אין טיפן אלטערטום. די עגיפּטישע פאראאָנען, ווי באוווּסט, האָבן געבויט שיינע פּיראמידעס, אף וועלכע די מענטשהייט קוקט מיט פארגאפונג נאָך ביז איצט. געבויט האָבן זיי מיט די הענט פון שקלאפן. די פאראאָנען אליין און זייערע הויכגעשטעלטע סראָרעס האָבן ניט געוווּסט, ווו אהינצוטאָן זייער פרײַע צײַט, האָבן זיי געשפּילט אין דאמקעס. מיר וועלן ניט האָבן קיין טאָעס, אויב מיר וועלן זאָגן, אז די ערשטע דאמקעס־שפּילער זײַנען געווען דער פּאַרע מעלעך מיצראַי̇ם טעטו און זײַנע מעקוראָווים קאַבין און מערקנער.

בײַס די אויסגראָבונגען אפן באַרימטן „פּיראמידעפעלד" האָט מען געפונען דעם קייווער פונעם הויכן באאמטן קאבין. די פרעסקעס אף די ווענט פונעם קייווער באווײַזן, אז קאבין האָט פארבראכט זײַן צײַט אין פישפאנג, יאגד און — דאמקעס־שפּיל.

טעטו האָט געקיניגט מיט 2700 יאָר ביז אונדזער צײַטרעכענונג. דערפון איז געדרונגען, אז די דאמקעס־שפּיל איז אלט בערערך 5000 יאָר. זי איז געווען גוט באקאנט אין פארצײַטיקן רוים. דאָ האָבן צום ערשטן מאָל זיך באוויזן די דאמקעס־ברעטלעך, וועלכע זײַנען צעטיילט אין קוואדראטן. די רוימער האָבן גערופן די דאמקעס־שפּיל לאטראנקולן און האָבן זי געהאלטן פאר א מיליטערישער שפּיל.

די אויסגראָבונגען פון דער ארכעאָלאָגישער עקספּעדיציע פון דער אוקראַי̇נישער וויסנשאפט־אקאדעמיע אין 1952 האָבן פעסטגעשטעלט, אז אף דער טעריטאָריע פון אונדזער לאנד איז די דאמקעס־שפּיל געווען באוווּסט נאָך אין III—IV יה.

אין מיטלאלטער האָט די דאמקעס־שפּיל געהייסן אין רוסלאנד טאוולייען. די פאָלקסמאסן האָבן זייער ליב געהאט די טאוולייען, נאָר דער קלער האָט די שפּיל שטרענג פארבאָטן ווי א גאָטלעסטערנדיקע. דער האמוין האָט זיך ניט גערעכנט מיטן פארבאָט און מאסנווײַז געשפּילט אין טאוולייען, ביז די גאלאָכים האָבן אליין ביגנייווע אָנגעהויבן אונטערשפּילן.

עס עקזיסטירן אָן א שיר סיסטעמען פון דאמקעס־שפּיל. קימאט יעדעס פאָלק שפּילט אף זײַן אויפן. פאראן איטאליענישע דאמקעס, דײַטשישע, ענגליש־אמעריקאנישע, שפּאנישע, קאנאדישע, טערקישע... עס זײַנען באוווּסט די אפריקאנישע דאמקעס — „מאנקאלא", די יאפּאָנישע „גאָ" (אָדער די כינעזישע „ווײ־בי") און נאָך און נאָך. לעצטנס זײַנען געוואָרן פארשפּרייט די גרויסע פּוילישע דאמקעס — 100־קוואדראטע (די שפּילברעט באשטייט פון 100 קוואדראטע צעלעכלעך). אין די קליינע פּוילישע דאמקעס שפּילט מען אויך לויט די קלאָלים פון די 100־קוואדראטע, נאָר אף א ברעטל, ווו עס זײַנען אָנגעמאָלט 64 קוואדראטן.

אין דער שאָך־שפּיל האָט דער אוניפיקאציע־פּראָצעס זיך שוין לאנג פארענדיקט. אין דער דאמקעס־שפּיל הייבט ער זיך ערשט אָן.

אין 1947 איז געגרינדעט געוואָרן די אלוועלטלעכע דאמקעס־פעדעראציע. איר אופגאבע איז פארשפּרייטן די סיסטעם פון 100־קוואדראטע דאמקעס, דורכפירן טורנירן און מאטשן. אין דער אלוועלטלעכער פעדעראציע זײַנען איצט פאראייניקט די פעדעראציעס פון צוואנציק לענדער. די 100־קוואדראטע דאמקעס הייסן הײַנט אינטערנאציאָנאלע. אָבער עס לעבן און עס זײַנען פארשפּרייט אויך די נאציאָנאלע סיסטעמען. אלץ פּאָפּולערער ווערט די סאָוועטישע דאמקעס־סיסטעם. פּאָריקן זומער האָט א גרופּע אמעריקאנער דאמקעס־שפּילער געהאט א באגעגעניש מיט די מײַסטערס פון מאָסקווע, לענינגראד און טאלין. געזיגט האָבן די סאָוועטישע דאמקעס־שפּילער, אָבער אויך פיל אמעריקאנער מײַסטערס (דעריקער נעגערס) האָבן באוויזן א הויכן שפּיל־קלאס. זייער פארשפּרייט איז די רוסישע דאמקעס־סיסטעם אין בראזיליע.

דער דאמקעס־שפּיל האָבן געשענקט א טייל פון זייער פרײַער צײַט ניט ווייניק אָנגעזעענסטע דענקער. וויל־העלם ליבקנעכט דערציילט, אז קארל מארקס, ווען ער האָט זיך געפונען אין לאָנדאָן, האָט אָפט געשפּילט אין דאמקעס, דערבײַ האָט ער זיך „אזוי פארפולקומט אין דער שפּיל, אז עס איז געווען זייער שווער צו געווינען בא אים".

דער גרויסער פּוילישער דיכטער אדאם מיצקעוויטש האָט געשאפן א פּאָעמע מיטן נאָמען „דאמקעס". דער באוווּסטער אמעריקאנער פיזיקער און מעלוכע־טוער פראנקלין האָט געזאָגט: „דעם מענטשנס לעבן — דאָס איז א מין דאמקעס־שפּיל". ער האָט געהאלטן, אז דאמקעס אנטוויקלען די ווײַטזיכטיקײַט און פאָרזיכטיקײַט, דעם סייכל בא דעם מענטשן.

זשאן זשאק רוסאָ, וואָס איז געווען א גרויסער מײַסטער אין דער דאמקעס־שפּיל, האָט אמאָל געזאָגט: „די געטן מינערווא איז ניט צו אלעמען ברייטהארציק... די קלאָלים פון דער דאמקעס־שפּיל זײַנען פּראָסט, ווי דער טויט, אָבער די שפּיל עקזיסטירט, קעדיי צו געבוירן א געני!".

די דאמקעס־שפּיל האָבן ליב געהאט לעוו טאָלסטאָי און טשארלז דארווין, בעלינסקי, שאָלעם־אליכעם, גאָגאָל, שאָפּען, וואָלטער.

אין זײַן קלאסישן בוך „מילכאָמע און פרידן" פארגלײַכט טאָלסטאָי קוטוזאָווס סטראטעגיע מיט דער דאמקעס־שפּיל.

אז לענין האָט ליב געהאט צו שפּילן אין שאָך, איז גוט באַוווּסט. אים איז אָבער אויך ניט פרעמד געווען די דאמקעס־שפּיל.

לענינס שוועסטערקינד נ. ווערעטעניקאָוו שרייַבט אין זייַנע זיכרוינעס: „וואָלאָדיע פלעגט זיך באַציִען צו אַלע שפּילן מיט טיפן ערנסט. ער האָט ניט ליב געהאט קיין לייַכטע זיגן“. אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז פאַראַן אין ווערעטעניקאָווס זיכרוינעס וועגן לענינס קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין קאָקושקינאָ: „בעוורע האָט געלייענט הויך גאָגאָלס דערציילונג «Вий». דער גימנאַזיסט פּעטיע אַלעקסייעוו, וואָס איז געווען צוגאַסט אין קאָקושקינאָ, האָט זיך דערפילט שרעקלעך ניט גוט. צוערשט האָט מען פון אים געלאַכט. נאָר ווען וואָלאָדיע האָט דערזען, אַז אַלעקסייעוו האַלט זיך קוים אייַן פון אויסברעכן מיט אַ געוויין, האָט ער געזאָגט:

— ניין, אַזוי שפּאַסן טאָר מען ניט. מיר האָבן אומזיסט אויסגעטראַכט אַזאַ צייַט־פאַרטרייַב... לאָמיר בעסער שפּילן אויף צוויי ברעטלעך אין דאמקעס, און די, וואָס וועלן געווינען, וועלן שפּילן צווישן זיך“.

די געשיכטע פון דער דאמקעס־שפּיל ווערט וויסנשאַפטלעך געפאָרשט מיצד געלערנטע פון פאַרשיידענע לענדער, עס זייַנען באַוווּסט די ווערק פונעם פראַנצויז בעקדע־פוקיער, פונעם דייַטש לינדע, פון די ענגלענדער מעריי און קינג, פונעם רוסישן פאָרשער סאַרגין. דאַוויד איוואַנאָוויטש סאַרגין האָט אין 1915 פאַרעפנטלעכט אַ פונדאַמענטאַל וויסנשאַפטלעך ווערק „ווי אַלט זייַנען די שאָך־ און דאמקעס־שפּילן“.

אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט אין רוסלאַנד זיך באַוויזן אַ גאַנצע פלעיאַדע טאַלאַנטפולע דאמקעס־שפּילער. דאָס איז קוידעמקאָל דער געניאַלער מייַסטער אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש שאָשין (1878—1906). ווייַטער דאַרפן אָנגערופן ווערן סערגיי אַנדרייעוויטש וואָראָנצאָוו, וואָס איז 23 יאָר געווען טשעמפּיִאָן פון רוסלאַנד, פיאָדאָר אַלבערטאָוויטש קאַוולען — איינער פון די שטאַרקסטע פּראַקטיקער, דער פאָלקאָווניק פון אַרטילעריע ניקאָלייַ ניקאָלייַעוויטש פּאַנקראַטאָוו — אַ טיפּזיניקער פאָרשער פון דער ענדשפּיל.

דער פּעדאַגאָג פון דער קיִעווער גימנאַזיע פּאַוועל ניקאָלייַעוויטש באָדיאַנסקי (1857—1922) פלעגט קימאַט זייַן גאַנצן פאַרדינסט אויסגעבן אויף דאמקעס. ער פלעגט אין דער פרייַער צייַט אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און באַקאַנען מיט דער שפּיל די אָרטיקע ליבהאָבער, אָפּקלייַבן די שטאַרקסטע פון זיי און דורכפירן אַלרוסלענדישע טורנירן. אַזעלכע טורנירן האָט ער דורכגעפירט פינף (דערונטער איינעם דורך פּאָטשט). פון 1897 ביז 1901 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „שאַשקי“ („דאמקעס“).

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די דאמקעס־שפּיל אין פולן זין פון וואָרט אויפגעבליט. מע האָט זי אָנגעהויבן קולטיווירן אין די אַרבעטער־קלובן, פּיִאָנערן־הייַזער, אין שטאָט און אין דאָרף. שוין אין 1924 איז אין מאָסקווע, אין קאָלאָנען־זאַל פון דעם פאַרייניגן־הויז, דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער טשעמפּיִאָנאַט פון לאַנד. פאָריקן יאָר איז געשפּילט געוואָרן דער XXX טשעמפּיִאָנאַט לויט רוסישע דאמקעס און דער XVI טשעמפּיִאָנאַט לויט די 100־קוואַדראַטע דאמקעס.

אין די דרייַסיקער יאָרן האָט אויפן דאמקעס־האָריזאָנט זיך באַוויזן דער גרויסער מייַסטער וואַסילי סאָקאָוו. זייַן שעפערישער, עכט רעוואָליוציאָנערער צוגאַנג צו די פּרינציפּן פון דער דאמקעס־שפּיל שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצע עפּאָכע. מע מעג דרייסט זאָגן, אַז די דערפאָלגן, וועלכע אונדזערע דאמקע־מייַסטערס האָבן אָפּגעהאַלטן אויף דער ספּאָרטיווער וועלט־אַרענע (אָנהייבנדיק פונעם 1958 געפינט זיך די דאמקעס־קרוין אָן איבערייַס אין סאָוועטנפאַרבאַנד), זייַנען אין אַ געוויסער מאָס מעגלעך געוואָרן אַדאַנק סאָקאָווס אַרבעטן אין געביט פון דאמקעס־שפּיל אויף דער 64־קוואַדראַטער ברעט.

וואַסילי סאָקאָוו איז אין 1944 אומגעקומען אין דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 32 יאָר.

אין 1953 האָבן זיך בייַ אונדז אין לאַנד אָנגעהויבן קולטיווירן די 100־קוואַדראַטע דאמקעס. גוטע רעזולטאַטן האָבן אין דעם פּראַט דערגרייכט זינאָווי ציריק (כאַרקאָוו), די קיִעווער שפּילער מאַראַט קאָגאַן, וולאַדימיר קאַפּלאַן, איסער קופּערמאַן, דער לענינגראַדער פּיאָטער סוויאַטאָי און אייניקע אַנדערע מייַסטערס. אינעם ערשטן אינטערנאַציִאָנאַלן טורניר, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1956 אין מאָסקווע מיטן אָנטייל פונעם געוועזענעם וועלט־טשעמפּיִאָן בען שפּרינגער, האָט דעם זיג אָפּגעהאַלטן מאַראַט קאָגאַן. אין די ווייַטערדיקע שפּילן איז אויפן ערשטן אָרט אַרויס איסער קופּערמאַן.

איסער קופּערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1922. ייִנגלווייַז איז ער געווען זייער וויסנגיריק און האָט זיך ערנסט פאַרינטערעסירט מיט דער שאָך־שפּיל. אין קיִעווער פּיִאָנערן־פּאַלאַץ האָט ער פאַרפולקומט זייַן מייַסטערשאַפט אונטער דער אָנפירונג פון אַלעקסאַנדער קאָנסטאַנטינאָפּאָלסקי (איצט פאַרדינסטפולער טרענירער פון פסםר). איינמאָל איז קופּערמאַן צופעליק אַרייַן אין אַ זאַל, וווּ דער באַרימטער טרענירער סעמיאָן נאַטאָוו (געפאַלן מיט אַ העלדנטויט אין די שלאַכטן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע) האָט דעמאָנסטרירט אַ דאמקעס־קאָמבינאַציע. דער יונגער איסער איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דער קאָמבינאַציע, אַז ער האָט באַשלאָסן: „פון הייַנט אָן — אויס שאָך! איך פאַרנעם זיך נאָר מיט דאמקעס!“ און צו 18 יאָר האָט ער באַקומען דעם טיטל ספּאָרט־מייַסטער. ער האָט ניט איין מאָל געווונען דעם ראַנג טשעמפּיִאָן פון פסםר. צו 36 יאָר איז קופּערמאַן געוואָרן אינטערנאַציִאָנאַלער גרויסמייַסטער לויט 100־קוואַדראַטע דאמקעס.

אין 1958 איז אין נידערלאַנדן (האָלאַנד) פאָרגעקומען אַ טורניר פון די פּרעטענדענטן אויף אַ מאַטש מיטן דעמאָלטיקן וועלט־טשעמפּיִאָן, דעם קאַנאַדער גרויסמייַסטער מאַרסעל דעלאָריע. צום ערשטן מאָל האָט אין אַזאַ פאַרמעסטונג אָנטיילגענומען אַ פאָרשטייער פון פסםר. דאָס איז געווען דער קיִעווער אינזשעניער איסער קופּערמאַן. אינעם טורניר האָט ער מיט דערפאָלג פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. דער מאַטש מיטן וועלט־טשעמפּיִאָן איז פאָרגעקומען אין זעלבן יאָר. די ערשטע פּאַרטיע האָט געווונען קופּערמאַן, די צווייטע דעלאָריע. דערנאָך איז אַוועק אַ נאָכאַנאַנדיקער רעמי. די וואָגשאָל האָט זיך געוואַקלט. דעם טיטל וועלט־טשעמפּיִאָן האָט געווונען איסער קופּערמאַן (מיטן כעזשבן 11:9). אין אַ יאָר אַרום האָט אויף אָט דעם טיטל פּרעטענדירט דער האָלענדישער גרויסמייַסטער ג. וואַן דייק. איסער קופּערמאַן איז בייַגעקומען אויך דעם דאָזיקן קעגנער.

1960. עס קומט פאָר דער גרויסער אָלימפּישער טורניר. דעם טיטל וועלט־טשעמפּיִאָן געווינט דאָס מאָל וויאַטשעסלאַוו שטשעגאָליעוו פון מאָסקווע. אויף אַ האַלב אייגל

שטייט פון אים אָפ דער אפריקאנער גרויסמײַסטער באבא סי (פון סענעגאל), נאָך אף א האלב אייגל — קופערמאן.

אָבער אין א יאָר ארום קערט זיך די קרוין אום צו איסער קופערמאנען.

אינעם גרויסן אָלימפישן טורניר פון 1964 איז אלס זיגער ווידער ארויס וויאטשעסלאוו שטשעגאָליעוו. אינעם מאטש פון 1965 האָט איסער קופערמאן צוריק געוווּנען די קרוין, דערבײַ מיט אן אומדערהערטן דערפאָלג: ער האָט דעראָבערט קימאט אין צוויי מאָל מער אייגלעך, איידער זײַן קעגנער (13:7).

אף דעם פרעטענדענטן־טורניר פון 1966 אין דער פראנצויזישער שטאָט אלעס האָט אפן האָריזאָנט זיך צעשײַנט א נײַער שטערן פון דער דאמקעס־שפיל — אנדריס אנדרייקאָ פון ריגע. באזיגט דעם שטארקסטן שפילער פון מײַרעוו טאָני סייבראנדס (נידערלאנדן) און שטשעגאָליעוו, האָט ער ארויסגערופן אף א פארמעסט קופערמאנען. דער מאטש איז פאָרגעקומען סאָף 1967 — אָנהייב 1968. קופערמאן האָט ווידער געזיגט מיטן כעזשבן 11:9.

אין 1968 — א נײַער אָלימפישער טורניר. אפן ערשטן אָרט גייט ארויס אנדרייקאָ, אפן צווייטן אָרט — קופערמאן. אין 1969 האָט אינעם מאטש צווישן זיי דעם זיג אָפגעהאלטן אנדרייקאָ. עס האָט זיך געדוכט, אז קופערמאנס טריִומף־מארש האָט זיך שוין פארענדיקט אף שטענדיק. נאָר יענע, וואָס קענען איסער קופערמאנען, האָבן אזוי ניט געטראכט. און זיי האָבן קיין טאָעס ניט געהאט. קופערמאן האָט באשלאָסן אָנטיילנעמען אינעם פרעטענדענטן־טורניר פון 1970, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנטע־קארלאָ. אין עלטער פון 48 יאָר האָט ער אָפגעהאלטן א נײַעם זיג — געוווּנען בא די שטארקסטע גרויסמײַסטערס פון דער וועלט (בא טאָני סייבראנדס, באם טשעמפיאָן פון פססר אנאטאָלי האנטווארג און בא אנדערע). איצט שטייט אים פאָר א נײַער מאטש מיט אנדרייקאָן. דער מאטש וועט פאָרקומען היאָר אין מאָסקווע.

איסער קופערמאן וועט ארײַן אין דער געשיכטע פון דער דאמקעס־שפיל אלס איינער פון די אָנגעזעענסטע סטראטעגן און פסיכאָלאָגן.

בא אונדז אין לאנד באטייליקן זיך איצט אין דער דאמקעס־שפיל ארום 5 מיליאָן ליבהאָבער. 12 פון זיי טראָגן דעם העכסטן טיטל — גרויסמײַסטער. מיטן טיטל ספאָרט־מײַסטער זײַנען באערט ארום 600 סאָוועטישע דאמקעס־שפילער. די צאָל קאנדידאטן פאר מײַסטערס און שפילער פון דער ערשטער מאדרייגע באטרעפט צענדליקער טויזנטער.

צום שלום ווילט זיך זאָגן א פאָר ווערטער וועגן דער אינטערעסאנטער ארבעט פונעם טאשקענטער מאטעמאטיקער וולאדימיר טשיקול. פאראן, ווי באוווּסט, אזא וויסנשאפט, וואָס איז נעגייע די פראָצעסן און קלאָלים פון שאפונג, — עווריסטיק. די דאָזיקע וויסנשאפט איז שוין אלט הונדערטער יאָר. ווען עס האָבן זיך באוויזן די עלעקטראָנישע רעכענונגס־מאשינעס, זײַנען מעגלעך געוואָרן מער אלזײַטיקע און טיפע פאָרשונגען. אלס בעסטע מאָדעל, וואָס אימיטירט דעם שעפערישן אקט פון דענקען, זײַנען געוואָרן די אינטעלעקטועלע שפילן. אָבער ביז דער לעצטער צײַט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו שאפן א פולקומען אלגאָריטם[1] פאר אן אינטעלעקטועלער שפיל.

וו. טשיקול האָט געשאפן אן אוניווערסאלע עווריסטישע שפיל־פראָגראם, אויסנוצנדיק אלס מאָדעל די רוסישע סיסטעם פון דאמקעס־שפיל. די שפיל־קלאָלים קאָנען זיך ענדערן: מע קאָן אויסנוצן אלס מאָדעל די שאָך־שפיל, פרעפעראנס אָדער אן אנדער אינטעלעקטועלע שפיל.

פרינציפיעל קאָן מען טשיקולס מעטאָד זיך פאָרשטעלן אזוי: די עלעקטראָנישע רעכענונגס־מאשין קלײַבט איבער אלע וואריאנטן פון דער שפיל און זוכט אָפ די בעסטע גענג, וועלכע דארפן ברענגען צו אן אָפטימאלער סיטואציע. אָבער קיין איין רעכענונגס־מאשין, ווי שנעל זי זאָל ניט ארבעטן, וועט ניט קאָנען אנאליזירן די מיליארדן מעגלעכע וואריִאנטן, וועלכע זײַנען נייטיק, קעדיי דערגרייכן כאָטש א מיטעלע, ניט די בעסטע שפיל.

— און דער מענטש, — קאָן מען פרעגן, — קאָן יאָ אנאליזירן בײַס דער שפיל מיליארדן וואריאנטן?

פארשטייט זיך, אז ניט! דער מענטש אָבער פארמאָגט די וווּנדערלעכע פייִקײַט ניט צו באמערקן בעפיירעש „נארישע" גענג. נאָר דאָס איז שוין שאפונג, דאָס איז קונסט. ווי קאָן מען אויסלערנען דאָס א מאשין?

ווײַטער. די קלאָלים פון דאמקעס־שפיל זײַנען זייער איינפאכע. עס קענען זיי מאמעש אלע, אפילע קליינע קינדער. פונדעסטוועגן ווייסן מיר, אז א גאנץ קליינע צאָל מענטשן זעט אף אן עמעס די שפילברעט, — זעט און פארשטייט אלץ, וואָס עס קומט פאָר און וואָס עס קאָן פאָרקומען בײַס דער שפיל. די גרעסטע צאָל מענטשן זעט בלויז דאָס, וואָס ליגט אף דער שפילברעט אויבנוף, און אפילע נאָך ווייניקער. איז ווי קאָן מען אויסלערנען א מאשין צו „זען" דעם אינערלעכן טאָך פון דער שפיל?

טשיקולן גיט זיך דאָס יאָ אײַן. וויִאזוי? — קעדיי דאָס צו פארשטיין, דארף מען שוין דורכשטודירן א סאך לערנביכער, ניט נאָר וועגן דאמקעס, נאָר אויך וועגן קיבערנעטיק. אונדזער אופגאבע איז געווען בלויז דערווײַזן, אז גערעכט איז דער אוראלטער גריכישער פילאָסאָף פלאטאָן, וואָס האָט געזאָגט, אז דאמקעס פאָדערן ניט בלויז קענען שפילן, נאָר אויך א גרויסן סכום וויסן, דה. — ווען מיר צוגעבן — עס פאָדערט זיך, אז דער שפילער זאָל פארמאָגן די פייִקײַט צו דענקען שעפעריש, ער זאָל פארמאָגן א טאלאנט פון א טיפזיניקן קינסטלער, ווײַל די דאמקעס־שפיל — דאָס איז עכטע קונסט.

---

[1] אָדער אלגאָריפם — א סיסטעם פון קלאָלים, וועלכע גיבן די מעגלעכקײַט צו לייזן וועלכע־ניט־איז מאטעמאטישע פראגע, ווען מע פירט דורך אין א שטרענג אײַנגעשטעלטער אָרדענונג באשטימטע אויסרעכענונג־אָפעראציעס.

גרויסמײַסטער בינימין גאָראָדעצקי,

עקס־טשעמפיאָן פון פססר לויט דער דאמקעס־שפיל.

עס ווערט פּאָגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט אָנגעהויבן

מע באַפאַלט זיי, נעבעך...

(„דזשויִש דעפענס ליג“ — וואָס איז עס?“ — „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 12, 1970).

מיט א פּאָר וואָכן צוריק איז די פּאַריזשער אנטיסאָוועטישע צײַטונג „אונדזער וואָרט“ ארויס מיט א גוואלד: „סאָוועטיש היימלאנד“ באפאלט „אונדזער וואָרט“!“. אזוי האָט עס געהייסן אין קעפּל, און אין טעקסט לייענען מיר:

„אין דעקאבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ שרײַבט שלוימע ראבינאָוויטש, אז „לויט „אונדזער וואָרט“ קומט אויס, אז די שלעגער פון „דזשויִש דעפענס ליג“ זײַנען די פײַנסטע מענטשן און אז זייער אקטיוויטעט באשטייט אין... לאָזן הערן דעם „קויל קויל יאנקעוו“ און אין „טאָן אוועקשטעלן פרידלעכע פּיקעטן“ (אזוי הייסט בא „אונדזער וואָרט“ די כוליגאנישע אנטיסאָוועטישע מאַניפעסטאציעס פון די לײַט פון דער ליגע)“.

וואָס זשע ענטפערט אף דעם „אונדזער וואָרט“? קוידעמקאָל לייקנט זי שטיין און ביין, ארויסשטעלנדיק דערבײַ א פּאָנעם ווי יענער טאם פון דער האגאָדע: „פונוואַנען, — זאָגט זי, — „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט גענומען אזעלכע ציטאטן אין „אונדזער וואָרט“, איז א רעטעניש...“

קורץ: די צײַטונג האָט, הייסט עס, קיינמאָל אזוינס ניט געשריבן, און אלץ איז מיקלוימערשט אויסגעטראכט...

און קעדיי דער לייענער זאָל נאָך מער זײַן איבערצײַגט, אז אזוי איז עס טאקע, גייט גלײַך „אונדזער וואָרט“ אריבער אין אטאקע און הייבט אָן „דערלאנגען“ ווי זי קאָן: דער טאם ווערט מיטאמאָל פארוואנדלט אין א ראָשע, וואָס נעמט זידלען דעם מעכאבער פון „סאָוועטיש היימלאנד“, אז ער איז א „געניטער קנעכט“ און אז אלס אזעלכער באנוצט ער „געפעלשטע ציטאטן“.

נאָך אזא פּאָרציע קאָן שוין, דאכט זיך, מער קיין סאָפעק ניט בלײַבן, אז „אונדזער וואָרט“ איז גאָט די נעשאָמע שולדיק און אז מע האָט אויסגעטראכט א בילבל...

אין דערווירקלעכקײַט אָבער ווײַזט זיך ארויס, אז די דערמאָנטע ציטאטע, וואָס „אונדזער וואָרט“ באצייכנט אלס „פעלשונג“, איז ניט בלויז ריינער עמעס, נאָר איז נאָך ווײַט צו מילד אין פארגלײַך מיט דעם, וואָס די צײַטונג האָט געשריבן וועגן דער „ליגע“.

אָט האָט איר בלויז אייניקע זאצן פונעם ארטיקל פון סענטיאבער 1970, אונטערגעשריבן פון נ. זילבערבערג — פון דעם ארטיקל, אף וועמענס סמאך „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט געמאכט די אויבנדערמאָנטע באמערקונגען:

„דאָס אמעריקאנער ייִדנטום (!) האָט געשאפן א ייִדישע פארטיידיקונגס־ליגע... אין אמעריקע האָט דער „קויל קויל יאנקעוו“ גענומען אויסשרײַען זײַן וויי־געשריי... די דאָזיקע פארטיידיקונג־ליגע טוט אוועקשטעלן פרידלעכע פּיקעטן (!) אנטקעגניבער די סאָוועטישע הײַזער אין וואשינגטאָן און אין ניו־יאָרק (...), אָדער זיי האָבן אײַנגעאָרדנט טרויער־מאניפעסטאציעס (...) מיט עפנטלעכע טפילעס פון רעליגיִעזן כאראקטער“...

און ווײַטער:

„...איר שטילער פּראָטעסט (פון דער „ליגע“, הייסט עס. — ס. י.) איז אָפּטמאָל שרײַענדיקער און שטארקער פון די סאמע מעכטיקע מעגאפאָנען. דער האקויל קויל יאנקעוו האָט איצט גענומען לאָזן זיך הערן וואָס אמאָל שטארקער...“ אאוו.

אזוי האָט „אונדזער וואָרט“ געשריבן וועגן דער „ליגע“ שוין נאָכדעם, ווי יענע האָט זיך אזוי טרויעריק בארימט געמאכט מיט אירע כוליגאנישע מײַסים. וויִאזוי קאָן מען נאָך דעם אלעמען מאכן א צניִעסדיקע מינע און זאָגן, אז ס'איז א „רעטעניש“, פונוואנען „סאָוועטיש היימלאנד“ האָט גענומען די אויבנדערמאָנטע ציטאטן? וויִאזוי קאָן מען האָבן די כוצפּע צו פארשרײַען אלס „שווינדלערדי, וואָס האָבן טרײַ — און ווי געזאָגט: אפילע מילד — איבערגעגעבן, וואָס „אונדזער וואָרט“ האָט געשריבן?

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. ס'איז פאראן אין דער געשיכטע נאָך א טשיקאווער פּראט, וואָס כאראקטעריזירט „אונדזער וואָרט“ און אירע מעטאָדן.

פאקטיש איז דאָס, וואָס שלוימע ראבינאָוויטש דערמאָנט אין „סאָוועטיש היימלאנד“ — איבעריקנס, בלויז פארבײַגייענדיק, אלס קליינע איליוסטראציע אין א לענגער ארטיקל וועגן דער „דזשויִש דעפענס ליג“, — דאָס איז שוין געווען געשריבן אין דער „נײַע פּרעסע“ נאָך פאר 5 כאדאָשים צוריק — גענוי דעם 4 סענטיאבער. דער מעכאבער פונעם ארטיקל אין „סאָוועטיש היימלאנד“ פארופט זיך טאקע אף דער „נײַע פּרעסע“ און ציטירט זי. ס'איז אומעגלעך, אלזאָ, אז „אונדזער וואָרט“ זאָל עס ניט האָבן באמערקט, און לאָגישערהייט וואָלט זי צוגלײַך מיט „סאָוועטיש היימלאנד“ דאָך געדארפט באפאלן אויך — און דערהויפּט די „נײַע פּרעסע“. אָבער זי טוט עס ניט, פּונקט ווי זי האָט אויך פריִער קיין פּיפּס ניט געטאָן קעגן די באשולדיקונגען פון אונדזער צײַטונג.

פארוואָס? ווײַל „אונדזער וואָרט“ האָט, אפּאָנעם, געגלייבט, אז אויב זי וועט קאָנצענטרירן די אטאקע אף „סאָוועטיש היימלאנד“ און לאָזן דאָס מאָל אָן א זײַט די „נײַע פּרעסע“, וועט איר שטיקל ארבעט דורכגיין גלאטיקער. ווי זאָגט עס א העברעיִש שפּריכוואָרט: אז איינער וויל זאָגן א ליגן, פארופט ער זיך אף עמעצן פון דער ווײַט...

וויִאזוי זאָל מען קוואליפיצירן אזעלכע מעטאָדן, אזעלכע האנדלונגען? וועגן דעם וועלן אורטיילן די לייענער, דערונטער די לייענער פון „אונדזער וואָרט“. ס'איז נייטיק, אז אָט די לעצטע זאָלן זײַן אינפאָרמירט וועגן די אומדערלאָזבארע האנדלונגען פון זייער צײַטונג, וואָס נארט זיי אָפּ, ווען זי פאלט אָן אף „סאָוועטיש היימלאנד“.

ס. יאקיר („נײַע פּרעסע“, פּאריזש).

פראָלעטארישער אינטערנאציִאָנאליזם און בורזשואזער נאציִאָנאליזם

איך האָב שוין לאנג ניט געזען אין דער ייִדישער פרעסע אזא מאטעריאל, אין וועלכן עס זאָלן אויסגעטײַטשט ווערן די צוויי באגריפן — פראָלעטארישער אינטערנאציִאָנאליזם און בורזשואזער נאציִאָנאליזם. איך שרײַב עס אײַך, ווײַל אן ענטפער אף מײַנע פראגעס בין איך געווינט צו קריגן אין „סאָוועטיש היימלאנד“, וועמענס געטרײַער לייענער איך בין אין מעשעך פון קימאט צען יאָר.

יעכיִעל קראוועץ (נאָוואָסיבירסק)

פראָלעטארישער אינטערנאציִאָנאליזם — דאָס איז די וויסנשאפטלעכע אידעאָלאָגיע פונעם ארבעטער־קלאַס פון אלע לענדער. זי דריקט אויס די געמיינזאמקײַט פון די אינטערעסן פונעם פראָלעטאריאט און זײַן היסטאָרישן הויפּט־ציל — אראָפּשלײַדערן די בורזשואזיע און אויסבויען די קאָמוניסטישע געזעלשאפט.

די אידיי פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם איז באגרינדעט אין די ווערק פון די גרונטלייגער פונעם וויסנשאפטלעכן קאָמוניזם, וועלכע האָבן באטאָנט, אז איינע פון די איקערדיקע באדינגונגען פאר דער באפרײַונג פונעם פראָלעטאריאט איז די פאראייניקונג פון די באמיִונגען פון די פראָלעטאריער פון פארשיידענע לענדער. דער גרויסער פרינציפּ פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם, וועלכן מארקס און ענגעלס האָבן אינעם „מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי“ פראָקלאמירט מיט די ווערטער „פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“, איז געוואָרן דער שלאכט־רוף און איינער פון די אנטשיידנדיקסטע באדינגונגען פון דעם וועלט־היסטאָרישן זיג פונעם פראָלעטאריאט.

ווען עס איז אופגעקומען דער I אינטערנאציִאָנאל, האָבן מארקס און ענגעלס גערופן די פראָלעטארישע פארטייען, זיי זאָלן קעגנזײַטיק שטיצן איינע די אנדערע און אָפּהיטן די פרינציפּן פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם. אין דער נײַער היסטאָרישער סיטואציע, אין דער עפּאָכע פון אימפּעריִאליזם און פראָלעטארישע רעוואָליוציעס, האָט וו. אי. לענין ניט בלויז פארטיידיקט די מארקסיסטישע לערע וועגן פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם קעגן די אטאקעס פון די נאציִאָנאליסטן, רעוויזיאָניסטן און אָפּאָרטוניסטן, — ער האָט די דאָזיקע לערע אנטוויקלט ווײַטער, געענטפערט אף נײַע פראגן, וועלכע זײַנען ניט געשטאנען און האָבן אין דער פולער מאָס ניט געקאָנט געשטעלט ווערן פריִער.

בורזשואזער נאציִאָנאליזם איז אן אידייִש־פּאָליטיש געווער פון דער אימפּעריאליסטישער רעאקציע. זײַן ציל איז — ארײַנברענגען א צעשפּאלטונג אין די רייען פון דער באפרײַונג־באוועגונג, ארויסרופן רײַסערײַען צווישן די ארבעטנדיקע פון פארשיידענע נאציעס. העיויס מענטשן שטרעבן צו פרײַהײַט און נאציִאָנאלער באפרײַונג, באמיִען זיך די בורזשואזע נאציִאָנאליסטן צו שטערן מיט קאָלערליי מיטלען דער אינטערנאציִאָנאלער סאָלידאריטעט פון די ארבעטנדיקע, צעשיידן זיי, צווינגען זיי צו לעבן אין באזונדערע „נאציִאָנאלע דירעס“, אָפּשוואכן זייערע באמיונגען אינעם קאמף קעגן דער רעאקציע.

„בורזשואזער נאציִאָנאליזם און פראָלעטארישער אינטערנאציִאָנאליזם — דאָס זײַנען די צוויי אומבעשאָלעמדיק־פײַנטלעכע לאָזונגען, וועלכע אנטשפּרעכן די צוויי גרויסע קלאסן־לאגערן פון דער גאָרער קאפּיטאליסטישער וועלט און וועלכע דריקן אויס צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מער: צוויי וועלט־אָנשויונגען) אין דער נאציִאָנאלער פראגע“[1].

וו. אי. לענין האָט געקעמפט קעגן נאציִאָנאליזם און שאָוויניזם, פארטיידיקט און קאָנסעקווענט דורכגעפירט אין לעבן די פרינציפּן פון פראָלעטארישן אינטערנאציִאָנאליזם. לענין האָט אָנגעוויזן, אז וואָס שטארקער עס איז אנטוויקלט די ארבעטער־באוועגונג, אלץ פארצווייפלטער ווערן די פּרוּוון פון דער בורזשואזיע צו דערשטיקן אָדער צעדרויבלען זי, אויסנוצנדיק דערבײַ א ראפינירטן נאציִאָנאליזם, אײַנשמועסנדיק אלעמען, אז דער נאציִאָנאליזם איז נייטיק, קעדיי אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער „נאציִאָנאלער קולטור“, פון דער „נאציִאָנאלער אווטאָנאָמיע“ אאוו.

די מארקסיסטישע פארטיי אין רוסלאנד איז אופגעקומען אין קאמף קעגן די אָפענע און באהאלטענע אָנהענגער פון סעפּאראטיזם און בורזשואזן נאציִאָנאליזם. ווי באוווּסט, איז דער „בונד“ ארויסגעטראָטן קעגן דעם דעמאָקראטישן צענטראליזם און די אנדערע אָרגאניזאציִאָנעלע פרינציפּן פון בויען די פארטיי. ער האָט געפאָדערט, אז די רוסלענדישע סאָציִאל־דעמאָקראטישע ארבעטער־פארטיי (רסדאפּ) זאָל פארוואנדלט ווערן אין א פעדעראטיווער פאראייניקונג פון די נאציִאָנאלע סאָציִאל־דעמאָקראטישע פארטייען. וו. אי. לענין האָט אין זײַן ווערק „צי נייטיקט זיך דער ייִדישער פראָלעטאריאט אין א זעלבשטענדיקער פּאָליטישער פארטיי?“ געשריבן:

„...אין די פראגן פון קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, פון קאמף קעגן דער בורזשואזיע פון גאנץ רוסלאנד דארפן מיר ארויסטרעטן אלס איינהײַטלעכע, צענטראליזירטע, קעמפערישע אָרגאניזאציע, מיר דארפן זיך שטיצן אפן גאנצן פראָלעטאריאט, אָן אונטערשייד פון שפּראך און נאציִאָנאליטעט, אפן פראָלעטאריאט, וואָס איז באהעפט דורכן לייזן שטענדיק געמיינזאם די טעאָרעטישע

[1] וו. אי. לענין. פולע זאמלונג פון די ווערק. ב. 24, ז. 123.

און פּראַקטישע, טאַקטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראגן, און ניט שאפן קיין אָרגאניזאציעס, וואָס גייען באַזונדער, יעדע מיט איר וועג, ניט אָפּשוואַכן די קרעפטן פונעם אייגענעם אָנגריף דורך צעברעקלען זיך אויף פּיצלעכע זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטייען, ניט אַרײַנטראָגן אין אָפּגעפרעמדטקײַט און אָפּגעזונדערטקײַט, קעדיי דערנאָך היילן די קרענק, וועלכע מע האָט זיך קינסטלעך אײַנגעזיפּט, מיט פּלאַסטערס פון דער טרויעריק באַרימטער „פעדעראציע"[1].

קעגן דעם נאַציִאָנאַלן סעפּאַראַטיזם פונעם בונד האָט לענין אַרויסגעשטעלט די אויפגאַבע צו באַהעפטן דעם אַרבעטער־קלאַס אַרום די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציִאָנאַליזם. וועגן דעם אינטערנאַציִאָנאַלן כאַראַקטער פון אונדזער פּאַרטיי האָט געריידט שוין דער נאָמען אירער „רוסלענדישע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי".

„קעדיי מאַכן אַ סוף צו יעטווידן געדאַנק וועגן איר נאַציִאָנאַלן כאַראַקטער, האָט די פּאַרטיי זיך אַ נאָמען געגעבן ניט רוסישע, נאָר רוסלענדישע"[2].

דער פאַקט פון אויסבויען אַ מאַרקסיסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד אויף די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציִאָנאַליזם האָט געהאַט די גרעסטע באַדײַטונג פאַרן קאַמף פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. אין די יאָרן פונעם רעוואָלוציִאָנערן אויפשטײַג האָבן לענין, די באָלשעוויקעס געשענקט גרויס אויפמערקזאַמקײַט דער פראַגע וועגן פאַנאַנדעראַרבעטן די פּרינציפּן פונעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציִאָנאַליזם. דאָס האָבן דיקטירט די באַדינגונגען פונעם פילנאַציִאָנאַלן רוסלאַנד, וווּ די פעלקער פון ניט־רוסישער נאַציִאָנאַליטעט האָבן באַטראָפן 57% פון דער באַפעלקערונג.

„רוסלאַנד איז אין נאַציִאָנאַלן הינזיכט אַ בונט לאַנד, — האָט געשריבן וו. אי. לענין. — די רעגירונגס־פּאָליטיק... איז דורכגעדרונגען אויף דורך און דורך מיט שוואַרצמייעדיקן נאַציִאָנאַליזם... און באַנאַנד דערמיט הייבט אויף דעם קאָפּ דער בורזשואַזער נאַציִאָנאַליזם פון די אַנדערע נאַציעס (פּוילישער, ייִדישער, אוקראַיִנישער, גרוזינישער אאַז״וו.), באַמיִענדיק זיך דורך דעם נאַציִאָנאַלן קאַמף אָדער דורך דעם קאַמף פאַר דער נאַציִאָנאַלער קולטור אָפּציִען די אויפמערקזאַמקײַט פונעם אַרבעטער־קלאַס פון זײַנע גרויסע וועלט־אויפגאַבן"[3].

אין אַפּרעל 1914 האָט וו. אי. לענין אָנגעשריבן דעם „פּראָיעקט פון אַ געזעץ וועגן אָפּשאַפן אַלע באַגרענעצונגען פון די רעכט פון ייִדן און בכלל אַלע באַגרענעצונגען, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער אָפּשטאַמונג אָדער מיט דער אָנגעהעריקײַט צו וועלכער עס זאָל ניט זײַן נאַציִאָנאַליטעט". דעם דאָזיקן פּראָיעקט האָט באַדאַרפט אַרײַנטראָגן אין דער IV מלוכה־דומע די סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציע. אינעם פּראָיעקט איז געזאָגט געוואָרן, אַז די בירגער פון אַלע נאַציִאָנאַליטעטן, וועלכע וווינען אין רוסלאַנד, זײַנען פאַרן געזעץ גלײַך. עס ווערן אָפּגעשאַפן אַלע און קאָלערליי געזעצן, צײַטווײַליקע כּללים, באַמערקונגען צו די געזעצן אאַז״וו., וועלכע באַגרענעצן די ייִדן אין וועלכער־ניט־איז ספערע פון געזעלשאַפטלעכן און מלוכישן לעבן.

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק. ב. 7, ז. 122; [2] דאָרט, ב. 10, ז. 267; [3] דאָרט, ב. 23, ז. 149.

דער פּראָיעקט פונעם געזעץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צײַטונג „פּוט פּראַוודי" נומ. 50 דעם 12 אַפּרעל 1914 און האָט געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג אין פּראַט פון דעמאַסקירן די נאַציִאָנאַלע פּאָליטיק פונעם צאַריזם.

דעם 16 נאָיאַבער 1917 האָט די סאָוועטן־רעגירונג פאַרעפנטלעכט די „דעקלאַראַציע פון די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד", אין וועלכער עס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פּרינציפּ פון אינטערנאַציִאָנאַליזם אַלס יסוד פאַר דער מלוכה־בויונג אין אַ פילנאַציִאָנאַלן לאַנד. די דעקלאַראַציע האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געמאַכט אַ סוף צו אַזאַ לאַגע, אַז איין נאַציע זאָל קאָנען אונטערדריקן אַ צווייטע נאַציע.

די גרויסע סאָציִאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט געגעבן דער „סאַמע אונטערדריקטער און געהעצטער נאַציע, דער ייִדישער"[1], אַלע בירגער־רעכט אין דער סאָוועטן־מלוכה און דערמיט אין טאָג געלייזט די ייִדן־פראַגע. גרויסע מאַסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן ביז דער רעוואָלוציע ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, זײַנען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַקטיווער בויונג פון דער סאָציִאַליסטישער מלוכה. צוגלײַך מיט אַנדערע פעלקער האָבן די ייִדן באַקומען די מעגלעכקײַט צו אָנטיילנעמען אינעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, קולטורעלן לעבן פונעם לאַנד. די ייִדן פון פּסר זײַנען געוואָרן גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער. צוגלײַך מיט דער פּאָליטישער אויפקלער־אַרבעט אין רוסיש, איז צווישן פאַרשיידענע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געפירט געוואָרן אַ גרויסע אויפקלער־אַרבעט אין ייִדיש. אין מײַ 1934 איז לויטן באַשלוס פון דער רעגירונג געשאַפן געוואָרן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

די פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע אין אויסלאַנד האָט ברייט אָפּגעמערקט די לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין פּסר, אַרויסשטעלנדיק זי אַלס מוסטער פון לייזן די דאָזיקע פראַגע אויך אין אַנדערע לענדער.

אין די באַדינגונגען פון סאָציִאַליזם ווערן די נאַציִאָנאַלע פּראָבלעמען ניט אַראָפּגענומען אויטאָמאַטיש. די דאָזיקע פּראָבלעמען קאָנען און וועלן געלייזט ווערן ענדגילטיק אויפן סמך פון דער לענינישער אינטערנאַציִאָנאַלער פּאָליטיק, דורך אַקטיווער אידעאָלאָגישער אַרבעט און דורך אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די אַנטפּלעקונגען פון בורזשואַזן נאַציִאָנאַליזם.

דער בורזשואַזער נאַציִאָנאַליזם איז אַ דערשײַנונג אַ צײַטווײַליקע. ווען בײַ אונדז אין לאַנד איז ליקווידירט געוואָרן דאָס פּריוואַט־אייגנטום אויף די פּראָדוציר־מיטלען, איז דערמיט אונטערגעריסן געוואָרן די סאָציִאַלע באַזע פונעם בורזשואַזן נאַציִאָנאַליזם. ווען עס איז פּראַקטיש פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן די לענינישע נאַציִאָנאַלע פּאָליטיק בנוגע דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע פאַרלאָרן זײַן ווירקונג אויך דער ייִדישער בורזשואַזער נאַציִאָנאַליזם. צום 1936, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון פּסר, איז שוין קיין רייד ניט געווען וועגן וועלכן־ניט־איז ערנסטן אײַנפלוס פון דער ייִדישער נאַציִאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע, וועגן נאַציִאָנאַליסטישע שטימונגען צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע.

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק. ב. 24, ז. 122.

אין 1933 זײַנען אין דײַטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט די פאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. די אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע האָט געטרוימט, אַז מיט זייער הילף וועט זיך איר אײַנגעבן אָפּצושטעלן די אַנטוויקלונג פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָצעס, אָפּווישן פון דער ערד די ערשטע אין דער וועלט סאָציאַליסטישע מעלוכע. די אַרבעטנדיקע פון אַלע לענדער, אָנגעפירט דורך זייערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, האָבן אַרויסגעוויזן גרענעצלאָזע סאָלידאַריטעט מיט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער פאַרמײַדן די מילכאָמע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, — זי איז פאָרט אויסגעבראָכן. אין דער דאָזיקער מילכאָמע האָט דאָס ייִדישע פאָלק פאַרלאָרן אַ דריטל פון זײַנע זין און טעכטער — זעקס מיליאָן ייִדן זײַנען אויסגעקוילעט געוואָרן דורך די פאַשיסטן. אָבער צום קאַמף קעגן די פעלקער־מערדער האָבן זיך אופגעהויבן די סאָוועטישע פעלקער. און כאָטש זייערע פאַרלוסטן אין אָט דער מילכאָמע זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס פון זיי האָט ניט געוווּסט קיין איין לאַנד, קיין איין פאָלק פון דער וועלט, האָבן אָבער די סאָוועטישע מענטשן דערפירט דעם פאַשיזם צו אַ שענדלעכער מאַפּאָלע און דורך דעם געראַטעוועט די מענטשהײַט פון פאַשיסטישער שקלאַפערײַ, אײַנצײַטיק געראַטעוועט אויך פון ענדגילטיקן אומקום דאָס ייִדישע פאָלק.

די סאָוועטישע ייִדן, צוזאַמען מיט אַלע סאָוועטישע מענטשן, נעמען איצט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער בויונג. מיט לײַב און לעבן באַטייליקן זיך אין דער קאָמוניסטישער בויונג ייִדישע אַרבעטער און אינזשעניערן, קאָלווירטניקעס און אַגראָנאָמען, מעדיצין־שוועסטערס און דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער, געזעלשאַפטלעכע טוער און מעלוכע־טוער. אַרום 8 טויזנט ייִדן זײַנען אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַטן פון די ראַיאָנע, שטאָטישע, געגנטלעכע סאָוועטן פון דעפּוטאַטן פון די אַרבעטנדיקע. פאָרשטייער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זײַנען פאַראַן אויך צווישן די דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָבן די ייִדן געפונען זייער היימלאַנד אין פולן זין פון וואָרט. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די ציִעניסטן האַסן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און זײַן אינטערנאַציאָנאַלע מאַרקסיסטיש־לענינישע אידעאָלאָגיע.

דאָ איז אָמפּלאַץ צו ברענגען לענינס וויכטיקע טעאָרעטישע האַנאָכע וועגן די טענדענצן פון נאַציאָנאַליזם בײַ די אונטערדריקטע נאַציעס און בײַ די נאַציעס, וועלכע געפינען זיך אין צושטאַנד פון אַנטוויקלונג. לענין איז געווען קעגן אַן אַבסטראַקטער שטעלונג פון דער פראַגע וועגן נאַציאָנאַליזם ביכלאַל, ער האָט געפאָדערט, מע זאָל נעמען אין אַכט די קאָנקרעטע באַדינגונגען, אין וועלכע עס קומט פאָר די באַפרײַונג־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. ער האָט געשריבן:

„מע דאַרף אונטערשיידן צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקנדיקער נאַציע און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַן אונטערדריקטער נאַציע, צווישן דעם נאַציאָנאַליזם פון אַ גרויסער נאַציע און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַ קלענערער נאַציע“[1].

זייער אינטערעסאַנט איז וו. אי. לענינס אַרויסזאָגונג, אַז אויב דער נאַציאָנאַליזם פון די אונטערדריקטע נאַציעס איז געווענדט קעגן דעם אימפּעריאַליזם, שפּילט ער אַ פּראָגרעסיווע ראָליע, און דער אַרבעטער־קלאַס און זײַן פּאַרטיי דאַרפן אים אונטערהאַלטן, אויסנוצן אים קעגן דעם קאָלאָניאַליזם, אין די אינטערעסן פון דער באַפרײַונג פון די אונטערדריקטע נאַציעס.

וו. אי. לענין האָט אויסגעטיילט צוויי טענדענצן, צוויי ריכטונגען אינעם נאַציאָנאַליזם פון די אונטערדריקטע נאַציעס:

„...פאַר די אַרבעטער איז וויכטיק פּ ר י נ צ י פּ י עֶ ל אויסטיילן צוויי טענדענצן. אַ ף ווי פ ל די בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקטער נאַציע קעמפט קעגן דער אונטערדריקנדיקער, אַף אַזויפיל זײַנען מיר שטענדיק און אין יעדן פאַל און אַנטשיידענער פון אַלעמען פ אַ ר, ווײַל מיר זײַנען די סאַמע דרייסטע און קאָנסעקווענטע פײַנט פון אונטערדריקונג. אַף וויפל די בורזשואַזיע פון דער אונטערדריקטער נאַציע שטייט פאַר אִ י ר בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, זײַנען מיר קעגן“[1].

ווען מיר באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע באַפרײַונג־באַוועגונג פון אונדזער צײַט, קומען מיר צום אויספיר, אַז דער נאַציאָנאַליזם פון אַזעלכע פּאָליטישע טוער, ווי אַטאַטיורק, נערו, לומומבאַ, פון איניקע אַפריקאַנישע, אַזיאַטישע און לאַטײַן־אַמעריקאַנישע פּאָליטישע טוער, וועלכע פירן אַ קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם, איז אין זײַן טאָך פּראָגרעסיוו. דער נאַציאָנאַליזם אָבער פון אַזעלכע פּאָליטישע טוער, ווי טשאָמבע, בוכאַרטאָ, פון די פּאַן־טיורקיסטן אין טערקײַ, פון די רעכטע באַאַסיסטן אין איראַק, פון דער רעגירנדיקער גרופּע אין ייִסראָעל איז רעאַקציאָנער און שפּילט אַן אַנטירעוואָליוציאָנערע ראָליע.

לענין האָט באַהויפּט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, ווען ער שטיצט דעם נאַציאָנאַליזם אין די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, איז ער אויסן זײַנע אייגענע צילן. זײַנע אינטערעסן פאַלן קיינמאָל ניט צונויף מיט די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז זייער וויכטיק וו. אי. לענינס אָנווײַזונג, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון די אונטערדריקטע און קליינע נאַציעס דאַרף זיך שטעלן בעראָש פון דעם קאַמף קעגן אָרטיקן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, קעגן די פּרווון אָפּצוגרענעצן זיך פון די איבעריקע פעלקער, דורכצופירן אַ פּאָליטיק פון סעפּאַראַטיזם און פון שמאָל־נאַציאָנאַלן עגאָיזם, פון אײַנגעשלאָסנקײַט אין זיך און אָפּגעזונדערטקײַט.

די הויפּט־קראַפט, וואָס באַשטימט דעם אינהאַלט פון אונדזער עפּאָכע, איז די סאָציאַליסטישע וועלט־סיסטעם. דער זיג וועט זײַן אַף אונדזער זײַט, — האָט געזאָגט וו. אי. לענין; אָבער דער טעמפּ פונעם רעוואָליוציאָנערן וועלט־פּראָצעס וועט זײַן אָפּהענגיק פון דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע; ער וועט זײַן אָפּהענגיק דערפון, אַף וויפל די נאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען און גרופּעס פון דער באַפרײַונג־באַוועגונג וועלן עפעקטיוו אויסנוצן זייערע נאַציאָנאַלע מעגלעכקײַטן אינעם לייזן די אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאַבן פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

אין דער וועלט גייט איצט אָן אַ שאַרפער, אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף צווישן די צוויי אידעאָלאָגיעס — דער בורזשואַזער און דער קאָמוניסטישער. די מאַגידים פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע קענען ניט אַרויסרוקן קיין

[1] וו. אי. ל ע נ י ן. פולע זאַמלונג פון די ווערק. ב. 45, ז. 358 — 359.

[1] דאָרט, ב. 25, ז. 275.

שום פּערספּעקטיוון, קיין פּאָזיטיווע אידייען, וועלכע זאָלן פאַרינטערעסירן און צוציִען אַף זייער זײַט די מאַסן. געוואַלט, ראַסיזם, שאָוויניזם, מילכאָמע־העצע — אָט דאָס ברענגט מיט זיך דער אימפּעריאַליזם.

די הײַנטיקע וועלט איז זייער קאָמפּליצירט, די דער־שײַנונגען פונעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרפן זאָרגזאַם שטודירט ווערן, דורכגיין א וויסנשאַפטלעכן אנאַליז און באַקומען א ריכטיקע אָפּשאַצונג.

דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט די פולע רעכט צו שטאָל־צירן מיט די דערגרייכונגען פון זײַן לאַנד אין אַלע געביטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג.

נ. ריכטער

רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראַט פון 22 נאָיאַבער 1967 יאָר

די רעגירונג פון ייִסראַעל פאַרזיכערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַז אַלץ, וואָס זי וויל, איז זיך דערשלאָגן, עס זאָל אנערקענט ווערן די עקזיסטענץ און די סוווערעניטעט פון ייִסראַעל. אויב אזוי, פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס די דאָזיקע רעגירונג דרייט זיך אַרויס פון אָנעמען די רעזאָליוציע פונעם זיכער־הײַטס־ראַט פאַרן 22 נאָיאַבער 1967, וועלכע האָט אין זינען דעם זעלבן שטאַנד־פּונקט.

זײַט אזוי גוט, כאַשעווע כאַוויירים פון רעדאַקציע, און פאַרעפנטלעכט א נאָטיץ, אין וועלכער עס זאָל איבערגעגעבן ווערן דער גענויער אינהאַלט פון דער רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַטס־ראַט פון די פאַרייניקטע נאַציעס פאַרן 22 נאָיאַבער 1967.

מאַניע גאַרפינקעל (קוסטאַנײַ)

דעם 22 נאָיאַבער 1967 האָט דער זיכערהײַטס־ראַט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס איינשטי־מיק אָנגענומען א רעזאָליוציע וועגן דער לאַגע אַף דעם נאָענטן מיזרעך אונטער דעם נומער 242.

אין דער פּרעאַמבולע פון דער רעזאָליוציע ווערט דײַטלעך אונטערגעשטראָכן די „אומדערלאָזבאַרקײַט צו דעראָבערן טעריטאָריעס דורך מילכאָמע".

דער ערשטער פּאַראַגראַף פון דעם באַשליסנדיקן טייל פון דער רעזאָליוציע ווײַזט אָן, אז דער גערעכטיקער און פעסטער שאָלעם אַף דעם נאָענטן מיזרעך דאַרף זיך באַזירן אַף פאָלגנדיקע פּרינציפּן:

„אַרויספירן די ייִסראַעלדיקע באַוואָפנטע קרעפטן פון די טעריטאָריעס" פון די אַראַבישע לענדער, וועלכע זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין יוני 1967. די דאָזיקע טעריטאָריעס, ווי באַוווסט, שליסן אײַן דאָס סינײַער האַלב־אינדזל, דעם סעקטאָר גאַזע, דעם אַראַבישן טייל פון יערושאָלאַיִם, דעם מײַרעוודיקן ברעג פונעם טײַך יאַרדאַן און די סירישע גאָלאַנער הייכקײַט.

„א סאָף מאַכן צו אַלע פּרעטענזיעס אָדער צו א קריגס־צושטאַנד, אכטן און אנערקענען דעם סוווערעניטעט, די טעריטאָריעלע גאַנצקײַט און די פּאָליטישע אומאָפּהענ־גיקײַט פון יעדער מעלוכע אינעם געגעבענעם ראַיאָן און זייער רעכט צו לעבן אין שאָלעם אין געפאַרלאָזע און אנערקענטע גרענעצן, ניט באַדראָעט ווערן דורך קראַפט צי דורך אָנווענדן זי".

שויִן גופע די פאָרמולע „געפאַרלאָזע און אנערקענטע גרענעצן" האָט אין זינען — און דאָס דרינגט נאַטירלעך אַרויס גופע פון דעם טאָך פון דער רעזאָליוציע, — אַז אַזעלכע גרענעצן קאָנען ניט אײַנגעשטעלט ווערן אין רעזולטאַט פון אנעקסירן פרעמדע טעריטאָריעס. אָן דעם אַרויספירן דאָס מיליטער פון די ייִסראַעלדיקע אגרעסאָרס, ווי דאָס דרינגט אַרויס פון דעם טעקסט פונעם דאָקו־מענט, קאָן נישט ניט אָפּגעשטעלט ווערן דער קריגס־צושטאַנד, ניט געזיכערט ווערן א פרײַער שיף־גאַנג, ניט גאַראַנטירט ווערן דאָס פאַרווירקלעכן אנדערע האַנאָכעס פון דער רעזאָליוציע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַן אײַנהײַטלעכן קאָמפּלעקס פון פּאָליטישער אײַנרעגולירונג אַפן נאָענטן מיזרעך.

אין דעם צווייטן פּאַראַגראַף פון דעם באַשליסנדיקן טייל פון דער רעזאָליוציע ווערט אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקײַט:

„זיכערן א פרײַען שיף־גאַנג איבער די אינטערנאַציאָ־נאַלע וואַסער־וועגן אין געגעבענעם ראַיאָן";

„דערגרייכן א גערעכטיקע אײַנרעגולירונג פון דער פּליטים־פּראָבלעם";

„זיכערן די טעריטאָריעלע אומבאַרירלעכקײַט און די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקײַט פון יעדער מעלוכע אין דעם געגעבענעם ראַיאָן מיט דער הילף פון מאָסמיטלען, וואָס שליסן אײַן דאָס אײַנשטעלן דעמיליטאַריזירטע זאָנעס".

אזויאַרום, אַז די נאָיאַבער־רעזאָליוציע פונעם זיכער־הײַטס־ראַט דיסקאָנטירט ניט בלויז די גרונט־פּאָדערונגען פון די אַראַבישע לענדער — אַרויסצופירן דאָס ייִסראַעל־דיקע מיליטער פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס און דאָס אײַנרעגולירן די פּראָבלעם פון די פּאַלעסטינער פּליי־טים, — נאָר זי גייט אַרויס אויך פון דעם, אַז די אַראַבישע לענדער אנערקענען דעם סוווערעניטעט, די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקײַט און די טעריטאָריעלע גאַנצקײַט פון ייִסראַעל.

אינעם דריטן פּאַראַגראַף פון דער רעזאָליוציע רעדט זיך וועגן באַשטימען פאַרן נאָענטן מיזרעך א ספּעציעלן פאָרשטייער פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַ־ניזאַציע פון די פאַרייניקטע נאַציעס „אַף אײַנשטעלן און אונטערהאַלטן קאָנטאַקטן מיט די פאַרינטערעסירטע מע־לוכעס מיטן ציל מיטווירקן צו דערגרייכן א פאַרשטענ־דיקונג און צו שטיצן די באַמיִונגען, וואָס זײַנען גע־ריכטעט אַף דערגרייכן א פרידלעכע און אָנעמבאַרע אײַנרעגולירונג אין העסקעם מיט די האַנאָכעס און פּרינ־ציפּן פון דער דאָזיקער רעזאָליוציע".

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

שאָלעם—איצט

„קעגן דער מילכאָמע, פאַר פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך" — די דאָזיקע רובריק דערשײַנט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" ווי א סטאַבילע, און פון די מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן אין אָט דער רובריק געדרוקט, האָבן מיר פאַר דער לעצטער צײַט זיך דערוווּסט וועגן א גאַנצער ריי געזעלשאַפטלעכע באַגעגענישן פון ייִדישע און אַראַבישע שרײַבער און קולטור־טוער אין ייִסראָעל, אַף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן דאָס וואָגיקע וואָרט פון דער שעפערישער אינ־טעליגענץ לעטויוועס אופשטעלן די רו אַפן נאָענטן מיז־רעך, שאַפן אַן אַטמאָספער פון גוטן ווילן און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

מע קאָן מיט צופרידנקײַט קאָנסטאַטירן, אַז אין דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַרישער סוויווע איז איצט פאַראַן א פעסטער קערן פון שרײַבער, אָנגעהעריקע צו פאַר־שיידענע פּאָליטישע ריכטונגען, וועלכע פאַרנעמען א פּאָזיציע פון אַכרײַעס.

לעצטנס האָבן די אַרויסטרעטונגען אין אָט דער ריכ־טונג אָנגענומען א מאַסן־כאַראַקטער. אונטערן לאָזונג „שאָלעם — איצט!" איז לויט דער איניציאַטיוו פון דעם שרײַבער אַמאָס קיינאַן און פונעם טעאַטער־טוער אורי זוהאַר פאָרגעקומען א געזעלשאַפטלעכער פאָרום אין קיבוץ שפאָיִם מיטן אָנטייל פון העכער 2000 מענטשן, דעריקער יוגנטלעכע. ווי א וואָרענונג און ווי א רוף האָט אַף דער דאָזיקער טרעפונג געקלונגען דאָס קאָל פונעם איווריט־שרײַבער דאַן בען אַמאָץ, ווען ער האָט דערקלערט, אַז לויט זײַן איבערצײַגונג וויל ניט די רע־גירונג פון ייִסראָעל קיין שאָלעם, און בלויז אַנטשיידענע מיטלען — „...זיך אָפּזאָגן דינען אין מיליטער אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס... דעמאָנסטרירן, לייגן זיך אונ־טער די רעדער פון די פּאָליציי־מאַשינעס", — בלויז דרייסטע מאַסן־אַקציעס קאָנען הײַנט צווינגען די עקסטרעמיסטן אָפּצוטרעטן.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געדענקען נאָך, וואָס פאַר א שווערן אײַנדרוק עס האָט געמאַכט דער פאַקט, וועלכן די ייִסראָעלדיקע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַרופגעלייגט אַף א שאָלעם־ליד, פאַרפאַסט פון א פאַר־וווּנדעטן סאָלדאַט[1]. דער אוטאָר פון דער ליד יאַנקעוו ראָטבליט האָט אַף דער באַגעגעניש דורכגעלייענט זײַנס א נײַ ווערק — א סאַטירע אַפן פאַרברעכערישן בונד צווישן די ייִסראָעלדיקע און אַמעריקאַנישע שפּאַרבערס, און דערמיט האָט ער באַוויזן אַן אָנשוילעכן בײַשפּיל פאַר יענע פּראָפּעסיאָנעלע שרײַבער, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס פון די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער צײַט.

ווי גרויס עס איז דער אָפּקלאַנג אין פאָלק, וואָס עס רופן אַרויס די שאָלעם־געשפּרעכן און פרײַנטשאַפט־באַגעגענישן, קאָן מען אורטיילן לויט די געפאַקטע זאַלן בײַס די טרעפונגען און לויט די ווײַטערדיקע אַנטוויק־לונגען אין דער מעדינע. אין דער זעלבער צײַט, ווען אין קנעסעט איז פאָרגעקומען די באַהאַנדלונג פון גאָלדע מעירס „שאָלעם"־מאַפּע (די אַנעקסיאָניסטישע פּראָגראַם פון די ייִסראָעלדיקע שפּאַרבערס), איז אַף די צענטראַלע גאַסן פון יערושאָלאַיִם, לויטן רוף פון דער שטאָטישער אָפּטיילונג פון דער „באַוועגונג פאַר שאָלעם און זיכער־הײַט", דורכגעפירט געוואָרן א מאַסן־דעמאָנסטראַציע פון יונגע שאָלעם־אָנהענגער אונטער די לאָזונגען „שאָלעם — וויכטיקער פון טעריטאָריעס!", „ניט דורכלאָזן מער די געלעגנהײַט פאַר שאָלעם!". צו די סטודענטן, גימנאַזיסטן, יוגנטלעכע פון דער שטאָט און פון די קיבוצים האָבן זיך פאַראייניקט לעקטאָרן פון אוניווערסיטעט, שרײַבער, פּאָליטישע טוער פון פאַרשיידענע ריכטונגען. ווען באַם סאָף פונעם מאַרשרוט פון די קאָלאָנעס האָבן זיך אין גאַס באַוויזן אייניקע פון די לײַט פון דער „ליגע צו באַשיצן די ייִדן" און פון דער גרופּע „גאַנץ ערעץ־ייִסראָעל", האָבן די דעמאָנסטראַנטן אָנגעהויבן זינגען שאָלעם־לידער, צווישן זיי, אַגעוו, די פאַרבאָטענע ליד פונעם פאַרוווּנדעטן סאָלדאַט יאַנקעוו ראָטבליט.

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט שוין ניט איין מאָל אונ־טערגעשטראָכן, אַז אין דעם קאַמף אַרום די איקערדיקע פראַגן פון שאָלעם און גערעכטיקייט אַפן נאָענטן מיזרעך איז איצט ביז גאָר גרויס און וויכטיק די ראָליע פון דער ליטעראַטור און פון דער פּרעסע.

דאָס פאַרשטייען, ווײַזט אויס, אויך די אָפּאָנענטן פונעם קריג. ניט צופעליק האָבן גראַד איצט ייִסראָעל־דיקע עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן דורכ־פירן טעראָר־אַקציעס קעגן דער פּראָגרעסיווער פּרעסע אין לאַנד. אַזוי, לעמאָשל, האָט א כאַפּטע כוליגאַנעס זיך אַרײַנגעריסן אין די רעדאַקציעס פון די צײַטונגען „זו האַדערעך" און „דער וועג", געמאַכט דאָרט א פּאָגראָם, אָנגעשמירט פאַשיסטישע סוואַסטיקעס און פאַרוווּנדעט די זשורנאַליסטקע דינע באַרזילײַ.

פאַשיסטישע מעטאָדן וועלן אָבער ניט העלפן די מיל־כאָמע־אונטערצינדער. „שאָלעם — איצט!" איז געוואָרן איינע פון די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון דער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט. „שאָלעם — איצט!" — דער דאָזיקער מאָ־טיוו דרינגט אַלץ מער און מער אַרײַן אין דער רעאַ־ליסטיש־דעמאָקראַטישער ליטעראַטור און אין דער זשור־נאַליסטישער סוויווע פון ייִסראָעל.

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 3, 1970.

●

די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1971

צו די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס מוז נעמען אַ סאָף

שוין 40 יאָר אַרבעט איך אין מאָסקווער צאַפּנלאַגער־זאַוואָד. די מעלוכע צאָלט מיר איצט אויס מײַן קאָשער פאַרדינטע פּענסיע, איך וויל אָבער ניט אַרומגיין באַטל — אַרבעט איך ווײַטער.

אין די מילכאָמע־יאָרן בין איך פרײַוויליק אַוועק אַפן פראָנט. אָנגעהויבן פון אַ געוויינלעכן סאָלדאַט אין דער דיוויזיע פון דער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע, בין איך צום סאָף פונעם קריג דערגאַנגען ביזן ראַנג פון אַ פּליכטן־אויספילער פונעם שטאַב פון דער 282־טער שיסער־דיוויזיע.

איך און אַלע מײַנע כאַווײרים לויט דער אַרבעט בעטן די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", זי זאָל אָפּדרוקן אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן די אַנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאַציעס פון די ציוניסטן.

עס ווילט זיך פרעגן בא די טומלער, וועלכע גיבן זיך אָפּ אַף באַראַט צו די פאַרברעכערישע ציוניסטן: צי ווייסן זיי כאָטש עפּעס וועגן דעם, ווי עס האָבן געלעבט די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד? מיר, דער עלטערער דאָר, ווייסן דאָס זייער גוט. מיר האָבן געלעבט אין הונגער און נויט, אין אייביקע דערנידעריקונגען.

אייניקע האָבן, ווײַזט אויס, שוין פאַרגעסן די פאַשיסטישע גאַז־קאַמערס און טויט־לאַגערס אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען עס זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן זעקס מיליאָן ייִדן. יענע, וועלכע זײַנען נאָך יונג, האָבן דאָס ניט געזען. אָבער זייערע טאַטעס האָבן דאָס געוויס געזען, פּונקט ווי איך האָב דאָס געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן.

ווּ זײַנען דאַן געווען די ציוניסטן און זייערע גדוילים, וועלכע „זאָרגן" זיך איצט אַזוי וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן?

די געראַטעוועטע ייִדן פאַרגעסן ניט וועגן די אויפטוען פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד בענעגייע אונדזער פאָלק, און זיי פאָדערן אַ גערעכטן מישפּעט אַף די ציוניסטישע פּראָוואָקאַטאָרן!

ש. י ע ק אַ ר פּ אַ וו ס ק י. מאָסקווע, עלעקטראַזאַוואָדיש געסל, 4, דירע 31

די נאָבעלע פרוי

די האָמליער פרוי רײַע פראַדקין איז אַלע יאָרן געווען אַ שטוביקע באַלעבאָסטע. ערעוו דער מילכאָמע האָט זי כאַסענע געהאַט פאַר אַן אַלמען מענדל פראַדקין, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער אין עלטער פון אַנדערהאַלבן און דרײַ יאָר. זי האָט די יעסוימים דערצויגן ווי אַ טרײַע מאַמע.

אַז עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז איר מאַן אַוועק אין אָפּאָלטשעניע און זי איז מיט די צוויי יעסוימים נאָך לאַנגע וואַגלענישן מעגולגל געוואָרן קיין אָרסק. דאָ האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אירע צוויי באַקאַנטע מישפּאָכעס פון ווײַסרוסלאַנד (ביידנס פאַמיליע איז בעריאָזקין) געפינען זיך אין עוואַקואַציע אין בוכאַרער קרײַז (אוזבעקיסטאַן). זייערע מענער זײַנען אומגעקומען אַפן פראָנט. די פרויען זײַנען אויך געשטאָרבן און געלאָזט נאָך זיך פיר קלײנלעכדיקע יעסוימים — דרײַ מיידלעך פון 10, 8, 5 יאָר און איין ייִנגל פון 5 יאָר.

רײַע פראַדקין האָט זיך ענערגיש מישטאַדל געווען אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, מע זאָל איר דערלויבן פאָרן קיין בוכאַרע און אַריבערפירן די פיר יעסוימים צו זיך. אין מילכאָמע־צײַט איז עס געווען ניט קיין לײַכטע אויפגאַבע. אָבער זי האָט זיך אירס דערשלאָגן. זי האָט צוערשט אַליין, דערנאָך צוזאַמען מיט איר מאַן מענדל פראַדקין, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אָפּאָלטשעניע, דעם לעצטן ביסן פון מויל אָפּגעשפּאָרט און אויסגעהאָדעוועט די יעסוימים, דערצויגן זיי אַלס נוצלעכע מענטשן פון לאַנד. אַלע זעקס האָבן באַקומען די געהעריקע בילדונג. דרײַ פון זיי (סימע, גריגאָרי און מאַראַט) וווינען איצט און אַרבעטן אין וועליקיִע לוקי, צוויי (צילע און פאַניע) — אין לענינגראַד, איינע (מאַניע) — אין דאָנעצק.

איך האָב באַשלאָסן צו אָנשרײַבן וועגן אָט דער נאָבעלער פרוי נאָכן איבערלייענען שירע גאָרשמאַנס אַ ציקל דערציילונגען אין „סאָוועטיש היימלאַנד". די נאָוועלע „ווּ נעמט מען?" באַווײַזט, אַז בא אונדז אין לאַנד פעלן ניט אויס קיין נאָבעלע מענטשן. דער אופטו פון רײַע פראַדקין באַשטעטיקט עס נאָכאַמאָל.

באָרוך פײַנווינאַוו

לייענער וועגן זייער זשורנאַל

אין כמעלניצקי זײַנען פאַראַן ניט ווייניק מענטשן, וועלכע לייענען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פון דעם ערשטן נומער אָן. מיר שמועסן אָפט וועגן אים, וועגן זײַן אינהאַלט. באַזונדערס איצט, ערעוו זײַן 10־יאָריקן יוביליי.

אַ סאַך לייענער זאָגן אַזוי:

„עס טרעפט, אַז מיר הייבן אָן לייענען דעם זשורנאַל פון די זײַטן, ווּ עס ווערט דערציילט וועגן ייִדישן קולטור־לעבן פאַרן פאַרגאַנגענעם כוידעש. די כראָניק איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" שטענדיק אַ פרישע און ברייטמאַסשטאַביקע".

דעם לייענער אינטערעסירן קלענערע דערציילונגען, פּובליציסטיש־קינסטלערישע אַרטיקלען, מאַטעריאַלן וועגן שרײַבער קלאַסיקער, היסטאָרישע נאָטיצן וועגן דעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

אינעם זשורנאַל האָבן מיר אַ סאַך פּאָעטישע ווערק, וועגן וועלכע ס'וואָלטן געדאַרפט געדרוקט ווערן סיסטעמאַטישע קריטישע איבערזיכטן.

מיר ווילן לייענען איבערזיכטן פון ייִדישע פּראָגרעסיווע צײַטונגען אין אויסלאַנד.

און דעריקער: עס בענקט זיך נאָך א לעבעדיקער באגעגעניש מיט די שרײַבער און מיטארבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

פאר די 10 יאָר איז בא אונדז ניט געווען קיין איין לייענער־קאָנפערענץ, כאָטש די שטאָט איז גרויס און די ייִדישע באפעלקערונג איז בא אונדז א היפּשע. מיר זײַנען איבערצײַגט, אז אזא באגעגעניש מיט די לייענער אין די אונטערנעמונגען, אין די ביבליאָטעקן וואָלט צוגעצויגן נײַע לייענער פונעם זשורנאַל.

ה. געליבטערמאַן. כמעלניצקי, ליבקנעכט־גאַס, 69, דירע 24

אף וועלכע שפּראכן רעדן די ייִדן

צוערשט א קורצע באמערקונג. בייס דער פאָלקס־ציילונג פון 1959 בין איך ניט ארײַן אין דער גרופּע פון די 20,8 פּראָצ., וואָס האָבן אלס זייער מוטערשפּראך אָנגערופן ייִדיש. דאָס איז דערפאר, ווײַל אף דער ארבעט רעד איך רוסיש, מיט באקאנטע — אויך רוסיש. ייִדיש רעד איך נאָר אין דער היים און זייער ווייניק. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן אנדערע ייִדן, וועלכע האָבן ניט אָנגעגעבן ייִדיש אלס זייער מוטערשפּראך. דערפון איז דער אויספיר, אז ייִדיש־ריידער זײַנען בא אונדז פאראן פיל מער, איידער אין דער סטאטיסטיק.

איצט א פאָרשלאָג.

איך לייג פאָר צו פארעפנטלעכן אף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ א באגרינדעטע דערקלערונג: פונוואנען שטאמט די היפּשע צאָל שפּראכן בא ייִדן — איווריט, ייִדיש, די שפּראך פון די בארג־ייִדן, פון די בוכארער ייִדן אאוו.

ארל כאָלאָדענקאָ. קיִעוו, טשובאר־פּראָספּעקט, 8, דירע 25.

קאָנפערענץ פון די ייִדישע רעליגיִעזע קעהילעס

דעם 23 מארט איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון די ייִדישע רעליגיִעזע קעהילעס אין פּססר. אף דער קאָנפערענץ זײַנען ארויסגעטראָטן דער הויפּט־ראָוו פון דער מאָסקווער כאָראלער סינאגאָגע ל. לעווין, פאָרשטייער פון א ריי ייִדישע רעליגיִעזע קעהילעס.

די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ האָבן אָנגענומען א דערקלערונג, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אז די ייִדישע רעליגיִעזע קעהילעס פון פּססר קאָנען ניט פארבלײַבן גלײַכגילטיק צו די פײַנטלעכע ארויסטרעטונגען פון די ציִעניסטן בענוגייע דעם סאָוועטנפארבאנד. מיר, — דערקלערן די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, — ווארפן אנטשיידן אָפּ די פּרעטענזיעס פון די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע קרײַזן און פון די רעגירער פון ייִסראָעל צו ריידן אין אונדזער נאָמען, באשיצן אונדז פון ניט עקזיסטירנדיקע באליידיקונגען און רעדיפעס.

פאר דער גאנצער וועלט דערקלערן מיר, אז אונדזער היימלאַנד, דער סאָוועטנפארבאנד, האָט, באפרײַענדיק זיך פון קאפּיטאליסטישער קנעכטשאפט און נאציִאָנאלער אונטערדריקונג, דער ערשטער באוויזן א בײַשפּיל פון ליקווידירן דעם אנטיסעמיטיזם און דעם נאציִאָנאלן אנטאגאָניזם. אין פּססר זײַנען פארניכטעט גופע די וואָרצלען פון אָט דער שענדלעכער דערשײַנונג. און בלויז די ציִעניסטישע „באשיצער“, באוועגט דורכן געפיל פון האס צו אונדזער לאַנד, צו אונדזער פילנאציִאָנאלן סאָוועטישן פאָלק, וואָס שאפט דעם ליכטיקן ביניען פון דער סאמע גערעכטיקער געזעלשאפט, „באמערקן עס ניט“.

אין דער דערקלערונג ווערט אויסגעדריקט א צאָרנדיקער פּראָטעסט קעגן די פּראָוואָקאציִאָנעלע, כוליגאנישע האנדלונגען און באנדיטישע אָנפאליִען אף די סאָוועטישע אנשטאלטן און סאָוועטישע בירגער, וועלכע עס באגייען די ציִעניסטישע קוילער־יונגען פון דער אזויגערופענער „ליגע צו באשיצן די ייִדן“. מיר זײַנען טיף אופגעבראכט פון דער אומגעהייערער כוצפּע פונעם רעדלפירער פון אָט דער „ליגע“, דעם ראָוו קאהאנע, וועלכער גיט זיך ארויס פאר א באשיצער פון די סאָוועטישע ייִדן, — ווערט געזאָגט אין דער דערקלערונג.

מיר קאָנען אויך ניט פארבלײַבן גלײַכגילטיק בענוגייע דער אגרעסיווער פּאָליטיק פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל, — ווערט ווײַטער אָפּגעמערקט אינעם דאָקומענט. צוזאמען מיטן גאנצן סאָוועטישן פאָלק, צוזאמען מיט אלע מענטשן פון גוטן ווילן פארורטיילן מיר די דאָזיקע אגרעסיווע פּאָליטיק און פאָדערן, אז ייִסראָעל זאָל, ענדלעך, אויספילן די רעזאָליוציע פון דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס.

אלס בירגער פון אונדזער היימלאַנד דערקלערן מיר, אז אלע באהויפּטונגען פון דער רעגירונג פון ייִסראָעל און פון די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע קרײַזן וועגן אוועלכער־ניט־איז ניט־גלײַכבארעכטיקונג פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד זײַנען א בייזע אויסטראכטעניש, וואָס פארפאָלגט אנטיסאָוועטישע צילן.

מיר, — ווערט אונטערגעשטראָכן אין דער דערקלערונג, — באטייליקן זיך אקטיוו אין דער שעפערישער טעטיקײַט פון אונדזער געזעלשאפט, און אונדז וועלן ניט שטערן קיין שום אינטריגעס פון די ציִעניסטן, די טרײַע מעשאָרסים פונעם אימפּעריִאליזם. מיר פאָדערן פון זיי: מישט זיך ניט אין אונדזערע אינערלעכע איניאָנים! שטערט אונדז ניט פרוכטבאר צו מיִען זיך צוגונסטן אונדזער סאָוועטישער געזעלשאפט, צוגונסטן דעם שאָלעם!

(טאסס)

פאַרשיידנס

אַנטדעקט כורוועס פון אַכאַשווייערעסעס פּאַלאַץ

אַן עקספּעדיציע פון פּערסישע און פראַנצויזישע אַרכעאָלאָגן אין דזשעפּרעבעט, ניט ווײַט פון די רויִנען פון דער שטאָט שושאַן, אין מײַרעוו־פּערסיע, האָט אַנטדעקט די כורוועס פונעם קיניג אַכאַשווייערעשעס פּאַלאַץ, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אַן ערעך מיט 2500 יאָר צוריק.

די עקספּעדיציע אונטער דער אָנפירונג פונעם אַרכעאָלאָג זשאַן פּערו האָט אַנטדעקט אַ זאַל מיט 64 שטיינערנע זײַלן און אונטער אים אַ קעלער. עס זײַנען אויך אַנטדעקט געוואָרן רויטע און בלויע וואַנט־געמעלן מיט געאָמעטרישע צייכענונגען, וואָס געהערן צו דער אַכאַשווייערעש־טקופּע.

(„נײַע פּרעסע", פּאַריזש)

די צווייטע אויסגאַבע — אין 900 יאָר אַרום

אין די שויפענצטער פונעם גרעסטן ביכער־מאַגאַזין אין פּראָג האָט זיך באַוויזן דער „ווישעגראַדער קאָדעקס", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פּראָגער פאַרלאַג „פּראַגאָפּרעס".

דער „ווישעגראַדער קאָדעקס" — אָן עוואַנגעליע — איז פאַררעכנט צווישן די ווערטפולסטע שריפטלעכע דענקמעלער פון דער אַלטערטימלעכער טשעכיע. דער בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן פון דער האַנט אין סאָף XI יאָרהונדערט ספּעציעל פאַר דער פײַערלעכער צערעמאָניע בײַס דער קרוינונג פונעם ערשטן טשעכישן קיניג בראַטיסלאַוו.

איצט, אין נײַן יאָרהונדערטער אַרום, האָט זיך באַוויזן די צווייטע אויפלאַגע פונעם אוניקאַלן בוך. די טשעכאָסלאָוואַקישע ספּעציאַליסטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ פּינקטלעכע, ביז די קלענסטע דעטאַלן, קאָפּיע פונעם „ווישעגראַדער קאָדעקס".

דער בוך איז אַרויסגעגעבן אין אַ באַגרענעצטן טיראַזש, מיט נומערירטע עקזעמפּליאַרן. דער ערשטער נומערירטער עקזעמפּליאַר וועט אונטערגעטראָגן ווערן דעם פּרעזידענט פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

(טאַסס)

די ווילדע, ווילדע טעלעוויזיע

דעם קרײַז־געריכט אין וואַשינגטאָן שטייט פאָר זיך פאַרנעמען מיט אַ ניט גאָר געוויינלעכן איניען. מוטערס, שטוב־באַלעבאָסטעס, האָבן אָנגעגעבן אין געריכט אויף דער אָרטיקער טעלעוויזיע־סטאַנציע, באַשולדיקנדיק זי אין מאָראַלישער צעלייגונג פון די קינדער. די פרויען פאָדערן, אַז די טעגלעכע שאָ־פּראָגראַם „דער ווילדער, ווילדער מײַרעוו" זאָל איבערגעטראָגן ווערן פון פיר אַזייגער באַטאָג אויף אַ מער שפּעטערער שאָ, ווען די קינדער וועלן זי ניט קאָנען קוקן. אין זייער מעלדונג אינעם געריכט ווײַזן אָן די שטוב־באַלעבאָסטעס, אַז די טעלעוויזיע־פּראָגראַם וועגן די זיטן פונעם ווילדן אַמעריקאַנער מײַרעוו איז אָנגעזעטיקט מיט עפּיזאָדן פון סאַדיזם און גוואַלדטאַט, מיט בלוטיקע געשלעגן און ראַצכישע מאָרדן.

וועגן דער דעמאָראַליזירנדיקער ראָליע פון דער טעלעוויזיע אין אַמעריקע רעדט מען שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. די מיטאַרבעטער פון דער באָסטאָנער צײַטונג „קריסטשען סײַענס מאָניטאָר" זײַנען איינמאָל אָפּגעזעסן בײַ די עקראַנען פון די טעלעוויזאָרן 85,5 שאָ און האָבן געזען פאַר דער צײַט 84 מאָרדן און 372 עפּיזאָדן פון סאַדיזם און פאַרגוואַלטיקונג. געדיכטער פון אַלע איז אָנגעזעטיקט מיט גוואַלדטאַטן די צײַט פון 7.30 ביז 9 אַזייגער אין אָוונט, ווען בײַ די טעלעוויזאָרן זיצן קינדער און יוגנטלעכע.

אויך די מולטיפּליקאַציע־פילמען פאַר קליינע קינדער זײַנען ניט קיין אויסנאַם. אַזוי, צום בײַשפּיל, קאָן דאָס קליינוואַרג אין דער האַלבשאָיִקער פּראָגראַם „הערקולעס" זיך „קוויקן" מיט גוואַלדטאַט־סצענעס, וואָס שליסן אין זיך אײַן מאָרדן, פּײַניקונגען, דאָס פאַרברענען לעבעדיקערהייט די העלדן אין זודיקער סמאָלע אאַוו.

„דער פאַרגוואַלטיקונגס־קולט האַלט זיך אין איין גיסן פון די טעלעוויזיע־עקראַנען אין אונדזערע דירעס, — שרײַבט דער קאַליפאָרניער פּסיכיאַטער פ. ריגין. — באַרימטע מענוואָלים, ווי, צום בײַשפּיל, גאַנגסטערן און אויסראָטער פון אינדיאַנער, ווערן געלויבט אַלס העלדן. אָט די „העלדן" זײַנען שטענדיק גערעכט, נאָר ניט דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען טרעגער פון הויכער מאָראַל אָדער פון שאַרפן סייכל, נאָר ווײַל אויף זייער זײַט איז די פּרעכע קראַפט. „איך בין גערעכט, ווײַל איך קאָן וועמען איר ווילט געבן אין דער נאָז אַרײַן", רעדן זיי אײַן די יונגע צושויער. און די אומשולדיקע יונגע הערצער זויגן אין זיך זשעדנע אײַן אָט די ווייסנשאַפט".

ב. סטרעלניקאָוו („פּראַוודאַ").

א בוך מיט אן אויטאָגראַף פונעם עספּעראַנטאָ־שעפער

אין ליטע, אין דער שטאָט טראַקײַ, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון ליטעראַטור אף דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך. די באַזוכער האָבן דאָ געקאָנט זען א זעלטענעם בוך אף עספּעראַנטאָ „פונדאַמענטאַ קרעסטאָמאַטיאָ“, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1906 אין פּאַריזש. אפן בוך איז פאַראַן ל. זאַמענהאָפס אויטאָגראַף. דער שעפער פון דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך האָט אים געשענקט דער באַרימטער פּוילישער שרײַבערן ע. אָזשעשקאָ.

אף דער אויסשטעלונג זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן ניט ווייניק ביכער פון ליבהאָבער פון עספּעראַנטאָ. באַזונדערס א סאַך ליטעראַטור וועגן דער פראַגע האָט אָנגעקליבן דער ווילנער טוישעוו, דער פאַרדינסטפולער קולטורטוער פון דער ליטווישער ססר אי. פּעטרוליס.

(„טיִעסאַ“)

א מוזיקאַלישע קאָלעקציע

אין דער שטאָט אַלאַפּאַיעווסק געפינט זיך איינער פון די עלטסטע מעטאַלורגישע זאַוואָדן אף אוראַל. דאָ האָט פון 1849 ביז 1852 געאַרבעט איליאַ פּעטראָוויטש טשײַקאָווסקי — דער פאָטער פונעם גרויסן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר. די מישפּאָכע האָט געוווינט אין א זאַוואָדישן הויז. דער קלייניקער פּעטיע, וועמען ס׳איז אָנגעצייכנט געווען צו ווערן דער זײַל פון דער רוסישער מוזיק, האָט זייער ליב געהאַט די אוראַלער שטאָט. „ליבער, ליבער אַלאַפּאַיעווסק“, האָט ער אין יאָרן אַרום געשריבן צו די אייגענע. איצט געפינט זיך אין דעם אַלטן הויז, ווו ס׳האָבן געוווינט די טשײַקאָווסקיס, א קינדערשע מוזיק־שול אפן קאָמפּאָזיטאָרס נאָמען און א קאַנטקענטעניש־מוזיי. אינעם מעמאָריִאַלצימער פון טשײַקאָווסקין ווערן אָפּגעהיט 120 מוזיקאַלישע אינסטרומענטן פון די פעלקער פון פסס״ר און פון דער וועלט און 400 מיניִאַטיור־מאָדעלן פון אינסטרומענטן. אָט די וווּנדערלעכע קאָלעקציע האָט צונויפגעזאַמלט די פאַרוואַלטערן פון אן אָפּטייל פונעם מוזיי גאַראָדילינאַ. ווערא באָריסאָוונא איז א פּעדאַגאָג פון מוזיק. אין דער יוגנט האָט זי זיך געלערנט אין א מאָלערײַ־שול און קען גוט מאָלן און קלעפּן. אַלע מאָדעלן פון מוזיק־אינסטרומענטן האָט זי אַליין געמאַכט.

וו. סינצאָוו („איזוועסטיִא“).

געווידמעט מאַיאַקאָווסקין

איינער פון די גרעסטע ליטעראַריש־מעמאָריִאַלע מוזייען פון דער הויפּטשטאָט, געווידמעט דעם לעבן און דער שאַפונג פון וו. מאַיאַקאָווסקין, ווערט געשאַפן איצט אין הויז, וואָס געפינט זיך אף דער איבערקרײַצונג פונעם דזערזשינסקי־פּלאַץ און דער סעראָוו־גאַס. אין אָט דער געבײַדע אפן פערטן שטאָק געפינט זיך ניט קיין גרויסער צימער, וואָס האָט די פאָרם פון א שיפל, דער דאָזיקער צימער האָט געדינט א סאַך יאָרן דעם פּאָעט אַלס אַרבעטס־קאַבינעט.

די געבײַדע ווערט איבערגעבויט און צוגעפּאַסט פאַר אן עקספּאָזיציע, וואָס דערציילט וועגן די וויכטיקסטע עטאַפּן פונעם שעפערישער שרײַבערס ביִאָגראַפיע. הונדערטער דאָקומענטן, אויטאָגראַפן, נאָטיץ־ביכלעך, אפישן און פאָטאָגראַפיעס וועלן געבן א פאַרשטעלונג וועגן דער קאָלאָסאַלער אַרבעט, וואָס מאַיאַקאָווסקי האָט אויפגעטאָן אין דער פּאָעזיע, פּובליציסטיק, מאָלערײַ־קונסט און רעקלאַמע. עס ווערן אויסגעטיילט ספּעציִעלע זאַלן אף באַווײַזן די טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען לויט זײַנע ווערק און אויך אף דעמאָנסטרירן פילמען, געמאַכטע לויט וו. מאַיאַקאָווסקיס סצענאַריעס.

אינעם זאַל, געווידמעט די פּאָעמעס „וולאַדימיר איליטש לענין“, „גוט“, „מיט דער פולער שטים“, וועלן זײַן פאָרגעשטעלט פילצאָליקע אויסגאַבעס פון די באַוווּסטע ווערק, איבערזעצטע אף שפּראַכן פון פיל פעלקער אין דער וועלט. דער שלוס־אָפּטייל פון דער עקספּאָזיציע וועט באַווײַזן מאַיאַקאָווסקין דעם טריבון, וועלכער רעדט, „ווי א לעבעדיקער מיט לעבעדיקע“, „מיט די כאַוויירים פון די שפּעטערדיקע דורעס“.

ספּעציִעלע אַקוסטישע סיסטעמען, קאָלירקע דינאַמישע אײַנריכטונגען, ליכט־פּאַנאָ און אַנדערע אינסטאַליאַציעס וועלן דערלויבן די באַזוכער פונעם מוזיי בולעט זיך פאָרשטעלן דאָס געשטאַלט פונעם באַליבטן פּאָעט, טיפער פאַרשטיין זײַנע ווערק און די עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געשאַפן. דעם מאַיאַקאָווסקי־מוזיי רעכנט מען עפענען סאָף פון הײַנטיקן יאָר.

(„איזוועסטיִא“)

כראָניק

ביראָבידזשאנער נײַס

אין שטאָטישן קולטור־פּאלאַץ

ניטאָ דער טאָג, ווען אין ביראָבידזשאנער קולטור־פּאלאַץ זאָל ניט פּאָרקומען עפּעס וויכטיקס, אינטערעסאנטס. עס פונקציאָנירן דאָ קרײַזן, וועלכע באפרידיקן די אינטערעסן פון פארשיידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג. באזונדערס טעטיק איז דער יוגנטלעכער קלוב „זעגל". עס ווערן דאָ דורכגעפירט טעמאטישע אָוונטן, באגעגענישן מיט וועטעראנען פונעם ווײַטן מיזרעך, מיט העלדן פונעם קריג און פון דער סאָציאַליסטישער מי.

אינטערעסאנט גייען דורך די אָוונטן „איך בין א בירגער פונעם סאָוועטנפארבאנד".

די צוויי פאָלקס־טעאטערן — דער ייִדישער און דער רוסישער — זײַנען לעצטנס ארויסגעטראָטן מיט נײַע פּראָגראמען. א נײַע שטעלונג האָט באוויזן דער סאטירישער טעאטער פון עסטראדע־מיניאטיורן.

באם ביראָבידזשאנער קולטור־פּאלאַץ ארבעטן צוויי פאָלקס־אוניווערסיטעטן. פאר די צוהערער פונעם קולטור־אוניווערסיטעט ווערן געלייענט לעקציעס וועגן פראגן פון טעאטער און קונסט.

ניט לאנג צוריק איז אין פּאלאַץ פאָרגעקומען א שטאָטישער דורכקוק פון יונגע טאלאנטן.

א וואָך פון קינדערשן בוך

מיטן אָנקום פונעם פרילינג איז אין די שולן פון ביראָבידזשאן דורכגעפירט געוואָרן די טראדיציאָנעלע „וואָך פון קינדערשן בוך". אפן גרויסן ביכער־מארק האָבן די יונגע לייענער פאר זיך אײַנגעשאפן נײַע אויסגאבעס פון די ווערק פון זייערע באליבטע שרײַבער.

אין די ראיאָנע ביבליאָטעקן זײַנען פאָרגעקומען ליטעראַרישע פּרימאָרגנס, קאָנפערענצן פון יונגע לייענער, דיספוטן.

„קאנט אונדזער לײַבלעכער ווײַטמיזרעכדיקער"

אזוי איז אָנגערופן געוואָרן די ביכער־אויסשטעלונג אין דער וואלדהיימער ראיאָנער ביבליאָטעק. אף איינעם פון די הויפּט־סטענדן פון דער עקספּאָזיציע קאָן מען זיך באקענען מיט די ארויסזאָגונגען פון וו. אי. לענין און מ. אי. קאלינין וועגן דעם ווײַטן מיזרעך.

אינטערעסאנטע ביכער און בראָשורן זײַנען ארויסגעשטעלט אף די סטענדן, געווידמעט דער געשיכטע און דעם לעבן פונעם ווײַטן מיזרעך.

די אויסשטעלונג ווערט גוט באזוכט מיצאד די דאָרפישע לייענער.

מיטן טוריסטישן צוג „פּאקעל"

520 שילער פון דער געגנט האָבן בייס זייערע האיאָריקע פרילינג־קאניקולן פארבראכט אין ספּעציעלן טוריסטישן צוג „פּאקעל", מיט וועלכן זיי האָבן באזוכט וואלאָטשײַעווקע, כאבאראָווסק, אוסוריייסק, ספּאסק, וולאדיוואָסטאָק. די יונגע רײַזנדער האָבן זיך באקענט מיט די אָרטיקע מוזייען און מיט די ערטער, ווו עס זײַנען פאָרגעקומען העראָישע שלאכטן פאר באפרײַען דעם סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך פון די אינטערווענטן און ווײַסגווארדייער.

א פּרעמיערע פון א נײַער שטעלונג

דער ביראָבידזשאנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער האָט באוויזן די פּרעמיערע פון זײַן נײַער שטעלונג „צוויי קונילעמלעך". דעם רעזשיסער מוישע בענגעלסדאָרפן האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאפן אן אָריגינעלע אינטערפּרעטאציע פון דער קלאסישער פּיעסע.

די ביראָבידזשאנצעס האָבן באקומען אן עכטע גאָלדפאדן־שפּיל. דער גרויסער צושויער־זאל איז אין די צוויי אָוונטן פון דער פּרעמיערע געווען איבערפולט.

נײַס פון אויסלאנד

אין פּראָגער מעלוכישן ייִדישן מוזיי

אין פּראָגער ייִדישן מעלוכע־מוזיי ווערן פון צײַט צו צײַט אָרגאניזירט פאָרלעזונגען און לעקציעס אף פארשיידענע קולטור־טעמעס.

לעצטנס איז אין לאָקאל פון מוזיי דורכגעפירט געוואָרן א סעריע פאָרטראָגן אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „צו דער קולטור־געשיכטע פון די טשעכאָסלאָוואקישע ייִדן". דער דאָצענט דר. וו. סאדעק האָט דערציילט וועגן דער ייִדישער פילאָסאָפיע אין דער רענעסאנס־עפּאָכע; וועגן ייִדישער קונסט און איר באציִונג צו דער פאָלקס־קונסט פון די בעהמישע לענדער האָט גערעדט דר. יאנע דעלא זשעלאווא.

פאָלקלאָר פון די איראקער ייִדן

לידער, לעגענדעס און אנדערע פאָלקלאָר־זשאנרען, וואָס זײַנען געשאפן געוואָרן דורך דוירעס ייִדן פונעם נאָענטן מיזרעך, זײַנען פאר די לעצטע יאָרן געוואָרן אן אָביעקט פון היסטאָרישע, פאָלקלאָריסטישע און עטנאָגראפישע פאָרשונגען.

לעצטנס איז אין ירושאָלאַיִם ארויסגעגעבן געוואָרן אין א בוך־פאָרם דער פאָלקלאָר פון די איראקישע ייִדן. אין דער זאמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן 500 לידער.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר
שרײַבער און ווערק

דעם 6 מײַ 1866, מיט 105 יאָר צוריק, איז אין שטעטל יעוויע, ווילנער גוב., געבוירן געוואָרן דער פּובליציסט און איבערזעצער יאַנקעוו־אווראָם מעריסאָן (יערוכימאָוויטש).

אין עלטער פון 21 יאָר האָט י.־א. מעריסאָן אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע. די ערשטע צײַט האָט ער זיך מעפּארנעס געווען דורך געבן שטונדן אף העברעיִש און ענגליש און גלײַכצײַטיק שטודירט אפן מעדיצינישן פאקולטעט פונעם קאָלומביא־אוניווערסיטעט. אין 1892 האָט ער נאָכן פארענדיקן דעם אוניווערסיטעט זיך באזעצט אין ניו־יאָרק און פּראקטיצירט אלס דאָקטער. אין יענער צײַט האָט מעריסאָן אַנגעהויבן זײַן ליטערארישע טעטיקײַט אין ייִדיש. ער האָט פארעפנטלעכט א גרויסע צאָל פּובליציסטישע ארטיקלען וועגן סאָציִאליזם און אנארכיזם, פון צײַט צו צײַט זיך באטייליקט אין זשיטלאָווסקיס זשורנאל „דאָס נײַע לעבן“.

איינער פון די וויכטיקסטע אופטוען פון י.־א. מעריסאָן איז — זײַן אומדערמידלעכע ארבעט אף איבערזעצן אין א פּאָפּולערן ייִדיש די אָנגעזעענסטע ווערק פון די אייראָפּעיִשע דענקער. מיט זײַן הילף איז אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן דער קאָאָפּעראטיווער פארלאג „קראָפּאָטקין־ליטעראטור־געזעלשאפט“. אין דעם דאזיקן פארלאג איז אין מעריסאָנס איבערזעצונג ארויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער באנד פון קארל מארקס' ווערק „דאָס קאפּיטאל“ (דרײַ טיילן מיט דער ביִאָגראפיע פונעם אווטאָר). מעריסאָן האָט אויך איבערזעצט אין ייִדיש פערדינאנד לאסאלס „די וויסנשאפט און די ארבעטער“, טשארלז דארווינס „די אָפּשטאמונג פון מענטשן“, דזשאָן סטוארט מילס „פרײַהײַט“, הערבערט ספּענסערס „די ערשטע פּרינציפּן פון א סיסטעם פון סינטעטישער פילאָסאָפיע“ און א ריי אנדערע.

דר. י.־א. מעריסאָן (יערוכימאָוויטש) איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 18 יאנווואר 1941.

מיט 80 יאָר צוריק, דעם 22 מײַ 1891, איז אין מינכען געבוירן געוואָרן דער אָנגעזעענער דײַטשישער דיכטער און געזעלשאפטלעכער טוער יאָהאנעס בעכער.

די לידער פון י. בעכער האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באוויזן אין דער פּרעסע אין 1911. זײַן שעפערישן וועג האָט ער אָנגעהויבן אלס לינקער עקספּרעסיִאָניסט. אין זײַן זאמלונג „צעפאלונג און טריִומף“ (1914) האָט א קלונג געטאָן די שטים פון האס צו די פיליסטערס, עקספּלואטאטאָרן און מיליטאריסטן.

זײַן אָפּגאנג פון עקספּרעסיִאָניזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מאפּאָלע פון דער רעוואָליוציע אין דײַטשלאנד. ער איז דער אווטאָר פון דער דערציילונג „דער באנקיר רײַט איבערן שלאכטפעלד“ (1925) און פונעם ראָמאן „ליויִזיט, אָדער די איינציק גערעכטיקע מילכאָמע“ (1926), אין וועלכע ער דעמאסקירט דעם אימפּעריִאליסטישן קריג. אין 1924 האָט ער אָנגעשריבן די פּאָעמע „בא לענינס אָרן“. זײַן פּאָעמע „דער גרויסער פּלאן“ (1931) איז געווידמעט דער סאָציִאליסטישער בויונג אין פּססר.

אין 1933, ווען אין דײַטשלאנד זײַנען געקומען צו דער מאכט די נאציסטן, האָט יאָהאנעס בעכער עמיגרירט, געוווינט א קורצע צײַט אין עסטרײַך, שווייץ, טשעכאָסלאָוואקיע, פראנקרײַך. פון 1935 ביז 1945 האָט ער זיך געפונען אין פּססר, ווו ער איז געווען רעדאקטאָר פונעם אנטיפאשיסטישן זשורנאל „די אינטערנאציִאָנאלע ליטעראטור“. י. בעכערס טאלאנט האָט באזונדערס אופגעבליט אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלטמילכאָמע, ווען אין זײַן פּאָעזיע האָבן זיך פאראייניקט די פּראָלעטאריש־קלאסעווע און אלגעמיין־נאציִאָנאלע פּרינציפּן. די הויפּט־טעמע פון בעכערס לידער איז געוואָרן — דאָס פארשוועכטע, נאָר הייס באליבטע היימלאנד, וואָס וועט ווידער אופגעבויט ווערן מיט די הענט פון זײַנע טרײַע זין, די קעמפער — אנטיפאשיסטן. אין מאָסקווע זײַנען דערשינען י. בעכערס ביכער „עס וועט קומען די צײַט“ (1933), „דײַטשלאנד“ (1934), „דער זוכער פון גליק און זיבן אווייִרעס“ (1938), „סאָנעטן“ (1939), דער אווטאָביִאָגראפישער ראָמאן „געזעגעניש“ (1940).

נאָך דער מילכאָמע האָט יאָהאנעס בעכער זיך אומגעקערט אהיים שוין אלס רײַפער מײַסטער פון סאָציִאליסטישן רעאליזם. ער איז גיך געוואָרן איינער פון די באדײַטנדיקסטע טוער פון דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק.

יאָהאנעס בעכער איז געשטאָרבן דעם 11 אָקטיאבער 1958 אין בערלין.

דעם 2 מײַ ווערט אַלט 60 יאָר דער טאַדזשיקישער סאָוועטישער שרײַבער מירזאָ טורסון־זאַדע.

די סאָוועטישע לייענער האָבן זיך באַקאַנט מיט די ווערק פון טורסון־זאַדע אין די דרײַסיקער יאָרן. אים געהערן די זאַמלונג לידער און דער־ציילונגען „די פּאָן פון ני־צאָכן" (1932), די פּאָעמע „פרילינג און האַרבסט" (1937), אַ ליברעטאָ אין לידער פאַר דער ערשטער טאַד־זשיקישער אָפּערע, די פּאָעמע „גי־סאַרער טאָל", וווּ עס ווערט באַוויזן דער לעבנס־וועג פון דער טאַדזשיקי־שער יוגנט, די מוזיקאַלישע דראַמע „טאַכיר און זוכראַ".

אַ באַזונדערס ברייטע פּאָפּוליאַרי־טעט האָבן געבראַכט דעם דיכטער זײַנע לידער וועגן אינדיע („די אינ־דישע באַלאַדע", „גאַנג", „די הענגענ־דיקע בריק אין באָמביי" און אַנד.). די הויפּט־טעמע פון טורסון־זאַדעס לידער, וועלכע זײַנען אַרײַן אין די זאַמלונגען „איך שטאַם פון פרײַען מיזרעך" (1951) און „די געזעצן פון ברודערשאַפט" (דערשינען אין רוסיש אין 1953), איז דער קאַמף פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער.

פאַר דער זאַמלונג „די שטים פון אַזיע" און פאַר דער פּאָעמע „כאַ־סאַן — אַרבאַקעש", וועלכע באַווײַזט דעם איבערבראָך אינעם באַוווּסטזײַן פונעם טאַדזשיקישן פויערטום, וואָס האָט זיך געשטעלט אַפן וועג פון דער סאָציאַליסטישער איבערגעשטאַלטונג פונעם דאָרף, איז טורסון־זאַדע באַ־לוינט געוואָרן אין 1960 מיט דער לענין־פּרעמיע.

טורסון־זאַדע איז אין עלטער פון פערציק יאָר געוואָרן אַ מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער טאַדזשיקישער רעפּובליק. ער איז דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון ססר, פאָרזיצער פונעם סאָוועטישן קאָמיטעט פאַר סאָלידאַריטעט צווישן די לענדער פון אַזיע און אַפריקע.

לאָמיר זינגען נײַע לידער

אַן אַלטע ליד

ווערטער פון אַרן ווערגעליס

מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי





אויב איך וועל דיר זאָגן עפּעס אַלטס,
נעם פאַרצי דעם שטריק מיר אפן האַלדז.
אויב איך וועל דעם עמעס דיר ניט זאָגן,
זאָלסטו מיך אף אייביק שוין פאַריאָגן.
הער זיך צו: עס שלאָגט מײַן וואָרט פון האַרץ,
דאָס וועט זײַן א וואָרט א ניט־דערוואַרטס.
הער זיך צו: עס טוט א קלונג מײַן וואָרט,
ס׳קומט אַליין, כ׳האָב רופן עס פאַרשפּאַרט.

הער! עס איז דאָס וואָרט שוין אף מײַן ליפּ:
„טײַערע,
איך
האָב
דיך
ליב...“

אויב איך האָב געזאָגט דיר עפּעס אַלטס,
נא — פאַרצי דעם שטריק מיר אפן האַלדז.

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

א גרופּע ביראָבידזשאנער שרײַבער אין 1949. פון לינקס אף רעכטס — עס זיצן: ב. מילער, ב. סלוצקי, נ. פרידמאן. אין דער צווייטער ריי: אי. בראָנפמאן, ל. וואסערמאן, ה. ראבינקאָוו, ס. באָרזשעס.

א גרופּע מיטארבעטער פון דער ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט“ צוגאסט אין קיִעוו בא די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. דער דריטער פון לינקס — אווראָם רייזען.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Упр. Спишите все 10 предложений, заменяя в них формы единственного числа личных местоимений формами множественного числа; также — в предложении (7) — вместо **מײַן יִנגערע שוועסטער** — **מײַנע יִנגערע שוועסטער** (множ. число). Соответственно меняйте формы глагольного сказуемого.

Образцы:

(1) **מיר לייענען איצט...** (7) **דעם ראָמאַן לייענען איצט...**

§ 2. **Возвратное местоимение.** Русскому возвратному местоимению *себя* (*себе*, *собой*) соответствует в еврейском языке местоимение **זיך**, которое не изменяется.

Примечание. Собственно, это местоимение употребляется в дательном и винительном падежах, но форма его в обоих этих падежах совпадает. Примеры:

В дательном падеже:

(1) **גוט געטאָן — זיך געטאָן, שלעכטס געטאָן — זיך געטאָן** (пословица).

(2) **טוסטו גוטס, טוסטו פאר זיך; טוסטו שלעכטס, טוסטו אויך פאר זיך** (пословица).

В винительном падеже:

(3) **אז מע שלאָגט (יענעם), שלאָגט מען זיך (אליין)** (пословица).

Упр. Измените пословицы (1) и (2) так, чтобы они начинались с союза **אז**: (когда, если).

Упр. Обратите внимание на подлежащие в пословице (3); когда **מע** и когда **מען**? (см. № 3 за 1971 г.).

§ 3. **Указательные местоимения.** Из них наиболее употребительны следующие (соответственно русским):

Этот — **דער דאָזיקער**; тот — **יענער**; такой — **אזא, אזעלכער**; таков — **אזא**; столько (местоименное числительное) — **אזויפיל**.

Местоимение **דער דאָזיקער** изменяется по родам, числам, а в единственном числе — и по падежам в обеих своих частях, подобно сочетанию прилагательного с определенным артиклем (**דער דאָזיקער** — как **דער גוטער**; см. № 7 за 1969 год).

Местоимение **יענער** изменяется так:

Падеж	Единств. число			Множ. число
	м. р.	ж. р.	ср. р.	
Именительный	יענער	יענע	יענץ	
Дательный	יענעם	יענער	יענץ	יענע
Винительный	יענעם	יענע	יענץ	

Местоимение **אזעלכער** в единственном числе употребляется главным образом в значении существительного (субстантивированно, без определяемого существительного). Например:

Такой мне нравится — **אזעלכער געפעלט מיר.**

Местоимение **אזא** употребляется как в значении существительного, так и в значении прилагательного (т. е. в сочетании с определяемым существительным). Примеры:

Такая книга мне нравится — **אזא בוך געפעלט מיר.**

Такой мне нравится — **אזא געפעלט מיר.**

Во множественном числе употребляется только одна форма — **אזעלכע**:

Такие (книги) мне нравятся — **אזעלכע (ביכער) געפעלן מיר.**

Местоимение אזא изменяется только по числам: ед. ч. אזא, множ. число — אזעלכע.

Местоимение אזעלכער изменяется по родам и числам, и в единственном числе — и по падежам, подобно прилагательным:

Падеж	Единств. число			Множ. число
	м. р.	ж. р.	ср. р.	
Именительный	אזעלכער	אזעלכע	אזעלכ(ע)ס	
Дательный	אזעלכן	אזעלכער	אזעלכ(ע)ס	אזעלכע
Винительный	אזעלכן	אזעלכע	אזעלכ(ע)ס	

§ 5. Вопросительно-относительные местоимения. Соответственно русским местоимениям этого разряда в еврейском языке употребительны следующие:

кто — **וועך**; что — **וואָס**; какой — **וואָס פאַר א, (א)וואָסערער, (א)וואָסער**; который *(какой из двух или более)*— **(א)וועלכער**, *(какой по порядку)* —**דער וויפלטער**; чей —**וועמענס**; сколько — **וויפל**.

Местоимение **ווער** изменяется только по падежам:

Им. пад. — **ווער**, Дат., вин. п. — **וועמען**.

Местоимения **וועמענס, וואָס פאַר א, וויפל, (א)וואָסער, וואָס** — неизменяемые слова.

Местоимения **דער וויפלטער, (א)וועלכער, (א)וואָסערער** изменяются по родам и числам, а в единственном числе и по падежам — подобно прилагательным.

Примечание. В восклицательных предложениях для выражения удивления или восхищения в русском языке употребляется местоимение *какой;* в еврейском ему соответствует неизменяемое слово **סארא**[1], а также изменяемое по числам **א מין**. Примеры:

Какой прекрасный дом! Какие высокие окна! —

סארא שיין הויז! סארא הויכע פענצטער!

Также (в разговорном стиле):

א מין שיין הויז! (א) מינע הויכע פענצטער![2]

§ 6. Определительные местоимения: сам— **אַליין**; весь—**דער גאַנצער, א גאַנצער**; всякий, каждый — **איטלעכער, יעדער(ער)**.

Местоимение **א [דער] גאַנצער** изменяется по родам и числам, а в ед. числе и по падежам — подобно прилагательным (соответственно с неопределенным или с определенным артиклем). В форме множ. числа оно соответствует форме множественного числа русского прилагательного *целый* (в его местоимённом значении). Примеры:

[я (напрасно) потратил] **אזוי איז דורכגעלאָפן א [דער] גאַנצער טאָג. איך האָב געפּאַטערט א [דעם] גאַנצן טאָג. דאָס גאַנצע [א גאַנץ] יאָר בין איך געווען אף קורסן אין מאָסקווע. גאַנצע דרײַ יאָר** (целых три года) **איז מײַן זון געווען אין סיביר אף בוידונגען.**

В русском языке местоимение *весь* употребляется иногда в значении наречия («целиком», «полностью»); в еврейском языке ему соответствует в этом случае наречие **אינגאַנצן**. Примеры:

Он весь промок — **ער איז אינגאַנצן דורכגענעצט געוואָרן.** Также: **ער איז געוואָרן פּיטש־נאַס.** Она вся окоченела — **זי איז אינגאַנצן פאַרשטאַרט געוואָרן,**

---

[1] Сокращение сочетания **וואָס פאַר א** (что за). Вместо **סארא** пишут иногда и **ס'ארא** — с апострофом.

[2] Слова **א מין, סארא**, по сути, не местоимения, а частицы. Роль частицы выполняет в таких предложениях и русское местоимение *какой*.

(Продолжение следует)

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

טייַערער לייענער!

אין יול ד. י. וועט „סאָוועטיש היימלאנד"
אלט ווערן 10 יאָר. צו אָט דער צייַט וועט דערשייַנען
דער 100־טער לויטן סיידער יובילײ־נומער.

אויב אייַער אבאָנירונג אף „סאָוועטיש היימלאנד" ענדיקט זיך אין יון כוידעש, פארגעסט ניט באצייַטנס באנייַען זי אפן צווייטן האלבן יאָר.

ברענגט אויך אייַער מאטאָנע דעם זשורנאל — א נייַעם לייענער.

די אבאָנירונג ווערט אָנגענומען אָן באגרענעצונגען אין אלע אָפטיילונגען פון „סאָיוזפעטשאט" און אין אלע פּאָטשט־אָפּטיילונגען.

לייענט און פארשפּרייט אייַער זשורנאל!

טיקן־טאָעס

אין „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 3, 1971, אין כאַיִם רייַזעס ארטיקל „מענדעלע און זייַנע קריטיקער", דארף מען אף דער זייַט 155 דעם סאָף פונעם 4־טן אבזאץ פון דער צווייטער קאָלאָנקע פון אונטן לייענען אזוי: „דער צווייטער פעריִאָד ציט זיך פון 1884 ביז 1905, ווען „דער סאטיריש־אָנגרייַפנדיקער טאָן ווערט אָפּגעשוואכט".

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания одиннадцатый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/IV 1971 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 214.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 5

1971

В НОМЕРЕ:

Д. Драгунский. Люди на войне (документальная повесть. Продолжение).

И. Каменкович. Ночь плачущих детей (предисловие М. Елина).

Г. Полянкер. Ицхок Сантос и его наследники (роман. Окончание).

Стихи Х. Мальтинского, М. Талалаевского, М. Грубиана, М. Штурмана, А. Кацева.

Произведения зарубежных писателей. Рассказы Фелисьена Марсо (Франция) и Рефика Халида (Турция).

Трибуна жизни

А. Вергелис. Письма из Западной Европы, январь — март 1971.

На исторические темы. Г. Александров. Россия — наша родина.

Воспоминания. М. Шац-Анин. На моем жизненном пути.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

И. Серебряный. Еврейская советская литература в годы Великой Отечественной войны.

Х. Меламуд. Очерки С. Гордона о местечках.

Литературный дневник. В. Огнев. Память войны.

Почта «Советиш геймланд». Разное. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.